STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07012

IN DER VELT ARAYN

Benjamin Teitelbaum

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. דעמבלין

אין דער וועלט אַריין

ר אָ מ אַ ן

[בוך דריי:
ערב נאכט]

B. DEMBLIN

"IN DER WELT ARAIN"

"INTO THE WORLD"

©

Copyright 1965 by Benjamin Teitelbaum

New York, N. Y.

נדפס בישראל, תשכ"ד

Printed in Israel 1965

דפוס „אורלי", ת"א, רח' יסוד המעלה 27, טל. 32062

ב. דעמבלין

אין דער וועלט אריין

שמואל זימזון בע״מ
הויפט-פארקויף „ציקא״ ביכער - צענטראלע
ניו-יאָרק 1965

קאפּיטל איינס

פאַר דעם, וואָס מאָדזשיץ האָט זיך אַזוי געשראָקן, איז דאָך געשען!

אין אַ שיינעם זומער־טאָג האָט דער הינקעדיקער „וואָזשני"[1] פון קאַנצעליאַר אָנגעקלעפּט אַ ווייס פּאַפּיר אויפן גלאָקנסלופּ פון די פייערלעשער און גלייך איז געוואָרן אַן איבערקערעניש אין שטאָט, אין לאַנד, אין דער וועלט!

מלחמה!

מיטאיינמאָל איז געוואָרן אַן אויפגעלויף גלייך מאָדזשיץ וואָלט אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ העליש־פייער. שוסטער אין זייערע פאַרטעכער, שניידער אין די צעכראַסטעטע העמדער מיט אַרויפגעשאַרצטע אַרבל, קרעמער מיט צעפלויגענע פּאָלעס און אַרויסגעפאַלענע ציצית, ווייבער און מיידלעך מיט פאַרדרייטע קאָפּקעס און לויז־געוואָרענע גרעקן, אַלע האָבן פאַרלאָזט די וואַרשטאַטן און ניימאַשינען, די קראָמען און מאַרקשטעלכלעך און געקומען אָנצולויפן הענדום־פּענדום צו דער שאָפע פון די פייערלעשער. כאָטש קיינער פון זיי, אויסער עטלעכע וווילגעלערנטע אין שטאָט, האָבן נישט געקענט איבערלייענען וואָס אויף דעם פּאַפּיר איז אָנגעדרוקט, האָבן זיך דאָך אַלע געשטופּט וואָס נענטער צום סלופּ.

געלאָפן צו דעם גלאָקנסלופּ זענען אַלע גיך און מיט אימפּעט, ווי געטראָגן פון אַ בלינדן באַגער איינצולעשן די שרפה נאָך איידער די פייערן צעפּעכערן זיך, צוריק אָבער איז יעדער געגאַנגען פּאַוואָליע, דערשלאָגן און פאַרטרויערט. עפּעס איז ביי יעדן איינעם געווען אָפּגענומען הענט און פיס. די געוועלבניקעס האָבן שוין נישט אַזוי געאיילט צו וואָג און מאָס, דער שוסטער — נישט צום וואַרשטאַט, און דער שניידער — נישט צו דער ניימאַשין.

געווען איז דעמאָלט ערב תשעה באָב, נאָר זינט מאָדזשיץ איז מאָדזשיץ איז נאָך דאָרט אַזאַ תשעה באָב נישט געווען. די יללות פון יונגע ווייבלעך, באַפאַלענע מיט קליינע קינדער, די געוויינען פון מאַמעס צוליב דער שרעק איבער זייערע זין, דאָס ספּאַזמירן פון כלה־מיידלעך, וואָס אָט, אָט האָבן

[1] באַדינער

זיי געזאָלט גיין צו דער חופה — די קלאָגערייען האָבן געשפּאָלטן די הימלען.

אָבער גאָר אַ באַזונדער געקלאָג איז אָנגעגאַנגען ביי חנה לאהען אין שטוב. מער נאָך פון איר האָט זיך דאָ ירמע דוד אָוועקגעבראָכן. לאָ די וואָס לייבל משה איז אים אין פייער, זענען נאָך די צוויי יינגערע זין אויך איינגעשטעלט געוואָרן צו ווערן. און דאָס אַלץ צוליב זיין אייגענער שולד! עפּעס האָט אים דער טייוול אָנגעטראָגן צו פאַרשרייבן די צוויי יינגלעך פאַר אַ צווילינג. ווי אַ סך מאָדזשיצער יידן האָט אויך ער נישט פאַרשריבן די קינדער ביים געבוירן ווערן. נאָר אַז אברם יאַנקל איז שוין געווען אין צענטן יאָר און נתן חיימל — זיבן, האָבן קומעס אין מאַרק אים צוגערעדט:

— ירמע דוד, דער קליינער האָט דאָך שוין איבערגעיאָגט דעם עלטערן, אויף וואָס וואַרטסטו? פאַרשרייב זיי פאַר אַ צווילינג האָסטו דאָך אַ פאַרטיקע ליעגאַטע! אַז ס'עט קומען צום פּריזיוו, מוז דיר פּאַניע איינעם באַפרייען!

איז דאָס אַלץ טאַקע אמת, ווען אָבער איז דאָס גערעדט געוואָרן? ווען ס'איז שלום אויף דער וועלט. איז דאָך אָבער אויסגעבראָכן די מלחמה און אין מלחמה גילטן נישט קיין ליעגאַטעס! וואָלט ער כאָטש זיי געווען פאַרשריבן אין יינגערנס יאָרן, וואָלטן זיי איצט געווען זיבעצן־יעריקע און ער וואָלט געלאַכט אויס דער וועלט. האָט אים דער טייוול אָנגעטראָגן זיי צו פאַרשרייבן אין אברם יאַנקלס עלטער!

ס'ווייב, חנה לאה, כאָטש אַליין פאַרקלאָגט און פאַרצוגט, האָט זי גאָר אים געדאַרפט טרייסטן, אויסרעדן אים:

— ירמע דוד, זעסט דען, ס'האַלט נאָך ניש', חלילה, באַ זיי. ביז מ'עט נעמע' צוואַנציק־יעריקע, 'עט מיט זאַאַן ליבן נומענס הילף זאַאַן אַאַס מלחמה.

ירמע דוד האָט זיך אָבער נישט געלאָזט טרייסטן. דאָס געפיל פון שולד האָט אים געגריזשעט, נישט געלאָזט אים רוען. ער איז געגאַנגען הין און צוריק איבער דער שטוב, זיך געבראָכן די הענט און נישט אויפגעהערט צו קלאָגן:

— ווי מיע', יעך 'אָב דעך מיעך אַליין געשאָכטן! ווּוס 'אָב יעך געדאַרפט הערן זייערע עצות?

נאָר ווייַן היינט, ווייַן מאָרגן, די טעג שטייען נישט. לייבל משה מוז פאָרן קיין וואַרשע זיך צושטעלן. ער האָט נעבעך אָפּגעלייגט דאָס פאָרן פון טאָג אויף טאָג. קוים דריי־פיר וואָכן נאָך דער חתונה, האָט ער זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון זעלדעלען, אָבער אַז אַלע זאַפּאַסנע זענען שוין אַוועק, האָט ער אויך געמוזט פאָרן זיך צושטעלן.

טרויעריק און דערשלאָגן איז געבליבן מאָדזשיץ. עפּעס אַ הוילקייט

האָט געגאָגט דאָס האַרץ און אַ הוילקייט איז געווען אין דער לופט, אַן אויסגעליידיקטקייט אין יעדן הויז. די קללה פון אַמאָליקן מצרים האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטאָט. ווי דאָרט איז געווען אין בית אשר אין שם מת, אַזוי איז דאָ נישט געווען קיין שטוב מ׳זאָל פון איר נישט האָבן אַרויסגענומען דעם קאָפּ פון דער משפחה, דעם שפּייזער פון הויזגעזינד און אין פיל היימען, צום פאָטער, האָט מען אויך צוגענומען אַ זון, אַן איידעם גלייך נאָך זייערע חתונות.

אָט, אינמיטן דער דערשלאָגנקייט, האָט זיך גאָר פאַרשפּרייט אַ סלוך [2] אַז אין מאָדזשיץ, די גמינע אירענאַ, וועט זיין די פּריסוסטווע איבער אַלע פּערד פון גאַנצן פּילעווער פּאָוויאַט [3]! יידן האָבן געגאַפּט, געהויבן די אַקסלען:

— אין מאָדזשיץ?

כאָטש וואָס איז דאָ אַזאַ חידוש? מאָדזשיץ איז דאָך אַ פּעסטונג־שטאָט. זעט אויס אַז דער, וואָס לעבט אייביק פאַרלאָזט נישט. פּערד קומען נישט אַליין נאָר מיט גאָספּאָדאַרזשעס[4], וועלן די גויים געבן צו לייזן, מ׳עט עפּעס קויפן ביי זיי. די פּרנסה איז דאָך אָפּגעהאַקט געוואָרן!

אין יענעם באַגין, ווען מאָדזשיץ איז נאָך געשלאָפן, האָבן שוין איבער די אַרומיקע שאָסייען און וועגן, פון צענדליקער גמינעס און הונדערטער דערפער, געצויגן אין שטאָט אַריין פּערד, טאַבונעס מיט פּערד אין די טויזנטער און טויזנטער, פון אַלערליי ראַסן און פאַרבן — מילך־ווייסע אָגערעס און גאָלדיק־קופּערנע קאַשטאַנעס, וואָס קיין מאָדזשיצער קוניאָך האָט נאָך אַזעלכע נישט געהאַט. קאַרע רייט־פּערד, סיווע און גניאַדע קאָבילעס און שפּאַקעס נאָר אַ ברכה צו מאַכן. בלויז אויף איינציקע פון זיי זענען געזעסן רייטער. די אַרבעטס־פּערד זענען געווען געשפּאַנט אין וועגן, צווישן האָלאָביעס און לענג־אויס דישליעס. אַרום זיי, מיט ציימלעך אין די הענט פון רייטער, פון די אָנטרייבער, אָדער גאָר צוגעבונדענע צו די דראַבינעס פון וואַגן, צו די קלאָניצעס, צו אָרטשיקעס זענען פריי און גרינג נאַכגעלאָפן די שיינע, די אויסגערוטע און גוט געכאָליעטע פּערד, די פרייד פון די פּוילישע שטאַלן און לאָנקעס, די ליבלינגס פון פּוילישן פּויער און אָביוואַטעל[5], פון פּריץ און כראַביע[6].

מיט צער און ציטער, מיט טרויער און ווייטיק האָט דאָס פּוילישע דאָרף, דער פּוילישער הויף און גוט אָפּגעענטפערט דעם מאָביליזאַציע־רוף און געקומען אין שטאָט אַריין צושטעלן צו די מיליטערישע קאָמיסיעס דאָס סאַמע בלוט פון זייער האַרץ, דעם כוח פון זייערע ווירטשאַפטן, דעם גאַנצן שטאָלץ זייערן, — דאָס פּוילישע פּערד.

[2] אַ קלאַנג [3] קרייזשטאָט [4] באַלעבאַטים [5] רייכער פּויער [6] גוטבאַזיצער

טעג נאָכאַנאַנד זענען די וועגן געווען פאַרלייגט מיט די דורכציענדיקע פערד. די שפּעט־זומער לופט, אַ הייסע, אַ פּאַרנע איז געווען פול מיט זייער געהירזשעריי, מיטן געקלונג און געקלאַפּ פון די אייזערנע פּאַדקאָוועס אָן שטיינערנעם ברוק. אויף די זייטיקע וועגן, ווייכע, נישט ברוקירטע, האָבן די פערדישע פיס צעראָיעט די ערד און אויפגעהויבן הינטער זיך אַ שטויב־וואָלקן, וואָס האָט פאַרהילט די פעלדער און דעם וואַלד אַרום, פאַרהוילן דעם רייטער אויפן אייגענעם רוקן, דעם אָנטרייבער אין וואָגן און דאָס שיינע, דאָס נאָכלויפנדיקע לאָשיקל ביי דער זייט.

ווי אַ געדיכט שטראָמיק געוויטער, האָבן די טאַבונעס פערד פאַרפלייצט די שטאָט, איר מאַרק, אַלע זייטן־געסלעך, די פריוואַטע פלעצער און הייף. זיי האָבן צעבראָכן און אומגעוואָרפן די פּאַרקאַנעס און פאַרצוימונגען און זיך צעשפּרייט איבער דעם ראַדצעס [7] לאָנקעס, צווישן דעם האָפן ביז ווייט, ווייט אַרויס אויף די זאַמדפעלדער אַרום שטאָט.

איידער נאָך מאַדזשיץ האָט זיך אין יענעם באַגין אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז די שטאָט שוין געווען פאַרדרענגט און איינגעקלאַמערט אין דעם אָנגעפּאַר, פאַרטויבט פון דעם געהירזשעריי פון די פערד, פון דעם געטומלעריי פון די פּויערים, מידע, אומרואיקע און צעטומלטע. עס איז ערב שניט! דער קאָרן צייטיקט, דער ווייץ רייפט, דאָס ווילדגראָז פאַרפלייצט די פעלדער, די אַרבעט ברענט! מ׳דאַרף שניידן דאָס היי, אונטערקאָפּען די קאַרטאָפל, פּיעליען דאָס קרויט, די ציבעלעס, האָבן זיי, די קעפּ פון די ווירטשאַפטן, נאָכן צונעמען ס׳ייִנגוואַרג אין מלחמה, אַליין גאָר געמוזט איבערלאָזן פעלד און דאָרף און קומען אין שטאָט אַריין צושטעלן די פערד, זיך דאָ אַרומוואַלגערן ווער ווייסט ווי לאַנג און נישטאָ ביי וועמען צו פרעגן, פון וועמען זיך עפּעס צו דערוויסן. די וואָיטן [8] פון די גמינעס, די סאָלטיסעס [8] פון די דערפער, וואָס זענען מיטגעקומען, יעדער מיט זיינע אָביוואַטעליעס, מיט זיינע טאַבונעס פערד, זיי, די דאָרף־עלצטע, זענען אַוועק צו דער קאַנצעליאַר, שטופּן זיך דאָרט מיט די פּעקלעך שוויאַדעטסטוועס, די פערדס דאָקומענטן, אין זייערע הענט און נישט מ׳לאָזט זיי אַריין אין קאַנצעליאַר און נישט עס קומט ווער אַרויס צו לאָזן זיי וויסן ווען די מיליטער־קאָמיסיעס וועלן קומען, ווו די פּריסוסטוועס וועט זיין, אָנצוהייבן די מאָביליזאַציע, דאָס צונעמען, אָדער אויסבראַקירן די פערד.

און דערווייל, ביז וואָס און ווען, איז מען הונגעריק און דאָרשטיק. אויך די פערד דאַרף מען אָנפּאָיען נאָך דעם לאַנגן און שטויביקן וועג. מילא עסן, האָט יעדער גאָספּאָדאַרזש זיך מיטגענומען פון דער היים.

[7] גוטבאַזיצער [8] אויסגעווײלטע־עלצטע

זיצן זיי, די פויערים, אויף דער ערד פֿאַרשוויצטע אָפּגעמידיקטע, טוליען זיך צום קנאָפּן ביסל שאָטן פֿון אייגענעם וואָגן, פֿון אייגענעם בינטל פּערד, קייען דאָס שוואַרץ, ראַזאָווע־ברויט מיטן פּיצינקעלע סאַלע, דאָס ווייסע, איינגעזאַלצענע חזיר־פֿעטס, ציטערדיק אָפּגעשניטן מיטן האַלצערנעם קניפּיקל גלייך אין מויל אַריין. אויך פּיטער פֿאַר די פּערד האָבן זיי מיטגענומען. שטייען די פּערד אויסגעדרייט מיט די מאָרדעס אין די וועגענער, קייען דאָס היי, כראָמשקען דעם אָבראָק [9] פֿון די אָנגעהאָנגענע טאָרבעס, אָבער וואַסער? „באָזשע קאָכאַני״! [10] ווו נעמט מען אַ וויאַדרע [11] וואַסער? ביי די צוויי גרויסע, שטאָטישע פּלומפּן איןביידע זייטן מאַרק, ביי די ברונעס אין די זייטיקע גאַסן, אַפילו ביי די פּלומפּלעך אויף די פּריוואַטע הייף. אומעטום איז אַ נאַטלאָג! [12] אַ געדרענג קאָפּ אויף קאָפּ, יעדער מיט אַ וויאַדרע, אַ קובעל[13]. די ברונעס קאָנען זיך נאָך אויסשעפּן און דאָס טייכל הינטער דער שטאָט איז טרוקן. אַ לעק וואַסער איז דאָרט נישטאָ!

— טי, כאָמוליאַ! [14] האָבן זיך די מער מיושבדיקע פּויערים געשראָקן, — רייס נישט אַזוי דעם פּלומפּ, וועסט אָפּברעכן דעם אָרעם בלייבט מען איינגאַנצן אָן וואַסער!

צוליב דעם אָנגעפּאַר, דעם אָנגעשטאַנענעם געריש און געהירזשעריי. איז מאָדזשיץ אויפגעשטאַנען פֿריער ווי יעדן טאָג. פֿאַרשלאָפֿענע יידן אין פֿאַרפּעדערטע קאַפּלעך, יידענעס אין שלאָפֿקאָפֿקעס, מיטן גענעץ אין מויל· האָבן פֿון די שטובן־אַרויס אָפּגעשטופּט אַ לאָדן, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורך אַ לופטשיק[15], דורך אַ שטיקל טיר־עפֿענונג, מיט דער האַנט־פֿלאַך, ווי אַ דעכעלע איבערן שטערן, האָבן זיי געזשמורעט [16] אין זוניקן דרויסן אַרויס. אויף אַזאַ געדרענג האָבן זיי זיך גאָרנישט געריכט!

זיי האָבן גיך אָפּגעוואָסן נעגלוואַסער, גענומען אַ יידיש־וואָרט אין מויל אַריין און שוין אַרויסגעאיילט אין מאַרק. קיין יאַריד איז עס טאַקע נישט. פֿונדעסטוועגן, פֿאַר „זשניווע״[17], קען וועלכער פּויער דאַרפֿן אַ קאָסע, אַ סערפּ, אַ קעסטעלע שמירעכץ צו די רעדער און אַוודאי דאַרפֿן זיי דאָך עסן! זיי האָבן טאַקע מיט זיך אַ לחמאַ ברויט, אַ שטיקל סאַלע, אַ פּויער אָבער, ווען אין שטאָט, וויל ער אַ ווייס זעמעלע, אַ הערינג, אַ צוקערל, אַ ביסל אויבסט און, דער עיקר, אַ טרונק!

כאָטש דער מאַרק, די גאַסן און אַפילו די פּריוואַטע הייף ביז די שוועלן פֿון די הייזער זענען געווען פֿאַרלייגט מיט פּויערים, אָנגעענגט מיט

[9] האָבער געמישט מיט שטרוי [10] ליבער גאָט [11] עמער [12] געשטופּעריי
[13] עמער [14] דו, כאַם [15] איין שויב־עפֿענונג אין פֿענצטער [16] אָנגעשטרענגטער בליק [17] שניטצייט

זייערע פערד, מיט די אויסגעשפּאַנטע וועגן, זייערע האַלאַביעס און דישלעס פאַרהויבן אַרויף, זיי זאָלן נישט פאַרנעמען קיין איבעריקן שפּאַן, האָבן זיך דאָך די יידן מיט זייערע ווייבער און אונטערגעוואַקסענע קינדער, דורכגעשטופּט צו זייערע געוועלבער, צו זייערע מאַרקגעשטעלן און שוין האָט זיך אָנגעהויבן אַ געטראַגעריי און געשלעפּעריי פון קוישן און אַפּולקעס[18], פולע מיט ווײַנשלען און מאַרעלן, מיט אַגרעס און ווײַנפּערלעך, מיט זעמל און קיכעלעך און כאָטש ס׳איז געווען אַזוי שווער זיך צוצוקריגן צו אַ ברונע נאָך אַן עמער וואַסער, זענען שוין פאַר די טירן געשטאַנען טישלעך מיט זודיקע סאַמאָוואַרן, מיט טשײניקלעך עסענץ און גלעזער מיט טעצעלעך און דער האַנדל אין מאָדזשיץ איז שוין געגאַנגען אויף דער גאַנצער פאַרע.

איין חנה לאה נאָר האָט זיך עפּעס געקווענקלט. תמיד אַ רירעוודיקע, וואָס האָט נאָך יערמע דודן אונטערגעטריבן ער זאָל פּאַדען[19], טוען, האָבן זיך היינט אירע הענט צו גאָרנישט געלייגט. דאָס געמיט איז איר נישט געווען צו קיין האַנדל. לייבל משה איז נעכטן געפאָרן קיין וואַרשע זיך צושטעלן. וואָלט ער זיך כאָטש געדאַרפט שטעלן אין פּילעוו, וואָלט איר האַרץ זיך נישט אַזוי געשראָקן. אין אַ קליינער שטאָט ווייסט מען ווער דער מאַכער איז, צי ער קען טאַקע צוקומען צום קאָמיסיע־דאָקטאָר, צו אַן אָפיציר, צו אַ כ׳וויס וועמען? אָבער אין וואַרשע? ווי ווייסט מען דאָרט צי דער מאַכער נאַרט נישט אָפּ? צי ער לאָזט נישט אַראָפּ דאָס געלט אין דער אייגענער קעשענע? דערצו נאָך נאָגט זי דער וואָרעם וועגן אברם יאַנקלען און נתן חיימען. אמת, אים, יערמע דודן, רעדט זי אויס דאָס האָבן פאַרשריבן די יינגלעך פאַר אַ צווילינג, איר אָבער שרעקט דאָס האַרץ גאַנץ גוט! מ׳שמועסט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער אַז מ׳עט אינגיכן נעמען די צוואַנציק־יעריקע!

איז זי דאָס געשטאַנען פאַר דער טיר, געקוקט אויף דעם אַנפאַר און זיך געשלאָגן מיט דער דעה: זאָל זי אַרויסשטעלן אַ טישל, צי ניין? נאָר וואָס וועט זיין פון גאַפּיען[20]? די פּרנסה איז געהרגעט, מ׳זעט נישט קיין גילדן לייזעכץ זינט די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. אַנדערע מאַנצלייט טויגן זיך גיכער אויס, יערמע דוד אָבער גייט אַרום ווי אַ שאָטן, הענט און פיס זענען אים אָפּגענומען, זאָל זי כאָטש עפּעס פאַרדינען!

גיך האָט זי צוגעשטעלט אויפן דרייפוס אַ טשייניק וואַסער און די מיידלעך, אַבי נאָר די מאַמע האָט געזאָגט יאָ, האָבן זיי שוין אַרויסגעטראָגן דאָס קיכטישל אויף דער גאַס און איידער נאָך מ׳האָט זיך אַרומגעזען, איז זי שוין אויך געווען אַ סוחרטע! כאָטש אויף די שונאים געזאָגט אַזאַ

[18] פלאַכע, געפלאָכטענע קוישן [19] האָווען [20] פּוסט קוקן

מסחר. פּאַר אַ גראָשן אַ גלאָז, וויל נאָך דער גוי אמתע טיי! און אַליין טרינקט מען אינדערוואָכן אמתע טיי? מ׳פאַרבט אָפּ דאָס גלעזל געקאָכטע וואַסער מיט אַ ביסל ציקאָריע און שוין! היינט אָבער, די גויים זאָלן נישט זאָגן, אַז מ׳נאַרט זיי אָפּ, לאָזט מען אין טשייניקל מיט ציקאָריע זיך ווייקן אַ ביסל אויסגעגנוצטע טייבלעטלעך. זענען זיי אָבער נישט קיין נאַראָנים, די פּויערים. זיי שניפּן מיט די נעז, טשמאָקען דאָס טרינקעכץ מיט די ליפּן און כאַטש מ׳וויזט זיי די בלעטלעך פון טיי אין טשייניק, טענהן זיי אַלץ אַז מ׳נאַרט זיי אָפּ!

ווי ווויל חנה לאה איז איצט געווען פאַרפאָרעט אַרום איר פּריש־פאַרלייגטן האַנדל, האָט זי דאָך געדענקט אַז נתן חיים איז באַגין אַרויס פון שטוב אומגעדאַוונט, אָן אַ ביסן ברויט אין מויל. איר איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז די אַמאָליקע ליבשאַפט זיינע צו פערד זאָל נאָך אַלץ אין נתן חיימען טליען, ער זאָל נאָך היינט ווערן פאַרבליפט ביים דערזען אַ שיין פערד.

נאָר קריקגעשמועסט ווי האָט גאָר נתן חיימען געקענט ליגן אין קאָפּ דאַוונען? עסן? אַז זינט ער לעבט האָט ער נישט געזען אַזויפיל פערד אויף איין אָרט! אַזויפיל פּרעכטיקע רייט־ און געיעג־פערד פון ריינסטער אַראַבישער ראַסע! דער עיקר אָבער, וואָס ער האָט דאָ נישט געקענט באַנעמען איז, וואָס גראָד די שענסטע פערד זענען געווען אויסגעצירט, ווי מאַמעס צירן אויס זייערע געליבטע, אָפּגעציטערטע טעכטערלעך. די פעל ביי די פערד זענען געווען אַזוי ציכטיק אויסגעבאַרשט, די ווײדלען אויסגעקעמט און צעפּעכערט און אין די גריוועס איז זיי געווען איינגעפלאָכטן קאָלירטע בענדער, נישט ווי אָפּצוגעבן די פערד אין מלחמה, נאָר ווי מען וואָלט זיי צוגעגרייט צום אַרויסרייטן באַשיינען מיט זיי אַ דאָרפישע חתונה, אָדער גאָר אַ קאָשטשאָל־פּראָצעסיע לכבוד דעם גרינעם דאָנערשטיק.

נתן חיים איז גאָרנישט מיד געוואָרן פון אַרומפּלאָנטערן זיך צווישן די פערד, נישט געקענט אָנזעטיקן זיך מיט זייער שיינקייט. פון איין אָגער האָט ער זיך גאָרנישט געקענט אָפּרייסן. זינט ער לעבט האָט ער נאָך אַזאַ מאַטע, שוואַרץ־סאַמעטענע פעל ביי אַ פערד נישט געזען. און טאָמער איז אים די פּרעכטיקע שוואַרצקייט געווען ווייניק, האָט נאָך דער אָגער געהאַט אַ ווייסן פלעק, אַ מין חנדל צווישן זיינע גרויסע, קלוגע אויגן. ווי ער וואָלט געוווסט, אַז ער ווערט באַוווּנדערט צוליב זיין שיינקייט, האָט דער אָגער נאָך געהאַלטן זיין קאָפּ אויף דעם מעכטיקן, האַלב־רונדן קאַרק מיט אַזאַ שטאָלץ און ווירדע, דערביי האָבן זיינע הויכע, שלאַנקע פיס, מיט די ווייסע בערדלעך אַרום די קלאָען, נישט געקענט איינשטיין רויק, נאָר כסדר האָט ער געקאָפּעט מיט די אייזערנע קאָפּעטעס אָן ברוק.

אַלעווייל האָט ער פֿאַרריסן דאָס מויל מיט די ווייסע, געזונטע ציין אַרויף און אויפֿסניי אויפֿגעהירזשעט מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז הונדערטער שקאַפֿעס און אַפֿילו אַגערס האָבן אים אָפּגעענטפֿערט מיט אַ געהירזשעריי אַזש די לופֿט אויף מײַלן אַרום האָט אויפֿגעציטערט. עפּעס האָט זיך געדאַכט אַז די באַשעפֿענישן אַנען צו וואָס מ׳האָט זיי דאָ געברענגט און וואָס מיט זיי גייט געשען און דערפֿאַר רעווען זיי דאָס אַרויף צו די הימלען זייערע יאָמערלעכע תרעומות.

נתן חיימען האָט פֿאַרכאַפּט ביים האַרץ: גרויסער גאָט! צו דעם האָסטו זיי באַשאַפֿן, אָט די וווּנדערלעך שיינע פֿערד, פֿאַניע זאָל קענען פֿירן מלחמה? זייער שיינקייט זאָל אַזוי מיאוס פֿאַרשענדט און פֿאַרלענדט ווערן! זיי זאָלן זיך וואַלגערן אויף די צעראָיעטע פֿעלדער מיט פֿאַרגלייזטע אויגן און אויפֿגעריסענע בייכער, ווערן פֿאַדלע פֿאַר די רויב־פֿייגל?

אַלמעכטיקער אין הימל, ווען וועט שוין נעמען אַ סוף צו די ווילדע מלחמות!

קאַפּיטל צוויי

דאָס קאַסע־פענצטערל אין וואָקזאַל איז געווען רוגזהדיק פאַרהאַקט. אינעווייניק, הינטער דער מילכשויב, געשיצט מיט אײַזערנע קראַטן, האָט זיך עמעץ אַזוי שאָטנדיק אַרומגעדרייט און דאָ, אויף דער דרויסנדיקער זייט, איז דערווייל די ריי געוואַקסן, זיך געצויגן אַלץ לענגער און מיט דער ריי איז געוואַקסן די שפּאַנונג, די אומרו — אָט לויפט אָן דער צוג פון לובלין קיין וואַרשע און דאָס פענצטערל עפנט זיך נאָך אַלץ נישט אויף! נאָר ווען אַפילו עס זאָל זיך יאָ עפענען? וועט דען דער קאַסירער געבן יעדן איינעם רעשט אויף די פּאַפּירלעך? כאָטש אַלע זענען זיי נייע, קנאַקעדיקע, ווי נאָרוואָס פון קאַזנאַ אַרויס.

אַן אומגליק איז געשען! ווי נאָר די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט עמעץ פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז עס פעלט אויס קליינגעלט, אויך אַז קאַזנאַ וועט מער נישט צוריקנעמען קיין צעקנייטשטע באַנקנאָטן!

מילא, מיט דעם פּאַפּירגעלט האָבן זיך יידן אַן עצה געגעבן. מ׳האָט אויסגעגלייכט די צעקנייטשטע שמאַטקעלעך, זיי איינגעפּייכט דורך אַ דינינקע שפּריירעגנדל, אויסגעפּרעסט יעדערס מיט אַן אָנגעהיצט פּרעסל און שוין האָט מען געהאַט נייע, קנאַקעדיקע באַנקנאָטן!

שלעכט איז אָבער געווען מיט דער אַנדערער צרה. כאָטש יעדער אין שטאָט האָט נאָך דער פּערד־מאָביליזאַציע געהאַט גענוג זילבערנע גילדנס, צוואַנציקערלעך, פּערציקערס און אַוודאי איבערגענוג קופּערנע צענערס, זעקסערס, צווייערס, דאָך האָט שוין קיינער נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון האַנט אַ גראָשן דראָבנעס, נאָר רק געזוכט אויסצובייטן פּאַפּיר־געלט, אַריינצוקריגן נאָך זילבער און קופּער־מינץ. אַפילו קויפן אַ פונט ברויט, אַ פּערטעלע צוקער פאַר זיבן גראָשן איז מען אויך געגאַנגען מיט אַ קנאַקעדיקן צענער רובל, אַ פינפער אָדער דרייער־קערבל.

ווי ווײַל די געוועלבניקעס, די בעקערס, די זיצערקעס אין מאַרק האָבן אַלע געהאַט פולע טאַרבעס, קעשענעס מיט קליינגעלט, האָבן זיי דאָך רוגזהדיק צוריקגעוואָרפן דעם קונה זיין באַנקנאָט, אויסגעשיט פון שקאָרמיצל דאָס פּערטעלע צוקער און זיך גוט אָנגעבייזערט:

— אַ חוצפה און אַ העזה! פאַר עטלעכע גראָשן לייזעכץ, גיט זיי רעשט פון אַ דרייער־קערבל!

אין דער ריי,ביים קאַסע־פענצטערל אין וואָקזאַל, איז אויך געשטאַנען נתן חיים און ווי יעדער איינער, מיט אַ באַנקנאָט אין האַנט, כאָטש אויך ער האָט, חוץ דעם פּאַפּירענעם דרייער־רובל, געהאַט איינציקע קערבלעך און גענוג דראָבנעס אויף צו קויפן אַ בילעט קיין וואַרשע. אָבער ווי מעג ער אויסגעבן ס׳ביסל קליינגעלט? ער וועט חלילה אויסציען די קאָפּיטעס מיטן דרייער־קערבל אין האַנט און זיך נישט קענען אַפילו קויפן אַ בייגל פּאַר אַ צווייער!

אַוודאי ווייסט ער אַז ס׳איז נישט רעכט אַזוי. ווו איז גאָר אַזוינס געהערט געוואָרן? האָבן דראָבנעס אין קעשענע און זאָגן מ׳האָט נישט! דאָס איז דאָך מעשה סדום! ס׳עט דאָך נישט מעגלעך זיין צו לעבן! אָבער וואָס קאָן ער טאָן? אין פויגל קען קיין זומער נישט מאַכן.

איז ער געשטאַנען מיטן דרייער־רובל אין האַנט, מיט ציטערניש געקוקט צום פאַרמאַכטן פענצטערל און געהאָפט אַז דער קאַסירער, וואָס איז דאָך קאַזנאַ, וועט נישט טוען ווי די שטאָטלייט, די געוועלבניקעס, נאָר וועט יעדן איינעם געבן רעשט און וויזן אַז די גאַנצע מעשה איז ליגן! קאַזנאַ האָט גענוג קליינגעלט און מ׳דאַרף זיך נישט שרעקן אַרויסצולאָזן ס׳ביסל דראָבנעס פון האַנט.

נתן חיימס איצטיק איילן קיין וואַרשע איז געווען זייער דרינגענדיק! פּאַר לייבל משהס פּאַרן זיך צושטעלן, איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז דער ברודער זאָל נאָכקומען מיט געלט, טאָמער וועט ער דאָרט קענען עפּעס אויפטוען דורך אַ מאַכער. כאָטש ער אַליין, לייבל משה, האָט דאָס נישט געגלייבט, האָט ער, דער מאַמען צוליב, געמאַכט זיך גלייבן. די מאַמע מיינט נעבעך, ווי נאָר ער וועט אַ שמיר טוען ווו מען דאַרף, לאָזט מען אים גלייך אַרויס מיט אַ ווייסן בילעט אין האַנט! און נישט בלויז די מאַמע, אויך דער טאַטע און נאָך מער דער פעטער איטשקע, דער שווער זיינער, לאָזט אים נישט אָפּ: זאָל זיין אַ בלאָנע אויף אַן אויג, אַ ברוך אין דיך, אַ פייפער אין אויער, אַבי ער זאָל זיך ראַטעווען פון פייער!

האָט מען דאָס אים, נתן חיימען, אויסגעשטאַט, אָנגעטאָן אים אויפן הוילן לייב אַ קונציק אויפגענייטן פּאַסעק מיט טויזנט רובל אינעווייניק און אים אָדפּראַווועט צו דער באַן. שטייט ער מיטן פּאַפּירענעם דרייערקערבל אין האַנט און צאַפּלט זיך ס׳פענצטערל זאָל זיך שוין עפענען, ער זאָל כאַפּן אַ בילעט איידער דער צוג לויפט אָן.

איז אָט די באַן אָנגעקומען, דאָס קאַסע־פענצטערל האָט זיך געעפנט, נאָר שטאָט פאַרקויפן בילעטן, האָט זיך ביים קאַסירער, אַן אַלטער גוי מיט פאַרטאַבאַקטע וואָנסעס, זעענדיק די ריי און יעדער מיט אַ פּאַפּירענעם באַנקנאָט אין האַנט, די גויאישע יוכע צעקאָכט:

— זשידי, מאַשעניקי[1]! באהאַלטן דאָס קליינגעלט און דאָ קומען זיי נאָך רעשט!

אַפילו איין בילעט האָט דער גוי נישט אַרויסגעגעבן! נאָך גיכער ווי ער האָט דאָס פענצטערל געעפנט, האָט ער עס רוגזהדיק שוין צוריק פאַרהאַקט!

נתן חיימען איז געוואָרן ביטער אין מויל. וואָס טוט ער איצט? דער צוג איז אַוועק, צוריקפאָרן אין שטאָט טאָר ער נישט. ער מוז פאָרן קיין וואַרשע! ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן וואָקזאַל־זייגער: ס׳איז ערשט דריי נאָך וואַרעמעס, די מיטן־אָב זון גליט, שרפהט. קרומלעכע שטראַלן, ווי שפיזן אַריבערן דאַך פון דער רעמיזיע, שפּיגלען זיך אין די רעלסן, לערע, פאַרלאָזענע. און שטיל דרימלענדיק איז אויך אין דער הינטערשטער זייט פון וואָקזאַל. פייגעלעך צוויטשערן, פליגן זשומען, די לערע דראָשקעס שטייען איינע הינטער דער אַנדערער און די פערד, צווישן זייערע האָלאָביעס, מיסטיקן, שמייסן מיט די ווײדלען צו פאַרטרייבן פון זיך די זלידנע פליגן. אַנטקעגן, זיצנדיקע אויף דער ערד, אָנגעשפּאַרט אָן צוים פון גערטל, דרימלען די דראָשקאַרעס אין קאַרגן ביסל שאָטן פון איינציקן בוים, אַ שיטערער שוין, אַ פאַרגעלטער, די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער אַרום זיין שטאַם.

וואָס וועט ער דאָ טוען ביז האַלבער נאַכט, ווען דער שנעלצוג קיין וואַרשע וועט ווידער אָנלויפן? און וואָס וועט זיין אַז די באַן וועט שוין אָנקומען? זאָל ער פאָרן מיטן קאָנדוקטאָר? און ווי אַז דער גוי וועט אים אויך נישט וועלן געבן קיין רעשט? אַוודאי, צום בעסטן וואָלט געווען, ווען ער פאָרט מיט אַ שמייסער. איז אָבער אַן אומגליק! זינט די מלחמה איז אויסגעבראָכן, וויזט זיך נישט קיין שמייסער אין וואָקזאַל אַריין.

און אפשר זאָל ער זיך גאָרנישט אָנהייבן מיט קיין קאָנדוקטאָר? וואָסי, יענער איז אַזאַ נאַר? ער ווייסט דען נישט פון דער סומאַטאָכע מיטן קליינגעלט? שטאָט געבן אים רעשט קען נאָך דער גוי צונעמען ס׳גאַנצע דרייערקערבל און גיי, שריי חי וקים! ער וועט גאָר פאָרן אונטער דער באַנק. אמת, ער געדענקט ווויל זיין אַמאָליק פאָרן קיין ראָדעם אונטער דער באַנק. דער קאָנדוקטאָר האָט אים דעמאָלט גאַנץ שיין אָפּגעשלעפּט! היינט איז אָבער נישט אַמאָל. ערשטנס איז ער נישט מער דאָס אַמאָליקע צעשראָקענע נתן חיימל, צווייטנס, איז היינט נישט שבת ביינאַכט און דער וואַגאָן וועט נישט זיין ליידיק ווי דעמאָלט. זאָל ער זיך נאָר אַריינקריגן אין אַ קופּעי און זיך אַרונטערגליטשן אונטער אַ באַנק, וועט ער גלייך

[1] יידן, שווינדלער!

פאַרשטעלט מיט אַ וואַנט פון פיס, מיט אַראָפּהענגענדיקע פּאָלעס און ווייבערישע ספּודניצעס, אַז קיין קאָנדוקטאָר וועט אים נישט דערטאַפּן!

האָט אים אָבער דער קאָנדוקטאָר יאָ דערטאַפּט און ווי דעמאָלט איז אָפּערגעשלעפּט אין זיין גאַנצער גרויס! אמת, ער איז איצט נישט געווען דערשראָקן ווי דעמאָלט, דערפאַר אָבער איז אים היינט די בושה געווען גרויס! פאַרט שוין אַ בחור אין זעכצנטן יאָר! דעמאָלט, ווען דער קאָנדוקטאָר האָט אים אָפּערגעצויגן פון אונטער דער באַנק, איז קיינער נישט געווען אין וואַגאָן. היינט אָבער איז דאָס געשען אין אַ קופּעי פול מיט מענטשן! פונדעסטוועגן, ווי די בושה איז אים געווען גרויס, וואָלט ער זי דאָך אַרונטערגעשלונגען און געפּרוווט אַ רעד טאָן מיטן גוי וועגן אַכצן און דרייצן און ער וואָלט שוין איצט נישט געווען געזוכט קיין מציאות אויך. שטאָט אַ האַלב קערבל, וואָלט ער דעם יוון אַריינגערוקט אין יד אַ גאַנצן רובל! איז אָבער דער קאָנדוקטאָר נישט געווען אַליין. לעבן אים, מיט אַ באַזונדער בלענדנדיק לאַמטערל אין האַנט, איז געשטאַנען אַן עלטסטער, זעט אויס אַ קאָנטראָליער, אַ שררה אַ גאַנצער, מיט זילבערנע שליפּעלעך אויף די אַקסלען און אַ גלאַנציקע קאָקאַרדע אויפן היטל.

פּרוון אונטערקויפן אַזאַ פּריץ, בפרט נאָך ווען דער אונטערשטופּער זיינער איז דאָ דערביי, דאָס איז שוין נישט פון די קלייניקייטן! וואָלט ער נישט געווען יערמע דודס זון מיט זיין אָפּגעציטערט האַנערל, וואָלט ער זיך געפּרוווט אָפּבעטן: ער האָט דאָך געוואָלט קויפן אַ בילעט! זיי זענען דאָך מענטשן, זיי וויסן דאָך די סכנה פון אַראָפּשטעלן אים ביינאַכט אינמיטן וועג, בפרט נאָך אַז ער האָט מיט זיך אַזויפיל געלט! איז ערשטנס איז ער דאָך יערמע דודס זון, וואָס קאָן נישט בעטן, צווייטנס, ווי מעג ער גאָר דאַכטן אַז ער פירט מיט זיך אַזאַ אוצר? אַפילו אין וואַגאָן וואָלט ער נישט זיכער געווען מיטן לעבן, ווען מענטשן זאָלן זיך דאָס דערוויסן. אָבער וואָס טויג דאָס רעדן? עס וואָלט סיי ווי נישט געווען געהאָלפן, אָט האָבן מענטשן אין קופּעי זיך איינגעשטעלט פאַר אים. איין פרוי, אַ קריסטין דאַכט זיך, האָט איינגעטענהט מיט דעם קאָנטראָלער, זי איז אַפילו אַרויס פון קופּעי, געגאַנגען מיט זיי איבערן קאָרידאָר, בעת זיי האָבן אים, נתן חיימען, געשטופּט פאַראויס. בלויז איינמאָל האָט דער שררה באַוויליקט זיך אָפּצושטעלן אויף אַ רגע, אַ שמייכל געטאָן צו דער פרוי מעשה קאַוואַליער:

— וואָס זאָגט די פּאַני? אינמיטן פעלד? גאָט באַהיט! ער שטעלט אים אַראָפּ אויף אַ סטאַציע...

ער האָט אָבער געזאָגט ליגן, דער קאָנטראָלער. ס׳איז נישט געווען קיין סטאַציע, נאָר אַ קליין פּזשיסטאַנעקל, צווישן פּיליאַווע און אָטוואָצק, אַן אָפּשטעל אינמיטן פעלד, מיט אַ פינצטער ביידל און אַן עקסטרע

פאַר רעלסן, לאַנג גענוג אַ טאָוואַראָווע־באַן [2] זאָל קענען אַראָפּ פון דער איינציקער ליניע דורכצולאָזן די פּאַסאַזשיר־צוגן, אָדער לאָזן דורכלויפן אַ באַן צוריקוועגס, פון וואַרשע.

פול מיט פּחד האָט נתן חיים געוואָרפן אַ בליק אַרום זיך. איינער אַליין אין אַזאַ גרויסער, פינצטערער וועלט! די שרעק הויערט פון די בלישטשענדיקע רעלסן, פון די הויך־אויפגעגאַנגענע תבואה־פעלדער אַרום, פון וואַלד ביים ראַנד דאָרט!

אַ פאַרלוירענער, אַ דערשלאָגענער האָט ער נאָכגעקוקט דעם צוג, ווי ער רעדלט אַוועק פון אים. דאָס הימלעכע קלאַפּן פון די רעדער, דאָס סאָפּען און פייפן פון לאָקאָמאָטיוו, אַלץ שטילט איין, גייט אויס, בלויז דאָס לעמפּל פון הינטערשטן וואַגאָן, בלינצלט נאָך אַלץ רויט, ווינקט צו אים אַזוי אָפּלאָכעריש. פּונקט אַזוי האָט אַמאָל אין וואַרשע, אויף ראָג לעשנע און סאָלנע, געווונקען צו אים אַ זונה, שלוי און פאַרפירעריש געווונקען מיט איינס פון אירע גנבישע אויגן.

וואָס טוט ער איצט? די רעלסן גלאַנצן קאַלט און אומהיימלעך פון דער טונקלקייט אַרויס, ציען ערגעץ אין די פינצטערע וויַיטן אַריין. ער האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ און אַ ציטער געטאָן. אַ געשטאַלט היפּערט איבער די שפּאַליען גלייך צו אים. אינסטינקטיוו האָט ער איינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, ווי ער וואָלט וועלן איינשרומפּן, פאַרשווינדן אין זיך אַריין!

וואָס זאָל ער טון? שרייען? ווער וועט אים דאָ הערן? לויפן? וווהין? און דער היפּערדיקער שאָטן קומט אַלץ נענטער און נענטער און אָט שטייט ער שוין לעבן אים! אַ יונג אויף אַ גוטן קאָפּ העכער פון אים און אויך שיינע עטלעכע יאָר עלטער. באָרוועס, אין אַן אָפּגעכוימלט רעקל, אויפן קאָפּ — אַ קאַשקעט מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק:

— בין יאַך דעך נישט' אַליין, האָט דער יינג פריידיק אַ זאָג געטאָן.

— מ'אָט דיעך אָאָך אַראָ'געוואָרפן פין דע' באַן?

ווי די שרעק איז אין אים געוואַקסן, האָט דאָך נתן חיים זיך געפילט דערלייכטערט: כאָטש אַ ייד! ער האָט אַ הויב געטאָן די אַקסלען:

— וואָס דען? יעד בין אַראָ'געפאַלן פון הימל?

— ביזט אָאָך געפורן קאַ וואַרשע?

— ווי דען אָב יעד געזאָלט פורן? האָט נתן חיים אַ ברום געטאָן, אַ בייזער שוין, וואָס דער יונג דוצט אים. וואָסי, ער האָט אינאיינעם מיט אים חזירים געפּאַשעט?

— ביזט זע יאַך אַ וואַרשעווער יאָט, — האָט דער יינג זיך נישט געמאַכט

[2] פּראַכטצוג.

פון זיין ברומען און אים גוט־ברודעריש אַ קלעפּל געטאָן אין אַקסל, — גיב זשע אַ פּאַפּיראָס!

— יעך רייכע ניש׳! האָט נתן חיים אים געטאָן אַ שניט אָפּ און דערביי געטראַכט: נאָר נישט ווערן פאַן בראַט מיט דעם פאַרשוין.

— אין ווּס גייסטי יעצט טיען?

— ווּס זאָל יעך טיען? יעך ׳על גיין מיט דער ליניע קאַן אָטוואָצק?

— קאַן אָטוואָצק? האָט זיך דער יינג געקראַצט אונטערן קאַשקעט.

— ס׳אי׳דעך אַזוי וואַאָט! קים בעסער דו אַרים, האָט ער אים אַ ווייז געטאָן אויפן סטעזשקעלע צווישן די תבואה־פעלדער, — דו ניש׳ וואַאָט איז דעך גאַרוואָלין.

— ווּס טויג מיע׳ גאַרוואָלין? האָט נתן חיים אַ נעם געטאָן דאָס קופּערטל, גרייט זיך צו לאָזן גיין לענג אויס די שינעס[3]. ער זעט דאָך שוין מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן. דער פאַרשוין איז אַוודאי אַ זנוידאַק, אַ גנב, אים אַרט נישט ווו ער איז, וואָסזשע וועט ער דאָ שטיין מיט אים אַליין, ווען ער טראָגט מיט זיך אַזויפיל געלט!

— אַ גוטע נאַכט, האָט ער אַ זאָג געטאָן און געוואָלט נעמען שטעלן פיס.

— ווּס לויפסטי אַזוי? האָט דער יונג אים אָנגעכאַפּט ביי אַן אָרעם.

— לאָז אָפּ, האָט שוין נתן חיים אים צוריקגעדוצט. — יעך ׳אָב נישט קאַן צאַאַט דאָ צו באַלעמוטשען!

— אָסט עפּעס געלט? האָט דער יונג אים נישט געוואָלט אָפּלאָזן דעם אָרעם.

דעם פאַרשוינס דערמאָנען געלט האָט אין נתן חיימען אָנגעיאָגט אַ סקרוך איבערן לייב, דאָך האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ כוח צו בלייבן רואיק, אַפילו זיך געפּרווּט מאַכן געפּגרט:

— געלט? ווען יעך וואָלט געהאַט געלט, וואָלט יעך דאָך מיע׳ געווען געקויפט אַ בילעט קאַן וואַרשע און נישט געפורן אינטער דער באַנק.

— אין יאַך מיין אַז די באַרעסט! האָט דער יונג ממזריש אים געקוקט אין די אויגן. — יאַך וויל זען צי די ׳אָסט נישט׳ קאַ געלט! און שוין האָט ער אים אַ טאַפּ געטאָן די קעשענע.

מיט זיין גאַנצן כוח האָט זיך נתן חיים אַ ריס געטאָן פון דעם יינגס הענט. אָ, ניין! מאַכן זיך געפּגרט וועט דאָ נישט טויגן. מיט אַזאַ איינעם איז טויט אָדער ברויט! ער האָט געטאָן אַ שטעל אַראָפּ דאָס קופּערטל לעבן די פיס:

— בעסע׳ ריק זעך אָפּ! האָט ער געדראָט דעם יינג מיט דער פויסט.

[3] רעלסן.

— אַזוי, ביזט גאַר אַ שטאַרקער? האָט דער יונג אים אָפּגעמאָסטן אַזוי פון אויבן־אַראָפּ און זיך גענומען רוקן צו אים נענטער.

— זעס'ט דוס? האָט נתן חיים גיך אַרויסגעכאַפּט פון הויזנקעשענע זיין פען־מעסערל, וואָס געווײנלעך נוצט ער דאָס צו שניידן די נעגל, אָפּצושיילן דערמיט אַן עפּעלע, אַ באַרנדל, וואָס ער האָט נאָך אַלץ גערן צו עסן יידישלעך, געשניטענע שטיקלעך און נישט ווי עשו, זיך אַריינבייסן מיט די ציין. איצט האָט נישט נאָר דאָס שטענדיק יידישלעכע קלינגל פון מעסער'ל, אַ לאַנגס, אַ שפּיציקס, אויפגעבליצט מיט טויטלעכער שאַרפקייט, נאָר אויך זיינע ציין זענען געווען גרייט זיך אַריינצובייסן אין דעם יינגס גרגרת: — זע'סט, ס'עט דו זאַאַן מאַאַן טויט אָדער דאַאַן טויט!

דער יונג האָט געקוקט אויף דעם מעסער עפּעס ווי מבולבל. ער איז, זעט אויס, גאָרנישט גרייט געווען אויף אַזאַ פּאַרמעסט און אפשר איז ער גאָרנישט געווען אַזאַ שטאַרקער ווי ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל. סיי ווי, ער האָט געטאָן אַ שפּיי אין נתן חיימס זייט אַריין: — וו'עיע' רועד געבראָכן! יאָך גיי אַליין קאַ גאַרוואַלין און זיך גלייך פּאַרנומען פון צווישן די רעלסן, אַראָפּ אויף דעם שמאָלן, פון רעדער־אויסגעפּאַר'ענעם שטעגל און איז פאַרשווונדן צווישן די צוויי ווענט פון דער הויך־אויפגעגאַנגענער תבואה.

ערשט איצט האָט די געשפּאַנטקייט אין נתן חיימען נאָכגעלאָזט. ער האָט געסאָפּעט, דאָס גאַנצע געביין זיינס האָט אין אים געציטערט. אַ שווייס האָט אים באַגאָסן. ער האָט זיך געווישט דעם שטערן, דעם קאַרק, ד'אָס פּנים און דערביי גערעדט צו זיך אַליין:

— כ'על דאַרפן גומל בענטשן!

ער האָט גענומען דאָס קופערטל און זיך האַסטיק געלאָזט שפּאַנען איבער די שפּאַליען, איבער דעם אָנגעהאַקטן שאַבער[4]. ער מוז איילן, לייבל משה ווייסט שוין אָוודאי נישט וואָס איבערצוקלערן!

ווען ער איז אָנגעקומען קיין אָטוואָצק, האָט די נאַכט געהאַט אויסגערונען, אַ גרויער נעפּל איז געהאָנגען אין דער לופט, פאַרהוילן די סטאַציע, די רעלסן. אַ נייער טאָג איז אויפגעגאַנגען, אַ כמורנער, אַ טרויעריקער.

[4] געהאַקטע שטיינדלעך.

קאפּיטל דריי

ווי מאָדזשיק מיט פערד, אַזוי איז וואַרשע געווען פאַרדרענגט אין די אָנגעפּאָרענע כמאַרעס מענטשן, געקומענע זיך שטעלן צו דער מאָביליזאַציע. אויף די לאָנקעס אין די גערטנער, אויפן פּלאַץ סאַסקי אַרום רוסישן סאָבאָר, אין די קאַרגע אָפּצוימונגעןביים וואַרשעווער אוניווערסיטעט, אויף די טרעפּ פון מיצקיעוויטש־מאָנומענט, אויף די טראָטואַרן אַרום די מאָביליזאַציע־קאָמיסיעס, אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט די אָנגעפּאָרענע פון שטעט און דערפער אַרום וואַרשע. יידן געגאָלטע און מיט בערד — טייל גרוילעכע שוין, פּאָליאַקן מיט שליאַכעצקע, צעקעמטע וואָנסעס, שטעכיקע און בייזע ווי ביי אויפגערייצטע קאָטערס, אַנדערע מיט וואָנסעס ווי ווייכע פורהענגלעך איבער זייערע מיילער, אַלע האָבן זיי זיך געוואַלגערט צוזאַמען טעג און נעכט אונטערן פרייען הימל און אַלע האָבן זיי צוגלייך געגעסן זייערע טרוקענע מאָלצייטן פון די טלומעקעס אַרויס. יידן — ברויט מיט אַ האַרט אויסגעזאָטן איי, אַ ציבעלקע, אַ פלוים, קריסטן האָבן צו זייער שוואַרץ ראַזאָווע־ברויט צוגעגעסן אַ פּעניצל קאָלבאַס, שטיקלעך ווייסע חזיר־סאַלע. און דאָ, ווי אין מאָדזשיק, איז מען געגאַנגען אין די הייף זוכן אַ טרונק וואַסער, אַ פּריוועט — צו טוען אַ מענטשלעך באַדערפעניש.

אין דעם אָנגעפּאָר האָט זיך אויך אַרומגעבלאָנקעט נתן חיימס ברודער, לייבל משה. יעדן אינדערפרי איז ער געקומען אַ שמעק טוען אין זאַקסישן גאָרטן, אין קראַשינסקיס גאָרטן, זיך געוויזן אַרום דער קאַנצעליאַר פון זיין מאָביליזאַציע־קאָמיסיע. אומעטום האָט ער צוגעלייגט אַן אויער, אויפגעכאַפּט אַ וואָרט, אַ שמועה. כאָטש בטבע אַ גוטמוטיקער, גרייט יעדן דן צו זיין לכף זכות, איז ער אָבער איצט געווען בייז, אש להבה! וואָס קלאַמערן זיך די מענטשן אַרום די טירן פון די מיליטער־קאָמיסיעס? וואָס שטופּן זיי זיך אַזוי אַהין? זיי האָבן דאָך מורא אָפּצוטרעטן פון דאָרט אויף אַ רגע, גלייך זיי וועלן דאָ פאַרשפּעטיקן ווער ווייסט וואָס! ווען מ׳פרעגט אים, זענען די מענטשן נאַרישער פון אָקסן! די בהמות ווערן זיך כאָטש, דער קצב מוז זיי איבערגעוואַלט שלעפּן אין שעכטהויז אַריין און זיי, די ווילדע פערד, רייסן זיך אַליין צו דער שחיטה!

— ני, וווס ׳עט זאָגן? האָט אים נתן חיים אַרויסגעוועקט פון זיין פאַרטראַכטקייט.

אַלע טאָג אַזוי. זינט ער איז בשלום געקומען קיין וואַרשע מיטן געלט, מינטערט ער דעם ברודער, ער זאָל זיך זען מיט אַ מאַכער, ער זאָל עפּעס טוען זיך צו ראַטעווען פון דער מלחמה. פון אינדערפרי ביז אָוונט קריכט ער אַרום מיט לייבל משהן אין די גערטנער, אויף די פּלעצער, היפּערט איבער די אויסגעשטרעקטע פּיס פון די זאַפּאַסנע, איבער זייערע טלומעקעס און קופערטלעך. אַוודאי טוט אים וויי דאָס האַרץ אויף די מענטשן, טאַטעס פון קינדער, מענער פון ווייבער. ער האָט אָבער אויך גרויס צער אויף די פייגל! אַז די מענטשן האָבן פאַרנומען די פּלעצער, די גערטנער, ליגן אַזוי געדיכט אויסגעלייגט אויף די לאַנקעס, קענען דאָך נישט די פייגל זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד, אַרומהאָפּסלען איבער די גראָזן, אַרויסציען מיט די שנעבעלעך אַ ווערמל, געפינען אַ קרישקעלע ברויט אויפן טראָטואַר, שרייען זיי, די פייגל. גאַנצע טעג שטייען זיי אויף די צווייגן פון דיביימער און שרייען מיט באַנומענע קולות. זיי פאַרשטייען נעבעך נישט וואָס דאָ איז געשען, וואָס איז געוואָרן פון דער שיינער, ליכטיקער וועלט?

נאָר מילא, די פייגל, אַז זיי וועלן זען זיי קענען מער נישט אַרומהאָפּסלען אויף די שטאָטישע לאַנקעס, וועלן זיי זיך צעפליען איבער די פעלדער הינטער דער שטאָט, אָבער די מענטשן? דערווייל איז נאָך וואַרעם צו נעכטיקן אינדרויסן. וואָס וועט אָבער זיין שפּעטער? די בלעטער אויף די ביימער ווערן שוין געל, די יום־טובים רוקן אָן, אָט — אָט הייבן זיך אָן די רעגנס און ווינטן, ס׳וועט אויך שנייען און פרעסט וועלן זיך שטעלן!

— ני, וווּס ׳עט זאָגן? — האָט ער נישט אָפּגעלאָזט דעם ברודער. אויב נישט זען זיך מיט אַ מאַכער, צו וואָסזשע האָט ער זיך איינגעשטעלט און געקומען קיין וואַרשע מיט אַזויפיל געלט איינגענייט אין אַ פּאַס אַרום גאַרטל?

לייבל משה האָט געשוויגן. אַזאַ טבע האָט ער שוין! טראַכט און טראַכט און מ׳קען פון אים נישט דערגיין פון דאַנעט ביז אַהין. שווייגנדיק איז ער געגאַנגען מיטן יינגערן ברודער פון איין אַלייע אין דער צווייטער, געקוקט מיט באַדויער אויף די מענטשן אַרום זיינע טריט. ווי ביי זיך אינדערהיים טוען זיי אויס אויף דער גאַס און אין גאָרטן די שיך, די שטיוול, וויקלען אַראָפּ די אָניצעס פון די פיס. צוליב פּוילקייט צו גיין זוכן אין וועלכן הויף אַ פּריוועט, שטעלט מ׳זיך משתין זיין ביי אַ בוים און ביינאַכט טוט מען אָפּ נאָך עפּעס ערגערס! ער האָט אַ זיפץ געטאָן: „אוי וויי! נאָך איידער וואָס און ווען, ווערט מ׳שוין אויס מענטש".

ס׳איז ערשט האַלבער טאָג. די זון שיינט. די ביימער, איןביידע זייטן אַלייען, ברייט צעוואַקסענע ליפּעס, אַקאַציעס, פאַרשאָטענען דעם גאָרטן, אָבער די היץ איז גרויס און די לופט שווער און געדיכט, פול מיט די ריחות פון צייטיקן אויבסט פון די דערנעבנדיקע האַליעס. די זיסע האַליקייט פון מאָרעלן, פון די פרי־אויפגעקומענע באַרנעס, פון די פלוימען, רייצן די נאַזפליגלען, מאַכן אים וואַסערן ס׳מויל. נייך, אים האָט זיך זייער נישט געגלוסט צו גיין זיך מאַכן אַ חיסרון און נאָך ווייניקער חשק האָט ער געהאַט צו גיין זיך צושטעלן. ביי אים איז גאָר רעכט געווען צוריקצופאָרן קיין מאַדזשיץ, כאָטש נאָך אויף אַ וואָך צוויי צו זעלדעלען. וואָס וועט ער דאָ פאַרשפּעטיקן?

עמעץ האָט זיך אויפגעהויבן פון אַ באַנק. ער האָט אַ צי געטאָן דעם ברודער נאָך זיך און גיך פאַרכאַפּט דאָס אָרט. איצט, זיצנדיק אין קילן שאָטן פון אַ קאַשטאַן־בוים, ווי אונטער אַ ברייט־צעעפנטן שירעם, האָט ער זיך דערמאָנט אָן ברודערס מינטערן אים:

— ווּס זאָל זאַאַן? כ׳על זעך מיזן צישטעלן.

— אַזוי אָ? אָן אַ מאַכע׳? האָט נתן חיים אַזש אויפגעציטערט פון ברודערס איינפאַל.

לייבל משה האָט אים נישט געענטפערט, ער האָט גאָר פאַרהויבן דעם בליק צו די כמאַרעס פייגל צווישן די געדיכטעניש פון די בלעטער. וואָס שרייען אַזוי די פייגל? נתן חיימען זענען אָבער איצט נישט געלעגן אין זין די פייגל. דעם ברודערס גרייטקייט זיך צו צושטעלן אָן אַ חיסרון האָט אים אויפגעפיבערט דעם מוח:

— ווּס אַ שטייגע׳ וואָלט געווען ווען די שטעלסט דיעך ניש׳ צי? ניש׳ די אַליין, יעך מיין ווען קיינע׳ שטעלט זעך ניש׳ צי?

— ווּס וואָלט געווען? גוניש, ס׳וואָלט ניש׳ געווען קאַ מלחמה.

— אי דעך גיט! וועיע׳ דאַרף דען די מלחמה?

— אַוודאי וואָלט געווען גיט, זענען דעך אָבע׳ מענטשן פאַ׳נאַאַט. זעיסט ניש׳ ווי זיי ראַאַסן זעך צי גיין געהרגעט ווערן!

— מ׳דאַרף רעדן צי די מענטשן, זיי געיבן צי פאַ׳שטיין.

— שוואַאַג בעסע׳, רעדסט ווי אַ סטרייקע׳!

— אין אַז אַ סטרייקע׳, איז ווּס?

— נעם אַאַן שטימעניש׳, חכם מאַאַנע׳! ס׳מלחמה, פאַ׳ דעים שיסט מ׳!

— ווּס אי׳ דע׳ חילוק פאַ׳ווּס מ׳שיסט? אין דע׳ מלחמה שיסט מ׳ דען ניש׳?

פון שרעק טאָמער האָט זיך עמעץ אונטערגעהערט, האָט לייבל משה זיך געטאָן אַ שמעל אויף פון דער באַנק און מיטגעצויגן דעם ב׳ודער:

— קים שוין בעסע׳!

איצט, אַרויס שוין פון זאַקסישן גאָרטן, ווו די זאַפּאַסנע וואַלגערן זיך אַזוי געדיכט אויף די גראָזן, אויף די בענק, האָט ער גענומען באַרויקן דעם ברודער:

— אין די מיינסט אַז יעך שטעל מיעך צי, גיי יעך שוין אָפּן פּראָנט?

— אין אַז מ׳עט דיעך שיקן, ווּס ׳עסטי טיע׳?

— יעך ׳על מיעך שוין קערעווע׳.

— אין ווּס ׳עט זאָאַן מיטן געלט?

— ווּס זאָל זאָאַן? ׳עסט עס קריק אַהיימנעמע׳. די פינף הינדערט קערבלעך נדן ׳אָב יעך דעך איבע׳געלאָזט באַ זעלדען, ׳עסטי די טאָזנט געבן ציהאַלטן דעם טאַטן, ניין, גלאַאַכע׳ דע׳ מאַמען.

— אין ווּס זאָל יעך זוגן אינדע׳היים?

— זוג אַז יעך ׳על מיעך מיט גאָטס הילף אַראָאָסדרייע׳. קים, ׳עסט נעמע׳ ס׳קיפּע׳טל אין יעך ׳על דיך ציפירן צים וואָקזאַל. ווּס עסטי דיעך דו אַרימדרייע׳?

צו זיין זיכער אַז נתן חיימלען זאָל זיך נישט אַמאָל ווידער פאַרגלוסטן צו פאָרן אונטער דער באַנק, האָט לייבל משה אַליין געקויפט פאַר אים אַ בילעט און נישט אַוועקגעגאַנגען ביז דער צוג האָט גערירט.

דורך דעם גאַנצן וועג אין דער באַן איז נתן חיימען גאָרנישט איינגעפאַלן וואָס אין דער היים טוט זיך. ערשט ביים אָנקומען אין שטאָט האָט ער איינגעזען, אַז עס איז נישט דאָס אייגענע מאָדזשיץ. יידן גייען אַרום אָן קעפּ! צי דאָס איז געווען דער שלעכטער אַרויספאָר אין דער מלחמה, צי ס׳איז גלאַט געווען קאַצאַפּישע רשעות, סיי ווי, פאַר יידן האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביטער און פינצטער לעבן.

אין פּוילן האָט נאָך דעמאָלט רעכט נישט געהאַט אויפגעהערט די העצע קעגן יידן צוליב יאַגעלאָס אויסגעוויילט ווערן אין דער דומע, צוליבן ביילים־פּראָצעס, האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ פרישע העצע איבער דעם בילבול „שפּיאָנען״. יידן שפּיאָנירן גאָר פאַרן שונא! אַז אַ ייד, אַ דאָרפגייער, האָט ערגעץ אויף אַ וועג, אַראָפּגעלייגט דעם זאַק פון זיינע פּלייצעס און זיך געשטעלט ביי אַ בוים דאַווענען מנחה, צי גאָר באַגין ער האָט אָנגעטאָן טלית און תפילין צו דאַווענען שחרית, האָט זיך באַלד אָפּגעפונען אַ ליבער שכן, אַ פּאָליאַק, וואָס איז אַוועק אין קאַנצעליאַר און געשוואוירן אַז ר׳האָט אַליין געזען דעם ייד ווינקען מיט די אויגן און געבן צייכנס מיט די הענט צו די דייטשן, צו די עסטרייכער. איי דער פראָנט איז דאָך הונדערטער ווּיאָרסטן אַוועק! איי דעם יידס שאָקלען זיך, זיין פאַרהייבן דעם בליק און די הענט צום הימל, זענען גאָר זיין אופן פון תפילה טוען צום באַשעפער! גיי שריי חי וקים, אַז סיי דעם בלבול־מאַכער

און סיי דעם פּאַנישן טשינאָוניק אין קאַנצעליאַר, גייט גאַרנישט אָן צי דאָס איז יאָ אמת צי נישט. זיי ווילן בלויז פּייניקן דעם ייד!

און מיטן בילבול „שפּיאָנירן", איז נאָך צוגעקומען די פּלאָג פון געהיימע טעלעפאָנען! מיטאיינמאָל האָבן זיך די ליבע שכנים, די פּאָליאַקן, אַרומגעזען אַז יידן אין די שטעט האָבן אין געוויסע ערטער פאַרצויגענע שטיקלעך דראָט. וואָסזשע איז דאָס אויב נישט געהיימע טעלעפאָנען צום שונא? איי וואָס זיי, די קריסטן, האָבן דאָך געזען די זעלבע שטיקלעך דראָט פאַרצויגן פון איין דרענגל צום צווייטן לאַנג, לאַנג פאַר דער מלחמה! איי וואָס נאָך הונדערטער יאָרן וווינען אין שכנות האָבן די קריסטן געמעגט וויסן, אַז יידן פאַרציען שטיקלעך דראָט ווי אַן ערוב־תחומין, מ'זאָל מעגן שבת טראָגן אין שול אַריין דעם טלית, דאָס חומשל, דאָס שניפּטיכל אין קעשענע, די ווייבער זאָלן מעגן ברענגען ס'טשאָלנט פון בעקער. אָבער גיי, טענה, אַז סיי פּאַניע און סיי דער פּאָליאַק זענען נאָר אויסן איין זאַך: פּייניקן און דערנידעריקן דעם ייד!

וואָלט זיך דאָס אַלץ געענדיקט בלויז מיט העצן, מיט אָנטאָן נגישות, איז מילא, יידן זענען שוין געוווינט צו דעם. איז אָבער מלחמה! אויב יידן זענען שפּיאָנען, איז דאָך אַ געפאַר צו לאָזן זיי נאָענט ביים פראָנט! האָט דאָס די מיליטער־קאָמאַנדע גיך אויסגענוצט די בילבולים ווי אַ גוטן אויסרייד אַרויסצוטרייבן די יידן פון זייערע שטעט און שטעטלעך. איז חוץ דער צעווייטיקטקייט פון פאַרלירן די היים, דעם דאַך פון איבערן קאָפּ, איז מ'נאָך געווען פאַרשעמט, דערנידעריקט. זיי, די יידן, ווערן אַרויסגעטריבן פון זייערע היימען, די פּאָליאַקן אָבער מעגן בלייבן פראַנק און פריי אין זייערע הייזער, אין זייערע דערפער, אויף זייערע פּאָלוואַרקן, און נאָך גרעסער איז דער ווייטיק וואָס דער באַפעל איז נישט בלויז פאַר די שטעט, וואָס לעבן די פראָנטן.

אָט ליגט מאָדזשיץ ווייט פון קירה, ווייט פון פרייסן און שוין! די מלחמה האָט זיך נאָך רעכט נישט אָנגעהויבן, איז שוין דאָ אַ באַפעל: אַרויס! אין דריי טעג מוזן אַלע יידן פאַרלאָזן די שטאָט!

איז דאָס נתן חיים אַריינגעפאַלן אין דער מהומה, אין דעם געקלאָג. יידן האָבן שוין נישט געעפנט די געוועלבער און די מאַרקזיצערקעס האָבן נישט אַרויסגעטראָגן צו זייערע שטעלעכלעך דאָס ביסל צעלניק, די זיסוואַרגן און געבעקסן, דאָס גרינס און דאָס אויבסט. מילא, צעלניק, אַפילו די האַרטע צוקערלעך קענען ליגן, אָבער אויבסט? גרינוואַרג? און זייער גאַנץ פאַרמעג ליגט דאָך נעבעך אין דעם ביסל סחורה!

— אוי, געוואַלד יידן! האָבן זיך די זיצערקעס געקניפּן די באַקן, געבראָכן די הענט, — ווּס טיט מען? ווּ גייט מען, אין ווי שטייט מען!

אין די געווייניע איז דערוייל אַוועק אַ טאָג, זענען שוין געבליבן

בלויז צווי טעג צום פאַרנעמען זיך פון שטאָט. מ׳דאַרף זיך נעמען פּאַקן, אָבער גיי פּאַק אַז מ׳ווייסט נישט וווהין צו פאָרן און ס׳איז נישטאָ קיין פערד און וואָגן אויף וואָס צו פאָרן! דינגען אַ דראָשקאַר? אַ בעל עגלה? זיי דאַרפן דאָך אַליין אויפלאָדעווען זייער ביסל אָרעמקייט און זיך אָפּטראָגן. האָבן זיך יידן אַרויסגעלאָזט איבער די דערפער. אַוודאי, אין אַן אַנדער צייט וואָלט דאָס געווען אַ גאָרנישט מיט אַ גאָרנישט! וועלכער גוי איז דאָס נישט גרייט צו פאַרדינען אַ גילדן? איצט אָבער איז דאָך אויך אין די דערפער ביטער! די בעסטע פערד האָט פּאָניע מאָביליזירט. און יעדן מאנצביל ביז פינף און פערציק יאָר, האָט מען פונקט ווי אין שטאָט אויך פון דאָרט פאַרנומען. צו דעם נאָך איז איצט זשניווע! די תבואה פון די פעלדער מוזן אַריינגעברענגט ווערן אין שייער איידער די רעגנס שטעלן זיך, און, צו וואָס זיך געגנאַרן? די ליבע שכנים זענען גאָרנישט אַזוי גערן צו העלפן דעם ייד אַרויסראַטעווען זיין ביסל אָרעמקייט. טייל פון זיי ווינקען אָפן מיט אַן אייגל... זאָלן די יידישע פאַרמעגנס בלייבן אין די פאַרמאַכטע הייזער, וועלן זיי האָבן וואָס צו ראַבעווען!

אויך יערמע דוד איז באַגין אַוועק אין דאָרף זוכן פערד און וואָגן. אַ באָברעניקער, איז ער געגאַנגען אַהין, ווו יעדער פּויער איז זיינס אַ געוועזענער שכן, אַ קום, וואָס צוזאמען איז מען אויפגעוואַקסן און אַפילו נאָך היינט, נאָך אַזויפיל יאָרן וווינען אין מאָדזשיץ, אַז אַ באָברעניקער גוי קומט אין שטאָט אַריין און דאַרף דאָ איבערנעכטיקן, צו וועמען גייט ער אויב נישט צו אים? חנה לאה שטעלט טיי, צעמאָל אויך וועטשערע. נאָך דעם זיצט מען און מ׳שמועסט ביז אין ווייסן טאָג אַריין. איז ער דאָס איצט געגאַנגען, יערמע דוד, אויף אַן אייזערנער בריק! צום סוף, ווו נאָר ער עפנט אַ טיר, דרייט מ׳זיך אויס צו אים מיט דער פּלייצע, מ׳קען אים גאָרנישט! בלויז איין וואָיטשעך קורנאָס, גראָד דאָס גויקעלע מיט דער קאַרטאָפּליע־נאָז, וואָס צוליב זיין אָרעמקייט האָט ער זיך קיינמאָל נישט אונטערגעשטעלט צו עפּענען ביי יערמע דודן די טיר, גראָד ער האָט זיך אויף אים מרחם געווען און איינגעוויליקט צו לאָזן ס׳ווייבערל אַרבעטן אַליין אין פעלד און ער האָט איינגעשפּאַנט די צווייַ פּגירות אין וואָגן און געפאָרן איבערפירן פאַר אים ס׳ביסל זאַכן קיין פּילעוו.

פּילעוו! אָט דאָס באַשטיין, יערמע דודס, צו נעמען די משפחה נאָר קיין פּילעוו, האָט אויפסניי אויפגעראָיעט דעם קריג צווישן אים מיטן זון. און דאָס מיט נאָך מער אייפער און ברען! איצט איז שוין נתן חיים נישט מער קיין קינד, וואָס ווערט אַנטשוויגן צוליבן טאַטנס אַ געשריי, אָדער פון אַ קלאַפּ. ביידע, טאַטע און זון, האָבן געפילט אַז זייער איצטיק שטעלן זיך „טען נאַ טען", איינער קעגן אַנדערן, איז נישט צוליב איינגעשפּאַרטקייט. ערגעץ ווו האָט יערמע דוד בלינד געאַנט, אַז אין דעם

איצטיקן קריג זיינעם מיטן זון, שטייט אין קאָן דאָס גאַנצע טאַטעשאַפט זיינס איבער דעם אייגענעם הויזגעזינד, אַז מיט דעם איצטיקן נישט נאָכגעבן, דערלאָזט ער נישט נתן חיימלען ווערן דער גאַנצער ריש בריוני איבער דער שטוב, איבער דער משפחה, וואָס אַלע, די מאַמע ווי די טעכטערלעך, קוקן אים אין מויל אַריין און טוען נאָר וואָס ער זאָגט!

כאָטש נתן חיימען איז גאָרנישט איינגעפאַלן צו וועלן דעם טאַטן פוגע בכבוד זיין, האָט ער זיך דאָך איינגעשפאַרט: נישט פּילעוו! נישט נאָר פאַרגעפּילט, ער האָט אויף קלאָר געוווּסט אַז דעם טאַטנס עקשנות וועט זיין אַן אומגליק, אַז גאָר גיך וועט מען טרייבן אויך פון פּילעוו!

פון זיין לייענען אַ בלאַטצייטונג האָט ער ווייל געוווּסט, אַז דאָס גיכע טרייבן פון מאַדזשיץ איז ווייל דאָס איז אַ פּעסטונגשטאָט, אַז דאָ וועלן פאַרקומען שווערע שלאַכטן. לויט דעם זעלבן חשבון וועלן אויך אין פּילעוו זיין שווערע שלאַכטן, פּילעוו ליגט דאָך אויף דער ווייסל, וואָס דער שונא וועט וועלן אַריבער. וועט מען אויך פריער צי שפּעטער טרייבן פון דאָרט, צו וואָסזשע לויפן פון פייער אין וואַסער?

האָט אָבער יערמע דוד נישט געלייענט קיין בלעטער און נישט געוואָלט הערן נתן חיימס טענות פאַרוואָס נישט פּילעוו. נאָר ווען אַפילו ער וואָלט יאָ געלייענט די בלעטער, וואָלט ער אויך נישט געהערט נתן חיימלס עצות, ערשטנס — אים נישט נאָכצוגעבן, צווייטנס — וווהין דען זאָל ער פאָרן? חנה לאה האָט אַפילו אַ משפחה אין באַרנעוו. זענען זיי נעבעך אַזעלכע קבצנים, אַזעלכע לויזערס, אַז גאָט זאָל אים נישט שטראָפן איבערצוטרעטן זייער שוועל. ווען ער פאָרט לײדיק, מילא! ווו מ'קען, ליגט מען איבער. ער פאָרט דאָך אָבער מיט אַ וואָגן זאַכן, מיט אַ גאַנץ הויזגעזינד! אַפילו אברם יאַנקל איז דאָך אין דער בהלה געקומען פון וואַרשע ליגן אויף זיין קאַרק! אין פּילעוו אָבער דאַרף ער נישט אָנקומען צו קיינעמס לאַסקעס. חנה לאהס ירושה־שטיבל שטייט ב"ה ליידיק. ס'עט דאָרט טאַקע זיין ענגלעך, די מאַכיניאָווע בעטן מיט דער שאַנק, וואָס חנה לאהלען איז אַזוי געגאַנגען אין לעבן, ער זאָל זיי דערהאַלטן פאַר זיך, די מעבלשטיקער וועט ער גאָרנישט קענען אויפשטעלן. אַפילו אָן דעם געזימס וועט אויך די שאַנק אין דעם נידעריקן שטיבל נישט קאָנען אַריין. נאָר יאָ ענג צי נישט ענג, אַבי נישט זיין ביי קיינעם איינגעבעטן! אלא מ'עט חלילה אויך פון דאָרט טרייבן? איז ערשטנס יעדערער ביי גאָט אין די הענט, צווייטנס, פאַרוואָס זאָל ער זיך פאַרנעמען אַז מ'עט אויך פון פּילעוו טרייבן? ער וויל בעסער האָפן אַז — נישט. ווי אַ מענטש נעמט זיך פיר, אַזוי העלפט אים גאָט!

קאַפּיטל פיר

ערב דעם אַרויסגעטריבן ווערן פון מאַדזשיץ האָט ערשט נתן חיים רעכט באַנומען דעם זין פון לייבל משהס אָנזאָגן אים ער זאָל זיינע טויזנט רובל איבערגעבן נישט דעם טאַטן, נאָר דער מאַמען. עס איז אים אַפילו געווען קשה: לייבל משה געטרויט נישט דעם טאַטן? ער ווייסט דאָך, ווען דער טאַטע גייט חלילה אויס פאַר אַ שטיקל ברויט, וועט ער דאָך אַפילו אַ קינדס געלט נישט אָנרירן. איז אים דאָס איצט קלאָר געוואָרן!

גראָד ערב דעם אַרויסגעטריבן ווערן, ווען אַזוי אומגעריכט האָט אַ שטאָט מיט יידן פאַרלוירן דעם באָדן פון אונטער די פיס, ווען מיטאַיינמאָל האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס האַנדלען, דאָס באַרגן, דאָס געטרויען איינער דעם אַנדערן אַ גראָשן פון דער האַנט אַרויס, ווען די לייקאַסע אין שטאָט איז ווי אָפּגעשטאָרבן, נישט מען האָט איר געצאָלט און נישט זי האָט מער געליען, איצט, ווען יעדער איינער איז געגליכן צו אַ געיאָגט בעל חי און ווי אַ בעל חי איז מען אַריינגעטאָן בלויז אין אויפהאַלטן דאָס לעבן, איינקויפן וואָס מער שפּייז, טאָמער קריגט מען מאָרגן נישט מער וואָס צו קויפן, איז גאָר דער טאַטע אַוועק אין דער לייקאַסע באַצאָלן דריי הונדערט רובל!

מ׳זאָגט כאָטש אַ מענטש גייט באַצאָלן וואָס ער איז שולדיק. דאָס איז אָבער נישט געווען זיינס קיין חוב! צוזאַמען מיטן פעטער איטשקע האָט ער, מיט אַ צייט צוריק, געזשירעט, ערוב געווען הייסט עס, פאַר אַ ווייטן קרוב אין וואַרשע, יענער זאָל דאָ, אין דער מאַדזשיצער לייקאַסע, קענען לייען דריי הונדערט קערבלעך. איז ער איצט, ווען די וועלט איז אַרויס פון די האַלאַביעס, ווען עס איז אָנגעשטאַנען אַזאַ הרת עולם, געלאָפן אויסקויפן די זשירע זיינע, טאָמער, חלילה, געשעט עפּעס מיט אים, זאָל ער נישט קומען אויפן עולם האמת קיין בעל חוב.

דער ווייטיק וואָלט נישט געווען אַזוי גרויס, ווען אויך דער אַנדערער זשיראַנט וואָלט אַזוי געטאָן. וואָלט דער טאַטע כאָטש געצאָלט אַ העלפט, הונדערט מיט פופציק און נישט די גאַנצע דריי הונדערט רובל. איז אָבער דער פעטער איטשקע נישט אַזאַ נאַר. פאַרוואָס זאָל ער צאָלן? ער האָט דען דאָס געלט געליען? מ׳האָט דען ביי אים געמאָנט? נאָר ווען אַפילו יאָ?

איז דאָך מלחמה! ווער צאָלט היינט חובות? גאָט וועט העלפן, די מלחמה וועט אויפהערן, די וועלט וועט זיין קריק וועלט, וועט מ׳דעמאָלט זען!

נתן חיים האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ: אַוועקגעבן שיער נישט דעם לעצטן גראָשן! און נאָך אין אַזאַ צייט! און פאַרוואָס? אַפילו דער אַפּטייקער, דער פּרעזעס פון דער לייקאַסע איז געווען פאַרבליפט!

— פאַניע יערמאַ, האָט דער קריסט, אַ גערירטער ביז טרערן, אים געדריקט די האַנט: — נאָך אַזאַ ערלעכער מענטש איז אויף דער וועלט נישטאָ!

די מאַמע אָבער האָט געזאָגט: נאָך אַזאַ נאַר איז אויף דער וועלט נישטאָ! זי האָט געוויינט, געבראָכן זיך די הענט, געריסן שטיקער פון איר בלאָס, איינגעפאַלן, אַזוי יונג פאַרוויאַנעט פּנים:

— ווײ מאַאַן וועלט! וווס ׳אָסטי געטיע׳? וווס ׳עט איצט זאַאַן? ווי ׳עט מ׳נעמע׳ אַף ברויט פאַ׳ די קינדע׳?

— ווווס ׳אָסטי געוואָלט, חנה לאהלע? יעך זאָל שטאַרבן אַן אָנזעצע׳?

נתן חיים האָט געהויבן די אַקסלען, ער האָט געשטוינט, וואָס איז געשען מיטן טאַטן? ער איז דאָך נישט קיין נאַר! ווי ער האָט זיך געמיט נישט צו האָבן קיין צענויפשטויסן מיט אים, בפרט נאָך דעם איצטיקן קריג איבער זיין איינשפּאַרן זיך דווקא פילעוו, האָט ער דאָך נישט געקענט זיך באַהערשן און זיך אַריינגעמישט אין דעם פאַרהער צווישן דער מאַמע מיטן טאַטן:

— ווי קען אַ מענטש זאַאַן אַן אָנזעצע׳ ווען ער ׳אָט גור קאַ געלט ניש׳ געבאָרגט?

יערמע דוד האָט פון טיש אַוועק אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום זון. די באָרד זיינע, שטענדיק פלאַמיק רויט, האָט איצט ביי אים געברענט, אפשר פון כעס און אפשר גאָר פון חרטה? ס׳קען זיין, ווען נישט דאָס יערענדיקע געפיל אין אים אַז מיט נתן חיימלס אונטערוואַקסן ווערט פאַרטונקלט זיין אָנזען אין דער משפחה, וואָלט ער דעם ייִנג, ווי שטענדיק, געטאָן אַ שגץ אָפּ: מיש דיך נישט אַריין, ס׳איז נישט דיין עסק! אַזוי אָבער האָט ער דאָס נישט געטאָן. שרייען און בייזערן זיך וועט זיין אָנזען נישט שטאַרקן, נישט ביי די קינדער, און אַוודאי נישט ביי איר, חנה לאהלען, וואָס קוקט דעם זינדל אין מויל אַריין, גלייך גאָלדענע פייגעלעך וואָלטן אים געפלויגן פון זיינע לעפצן.

אַ היפּשע ווייל האָט ער אַזוי שטום געקוקט אויפן זון. איין גאָט ווייסט אַז ער וויל נישט כסדר אויפראַיען דעם קידער־ווידער מיט דעם ייִנג. האָט ער זיך דאָס אָנגעטאָן אַ כוח אים צו ענטפערן רואיק, געלאַסן:

— ס׳איז אַלץ איינס. אַז יעד ׳אָב ערוב געווען, איז גלאַאַך ווי מ׳וואָלט מיע׳ געגעבן דוס געלט.

— די ביזט דאָך אָבע׳ ניש׳ געווען דער איינציקע׳ זשיראַנט. דע׳ פעטע׳ איטשקע ׳אָט דאָך אָאָך ערוב געווען.

— ווּס גלאַאַכסטי מיך צו איטשקאַלען?

— אָבע׳ קיינע׳ ׳אָט דאָך דיך ניש׳ געמוענט.

— מיך דאַרף מע׳ ניש׳ מונע׳. יעך מוען מיך אַליין.

— אָבער טאַטע, אין אַזאַ צאַאַט? „דיי מי נאַטאַ״[1] די באַטראַכסט זעך טאַקע פאַרן בעל חוב. איז דאָך איצט מלחמה, קיינער צאָלט דאָך האַאַנט ניש׳ קאַ חובות.

— יעך גלאַאַך מיך ניש׳ צי קיינעם.

— גזלן! — האָט זיך די מאַמע אויפסניי צעוויינט, — ׳אָסט דאָך אָוועק־געגעבן דעם לעצטן גראָשן! ווס ׳עט מ׳איצט טיען? אין אַ פרעמדע׳ שטועט, וועיע׳ ׳עט דיע׳ וועלן לאַיען אָף אַ פינט ברויט פאַר די קינדע׳!

אויף דער טענה האָט יערמע דוד געשוויגן. אַוודאי איז זי גערעכט, חנה לאה, לייבל משהעס טויזנט קערבלעך וואַרעמען אים נישט. אַ קינדס געלט איז ביי אים אסור פונקט ווי פרעמדס. אָבער וואָס זאָל ער טוען? ער קען פאָרט נישט שולדיק זיין, בפרט אין אַזאַ צייט, ווען מ׳ווייסט נישט וועמענס מאָרגן עס איז.

און ביטערע טעג זענען טאַקע באַלד אָנגעשטאַנען. איין זאַך איז געווען דאָס קומען פון מאָל צו מאָל קיין פילעוו קויפן אַ ביסל סחורה, איינמאָנען אַ קוואַרטל דירה־געלט ביים קאָמעניק[2] אין חנה לאהעס שטיבל, אָבער גאָר עפּעס אַנדערש איז געווען דאָס איצטיקע האָבן געקומען מיט אַ הויז־געזינד, אַרויסגעטריבענע פון דער היים, דריי רחבותדיקע שטובן מיט קאַמערן אויפן הויף, מיט אַ לאַנקע און אַ סאַד הינטער די פענצטער, צו וואַלגערן זיך אין אַן איינציק שטיבל, אַ האַלב איינגעזונקנס אין דער ערד.

חוץ דאָס קיך־בעט פאַר חנה לאהען צו שלאָפן דערין מיט די צוויי קלענערע מיידלעך, דעם קופערט מיט סחורה, דעם טיש מיט עטלעכע שטולן, האָט דאָ גאָרנישט מער געקענט אַריין. אַ געלעגער פאַר אסתר פערעלען האָט מען שוין געמוזט אויסבעטן אויפן קופערט. אַ גליק נאָך וואָס עס איז וואַרעם אין דרויסן און ער מיט די צוויי יינגלעך קענען נאָך דערווייל שלאָפן אין פעדערהויז. כאָטש וואָס וועט זיין שפּעטער? ס׳עלן זיך שטעלן די רעגנס, די שנייען, די פרעסט!

צי ער האָט יאָ געהאַט וואָס צו טאָן, צי נישט, סייווי האָט עס אים געטריבן טאָג איין און טאָג אויס פון דעם שטיבל, וואָס אויפן זאַמד, אַרויף אין שטאָט אַריין. פילעוו איז נישט מאַדזשיץ! דאָס איז אַ פאָוויאַטאָווע שטאָט, מיט טראָטואַרן, מיט שקאָלעס, מיט אַ האָטעל בריסטאָל, מיט אָנגעפאָרענע פריצים און פריצעטעס. עס רוישט דאָ שיעור נישט ווי אין

[1] לאָמיר זאָגן. [2] לאַקאַטאָר.

לובלין! ייִדן האַנדלען, האָבן פּרנסה, גלייך עס וואָלט גאָר קיין מלחמה אויף דער וועלט נישט געווען. אַבי נתן חיימל האָט אים געשראָקן, געוואָלט אים איינרעדן אַז אָט, אָט טרייבט מען די ייִדן אַרויס אויך פון דאַנעט. דאָס נתן חיימל וועט אים נאָך חלילה טרייבן אין דער ערד אַריין! און חנה לאהלע האַלט נאָך מיט דעם זינדל. וואָס דער ייִנג זאָגט איז ביי איר קודש קדשים!

גייענדיק אַ פּאַרטראַכטער איבער דעם גלאַטיקן טראָטואַר, איז ער דערווייל אַראָפּגעקראָכן צו דער ווייסל. דער סטאַטעק האָט זיך קוים געשלעפּט איבערן טייך, אַ פלאַך געוואָרענער, אַן אויסגעדאַמפּטער פון די היצן. דאָס שיפל האָט נעבעך געסאָפּעט, אַרויסגעבלאָזן פון זיך דאָס לעצטע ביסל רויכיקן כוח, זיך געקערעווט זיג־זאַגיש, אויסצומיידן די זאַמדיקע אינזעלעך, אַרויסגעשטאַרטע פון די פּליטקע[3] וואַסערן. ווען די דייטשן, צי אַפילו קירה, זאָלן חלילה זיך דערנענטערן אַהער, גייען זיי אַריבער די ווייסל איינס און צוויי. זיי וועלן זיך רעכט די פּיענטעס[4] נישט איינגעצן.

ער האָט אַראָפּגערוקט ס'היטל מיטן דאַשעק טיפער איבער די אויגן, צו פאַרשאָטענען אַ ביסל דאָס בלענדעניש פון דער זון. ווי וויל ס'איז שוין אָנהויב אלול, איז נאָך אַלץ אַ חמימה און די זון שרפהעט דאָס געביין!

אַ פערד און וואָגן איז פאַרבייגעפאָרן. ירמע דוד האָט אַרויסגעצויגן אַ שטרוי פון אונטער דעם פויערס געזעס, גענומען דאָס שטרויעלע אין מויל, צווישן באָרד און וואָנסעס, ווי דאָס וואָלט געווען אַ ציגאַרל מאַכאָרקע. אויך דאָס מוז ער זיך קאַרגן! אַז קיין גראָשן פּרנסה זעט מען נישט, און ס'באַדערפעניש איז אַזוי גרויס! זיבן מיילער צום טיש. אַפילו די צוויי ייִנגעלעך ליגן דאָך אויך אויף זיין קאָפּ! וואָס וועט זיין? ווי אַזוי גיט ער זיך דאָ אַן עצה? ער האָט גענומען גיין צוריק אַ היים, אַראָפּ אויפן זאַמד אין דעם האַלב איינגעפאַלענעם שטיבל. וואָס וועט ער זיך דאָ אַרומדרייען? ער וועט מוזן פאָרן קריק קיין מאָדזשיץ. „קאַזשדען פּיעס נאַ סוואָיעם גרונטשע”! יעדער הונט אויף זיין הויף. חנה לאה מיט די קינדער וועלן דאָ זיין, ער אָבער מוז קריק פאָרן. פילעוו איז אים טאַקע נישט פרעמד, אין מאָדזשיץ אָבער איז ער אין דער היים. דאָרט וויסט ער ווו איין און ווו אויס. און ער וועט דאָרט נישט זיין אַליין אויך! דער קליינער מאירל האָט זיך באַלד נישט געלאָזט איינשרעקן, געבליבן מיט ווייב און קינדער און יעדן טאָג שטעלט ער אַרויס ס'טישל מיט וועש פאַר דער טיר און ער זשויבט שטיקער געלט! די סטראַזשניקעס, דער וואַכמישטש, זיי זעען נעבעך איצט גערן אַ ייִד אין שטאָט. וואָסי, זיי האָבן עפּעס אַ סך פון די זעלנער, פון די קאָזאַקן? אַפילו מיט עסן וועט ער אויך, ירמע דוד, נישט האָבן קיין דאגה אין מאָדזשיץ. דאָ, אין פילעוו, האָט חנה לאה

[3] פלאַכע. [4] פּיאַטעס.

שוין געדאַרפט גיין קויפן אַ פערטעלע קאַרטאָפליעס, אַ ציבעלקע, אַ בינטל האָלץ און דאָרטן, אין קאַמער, האָט ער איבערגעלאָזט פון אַלעם גוטן! אַז בלויז מיט די שטובזאַכן, מיטן קופערט סחורה האָט זיך דער וואָגן געבראָכן, ווי האָט ער געקענט טראַכטן וועגן מיטנעמען אַ קעלער קאַר־טאָפל, אַ פאַס איינגעזויערטע אוגערקעס, קרויט, באָרקעס, מייערן און ציבעלעס! ערשט אַזאַ קאַמער האָלץ! אָנגעהאַקט גרייט פאַר דער פּליטע, פאַרן אויוון צום באַקן.

ווען די צוויי ייִנגען, נתן חיימל מיט אברם יאַנקלען, פאָלגן אים, פאָרן זיי מיט אים קיין מאָדזשיץ. זאַלבעדריט וואָלטן זיי געקענט זיין אין מאָדזשיץ חדשים לאַנג. חוצן שטיקל ברויט, וואָלטן זיי אויף צו עסן גאָרנישט געדאַרפט אויסגעבן און פאַרדינען וואָלטן זיי געקענט שיין ביי די אָקאָפּעס.

נאָך איידער ער איז אַריין אין הויפל, האָט שוין יערמע דוד דערפילט ריישעכץ. ס׳שוין שפּעט אין האַלבן טאָג און פון באַגין אָן האָט ער גאָר־נישט געהאַט אין מויל. אים האָט הנאה געטאָן צו זען דאָס אייגענע שטיקל באַלעבאַטישקייט. טאַקע אַ פּיצעלע הויפל, אַ האַלב איינגעפאַלן שטיבל, ס׳איז אָבער דייך! די צוויי קלענערע מיידלעך זענען געזעסן דרויסן, אין שאָטנדיקן ווינקל און געשיילט קאַרטאָפל אין אַ טאָפּ אַריין. אסתר פּערעלע, די עלטערע, האָט צוגעקערט דאָס הויפל. יענע, וואָס האָבן דאָ געוווינט, האָבן דען אַ מאָל גענומען אַ בעזעם אין האַנט אַריין צו פאַרקערן דאָס מיסט? האָבן געוואָרפן הינטער זיך, געגאָסן די פּאָמעשעפּער לעבן דער טיר און די בענקאַרטעס האָבן זיך געראָיעט אין גנאָי, נישט צו גלייכן, ווי חזירים אויפן שמיעטניק.

געמיינט האָט ער צו טאָן אַ פּאָר אַרויס מיט דעם פּזמון זיינעם, ווי נאָר ער קומט אַריין אין שטוב. איז אים גאָר חנה לאה פאַרלאָפן דעם וועג. אין מיטן פאָרען זיך איבער דער פּליטע, האָט זי זיך געטאָן אַ דריי אויס צו אים מיט דער האַלב איינגעשניטענער ציבעלע אין דער לינקער האַנט און דאָס מעסער — אין דער רעכטער:

— ווּוס זוגסטי ניש׳ צי דעם, יערמע דוד? ביידע זענען זיי אַוועק צי דע׳ קאָליע, קריקצופאָרן קאַ מאָדזשיץ. דערביי, צו קלאָגן אַ ביסל יערמע דודן דעם קאָפּ, וואָס ער פאַרגינט נישט די ייִנגלעך דעם ביסן אין מויל אַריין, האָט זי זיך צעזינגען אויפן קול:

— וויי דע׳ מאַמען! אַפילו אַ קישעלע אינטערן קאָפּ, ׳אָבן זיי דעך דאָרט ניש׳! ווי וועלן זיי זעך דאָרט וואַלגערן צישן אַזוי פיל זעלנער, אַזוי פיל קאָזאַקן. איך ווּוס ׳עלן זיי דאָרט עסן? מעיע׳ ווי אַ פּאָסנע קאַר־טאָפליע, אַ ביסל קראָאַט האָבן זיי דאָך דאָרט ניש׳. אַ שטיקל כשר געשמילץ קע׳מ׳דעך אפילו פאַר קאַ געלט נישט קריגן!

יערמע דוד. קוים אַריבער די שוועל, איז געשטאַנען, געקוקט אויפן ווייב, געשאָקלט מיטן קאָפּ, וואָס האָט געקענט מיינען באַדויער, ס'האַרץ הייסט עס, טוט אויך אים ווי אויף די יינגלעך נעבעך. אין דער אמתן האָט אים גאָר געגלוסט צו לאַכן. זע נאָר ווי זי באַקלאָגט די זינדלעך. מענטשן פאַלן ווי די פליגן אויף די פראַנטן. לייבל משה איז פאַרשלעפּט גאָט ווייסט ווו און זי קלאָגט גאָר, וואָס די יינגלעך וועלן נעבעך נישט קריגן קיין כשר שטיקל געשמילץ צום געקעכטס!

— אין יעך מיין, זיי 'אָבן גיט געטיען! ווס 'עלן זיי זעך דו אַרימדרייע'?

— אין ווס 'עלן זיי טיע' דאָרט? האָט חנה לאה מיט געבייזער אים איבערגעריסן די רייד.

— ווס זיי 'עלן דאָרט טיע'? אין מאָדזשיץ קען מ'גיכע' פאַרדינע' אַ גילדן ווי דו.

— באַ ווס 'עלן זיי דאָרט פאַרדינע'?

— באַ ווס, פרעגסטי? ז'עלן גרובן אָקאָפּעס! ס'פעסטינג זיכט מענטשן מיט לעכט! ס'קלענססטע שייגעצל קריגט אַ האַלב קערבל אַ טאָג.

— ווי דע' מאַמען! יערמע דוד, ווייסט כאָטש ווס די רעדסט? נתן חיים מיט אברם יאַנקלען 'עלן גיין גרובן אָקאָפּעס?

— פאַ'ווס ניש'? האָט ער איר שאַרף געקוקט אין די אויגן אַריין. יעך 'על אָך פורן!

חנה לאה איז געשטאַנען אָן לשון. ס'פּיצל מניסע־פּעטס [5] אין ראנדל [6] אויפן דרייפוס, האָט זיך דאָרט געפּרעגלט הינטער איר פּלייצע, געשפּריצט הייסע בלעזעלעך, געקנאַקט אין דער לופט און זי, מיט דער איינגעשניטענער ציבעלע אין איין האַנט, דאָס מעסער אין דער אַנדערער, איז געשטאַנען און פאַרחידושט געקוקט אויף יערמע דודן. וואָס איז דער מער מיט דעם ייד? זי וווינט שוין מיט אים איבער פינף און צוואַנציק יאָר, ביז הונדערט און צוואַנציק און זי קען אים נאָך אַלץ נישט באַנעמען. נישט געמאָנטערהייט טראָגט ער אַוועק אין דער לייקאַסע דריי הונדערט קערבלעך, וואָס ער איז גאָרנישט שולדיק און אַליין, קוים וואָס ער שלעפּט זיך נעבעך אויף די פיס, איז ער גרייט צו גיין גראָבן גריבער, שיקן די זין אויף עבודת פרך, אַבי צו פאַרדינען אַ גילדן פרנסה!

— יערמע דוד, האָט זי שטיל, דערשלאָגן אים איבערגעפרעגט, — די גייסט גרובן אָקאָפּעס? און דאַנע קינדע' זענע' באַשאַפן געוואָרן צי אָקאָפּעס?

[5] רינדערפּעטס. [6] קליינע פאַטעלנע (סקאָווראָדע).

— וווסי? אַזוי שוואַך זענע׳ זיי נעבעך? אין יעך קען ניש׳ האַלטן אַ רידעל אין דע׳ האַנט?

— אין ווּוס ׳עלן מענטשן זוגן?

— אין אַז יעך ׳אָב אַמאָל געטריבן בהמות, ׳אָט עס מיר געשאַדט צים יחוס?

— האַאַנט איז אָבע׳ ניש׳ אַמאָל.

— וווּס איז האַאַנט? פאַרקערט, ווּעיע׳ פראַוועט דוּס יחוס מלחמה צאַאַט?

— ווּעיע׳ רעדט דען פין יחוס? יעך וויל נאָ׳ וויסן צי די ׳אָסט כוח פאַר אַקאַפּעס.

אַהאַ, דער אַלטער פזמון אירער! די אָנצוהערענישלעך אויף זיין מחיש. שטאָט אירע רייד זאָלן אים איינשטילן, באַרויקן אים דאָס געמיט, האָט גאָר דאָס זאָרגן אירס וועגן זיין געזונט, אים אויפגערייצט, געמאַכט אים בייז און שטעכיק:

— די זאָרג זעך נאָ׳ ניש׳ פאַ׳ מיע׳. זאָרג זעך בעסע פאַ׳ דאַאַנע זינדלעך. זיי ׳עלן נעבעך ניש׳ האָבן קאַ קישעלע אינטערן קאָפּ, קאַ כשר שטיקל געשמילץ צים געקעכטס.

— מאַאַנעט וועגן, אָט חנה לאה אַ זאָג געטאָן, — ווילסט פורן, פור! און זי האָט זיך אויסגעדרייט צוריק צו דער פליטע.

קאַפּיטל פינף

דאָס גראָבן אָקאָפּעס איז נתן חיימען נישט לייכט אָנגעקומען. אַפילו ווען ער האָט געאַרבעט זענען זיינע הענט געווען ווייכע, אויסגעאיידלטע, בפרט איצט, נאָך אַ גאַנצן זומער ליידיקגיין. נישט נאָר אים, אַפילו אברם יאַנקלען, וואָס זיינע הענט זענען יאָ געווען פאַרהאַרטעוועט פון דעם ציען דראַטוועס און קלאַפּן מיטן שוסטער־העמערל פלעקלעך אין זוילן, אַפילו אים זענען שוין אין ערשטן טאָג גראָבן אָנגעלאָפן אויף די האַנטפלאַכן פּרענגעס, הויט־בלאָזן, וואָס האָבן געפּלאַצט און מיט יעדן נעם דאָס הענטל פון רידעל, זענען די וווּנדן געוואָרן אויפגעריסענער, טיפער און אייטער־דיקער און דער שווייס, ברודיק און זאַלציק, האָט זיך איינגעגעסן אין די ווונדן און זיי פאַרשאַפט יסורים נישט צו פאַרטראָגן.

אָפּגעבן זיך מיט די הענט, ניאַנטשען זיי צו פאַרגרינגערן זיך דעם ווייטיק, דאָס האָבן די צוויי ברידער נישט געקענט און דאָס האָט זיי אויך נישט געפּאַסט. די איינציקע צוויי יידן דאָ, זענען זיי כסדר געהאַלטן גע־וואָרן אויפן אויג נישט בלויז פון די וואַך־זעלנער אויבן, דרויסן פון דער אָקאָפּע. די שקאָצים אינעווייניק, אין די גריבער, האָבן זיי געברענט די טריט. אַן אַ פאַרוואָס האָט אַלע מאָל עמעץ אַנדערש זיי אונטערגעשטעלט אַ פוס און ביי זייער אומפאַלן איז געוואָרן אַ הירזשענדיק געלעכטער. אַז זיי האָבן זיך אָנגעהויבן היטן קעגן די אונטערגעשטעלטע פיס, האָט מען געצייעט אויף זיי פון הינטן, זיי אַריינגעשאָטן זאַמד אין קאַרק, גראָב, נאַסלעך זאַמד, וואָס אין זייער דערשוויצטקייט, האָט עס געריבן און געביסן זייער לייב און, ווי מיטן אויסהיטן זיך פון ביאַנטשען די פאַרווונדיקטע הענט, אַזוי האָבן זיי נישט געוואַגט זיך צו קראַצן, צו שיבערן זיך, די שקאָצים זאָלן נישט ווידער לאַכן אויס זיי און שרייען:

— זשידעס, פוילן זיך צו אַרבעטן!

צוליב דעם פייניקן האָט אברם יאַנקל געוואָלט לאָזן דעם רידל, דאָס געצאָלט און זיך אַרויסשלייכן פון דער אָקאָפּע, זיך אָפּטראָגן איידער פון דעם שפּיל ווערט אַן ערנסט און וועלכער שייגעץ וואַרפט זיי אַ שטיין אין קאָפּ. האָט אָבער נתן חיים נישט מסכים געווען. ערשטנס, וווהין לויפן? צווייטנס, וואָסער פּנים וועלן זיי האָבן ביים קריקקומען קיין פּילעוו? בייז און מיט חוזק וועט דער טאַטע זיי פרעגן: שוין, אָפּגעאַרבעט?

וואָלט כאָטש געווען ביי עפּעס אַנדערש צו פאַרדינען אַ גילדן! אמת, אים, נתן חיימען, איז שוין איצט נישט אַזוי געגאַנגען אין פאַרדינסט, ווי וויל די עטלעכע קערבלעך זענען זייער בייטיק אין שטוב. געגאַנגען איז אים דאָ אין אָנזען ביי די גויים. וואָס וועלן זיי זאָגן? יידעלעך! גיב זיי נאָר האַנדעל, האַנדעל! חוץ דעם, וואָס הייסט אָפּטרעטן? אַנטלויפן, פאַר וועמען? די שקאָצים וועלן דאָך לאַכן דאָס גרעסטע געלעכטער! אברם יאַנקעלעס טענה, אַז זיי וועלן דאָ נישט זיין וועלן זיי דאָס געלעכטער נישט הערן, דאָס איז פאַר אים, נתן חיימען, גאָר קיין טענה נישט. אַפילו ער זאָל דאָ נישט זיין צו הערן זייער אָפּלאַכעריי וועט די גויימס חוזיקן אויך אים קרענקען. ס'אַנדערע, פאַרוואָס זאָל אַ ייד געבן גויים אַן אויסרייד צו לאַכן אויס אים? און אפשר וועלן זיך גאָר די שקאָצים באַרויִקן, זיך איינשטילן? אויב נישט, פאַרוואָס זיך נישט קעגנשטעלן? בפרט איצט, אַז אין דער אַקאָפּע האָט זיך אויך געשטעלט צו דער אַרבעט באָליעק, זיין, נתן חיימס, אַמאָליק קריסטלעך חברל.

אמת, דעם גאַנצן זומער האָט נתן חיים געמיינט רעכט, אַז דער אַמאָליקער פריינט זיינער איז אים פאַרלוירן געוואָרן פון שטאָט. פון זיין שוועסטער, ביאַנקאַ, איז ער געוויִער געוואָרן, אַז נאָך פאַראַיאָרן איז באָליעקן נמאס געוואָרן דאָס וואַלגערן זיך דאָ ביי יידל קאָוואַל און ער איז אַוועק קיין לובלין זיך אויסלערנען וואַלקעריי.

זינט זיי זענען אונטערגעוואַקסן און ער, נתן חיים, איז אַוועק פון מאָדזשיץ, איז צווישן זיי אָנגעשטאַנען אַ פאַרפרעמדונג. געהאָלפן צו דעם האָט זיכער נתן חיימס קריק קומען אָנגעטאָן ווי אַ פאַניטש, אַ קאַפעליוש מיט אַ ברייטן ראַנד, פענסנע איבער די אויגן, אַ שוואַרץ געהאַקטן פראַק מיט אַוועקגעשניטענע פאָלעס, דערצו נאָך געמזענע שיך, וואָס האָבן געסקריפּעטביים גיין, בעת ער, באָליעק, איז נאָך אַלץ געווען פאַרוואָרלאָזט, באָרוועס, אין הויזן מיט לאַטעס אויף די קני, אויפן געזעס. האָט דעריבער דאָס טרעפן זיך זייערס פון מאָל צו מאָל אין די יום־טובים, ווייניק וואָס געהאָלפן צו פאַרטרייבן די אָפּגעפרעמדקייט. פאַרקערט, די אָנגעשטאַנענע וואַנט איז צווישן זיי געוואָרן דיקער און העכער. עפּעס האָט מען זיך יאָ נאָך געגריסט, זיך איבערגעוואָרפן מיט אַ וואָרט, אָבער צו קיין נאָענטקייט איז שוין צווישן די צוויי אַמאָליקע פריינט נישט געקומען. צעמאָל האָט מען אַפילו אַוועקגעדרייט די קעפּ, אויסצומיידן איינער דעם אַנדערנס בליק.

אויך איצט, דאָס אומגעריכטע טרעפן זיך אין דער אַקאָפּע,ביידע מיט שפּאַדליעס אין די הענט, האָט זיי נישט דערנענטערט. באָליעק, ביים דערזען אים, נתן חיימען, האָט עפּעס ווי אַ ציטער געטאָן און אינסטינקטיוו געטאָן אַ שטעל אַ טראָט אויף צוריק, הינטער זיך. פונדעסטוועגן האָבן

די צוויי פריינט זיך דערלאַנגט די הענט, און שוין, ווי פרעמדע, געגראָבן די ערד, אַ ליימיק־רויטע און געוואָרפן דאָס אויסגעגראָבענע איבער די קעפּ, אַרויס פון גרוב.

ווי די טעג זענען פאַר די צוויי ברידער געווען איין לאַנג אָפּקומעניש, אַזוי זענען פאַר זיי די נעכט געווען נאָך שווערער. ווי נאָר דער אָוונט איז צוגעפאַלן און זיי זענען אַרויס פון די גריבער צו גיין אין שטאָט אַריין איבערנעכטיקן, אָפּקאָכן זיך עפּעס עסן, זענען זיי אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ דריקנדיקער אימה. דער פּחד האָט געוואָרגן אין האַלדז. ווו נאָר דער בליק איז געפאַלן, — פינצטער, פאַרהאַקטע לאָדן, פאַרהעמערטע טירן און די לערע טישלעך אין מאַרק, גלאָזן פּוסט פון דער פינצטער אַרויס! צו דעם נאָך איז די שטאָט פול מיט דעם יאָמערלעכן מיאוקעריי פון די קעץ, איבערגעלאָזטע אויף הפקר. אַ גאַנצע נאַכט גייט אָן זייער וויסט געיעג אויף די אויסגעהונגערטע מייז אין די באַהעלטענישן און יאָמעס פון די פאַרלאָזטע דירות און קאַמערן.

אין פילעוו, ווען די צוויי ברידער האָבן זיך געגרייט קריקצופאָרן קיין מאָדזשיץ, זענעןביידע געווען זיכער, אַז זיי פאָרן אַהיים צו זיך אין שטוב אַריין. אַ גאַנצן טאָג וועלן זיי טאָקע זיך וואַלגערן ערגעץ אַרום פעסטונג און גראָבן אָקאָפּעס, אָבער ביינאַכט וועלן זיי זיין ביי זיך אין דער היים, זיך קאָכן וועטשערע, זיצן אויפן בריקל און שמועסן ביז שפּעט אין די נעכט אַריין. צום סוף זענען זיי אַפילו די ערשטע נאַכט שוין נישט געשלאָפן ביי זיך אין שטוב. דער פינצטערער, פאַרלאָזענער הויף האָט געשראָקן און דאָס יאָמערלעכע געמיאוקעריי פון די קעץ האָט געטריבן, נישט נאָר פון הויף, נאָר כאָטש נעם און אַנטלויף פון דער אייגענער הויט אַרויס!

אַז אַ מענטש איז צווישן מענטשן, וויל ער זיך אָפּזונדערן, זיין פאַר זיך. איצט אָבער זענען די צוויי ברידער געלאָפן פון דעם אַליין זיין, געוואָלט זיך צוטוליען אַפילו צום ערגסטן מענטשלעכן אָפּפאַל, אַבי פילן אויף זיך דעם אָטעם פון אַ מענטש!

פריער,ביים אַרויסגעטריבן ווערן פון מאָדזשיץ, איז ער, נתן חיים, געווען אש להבה אויפן באַלעבאָס פון זייער אַמאָליקער דירה. נישט וויל דער קליינער מאירל בלייבט אין שטאָט מיט וויב און קינדער בעת אַלע יידן לויפן ווי פון אַ פייער. פאַרקערט, דורך זיין בלייבן דאָ, איז דעם מאירלס אָנזען ביי אים געשטיגן, מיט דעם בלייבן האָט דער ייד אַלעמען געוויזן, אַז ער האָט דעם פעסטונג־קאָמענדאַנט אין דער אדמה! אויף צופיקעניש דעם פאָניע, בלייבט ער ביי זיך אין דער היים.

פאַרדראָסן נתן חיימען האָט נאָר, וואָס דעם מאירלס בלייבן איז צוליב מסחר. אַז די געוועלבער וועלן זיין פאַרמאַכט, די שטעלכלעך אין מאַרק

פאַרלאָזן, וועט ער זיין אין שטאָט דער איינציקער מיט זיין טישל און זשויבן ביי די זעלנער פאַר זיינע העמדער און גאַטקעס!

אַזוי האָט נתן חיים געטראַכט וועגן דעם מאירלען פריער, איצט אָבער האָבן די צוויי ברידערלעך געדאַנקט און געלויבט זיין ליבן נאָמען, וואָס ער האָט אַריינגעגעבן דעם ייד אַ געדאַנק נישט אַוועקצופאָרן, צו לאָזן כאָטש איין יידישע משפחה אין שטאָט.

און ווי זיי מיט אים, אַזוי האָט דער מאירל זיך דערפרייט מיט זיי. ער איז טאַקע מיט ווייב און קינדער ביי זיך אין שטוב, אָבער דער פּחד ווערגט אַפילו הינטער די פאַרריגלטע טיר און לאָדן. מ׳ליגט אין די בעטן איינגענורעט אונטער די צודעקן, נאָר שלאָפן קען מען נישט. ס׳געהער איז וואַך און דער פינצטערער דרויסן שרעקט. גאַנצע נעכט ציט פאַרביי מיליטער. דאָס געקלינג פון די האַרמאַטן־רעדער אָן שטיינערנעם ברוק, דאָס געקלאַפּ פון די פערדישע פּאָדקאָוועס, אַלץ שלאָגט זיך דיר אָפּ אין האַרץ, אין מוח.

ס׳איז אָבער נישט בלויז דאָס פאַרבייציען. ביטער איז, ווען פאַלקן זעלנער בלייבן אויף איבער נאַכט אין שטאָט. ווילד צעלאָזן זיי זיך איבער אַלע געסלעך און הייף. אַז די הייזער שטייען פאַרמאַכט, די געוועלבער פאַרשלאָסן און קריגן עפּעס צו קויפן קענען זיי נישט, ברעכן זיי אויף די שלעסער און נעמען ראַבירן. אַנומלטן האָבן זיי אויפגעבראָכן דעם קעלער פון טוביה וואַנזבערגס קאָלאָניאַל־סקלאַד. דער טוביה איז געווען זיכער ער באַוואָרנט די סחורות אין געמויערטן קעלער הינטער שווערע פרענטן און נאָך שווערערע שלעסער. ער האָט זיך אוודאי געגרייט צוריק־צוקומען פון לובלין מיט אַ פלאַטפאָרמע און פאַרנעמען זיין האָב און גוטס. נו, נו, האָבן די זעלנער דאַרטן אַ ביסל צעטוען! אין צוויי שעה איז זיין גאַנץ פאַרמעג געווען צעראַבירט. וואָס די זעלנער האָבן נישט געקענט פאַרנעמען מיט זיך , האָבן זיי צעבראָכן, געמאַכט טיל־טעל! פעסלעך קאַקאָאָ זענען געלעגן צעשמעטערט און דער קאַקאָאָ אויסגעשאָטן אויפן ברוק. טעג נאָך דעם איז דער שאָסיי, דער מאַרק געווען באַדעקט מיט דעם ברוינעם קאַקאָאָ־שטויב. די לופט אויף ווי ווייט איז געווען פול מיטן ריח פון קאַקאָאָ, פון קאַווע און טיי, פון געטרוקנטע פרוכט און טיטון, פון האָניק און צעמאָרשטע קענדלעך סאַרדין.

וואָס דאַרף מען מער? אַפילו דעם וואַכמישטש, אַ כלב פון אַ גוי, איז געווען איבער דער טבע דאָס צו צוזען. ער האָט זיך מודה געווען פאַר דעם מאירלען, אַז ער בענקט נאָך די יידן און טאַקע אים, מאירלען, געבעטן ער זאָל זיך אַריינציען אין איינע פון די ליידיקע דירות ביי אים אויפן הויף, ס׳זאָל אים מיטן הויזגעזינד זיין אַ ביסל היימלעכער. מאירל אָבער האָט בעסער געוואָלט בלייבן ביי זיך אין הויז. ער האָט בלויז יעדע

נאַכט צוגעזאָגט דעם ווייב, די קינדער, אַז מ׳זאָל נאָר דערלעבן מיט געזונט באַגין, פאַרפאַקט ער ס׳ביסל אָרעמקייט און אַנטלויפט פון שטאָט! איז דאָך אָבער דער מענטש פאַרנאַרט. ווי נאָר ס׳איז געקומען דער טאָג, ער האָט געזען די זון שיינען, האָט ער פאַרגעסן אָן דער נאַכט, אָן דער שרעק און געטראַכט אַז ער לייזט דאַנקען גאָט שיין, וואָס וועט ער לויפן? און וואָס וועט ווערן פון ביסל סחורה? און דאָ נאָך האָט אים זיין ליבער נאָמען צוגעשיקט די צוויי בחורים, אברם יאַנקל און נתן חיים! מיט זיי וועט זיין היימלעך אין שטוב, פאַרט צוויי מאַנצלייט!

האָבן זיך די ברידער שוין אין דער ערשטער נאַכט אַריבערגעקליבן צום קליינעם מאירל. אין שותפות אַריין האָבן זיי געבערענגט פון דער היים קאַרטאָפל, אוגערקעס, קרויט, אַ קראַנץ מיט ציבעלעס. יוכבד, די מייער־ליעבע, האָט געגרייט וועטשערע און זיי האָבן געמיינט, שוין, אַזוי וועט עס שוין זיין. איז גאָר אומגעריכט געקומען פון פילעוו דער פאָטער, ירמע דוד. פאַרנאַכט, קומענדיק פון די אָקאָפּעס, פאַרן אַריבערגיין צו מאירלען, האָבן זיי אָפּגעטרעטן אין דער היים און געטראָפן דעם טאַטן זיצן אויפן בריקל פאַר דער טיר, וואַרטן אויף זיי.

— טאַטע, ווס טיסטו דו? האָט אברם יאַנקל אַ געשריי געטאָן פון גרויס איבעראַשונג.

— גוניש׳, יעך בין געקימע׳ צי די אָקאָפּעס.

די צוויי ברידער זענען געבליבן אָן לשון. נתן חיימען האָט דעם טאַטנס קומען גאָר צערודערט. דער לעצטנס איבערגעלעבטער פאַרדרוס איז אויפ־סניי אין אים אָנגעלאָפן. נעמט אַ מענטש און טראָגט אַוועק שיער נישט דעם לעצטן גראָשן אין דער לייקאַסע צו באַצאָלן אַ חוב, וואָס ער האָט נישט געבאָרגט און מ׳האָט אים נישט געמאָנט און איצט קומט ער קיין מאָדזשיץ צו גיין, אין זיינע יאָרן, גראָבן אָקאָפּעס!

בעת נתן חיים האָט נאָך נאָכגעטראַכט ווי אַזוי אונטערצוקומען דעם טאַטן, אָפּצורעדן אים פון גיין טוען אַזאַ עבודת פרך, האָט אברם יאַנקל, גאָרנישט טראַכטנדיק, זיך שוין פאַרהערט מיט אים:

— טאַטע, ביזט חלילה חסר דעה! ווי קימסטי צי גרובן אָקאָפּעס?

— אין ווי קימט עץ צי דעים? האָט דער פאָטער זיי אָנגעקוקט מיט יענעם שמייכעלע, וואָס עס האָבן שטענדיק טאַטעס, ווען זיי זעען זייערע אונטערגעוואַקסענע יינגלעך זיך כראַברען, מיינען אַז שוין, נאָר זיי גייען אין די הויזן.

ווי נתן־חיים האָט זיך געהיט נישט אָנצוהייבן דאָ אויפסניי זיין קידער־ווידער מיטן טאַטן, דער עיקר נישט ווייז צו טוען אים מיט דער מינדסטער אָנצוהערעניש, אַז צוליב זיין מחלה פון מוזן אָפּט גיין טוען אַ מענטשלעך באַדערפעניש, וועט ער אויפרייצן די לאַבוזעס צו טרייבן

איבער אים חוזק, האָט ער זיך דאָך נישט געקענט העלפן און אַ זאָג געטאָן:
— טאַטע, די פאַרגעסט, אַז ביסט ניש׳ קאַ געזינטע׳ מענטש, אַז גרובן אָקאָפּעס איז ניש׳ פאַ׳ דאַאַנע כוחות.

ווייזט אויס, אַז אויך ער, דער טאַטע, איז נישט געווען אין קיין לוינע אַנצוהייבן אויפסנייַ דעם שטענדיקן פאַרהער מיטן זון. גאַרנישט ווי זיין טבע האָט ער איצט גערעדט צו נתן היימען שטיל און געלאַסן, מיט אַ סך איינזען איבער דעם ייִנגלס זאָרג וועגן זיין געזונט:

— מאַאַן קינד, צי פאַ׳דינע׳ אָף פּינוסע, גיט גאָט יעדן איינעם כוח.

— אָבע׳ טאַטע, האָט נתן חיים אויך געפּרוּווט מיט גוטן, — די ווייסט דעך גוניש׳ ווּס באַ די אָקאָפּעס טיט זעך! די שקאָצים דאַגייען אינדז אַזוי אָך די יורן. ווילסטי די לאַבוזעס זאָלן זעך אַאָך נעמע׳ צי דיע׳? זיי קענע׳ דיע׳ אַאָסראַאַסן די בועד! (באָרד).

— מיע׳ ׳עלן שקאָצים ראַאַסן די בועד? — האָט דער פּאָטער שאַרף אָפּגעמאַאָסטן די צוויי בנים, גלייך זיי וואָלטן דאָס געווען די באָרד־רייסער.

— יעך וויל זעיען וועיע׳ ס׳עט זעך אינטע׳שטעלן מיע׳ אַזוינס צי טיען! דערביי האָט ער צאָרט און מיט ליבשאַפט דורכגעפירט די האַנט איבער דער פייערדיק רויטער באָרד, ווי ער וואָלט זי שוין געשיצט קעגן די אומגעזעענע רייסער.

— געדענק, טאַטע, — האָט אים נתן חיים געוואָרנט. — מיט דאַאַן קימע׳ אין די גריבע׳ ׳עט זאַאַן זייע׳ ניש׳ גיט! ס׳עט פירן צי געשלעיגן! אַז יעך מיט אברם יאַנקלען ׳עלן זעיען שקאָצים דיעך טשעפּען, ׳עלן דעך אינדז ניש׳ שוואַאַגן, עט דעך ווערן אַ געשלעיג!

— נעמץ ענק נאַ׳ ניש׳ אוען פאַ׳ מיע׳. יעך ׳על מיע׳ מאַאַן שטעיטל אַליין באַשטיין! ס׳אַנדערע, אַ ייד איז אימיטים באַ גאָט אין די הענט!

די צוויי ברידער האָבן אַפילו געטראַכט נישט צו גיין מער צו דער אַרבעט. אָבער וואָס וועט עס העלפן? דעם טאַטן וועלן זיי מיט דעם נישט אָפּהאַלטן. ער קען אַליין גיין און דאָס וועט זיין ערגער! ווער וועט אים דאָרט שיצן? זיך אָננעמען פאַר אים? אַז ער, נתן חיים, וועט דאָרט נישט זיין, וועט אויך באַליעק זיך נישט אַריינמישן. ער טראָגט נאָך אַלץ אַ בייז האַרץ אויפן טאַטן פאַר זיין שטערן אים אין זייער חברן זיך, פאַרן נישט לאָזן אים אַריינקומען צו זיי אין הויז.

זענען זיי דעריבער אויף מאָרגן יאָ געגאַנגען צו דער אַרבעט. זיי האָבן נאָר געהאָפט, אַז דער סאַפּיאָרנער אונטעראָפיציר וועט נישט וועלן דעם טאַטן פאַרשרייבן. אַ ייד מיט אַ באָרד שיער נישט ביזן גאַרטל וועט ער נעמען צום גראָבן אָקאָפּעס? איז אָבער זשניווע־צייט און דאָס אָפּיצירל מיינט רעכט, אַז עמעץ יאַוועט זיך צו דער אַרבעט, האָט ער דעם טאַטן יאָ פאַרשריבן, געהייסן אים געבן אַ שפּאַדעל און די העצע האָט זיך אָנגעהויבן!

ווי נאָר די שקאָצים האָבן דערזען דעם ייד מיט דער רויטער, לאַנגער באָרד, נעמט זיך אַזוי פּאַוואָליע אַראָפּגליטשן אין גרוב, שטאָט טאָן אַ שפּרונג, ווי זיי טוען דאָס, האָט גלייך אויסגעבראָכן אַ געלעכטער און איינער, אַ געשטופּלטער שגץ מיט אַ פּיסק פאַרגעלטע ציין, האָט אַ געשריי געטאָן:

— דער אַלטער קאָזשאָל האָט זיכער אַ קילע!

אַן אַנדער שגץ, אַ זנוידאָק, וואָס וואַלגערט זיך אַרום אויף דער אַלטער פּערשטאָט, אַרום מאָדזשיצער באָרדעל, האָט יענעם גלייך אונטערגעהאַלטן:

— און די רויטע באָרדע גרייכט דעם קאָזשאָל ביז צו דער קילע!

ווי דער כעס קען די שקאָצים האָט אין די צווייַ ברידער געזאָטן, זיי געטריבן זיך אָנצורופן האָבן זיי זיך דאָך איינגעהאַלטן. זאָל עס נאָר בלייבן ביי דעם פּיסקעווען. איז עס אָבער נישט געבליבן ביי דעם. גלייך האָט אַן אַנדער שגץ געוואָרפן דעם פאָטער אַ קנויל ליים אין פּלייצע. אין אַ רגע אַרום איז פון אַן אַנדער ווינקל ווידער אָנגעפלויגן אַ קנויל ליים, דאָס מאָל שוין אים גלייך אין קאָפּ אַריין.

יערמע דוד האָט זיך אומגעקוקט. אָנגעשפּאַרט אַן דער לאָפּעטע איז ער געשטאַנען און מיט זיינע בלויע אויגן שאַרף אָפּגעמאָסטן דעם שגץ, ווי ער מאַכט זיך קאָפּען די ערד, גלייך נישט אים מיינט מען דאָ. ס'איז נישט יערמע דודס טבע זיך צו קריגן מיט מענטשן. ער לאָזט שטענדיק זיינס איבערגיין. דאָס איז אָבער גערעדט וועגן מענטשן. לאַבוזעס אָבער פאַרשוויגט ער קיינמאָל נישט!

אָט פאַר דעם האָט זיך דאָס נתן חיים געשראָקן. שטאָטישע לאַבוזעס. וואָס אַ בלאָז זייערס לייגן דעם טאַטן אַוועק, ווי ער זאָל זיי נישט קלאָגן די קעפּ, וועלן זיי בלויז אויס דרך ארץ, אים אַפילו נישט אָקעגן רעדן. אָבער דאָ, צווישן דעם געהינטעכץ? איז ער, ווי אברם יאַנקל, געשטאַנען געשפּאַנט, כלומרשט געגראָבן מיטן רידעל די ערד, אינדערזאמתן זענען זייערע אויגן געווען אין די פּלייצעס. ער האָט איינגעהאַלטן דעם כעס און אַלץ געהאָפט עס וועט זיך איינשטילן, אָבער אַז עס האַלט שוין אַזוי ווייט!

— העי, כאָמיע[1] טי! האָט ער אַ הייב געטאָן דעם רידעל צום שגץ, — טאָמער וואַרפסטו נאָכאַמאָל מיין טאַטן ליים, קריגסטו מיטן שפּאַדעל איבערן לעפּ![2]

ביזן מיטאָג־איבעררייס איז שוין געווען שטיל. אָנגעהויבן האָט זיך די העצע ווידער בעת דער פאָטער האָט זיך גענומען אַרויסגראַבעטשען פון דער אָקאָפּע צו גיין טאָן אַ מענטשלעך באַדערפעניש, זיך וואַשן צו

[1] העי, דו, כאַם איינער! [2] קאָפּ.

„שאו ידיכם". דאָ האָט ווידער אויסגעבראָכן אַ געלעכטער איבער דעם ייִדס נישט געשיקטקייט, איבער זיין דראַפּען זיך מיט אַלע כּוחות אַרויס־צוקומען פון גרוב. אָבער נישט דער פּאָטער און נישט די צוויי זין האָבן זיך נישט־וויסנדיק געמאַכט פון דעם כאָכאָטשען.[3] אַבי נאָר די שקצים האַלטן די הענט ביי זיך!

האָבן אָבער די לאָבוזעס אויך איצט זיך נישט באַגנוגנט מיטן כאָכאָ־טשען. ווי נאָר דער ייד איז צוריקגעקומען אַ געוואַשענער, זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ בערגל ערד, אַרויסגענומען פון טיכל דאָס רעפטל ברויט מיטן ציבל־קעלע, געמאַכט „המוציא" איינגעטינקט דעם כּזית ברויט אין זאַלץ צו נעמען דעם ערשטן ביסן, איז גלייך אָנגעפלויגן אַ קנויל ליים, וואָס האָט זיך צעקרישלט און דאָס זאַמד האָט זיך צעשאָטן איבער זיין באָרד, איבער דעם שטיקל ברויט מיטן ציבלקעלע, אַן אָפּגעשיילטס שוין, אַן איינגע־שניטנס, גרייט שוין צום עסן.

נתן חיימען, מיט זיין פּעקעלע עסן אין שויס, האָט פאַרפּעלט אָטעם. שטענדיק אַזוי, ווען נאָר ער זעט אַן אומרעכט, אַ געמיינקייט און ער איז גרייט זיך אַריינצומישן, פאַרפּעלט אים אָטעם, נעמט אים זעצן ס׳האַרץ און די בלוטן לויפן אים אין קאָפּ אַריין. אין אַזאַ צייט ווערט ביי אים אָפּגענומען דער שכל. ס׳איז רעכט ער זאָל זיך וואַרפן מיט די הוילע הענט אויפן גרעסטן ריז. ער זאָל כאַפּן אַ שער, ווי יענעם אָוונט אין וואַרשע, ווען דער מייסטער, דער הער זילבערבערג האָט צעשלאָגן דאָס לערניינגל ביז בלוט. האָט ער דאָס איצט זיך געטאָן אַ שטעל אויף, געכאַפּט דעם שפּאַדעל און צו צום שגץ.

די גויים אַרום, אַלע אויסגעזעצט אויף די אָנגעוואָרפענע בערגלעך ערד, יעדער מיט זיין פּעקל וואַרעמעס אין שויס, זיי, אין רעכטן מיטן פּרעס, האָבן, זעט אויס, געוואַרט אויף דעם. איידער נאָך ער האָט געהאַט אָנגעצילעוועט דעם רידעל אויפן קאָפּ פון שגץ, איז ער אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין אַ קלעם פון הענט און אָרעמס און אַלע האָבן זיי אים גענומען בויקערן[4] אין קאָפּ, אין פּנים, אין די זייטן. און ווי אים, אַזוי איז אַן אַנדער כאָפּטע באַפאַלן אברם יאַנקלען, אויך אינמיטן זיין לאָזן זיך מיטן רידעל צו יענעם שגץ און וואָס נאָך ערגער, די לאָבוזעס האָבן אַפילו דעם טאַטן נישט געשוינט.

ווען דאָס געשלעג האָט זיך געהאַט איינגעשטילט, האָט זיך נתן חיים געכאַפּט, אַז אויך באָליעק איז צעשלאָגן, אַז אויך ערווישט זיך דאָס בלוט, פון מויל, מיט איין חילוק נאָר, וואָס זיי, די ברידער און דעם פּאָטער, לאָזט

[3] חוזקדיק לאַכן. [4] שלאָגן.

מען איצט צורו, בעת אויף אים, באַליעקן, שטשירעט דאָס גאַנצע געזינדל מיט די ציין, זידלען אים:

— טי זשידאָווסקי פּאַכאָלעק,[5] פּאַר זשידעס נעמסטו דיך אָן?

צוזאַמען מיט באַליעקן זענען די צוויי ברידער נאָך געבליבן אַרבעטן, דער פֿאָטער אָבער, יערמע דוד, ער איז גלייך אויף צעמאָרגנס קריק־געפֿאָרן קיין פּילעוו.

[5] דן יידישער קנעכט.

קאַפּיטל זעקס

אַז פּאָניע האָט זיך געהאַט אַן עצה געטאָן מיט דער מאָביליזאַציע, די פּערד זענען געווען אין די געהעריקע אָפּטיילונגען, די זאַפּאַסניקעס צעשיקט אין די באַטאַליאָנען און פּאָלקן, האָט די אינטענדאַנטסטווע אָנגעהויבן אַרויסגעבן נייע באַשטעלונגען אויף מונדירן און שינעלן, אויף היטלען און שטיוול, אויף וואָלענע קאָלדרעס און אונטערוועש.

נאָך דעם זומערדיקן שטילשטאַנד, ווען מענטשן האָבן נישט געהאַט ווו די הענט אַהינצוטוען, איז דער לאַנג־געגאַרטער אויפלעב געקומען ווי אַ ברכה פון הימל אַראָפּ. וואַרשע האָט ווידער גערוישט און גערעשט. די באַרן און רעסטאָראַנען אַרום די יעראָזאָלימסקי אַלייען, אַרום דער נייער וועלט און מאַרשאַלקאָווסקע, האָבן ווידער געבלענדט און געפינקלט מיט ליכט ביז שפּעט אין די נעכט אַריין. מוזיק האָט געשפּילט, קעלנערס אין שוואַרצע פראַקן האָבן געהאַוועט, געטראָגן אויף זייערע זילבער־טאַצן שאַרפע קאָניאַקן און ווייַנען, פּולמעסאָקן מיט פּרעס, סערוויזן מיט נאַשעריי, קליאָשן מיט פּרוכט און אינמיטן זאַל, אויפן גלאַנציקן פּאַרקעט, האָבן זיך געדרייט אין פאַרשיכורטן טאַנץ גראָב־בייכיקע פּאָדראַטשיקעס, מלחמה־ליפעראַנטן, הויכע מיליטערלייט מיט גאָלד־בלישטשענדיקע שליפּעס, אַלע צוגעטוליעט צו זייערע האַלבנאַקעטע נקבות, געשמינקטע קאָקאָטן און שאַנסאָנעטקעס.

און ווי די שטיל־שוועבנדיקע דראָשקעס און קאַרעטן אויף די גומי־רעדער איבער די פּאַראַדנע, מיט האָלצערנע קלעצלעך ברוקירטע גאַסן, אַזוי האָבן גרויסע וועגן און פּלאַטפאָרמעס, הויך באַלאָדענע מיט באַלן כאַקי־שטאָף, מיט דיקע יוכטן און פריש געוואַלצטע זויל־לעדער, פאַרוישט די לופט מיטן געבראַזג פון זייערע שווערגעקאָוועטע רעדער איבער דעם שפּיציקן, שטיינערנעם ברוק פון גענשע און דזשיקע, פון דזשעלנע און ליעשנע גאַסן, ווו יידישע טרעגער מיט פאַרקאָלטנטע בערד און גראָבע שטריק אַרום זייערע לענדן האָבן שוין געוואַרט פאַר די טויערן, גרייט אַרויפצוטאַסקען אויף זייערע געבויגענע פּלייצעס די אָנגעברענגטע משא, אַרויף אויף די שטאָקן, אין די יידישע פאַבריקלעך און ווערקשטאַטן אַריין.

די צוויי ברידערלעך, ווי נאָר זיי האָבן דערהערט וועגן דעם אויפלעב, זענען זיי געקומען אָנצופאָרן קיין וואַרשע און שוין זיך געשטעלט אַרבעטן,

נתן חיים ביי מיליטערישע היטלען און אברם יאַנקל ביי זעלנערישע שטיוול. זיי האָבן איצט נישט באַדאַרפט אַרומלויפן זוכן אַ מיינסטער. וואַרשע האָט זיי אויסגעקוקט ווי מיט ליכט. אַז פּאַניע האָט אַרויסגעצויגן אַזויפיל טויזנטער און טויזנטער מענער אין דער מלחמה־אַריין, איז געוואָרן ליידיקלעך אין די פאַבריקן. מאַשינען זענען געשטאַנען ווי פאַרשעמט, אַבי נאָר ס׳האָבן זיך אַריינגעוויזן אַ פּאָר הענט, האָט מען נישט געפרעגט ווער און וואָס, נאָר אַרויסגערוקט אַ טאַבורעט און שוין איז מען געזעסן און געאַרבעט.

די ברידערלעך זענען זיכער געווען אַז שוין, איצט וועלן זיי מיט גאָטס הילף זיך קענען אויסגלייכן אַביסל, האָבן מיט וואָס צו העלפן דער היים, אַזוי צעבראָכן, פאַרטריבן אין אַ פרעמדער שטאָט און דער טאַטע פאַרדינט נישט אַ גראָשן פּרנסה. איז זיי גיך דער חלום צערונען געוואָרן. גראָד דעמאָלט האָט פּאַניען געגומען גיין אויף די פראָנטן מיט דער פוטער אַראָפּ. שטאָט אָנהאַלטן דאָס יאָגן דעם שונא טיפער אין זייערע לענדער אַריין, האָבן גאָר די דייטשן אויף איין זייט און די עסטרייכער אויף דער אַנדערער, גענומען טרייבן דעם רוס אויף צוריק!

ווי וויל די רוסישע קאָמאַנדע האָט נישט דורכגעלאָזט קיין ידיעות, און די יידישע בלעטער האָט די צענזור אינגאַנצן אָפּגעשטעלט, פאַרמאַכט, האָט דאָך קינד און קייט געוווסט פון דעם חורבן, וואָס יעקע און קירה האָבן אָנגעמאַכט אין די רוסישע אַרמייען. ביי טאַנענבערג אַליין, אַרום די מאַזורער אָזערעס, האָט דער רוס פאַרלוירן צענטליקער טויזנטער זעלנער. מלאַווע איז אַריינגעפאַלן צו די דייטשן. דאָס גאָווידוואָרער פעסטונג, וואָס דאַרף שיצן וואַרשע, האַלט זיך אויף משקולת און אויפן קירהשן פראָנט איז אויך נישט בעסער. בילגאָריי מיט אַ סך שטעט אויף יענער זייט לובלין זענען שוין פאַרנומען. זאָל אַזוי ווייטער גיין, וועט גאַנץ פּוילן גאָר גיך זיין ביים שונא אין די הענט.

אויף ווידער אָנצופילן די שיטערגעוואָרענע ראָטעס אין די פּאָלקן, האָט דער קיסר באַצייטנס שוין פאַררופן די צוואָנציקיעריקע. איז דאָס די צווויי ברידערלעך באַפאַלן אַן אימה. דאָס אָמאָליקע קליגן זיך, דעם טאַטנס, אַז כאָטש איינער פון זיי זאָל נישט דאַרפן גיין דינען, האָט זיך איצט אויסגעלאָזט צו זיין אַן אומגליק. שטאָט נאָר אברם יאַנקל, מוזן זיי איצט ביידע פאָרן זיך צושטעלן און ביידע וועלן נעבעך מוזן גיין אין דער מלחמה.

צוליב דעם אומגליק איז חנה לאה גיך געקומען צו לויפן קיין וואַרשע. נאָך דער אַרבעט האָט זי שוין געוואַרט אויף די זין ביים פעטער שמואל אין שטוב. די מומע גאָלדע האָט געשטעלט צום טיש טיי, אויפגעזאָטן וואַסער צוגעפאַרבט מיט אַ ביסל ציקאָריע, אָן צוקער. נאָר ווען אַפילו

ס׳זאָל געווען זיין אמתע טיי מיט צוקער, וואָלט דען ווער געטרונקען? ווערמען איז דען געלעגן אין זינען עסן, טרינקען? די מאַמע האָט אַפילו נישט געדענקט זיך נאָכצופרעגן ביי די זין אויף זייער געזינט. מיט פאַר־בראָכענע הענט איז זי געזעסן ביים טיש און זיך געוויגט אין דער ברייט ווי דער אומרו פון אַ זייגער:

— ווי מיר, ווי מאַאַן האַרץ, אָפּגעכאַוועט זיהן ווי לעכטיקע ביימע׳, איז איינע׳ שוין אין פייע׳ אין אַצינד וויל מען מיע׳ די צוויי אָאָך צינעמע׳! וווּס ׳עט זאַאַן?

— ווּס זאָל זאַאַן? ווּס ברענגסטי דיעך אַוועק? — איז נתן חיים צוגעקומען צום טיש אָן אַפילו צו זאָגן דער מאַמען „גוטן אָוונט“.

— זעי נאַ׳ ווי ריאיק עיע׳ רעדט! — האָט די מאַמע געשאָקלט דעם קאָפּ אין באַדויער אויפן זון, ווי ער וואָלט גאָרנישט באַנומען אין וואָסער סכנה ער איז. — עך קלעיעט זעי יעך גו׳ביש׳ צי טיע׳?

— ווּס זאָל מ׳ טיע׳? — האָט אברם יאַנקל זיך אַריינגעמישט.

— מיט דיע׳ — האָט די מאַמע גיך אָפּגעפּטרט דעם עלטערן זון, — אָב יעך ניש׳ קאַ דאגה. ביזט דעך דאַ׳ ווי אַ שפּוען. ׳עסט זעך אַביסל צי צעירן, לאָזן זיי דיעך גלאַאַך אַפּ. די אָבע׳, — האָט זי צוריק אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום יונגערן, — די ביזט נעבעך אַאַנגעשטעלט מיטן לעבן.

אַ ווייל איז געווען שטיל. די מומע גאָלדע איז אויפגעשטאַנען פון טיש און צוגעברענגט צוויי גלעזער מלחמה־טיי אויף פאַר די ברידער. אברם יאַנקל האָט שטום געקוקט אויף דעם פאַרעלע, וואָס הייבט זיך פון דעם גלאָז טיי, געגוי אַזוי האָט אין אים אָנגעהויבן אויפצוגיין די אַלטע קנאה צום יינגערן ברודער. אַפילו איצט, ווען ביידע זענען גלייך אין סכנה, זאָרגט די מאַמע אויך נאָר פאַר נתן חיימען, נאָר אים האָט זי אין זינען?

נאָך אַ ווייל שווייגן האָט נתן חיים זיך דערמאָנט אַ זאָג צו טאָן:

— מילאָ, אברם יאַנקלען ׳אָסטי שוין פאַ׳זאָרגט. ווּסזשע ווילסטי זאָל יעך טיע׳?

— יעך ווייס? — האָט די מאַמע זיך ווידער גענומען וויגן, ברעכן די הענט. — אפשר אָן אויע׳? — אַ קריזש? אפשר אַ פינגע׳ פין אַ פיס?

— מאַמע, — האָט נתן חיים שאַרף און דעצידירט איר געטאָן אַ שניט אָפּ, — יעך ׳על מיעך ניש׳ מאַכן פאַר אַ קאַליקע!

— ווי מאַאַן האַרץ, — האָט די מאַמע שוין נישט געקענט מער איינהאַלטן די טרערן, — יעך וויל דען זאָלסט זעך חלילה מאַכן פאַר אַ קאַליקע? יעך וויל נאַ׳ זאָלסט זעך ראַטעווע׳ פין פייע׳!

— זעך ראַטעווע׳, — האָט נתן חיים מיט ביטערניש איבערגעחזרט דער מאַמעס זאָג און דערביי חוזקדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. — ווּיע

ראַטעוועט זעך האָאַנט? וועימען לאָזן זיי דען אָפּ? ס׳העלפט דען אַ חיסרון?

די גאַנצע צייט איז דער פעטער שמואל מיטן קאַמץ־בערדל און פאַר־טאַבעקטע וואָנסעס געזעסן ביים טיש און זיך נישט אַריינגעמישט מיט קיין וואָרט. איצט אָבער צו פאַרווייכן אַביסל נתן חיימס שאַרפע רייד, די שוועסטער זאָל צוליב זיי נישט אויסב..עכן אין אַ ניי געיאָמער, האָט ער זיך אָנגערופן:

— אָן אויער, יאָק אָן אויער, פינגער אָבער איז אַ זיכערע זאַך.

— פעטע׳, — האָט נתן חיים זיך שאַרף אַ קער געטאָן צו אים, — יעך ׳על מיע ניש׳ לאָזן אָפּהאַקן קאַ פינגע׳!

— ווער זאָגט דען אָפּהאַקן? — האָט דער פעטער שמואל געהויבן די אַקסלען. — זיי נעמען אַראָפּ פינגער מיט אַ שמירעכץ.

— דוס זוג יעך דעך! — האָט זיך שוין די מאַמע געפילט געשטאַרקט אין איר דעה. — ס׳גלאַאַכע׳ מיט אַ מום אין לאַנד, איידע׳, חלילה, אָן אַ מום אין זאַמד.

מילא, מיט דער מאַמען און מיטן פעטער איז נתן חיים גיך מושווה געוואָרן. ער מאַכט זיך נישט קיין חיסרון און שוין! אָבער מיט זיך אַליין איז ער נישט אַזוי גיך געווען פאַרטיק. אַז די מאַמע האָט אַהיימגענומען אברם יאַנקלען זיך צערן, זען ער זאָל אַראָפּוואַרפן פון זיין אויסגעמאָ־גערטן גוף כאָטש אַ צען פונט און ער, נתן חיים, איז געבליבן אַליין אין וואַרשע, האָט ערשט דער מוח זיינער אָנגעהויבן פיבערן און דער וואָרעם אין האַרץ נאָגן. וואָס וועט דאָך זיין? ער וויל נישט גיין אין דער מלחמה געהרגעט ווערן פאַר פאָניע גנב! און פאַרוואָס זאָל ער דאָס יאָ וועלן? פאַר די פאָגראָמען אויף יידן? פאַר די בלוט־בלבולים? פאַרן ביילים־פּראָצעס? פאַר די בלבולים וועגן געהיימע טעלעפאָנען? וועגן שפּיאָנירן פאַרן שונא? איצט נאָך דאָס אַרויסגעטריבן ווערן פון די שטעט, פון די היימען און מאַכן אַזויפיל יידן פאַר בעטלער! דאַרף ער, הייסט עס, זיך יאָ לאָזן מאַכן אַ פעלער, ווערן אַ קאַליקע!

קיינמאָל פריער איז נתן חיים נישט געווען אַזוי זעלבסטבאַוווסט איבער זיין שטאַלטנעקייט און וווקס, איבער זיין אויסזען, ווי ער איז דאָס געווען איצט, זינט עס איז אויפגעקומען דאָס גערייד ער זאָל זיך מאַכן אַ חיסרון. פון מאָל צו מאָל, דורך אַ וואָרט, דורך אַ ריס ביי דער האָר, וואָס אַ מיינסטראָווע, אָדער שיינדעלע האָבן אים אַמאָל געטאָן, האָט ער פאַרשטאַנען אַז מ׳האַלט אים פאַר אַ פאַרשויך. אַליין אָבער, נישט ער האָט זיך געשפּיגלט און נישט ס׳איז אים איינגעפאַלן וועגן דעם צו טראַכטן. איצט אָבער איז ער מיטאיינמאָל געוואָרן זעלבסטבאַוווסט וועגן זיין שטאַלטנעקייט, וועגן דער הויכקייט און שיינקייט אויף זיין אויסזען.

זאָל ער דאָס אַליין, מיט די אייגענע הענט צעשטערן? מ׳זאָגט זיך אַזוי גרינג אָפּ: אַ פּייפער! ערשטנס איז מען גאָרנישט אַזוי זיכער צי אַ פּייפער, אַן אויער הייסט עס, העלפט. נאָר ווען אַפילו יאָ? אַ לעבן לאַנג מוז אַזאַ איינער האַלטן דאָס אויער פאַרשטאָפּט מיט וואַטע, געטונקענע אין וואַרע־מען בוימאייל. פון קלענסטן ווינטעלע איז ער פאַרביי. טוט ער אַ שנייץ די נאָז, הילכט אָפּ אַ פּיף ווי פון אַ לאָקאָמאָטיוו. דעסטגלייכן אַ קריזש. דאָס איז דאָך בלויז אַ שיינער נאָמען פאַר אַ מיאוסער קילע! אַ ברוך אין דיך, וואָס ביז די געדערעם לאָזן זיך דיר נישט אַראָפּ, עס זאָל ווערן אַ גאַנצע באָדניע,[1] לאָזט דיך פּאָניע נישט אָפּ. בלויז אין פינגער איז דער פעטער שמואל אפשר גערעכט. איז דאָך דאָס גאָר צוויי און פון רעכטן פוס, איין פינגער איז פאַר פּאָניען נישט גענוג!

אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַרזונקענער איז ער אַזוי איינמאָל געגאַנגען פון די נאַלעווקעס אַריין אין גענשע, פון דאָרט אַרויס אויף דזשיקע, גרייט אַרויפצוגיין צו ראובנען אין רעסטאָראַן מיטאָג־עסן:

— זעי נאָ׳ווּעימען יעך זעי! — האָט ער געטאָן אַ שטעק אויס די האַנט אין גרויס איבעראַשונג. — זעי נאָ׳, זעי, אין איין שטאָט, אין איין פּאַך, אין זעך אַזוי לאַנג ניש׳ געזעין. ווי לאַנג אי׳ שוין אַז יעך בין אַוועק פין שליאַמעקן צים לאָדזשע׳? וווסזשע מאַכסטי, ברוך? מאַאַן מאַמע זאָגט טאַקע: „אַלע גיטע זאַכן קימען אימגערעכט״. ווייסט? — האָט ער אַ צי געטאָן דעם פריינט נענטער צו זיך, — ׳אָסט זעך גו׳ניש׳ געביטן. גייסט נאָך אַלץ אין אַ יידיש היטל, אין אַ געהאַקטע׳ קאַפּעטע. ביזט נאָך אַוודאי דער גבאי פין דאַאַן חברה בחורים. דאַ׳ציילזשע מיע׳ ווּס די מאַכסט?

— וואָס זאָל איך מאַכן? — האָט ברוך אים צוריקגעפרעגט אַזוי שטיל, אַזוי הייזעריק, אַז נתן חיים האָט אַזש אויפגעציטערט:

— ווּסי? ביזט, חלילה, קראַנק?

— ס׳גאָרנישט. בלויז זיך אַביסל פאַרקילט. — האָט דער ברוך געפּרוּווט צורייבן, מאַכן צונישט די הייזעריקייט זיינע.

מיט אַ פאַרזשמורעטן בליק האָט נתן חיים פּאַוואָליע אָפּגעפּאָרשט דעם פריינט. זיין פלאַטשיק מאַכן דאָס הייזעריק זיין האָט אים נישט געגומען. עפּעס איז אים דאָ געווען פאַרדעכטיק! דאָס איז עפּעס נישט געווען קיין כריפּעדיקע הייזעריקייט, וואָס קומט פון אַ פאַרקילונג. אַזאַ שטילע, ווייך־סאַמעטענע הייזעריקייט הערט מען נאָר ביי שווינדזיכטיקע אין זייער לעצטער סטאַדיע, ווען מיט די בלוטשטורצן האָבן זיי שוין אויס־געשפּיגן זייערע לעצטע לעבנס־זאַפטן. דער ברוך, אָבער, זעט נישט,

[1] אַ פעסל.

חלילה, אויס צו זיין אזא חלוש. פאַרקערט, ס׳בלוט שפּראָצט אים פון פּנים, פון קאַרק און דער כוח שפּאַרט אים פון הינטער דער ענג געוואַ־רענער קאַפּעטע. ווי קומט ער צו די שווינדזיכטיק הייזעריקע, מיט די קרענקלעך רויטע בעקעלעך און געל, אָפּגעשטאַרבענע הענט! נייך, די הייזעריקייט, דאָס שטאַמלען זיינס, האָט אַוודאי צו טוען מיט יענע זאַכן...

פלוצים איז אים אין דמיון דורכגעלאָפן אַ דערמאָנונג: אוי, ער איז דאָך אַ צוואַנציק־יעריקער, דער ברוך!

ווי דאָס איז נישט זיין טבע זיך אַנצוואַרפן, אַריינצוקריכן מיט זיינע שטיוול צו יענעם אין האַרץ, איז ער דאָך צוגעשטאַנען, געוואָרן צודרייג־לעך. דאָס איז דאָך נישט גלאַט אַזוי אַריינשטעקן די נאָז צווישן אַ קרענקל־מענטשן צו שטילן אַ קרענקלעכן נייגיר. דאָ האַנדלט זיך דאָך אין דערוויסן זיך עפּעס, וואָס קען מיינען פאַר אים, נתן חיימען, לעבן אָדער טויט!

— ברוך, — האָט ער געקוקט דעם פריינט מיט געבעט אין די אויגן אַריין, — פאַ׳ מיע׳ דאַרפסטי זעך ניש׳ היטן. יעך זע דעך אַז דוס אי׳ ניש׳ קאַ פאַ׳קילינג.

ברוך האָט זיך אַרומגעקוקט. די דזשיקע גאַס האָט געררוישט מיט די דורכציענדיקע פלאַטפאַרמעס, פאַרגלושעט די אויערן מיטן געקלינגעריי פון די פאַרבייפליענדיקע טראַמווייען.

— גייסט עסן? — האָט ער אַ צי געטוען נתן חיימען נאָך זיך.

זיי זענען אַרויף אין רעסטאָראַן, זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקעלע, שיער נישט הינטער די פאָרטיערן צווישן די פענצטער. רעגינע, די קעל־נערין, אַן עלטער מיידל מיט אַ לאַנג פּנים, גרויסע, פערדישע ציין, די בלאָנדע צעפּ פאַרלייגט אַרום קאָפּ ווי אַ קראַנץ, איז צוגעקומען מיטן ווייסן פאַרטעכל איבערן איינגעפאַלענעם בויך:

— וואָס ווילן די הערשאַפטן עסן אויף פאַרשפּייז? געהאַקטע לעבער? גראַשלעך? מילך מיט לינגלעך?

ווי די מלחמה איז געווען אין פולן ברען, שטעט און דערפער זענען אַוועק מיטן פלאַם, איז נאָך אין וואַרשע געווען גענוג פלייש און ברויט און קאַרטאָפל. שלעכט איז נאָר געווען מיט טיי, מיט צוקער און געטרוקנטע פרוכטן. אויך קיין ציטרין האָט מען שוין נישט געזען. פון שעפּטאַלן צום פלוימענצימעס האָט מען שוין אינגאַנצן פאַרגעסן!

— יאָ, אַזוי איז דאָס. — האָט ברוך, מער אויפן ווונק ווי מיט רייד, מודה געווען אַז וואָס ער, נתן חיים, פאַרדעכטיקט, איז אמת. — איך האָב אַלעמאָל געוווסט אַז ווען, וועמען, אָבער דיר, נתן חימל קען קיינער נישט נעמען אויף זיכער! אָבער זאָג מיר, גוטער ברודער, וואָס עפּעס גייט עס דיר אַזוי אין לעבן צו וויסן? אויב איך מאַך נישט קיין טעות, דאַרפסטו ערשט זיין וואָסערע זיבעצן יאָר.

— אַפילו נאָך נישט קאַ גאַנצע זיבעצן! — האָט נתן חיים טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. — די ווייסט אָבע׳ ניש׳ ווס מאַאַן קליגע׳ טאַטע ׳אָט אָפּגעטיען! ער ׳אָט מיעך מיט מאַאַן ברידע׳ אברם יאַנקל, קענסט דעך עים, פאַ׳שריבן ווי אַ צווילינג. ער ׳אָט געוואָלט מיע׳ זאָלן ׳אָבן אַ ליעגאָטע, ׳אָט ער מיעך פאַרשריבן אָף אברם יאַנקלס יורן, זענע׳ מיע ביידע יעצט אין פּאַק!

ברוך האָט געזופּט די טיי, גענומען אַלע ווייל אַ קריש פלוים אין מויל אַריין, צו פאַרזיסן דאָס מיתה־משונה־געטראַנק, דערביי האָט ער געפּאָרשט נתן חיימען, נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון אים. ער האָט זיך נאָך אַלץ געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל, אַפילו אַזאַ ערנסט און ערלעכן בחור ווי נתן חיימען, אָנפאַרטרויען אַזאַ סוד. ער וואָלט אַוודאי נאָך איצט זיך געוואָלט אַרויסדרייען דערפון, אין האַרץ זיך געמאַכט פאָרווורפן, וואָס ער האָט זיך נאָכגעגעבן דעם געשמדטן האַלדז צו גיין עסן מיטאָג צו ראובנען. ער האָט דאָך געדאַרפט וויסן אַז דאָ קען ער אָנטרעפן ווּעמען פון די באַקאַנטע. ס׳איז אָבער פאַרפאַלן! ער וועט זיך שוין איצט נישט אַרויסדרייען. נתן חיימען וועט ער נישט קענען פאַררעדן די ציין!

מיט דער פלוימענקער אין מויל האָט ער שטיל געפליסטערט אַריבערן טישל, כאָטש צוליבן געבראַזג פון טעלער, צוליבן געקלאַנג פון געשיר און דעם גערעדעריי פון די עסער, וואָלט אים סייווי קיינער נישט געהערט ווען ער רעדט אַפילו הויך אויפן קול:

— פאַרשטייסט, נתן חיים, ווען דו וואָלסט געדאַרפט זיך שטעלן אין מיין פּאָזיציאַט, פאַר דער זעלבער פּריסוסטווע וואָס איך, וואָלסטו געמעגט זיין מיין ברודער, וואָלט עס דיר אויך נישט געהאָלפן, אַזוי אָבער קען איך דיר פאַרטרויען. אויב דו ווילסט קען איך דיך נעמען צום מאַכער.

— דוס איז געמאכט? — האָט נתן חיים, פון גרויס איבערראַשונג, פאַרגעסן ווו ער איז און זיך געטאָן אַ כאַפּ ביים קאָפּ.

— ש,ש,ש! — האָט אים ברוך מיטן בליק געוויזן אויף די מענטשן אַרום. — געדענק, ווענט האָבן אויערן!

קאַפּיטל זיבן

„די טרייפענע יאַטקעס“, אַ ריזיקער, פּירעקיקער הויף, מיט קיזל־שטיינער ברוקירט, איז געווען אַ שטאָט אין דער שטאָט וואַרשע. לויטן נאָמען וואָלט אַ פרעמדער געקענט מיינען, אַז דער הויף איז פול מיט חזיר־יאַטקעס, מיט קצבים פון טריפה פלייש. אַמאָל איז אפשר אַזוי געווען. זינט אָבער וואַרשע איז וואַרשע, איז דאָס אַ כשרער הויף מיט אַ וואַלד פון פּאַבריקלעך און וואַרשטאַטן פון הענטשקעס און טריקאָטאַזש, פון שטעקעלעך און פּאַראַסאָלן, פון היטלען און קאָרסעטן, פון לעדערנע בייטעלעך און געגריוועט־שוסטעריי.

געהאַט האָט דער הויף צוויי טויערן, איינס אונטער דער פּיר־שטאָקיקערקאַמעניצע, פול מיט לעדער־סקלאַדעס אַרויס אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס און דאָס צווייטע, אַרויס אויף דער וואָלאָווער, צווישן צוויי נידעריקע הייזער, אָנגעפּאַקטע מיט געוועלבער פון שניט און פוטער־וואַרג, מיט אַלט־אָנטועכץ און צודאַטן פאַר אַלערליי באַלמעלאָכעס.

דאָס געגיי און געפּאָר אַריין און אַרויס פון דעם הויף האָט נישט אויפגעהערט ביז שפּעט אין אָוונט אַריין. שטענדיק איז דאָ געשטאַנען אַ גערויש און געטומל פון הענדלער און קונים, פון די זיצערקעס ביי די געשטעלן און די כמאַרעס ווייבער, געקומענע זוכן מציאות. די לופט אין דעם הויף איז געווען געדיכט און שווער, פול מיט די ריחות פון יוכטן און צוגעלעגן אויבסט, פון אונטערגעפוילטע קאַרטאָפל און גערייכטע גריצן פון די פיל גאָרקיכן און אכסניות.

ווי ביי אַלע טויערן אין וואַרשע, זענען אויך דאָ געזעסן סטרוזשעס פון פּאַרנאַכט ביז עלף אַזייגער און געהאַלטן אַן אויג אויף דעם אַריין און אַרויס פון הויף. דאָס טויער אָבער צו דער וואָלאָווער, אַ ברייט צעעפנטער אַריינפאָר צווישן די צוויי הייזער, איז געווען שווער צו דערהיטן. דאָס געווימל האָט דאָ גאָרנישט אויפגעהערט. חוץ די קרעמער און איינוווינער, זענען ביז שפּעט אין דער נאַכט, דורך דעם טויער, אַריין און אַרויס די אָנגעפּאָרענע סוחרימלעך, יידן און יידענעס פון ווייט און ברייט אַרום.

אין דעם הויף אַריין האָט דאָס ברוך אין יענעם אָוונט אַריינגעפירט דעם קאָלעגע זיינעם, נתן חיימען. נישט די סטרוזשעס ביי די טויערן און נישט דער וואַרשעווער פּאָליציי וואָלט געקאָנט איינפאַלן, אַז דאָ, אין אַ

ווינקעלע, אויף אַן אויבערשטן שטאָק, צווישן אַלערליי פּאַבריקלעך, גייט אויך אַן אַ פּאַבריקל אויף איבערצוקליגן דעם רוסישן קיסר.

שוין ביים אַריינקום אין שטוב, אַ שוואַך באַלויכטענע פון נאַפט־לעמפּל אויף דער וואַנט, האָט נתן חיים איינגעזען, אַז דאָס שילדל איינ־דרויסן און די צוויי הענטשקע־מאַשינדלעך צווישן די צוויי פענצטער, פאַרהאָנגענע מיט שווערע דעקעס, זענען מער צו פאַרבלענדן די אויגן פון אַן אומגעבעטענעם אַריינקומער, איידער צו אַרבעטן אויף זיי.

חוץ דעם באַלעבאָס, אַ זשוואַווע מענטשל מיט אַ גאָלדיק זאַראָסטל אַרום זיינע צופרידן־גלאַנציקע בעקלעך, איז דאָ נישט געווען נישט קיין פרוי און נישט קיין קינדער, נאָר אַ זעקס זיבן יונגעלייט, אויסגעזעצט אַרום און אַרום שטוב. און דער באַלעבאָס, ווי אַ לערער אין אַ קלאַס־צימער, איז געשטאַנען אויבן־אָן אין די בלויזע העמד־אַרבל, דאָס יידישע היטעלע אַרונטער צום קאַרק, דאָס שוואַרץ־ריפּסענע שניפּסל אונטער דעם יידישלעכן קאָלנער — פאַררוקט אין אַ זייט, ווי תמיד ביי שטאַרק צעטראָגענע מענטשן.

נתן חיימס אַריינקומען האָט, זעט אויס, איבערגעריסן דעם גאַנג פון לערנען. ברוך, שוין אַ באַקאַנטער דאָ, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט, מיט אים אָבער, אַ נייגעקומענעם, האָט זיך דאָס מענטשל היפּש לאַנג געסודעט. ערשט נאָכן צונעמען ביי אים די געברענגטע פינף און צוואַנ־ציק קערבלעך ווי אַן אַדערויף פאַרן אַריינגעמען אים אַלס תלמיד, האָט דער לערער אויפסניי זיך גענומען צום קלאַס, זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט ביי איינעם פון די אַרומזיצנדיקע, געהייסן אים אַ רעד טוען, זיך איינגע־הערט אין יענעמס הייזעריקייט, אַ שטייגער ווי אַ מוזיק־פּראָפעסאָר הערט זיך איין אין טאָן פון זיין שילערס פידעלע און דערביי, ווי יענער מויזק־פּראָפעסאָר, גענומען אַ טאָן אויף זיין אייגענער, גוט אָנגעשטעלטער, ווייך־סאַמעטענער הייזעריקייט.

— געדענקט, פּאַנאָוויע, — האָט ער כריפּענדיק־הייזעריק איינגע־קנעלט מיט זיין קלאַס תלמידים, — די קונץ איז נישט גלאַט צו רעדן שטיל! שטיל רעדן קען יעדער איינער. די קונץ איז צו רעדן אַזוי הייזע־ריק, אַז יעדן איינעם זאָל זיך דאַכטן, אַז אייער קול רייסט זיך צו רעדן הויך, נאָר עס קען נישט. אָט, הערט זיך גוט איין ווי ביי מיר רייסט זיך דאָס קול מיט אַ ווייכן כריפּ. איר מוזט זיך אויך אַריינהאַקן אין קאָפּ אַז איר קענט מער נישט רעדן הויך! דאָס איז זייער וויכטיק! דער זיכרון, פּאַנאָוויע, העלפט זיך אויסצוהיטן פון אַריינפאַלן אומגעריכט: שטעלט אייך פאַר דער דאָקטאָר אין פּריסוסטוואָ פאַרדעכטיקט און, שטאָט אַהיים, שיקט ער אייך אין שפּיטאָל און ער הייסט דעם סאַניטאַר אינמיטן דער נאַכט אייך פּלוצים אויפוועקן פון שלאָף, אפשר נאָך דורך אַ שטאָך מיט

אַ שפּילקע, אָדער אַ ברי פון אַן אַנגעגליט אײַזן. אויב אײַער זיכּרון וועט נישט זײַן דורכגענומען מיט דער עקשנות אַז איר זענט טאַקע הייזעריק, קען געשען איר זאָלט טאָן אַ געשריי אויפן קול. דעמאָלט איז די בראָך פּאַרטיק! דאָ, מײַנע הערן, ליגט די געפֿאַר!

— און איר יונגערמאַן, — איז ער צוגעקומען צו נתן חיימען, — איר קענט מער נישט רעדן הויך! איר מוזט אויך זיך גלײַך איבערציען אין אַ דירה ווּ קיינער קען אײַך נישט. איר מוזט זיך אויך אויפזוכן אַן אַנדער שטעלע צו דער אַרבעט. „וואָפּשטשע"[1] מײַדט אויס צו טרעפן זיך מיט באַקאַנטע!

נאָך דעם אַנזאָג איז דאָס מענטשל צוגעגאַנגען צום שויבנשענקל, אַרויסגענומען אַ פלעשל מיט אַ ברוינלעך־רויטער פליסיקייט און עס דערלאַנגט נתן חיימען:

— און מיט דעם זאָלט איר גאָרגליען דעם האַלדז אַלע צוויי שעה. נישט גלאַט שווענקען, גאָרגליען און וואָס טיפער אין האַלדז אַריין. אַהער זאָלט איר קומען יעדן אָוונט פאַר נײַן אַ זייגער, כּדי באַלד נאָך צען זאָלט איר קענען ווערן אַ האַז!

מילאָ, דאָס אויסזוכן זיך אַ נײַע שטעלע איז פאַר נתן חיימען נישט געווען פון די גרויסע זאַכן. שטעלעס אין וואַרשע זענען דענצמאָל געווען מער ווי געזעלן. אָבער אַ נײַע סטאַנציע צום שלאָפן, דאָס איז שוין גאָר־נישט געווען פון די קלייניקייטן. זינט די רוסישע מיליטער־קאָמאַנדע האָט גענומען אַרויסטרײַבן די יידן פון זייערע שטעט און היימען, איז וואַרשע איבערגעפּאַקט! ווי אַ חתונה־זאַל, אַ מקום תּפילה, אַן עפנטלע־כער אַנשטאַלט, אומעטום וואַלגערן זיך די היימלאָזע און דער צושטראָם פון זיי הערט גאָרנישט אויף. יעדן טאָג קומען אָן אַלץ מער אַרויסגע־טריבענע קהילות מיט זייערע ווײַבער און קינדער, מיט זייערע קימפּעטאָ־רינס און קראַנקע. די מערסטע פון זיי קומען צופוס מיט קליינע טלומעקעס אויף די פּלייצעס. בלויז די אַלטע און שלאַפע פאָרן נאָך, אײַנגעטוליעטע אין בעטגעוואַנט, אויף קליינע, בעל עגלהשע וועגעלעך, געשפּאַנטע צו האַלב־בלינדע פגירות, וואָס פּאַניע האָט זיי אויסבראַקירט אין דער מאָבי־ליזאַציע.

פונדעסטוועגן, נאָך לאַנגן אַרומזוכן, האָט ער דאָך געקראָגן צו דינגען אַ בעטל בײַ אַן אלמנה אויף דער גענשע גאַס. געמיינט האָט ער, אַז די פּאַני קאַופמאַן, אַ יידענע מיט רויטע בעקעלעך, דינע ליפּן און פלינקע, שוואַרצע אויגן, וועט זיך קווענקלען, נישט וועלן אים פאַר אַ לאָקאַטאָר צוליב זײַן הייזעריקייט, וואָס קען מיינען אַז ער איז חלילה אַ סוכאָטניק.

[1] בכלל.

אַרויסגעוויזן אָבער האָט זיך, אַז די פּרוּוו, אַ געבּיפּטע וואַרשעווער מעקלערן, וואָס האָט, נאָכן מאַנס טויט, געמוזט אַליין זיך איינשפּאַנען אין דעם אויפציען אירע פינף קינדער, אַ נאָרוואָס אויסגעגעבענע טאָכ־טער, וואָס אַכט טעג נאָר איר חתונה האָט דער מאַן געמוזט עוקר זיין קיין אַמעריקע צוליבן מיליטער און פיר זיך, וואָס דער ייִנגסטער איז שוין אַריבער די בר־מצווה. די ייִדענע האָט זיך גלייך געכאַפּט וואָס דעם בחורס הייזעריקייט איז און, שטאָט אים עפּעס זאָגן, האָט זי גאָר זייטיק־לעך אַ ווינק געטאָן צו דער טאָכטער, ווי איינער רעדט: דער ליעשטש מיינט אַוודאי ער האָט דאָ אַריינגעטראָפן צו אַ פרייערן! אויך צו אים, נתן חיימען, האָט זי געטאָן אַ ווינק מיט אַן אייגל:

— פאַר אונדז דאַרפן זי זיך נישט היטן. זי זענען דאָ נישט דער איינציקער...

און ער איז טאַקע דאָרט נישט געווען דער איינציקער. איר אייגענער זון, טוביה, גרייט זיך יענעם פייפער! נישט בלויז טוט עס אַ פייף ביים שנייצן די נאָז, נאָר עס רינט אים פון אויער, אַז דער אויבערשטער זאָל זיך מרחם זיין. מאיר, דער לאָקאַטאָר דאָ, גרייט זיך אַ פוס. נישט קיין אָפּגעהאַקטער פינגער. אַזאַ פרייער איז דער מאיר נישט. ווי ער מיט זיין הייזעריקייט, אַזוי קומט אויך דער מאיר אויף דער מלחמה־חתונה מיט אַ פאַרבלענדעניש, אַ מין פאַרך אויפן רעכטן שיביין.

מיט טוביהען פון איין זייט און דעם מאירן פון דער צווייטער, האָט זיך נתן חיים דאָ געפילט גאָר אויפגעהייטערט, נישט בלויז ווייל ער איז זיכער באַפרייט צו ווערן, נאָר, דער עיקר, וואָס ער קומט אָפּ מיט שהי־פהי, אַ חסרון, וואָס איז גאָר קיין חסרון נישט, בעת אַנדערע פאַרקריפּלען זיך אויפן גאַנצן לעבן.

אַזוי האָט נתן חיימל זיך געפילט אין וואַרשע, אָבער דער טאַטע זיינער אין פּילעוו איז שוין גאָרנישט געווען אויפגעהייטערט. פאַרקערט, ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אַן אַ קאָפּ. דאָס האָט ער דאָך גורם געווען דעם ייִנגל זיין גאַנץ אומגליק! ווען ער וואָלט אים נישט קליינערהייט פאַרשריבן אַ צווילינג מיט אברם יאַנקלען, וואָלט דאָך נתן חיים נישט געווען אין דעם פייער!

וויפל דאָס ווייב, חנה לאה, האָט אים נישט אויסגערעדט, האָט אַלץ נישט געהאָלפן. מילא, אברם יאַנקל לייגט זיך אים נאָך אויפן שכל, דער ייִנגג איז דאַר ווי אַ שפּאַן און געל ווי אַ מת. דער רוסישער קיסר דאַרף ליגן ביין איילן אין דער אדמה, ער זאָל שוין מוזן נעמען אַזאַ דרויבע פאַר אַ זעלנער! ס'האַרץ שרעקט זיך אים אָבער פאַרן ייִנגערן. אַפילו איצט, ביים גרייטן זיך צום פּריזיוו, ווייזט דאָס נתן חיימל וואָסער שטיקל סחורה ער איז! נישט ער וויל זיך לאָזן מאַכן אַ לייטישן חסרון, נישט ער צערט

זיך ווי אברם יאַנקל, נאָר פאַרלאָזט זיך אויף עפּעס אַ הייזעריקייט, וואָס איז גאָלע אָפּנאַרעריי! נתן חיימל מיינט אַז אַלע וועלן בלייבן די נאַראָנים, נאָר ער איינער וועט זיין דער חכם! די דאָקטוירים, דער פּאָוויאַטאָווע נאַטשאַלניק, אַלע וועלן פּלוצלינג ווערן בלינד און, שטאָט אין דער מלחמה, וועלן זיי אים שיקן קיין אָטוואָצק אין אַ, ווי הייסט עס דאָרט? אַ סאַנאַ־טאָריע!

איז ווי קען ער, דער טאַטע, זיין געהייטערט, אַז זיין האַרץ קורטשעט זיך אין יסורים. ממה נפשך, וועט מען דאָס יינגל באַפרייען, איז דאָס אַ סימן אַז דער מאַכער, אַ וואַרשעווער גנב דאָרט, האָט אים אַנגעאַרבעט אין האַלדז ווער ווייסט נעבעך וואָס! אלא ווידער נישט, דאָס הייזעריקייט איז נאָר אַן אויגן־פאַרבלענדעניש, איז דאָך דער יינג אין פייער!

ווי וויל ער האָט געוווסט, אַז ער וועט ביי נתן חיימען גאָרנישט פּועלן, האָט זיך דאָך יערמע דוד געריסן קיין וואַרשע. געוואַלט און גע־שריגן! ווי איז גאָר אַזוינס געהערט געוואָרן? ער וועט דאָך נישט האָבן קיין פאַרענטפער פאַר גאָט! אַריינגעפּירט דאָס יינגל אין אַ צווילינג־אומגליק און ער טוט גאָרנישט אים אַרויסצוראַטעווען. אַ זיבעצן יעריק יינגל אַליין אין וואַרשע — ווער ווייסט אין וואָסער צרה ער דרייט זיך דאָרט אַריין!

ווי חנה לאה האָט אים אָפּגערעדט ער זאָל נישט פאָרן, איז ער דאָך אַוועק קיין וואַרשע, אפשר וועט ער פאָרט איינרעדן נתן חיימען, אויב נישט אַראָפּנעמען אַ צוויי פינגער פון אַ פּוס, זאָל ער זיך כאָטש לאָזן מאַכן אַ בעלמע אויף אַן אויג, עפּעס, אויף וואָס מ׳קען זיך שטעלן! איז ער באַלד, ביים אָנקומען קיין וואַרשע, געבליבן אָן לשון. נתן חיימלס הייזעריקייט האָט אים פּריטשמיעליעט! אַפילו דער הייזעריקער טשואיש אין מאָדזשיץ, האָט דאָך אַ קול. דער יינג אָבער? ני, וואָס ׳עט ער שוין רעדן! הלוואי זאָל ער, דער טאַטע, בלייבן דער נאַר. דער יינג האָט זיך נעבעך געשאָכטן אָן אַ מעסער!

טאַמער איז אים זיין אייגענע דעה געווען ווייניק, האָבן נאָך די פּאַסאַזשירן אין באַן, אויפן וועג אַ היים, אים צוגעזאָליעט אויפן האַרץ. איינער ביי איינעם, ווי נאָר זיי האָבן געהערט נתן חיימס הייזעריקייט, זענען זיי געוואָרן ווייס ווי קאַלך און אים, דעם טאַטן, געראָטן ער זאָל שוין אויסדרייען דעם דישעל און פאָרן קריק קיין וואַרשע מיטן יינגל צו אַ האַלדז־דאָקטאָר. אָט דאָס האָט שוין יערמע דודן אין גאַנצן צעמישט. פון איין זייט האָט אין אים אויפגעטויכט אַ האָפענונג — אויב מענטשן ווערן אַזוי צערודערט פון דעם יינגלס הייזעריקייט, איז עס דאָך עפּעס! קען דאָך זיין, אַז אויך די דאָקטוירים זאָלן זיך דערשרעקן און אים טאַקע באַפרייען. פון דער אַנדערער זייט האָט די מענטשנס וואָרענען אים שוין צו לויפן מיטן יינגל צו אַ דאָקטאָר, אים גאָר דערשראָקן. אַז מענטשן ווערן

אַזוי פאַרציטערט, איז דאָס אַ שלעכטער סימן! מיינט דאָס, אַז נתן חיים איז אַריינגעפאַלן צו אַ גנב, אַ זבראַדניאַרזש, וואָס אי ר'האָט ביי אים צוגענומען הונדערט קערבלעך, אי ר'האָט אים געמאַכט פאַר אַ סוכאַטניק!

אין טאָג, ווען די צוויי זין האָבן זיך געדאַרפט שטעלן פאַר דער קאָ־מיסיע, האָט ער, יערמע דוד געפאַסט, געזעסן פון באַגין אָן איבערן תהילימל. די מאַמע, חנה לאה, איז מיט זיי אַוועק צו דער פּריסוטסטוואָ, געמיינט מיט איר זיין דאָרט וועט זי שיצן אירע קינדער, אויסהיטן זיי פון גוי׳שקע הענט. צוגלייך מיט אַנדערע טאַטעס און מאַמעס איז זי דאָרט געגאַנגען אויף און אָפּ דעם טראָטואַר, פאַרהויבן אַלע ווייל דעם בליק אַרויף, צום הימל, צו די ברייט צעעפנטע פענצטער פון דער קאַנצעליאַר, טאָמער וועט זי עפּעס הערן, אויפכאַפּן אַ סלוך, אַ וואָרט. ער אָבער, יערמע דוד, איז נישט אָפּגעטרעטן פון ספרל. צו די קאַפּיטלען תהילים, וואָס ער פאַרשטייט נעבעך נישט דעם פּירוש המילות, האָט ער אַריינגעקלאָגט אייגענע רייד:

— רבונו של עולם, לייבל משה איז אין פייע׳, אברם יאַנקל האָט זעך פאַ׳מאָרעט, איז נעבעך אָאָס מענטש, ׳עסטי מיע׳ נתן חיימען אָאָך צינעמע׳?

צי דעם טאַטנס תהילים אָדער דער מאַמעס געוויין האָט אים עפּעס געהאָלפן, דאָס האָט נתן חיים נישט געוווּסט, אָבער אַז די הייזעריקייט זיינע האָט פאַרבליבט די גאַנצע פּריסוטסטוואָ, דאָס האָט ער באַשיינפּערלעך געזען.

ווי נאָר די דאָקטוירים האָבן אַרומגעטאַפּט אברם יאַנקלען, אים גע־וויגן און געמאָסטן, זיך געשושבט און לסוף אַ געשריי געטאָן „גאָדיען״, פּאַסיק! האָט שוין דער זעלנער אין דער אַנדערער שטוב, אים, נתן חיימען, געטאָן אַ שיב אַריין אַ נאַקעטן פאַר דער קאָמיסיע. איינער פון די צוויי מיליטער דאָקטוירים, אַ יונג אָפּיצירל מיט שפּיציק אַרויפגעדרייטע וואָנ־סעלעך, האָט אים באַטראַכט, צופרידן אים געפּעטשלט אויף דער נאַקעטער פּלייצע און, סתם אַזוי, פון יוצא וועגן אים געפרעגט: „זדאָראָוו״? געזונט?

— ניע קאַק ניעט! ניין, נישט געזונט, — האָט ער מיטן גאַנצן כוח אַ סיקע געטאָן, אַז די גאַנצע קאָמיסיע האָבן אויסגעדרייט די קעפּ צו אים.

אַזאַ קרענקלעכע הייזעריקייט האָבן נאָך, זעט אויס, די מענטשן נישט געהאַט געהערט. נישט נאָר די צוויי מיליטער־דאָקטוירים, אויך דער ציווילער, פּאָוויאַטאָוואָער דאָקטאָר האָט זיך מטריח געווען פון טיש אַוועק און אים באַטראַכט, זיך איינגעהערט צו זיינע לונגען, צום האַרץ, געקוקט אים אין האַלדז אַריין. נאָר וואָס לענגער זיי האָבן געקוקט און געהאָרכט, אַלץ מער צעטומלט זענען זיי געוואָרן? וואָס איז דאָ? דער יינג זעט אויס צו זיין געזונט, איז העכער פון דער נאָרמע, האָט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, אַ רעקרוט, וואָס קיין בעסערן קען זיך גאָר דער קיסר נישט ווונטשן. ס׳איז אָבער גענוג אַ קוק צו טאָן אין זיין האַלדז, אַז אַלע זייערע דאָקטאָרישע

אויסרעכענונגען זאָלן איינפאַלן, ווערן נישט! ס'איז דאָך קלאָר, ביי אַ געזונטן מענטש איז דער האַלדז נישט אַזוי אָנגעצונדן, נישט אַזוי בלוטיק־רויט! פון וואַנעטזשע קומט דאָס? אַז דער רעקרוט האָט נישט קיין שווינדזוכטיקע לונגען, הערט דאָך דאָס אויער קלאָר. סיידן דאָס איז שווינד־זוכט אין האַלדז!

קיינער דאָ האָט נעבעך נישט געוווּסט, אַז די רויטקייט איז אָנגעאַרבעט געוואָרן דורך דעם כסדרדיקן גאָרגליען דעם האַלדז מיט יענער פליסיקייט, אַ וואַסערל פון געווייקטן טיטון, צעלאָזטן שמעק־טאַבאַק און שאַרפע מאַכאָרקע, וואָס דאַרפסלייט וויקלען דערפון זייערע ציגאַרלעך צום רייכערן.

אין זייער גרויס צעטומלעניש האָבן די דאָקטוירים גענומען פאַרשן דעם מאָדזשיצער דאָזאָר, אהרון פעלדשער, וואָס איז מיטגעקומען מיט די רעקרוטן פון זיין גמינע. ער, דער אהרון פעלדשער, האָט נעבעך געשטאַמלט; ער קען נישט דעם רעקרוט. דאָס יינגל איז אַוועק פון שטאָט, ווען ער איז נאָך געווען זייער יונג. די מאַמע זיינע קען ער יאָ, אַ קראַנקע פרוי, שטענדיק הוסט זי, דעכעט פון זיך אַרויס די לונגען, האָט זיך דאָס אוודאי אָפּגערופן אויפן זון.

ווי וויל דער פּאָוויאַטאָווע דאָקטאָר האָט אונטערגעהאַלטן די מיינונג פון מאָדזשיצער פעלדשער און געהייסן דעם רעקרוט באַפרייען, האָבן דאָך די צוויי מיליטער־דאָקטוירים געזאָגט ניין. אויך זיי האָבן אייגנטלעך געהאַט איינגעזען, אַז דעם פעלדשערס מיינונג לייגט זיך אויפן שכל, זיי האָט אָבער געקרענקט וואָס קיינער האָט זיך מיט זיי נישט געזען וועגן דעם רעקרוט, זיי זאָלן קריגן עפּעס אין יד אַריין, האָבן זיי זיך דאָס איינ־געשפּאָרט: נישט באַפרייען, געבן אַ גרינעם בילעט!

חנה לאה, די מאַמע, ווי נאָר זי האָט געזען דאָס יינגל אַראָפּקומען פון די טרעפּ, איז זי אים אָנטקעגנגעלאָפן מיט די צעשפּרייטע אָרעמס, אַרומ־געכאַפּט אים, געקושט אים און געוויינט:

— געלויבט אי' גאָט! זאָל זאַאַן אָף אַ יוע', אָבער אברם יאַנקל? ווייי דע' מאַמעס האַרץ, ס'גאַנצע מאָרען, ס'גאַנצע פייניקן זיך האָט אים נעבעך גוניש' געהאָלפן!

— מאַמע, האָט נתן חיים זי אַרומגענומען, אויסגעקוקשט איר די טרערן פון די אויגן, פון אירע איינגעפאַלענע באַקן, — וויין ניש', אברם יאַנקל 'עט זאַאַן אינדע' היים.

— אוי, קינד, ווס רעדסטי? ער איז דעך שוין אַ געפאַנגענע', זיי לאָזן דעך עים שוין ניש' אָפּ!

— עסט זעיען, מאַמע, אברם יאַנקל 'עט זיי נעלם ווערן פין אינטער די הענט!

— הלוואי, רבונו של עולם! ווי יעד האָב נאַ' אַ זכות באַ דיע' זאָל ע' מיע' באַשטיין, מאַאַן קינד זאָל ניצול ווערן פין דעם פייע'!

קאַפּיטל אַכט

לויט די בלעטער זענען די פראָנטן נאָך געווען ווייט, די רוסישע אַרמייען זאָלן גאָר האָבן געווען אַריבער די גרענעצן און געשלאָגן דעם שונא, די פּרייסן פון איין זייט און קירה פון דער אַנדערער. אָבער דאָ, אין פּילעוו, האָט עס אויסגעזען ווי די מלחמה וואָלט שוין געשטאַנען הינטערן פענצטער. טאָג און נאַכט האָט דורך דער שטאָט געצויגן מיליטער. די בריק איבער דער ווייסל איז כסדר געווען פאַרפּאַקט און די שאָסייען זענען שוין באַצייטנס געווען גריבערדיק, צעבראָכן אונטער דעם געפּאָרעריי פון דער אַרטילעריע מיט זייערע שווערע האַרמאַטן, פון דעם געריטעריי פון דער קאַוואַלעריע, פון דעם געגייעריי פון דער פּיעכאָטע, באַלאָדענע מיטן געפּעק אויף די פּלייצעס און די ביקסן אויף די אַקסלען.

אין די ערשטע טעג פון בראָד, נאָכן ווערן אָפּגעריסן פון די מאַנען, פון די זין, וואָס אַלע זענען זיי אַוועק מיט די טלומעקלעך אונטער די אָרעמס און קיינער האָט נישט געוווּסט וווּ זיי זענען, אויף וועלכע פראָנטן זיי וואַלגערן זיך, צי לעבן זיי נאָך? אָט אין יענע ערשטע טעג האָבן יידן געמיינט אַז די מלחמה האָט אויף זיי אָנגעיאָגט אַ גאָלדענעם רעגן, ווי אַמאָל דער מן אין מדבר, גיי אַרויס און קלייב! און יידן האָבן טאַקע געקליבן, געזשויבעט געלט דורך טיר און דורך טויער.

די שפע האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, פאַרקערט, זי איז גאָר אַלעמען אויסגעפאַלן באַקעם. יידן האָבן גלייך איינגעזען אַז נישט קיין גאָלד־רעגן, נאָר אַ וויסטער היישעריק האָט זיך אויף זיי אַראָפּגעלאָזט. ווי קען וועמען איינגיין דאָס גיכע פאַרקויפן זיין זעקל הירזש, דאָס זעקל מעל, דאָס געבעק ברויט, די קעסטעלעך פּאַפּיראָסן, אַז קיין אַנדערע הירזש, קיין אַנדער מעל, קיין אַנדערע פּאַפּיראָסן אויף קריק אָנצופילן די פּאָליצעס אין געוועלב האָט ער נישט! און אַז אַ פּויער אין דאָרף וויל דיר שוין יאָ פאַרקויפן אַ פּערטעלע ווייץ, אַ קערצל קאָרן, וויל ער צוויי מאָל אַזויפיל ווי דו האָסט איינגעלייזט פאַר דעם פּריערדיקן און אַפילו אויף דעם הויכן מקח דאַרפסטו זיך קליאַניען[1] פאַר אים, ער זאָל עס דיר פאַרקויפן. ווער שמועסט נאָך פּאַפּיראָסן, טיי, קאַווע, צוקער? די סחורות קריגט מען שוין פאַר קיין געלט נישט מער!

האָבן זיך צום ערשט פאַרמאַכט די האַרטאָוונע סקלאַדעס און נאָך זיי האָבן אויך די קליינע געוועלבניקעס גענומען צושליסן די טירן פון זייערע

[1] בוקן זיך.

געוועלבלעך און יענע, וואָס האָבן נאָך געהאַט אַ ביסל סחורה, האָבן געטאָן פּדיון הינטן ארום, לפּנים אָבער האָבן זיי געהאַט איין ענטפער: נישטאָ!

מילא, אַז אַ יידענע איז געקומען אין אַזאַ געוועלבל נאָך אַ פונט מעל, אָדער צום בעקער נאָך אַ ברויט און מ'האָט איר געזאָגט נישטאָ, האָט זי הילפלאָז פאַרבראָכן די הענט און איז אַוועק מיט אַ קרעכץ, אַ זיפץ, צעמאָל אַפילו מיט אַ קללה אויף די קעפּ פון די געוועלבניקעס. וואָס, ווי נאָר די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן זיי שוין גענומען אַרויפשרויפן די פּרייזן, באַהאַלטן שוין אויס דאָס ביסל עסנוואַרג כדי זיך אָנצושטאָפּן די קעשענעס. אַזוי האָט געטאָן די יידישע פרוי, זעלנער אָבער זיפצן נישט און קרעכצן נישט. עשו, גיסט אים נישט וואָס ער וויל, פאַרביילט ער די ידיים אין פויסטן און גיט אין די ציין!

זענען טאַקע גיך אָנגעשטאָנען וויסטע געליאַרמען, אויפגעלויפן, רוצחישע אָנפאַלן! די דורכציענדיקע זעלנער, אָפּגעיאָגט און פאַרשוויצט פון שלעפּן זיך איבער די וועגן, אָפּט גאַנצע טעג אָן עסן, אַז זיי זענען שוין יאָ געקומען אין אַ שטאָט און געהאַט אַ שעה־צוויי אָפּרו, האָבן זיי נישט געוואָלט זיצן אויף דער ערד, לענג אויס דעם שאָסיי און וואַרטן ביז דער אָבאָז[2] מיט די קעסלען וועלן נאָכקומען זיי אַרויסצוגעבן די קאַשע מיט יושקע, דאָס שטיק שוואַרץ, סאָלדאַטסקע ברויט. איידער נאָך די זעלנער האָבן אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, אַוועקגעווישט דעם שווייס פון זייערע שטערנס, האָבן זיי שוין זיך צעלאָזט איבער דער שטאָט זוכן עפּעס אַ גוטן ביסן. פאַרן אָפּגיין צום פראָנט האָט פאָניע געוואָלט אַ ביסל אַ הוליע טוען, זיך אָנשיכורן צו פאַרגעסן וואָס זיי שטייט פאָר. נעמט פון איין זייט דער קייסער און פאַרמאַכט די מאָנאָפּאָליען און די זשידעס פון דער צווייטער זייט פאַרשליסן די שענקלעך! אַפילו די קראָמען האַלטן זיי דאָך פאַרמאַכט! און יענע וואָס זענען שוין יאָ אָפן, זאָגן אויך: נישטאָ! נישט קיין שטיקל קאָלבאַס, נישט קיין ווייסע בולעטשקע און נישט קיין פלעשל וואָדקאָ!

— פאָ מאַטיערי! אין זייער מאַמעס מאַמען אַריין!

יידן האָבן זיך דאָ געפונען צווישן די פייערן. פון איין זייט וויל מען לייזן, פאַרדינען אַ גילדן פרנסה. פון דער אַנדערער זייט אָבער לאָזט נישט ס'האַרץ אויספאַרקויפן ס'ביסל סחורה, ס'ביסל שפייז. ווו וועט מען נעמען אַנדער סחורה? פון דער דריטער זייט האַלט פאָליציע אַן אויג אויף די שענקלעך, די זעלנער זאָלן זיך נישט אָנשיכורן, נישט אָפּטוען אין שטאָט גאָט ווייסט וואָס!

מילא, די פּאָליציע, אַז יידן ווילן נאָר, גיט מען זיך מיט זיי אַן עצה. פאַר אַ טרונק בראָנפן מיט אַ רוק אין יד אַריין, ווערט יעדער סטראַזשניק טויב און בלינד. האָבן דאָך אָבער די יידן אַליין זיך געשראָקן פאַרן אָנשיכורן

[2] באַשפּייז־אָפּטייל.

די זעלנער. אַפילו אין רואיקע צייטן, אַז פּאָניע שיכורט זיך אָן איז מען נישט זיכער מיטן לעבן, בפרט איצט, מלחמה צייט, ווען דער זעלנער האָט נישט וואָס אָנצוווערן!

אַפילו אָן געבן זיי צו שיכורן האָט זיך די יוכע ביי די זעלנער צעקאָכט ווי נאָר בעת אַ פּאָגראָם. ס'איז געווען ערב ראש השנה, גוט צי שלעכט דאַרפן יידן מאַכן יום־טוב. ווי ס'איז אָנגעקומען מיט נויטשוויס צונויפצו־שלעפּן די עטלעכע פונט מעל, דאָס לויטעלע הייזון, דאָס ביסל אייל, האָבן דאָך ווייבער אין דער גרעסטער באַהעלטעניש אָפּגעבאַקן עטלעכע חלהלעך אויף יום־טוב, טאַקע קלענערע, מיט נישט אַזויפיל אַריינטועכץ, אָבער דאָך ברוין־גלאַנציק, מיט אַ פלעכטל אויבן, אַ רמז אויף אַ פויגל, די ראש השנהדיקע תפילות זאָלן ווי פייגל, אַרויפפליען אין די הימלען, עס זאָל אַראָפּגעשיקט ווערן אויף יידן אַ יאָר פון געזונט, פון פּרנסה, פון שלום אויף דער וועלט.

מילא, באַקן האָבן נאָך די ווייבער געקענט אין באַהעלטעניש, אָבער אויסבאַהאַלטן דעם זיסן ריח פון די אָפּגעבאַקענע חלות, דאָס האָבן זיי דאָך נישט געקענט. האָבן זיך טאַקע אין דעם ערב יום־טובדיקן באַגין שוין אָנגעהויבן טראָגן אין דער לופט די ריחות פון פריש־געבעקס, פון געקאָכטע פיש, פון מייערן־צימעס מיט האָניק, פון הינערנע יויכן. אָט די ריחות האָבן געריצט ביי די זעלנער די נאָזפליגלען, געברענגט זיי די סלינע אין די מיילער, האָבן זיי כאַפּטעסווייז זיך צעלאָזט איבער די געסלעך און הייף שמעקן אין די יידישע שטובן און מיט דעם שניפן מיט די נאָזדרעס איז אין זיי געשטיגן די רציחה:

— זשידאָווסקיע ספּעקולאַנטי! רוסישע מענטשן גייען פאַר אייך אין מלחמה און איר באַהאַלט ס'ברויט!

ווי די יידישע ווייבער האָבן זיך נישט געקליגט אויסצובאַהאַלטן דאָס אָנגעגרייטע ביסל עסן אויף יום־טוב, האָבן דאָך די זעלנער דערשנאַפּט דאָ אַ חלה, דאָרט אַ פענדל פיש, ערגעץ אַנדערש אַן אָפּגעזאָטן הינדל:

— וואָט סוואָלאָטשי, מאַשעניקי[3]! האָבן די פּאָניעס געפרעסן און געזידלט, — בולעטשקי, קורעטשקי[4] און אונדז זאָגן זיי: נישטאָ, נישטאָ!

מילא, אַ כפּרה די חלות, די פיש, דאָס פלייש, האָט אָבער פּאָניע אַ געשמדטן האַלדז! צו דעם פרעס זוכט ער אויך וואָדקאַ, דיעווקי (בראָנפן, מיידלעך).

כאָטש, אַז מ'וויל טראַכטן אויף צוריק, איז דאָך אויף די זעלנער אַ גאָטס רחמנות. אַוועקגעריסן פון זייערע היימען, פון זייערע ווייבער און כלות, זידט און קאָכט אין זיי דאָס בלוט נאָכן באַריר פון אַ פרוי. פריער, איידער די פּאָליצעס אין די געוועלבער זענען געוואָרן אָפּגעליידיקט און זיי

[3] אָט סאַרע אויסוואורפן, שווינדלער. [4] זעמעלעך, הינדלעך.

האָבן נאָך געקענט קריגן עפּעס צו קויפן, זענען זיי נישט געווען אַזוי רוצחיש און די אויפגעראָיעטע יוכע האָבן זיי אויסגעלאָדן אין די באָרדעלן. אין לאַנגע רייען זענען זיי געשטאַנען פאַרן הייזל אויפן זאַמד, פאַרן נפקה בית ביי דער ווייסל. זיי האָבן געשאָלטן יענע וואָס אינעווייניק, געזידלט אין דער מאַמעס מאַמע אַריין, געקנאַקט מיט די פויסטן אין טירל פון דער פאַרקאַן־וואַנט און נישט אויפגעהערט אונטערצויאָגן: גיכער, הינטישע זין, גיכער! אָבער זיי זענען דאָך געשטאַנען און געוואַרט מיט זייערע אויפגעברויזטע געבליטן.

אין דעם ערב ראש השנה אָבער האָט זיך עפּעס אַ קללה אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטאָט. באַגין שוין האָבן זיך די צעיושעטע זעלנער געלאָזט לויפן איבער די יידישע הייף. אַז די זשידעס האָבן אַזוי קונציק אויסבאַהאַלטן די ווייסע „בולעטשקעס" מיט די „קורעטשקעס", האָבן זיי דאָך אויך אויסבאַהאַלטן „וואָדקאָ" און די „דיעוואָטשקעס", די שיינע יידישע טעכטערלעך. טעג גאַנצע ווי מ'זעט נישט קיין יונגע דיעוואָטשקע אין שטאָט! בלויז אַלטע, זשידאָווסקע ווייבער דרייען זיך אַרום.

מילא, קיין וואָדקאָ האָבן יידן טאַקע נישט געהאַט באַהאַלטן, אָבער זייערע טעכטער האָבן זיי יאָ אויסבאַהאַלטן פון פאָניעס שליפּיעס. ווי נאָר מיליטער האָט גענומען דורכציען די שטאָט, האָבן יידישע מיידלעך און יונגע פרויען זיך פאַרשטעקט אין קאַמערן, אויף בוידעמס, אין שענק צווישן די מלבושים. טייל האָבן זיך פאַרקליידט פאַר אַלטע ווייבער, זיך איינגעריסט די אָרעמס, די פּנימער, זיך אָנגעטאָן קאָפּקעס מיט טשיפּיקעס אויף די קעפּ, אַרויפגעשלעפּט אויף זיך אַלטפרענקישע סטאַניקלעך, ברייט־געפּאַלבטע ספּודניצעס, אַלץ כדי צו פאַרהוילן זייערע יונג־מיידלשע געביינען פון די צעיושעטע זעלנער.

צי עס זענען דעמאָלט געווען פאַרגוואַלטיקונגען אין שטאָט, האָט מען נישט געקענט וויסן. ווער האָט דען וועגן דעם גערעדט און ווער וואָלט אַזעלכעס אויסגעזאָגט? אָבער די געשרייען פון די באַפאַלענע מיידלעך, די גוואַלדן פון די מאַמעס, פון די יונגע פרויען, די אַליינגעבליבענע נאָכן צונעמען זייערע מענער אין דער מלחמה, די דאָזיקע געשרייען און גוואַלדן האָבן זיך געטראָגן פון די שטובן, פון די הייף, געלעכערט די הימלען, געמאַכט גליווערן ס'בלוט אין די אָדערן און נישט געווען ווער עס זאָל שיצן און ווער עס זאָל זיך אָננעמען!

פון איין הויף האָט מען אפילו געזען אַרויסלויפן אַ זעלנער מיט אַ מיידל אונטערן אָרעם. דאָס מיידל, אַ קינד נאָך, מיט אַ צעפּלאָשעטן קאָפּ האָר, דאָס בליוזקעלע צעקנעפּלט, האָט זיך נעבעך געצאַפּלט אין דעם זעלנערס לאַפּעס, געשריגן מאַמע! מאַמע! געדריגעט מיט די פיס, אָפּגעדעקטע ביז די שענקלען, נאָר ער, דער זעלנער, אַ צעיושעטער, מיט אַ רויט, פאַרשוויצט פּרצוף, צעגראַטשעט פון דעם מיידלס נעגל, אים

האָט נישט געאַרט זיין קרבנס שרייען, איר צאַפּלען זיך און דראַפּען אים. ווי אַ קאַץ לויפט מיטן געכאַפּטן מייזל אין פּיסק, צו פאַרשטעקן זיך, ערגעץ מיט איר סעודה, אַזוי איז דער זעלנער געלאָפן מיט דעם געכאַפּטן מיידל אַראָפּ צו די קזשאַקעס, אַוועק פון דעם אויפגעלויף, פון די דערשראָקענע, געליימטע בליקן.

אָט, פאַר דעם האָט זיך דאָס חנה לאה אַזוי געשראָקן. אַ שכלדיק מענטש, אַ געלאַסענע, האָט זי שטענדיק פאַרשטאַנען צוגויפצולייגן צוויי מיט צוויי. נאָך איידער דאָס דורכציענדיקע מיליטער האָט וועמען געטשעפּעט, האָט זי שוין געפילט די סכנה וואָס אַזויפיל זעלנער קענען מיט זיך ברענגען אין שטאָט אַריין. פאַר איר איז דאָס אַ פּשוטער שכל. כל־זמן אַ מענטש איז ביי זיך אינדערהיים, לעבן אַ מאַמע, אַ שוועסטער, אַ ווייב, איז ער אַ מענטש. ווערט ער אָבער אַ זעלנער, פאַלט ער גלייך אַריין אין הפקרות, ווער שמועסט נאָך מלחמה־צייט, ווען ער וואַלגערט זיך אויף די פראָנטן, באָדט זיך אין מענטשלעך בלוט, ווערט אים עפּעס אָפּהאַלטן ווען ער דאַרף אַ ווייב? מה דאָך, להבדיל, אַ ייד, אַז דער כוח הדם צעשפּילט זיך אין אים, ווערט ער מויערן דורכברעכן, בפרט נאָך עשו, פּאָניע! ווי זאָגט דאָס ווערטל: „יאַק יצר הרע נאַפּאַדניע, טאָ האַנט תקיעת כף ניע פּאָמאָזשע"![5]

האָט זי, חנה לאה, זיך געמאַכט נישט וויסן וואָס מענטשן לאַכן און געטאָן אירס. ווי נאָר פּילעוו האָט אָנגעהויבן פאַרפּלייצט ווערן מיט מיליטער, האָט זי שוין גענומען אויסבאַהאַלטן אסתר פּערעלען. די קלענערע צוויי זענען נאָך קינדער, אָבער אסתר פּערעלע, קיין עין הרע! צו פערצן יאָר איז זי שוין אַ פאָלנע פּרוי! מילא שיין איז זי, זאָל נאָר איר מזל אַזוי שיין זיין. צוויי שוואַרצע צעפּ ביז איבער די באַקעס, דאָס בליוזקעלע פּלאַצט אויף איר פון די קוועלענדיקע בריסטלעך, אַנטפאַלט דער מאַמען ס'האַרץ, ווי נאָר זי זעט אַ זעלנער זיך שליאָנדערן[6] אין געסל.

אסתר פּערעלע האָט זיך נעבעך געוועדט, נישט געוואָלט, אָבער די מאַמע, חנה לאה, איז באַשטאַנען דערויף און דאָס מיידל האָט געמוזט פאָלגן. ווען נאָר אַ פאָלק זעלנער האָט דורכגעצויגן די שטאָט, האָט אסתר פּערעלע געמוזט אַריין אין בעט און די מאַמע האָט זי איינגעדושעט אין די איבערבעטן, איבערגעדעקט דאָס בעט מיט דער קאָלדרע, גלייכגעלייגט די קישעלעך ביים קאָפּשטיק, גלייך גאָרנישט וואָלט דאָ געווען!

ווי דאָס מיידל האָט זיך געשטיקט צווישן דעם בעטגעוואַנט, האָט זי מער ווי דאָס שפּיצנעזל נישט אַרויסגעשטעקט און דאָס אויך נאָר אויף דער וואַנט אַרויף. וואָלט כאָטש די היץ נישט געווען אַזוי שטיקיק, אַזוי פאַרנע!

[5] אַז דער יצר הרע באַפאַלט, העלפט נישט קיין פאַרבאָטן. [6] אַרומבלאָנקען.

ווער האָט דאָס געהערט אַז אין מיטן אלול און איצט שוין ערב ראש השנה, זאָל נאָך די חמימה זיין אַזוי גרויס!

דאָס מיידל האָט אַלעווייל געפרעגט מיט איר טעמפּ־פּאַרדושעט קול:

— שוין, מאַמע, כ׳קען שוין אַראָפּ?

חנה לאה האָט נעבעך געריסן די הויט פון זיך, אַרויסגעלאָפן אַלע רגע פאַר דער טיר אַ קוק טוען ווי אינדרויסן האַלט. די צוויי זין, נתן חיים און אברם יאַנקל זענען אַפילו געשטאַנען אויף שמירה, טאָמער ווייזט זיך אַ זעלנער, ניוכענדיק[7] מיטן שנוק[8]: דיעוואָטשקי, זאָלן זיי גרייט זיין אים צו ווייזן אַראָפּ צום זאַמד, צו דער ווייסל:

— וואָט טאַם! אָט דאָרט זענען דאָ מיידלעך...

געווײַנלעך האָט די שמירה געהאָלפן, אָבער דעם ערב ראש השנה, לא עלינו! די הפקר־געוואָרענע זעלנער האָבן געשלאָגן, אַוועקגעשליידערט פון זיך יעדן איינעם, וואָס האָט געפּרוווט זיי באַרואיקן, איינגעמען מיט אַ גוט וואָרט. ווילד, מיט בלוט פאַרלאָפענע שליפּיעס[9], האָבן זיי זיך געטראָגן איבער די געסלעך, געשניפּט מיט די ניוכענדיקע נאָזדרעס אין די הייף, אין די שטובן און כאָטש אסתר פערעלע איז געווען אַזוי פאַרדושעט אין דעם באַרג מיט בעטגעוואַנט, נישט געלאָזט פון זיך הערן קיין פּיפּס, האָבן דאָך די דריי זעלנער, ווי אָנגעלאָפענע בלוטהינט, זי דערשנאַפּט און בעת איינער פון זיי האָט זיך אויף איר אַ וואָרף געטאָן, ווי אַ היענע אויף אַ דערשראָקן העזעלע, האָבן די אנדערע צוויי זיך געבאָרעט אויפן הויף מיטן אָנגעלאָפענעם טאַטן, מיט די צוויי ברידער.

אַוודאי האָט חנה לאה, די מאַמע, געמאַכט אַ געוואַלד און מיט די געשרייען זיך געוואָרפן אויף דעם זעלנער, זיך איינגעביסן מיט אירע שוואַכע ציין אין זיין אָרעם, אין זיין חזירישן קאַרק, געגראַטשעט אים מיט די נעגל דאָס פּרצוף און אים געריסן אַוועק פון איר קינד, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. נישט ירמיע דוד און נישט די זין האָבן נישט געקענט איר קומען צוהילף. איינער פון די צוויי זעלנער האָט אַ כאַפּ געטאָן ירמיע דודן ביי דער באָרד, געשלעפּט אים איבערן גאַנצן הויף און ביים איינפאַר געטאָן אים אַ שליידער אַרויס אויפן ברוק, אינמיטן גאַס אריין.

מיט די צוויי ייִנגלעך האָט זיך דער דריטער זעלנער גאַנץ לייכט אַן עצה געגעבן. נתן חיימען האָט ער געטאָן אַ שטויס פון זיך מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער איז געפאַלן מיטן קאָפּ אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט. פון דעם זעץ אין מוח האָט אים נאָכדעם לאַנג געשווינדלט פאַר די אויגן און נישט ער האָט געזען און נישט ער האָט געוווסט וואָס מיט אים טוט זיך. אברם יאַנקל איז גלאַט געליימט געוואָרן פון שרעק. אַן אָפּגעשוואַכטער פון צערן זיך, פון דעם צוגענומען ווערן אין מיליטער און אַוועקדרייען זיך פון קאַנוואַי,

[7] שמעקן — שניפן [8] נאָז [9] אויגאַנעס

וואַלגערן זיך נאָכדעם טעג אונטערוועגנס איידער ער האָט שוין דערלעבט זיך צו דערשלעפּן קריק אַהיים, אָט דאָס אַלץ האָט אים אַזוי אָפּגעשוואַכט אַז ער איז איצט אַוועקגעפאַלן און נישט געקענט רירן מיט קיין אבר, נישט אַרויסברענגען פון זיך אַ קלאַנג, אַ זיפץ.

נאָר ווען אַפילו יאָ? וואָלט עס דען געהאָלפן? אָט האָבן די צוויי קלענערע מיידעלעך יאָ געשריגן, געלאָפן איבערן הויף מיט טויט־פּחד אין זייערע קינדערישע אויגן, אַרויס אויף דער גאַס מיט א יאָמערלעכן: גוואַלד, גוואַלד! איז דען עמעץ געקומען צוהילף?

און ווי האָט דען ווער וועמען געקענט העלפן? יעדער האָט נעבעך געהאַט מיט זיך צו טוען. אָדער מ׳האָט זיך אליין געראַנגלט מיט אַן אָנפאַלער, אָדער מ׳איז געלעגן אין באַהעלטעניש, הינטער פאַרהאַקטע טיר און לאָדן, געציטערט צו לאָזן הערן פון זיך דעם מינדסטן ריר.

און ס׳איז דען אַ וווּנדער? די שטאָט איז פול מיט טויזנטער זעלנער, הפקר געוואָרענע דורך דער מלחמה, צעיושעט פון אויפגעברויזטע געבליטן, איז ווער וועט זיך דאָס אונטערשטעלן אָנצוהייבן מיט זיי? די פּילעווער פּאָליציע? וויפל זענען זיי דען? אַ צענדליק סטראַזשניקעס מיט צוויי וואַכמישטשן. און ווען עס זאָלן אַפילו געווען זיין קאָזאַקן, וואָלטן זיי געוואַגט זיך אָנצוהייבן מיט אַ פּאָלק זעלנער, יעדער פון זיי מיט אַ געלאָדענער ביקס! און ווער זענען דען די קאָזאַקן? אַז ס׳איז שלום אויף דער וועלט, פאָלגן זיי דעם קאָמענדאַנט. אָבער איצט? דאָרט ווו זיי זענען, לויערן זיי אַליין אויף יידישע טעכטער, אויף יידיש האָב און גוטס, בפרט אַז די עלצטע, די אָפיצערן, דרייען אַוועק די קעפּ, מאַכן זיך גאָרנישט זען.

קאַפּיטל נײַן

אין שול אַרײַן דאַוונען איז שוין חנה לאה דעם ראש השנה נישט געגאַנגען. זי איז געווען פאַרבײַ, געלעגן אין בעט אַ פאַרטראַגענע, געדרימלט, זיך אויפגעכאַפּט און ווידער אײַנגעדרימלט. דאָס פּנים אירס, שטענדיק בלאַס, אָפּגעצערט, איז איצט געווען געל, ווי אַמאָל, ווען זי איז געווען שלאַף אויף דער געלער זאַך. די נעכטיקע איבערלעבעניש, דאָס איבערמענטשלעכע ראַנגלען זיך מיטן זעלנער ביים אָפּרײַסן אים פון אסתר פּערעלען, דאָס שרײַען גוואַלד מיט אַלע כוחות, האָט זי איבערגעלאָזט אַן אײַנגעפאַלענע, אַן אויסגעשעפּטע, אָן כוח אַליין זיך אויסצוטוען צו גיין אין בעט אַרײַן.

ווי די מאַמע אַזוי איז אויך אַבֿרם יאַנקל אוועקגעפאַלן חרוב. צוליב דער נעכטיקער שרעק איז אים דאָס בלוט געזעצט געוואָרן און אויף צעמאָרגנס, דעם ערשטן טאָג ראש השנה, איז ער געווען איין שטיק פלאָם. אויפן גאַנצן לײַב, אויפן פּנים, אומעטום איז אים געווען אַרויסגעזעצט בלאָטערן, ווייס אויפגעלאָפענע, פול מיט מאַטעריע.

אַן אַנדערשמאָל, אין רואיקע צײַטן, וואָלט אויך ער, נתן חיים געדאַרפט געווען זיך אַוועקלייגן, זענען דאָס אָבער נישט געווען קיין רואיקע צײַטן. די שטאָט האָט טאָג און נאַכט געווימלט מיט זעלנער און פערד, פערד מיט רייטער און פערד געשפּאַנטע צו האַרמאַטן, צו אָבאָז־וועגן, צו אונטער־געהייצטע קעסלען, פול מיט רויך און פאַרע, מיטן געשטאַנק פון חזיר־גריוון, פון אויפגעבריט קרויט און אײַנגעדעמפּטע קאַשע.

אויף די פראָנטן איז דעמאָלט דעם רוסישן קיסר נישט געגאַנגען פויגלדיק, זענען די שאָסייען געווען פאַרפלייצט מיט אָפּטרעטנדיק מיליטער. טאָג און נאַכט האָבן די באַלאָדענע דיוויזיעס געצויגן דורך דער שטאָט אַראָפּ צו דער בריק, אַריבער אויף יענער זײַט ווייסל. פון דעם געפּאָר און געגיי האָט זיך די בריק געשאָקלט, געוויגט, ווי אָט, אָט און זי פאַלט אונטער דער משא.

צוליב דער געזונקענער מערכה אויף די פראָנטן, האָבן יידן אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק אויפסניי געמאַכט אין שול אַ מי שברך דעם קיסר, ער זאָל מנצח זײַן די שונאים. די שול איז געווען פול און דער ארון קודש — אָפן. אויפן באַלעמער, אַרומגערינגלט פון די דאָזאָרעס און גבאים, יעדער מיט אַ ספר תורה צוגעדריקט צום האַרץ, איז געשטאַנען דער

נאַטשאַלניק פון פּאָוויאַט מיט זיין פּאָליציייאיש געהינטעכץ, אַלע אין זייערע פּאַראַדנע מונדירן, באַהאָנגענע מיט קריינדלעך און מעדאַליען, מיט בלישטשענדיקע שליפּעס און פּאַרביקע בענדלעך. דער חזן, איינגעהילט אין טלית מיט דער זילבערנער עטרה איבער זיין שטערן, האָט געציקלט דעם מי שברך און דער קאַזאָנער ראַבינער — זיין רוסישע דרשה. דאָס פּאָליציי־געהינטעכץ, מיט די הענט אין ווייסע האַנטשו, האָבן פּאַרכטיק סאַלוטירט און יידן האָבן כלומרשט פרום מיטגעפּרעפּלט פּאַר אַ זיג, אינדעראמתן האָט יעדער ייד געבעטן אויף אַ וויסטן סוף צו ניקאָלייקען מיט זיין פעטער, דעם הויפּט־קאָמאַנדיר, פאַר זייער פייניקן יידן, פאַרן טרייבן זיי פון די היימען, פאַרן ראַבירן זייער האָב און גוטס, פאַרן באַפאַלן און אַזוי פאַרשעמען, יידישע פרויען און טעכטער.

נאָר דאָס איז דאָך געווען אינדערוואָכן. היינט אָבער איז ראש השנה. יידן זענען געשטאַנען אין שול, אין בית מדרש, אין די שטיבלעך, נישט כדי צו מאַכן אַ מי שברך דעם רוסישן קיסר נאָר אויסצובעטן אַ גוט יאָר, אַ יאָר פון געזונט, פון פרנסה און שלום אויף דער וועלט. די חזנים אין די ווייסע קיטלען, די טליתים טיף איבער די קעפּ, האָבן זיך געשאָקלט, געקרעכצט, פאַרהויבן זייערע אויגן צו די הימלען, דער עולם אָבער האָט נעבעך נישט געקענט איינשטיין, נישט געקענט אין זין האָבן דאָס דאַוונען. אַלע רגע האָט אַן אַנדער ייד געלאָזט דעם טלית אויפן מחזור און געלאָפן זען וואָס אינדערהיים הערט זיך, כאָטש די ווייבער זענען גאָר אין שול אַריין נישט געגאַנגען נאָר געבליבן אין די היימען היטן דאָס הויז־געזינד.

ווי וויל נתן חיים איז געבליבן אין שטוב אַכטונג צו טוען אויף דער מאַמען, אויפן איינגעפאַלענעם ברודער, איז יערמע דוד דאָך אַלע וויל געלאָפן זען וואָס חנה לאה מאַכט, וואָס אברם יאַנקל טוט. וואָלט אסתר פּערעלע געקענט אַרויס פון באַהעלטעניש צו דערלאַנגען דער מוטער אַ לעפל וואַרעם וואַסער אין מויל אַריין, וואָלט נתן חיים געקענט זיין מיט אים אין בית המדרש ביים דאַוונען. ליגט אָבער דאָס מיידל אין בעט אַן איינגעדושעטע לעבן דער מאַמען. כאָטש מ׳הערט נישט מער פון קיין איבערפאַלן, לאָזט חנה לאה נישט אַוועק דאָס מיידל פון לעבן זיך. מיט איין האַנט טוליעט זי אסתר פּערעלען און אין דער אַנדערער האַלט זי דאָס קיך־מעסער. אַ פאַרטראָגענע, די אויגן־דעקלעך צוגעשלאָסן, דאַכט זיך איר נאָר אַז זי ראַנגלט זיך נאָך אַלץ מיטן זעלנער און זי מורמלט כסדר מיט די ליפּן, בלויע, פאַרטרוקנטע.

— מאַאַן טויט אָדע׳ זאַאַן טויט! מאַאַן טויט, אָדע׳ זאַאַן טויט!

נאָר טאָמער איז דער ערב ראש השנה געווען וויניק, האָט זיך נאָך געשטאַרקט דער סלוך אַז אויך פון פילעוו וועט מען אַרויסטרייבן אַלע יידן! זענען שוין די פאַרכטיקע טעג צווישן ראש השנה און יום כיפור

געוואָרן אויך טעג פון צאַפּלעניש, פון אַנגסטיק וואַרטן, אָט, אָט! נאָר אַז גאָט האָט געהאָלפן, מ'איז בשלום איבערגעקומען דעם יום כיפור, האָבן זיך יידן געשטעלט בויען סוכות. גוט צי שלעכט, דאַרף מען מקיים זיין די מצווה ליישב בסוכה! איז אָבער נישט באַשערט געווען אויסצוזיצן אין סוכה די גאַנצע אַכט טעג!

דעם דריטן טאָג חול המועד אינדערפרי, אין רעכטן מיטן שטיין אין שול, אין בית המדרש און זאָגן הלל, בענטשן אתרוג און בעטן דעם רבונו של עולם אויף אַ גוט קוויטל צום נייעם יאָר, איז אַרויס די גזירה: אין פיר און צוואַנציק שעה, מוזן אַלע פּילעווער יידן פאַרלאָזן די שטאָט!

וואָס ער, נתן חיים, האָט פאַרגעזאָגט, געוואָרנט, איז דאָך געשען!

— וואָס טוט מען איצט?

ניין, ער האָט נישט געשריגן, נתן חיים, אַפילו מיט איין וואָרט נישט פאַרגעהאַלטן דעם טאַטן. ער האָט בלויז טרויעריק געקוקט אויף אים און דאָס אויך נאָר אַ קורצע רגע און באַלד איז ער מיטן בליק אַריבער צו דער איינגעפאַלענער מאַמען, אין בעט דאָרט, צום חורבן ברודער אויפן געלעגערל אין פעדערהויז. וואָס טוט ער איצט?

ווי ער, אַזוי האָט אויך דער פאָטער, יערמע דוד, גאָרנישט געזאָגט. נאָר שטום געקוקט, אָבער נישט אויף אים, נתן חיימען, אויך נישט אויפן בעט צום קראַנקן ווייב, און נישט צום שלאָפן זון לעבן זיינע פיס. אויף די אייגענע שטיוול־שפּיצן האָט ער איצט געקוקט, געשטאַנען אינמיטן פעדערהויז אַ פאַרשולדיקטער, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד און געשוויגן אַ שוויגעניש, וואָס האָט געיאָמערט צו די הימלען, אַ שטום געקלאָג פון פאַן־לוירנקייט, פון שולד. דאָס אַליין איינזען די אייגענע שולד איז דאָך שטענדיק שווערער גראַד, ווייל קיינער וואַרפט זי דיר נישט אויף. און עס איז דאָך געווען זיין שולד! דאָס האָט ער דאָך, צוליב זיין איינשפאַרן זיך נאָר פילעוו, גורם געווען דאָס אומגליק, געבערענגט דאָס גאַנצע הויזגעזינד צום נאכאַמאָל אַרויסגעטריבן ווערן!

נאָר איז דען דאָס אַליין געווען ביי אים די גאַנצע סיבה פון זיין געקלאָג? טיפער פון דעם איצטיקן שטומען געוויין האָט דאָך געיאָמערט אין אים די לאַנגאַניקע שרעק, דאָס כסדרדיקע אַנגן זיינס אַז ער איז געשלאָגן, אַז די לאַנגיעריקע מלחמה זיינע מיט נתן חיימען, אַ מלחמה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גלייך ווי דאָס יינגל איז געקומען אויף דער וועלט, אַז די מלחמה האָט ער, דער טאַטע, פאַרשפּילט, פאַרלוירן! אָט, צוליב דעם האָבן זיך דאָס די קני זיינע אַזוי געבראָכן, געזונקען, ביז ער איז געטאָן אַ פאַל ווי אַ חולה נופל [1] אויפן בערגל זאַמד, שיער נישט אויף אברם יאַנקלען אַרויף.

אָט דער אַנידערפאַל האָט דאָס איבערגעהאַקט אין אים די געהאַמעוועט־

[1] אַן עפּילעפּטיקער.

קיט, נאָכגעלאָזט דעם ספּאַזם און דאָס פּחדימדיקע געיאָמער פון אינע־ווייניק, האָט זיך מיטאיינמאָל געטאָן אַ ריס אַרויס אויפן קול:

— וווּס טויג שוין מיע׳ מאַאַן לעיבן? — האָט ער געקלאָגט און זיך געשלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ אַריין, — יעד ׳אָב געדאַרפט די פיס צעברעכן ווען יעד ׳אָב מיעד געיוגט נוכן ביקל, אין שוין ניש׳ דאַ׳לעיבן צי קימען אַהיים!

חנה לאה, אַן איבערגעשראָקענע, האָט אונטערגעהויבן פון קישן דעם קאָפּ, אַן אַרומגעוויקלטער מיט אַ נאַס האַנטעך, שיער נישט ביז איבער די אויגן. אויך אברם יאַנקל האָט זיך גלייך געטוען אַ זעץ אויף פון בערגל שמאַטעס אַ פאַרצאַפּלטער און ווי ער און די מוטער, אַזוי זענען די צוויי קליינע מיידעלעך אַנגעלאָפן פון הויף צעטומלטע און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. אַפילו אסתר פּערעלע האָט געהאַט פאַרגעסן, אַז זי דאַרף ליגן באַהאַלטן. גיך האָט זי זיך אַרויסגעקאָפּעט פון אונטער דעם באַרג בעט־געוואַנט און פון דער מאַמעס בעט געטאָן אַ לויף אין פעדערהויז אַריין צום פאָטער:

— טאַטע, טאַטע! דאַבאַרעם דיעך, די גאַנצע שטועט ׳עט זעך דעך צעזאַמע׳לויפן!

דער איינציקער, וואָס האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, איז געווען ער, נתן חיים. דעם טאַטנס אַוועקפאַלן האָט אים אַוודאי גערי‍סן ס׳האַרץ, געטריבן אים צוצוגיין און איינגעמען דעם פאָטער, באַרואיקן אים, ער האָט אָבער דאָס נישט געטאָן. דאָס שטענדיקע ראַנגלעניש, דער אייביקער קידער־ווידער, וואָס גייט אָן צווישן אים און טאַטן זינט ער געדענקט זיך, איז געשטאַנען פאַר אים ווי אַ וואַנט און אים נישט געלאָזט אַפילו אויסרעדן אַ ווייך וואָרט, וואָס זאָל איינשטילן דעם טאַטן, אַרויסנעמען אים פון דעם שולדגעפיל. און ווי אַזוי האָט ער דאָס געזאָלט קענען? ער האָט דאָך דעם טאַטן געוואָרנט, זיך געבעטן ביי אים, אויפגעוויזן אים ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר, אַז אַזוי וועט זיין, אַז זיין לויפן קיין פּילעוו איז ווי לויפן פון פייער אין וואַסער! און די גאַנצע שטאָט האָט דאָך אים, נתן חיימען, געגעבן גערעכט. דער בעסטער סימן איז דאָך, אַז קיינער פון מאָדזשיץ איז נישט אַהער געפאָרן. מ׳זאָגט כאָטש דעם טאַטנס באַשטיין אויף פּילעוו איז געווען, ווייל ער האָט געגלייבט, אַז די שטאָט וועט אויסגעהיטן ווערן פון דעם אומגליק. איז עס דאָך אָבער נישט געווען אַזוי. דעם טאַטן איז דאָך גאַר געגאַנגען אין ווייזן אַז נישט ער, נתן חיים, האָט די דעה אין שטוב, נאָר אַז די גאַנצע דעה איבערן הויזגעזינד האָט ער, דער פאָטער! כאָטש אים, נתן חיימען, איז דאָך אַפילו נישט איינגעפאַלן צו וועלן מינערן דעם טאַטנס אָנזען. ער האָט בלויז געוואָלט אויסהיטן די שטוב פון אַן אומגליק, פון דעם נאָכאַמאָל געטריבן ווערן! איז אָט דאָס אומגליק געקומען! וואָסזשע זאָל ער איצט טוען?

ווי אויסטערליש! אין אַ בהלה ווערן קראַנקע געזונט. ווי נאָר אברם יאַנקל האָט געהעריק באַנומען וואָס עס איז געשען, איבער וואָס דער טאַטע איז אַוועקגעפאַלן אין אַזאַ יאַמערלעך געקלאַג, איז ער געטאָן אַ שפּרונג אויף פון געלעגער און שוין געגומען האָוועז, פּאַקן, לויפן, טראָגן. און ווי ער, אַזוי האָט אויך די מאַמע געוואָלט אַרויס פון בעט, קודם צו באַרואיקן דעם מאַן. זי קען דאָך אים, יערמע דודן. ער וואָלט נעבעך געוואָלט זיין אַנדערש, זיצט אָבער אין אים אַ קליפּה, וואָס לאָזט אים נישט אַרויסרעדן קיין גלייך וואָרט צו איר, צו די קינדער. וואָסזשע וועט דאָ העלפן זיין שלאָגן זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ? און דער טאָג שטייט דאָך נישט, אָט, אָט ווערט נאַכט און דער מעת לעת לויפט אַריבער!

זי האָט אָפּגעשטופּט דאָס איבערבעט און געפּרוווט אַראָפּשטעלן אַ פוס, דערביי האָט זי געגרופן אין פּעדערהויז אַריין:

— דאַ׳באַר׳עמטס ענק, שטייטס ניש׳, טיטט עפּעס!

נתן חיים האָט אַזש אויפגעדריגעט. די מאַמעס ווען אַרויס פון בעט, האָט אים אַרויסגעריסן פון זיין פאַרשטיינטקייט. ער האָט געטאָן אַ שוועב צו צו איר:

— ווי גייסטי,מאַמע? זאָלסט ניש׳ דאַוועיגן אַרופּצישטעלן אַ פיס פין בעט, די העיעסט?

ערשט איצט, אין דעם אָנגעשטאַנענעם גערודער, איז יערמע דוד אויפגעשטאַנען פון בערגל זאַמד. ניין, ער האָט איצט נישט געבאַלעבאַטעוועט, נישט געשאַפט זיך מיט קיינעם, ווי ער האָט דאָס געטאָן ביים פּאַקן זיך אין מאַדזשיץ. אַ שטילער, אַ דערשלאָגענער, האָט ער געהאָלפן אברם יאַנקלען פּאַקן און מיט אים געשלעפּט די פּעק אַרויף שטאָט, צו אַ קרוב אין קעלער פון זיין געמויערט הויז. אין אַ מויער וועט דאָס ביסל אָרעמקייט זיין מער געשיצט ווי דאָ, אין דעם האַלב איינגעפאַלענעם, הילצערנעם שטיבל. די טירן אין דער מויער דאָרט, זענען מאַסיווע, געקאָוועטע, די פּרענטן מיט די שלעסער זענען שווערע, גרויסע. טאָמער, חלילה, אַ שרפה, איז אַוודאי גלייכער דאָס ביסל אָרעמקייט זאָל זיין אין אַזאַ מויער.

נתן חיימען זענען אָבער נישט געלעגן אין זינען קיין מויערן און נישט קיין זאַכן. ווי קען ער טראַכטן וועגן ראַטעווען דאָס ביסל אָרעמקייט, אַז אים הייבט זיך דאָס שיידל פון קאָפּ, ווי אַזוי ער וועט דאָ אַרויסראַטעווען די מאַמע. אברם יאַנקל, ווי קראַנק ער איז נישט, וועט ער נאָך אַלץ קענען גיין צופוס. אָבער די מאַמע? זי קען דאָך דעם קאָפּ פון קישן נישט אונטערהייבן. גאָט אין הימל! וואָס האָט דאָ דער טאַטע אָפּגעטאָן! ווי שווער ס׳איז געווען אויך אין מאַדזשיץ, האָט מען דאָך ביי אַ באַברעניקער קום [2] געקראָגן צו דינגען פערד און וואָגן מ׳האָט נאָך אַפילו געקענט

[1] גוטער פריינט.

טראַכטן פון מיטנעמען די זאַכן. אָבער פון דאַנעט? נאָר אַ כפּרה די זאַכן! ווי נעמט ער כאָטש אַ קינדערוועגעלע אַריינצוזעצן די מאַמע!

אַ ביטערקייט איז אים אָנגעשטאַנען אין מויל. זייטיקלעך האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויפן טאַטן. אַוודאי, איצט שווייגט ער, הייבט אַפילו נישט אויף די אויגן. פאַרוואָס באַלעבאַטעוועט ער נישט איצט? פאַרוואָס גייט ער נישט איצט זוכן אַ פערד און וואָגן?

ער איז אַרויס פון הויף, נתן חיים. טאַטע דערבאַרעמדיקער! וואָס פון דער שטאָט איז געוואָרן! קוים עטלעכע שעה, אַז די גזירה איז אַרויס און שוין שטייען הייזער פאַרהעמערט, פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, מיט בלעכן. פון יעדן הויז און הויף ציען שוין יידן, ווייבער און קינדער מיט פעקלעך אויף די פּלייצעס. ווער עס טראָגט מיט זיך אַ מלבוש נאָר, אַ קישן אונטערן קאָפּ אַרונטער און ווער עס שלעפּט מיט זיך אויך אַ טעפּל, אַ פענדל, אויף צו האָבן אין וואָס אַ לעפל וואַרעמס אָפּצוקאָכן.

און צו דעם ציען פון מיליטער איבער די שאָסייען און וועגן, נעמט גאָר קיין סוף און קיין ענד נישט! דאָס געבראַזג פון די האַרמאַטן־רעדער אין שטיינער׳נעם ברוק, מישט זיך אויס מיטן געוויין פון ווייבער און קינדערביים געזעגענען זיך מיט זייערע היימען, מיט זייערע הייף און שטובן. און קיין פערד און וועגן צו קענען מיט זיך עפּעס נעמען אין וועג אַריין קריגט מען נישט. יענע, וואָס האָבן כאָטש אַ צוויי־רעדערדיק שטופּ־וועגעלע, איז וווּיל ווי די וועלט. ווער שמועסט נאָך די באַלעגאָלעס און דראָשקאַרעס? זיי זענען איצט דער פּער פון פּילעוו! כאָטש גילט זיי אָפּ, וועלן זיי אַפילו אַ קראַנקן פון שטאָט נישט אַרויספירן. חוץ, וואָס זיי דאַרפן די געשפּאַנען פאַר זיך אַליין, צאַפּלען זיי זיך אַרויסצופאָרן מיט פערד און וועגעלע הינטער דער שטאָט. ווי וווּיל פאָניע האָט ערשט מיט וואָכן צוריק פאַרנומען יעדעס לייטישע פערד אין פוילן, איז ער איצט, נאָך די מפּלות אויפן פראָנט, שוין ווידער געצוווּנגען צו זוכן פערד. זעלנער לויפן ווילד אַרום איבער די וועגן און ווי נאָר זיי דערזעען אַ פאַדלע, אַ פּגירה, קאָנפיסקירן זיי עס מיטן געשפּאַן, אָפּט אַפילו מיטן אָנטרייבער און עס גייען אַוועק וואָכן ביז דער באַלעגאָלע קערט זיך אום קריק אַהיים.

איז אַ וווּנדער, וואָס פילעווער יידן, אַפילו גבירים, לויפן אַרום צע־טראָגענע, פאַרלוירענע און נאָכן גאַנצן זוכעניש, מוזן זיי אַליין, ווי בעטלער פאַרלאָזן די שטאָט מיט אַ טלומעקל אויף דער פּלייצע, איבערלאָזן דאָ הייזער און ברייזער, זייער גאַנץ האָב און גוטס, די פּראַצע פון אַ לעבן לאַנג! און טאָמער איז דאָס נישט גענוג האַרצווייטיק, מוזן נאָך די יידן צוזען, ווי איידער נאָך זיי האָבן רעכט פאַרלייגט די פרענגטן איבער די טירן פון די סקלאַדעס, פאַרשלאָסן די שטובן און געוועלבער, דרייען זיך שוין אַרום יענע, פון צווישן די פּוילישע שכנים, וואָס וועלן די פרענטן און שלעסער אויפברעכן, אַראָפּרייסן און דאָס יידישע פאַרמעג אַוועקפירן

צו זיך, אין זייערע געשיצטע און איינגעפונדעוועטע שטובן און כאַטעס. און דאָס זענען דאָך די גויים פון די דערפער, וואָס ווילן טאַקע צוליב דעם נישט פאַרדינגען קיין פערד און וואָגן. און נאָר פון די דערפער? צווישן זיי דרייען זיך אויך שטאָטישע איינוואוינער, נאָנטע שכנים, אַלע שליאָנדערן זיי זיך אַרום אין מיטן דער בהלה, שניפן מיט די נאָזדרעס, קוקן נאָך מיט די זשעדנע שליפּיעס, ווו יידן באַהאַלטן זייערע זאַכן און זיי לאַכן נאָך און רייצן זיך:

— באַהאַלט, באַהאַלט, יידעלעך!

אין נתן חיימען האָט געוויינט דאָס האַרץ. די שטאָט ליידיקט זיך אויס. דער שאָסיי דורך קאָנסקע וואָליע קיין קאָרעוו איז פול מיט די אַרויסגעטרי־בענע, מאַנצלייט, ווייבער, קינדער, אַלע מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס, מיט קאָשיקעס און וואַליזקעלעך אין די הענט, און ער גייט גאָר זוכן פערד און וואָגן! זוכט ער נישט דעם נעכטיקן טאָג? דעם פאַראַיאָריקן שניי? אָבער וואָס זאָל ער טוען? ער קען דאָך נישט צוריקגיין מיט ליידיקן. די מאַמע וואַרט דאָך דאָרט אַ שלאָפע אין בעט!

קאַפּיטל צען

אַ גרויל כאַפּט אַרום צו זען ווי אַ שטאָט שטאַרבט דיר אָפּ אונטער די הענט. אָט נאָרוואָס האָט זי געדרוישט און געדעשט מיט לעבן, געווימלט מיט איינוואוינער, זינגענדיקע מאַמעס האָבן איינגעוויגט קינדער און שוין איז געוואָרן שטיל, אימהדיק שטיל. געוועלבער און סקלאַדעס — פאַר־שלאָסן, טיר און לאָדן פון הייזער — פאַרהאַקט, הייף און היימען פוס־טעווען און די איבערגעלאָזטע קעץ שאַרן זיך ביי די ווענט. גראַבלען צעטומלט מיט זייערע לאַפּקעס אין די פאַרמאַכטע טירן און מיאַוקען פּחדימדיק אין די פוסטקייטן אַריין און אויבן, אין דעם טונקלבלויען ים, שווימט זיך די לבנה אַ האַרבסטיק קילע, אַ רואיקע, גלייך גאָרנישט וואָלט דאָ געשען.

מימאַיינמאָל איז אַן אַלטע, איינגעפונדעוועטע יידישע קהילה געוואָרן מיט בעטלער צוגלייך. מער ווי דאָס אָנטועכץ אויפן לייב און אַ פּעקל אויף די פּלייצעס האָט קיינער פון זיין גאַנץ האָב און גוטס נישט געקענט נעמען מיט זיך, און וואוהין גייט מען? וווּ וועט מען געפינען אַ דאַך איבערן קאָפּ?

אינדערפרי איז געקומען דער באַפעל און נאָך וואָרעמעס איז שוין דער שאָסיי פון פילעוו קיין קאָרעוו פול מיט די אַרויסגעטריבענע. אָט איז מען אַריבער די באַן־ליניע. אָבער וווּהין גייט ער, נתן חיים? אַ דער־שלאָגענער קריכט ער, נישטערט מיט די אויגן. די לעצטע גרופּעס יידן דערווייטערן זיך, דער געטומל וועפּט אויס, לייזט זיך אויף אין דער לופט ווי רויך. ס׳ווערט נאַכט, שטיל. דער ווינט שטאַרקט זיך, צעיאָגט די פאָלעס, פּאַטשט אין געזיכט און דער שאָסיי לויפט אַ ליידיקער צווישן די נאַכטיקע פעלדער. פון דער פינצטער אַרויס מאַניען פייערלעך. קריסטלעכע היימען, דאָרפישע כאַטעס שטייען דאָרט זאַטע, רואיק איינגענעסטעטע. די ביסלעך ליכט, אויסגעשטרעקטע גאָלדשטרויען, בלינצלען מיט היימישער וואַרעמ־קייט. אים אָבער, נתן חיימען, שרעקן זיי מיט רוגזה, מיט רשעות. וויפל פון די קריסטלעכע טירן האָט ער שוין היינט געעפנט? געשטאַנען מיטן היטל אין האַנט און געוויינט, געבעטן:

— גוטע מענטשן, האָט רחמנות, די מאַמע איז מיר קראַנק. כ׳מוז זי אַרויסראַטעווען. איר האָט דאָך פערד און וואָגן. כ׳וועל באַצאָלן. אָבער

פונקט ווי אַמאָל דעם טאַטן זיינעם, ביים זוכן דאָס פאַרלוירנגעגאַנגענע ביקל, אַזוי האָט מען אויך איצט פאַרהאַקט פאַר אים די טירן:

— טראָג זיך, זשיד! אַנדערע האָבן נאָך אַנגערייצט אויף אים די הינט.

ערשט אין קאָנסקע וואָליע האָבן יידן זיך דערבאַרעמט איבער אים. געהערט: אַ קראַנקע מאַמע אין אַן אויסגעליידיקטער שטאָט, האָבן זיי זיך אָנגעזעצט אויפן זאַמדפירער. די באַלעגאָלעס ציטערן נעבעך זיך אַרויס־צופירן מיט פערד און וואָגן פון שטאָט, אָבער וואָס האָט ער מורא? זיין פּגירה וועט פאָניע נישט קאָנפיסקירן. בפרט נאָך, אַז דער בחור שטופּט אים אין האַנט אַריין אַ קנאַקעדיקן צענער־רובל ער זאָל פאָרן.

דער זאַמדפירער, אַ יידל ווי אַ בער, מיט קליינע אייגעלעך פון אַ געל־פאַרוואַקסן פּנים אַרויס, האָט זיך פויל געקראַצט, געשיבערט. די אייגעלעך האָבן גלוסטיק געקוקט צום צענער־קערבל, נאָר ער האָט נאָך אַלץ געמרוקעט, געפּאָנפּעט פון דער קאַרטאָפליע־נאָז, ביז ענדלעך האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אַרויס איינשפּאַנען.

אינדרויסן, ביים אַרויספירן דאָס פערד פון שטעלכל, איז נתן חיימען אין דער פינצטער, געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן. אַזאַ פּאַדלע? פאַר דער מלחמה וואָלט דאָך אַ שענערע פון איר געגאַנגען צום שינדער! ערשט דער וואָגן: אַ שמאָל זאַמדקעסטל אויף פיר רעדער. און דאָס געשפּאַן: פאַרפּוילטע שטיקלעך שטריק צונויפגעבונדן אין לייצעס. גאָט אין הימל! מיט דעם פערד און וואָגן וועט ער זיך דערשלעפּן קיין פּילעוו? און ערשט דערנאָך פון דאָרט קיין קאַרעוו און וויאַזוי וועט ער אין דעם זאַמדקעסטל אַריינזעצן די מאַמע מיטן ביסל בעטגעוואַנט און לעבן איר נאָך די דריי מיידלעך!

— וויאָ! — האָט דער זאַמדפירער געטאָן אַ סמאָטשקע און דאָס פערדל, פּראַכנדיק, סאָפּענדיק האָט גענומען ציען דאָס וועגעלע אַרויס אויפן שאָסיי.

בעת ער איז געווען ביים זאַמדפירער אין שטוב, האָבן דערווייל כמאַרעס געהאַט פאַרשלונגען די לבנה און אַ זלידנע, יעשענדיק רעגנדל האָט גענומען קאַפּען, איינעסן זיך אין געביין. בייטאָג, ווען ער איז אַרויס פון דער היים, איז אים נישט געלעגן אין זינען צו נעמען אויף זיך אַ שטיקל אויבער־בגד, איז אָט, איידער נאָך ער רירט אַרויס פון קאָנסקע וואָליע, איז ער שוין פּיטש־נאַס, אויסגעווייקט ביזן העמד. אַוודאי, אין אַזאַ פאַל טוט מען אַ פּאַך מיט דער בייטש און הײַדאַ! דאָ אָבער וועט נישט העלפן קיין בייטש. אַז מיטן ליידיקן קעסטל קריכט די פּגירה קוים, קוים, ווי וועט זי נאָך קענען זיי שלעפּן? גייען זיי נאָך צופוס, דער זאַמדפירער מיטן בייטשל אין איין זייט וואָגן, און ער, נתן חיים, — אין דער צווייטער זייט, און די האַלב־בלינדע שקאַפּע — פאַרויס. די רעדער אויף די פאַרזאַמדיקטע אַקסן סקריפּען, ראַצן ס'אויער, דער ווינט פייפט, דער רעגן נעמט דיך

דורך ביזן געביין, כאַטש רייס די אייגענע הויט פון אומגעדולד, אָדער כאַפּ די פּגירה מיטן זאַמדקעסטל אויף די פּלייצעס און אייל אַהיים!

אהיים, ווו איז איצט זייער היים? די מאַמע זיצט דאָרט, אין דעם האַלב־געזונקענעם שטיבל הינטער פאַרריגלטע טיר און לאָדן, טוליעט אין דער פינצטער די קינדער צו איר קראַנק, פיבערנדיק האַרץ. אין פעדערהויז, אויפן בערגל זאַמד, זיצט דער טאַטע אין איין זייט און אברם יאַנקל אין דער צווייטער. ס׳איז דאָרט פחדימדיק שטיל. מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס הערן זיי זיך איין אין דעם געקלאַפּ פון רעגן אין דאַך, אין דעם נאָגנדיקן געיאָמער פון די קעץ, אין דעם שווערן קאָלערן זיך פון האַרמאַטן־רעדער אין די טעמפּע טריט פון גייענדיקן מיליטער אויפן הויפּט־שאָסיי.

פלוצים זענען די אַלע קלאַנגען פאַרטויבט געוואָרן פון אַ זעצן און ברעכן אַ טיר אין אַ דערנעבנדיק הויז. באַלד האָט זיך דערהערט דאָס רוקעניש פון שטוב־זאַכן, דאָס געבראַזג פון גלאָז און איבער דעם אַלעמען — רוסישע זידלערייען:

— פּאַ מאַטיערי! (אין דער מאַמען אריין!).

וואָס העכער דאָס בראַזגעניש, דאָס זידלען זיך דאָרט, אַלץ שטילער און איינגעשטיקטער איז געוואָרן דאָ, אין דעם פינצטערן, פאַרריגלטן שטיבל. פון שרעק האָבן די קינדער פאַרשטופּט זיך די מיילער מיט די אייגענע פויסטלעך. די מאַמע, חנה לאה, האָט מיט אַלע אירע כוחות איינ־געהאַלטן דעם אָטעם, זי זאָל נישט אויסברעכן אין אַ גוואַלד־געשריי. כאָטש וואָס וועט דאָ העלפן דאָס שרייען? פאַרקערט, די זעלנער קענען נאָך, חלילה, אַנלויפן אַהער.

שטיל, אין שושקעניש, האָט זי זיך געבעטן ביים מאַן, ביים זון:

— יערמע דוד, אברם יאַנקל, דאַבאַרעמטס ענק, פאַ׳שפּאַ,טס די טיע׳, ס׳ריגאַלע איז דעך אַזוי דין! — טוליענדיק דערביי אסתר פערלען נעבנטער צו זיך, האָט זי געפּליסטערט אַרויף, צום ווייס געקאַלכטן פולאָפּ[1]: — נאָ׳ מיט חסד, טאַטע דאַבאַרעמדיקע׳!

ביסלעכוויז האָבן די זעלנערישע גערעדערייען זיך דערווייטערט, געוואָרן שטילער, שטילער, ביז די קולות זענען אינגאַנצן אויסגעגאַנגען, פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. ערשט איצט, אין דער אָנגעשטאַנענער שטילקייט, האָט זיך אָנגעטראָגן דאָס פאַוואָליעדיקע קאָלערן פון רעדער, דאָס פוילע געטריטל פון פערדישע פאַדקאָוועס. אברם יאַנקל האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, געהאָרכט ווי אַן איבערגעשראָקענער האָז. דאָס איז דאָך נישט קיין געפאָר פון אַ מיליטעריש געשפּאַן! ער איז געטאָן אַ שפּרונג אויף פון זאַמד־בערגל:

— אוי, דוס מיז זאַאַן נתן חיים!

[1] סופיט.

ער האָט שטיל אויפגעריגלט די טיר, אַרויסגעשיקט דורך דער שפּאַרע אַ בליקעלע און איידער נאָך ער איז אַרויס אויפן הויף, האָט זיך אין איינ־פּאַר אַריינגעוויזן דער קאָפּ פון אַ פערד און נאָכדעם אַ זאַמדקעסטל אויף פיר רעדער מיטן באַלעגאָלע פון איין זייט און נתן חיימען, אַן איינגעטור־ליעטער, אַן אויסגעווייקטער פון רעגן — אין דער אַנדערער זייט.

איצט ערשט, מיט נתן חיימס אָנקומען, האָט די שפּאַנונג אין דער שטוב נאָכגעלאָזט און חנה לאה האָט געוואָגט אַ קרעכץ צו טוען:

— געלויבט אי׳ גאָט, אַבי יעך זעי דיעך אַ לעיבעדיקן.

יערמע דוד וואָלט אַוודאי אויך אָפּגעגעבן אַ שבח צו זיין ליבן נאָמען, וואָס נתן חיים איז בשלום אַהיימגעקומען, האָט אים אָבער דאָס אָנגעפּאַרענע געשפּאַן צעשטערט זיין ביסל פרייד. אַ דאַרפסמענטש, וואָס ביזן גיין דינען פּאָניע, איז ער זיך אומגעגאַנגען מיט פערד און וועגן, געפירט מיטן טאַטן קיין וואַרשע קעלבער, עופות, אייער און צוריק, קיין באַברעניק, געברענגט פּעסער נאַפט, טונדלעך הערינג, קאַסטנס טיטון, שוועבעלעך, מאַכאָרקע, איז ווי וויל ער האָט זיך איצט אויסגעקוקט די אויגן אויף אַ פערד און וואָגן, צו קאָנען אַרויפזעצן חנה לאהן מיט די קינדער און וואָס גיכער אַרויס פון דער פאַרלאָזטער שטאָט, האָט ער דאָך, דערזעענדיק דעם סוס מיט דעם געשפּאַן, זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אַ זאָג געטאָן:

— אַזאַ פּגירה דינגט מ׳?

נתן חיים האָט זיך רוגזהדיק געטאָן אַ דריי אויס צום פּאָטער. די גאַנצע ביטערניש פון דעם שלעפּן זיך אַ האַלבן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרייך, איידער ער האָט שוין דערלעבט, אַזש אין קאָנסקע וואָליע, צו קריגן כאָטש דאָס שטיקל געשפּאַן, אָט די גאַנצע ביטערניש האָט זיך איצט געטאָן אַ ריס אַרויס פון אים:

— ס׳געפעלט דיע׳ ניש׳ ווּס יעך ׳אָב געדינגע׳, קענסטי אַליין גיין זיכן אַ דראַביניאַסטע וואגן מיט צוויי פעיעד!

— אוי, אוי! ס׳הייבט זעך שוין אוען, — האָט חנה לאה, קרעכצנדיק פון דער פינצטערער שטוב אַרויס, זיך גיך אַריינגעמישט, אָפּצושטעלן דעם קריג צווישן טאַטן און זון, איידער ער צעפלאַקערט זיך.

ביי יערמע דודן און נתן חיימען האָט עס טאַקע געהאַלפן. זיי זענען געבליבן שטיל נאָך דער מאַמעס אַריינמישן זיך, דער זאַמדפירער אָבער האָט נישט געוואָלט הערן וואָס אַ יידענע קרעכצט דאָרט. ער האָט גאָרנישט געוואָלט פאַרשווייגן דאָס וואַרפן זיך מיט זיין געשפּאַן. ווי פריער, ביים דינגען אים, האָט נתן חיים נישט געקענט אַרויסקריגן פון דעם ייד קיין קלאָר וואָרט, אויסער אַ מין וואָרטשעניש, ווי פון אַ פויל בעל חי, וואָס מ׳שטערט אים די רו, אַזוי האָט דער זאַמדפירער איצט מיט איין מאָל געקראָגן לשון:

— ווּסי, ווּס? ס׳געפעלט ענק ניש׳ מאַאן פעיעד אין וווגן? אַ חוצפּה

אין אַ העזה! יעך נאַ׳ לאָ׳ מיך אַאַנרעדן אין קים אַזש קאָ פּילעוו, וואַרפּט מ׳זעך גוע מיט מיע׳! ווס מיינט עץ, ווס? יעך ׳אַב מיעך לאַקאָמיעט[2] אַף די עטלעכע קערבלעך? יעך אָ׳ געוואָלט פאַ׳דינע׳ אַ מצווה, ׳אַב יעך, אַראַאָסראַטעווע׳ אַ שלאַף מענטש ׳אַב יעך געוואָלט, קימט אַזאַ גוניש אין ריפּט מאַאַן פעיעד פּגירה!

אַן אַנדערש מאָל וואָלט יערמע דוד דעם זאַמדפּירער אַזוינס נישט פּאַר־שוויגן, איצט אָבער האָט ער זיך אָפּגעווישט דאָס מויל, זאָל שוין זיינס איבערגיין. דער זאַמדפּירער אָבער לאָזט זיך נישט באַרואיקן. ווי אַ צע־וויינט קינד העשעט ער נאָך אַלץ אָפּ:

— אַז מאַאַן געשפּאַן געפּעלט ענק ניש׳, פּוע׳ יעך שוין קריק אַהיים!

— ני שוין, ני שוין, — האָט חנה לאה, זיצנדיק אויפן פּעקל בעט־געוואַנט זיך געבעטן ביים ייד אינדרויסן דאָרט. זי איז נעבעך געוואָרן דערשראָקן, טאָמער דרייט דער באַלעגאָלע טאָקע אויס דעם דישעל? האָט זי דאָס פון דער פינצטער אַרויס געטשישעט[3] פון איין זייט נתן חיימען, וואָס פאַרגעסט נעבעך אינגאַנצן אין כיבוד אב און רעדט אַזוי אָקעגן דעם טאַטן. פון דער אַנדערער זייט האָט זי געזוכט צו האַמעווען יערמע דודן, ער זאָל האָבן גאָט אין האַרץ, ער זאָל געדענקען, אַז ס׳איז היינט נישט קיין רואיקע צייטן, ווען מ׳האָט זיך געקענט קלייבן, זוכן מציאות! פון דער דריטער זייט מוז זי אויך איינעמען דעם פורמאַן. דער ייד איז דאָ נעבעך גאָרנישט שולדיק. מ׳האָט אים געדונגען איז ער געקומען!

— ני שוין, ני שוין, — האָט זי מיט איר ווייך סאַמעטן קול זיך געבעטן ביי די אויפגעצאָרנטע מאַנצלייט אויפן הויף. — באַריאיקטס ענק, ווי גאָט איז ענק ליב, זעלנע, קענע׳ נאָך, חלילה, קימע׳ אַנצילויפן, איז מ׳דעך אַאַנגישטעלט מיטן לעיבן.

ווי אַ שלאַף קינד האָט זי אַרומגעלייגט איין אָרעם אַרום נתן חיימס קאַרק, דעם צווייטן אַרום אברם יאַנקלען און זיך געלאָזט טראָגן פון די צוויי זין אַרויס אויפן הויף און דאָרט, פּאַוואָליע, פּאַוואָליע, מיט דער הילף פון יערמע דודן, פון באַלעגאָלע, זיך אַרויפגעדראַפּעט אין דעם קעסטלדיקן וועגעלע אַריין. איצט, אַן איינגעדעקטע מיט דעם בעטגעוואַנט, האָט זי זיך געצאַפּלט מיט די אויסגעשטרעקטע הענט, צו האָבן וואָס גיכער לעבן זיך די קינדער, דער עיקר די גרעסערע, אסתר פּערעלען, וואָס אַ גאַנצן טאָג זיצט זי אַן איינגעבאַבעטע, פאַרקליידט אין אַ קאָפּקע מיט אַ טשיפּעק אויפן קאָפּ, אין אַ ברייטגעפאַלבטע ספּודניצע מיט אַן אַלט סאַמעטן קאַפּטנדל, אַלץ כדי צו פאַרשטעלן און באַהאַלטן איר יונגמיידלשאַפט פון די זעלנערישע שליפּיעס, זיי זאָלן מיינען אַז דאָס איז אַן אַלטע יידענע, אַ באָבע שוין.

[2] געקוואַפּעט. [3] איינגעשטילט.

— וויאָ, — האָט דער זאַמדפּירער געטאָן אַ צי די שטריק־לייצע און אַ פּאָך געטאָן מיטן בייטשל אין דער לופט.

די שקאַפּע האָט גערירט, גענומען שלעפּן דאָס וועגעלע מיט אַלע אירע כּוחות, געסאָפּעט און געפּרייכט גלייך אויף דעם וואָגן וואָלט געווען אָנגע־לאָדן ווער ווייסט וואָסער שווערע משא. זיי, די מאַנצלייט, זענען מיטגעגאַנגען צופוס. אַרומגערינגלט אַרום דעם וועגעלע, יעדער לעבן אַ ראָד, זענען געגאַנגען, דער אָנטרייבער מיט יערמע דודן פון איין זייט און נתן חיים מיט אברם יאַנקלען פון דער אַנדערער זייט.

פּאַוואָליע האָט די פּראָצעסיע געצויגן אַרויס פון הויף, פון דעם זייטיקן געסל, אַרויף אויף דער הויפּטגאַס און זיך פּאַרנומען לינקס צום קאָרעווער שאָסיי. פּילעוו איז געווען פינצטער, שטיל, אַן אויסגעשטאָרבענע שטאָט. די פּאַרהעמערטע הייזער איןביידע זייטן זענען געשטאַנען ווי צונויפגע־טוליעט אין פּחד און דאָס זלידנע רעגנדל הערט נישט אויף, ווייקט דיך דורך ביזן געביין.

אַ פּאַטרול האָט זיך דערנעענטערט:

— סטאָי! קטאָ יעדיעט? (שטיין! ווער פּאָרט?).

מיטן פּאַרהאַלטן דאָס וועגעלע, האָט זיך ביי אַלעמען פּאַרהאַלטן דאָס אָטעמען. אין איין שרעק האָבן אַלע זיך צוגעקוקט ווי די זעלנער נישטערן אין בעטגעוואַנט, קוקן זיך איין מיט חשד אין יעדנס אויגן, ביז, ענדלעך, דער עלטסטער האָט אַ זאָג געטאָן:

— נו, לאַדנאָ.[4]

די שקאַפּע האָט ווידער גערירט. אַרום האָבן הינט זיך צעבילט.

[4] אין אָרדענונג.

קאַפּיטל עלף

מיט ציטערניש אין די הערצער האָבן קאָרעווער יידן זיך צוגעקוקט ווי די שטאָט זייערע ווערט פאַרפלייצט, נישט חלילה פון קיין טייך, וואָס איז אַרום זיי גאָרנישט געווען, נאָר פון הײמלאָזע יידן, אַרויסגעטריבענע פון זייערע שטעט, פון זייערע היימען און הייזער.

אָנגעהויבן האָט זיך די פאַרפלייצונג מיט די מאָדזשיצער, באַלד נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה. דאָס איז אָבער נישט געווען נאָך קיין געוויטער, אין גאַנצן עטלעכע משפחות און געקומען זענען זיי נאָך אויף וועגן, הויך־באַלאָדענע מיט שענק און בעטן, מיט קופערטן און פעק־בעטגעוואַנט, וואָס צווישן דעם זענען געזעסן די ווייבער און קינדער, ווער מיט אַ געבונ־דענער הון אין שויס און ווער מיט אַ קאַטשקע, אַ גאַנדז. די מאנצביל, די טאַטעס און אונטערגעוואַקסענע ברידער, זענען געגאַנגען צו פוס, לעבן דעם פערד און וואָגן. טייל פון זיי האָבן אונטערגעטריבן אַ ציג, וואָס איין עק פון אַ שטריקל איז איר געווען פאַרקניפּט אַרום די הערנער און דער צווייטער עק — אַרום אַ קלאָניצע פון וואָגן, אַרום אַ שטאַפּל פון לייטער.

דער גרויסער אָנפלייץ איז ערשט געקומען פון פילעוו ערב הושענא רבה און נאָר איינציקע משפחות פון זיי זענען אָנגעפאָרן אויף אַ דראָזשקע, אויף אַ וואָגן. אַלע זענען זיי געקומען צו פוס, ווייבער און קינדער, בלויז מיט טלומעקעס אויף די פלייצעס, אויסגעווייקטע אין דעם קאַלטן יעשען־רעגן, אַ געגיי, וואָס האָט נישט אויפגעהערט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין! ווו נאָר אַ קרוב, אַ פריינט, איז מען, נישט אָנפרעגנדיק, אַריין צו אים אין שטוב מיטן גאַנצן הויזגעזינד, אַראָפּגעוואָרפן אויפן דיל די דורכ־גענעצטע פעקלעך, אויסגעטאָן די נאַסע שובעס און טיכער, די צעלע־כערטע שיך און שטיוול פון די פיס און געבליבן זיצן אויף אַ קיך־באַנק, אויף אַ טאַבורעט אויסגעשעפּט, שטום און שטאַר, אָן אַ וואָרט, אָן אַ קלאַנג.

קאָרעווער יידן, ווי זיי האָבן זיך נישט געריכט אויף אַזאַ אָנפלייץ, האָבן זיי דאָך געעפנט נישט בלויז זייערע הערצער פאַר מיטלייד, נאָר טאַקע זייערע אָרעמס און זייערע היימען. מ׳האָט נישט געפרעגט ווער, וואָס, נאָר גלייך גענומען אויסבעטן געלעגערס, אונטערלייגן פייערן אונטער די פליטעס, צוגעשטעלט צום אויפזידן בינקעס [1] וואַסער און שוין געשטעלט

[1] טשייניקס אָן העלזער, נאָר מיט אַ קורצער עפענונג.

צום טיש אַן עפּל, אַ באַרנע, אַ טעלער פלוימען, געלייגט אַ ברויט, אַ מעסער און, דער עיקר — גלעזער הייסע טיי צו דערוואַרעמען ביי די געקומענע דאָס געביין, די אויסגעפרוירענע גלידער זייערע.

עס האָט אָבער נישט געקלעקט. וויפל די קאַרעוועך יידן האָבן זיך נישט געמיט איז דאָך דער אָנפלייץ געווען צו גרויס זיי זאָלן אים קענען אין גאַנצן אַריינבעמען צו זיך אין די שטובן, אין די קאַמערן, אין די פעדער־הייזער. האָט דאָס שטאָטישע יונגוואַרג גענומען אָנטראָגן בינטלעך שטרוי אין בית המדרש, אין די חסידים־שטיבלעך און געמאַכט אויך דאָרט געלעגערס פאַר צענטליקער אָנגעלאָפענע משפחות. האָט אָבער אויך דאָס נישט געגוגנט. הונדערטער יידישע היימלאָזע זענען נאָך אַלץ געבליבן אין דרויסן, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן אַפילו אַ שטיקל וואַנט אַרום גוף.

יערמע דוד מיט זיין משפחה איז ערשט אָנגעקומען צומאָרגנס, הושענא רבה אין דער פרי, נאָך דעם גרויסן אָנפלייץ. אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך די שקאַפּע געשלעפּט אין דער קעלט ,אין דעם רעגן. חנה לאה מיט די דריי מיידלעך זענען כאָטש געווען אויפן וואָגן, איינגעבאַבעט און איינגעדעקט מיט פאַטשיילעס און זעק. זיי אָבער, יערמע דוד, די צוויי יינגלעך און דער אָנטרייבער, זענען נאָכגעקראָכן דעם פערד און וועגעלע צו פוס, געוואָרן אויסגעווייקט און דורכגעפרוירן ביזן סאַמע געביין.

באַגין, אַז גאָט האָט געהאָלפן, מ׳איז שוין מיט מזל אַריינגעפאָרן קיין קאָרעוו, איז ערשט דאָ יערמע דודן פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ווי אַ קער, ווי אַ ריר — היימלאָזע! רבונו של עולם, ס׳גייט יום טוב און דאָ וואַלגערן זיך אַזוי פיל יידן אין דרויסן! ווער עס זיצט אויפן פעקל אָנגע־שפּאַרט מיט דער פּלייצע אָן אַ וואַנט און דרימלט און ווער עס בלאָנקעט אַרום מיט אַ טשייניק, מיט אַ פענדל און זוכט אין דער פרעמדער שטאָט אַ ברונעם צו נעמען אַ ביסל וואַסער און ווער גאַר עס שלעפּט אַ בינט־שטרוי צו אַ געפונענער נאָרע אין וועמעס אַ פעדערהויז, אונטער אַן אָפּדעכל פון עמעצנס אַ שטוב.

ווהין פאָרט ער דאָ? נעכטן, אין פּילעוו, ווען די בהלה האָט אויס־געבראָכן, איז אים נישט געלעגן אין זינען צו טראַכטן, ווהין צו פאָרן. אַ דערשלאָגענער איז ער אַוועקגעפאַלן אויפן בערגל זאַמד ווי אַן אונטער־געהאַקטער בוים. ערשט ביי נאַכט, אויפן וועג, האָט אים גענומען עגבערן אין מוח: צו וועמען פאָרט ער? ווו וועט ער זיך אָפּשטעלן? ביי עליע ברוכן? וואָסער קרוב איז ער אים? קוים אַ שטיקל שני שבשלישי פון פאָטערס צד. נאָר מילא, נאָנט צי וויט, אַבי אַ קרוב! אין אַזאַ צייט קען מען זיין וויברעדנע? [2] אַבי מ׳האָט ווו אַ טיר צו עפענען.

שלעכט איז נאָר וואָס דער אַלטער עליע ברוך איז, נישט פאַר קיין ייד

[2] איבערקלייבעריש.

געדאַכט, לאַנג שוין אַן אַלמן און ער וואַלגערט זיך אַליין ביים יינגערן זון. אמת, ס׳הייזל איז זיינס, דעם אַלטנס, פון דעסטוועגן? וואָס וועט דער כיל יאָסל זאָגן, ווען ער וועט פּלוצים דערזען אים פאַרפאָרן צו זיין טיר און נאָך מיט אַ קראַנק ווייב און פינף אונטערגעוואַקסענע קינדער וואָס איינער, אברם יאַנקל, האַלט זיך אויך קוים אויף די פיס. איצט ערשט, אין פרימאָרגן, זעט ער ווי שלאָף ער איז נעבעך. טאָמער איז אים געוואָרן אַ ביסל בעסער נאָך דעם ערב ראש השנהדיקן איבערפאַל אויף אסתר פּערעלען ,האָט די נעכטיקע בהלה, דאָס וואַרטן אין שרעק שעהען לאַנג אויף דעם פערד און וועגעלע, ווידער אויפגעראָיעט אין אים דאָס בלוט, אויפסניי אַרויסגעוואָרפן אים די בלאָטערן און געשווירן אויף זיין לייב, אויפן האַלדז און פּנים. וואָס זשע וועט אויף דעם זאָגן דעם כיל יאָסלס ווייב? זי וועט דאָך אַוודאי מיינען, אַז אַברם יאַנקל איז, חלילה, אַ מצורע, אַ קרעציקער! זי קען נאָך פאַרמאַכן די טיר און זיי נישט אַרויפלאָזן אויף דער שוועל אַפּילו.

— פעטע׳, ווי אַהין שלעפּט איר מיעך? — האָט אים דער אַנטרייבער פּלוצים אַרויסגעריסן פון זיינע טראַכטענישן.

אין גרויען באַגין, אַז דער באַלעגאַלע האָט שוין דערלעבט צו זען די קאָרעווער מיל, האָט ער געוואָלט וויסן וווהין צו פאַרקערעווען דאָס פערד און וועגעלע, ער זאָל אַראָפּוואַרפן די פאַרשוינען און וואָס גיכער אויסדרייען דעם דישעל אַ היים, קיין קאָנסקעוואָליע.

— שוין , שוין, עץ זעיט די שיל? — האָט ער געוויזן דעם זאַמד־פּירער אויף רעכטס, — צוויי האַאזע׳ נועך דע׳ שיל, ווינט עליע בעקע׳.

מילא, די גאַנצע נאַכט, כל זמן מ׳האָט זיך געשלעפּט אויפן אויס־ברוקירטן שאָסיי, אַ גלאַטער, נישט צעבראָכן נאָך פון קיין האַרמאַטן־רעדער, איז נאָך די שקאַפּע ווי עס איז געקראָכן און געשלעפּט דאָס וועגעלע. איצט אָבער ביים אַראָפּפירן זי פון וועג, אַריין אין דער קאָרעווער יעשען־בלאָטע, איז זי געבליבן שטיין און כאָטש האַק און בראָק און זי רירט זיך נישט פון אָרט! געוווינט שוין צו קריגן אויך מיטן בייטשקעלע איבער דעם צעפּיי־ניקטן רוקן, איבער די אַרויסגעשטאַרטשעטע זשעברעס,[3] האָט עס דעם פערד נישט געאַרט צו קריגן נאָך עטלעכע שטעקנס.

יערמע דודן האָט דאָס אָבער שוין גאָר געאַרט! ווי דער פאָטער זיינער, האָט ער קיינמאָל נישט געשלאָגן קיין פערד.

— לאָזט מיעך, האָט ער אַרויסגענומען די שטריק־לייצעס פון אַנטריי־בערס הענט און אָנגעהויבן מיט גוטן לאַטשען דאָס פערד:

— העטאַ, ווישטאַ.

דאָס איז נישט געווען קיין בייז באַלעגאָליש רייסן די לייצעס און

[3] ריפּן.

שרייען: וויאַ! נאָר אַ מינטערן עס פול מיט גוטסקייט, מיט רחמנות, דערביי האָט ער דאָס פערד געגלעט איבער דער צעביילטער פעל און טאַקע אליין אונטערגעשטעלט דעם אַקסל אונטער דער פעדערשטער קלאַניצע פון וואָגן. צוליב אים האָט שוין דער באַלעגאָלע אויך אונטערגעשטעלט זיין אַקסל אונטער דער צווייטער קלאַניצע און נתן חיים מיט אברם יאַנקלען האָבן געטאָן דאָס אייגענע ביי די הינטערשטע קלאַניצעס. ערשט איצט האָט די שקאַפּע געריירט, געצויגן דאָס וועגעלע מיט אירע לעצטע כוחות, ביז גאָט האָט געהאָלפן און מ׳איז פאַרפאָרן פאַר עליע בעקערס טיר.

פונקט ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט, יערמע דודן. קיינער, נישט דער אַלטער עליע, אַ גוטע נשמה, אַ שטילע טויב, אויך נישט דער זון, כיל יאָסל, וואָס מיט זיין גוט האַרץ געראָט ער אינגאַנצן אַריין אין אַלטן, אויך נישט די שנור, גענענדל, קיינער האָט אים נישט געזאָגט, חלילה, אַ קרום וואָרט. אדרבא, ווי נאָר דאָס וועגעלע איז געבליבן שטיין פאַר זייער פענצטער, זענען זיי אַלע אַרויסגעקומען מיט אַ ברייטן:

— ס׳קאָצל קומט, אַבי מ׳זעט זיך.

אויסגעמעליקטע, מיט פאַרשאַרצטע אַרבל, דער אַלטער וויס שוין פון זיקנה, דאָס יונגע פאָרפאָלק, ער מיט אַ קופּער רויט בערדל ווי דער פאָטער אַמאָל, זי — בלאָנד ווי אַ שיקסע, ביידע נעבעך בלאַס פון שטיין גאַנצע נעכט איבער דעם קנעטן די דייזשעס ברויט, זענען זיי איצט געשטאַנען שמייכלענדיקע און גאָר אויסגערעדט אים, יערמע דודן, וואָס אים קען איינפאַלן:

— וואָס הייסט מ׳עט פאַרמאַכן די טיר? ווער טוט דאָס אַזוי? בפרט נאָך פאַר אייגן בלוט און פלייש, אַרויסגעטריבענע, היימלאָזע! מ׳איז דאָך מענטשן, ווי מ׳עט קענען וועט מען זיך אַהינטוען.

די געגענדל, כאָטש אַזאַ ווייטע קרובה, איז זי באַלד צוגעגאַנגען צום וואָגן, אַ טאָפּ געטאָן דער מאַמען אויפן שטערן:

— מיט גאָטס הילף ׳עט די מומע האָבן אַ רפואה שלימה.

אַוודאי איז נתן חיים געווען זייער גערירט פון די מענטשנס גוטסקייט, פון זייער ווילן צו העלפן, אָבער וויל הייגט, וויל מאָרגן, אַז ווו זיך אַהינצוטוען איז ביי זיי נישטאָ! אפילו דאָס נאָס־אָנגעבלאָטיקטע פעדערהויז איז אויך פאַרלייגט מיט היימלאָזע. אין איין זייט, אויף איר קופּערטל, זיצט אָן אַלטע יידענע איינגעטוליעט אין אַ דערע. אין דער צווייטער זייט — עפּעס אַן עלטער מיידל. אין מיטן, הינטערן לייטערל צום בוידעם, זיצט אַ יונג ווייבל מיט דער בריסט אינדרויסן און זייגט אַ פּיצל קינד.

מילא, בייטאָג, אָבער ווו טוען זיך די אַלע מענטשן אַהין ביינאַכט? אינגאַנצן איז דאָס אַ דירה פון איין שטוב מיט אַ קיך, פאַרנעמט דער באַקאויוון מיט דער פּליטע דעם גאַנצן אויבן אָן, דערצו נאָך די מולטערס,

דייזשעס, זעקלעך מעל, אַפּילו די שלאָפּבאַנק, דעם אַלטן עליעס געלעגער, איז פאַרלייגט מיט זיפּן און בעקנס, מיט אַ וואַגשאָל און געוויכטער. טאָמער איז אין דער קיך געווען איין שטיקל פריי אָרט, דער פּיעקעלעק איבערן אויוון, האָט אים ישראל יעקעס פאַרנומען, ווען ער איז דאָ אָנגעקומען מיט די ערשטע היימלאָזע פון מאָדזשיץ. אויף די מעלוזעק האָט ער דאָרט אויסגעבעט אַ געלעגער פאַרן ווייב מיט ביידע מיידלעך. אַליין מיט די צוויי יינגלעך, שלאָפט ער אויפן בוידעם. די צוויי בעטן, אין דער איינציקער שטוב, האָט פאַרנומען דעם אַלטן עליעס בכור. צווישן די ערשטע פּילעווער, איז ער דאָ געכטן פאַרפאָרן אויף אַ דראָשקע מיטן ווייב און צוויי אונטער־געוואַקסענע מיידלעך, ווי אין אייגענעם הויז און הויף אַריין. אַ קליינינקייט! זיין ברודער, זיין טאַטע, זיין שוועגערין! דעם עלצטן זון פאַלט גאָרנישט איין צו טראַכטן, אַז ער האָט צוגענומען די בעטן, ווו שלאָפט דאָס פאַרפאַלק? זיי זענען דאָך אויסגעהאָרעוועטע מענטשן, שטענדיק איבערגעבויגן איבער די מולטערס און דייזשעס ביים קנעטן און אויסרונדן די ברויטן, גרויסע, פינף און זעקס פונטיקע און זיי דערלאַנגען דעם אַלטן טאַטן אויף דער לאָפּעטע, אַריינצושיבן זיי אין אויוון. ערשט דער דאָנערשטיק מיט דער גאַנצער נאַכט ביי די געבעקן חלות אויף שבת און פרייטיק די דיניצעס מיט טשאָלנט פון אַ האַלבער שטאָט יידן!

דעם אשר מלכן, דעם עלצטן זון מיט זיין ווייב, די פּילעווער יחסנטע, זיי איז דאָס נישט איינגעפאַלן, אָבער חנה לאה האָט דאָס יאָ געפרעגט ביי די אַנדערע אָנגעלאָפענע מומעס און קרובות. אַ מענטש מיט יאַנדעס, האָט איר שוין אַ ברען געטאָן דאָס אומרעכט.

נתן חיים וואָלט אַוודאי געטראַכט ווי די מאַמע זיינע, ליגט אים אָבער איצט נישט אין זינען עמעצנס אומגערעכטיקייטן. אַז דאָס פערד און וועגעלע איז אַוועק און ער האָט זיך אַרומגעזען אין וואָסער מעמד די משפחה געפינט זיך דאָ, איז די גאַנצע ביטערניש זיינע קעגן פאָטער אויפסנייַ אין אים אויפגעגאַנגען. ער האָט דאָך דאָס אַלץ געקענט האָבן אויסגעמיטן! ווען דער טאַטע וואָלט דענצמאָל געווען אים געהערט און זיי וואָלטן גלייך געווען געפאָרן קיין קאָרעוו, וואָלטן זיי דאָך זיך איינגע־שפּאָרט דאָס נאָכאַמאָל אַרויסגעטריבן ווערן, און זיי וואָלטן דאָך דאָ געהאַט די סחורה מיט אַלע שטובזאַכן, נישט אין קעלער דאָרט, אין פּילעוו, ווו די גויים וועלן עס צעגנבענען, אויב ס׳וועט נישט פריער פאַרברענט ווערן אין די מלחמה־שריפות. און, וואָס נאָך וויכטיקער, זיי וואָלטן דאָך געהאַט אַ דאָך איבערן קאָפּ! דעמאָלט, ביים אַרויסגעטריבן ווערן פון מאָדזשיץ, האָט מ׳נאָך דאָ געקענט קריגן אַ שטיקל דירה, כאָטש אַן אַלקער ביי יענעם. די מאָדזשיצער האָבן דאָך טאַקע געקראָגן!

אָבער וואָס זאָל ער טוען איצט? אַפילו דאָס נאָס־בלאָטיקע פעדערהויז איז דאָך פול. ווו מ׳שטעלט אַ טריט — אַ פעקל, אַ געלעגער. גרויסער

גאָט! ווי טוען זיך די מענטשן אַהין? אַז בייטאָג טרעט איינע דער אַנדערער אויף די פיס! אַלע פּאַנטלען[4] זיך איבער די קיישלעך און פּעקלעך, שטופּן זיך צו דער איינציקער פּליטע. ס׳איז דאָך עפּעס הושענא רבה! די מאַנצליט זענען אַוועק אין שול, אין בית המדרש, אַרויסקריגן ביים רבונו של עולם דאָס גוטע קוויטל צום נייעם יאָר, דאַרף מען זיי דאָך עפּעס געבן אין מויל אַריין. אָבער ווי וועלן זיי זיך אהינטוען? דער רעגן הערט נישט אויף, אין שטוב אַפילו ווערט מען פאַרטרונקען אין דער אָנגעטראָ־גענער בלאָטע!

וואָסזשע זאָל ער דאָ טוען, נתן חיים? מילא, דער טאַטע, ער אַליין, זיי וועלן קענען שלאָפן אויפן בוידעם, כאָטש ס׳איז דאָרט ביטער קאַלט ביינאַכט. אָבער די חרובע מאַמע? און אברם יאַנקל? ער האַלט זיך נעבעך קוים אויף די פיס! און די שוועסטערלעך? ווי וועלן זיי אַלע זיך אהינטוען? ער האָט נישט, חלילה, קיין טענה צו די קרובים. וואָס נאָך קענען די מענטשן טוען? יעדערס ווינקעלע אין זייער שטוב האָבן זיי אָפּגעטרעטן צו די אַרויסגעטריבענע. פאַר דער מאַמען האָבן זיי אין פּעדערהויז, לעבן דעם ווייבל מיטן קינד, אויסגעבעט אַ געלעגערל אויף שטרוי און מעלזעק, זי איינגעטוליעט אין בעטגעוואַנט, אָבער קען די קראַנקע מאַמע ליגן אין קאַלטן, נאַסן פּעדערהויז? זי וועט דאָך דאָ, חלילה אַנטגיין! און אברם יאַנקל? ער דרייט זיך נעבעך אַרום אינדרויסן, שאַרט זיך אַרום די ווענט, ווי אַ בלודנע הינטל, וויל אַפילו אין פּעדערהויז נישט אַריינשמעקן, קיינער זאָל נישט זען זיין פּנים, די בלאָטערן און געשווירן.

אַוודאי, דעם טאַטן איז גוט! ס׳איז דאָך עפּעס הושענא רבה, איז ער, צוגלייך מיט אַנדערע יידן אַוועק אין בית המדרש אַרויסקריגן וואָס גיכער דאָס גוטע קוויטל! אָבער וואָס זאָל ער, נתן חיים טוען? ער קען דאָך די מאַמע דאָ נישט לאָזן! און אברם יאַנקל וועט חלילה אַוועקפאַלן אינדרויסן הינטער אַ וואַנט. וואָס זאָל ער טוען?

[4] פּאַרען.

קאַפּיטל צוועלף

פאַרוואָס ווערט איין מענטש געבוירן מיט אַ גוט האַרץ, פול מיט רחמנות און אַ צווייטער — מיט אַ האַרץ פון שטיין? אין דעם אומגליק, האָט חנה לאה געמיינט, וועט יעדער ייד אַרויסווייזן זיין יידיש האַרץ. אויף וואָס דען איז מען יידן?

פאַרוואָס איז דער אַלטער עליע ברוך, זיין זון און שנור אַזוי אַנדערש פון די שכנים זייערע, פישעלע שניידער, זיין ווייב הינדע ראַצע און זייערע צוויי בנים, סרול איטשע און ראובן גאָדל?

ביידע משפחות זענען דאָך גלייך דאָס אומגליק, וואָס איז נעבעך געקומען אויף יידן. ביידע וווינען זיי אונטער איין דאַך. איין האַלב הויז געהער צו דעם פישעלע שניידער און דאָס צווייטע האַלבע — צום אַלטן עליע ברוך. דאָס פּעדערהויז איינמיטן, איז שותפות, גלייך אויף גלייך. פאַרוואָסזשע האָט דער אַלטער עליע ברוך אין זיין שטוב און זיין חלק פּעדערהויז יאָ אַריינגענומען היימלאָזע, מער נאָך ווי עס קען אַריין און פישעלע שניידער, ס'הייסט הינדע ראַצע — אַפילו קיין איינעם נישט!

— ווי איז יאָנדעס? האָט חנה לאה, שטילערהייט, זיך געפרעגט ביי די שכנות, די אַנדערע היימלאָזע ווייבער.

אויף איר, חנה לאהן, איז די הינדע ראַצע גאָר אש להבה! זינט מ'האָט זי, חנה לאהען, אַראָפּגעלייגט אין דעם נאַס־בלאָטיקן פּעדערהויז, אויף דעם ביסל שטרוי און מעלזעק און איר קאָפּ און קישן לענען זיך אָן אויף הינדע ראַצעס וואַנט, ברענט די יידענע ווי דאָס גיהנום:

— זעיטס נאָ'! האָבן זעך צעלייגט ווי ביים טאַטן אין ווייגאָרטן!

מ'זאָגט אַפילו אַז דער פישעלע אַליין איז גאַרנישט אַזאַ רשע. ווען נישט הינדע ראַצע וואָלט מען ביי אים לייכט געקענט פועלן ער זאָל אַריינ־נעמען אַ היימלאָזן אין שטוב, אָדער כאָטש עפענען דעם בוידעם פאַר אַן אַרויסגעטריבענער משפחה.

— נאָ' זי, אַזאַ רשענטע! די ערד זאָל זי נאָ' אַראָפּסוואַרפן! — האָט די אַלטע ריווע זיך גאַרנישט געקענט קילן איר האַרץ, וואָס די הינדע ראַצע לאָזט זי נישט אַריבער איר שוועל.

— אוי, גילדענע, שעלט נישט! מ'טוע' נישט שעלטן. — האָט חנה לאה זיך געבעטן ביי דער אַלטער, איינגעטוליעטער יידענע.

ווי זי, חנה לאה, אַזוי האָט אויך די אַלטע ריווע נישט געהאַט קיין

שטיקל אָרט אין דער וואַרעמער בעקער־שטוב, נאָר זיך געוואַלגערט מיט איר קופערטל אין פּעדערהויז, אין נעץ און אין קעלט, געמוזט זיצן כסדר אַן איינגעבאַבעטע אין דער פּליושענער שובע, אַ געל־אָפּגעבליאַקעוועטע מיט אַ רויט געקעסטלט וואָלן־טיכל אַרום קאָפּ. ווען די גענענדל זאָל זיך נישט דערמאָנען אינמיטן קנעטן די ברויטן און איר נישט אַרויסברענגען אַ לעפל וואַרעמס, וואָלט זי חלילה אַנטגאַנגען. אָן איין צאָן אין מויל, קען נעבעך נישט אַראָפּברענגען קיין ביסן, דערכאַפּט זי זיך אַלע ווייל איר אַלט, פאַרשמאַכט האַרץ מיט אַ קללה אויף הינדע ראַצען און אַ ביסעלע אויסשובעכץ פון אַן עפּעלע. אויך איצט איז זי געזעסן אויפן קופערטל מיט אַ האַלבן עפּל אין איין האַנט און אַ טיילעפּעלע אין דער אַנדערער, געשאָלטן הינדע ראַצען און געטראָגן מיט דער ציטערדיקער האַנט דאָס אויסגעשאָבענע דערלובעכץ צ איר אָנציייניק מויל. האָט דאָס חנה לאה איר געוואָלט אַ ביסעלע ווייכער מאַכן איר געמיט:

— איע׳ העיע׳ט, ריווע־לעיבן, האָט חנה לאה פון איר געלעגרל, אַן איינגעדעקטע ביז דער גאָמבע, גענומען ברייען פאַר דער אַלטער פאַרוואָס מ׳טאָר נישט שעלטן. — אַז מ׳וויל צוריקרעדן, איז די הינדע ר׳אַצע גו׳נישט שילדיק. אַזוי ׳אָט זי דער אייבע׳שטע׳ באַשאַפן. זי האָט זעך דען אָאָסגעקליבן צי זאַאַן דווקא אַ רשענטע? גלייבטס מיע׳ ריווע, ווען מ׳פרעיגט זי, וואָלט זי בעסע׳ געוואָלט געבוירן ווערן אַ צדיקת.

— די, חנה לאהלע, האָט די אַלטע מיטן לעפּעלע שאָבעכץ ביים מויל איר דערווידערט, — די קענסט מיט דאַאַנע ריידעלעך מאַכן פין יואַאַס שוואַרץ אין פין שוואַרץ וואַאַס, אַז די ביזט יאָ אַזוי קליג, זוגזשע מיע׳, צי ווּס האָט דער אייבערשטער געדאַרפט באַשאַפן רשעים? ער האָט דעך געקענט מאַכן אַ וועלט פין גאָלע צדיקים?

— אוי, זאָלט איע׳ מיע׳ געזינט זאַאַן, ריווע קרוין, פאַ׳ווּס פאַ׳שטייט איע׳ ניש׳? דער אייבע׳שטע׳ ׳אָט געוואָלט יעדע׳ איינע׳ זאָל ׳אָבן די ברירה אָאָסציקלאָאָבן צישן גיטס אין שלעכטס, ווי אין דע׳ הייליקע׳ תורה שטייט: אין גאָט ׳אָט געזאָגט צים פאָלק ישראל, זעיט יעך גיב ענק האַאַנט די ברכה אין די קללה.

— קען דעך הינדע ראַצע זאַאַן גיט! — האָט איר די אַלטע ריווע איבערגעשלאָגן דעם טייטש חומש ניגון, — פאַרוואָסזשע איז זי אַזאַ מרשעת!

— אוי ריווע, ריווע, זאָלט איר נאָ׳ זאַאַן געזינט! ציליב דעים ׳אָט דעך זאַאַן ליבע׳ נומע׳ באַשאַפן דעם יצר הרע מיטן יצר טוב.

— נאַ, מאַמע, טרינק. איז אסתר פּערעלע צוגעקומען מיט אַ גלאָז טיי און מיטאיינמאָל איבערגעריסן דעם דיספּוט. ז האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויפן געלעגער לעבן דער מוטער און איר גענומען געבן לעפּעלעך טיי

אין מויל אַריין, איז גראָד אין דעם מאָמענט נתן חיים אַריינגעקומען אין פּעדערהויז מיטן סידורל און תפילין זעקל אונטערן אָרעם.

זינט דעם נע ונד, פריער פון מאָדזשיץ און איצט פון פּילעוו, היט נתן חיים דאָס דאַווענען, דער עיקר, דעם יום תהילים יעדן אינדערפרי. אין זיין גרויסער פאַרלוירנקייט האָט אים כאָטש דער תהילים געגעבן אַ שטיקל אָנהאַלט. אָט איז ער נאָרוואָס געשטאַנען אין בית המדרש אין אַ ווינקעלע, איינער אַליין און מיט זעלבסט־דערהייבונג זיך געגרויסט אין דעם „אלה ברכב ואלה בסוסים ואנחנו בשם ה׳ אלהינו״, זיי, די גויים, מיט זייערע רייטוועגענער און זייערע פערד, אָבער מיר, מיטן נאָמען פון אונדזער גאָט!

איז כל־זמן ער איז אַריינגעטוען אין תהילים, אין דאַווענען, דאַכט זיך אים אַז ס׳איז נאָך, חלילה, נישט אויס וועלט. אָבער ווי נאָר ער פאַרלאָזט דאָס בית המדרש, ווערט ער אויפסניי אַרומגעכאַפּט פון דער הילפלאָזיקייט, פון דער פּאַניק.

איידער מ׳איז אַהערגעקומען האָט אַפילו ער געמיינט, שוין, אין קאָרעוו, ווייט פון מאָדזשיצער פעסטונג, אַוועק פון דער ווייסל, וועט זיין שטיל, רואיק. צום סוף ווערט מען אויך דאָ פאַרטויבט פון דעם האַרמאַטן־געקנאַלעריי. ביינאַכט, אויפן בוידעם, אַז ער כאַפּט אַ קוק דורך אַ שינדל־שפּאַלט, זעט ער אויפן הימל דעם רויטן אָפּגלאַנץ פון פייערן, וואָס גאַנצע שטעט גייען אַוודאי אַוועק אין זייערע פלאַמען, אין זייערע רויכוואָלקנס.

און אויך דורך קאָרעוו ציען שוין פאַרביי זעלנער. גאַנצע דיוויזיעס ציען איבערן לובלינער שאָסיי צום קירהשן פראָנט. און צוריק פון דאָרט גייען וועגן מיט גרעאַניטעטע און כמאַרעס גאַנצע מיט עסטרייכישע פּלעניקעס אין בלוילעך־גרויע שיניעלן. שטאָט שטיוול מיט כאָליעוועס, גייען זיי אין שיך און די ליטקעס זענען ביי זיי אַרומגעוויקלט מיט בענדער פון זעלבן וואָל, וואָס די שיניעלן. אָנטוואָפּנטע שוין, מיט אַראָפּגעריסענע שליפּעס, אָן די רימענטן אַרום די גאַרטלען, שלעפּן זיי זיך אין סטאַדעס, געפירט פון איינציקע פּאַניעס מיט ביקסן. נעכטן זענען זיי געווען עסטריי־כישע העלדן, היינט זענען זיי צעבראָכענע מענטשן, געבויגענע, פאַרשטויבטע, באַוואַקסן און הונגעריק. יידן וואָלטן גערן זיי געגעבן עפּעס צו עסן, איז אָבער אַ דוחק אויף ברויט.

פון איין זייט די אָנגעלאָפענע היימלאָזע, פון דער אַנדער זייט די פּאָלקן זעלנער, וואָס לאַגערן אָפּט אַרום שטאָט, האָבן אָנגעיאָגט אַ הונגער אויף קאָרעוו. פון באַגין ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין זענען די בעקערייען באַלאַגערט פון מחנות זעלנער און, איידער נאָך אַ געבעק ברויט איז רעכט אויסגעבאַקן, צעכאַפּן זיי עס און פאַר די שטאָטלייט קומט גאָרנישט אָן. און ווי אין פּילעוו, לויפן אויך אין קאָרעוו גרופּעס זעלנער איבער די הייף, און די הינטערגעסלעך און שניפן, נישטערן און זוכן בראָנפן, מיידלעך.

אין מאָדזשיץ, אין פּילעוו איז געווען פּאַר זיי באַרדעלן. אין קאַרעוו אָבער, ווער האָט פון אַזעלכעס געהערט? איז ווי וואויל יידן פּאַרהאַקן פּאַר נאַכט טיר און לאַדן, ווערט מען אַלע ווייל פּאַרציטערט פון די געוואַלדן און געשרייען פון באַפאַלענע פּרויען און מיידלעך, פון דערשראָקענע טאַטעס און קינדער.

און טאָמער איז דאָס ווייניק בהלה, ווערט גאָר אין שיינעם העלן טאָג אַ געשיסעריי אין סאַמע מיטן שטאָט. פּלוצים באַוויזט זיך הויך אין הימל אַ פּינטל ווי אַ פייגעלע די גרויס, אָדער גאָר אַ לענגלעכדיק ציגאַרל, איז ווו נאָר אַ זעלנער, שטעלט ער זיך מיט דער פּלייצע צו אַ וואַנט, באַהאַלט דעם קאָפּ אונטער אַן אָפּדעכל און נעמט שיסן מיט דער ביקס אַרויף צום קירהשן עראָפּלאַן, צום דייטשישן צעפּעלין. און דער רעגן הערט אַלץ נישט אויף און די מאַמע ליגט נאָך אַלץ אין דעם פּעדערהויז, אין נעץ און קעלט. און ווי די מאַמע אונטן, אַזוי ליגט אברם יאַנקל קראַנק אויבן, אויפן בוידעם, פיבערט אין היץ און דער טאַטע דאַרט אָפּ די טעג אין בית המדרש. נאָכן האָבן אַריינגעפירט די משפחה אין דעם אומגליק, זענען אים הענט און פיס אָפּגענומען און ער מישט זיך נישט מער, געלאָזט דעם גאַנצן עול פון הויזגעזינד אויף זיינע, נתן חיימס יינגלשע פּלייצעס, אַז וועלכע פון די שוועסטערלעך זאָל דעם טאַטן נישט צוברענגען צום תהילימל אַ ביסל וואַרעמס, וואָלט ער, חלילה, אַנטגאַנגען פון הונגער.

איז ער אַזוי געשטאַנען, נתן חיים און זיך צוגעקוקט ווי דאָס שוועסטערל ביאַנטשעט די מאַמע, פּאַיעט זי מיט לעפעלעך טיי. זי, דאָס פּערצן־יעריקע אסתר פּערעלע, איז געוואָרן די גאַנצע באַלעבאָסטע און די צוויי קלענערע שוועסטערלעך אירע העלפערינס. זיי שיילן די קאַרטאָפל און זי גייט איינקויפן, אויסזוכנדיק פון אונטער דער ערד אַ פונטעלע קאַשע, אַ ביסל גרויפּן. צוגלייך מיט די אַנדערע ווייבער שטופּט זי זיך מיטן טעפּל גריץ ארום די אויפגעשאַרטע זשאַר־קוילן פון באַקאויוון אַרויס. אַזוי וועלן דאָס די קינדער צונויפהאַלטן די משפחה? און ער? וואָס שטייט ער? וואָס נעמט ער נישט עפּעס טוען!

אַז נישט אַלע יידן אין קאַרעוו האָבן געעפנט טיר און טויער פּאַר די אָנגעלאָפענע היימלאָזע, ווי דאָס האָט געטאָן דער אַלטער עליע ברוך און אַז די הינדע ראַצע איז נישט די איינציקע מרשעת, דאָס האָט ער פאַרשטאַנען. כאָטש געראָטן אין טאַטן, וואָס קאָן נישט בעטן, האָט דאָך נתן חיים איינגעזען אַז ער וועט מוזן אויסטוען דאָס שעמהיטל און זיך אַרויסלאָזן איבער דער שטאָט קריגן פאַר דער משפחה עפּעס אַ שטיבל, אַן אַלקער, אַ ווינקל כאָטש, אַבי וואַרעם און טרוקן! די מאַמע, וואָס קאָן אויפן ערגסטן גזלן נישט גלייבן אַז ער האָט גאָר קיין יידיש האַרץ נישט, זי האָט אים צוגערעדט ער זאָל אַריינגייען פּרווון ביי דער הינדע ראַצען:

— ׳עסט זעיען, נתן חיים, האָט זי מיט איר שוואַך, הייזעריק קול

אין אים אַריינגערעדט, — גיי נאָ׳ אַראַן, ׳עסט זעיען ווי זי ׳עט זעך פאַ׳שעימען אין זעך לאָזן איבע׳דברן.

ניין, צו הינדע ראַצען איז ער נישט אַריינגעגאַנגען. אַז אַ יידענע קען טאָג איין און טאָג אויס דורכגיין דאָס פעדערהויז, זען אַ שלאָף מענטש ליגן אין קעלט און אין בלאָטע און זי זאָגט נישט: הינט־טייוול, קים אַריין צו מיר כאָטש אויף איין טאָג זיך אויסוואַרעמען די קראַנקע, דורכגעפרוירענע ביינער, וועט שוין ביי איר קיינער גאָרנישט פועלן. צו וועמען אָבער, זאָל ער יאָ גיין?

גענענדל, דעם אַלטן עליע ברוכס שנור, האָט אים צוגערעדט ער זאָל גיין פרוון מזל ביי אהרון שוסטער, נישט אַזוי ביי אים, ווי ביי זיין יידענע, זלאַטע גיטל, כאָטש זי איז נישט ווייניקער כלבטע ווי הינדע ראַצע. אויך יענע האָט נאָך קיין איין היימלאָזן איבער איר שוועל נישט אַריבערגעלאָזט!

דער געגענדלס ווייבעריש קעפּעלע האָט דאָ געדופעט אויף דעם, וואָס ביי די שוסטערס איז דאָ אַן אונטערגעוואַקסן מיידל, דבורה און די מאַמע, זלאַטע גיטל, לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט זי צו פאַרשלייערן, כאָטש די צוויי זין, הערש מענדל און לייזער בונעם זענען עלטער פון איר און האָבן נאָך אַפילו קיין תנאים נישט געשריבן. געגענדל האָט געוווּסט וואָס, וואָס נאָר קיין נאָר איז די זלאַטע גיטל נישט, אַז זי וועט דערזען דעם נתן חיימען, אַ יינגל שיין ווי גאָלד און קלוג ווי דער טאָג, וועט זי צוליב אים עפענען טיר און טויער פאַר זיין גאַנצער משפחה!

— פאָלגן זי מיך, נתן חיים, האָט זי מיט אַ קלוג ווייבעריש שמייכעלע אים געוויזן צו דעם אַהרון שוסטערס הויז, — גייען זי אַהין, דאָרט וועט מען איהן נישט אָפּזאָגן.

שטאַרק צורעדן האָט אים די געגענדל נישט געדאַרפט. ווי וואָלט ער נישט געגאַנגען צו קריגן אַ וואַרעם ווינקל פאַר דער מאַמען?

אַן אויסגעהונגערטער פילט שאַרף דעם ריח פון עסן און דעם אויס־געפרוירענעם נעמט גיך אַרום די וואַרעמקייט אין אַן אויסגעהייצטער שטוב. האָבן טאַקע די ריחות פון איינדעמפּעכץ און די וואַרעמקייט נתן חיימען שטאַרק צענומען, ווי נאָר ער האָט געעפנט די ברייטע, פויערישע טיר צו דעם אַהרון שוסטער אין הויז אַריין.

דאָס איז געווען אַ גרויסע, פויערישע שטוב, פריש געקאַלכט. די פּאָדלאָגע, אַ נאָרוואָס געוואַשענע, האָט געבלאַנקט, געשמעקט פון ריינקייט, כאָטש אויבן אָן, ביי אַ פענצטער, איז געשטאַנען אַ שוסטער־וואַרשטאַט און אַרום אים איז געזעסן אַ ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד און צוויי יונגען אין זיינע ביידע זייטן. אין די שוסטער־פאַרטעכער, שטאַרק פאַרטועגע אין קלאָפּן פלעקלעך אין די זוילן פון פויערישע שטיוול, אין אַרומנייען לעדערנע אָפּטעלעדרעס, האָבן זיי אים גאָרנישט געהערט אַריינקומען.

ער האָט געכאַפּט אַ קוק צום צווייטן פענצטער, אַ פאַרהאָנגענס מיט אַ פויערהאַנג. דאָ איז געשטאַנען אַן איבערגעדעקטער טיש מיט אַ ווייס טישטעך, אַן אויסגענייטס אינמיטן און אַרום די פיר עקן — קאָלירטע בלימלעך און קווייטן. אויף דעם טיש איז געשטאַנען אַ גרויסער קליאַש מיט רויטע, שמחת תורהדיקע עפּל און סאַמע מיטן, ווי אַ חנדל, אַ גרינע באַרנע מיטן שטענגעלע אַרויף.

אויף אַ רגע נאָר האָט אים דער דמיון צוריקגעטראָגן צו דעם אַלטן עליע ברוך אין שטוב אַריין. גאָט אין הימל! דאָרט טרעט איינער דעם אַנדערן אויף די פיס. די צוויי בעטן זענען כסדר צעוואָרפן און שטענדיק זענען זיי פול מיט ווייבער און קינדער, וואָס וואַלגערן זיך אין אָנטועכץ, איינגעקנוילט צו פאַרנעמען וואָס ווייניקער אָרט. פאַר דער טיר גייט אָן דאָס אייביקע געריייסעריי מיט די זעלנער איבער אַ האַלב ברויט און דאָ? וואָס פאַר אַ מנוחה! צוויי בעטן, לענג אויס איין וואַנט — ציכטיק פאַרבעט. די ווייסע קישנס — שיער נישט ביזן פּולאָפּ. אַזוי אויך די צוויי שלאָף־בענק, לענגאויס דער צווייטער וואַנט. יעדער דאָ האָט זיך זיין געלעגער, גלייך עס וואָלט גאָר קיין מלחמה נישט געווען, גלייך קאָרעוו וואָלט נישט געווען פאַרפלייצט מיט היימלאָזע, וואָס וואַלגערן זיך אין פעדערהייזער, אין שטאַלן, אין קעלט און אין קויט!

ווי די מאַנצלייט ביים וואַרשטאַט, אַזוי איז ביי דער פּליטע געזעסן אַ יידענע און לעבן איר אַ יונג מיידל, ביידע פאַרטוענע אין געניי, די טאָכטער האָט אַריינגעהאָפטן רויטע, זיידענע שטעכעלעך אין אַ ניי שטיקל וועש און די מאַמע האָט געצערעוועט אַ זאָק. ביידע האָבן איינצייטיק אונטער־געהויבן די קעפּ פון געניי און אָנגעשטעלט אויף אים זייערע פרעגנדיקע אויגן, ווי נאָר ער האָט געעפנט די טיר.

אויפן ערשטן בליק איז נתן חיימען די יידענע פאָרגעקומען ווי אַ שוועסטער פון דער הינדע ראַצען. ביידע — ברייטלייביק, ביידע מיט פולע בוזעמס און ביידע מיט רונדע גרויע פּנימער און בייזע אויגן ווי ביי מאָפּסן. ווי הינדע ראַצע, טראָגט די זלאַטע גיטל, אויך נישט קיין שייטל און נישט קיין קאָפּקע, נאָר ווי ביי אַ דאָרפישער יידענע איז איר קאָפּ אַרומגענומען מיט אַ טיכל ביז דער העלפט פון שטערן, אַן אַלטער, אַ טיף געפאַלבטער שוין. די מאַמע זיינע, חנה לאה, זאָגט אויף אַזאַ איינער: אַ גאָטס רחמנות, נעבעך אַן אַ טראָפּן איידלקייט.

דאָס מיידל האָט אים גראָד יאָ אויסגעזען צו זיין אַן איידעלע. איר לענגלעכדיק פּנים איז געווען ליכטיק, מיט אַ קאָפּ העלע האָר, שיער נישט אַ בלאָנדינקע, כאָטש דער טאַטע און די צוויי ברידער זענען שוואַרץ ווי ציגיינער. די צוויי צעפּלעך זענען ביי דעם מיידל געווען פאַרלייגט אַרום קאָפּ אין אַ קרענצל, ווי ביי דאָרפישע שיקסלעך.

— גיט מאָרגן, האָט ער געזאָגט שטיל און נישט דרייסט, כאָטש

דרויסן, אַזוי כמורנע און רעגנדיק, האָט אויסגעזען ווי ס׳וואָלט שוין געווען אָוונט.

מיטאיינמאָל האָבן אַלעמענס אויגן זיך געווענדט צו דער טיר:

— וואָס זאָגט מ׳עפּעס גיטס? האָט די יידענע מיט אַ גראָב קול אים געפרעגט.

נישט נאָר איר פרעגן, אויך איר בליק איז געווען פול מיט חשד. ווי הינדע ראַצע אַזוי איז אויך זי געווען געשפּאַנט זינט דעם אַנגעלויף, כסדר גרייט צום אַפּווער און די געשפּאַנטקייט האָט געהאַלטן אין איין שטייגן. די טיר האָט נישט גערוט. היימלאָזע האָבן כסדר אַריינגעשטעקט די קעפּ ווי צעשראָקענע עופות. טאָמער? אפשר איז דאָ אַ פּיצל אָרט? דערצו נאָך האָבן שכנים גערעדט, פּירגעהאַלטן, שטעכעלירט, אַפילו די אייגענע מענער און זין! ווי פישעלע מיט די בנים, אַזוי שעמען זיך דער אהרון שוסטער און זיינע זין אַרויסצוווייזן אין מאַרק אָדער, להבדיל, אין בית מדרש ביים דאווגען. יידן פרעגן:

— היתכן? פאַרמאַכן די טיר פאַר אַן אַרויסגעטריבענעם ייד? און אַליין איז מ׳דאָס זיכער? ס׳איז דאָך היינט דיר, מאָרגן — מיר!

אָט, צוליב דעם, איז דאָס די זלאַטע גיטל שוין גרייט געווען מיט איר זאָג: ביי מיר איז נישט קיין גאַסטהויז! איז אָבער געגענדל געזעכט געוועזן. ווי נאָר די די זלאַטע גיטל האָט דערזען דעם בחור, איז איר גלייך דורכגעפלויגן אַ געדאַנק און שוין האָט זיך איר קול פאַרענדערט, געוואָרן ליבלעך־ווייך, מענטשלעך־נאָכגיביק:

— אַזוי, אַן אָרט פאַר אינס מאַמע? פאַר דריי שוועסטערלעך? ווו זענען זיי איצט? אַלע ביים בעקער?

— אוי, פרעיגט שוי׳ ניש׳ ווס דאָרט טיט זעך! האָט נתן חיים זיך גענומען קלאָגן. — ס׳אי׳ דעך נישטו ווי דעם קאָפּ אַוועקצילייגן. זינט מ׳איז געקימע׳ ליגט נעבעך די מאַמע אין פעדע־האָאַז.

— די מאַמע ליגט? וואָס איז איר?

דער יידענע איז נעבעך געוואָרן קאַלט אונטערן לעפעלע. דער בחור געפעלט איר. אָבער אַריינגעמען אין שטוב אַ שלאַפע? ווער ווייסט אויף וואָס דאָס מענטש ליידט?

— וואָס זאָגט דער דאָקטאָר? האָט זי גענומען פאָרשן דעם בחור.

— אַ טיפוס?

— אוי, ווי׳ס רעדט איע׳! האָט נתן חיים אויפגעצאַפּלט. נישט בלויז דאָס וואָרט טיפוס האָט אים דערשראָקן. צוליב אַזאַ חשד קענען נאָך די מענטשן נישט וועלן אַריינגעמען די מאַמע. — חלילה, האָט ער געשאָקלט דעם קאָפּ אויף ניין. — דע׳ מאַמע איז גוניש׳, צוליב דער שרעק פון די זעלנע׳ס אָנפאַל, איז זי פאַ׳שלאָפּט געוואָרן.

בעת נתן חיים האָט אַזוי גלאַטיק פאַררעדט דער מאַמעס קראַנקהייט

און נאָך גלאַטיקער פאַרשוויגן דעם קראַנקן ברודער, האָט דערוויל די יידענע זייטיקלעך געוואָרפן א בליק אויף דער טאָכטער. כאָטש דאָס מיידל האָט זיך מיט גאָרנישט אָנגערופן, האָט די מאַמע געזען ווי דבורהלע נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון דעם בחור.

— ווי מיינסטו, דבורהלע, זאָל מען אַריינבעמען די מענטשן?

— פאַרוואָס נישט? האָט דבורהלע זיך געמאַכט ווי זי פאַרשטייט נישט דער מאַמעס מיין.

נישט נאָר זלאַטע גיטלען, אויך דבורהלען האָט די געגענדל גוט געקענט. פריער, אַז דער טאַטע, אַז וועלכער פון די ברידער האָבן מיט אַ וואָרט דערמאָנט וועגן אַריינבעמען וועמען פון די היימלאָזע, האָט זי, ווי די מאַמע אירע, געפּעפנט אַ יאַפּע[1]: „זי וועט נישט מאַכן קיין הקדש פון דער שטוב!" איצט האָט זי שוין גערעדט אַנדערש. שלוי, ווי נאָר ווייבער קענען זיין, האָט זי קונציק באַהאַלטן וואָס אין איר גייט אָן, ווי אָפּגעקאָכט זי איז געוואָרן דערזעענדיק דעם בחור, מיט דעם באַמבלענדיקן לאָק איבערן שטערן.

— אַוודאי דאַרף מען זיי אַריינבעמען. ס'א רחמנות, אַ שלאָף מענטש וואַלגערט זיך אין אַ פעדערהויז, אין אַזאַ קעלט און רעגן!

זלאַטע גיטל איז חלילה נישט אָפּגעשטאַנען פון דער טאָכטער אין שלויקייט. זי איז אָבער עלטער, ווייסט זי אַז מען טאָר נישט צופאַלן צו גאָרנישט! פונקט ווי אַ קונה טאָר ניש וויסן אַז דו ביזט גרייט אויף זיין מקח, אַזוי טאָר מ'דאָ נישט זאָגן גלאַט אַזוי — יאָ!

— אַז אינס מאַמע איז שלאָף, דאַרף זי דאָך אַ בעט, האָט זי געהויבן די אַקסלען, כלומרשט אין ספק, צי זי קען זיך אַזוינס אונטערנעמען, — ער זעט דאָך, זי האָט נישט קיין איבעריקע בעטן...

— אוי, ווּס רעדט איע'? האָט זיך נתן חיים געצאַפּלט. וועיע' רעדט דען פין בעטן? כאָטש אַ שטיקל פּאַדלאָגע, אַבי אין אַ וואַרעמע' שטיב.

— חלילה, האָבן מאַמע און טאָכטער, ווי אָפּגערעדט, זיך אָפּגעשאָקלט.

— אַ קראַנק מענטש וועלן זיי לייגן אויף דער פּאַדלאָגע? — דבורהלע, האָט די מאַמע אַזוי שלוי אַ פרעג געטאָן די טאָכטער, — די זאָגסט אַריינבעמען, וועסט דען וועלן אָפּגעבן דיין שלאָפבאַנק און שלאָפן מיט דער מאַמען?

— פאַרוואָס נישט, איז דבורהלע שוין געווען גרייט צו עפענען איר געלעגער פאַר דעם בחורס מוטער.

נתן חיימען האָט פאַרפעלט אָטעם. הענדום — פענדום איז ער געלאָפן צוריק צום אַלטן עליען ברוך אין פעדערהויז אַריין:

[1] אַ פּיסק.

— מאַמע, יעך ׳אָב אַן אָרט פּאַ׳ דיע׳, אַ שלופּבאַנק!

די געגענדל, אַן אויסגעמעליקטע, אַ פּאַררויטיקטע פון בעקעריי אַרויס, האָט זייטיקלעך אַ ווינק געטאָן צו חנה לאהן, ווי איינער זאָגט:

— אַז ליבעלע מישט זיך נאָר אַריין, עפענען זיך טיר און טויער.

קאפּיטל דרייצן

קיין קאָרעוו איז געהאַט אָנגעקומען אַ ידיעה אַז פּעטערבורגער יידן האָבן געגרינדעט אַ הילפסקאָמיטעט אויפן נאָמען פון קייסערס טאָכטער, טאַטיאַנאַ, צו שיקן הילף קיין וואַרשע פאַר די היימלאָזע יידן אין פּוילן. ווי נאָר קאָרעוו האָט זיך פון דעם דערוווּסט, האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן אַסיפות מיט אַמפּערנישן צווישן די דאָזיקע און גלאַט שיינע יידן מכּוח שיקן אַ קאָמיסיע קיין וואַרשע נאָך אַ חלק פון דער שטיצע פאַר די אַרויסגעטריבענע, וואָס וואַלגערן זיך אין קאָרעוו.

בעת די שיינע יידן האָבן זיך געשפּאַרט, געאַמפּערט, ווער עס זאָל פאָרן, וווּהין מ׳זאָל פאָרן, אפשר גאָר קיין לובלין? צו וואָס זיך שלעפּן אַזש קיין וואַרשע, אַז לובלין איז אונטער דער האַנט! און אפשר גאָר לוינט זיך אײַנגאַנצן נישט דאָס פאָרן? אָט, בעת די אַמפּערנישן פון די טאַטעס, האָט דערווײַל דאָס קאָרעווער ייִנגוואַרג געטוען. זיי, וואָס האָבן געזען דאָס אומגליק איידער נאָך עס האָט געגרייכט קאָרעוו, זיי איז נישט געלעגן אין קאָפּ קיין אַמפּערנישן, קיין אסיפות.

איידער נאָך דער ערשטער אַרויסגעטריבענער ייד פון פּילעוו איז אָנגעקומען, זענען שוין די קאָרעווער בחורים און מיידלעך אַרויס זיי אַ קעגן אויפן שאָסיי, צוגענומען די פּעקלעך פון קינדערס פּלייצעס, פון עלטערע פרויען און שוואַכע יידן, געהאָלפן זיי דורכטאָפּטשען די בלאָטעס צו אַ קרוב, זיך אָנגעזעצט אויף יענע פון די קאָרעווער איינוווינער, וואָס האָבן זיך געקווענקלט און געזען זיי זאָלן וואָס גיכער עפענען זייערע טירן און אריינעמען צו זיך אין די שטובן די, וואָס האָבן נישט קיין אייגענע אין קאָרעוו. און אַז דאָס אַלץ האָט נישט געקלעקט, זענען יינגלעך אַוועקגעלאָפן צופוס אין דאָרף און געברענגט פון דאָרט אויף די פּלייצעס בינטן שטרוי אין בית המדרש אַריין, אין די חסידים־שטיבלעך, געמאַכט אויף גיך געלעגערס און געהאָלפן די אויסגעפרוירענע, פון רעגן דורכגע־ווייקטע מענטשן וואָס פריער אַריין אונטער אַ דאַך.

און ווי די בחורים ביים מאַכן געלעגערס, אַזוי האָבן שוין מיידלעך און ווייבלעך זיך געפּאָרעט אַרום די פּליטעס, אָנגעלייגט פייערן, אויפגע־זאָטן טשייניקעס וואַסער און גענומען טראָגן גלעזער הייסע טיי צו די היימלאָזע, דערוואַרעמען זיי דאָס דורכגעפרוירענע געביין, נאָך אַזויפיל שעהן שלעפּן זיך צופוס אין אַזאַ רעגן.

דאָס אומגליק אָבער איז נישט געווען בלויז אין דוחק אויף דירות. עס איז אויך אָנגעשטאַנען אַ דוחק אויף ברויט! ווען אַפילו אָן די טויזנטער זעלנער פון די דורכציִענדיקע פּאָלקן, וואָס טאָג איין און טאָג אויס באַלאַגערן זיי די בעקערייען און צעכאַפּן יעדערס געבעק ברויט פון אויוון, נאָך איידער עס איז רעכט אויסגעבאַקן, וואָלט אויך קאָרעוו נישט אומשטאַנד געווען אַזוי אומגעריכט צו שפּייזן אַזאַ אָנגעלויף! איז די שטאָט גאָר גיך אויסגעליידיקט געוואָרן פון יעדן ביסל מעל, פון יעדן זעקל קאַשע און גרויפּן און קאַרטאָפל, כאָטש אין די דערפער אַרום זענען די שייערן געווען פול מיט זעט און שפע.

וואָלט מען זיך נאָר געקענט אַרויסכאַפּן אין דאָרף מיט פערד און וואָגן, אָדער פועלן ביי די פויערים זיי זאָלן שפּאַנען זייערע וועגן, וואָלט אין שטאָט קיין עסנוואַרג נישט געפעלט. ס׳איז דאָך ערשט נאָך סוכות! דער פּוילישער פויער האָט נאָרוואָס איינגעזאַמלט דעם שניט. האָט אָבער יינגוואַרג מורא געהאַט זיך אַרויסצורירן פון שטאָט און די פויערים פון זייערע כאַטעס, בפרט נאָך מיט פערד און וואָגן. פאַניע איז דעמאָלט נישט געווען איבערקלייבעריש. זיי האָבן פאַרנומען יעדעס פערד און וועגעלע, אָפּט אויך דעם אָנטרייבער און זיי פאַרשלעפּט אויף הונדערטער וויאָרסטן וויט צו די פראָנטן, גראָבן דאָרט אָקאָפּעס.

מילא, די פויערים, זיי האָבן גאַנץ רואיק געקענט זיצן אין זייערע כאַטעס. זייערע דערפער זענען נישט פאַרפלייצט געוואָרן מיט קיין אַרויסגעטריבענע פּאָליאַקן. אין שטאָט אָבער, ביי די יידן, איז דער חורבן געווען גרויס. חוץ דעם דוחק אויף עסנוואַרג איז נאָך געווען די סכנה פון קראַנקהייטן. צוליבן וואַלגערן זיך אויף בוידעמער, אין פעדערהייזער האָבן זיך אַ סך מענטשן צוגעקילט, געקראַגן היץ און אַזוי, קראַנקערהייט, געלעגן אין דער קעלט, אין נעץ, אָן אַ דאָקטאָר, אָן מעדיצין, אָן אַפילו אַ ביסל וואַרעמס.

יידן האָבן זיך נאָך געטרייסט: געלויבט איז גאָט דערפאַר! ווען דאָס אָנגעלויף וואָלט נישט געווען איצט, אין חשון, ווען ס׳איז שוין קאַלט, נאָר, חלילה, זומער אין די היצן, ווער ווייסט וואָס עס וואָלט דאָ געווען! ווייל נישט בלויז מיט קיין וואַרעם ווינקל, מיט קיין ביסל געקעכץ, איז קאָרעוו נישט גרייט געווען פאַר דעם אָנפלייץ, נאָר, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, אַפילו נישט מיט קיין מענטשלעכן בית הכסא.

אַליין האָבן קאָרעווער יידן גאַנץ שיין זיך אַן עצה געטאָן אָן בית הכסאס. צו וואָס האָט אַ ייד געדאַרפט זיך שטעלן לעבן הויז אַן אַפּטריט? אַזאַ שווילטאָג האָבן זיך געקענט פאַרגינען די מאָדזשיצער. די פרנסה איז דאָך זיי געריגנען איבערן מויל! עפּעס אַ קלייניקייט אַזאַ פעסטונג! אַזאַ באַן־סטאַציע ווי זיי האָבן! קאָרעוו אָבער איז אַן אָרעמע שטאָט, אָן אַ באַן, אָן זעלנער, וואָס זאָלן אַריינברענגען אַ ביסל פרנסה. זענען זיך

יידן דאָ גאַנץ ווייל באַגאַנגען אָן אייגענע פּריוועטן. קהל האָט געהאַט הינטער דער שול אַ בית הכסא מיט אפשר צוואנציק זיץ־ערטער. איי דאָס איז ווייניק פאַר אַ שטאָט מיט עטלעכע טויזנט נפשות? גייט מען הינטערן שעכטהויז, הינטער אַ וואַנט. ווינציק הייזער שטייען מיט זייערע בלינדע ווענט אַרויס צום פעלד?

און קאָרעוו איז דען די איינציקע שטאָט אָן אייגענע פּריוועטן? אַט איז פּילעוו אַ פּאָוויאַט־שטאָט, מיט טראָטואַרן, מיט שקאָלעס, מיט גאַסנבאַלייכטונג! נו, האָבן יידן דאָרט אייגענע אָפּטריטן? ס׳הייסט האָבן, האָבן זיי יאָ, פּאָליציע צווינגט דאָרט יעדן הויז־אייגנטימער צו האָבן אַ בית הכסא פאַר זיך ווי פאַר די איינוווינער אין זיין הויז. אָבער נוצן די פּריוועטן? אַזוי לאַנג קרענקט פּאַניע! די זיצברעטלעך האָבן דאָרט געבליאַנקט, דעם פוסבאָדן האָט מען באַשאָטן מיט געל זאַמד, נאָר אויף דער טיר איז געהאָנגען אַ שלאָס. צוואָס צאָלן פּאַרן רייניקן אייגענע פּריוועטן, אַז קהל האָט הינטער דער שול איין גרויסן בית הכסא און הינטערן אַלטן בית המדרש נאָך איינעם און אַראָפּגיין צו דער ווייסל אויף אַ מענטשלעך באַדערפעניש קען מען אויך, און פּילעוו, אָן עין הרע, האָט מער ווי דריי מאָל אַזויפיל נפשות ווי קאָרעוו!

איז דאָס אַלץ טאַקע מעגלעך געווען פריער, איצט אָבער, אַז שיער נישט גאַנץ פּילעוו און אַזויפיל משפחות פון מאַדזשיץ זענען זיך אַנגעלאָפן אַהער און אַלע גייען הינטערן שעכטהויז, הינטער ווענט, איז בלויז אַ נס מן השמים, וואָס עס שטעלן זיך די פּרעסט, ווען נישט, ווייסט איין גאָט אין הימל וואָסער מגיפה אין קאָרעוו וואָלט, חלילה, אויסגעבראָכן!

מילא, אין דעם האָט דאָס קאָרעווער יינגוואַרג גאָרנישט געקענט העלפן, אָבער אָנהייבן טוען עפּעס אַז די געפּלאָגטע מענטשן זאָלן האָבן אַ ביסל וואַרעם עסן, זיי זאָלן נישט זיין אַזוי אָפּגעשוואַכט און נישט אַזוי איינפאַלן ווי קראַנקע הינדעלעך, דאָס איז דאָך יאָ מעגלעך. וואַרטן ביז די קאָרעווער דאַזאָרעס וועלן זיך אויסאַמפּערן און קומען צו אַ הסכם ווער עס זאָל פּאַרן, ווהין מ׳זאָל פּאָרן, ביז מ׳וועט זיך דערוואַרטן אויף דעם, קענען נאָך מענטשן, חלילה, אומקומען! אַפילו די, וואָס האָבן נאָך מיט וואָס צו קויפן קומט זיי אויך אָן מיט נויטשווייס עפּעס צו קריגן, און אַז זיי קריגן שוין די פּאָר פונט קאַרטאָפל, דאָס פונט גרויפּן, האָבן זיי ערשט נישט קיין טעפּל און נישט קיין אייגענע פּליטע דאָס ביסל עסן אָפּצוקאָכן.

האָט דאָס קאָרעווער יינגוואַרג אָפּגעהאַלטן זייער אַסיפה, אָבער נישט ווי די דאַזאָרעס אין אַ ליכטיקער שטוב, ביי אַ ווייסגעדעקטן טיש, מיט פינקלענדיקע גלעזער טיי און אַלערליי דערלובעכצער. עפּעס ווי פון זיך אַליין זענען עטלעכע יינגלעך און מיידלעך זיך צוזאַמענגעקומען, געוואָרן דער קאָמיטעט, כאָטש זיי האָבן רעכט נישט באַנומען ווי נישטיק

עס זענען זייערע מעגלעכקייטן צו לינדערן דאָס אומגליק פון אַזאַ ריזיקן פֿאַרנעם!

— וואָס טויג דאָס קלערן? — האָט געזאָגט גרשון ראַפּאַפּאָרט, אַ בית מדרשניק, וואָס האָט נאָך אַליין נישט קיין שטיקל אַחיזה פֿאַרן אייגענעם ביסל לעבן. — מ'דאַרף קריגן אַ פּורל! אויב מ'וועט נישט קריגן צו דינגען, דאַרף מען מיט כּוח פֿאַרנעמען אַ פֿערד און וואָגן, אַרויספֿאָרן אין דאָרף און ברענגען צופֿירן קאַרטאָפֿל, ציבעלעס, גרויפּן, דער עיקר, מ'דאַרף אויפֿשטעלן וואָס גיכער אַ קיך!

— דאָס איז אַוודאי זייער גלייך, האָט זיך אָנגערופֿן יחיאל האַנדלסמאַן, איינער פֿון די דאָזאָרעס אַ זון, — איידער אָבער מ'טוט און מ'פּאָרט, דאַרף מען דאָך וויסן, ווו וועט מען נעמען געלט אויף דעם? דער טאַטיאַנאַ קאָמיטעט האָט נאָך דערווייל קיין קאָרעוו גאָרנישט אַריינגעשיקט.

— און אַז מ'דאַרף געלט? — האָט געפֿרעגט חפצה, די ליכטציערינס מיידל. אַ וועשנייטערקע, וואָס אַרבעט פֿאַר זיך, איז זי שוין גרייט געווען צו עפֿענען די אייגענע קעשענע. — מ'דאַרף נישט וואַרטן אויפֿן טאַטיאַנאַ־קאָמיטעט, מ'דאַרף אַליין אָנהייבן. איך בין גרייט אויסצולייגן פֿופֿציק רובל.

— וואָס עפּעס נאָר דו? — האָט זיך גרשון ראַפּאַפּאָרט דערפֿילט ענג, אומבאַקוועם. ער איז טאַקע נישט יחיאל האַנדלסמאַן, אָבער איינגאַנצן אָן אַ גראָשן איז ער אויך נישט. — איך מיין, אַז יעדער פֿון אונדז דאַרף אַריינלייגן צו צען קערבלעך און גלייך אָנהייבן אַ קאַסע.

די איינציקע, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, איז געווען צלובה מילכיאָר, משה נאַפּטשאַרזשס טאָכטער. צוליב דער מוטערס זיין פֿאַרנומען אין נאַפֿט־סקלאַד, איז זי די גאַנצע באַלעבאָסטע אין הויז, האָט זי נישט געקענט פֿאַרשטיין ווי די מענטשן טראַכטן וועגן אַלץ, נאָר וועגן דעם וויכטיקסטן פֿאַלט זיי גאָרנישט איין:

— אַלע פֿאַרגעסן, — האָט זי זיך ענדלעך אַריינגעמישט, — אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן קאָכן עסן פֿאַר הונדערטער מענטשן. אַפֿילו ווען מ'זאָל קאָכן צו דריימאָל אין טאָג, דאַרף מען אויך אַ ריזיקן קעסל און מ'דאַרף דאָך אויך איינמויערן דעם קעסל אַזוי' אַז מ'זאָל קענען אונטערלייגן אַ פֿייער אונטער אים.

ער'שט איצט האָבן די יונגע מענטשן, וואָס די עלצטע פֿון זיי, חפצה, די ליכטציערינס טאָכטער, איז נאָך קיין צוואַנציק יאָר נישט אַלט, אָנגעהויבן איינזען מיט וואָס די אונטערנעמונג זייערע שמעקט. פֿונדעסט־וועגן האָט קיינער פֿון דעם קאָרעווער ייִנגוואַרג זיך נישט אָפּגעשראָקן און זיי האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין עפּעס, וואָס זינט קאָרעוו איז קאָרעוו, איז נאָך אַזוינס דאָרט נישט געהערט געוואָרן!

בלויז אין געציילטע טעג נאָך דער אסיפה זייערער, איז זיך אַ האַלבע

שטאָט צענויפגעלאָפן צו דער שול אויף דעם ווונדער ווי אײדעלע קינדער שטײען און גראָבן אַ גרוב, פלאַסטערן אים אויס מיט ציגל און אויף אַן אויסגעמויערטער פּליטע אין דעם גרוב, מויערן זײ אײן אַ ריזיקן קעסל און ווי זײ בײַם מויערן, אַזוי זענען אַנדערע בחורים פאַרהאָרעוועט בײַם אָנהאַקן בערג מיט האָלץ און נאָך אַנדערע — בײַם אויפשטעלן פיר סלופּעס מיט אַ דעכל, ווי אַ חופּה, וואָס זאָל שיצן דעם קעסל מיט עסנס, קעגן די חשונדיקע רעגנס, וואָס הערן גאָרנישט אויף!

און ווי די בחורים בײַם מויערן, בײַם האַקן האָלץ, אַזוי זענען קאָרעווער יידישע מיידלעך געווען פאַרהאָרעוועט בײַם שיילן קאַרטאָפל, בײַם שנײַדן ציבעלעס, פּרעגלען רײַשעכץ און איבער זײ אַלע, אויף צוגעבויטע טרעפּלעך, איז געשטאַנען די הויפּטווירטן פון דער קיך, צלובה מילכיאָר, דעם דאָזאָר, ר׳ משה נאַפּטשאַרזשס טאָכטער. אין אַ ווײַסן כאַלאַט מיט אַ ווײַס הײַבל איבער אירע האָר, פּעך שוואַרצע ווי איר טאַטנס באָרד, איז די זיבעצן יעריקע קעכין געשטאַנען און מיט אַ ריזיקן, האָלצערנעם לעפל, אויף גיך אויסגעשניצט, האָט זי געמישט אין דעם קעסל, פאַרזוכט דעם קרופּניק און איר פאַררויטלט געזיכט האָט געלויכטן פון תענוג איבער דעם גוטן טעם און געשמאַקן ריח, וואָס פון דער פאַרע האָט זיך געטראָגן און אָנגעפּילט די לופט ווײַט אַרום.

נתן חיים, ווי זײַן טבע, איז געשטאַנען אָן אַ זײַט און זיך צוגעקוקט ווי פּילעווער און מאָדזשיצער ייִנגלעך און מיידלעך, זין און טעכטער פון נעכטיקע שיינע באַלעבאַטים, שטײען שוין אין דער רײ, ווי בעטלער מיט טעפּ און ראָנדלעס אין זײערע הענט, גרייט צו קריגן אַ ביסל קהלשע גריץ, צו דערהאַלטן די געזינדן בײַם לעבן. גאָט אין הימל, ווי גיך ניקאָלײקע מיט זײַן פעטער, דער גרוספירשט ניקאָלײ ניקאָלײעוויטש, האָבן דאָס צעבראָכן און רואינירט טויזנטער און טויזנטער יידישע משפּחות, מיט אײן קלאַפּ זײ געמאַכט פאַר קבצנים, שלעפּער!

גערעאָטן אין טאַטן, וואָס קען נישט אַרײַנשטעקן די נאָז אין קרענצלעך, איז אויך אים, נתן חיימען, שווער געווען זיך אַרײַנצודרייען אין דעם הור־האָ, ווער שמועסט נאָך ווערן דאָ, ווי אַנדערע, אַ גאַנצער מאַכער.

דאָס שטײן אין אַ זײַט האָט אים אַפילו געקרענקט, שטאַרק אים געאַרט. ס׳איז דאָך נישט רעכט אַזוי! די שטיצע, וואָס קאָרעווער ייִנגוואַרג האָט דאָ אָנגעהויבן, איז פאַר אים, ווי פאַר די אַנדערע טויזנטער ווי ער, פאַרוואָסזשע העלפט ער נישט צו? בפרט אַז די מאַמע טרײַבט אים, מינטערט אים, ווי אַמאָל דעם טאַטן:

— נתן חיים, האָב גאָט אין האַרצן, דרײ זעך אָך אַראָן. געדענק, דער ווס שטײט באַ דע׳ שיסל, וועיע׳ט ניש׳ פאַ׳טיילט.

ווי דעם טאַטן אַזוי איז אויך אים געווען דערווידער די דאָזיקע אײגנשאַפט דער מאַמעס. נאָר זי וויל מ׳זאָל זיך אַרײַנדרייען! נאָר זי

הייסט אַריינשטעקן די נאָז אין רעדלעך. כאָטש אַז מ׳וויל קריקשמועסן, וואָלט זי אפשר דאָס גאָרנישט געוואָלט. זי קען זיך דען העלפן? אַמאָל, ווען זי האָט געמינטערט דעם טאַטן, ער זאָל זיך אַריינדרייען צווישן די סוחרימלעך אויפן מאָדזשיצער מאַרק, האָט זי עס דאָך געטוען ווייל אין שטוב איז נישט געווען קיין ביסן ברויט פאַר די קינדער און אויך איצט איז דאָך דאָס אייגענע. קראַנקערהייט, אַן איינגעבעטענע ביי פרעמדע מענטשן אין שטוב, ליגט זי און פאַרגעסט נישט אויף קיין איין מינוט, אַז עס איז נישטאָ קיין פרנסה, אַז מ׳עסט אויף דאָס געלט, וואָס לייבל משה האָט איר אָנגעטרויט צו האַלטן. זי זעט אויך ווי אסתר פּערעלע, דאָס פּערצן־יאָריקע מיידל, וואָס מוז, צוליב דער מאַמעס קרענקען, זיין די גאַנצע באַלעבאָסטע, די שפּייזערין פון הויזגעזינד, ווערט נעבעך געפּייניקט ביים צושטעלן אָפּצוקאָכן אַ טעפּל עסן אויף דער זלאַטע גיטלס פּליטע. ווי ווויל די זלאַטע גיטל האָט איר אייגענעם גוטן ווילן זיי אַריינגעלאָזט צו זיך אין שטוב, צישעט זי ווי אַ שלאַנג און עס וואַרפט זי די ניכפּה, וואָס די קינדער זענען איר אין וועג, כאָטש די מיידלעך שאַרן זיך אַרום די ווענט ווי שאָטנס און דער טאַטע מיט אברם יאַנקלען ווייזן זיך אינגאַנצן אַהער נישט אַריין. אויך ער, נתן חיים, וואָלט ליבערשט געגעכטיקט אויפן בוידעם, ביים אַלטן עליע ברוך, צוזאַמען מיט אברם יאַנקלען, מיטן טאַטן, לאָזט אים אָבער נישט די דבורה. נאָר זי וויל אים האָבן אין שטוב, נאָר זי ציט אים אַריין אין געשפּרעכן און, וואָס נאָך ערגער, ביינאַכט, ווען אַלע שלאָפן, גנבעט זי זיך אַרויס פון איר מאַמעס בעט און קומט צו זיין געלעגערל האַלטן הענט מיט אים, זי שעמט זיך אַפילו נישט אונטער־צוהייבן די קאָלדרע און זיך לייגן לעבן אים!

— דאַ׳באַרעם דיעך, נתן חיים, — האָט אים די מאַמע געמינטערט.

— דריי דעך אַראַאַן אין דע׳ קעך דאָרט. זעיסט דעך, אסתר פּערעלע גערעאָט דעך אָאָך אַראַאַן אין טאַטן. זי וויל דעך ניש׳ גיין צי דע׳ קעך נאָך אַ טעפּל עסן. אַז די „עסט אָבע׳ זאַאַן אַ מאַכע׳ אין זאַזשאָנד (פּאַרוואַלטונג) ׳עט זי זעך דאָרט פּילן היימיש. גיי, גיי, נתן חיימל, זעיסט דעך, יעך בין דעך נעבעך ציגעבינדן צים בעט!

קאפיטל פערצן

ווי קענען מענטשן לעבן אין אַזעלכע בלאָטעס? די שטאָט זינקט דאָך איבערן האַלדז! מאָדזשיץ איז אַ קלענער שטעטל, מיט אפשר אַ העלפט איינוווינער ווי קאָרעוו, פונדעסטוועגן איז די גאַנצע שטאָט ברוקירט. אַפילו דער מאַרקפּלאַץ פוןביידע זייטן שאָסיי, איז גלייך ווי אַ טיש, אַ נחת זיך דורכצוגיין פאַר דער טיר, צו גיין שפּאַצירן אין שטאָט. דאָ, נאָך די יום טובים, ווי נאָר עס הייבן זיך אָן די רעגנס, קען מען שוין קיין פוס נישט אַרויסשטעלן. קינד און קייט גייען אין שטיוול מיט כאַליעוועס ביז די קני. ס׳גלוסט זיך צו לאַכן, ווען מ׳קוקט אַרויס פון אַ פענצטער און מ׳זעט ווי ווייבער פאַלן מיטן פנים אין דער מיירע, ווייל זיי שלעפּן אַרויס די בלויזע פיס און די שטיוול בלייבן שטעקן אין דער בלאָטע. און דאָך טאָפּטשעט דאָס קאָרעווער יינגוואַרג אַרום גאַנצע טעג, ביז שפּעט אין די נעכט אַריין, בייטאָג אַרום דער קיך און אין די אָוונטן וועגן אַ הערצל־יאָרצייט.

אָנגעהויבן רעדן וועגן אזא אָוונט האָבן זיי נאָך שבועות. גרשון ראַפּאַפּאָרטן גייט אין לעבן קאָרעוו זאָל, צו די צען יאָר נאָך הערצלס פּטירה, „פאַראַנשטאַלטן״ אַ יאָרצייט, די שטאָט זאָל זיך נישט האָבן צו שעמען פאַר פּילעוו און אפשר אויך נישט פאַר לובלין, האָט אינמיטן דערינען אויסגעבראָכן די מלחמה! כאָטש טייל פון דעם יינגוואַרג האָט שוין געטוען אַ מאַך מיט דער האַנט אויפן גאַנצן פּלאַן, לאָזט אָבער גרשון ראַפּאַפּאָרט נישט אָפּ. פאַרקערט, — זאָגט ער — איצט, נאָכן אָנשטראָם פון די היימלאָזע, וועט קומען אַ גרעסערער עולם. מ׳וועט קענען אָוועקשיקן קיין לובלין צום קרן קימת אַ גרעסערע סומע געלט. מ׳זאָל אַפילו רעכענען צו צען גראָשן איינגאַנג, וועט אויך אַריינפאַלן שיינע עטלעכע קערבלעך!

ווי נתן חיימען זענען איצט נישט געלעגן אין זינען קיין „אָוונטן״, קיין פאַרוויילונגען, האָט ער זיך דאָך פון דעם נישט געקענט אַרויסדרייען. די דבורה האָט זיך נישט געשעמט אים צו זאָגן, אַז זי וויל מיט אים גיין אויף דעם הערצל־אָוונט! און כדי אים אָנצושטעקן מיט חשק, האָט זי אים געברענגט יעדן טאָג אַ נייע פּאָטשט:

— זי האָבן דאָך גאַרנישט קיין „פּאַיענטשע״ (באַגריף), וואָס דאָרט וועט זיך טוען! דער גרשון ראַפּאַפּאָרט ריסעוועט אויס אַ וואָרע מצבה! און ער שרייבט אויס אַ רעדנער פון לובלין. און וויסן זי וואָס נאָך ס׳וועט

זיין? אַ קעסטל־אָוונט! מ׳עט זיך שרייבן בריוולעך. וועלן זי מיר שרייבן אַ בריוועלע?

נתן חיים איז געווען אין אַ קלעם. געוואָלט וואָלט ער גראָד יאָ גיין אויף אַזאַ אָוונט. ווען עלקעלע וואָלט דאָ געווען, וואָלט ער איר געשריבן אַ בריוועלע, אַז ער האָט זי ליב. אָבער מיט דער דבורהען איז אים נישט ניחא צו גיין, און מער נאָך ווי צוליב איר קען ער אויף דעם אָוונט נישט גיין צוליב אברם יאַנקלען. פאַרוואָס זאָל דער ברודער זיך אויך נישט אַ ביסל ווײַלן? איז אָבער אברם יאַנקל שטענדיק מער געשטראָפט פאַר אים. ער, נתן חיים, איז אָפּגעשטאַנען צום פּריזיוו, געקראָגן אַ גרינעם בילעט און שוין, ביז איבער אַ יאָר, האָט ער מער נישט וואָס צו קלערן. ער האָט שוין באַלד פאַרגעסן אָן דער הייזעריקייט, גייט זיך פראַנק און פריי ווו ער ווי׳ל. ער, אָבער, אברם יאַנקל, איז אַ דעזערטיר! זינט יענעם פאַרנאַכט, ווען ער האָט געמאַכט אַמיק[1] פון דער פאַרטיע רעקרוטן, קלערט ער אַלץ זיך קריק צו צושטעלן. ער האָט אַפילו געמיינט אַז אָט, באַלד, אין אַ טאָג צוויי אַרום, פאָרט ער קיין לובלין צום וואָינסקי נאַטשאַלניק: אייער הויכהייט, כ׳בין דאָ! פאַרוואָס ער האָט זיך אָוועקגעגנבעט? ער ווי׳ל נישט זיין ערגער פון יאַשעק און וואָיטעק. די פּוילישע רעקרוטן לאָזט מען, נאָכן צונעמען זיי, אָפּ אויף צוויי וואָכן און זיי שטעלן זיך אַליין צו? האָט ער אויך געוואָלט זיך אַליין צושטעלן, אָן אַ קאָנוואָי. ער איז דען אַן אַרעסטאַנט? אַ גנב? האָט אָבער די מאַמע אָנגעהויבן וויינען און דער טאַטע — קלאָגן: ער שעכט זיך אָן אַ מעסער! מ׳עט דאָך אים גלייך שיקן אין פייער אַריין! זאָל ער פריער זיך עפּעס מאַכן. אַז דאָס צערן זיך האָט נישט געהאָלפן, זאָל ער זיך מאַכן אַ קריזש, אַ בלאָנע אויף אַן אויג, עפּעס: איז גאָר אונטערגעקומען דאָס אומגליק מיטן אַרויסגעטריבן ווערן אויך פון פּילעוו. וועט ער זיך איצט צושטעלן? אַזוי לאַנג קרענקט ניקאָלייקע! אָט שוין לויפט ער לייגן דעם קאָפּ פאַר פאָניע, וואָס האָלט אים פאַר אַ שפּיאָן, וואָס טרייבט די קראַנקע מאַמע, די קליינע קינדער ערגער נאָך ווי דער היצעל טרייבט הינט!

איצט, טאָמער איז ווייניק שטראָף פאַר אים, דאָס היטן זיך פאַרן מינדסטן סטראַזשניק, דאָס מוזן זיך שלייכן ווי אַ שאָטן הינטער ווענט, מוז נאָך דער ברודער זיך וואַלגערן אין די קעלטן אויפן בוידעם, בעת ער, נתן חיים, שלאָפט זיך ווי אַ פריץ אין דער וואַרעמער שטוב ביי דער דבורהעס עלטערן, כאָטש איין גאָט ווייסט, אַז ער וואָלט גערנער גענעכטיקט אויפן בוידעם צעגלייך מיטן ברודער, מיטן טאָטן.

ער האָט זיך גאַרנישט פאַרגעשטעלט, נתן חיים, אַ מיידל זאָל זיין

[1] אַנטלאָפן.

אַזאַ קאָמבינאַטאָרקע! זי זאָל אים אַריינדרייען צו טוען, וואָס ער וויל נישט! אינגאַנצן נישט קומען אין דער דבורהעס שטוב, דאָס קען ער דאָך נישט. ער זעט דאָך, אַז דאָס אַריינלאָזן די מאַמע מיט די שוועסטערלעך אין זייער הויז, איז געווען צוליב אים. קומט ער יעדן טאָג נאָך מנחה־מעריב אָפּעסן דאָס ביסל וואַרעמע געקעכטס, וואָס אסתר פערעלע קאָכט פאַר דער גאַנצער משפחה. נאָכדעם טראָגט ער אין אַ טעפּל אַ ביסל עסן פאַרן טאַטן מיטן ברודער צו עליע ברוכן אויפן בוידעם. אַז ער ברענגט צוריק ס׳טעפּל, בלייבט ער זיצן אַ ביסל ביים שוסטער־וואַרשטאַט. עס דערמאָנט אים אָן די פּליוקעס אין מאָדזשיץ. ווי דאָרט, האָט ער אויך דאָ ליב זיך צו צוקוקן ווי דבורהעס טאַטע מיט די צוויי ברידער אירע קלאַפּן געשווינד די האָלצערנע פלעקלעך אין די זוילן פון פּויערישע שטיוול, נייען אַרום אָפּטעלעדרעס און דערביי פאַרגייען זיי זיך אין אַ שטיקעלע כל נדרי, אין אַ קול דממה דקה פון ונתנה תוקף. נאָכדעם, אַז מ׳שטעלט זיך בעטן געלעגערס און ער וויל אַוועקגיין, ווערט דבורהלע כלומרשט ברוגז צו אים:

— וווּהין וועט ער איצט גיין? ס׳איז דאָך אַזאַ בלאָטע אינדרויסן, אַזוי פינצטער און קאַלט.

מילא, פאַרוואָס זי טוט דאָס, ווייסט ער. זי וויל אים דאָ האָבן ביינאַכט, צו קענען זיך קושן מיט אים. ער ווייסט אויך פאַרוואָס די מאַמע זיינע וויל ער זאָל דאָ בלייבן שלאָפן. דער טאַטע מיט אברם יאַנקלען וואַלגערן זיך אויפן קאַלטן בוידעם, זאָל ער כאָטש נעכטיקן אין אַ וואַרעמער שטוב. פאַרוואָס אָבער זאָל דבורהעס מאַמע דאָס וועלן? ס׳איז איר ווינציק די ענגשאַפט אָן אים? דער מאַן — אין זיין בעט, זי מיט דער טאָכטער — אין צווייטן, די צוויי יונגען אין איין שלאָפבאַנק און זיין קראַנקע מאַמע מיטן יינגסטן שוועסטערל — אין דער צווייטער. צו דעם נאָך שלאָפן די צוויי גרעסערע שוועסטערלעך אויף אַ געלעגערל אויפן דיל, דאַרף זי נאָך אַ געלעגער פאַר אים אויך? אַלץ אין איין שטוב!

זעט אויס, אַז די זלאַטע גיטל, דבורהעס מאַמע, איז נאָך אַ גרעסערע קאָמבינאַטאָרקע פון דער טאָכטער. זי פאַרשטייט שוין גאָר, פאַרוואָס דבורהלען גייט אַזוי אין לעבן ער זאָל דאָ בלייבן נעכטיקן. זי ווייסט דאָך, אַז שטאָט שלאָפן מיט איר אין בעט, זיצט גאָר דאָס טעכטערל אַפּ גאַנצע נעכט לעבן אים אויפן דיל, רוקט זיך אַזוי גנביש אַרונטער אונטער זיין צודעק, בייגט זיך אַריבער איבער אים און קושט אים און ער קושט זי. די זלאַטע גיטל מוז דאָך דאָס זען, ער הערט דאָך, אַז זי שלאָפט נישט. פאַרוואָסזשע דערלאָזט זי דאָס?

אמת, אַ גאַנצן אָוונט מאַכט דבורהלע אַן אָנשטעל, גלייך זי קען אים גאָרנישט. אויף דעם הערצל־אָוונט זענען זיי גאָרנישט אַרויס ביינאַנד

פון שטוב. ס׳פּאַסט נישט, זאָגט זי. מיט אַ חתן איז עפּעס אַנדערש, מיט אַ פרעמדן בחור? חלילה! זיי האָבן זיך גאָר געטראָפן אין דרויסן, אין דער פינצטער, קיינער זאָל זי נישט זען גיין מיט אים. אינדרויסן טאָקע, אין דער פינצטער, האָט ער באַמערקט, אַז זי גייט אין אַ מאַנצבילש בגד, צו לאַנג און צו ברייט פאַר איר:

— וואָס גייען זי עפּעס אין אַזאַ גרויסן פּאַלטן? דאָס איז דאָך אינס פאָטערס פּעלץ!

— ס׳איז דאָך קאַלט, האָט זי שלוי געשמייכלט אים אין די אויגן אַריין מיט יענעם גלי און ברען, וואָס ער זעט אין זיי ביינאַכט, ווען זי בייגט זיך איבער אים, ער זאָל זי קושן, צערטלען, אַרומנעמען זי שטאַרק, נאָך שטאַרקער...

זיי האָבן געעפנט אַ טיר אין אַ שטוב אַריין. אַ געדיכטע וואַרעמקייט האָט זיי אַ שלאָג געטאָן אין די פּנימער. עטלעכע נאַפטלאָמפּן האָבן דאָ געלויכטן פון סופיט אַראָפּ. ווי גרויס די שטוב איז געווען, האָט מען שוין, ביים אַריינקום, נישט געקענט שטעלן קיין טראָט. אויף רייען שטולן, אויף לאַנגע קיכבענק, אויף טאַבורעטן און קעסטלעך, אויף וואָס נאָר מ׳האָט געקענט זענען געזעסן יינגוואַרג און אַרום די ווענט זענען געשטאַנען נאָך צענדליקער בחורים און מיידלעך קאָפּ אויף קאָפּ, פּנימער איבער אַקסלען און אַלע, מיט גאַרענדיקע אויגן צום ווינקעלע, רעכטס פון אַריינקום. אָפּגעצוימט מיט אַ פּאַרקאַנדל, ווי פון האָלצערנע שטאַכעטן, איז געווען אויסגעשפּרייט עפּעס ווי גרין גראָז און אויף דעם אַ מצבה מיט איינגע־קריצטע אותיות:

פה נקבר
ד״ר תיאודור הרצל,
נפטר בשנת תרס״ד

שוין ביים אַריינקום איז יעדער איינער אַרומגענומען געוואָרן פון יענער פּאַרכטיקייט, פון יענעם פּחד, וואָס יידן האָבן ביים אַרויפקומען מיט אַ לוויה אויף אַ בית עולם און די פּאַרכטיקייט האָט געהויערט איבער דער שטוב דעם גאַנצן אָוונט.

יאָ, זי איז געווען גערעכט, דבורה. דער גרשון ראַפּאָפּאָרט האָט שוין איינמאָל אַ געלענק! ווי אַזוי האָט ער געקענט דאָס אַלץ מאַכן אויסזען אַזוי אמתדיק? די שטאַכעטלעך, אַז מ׳האָט זיי נישט אָנגערירט, האָט מ׳געמיינט זיי זענען פון אמתן האָלץ, אויך אַזוי די מצבה, מ׳האָט געקענט שווערן אַז דאָס איז אַ וואָרער שטיין! ערשט דער אויסשפּרייט! ס׳איז דאָך ווי אמתדיק גראָז.

מיטאַמאָל האָט עמעץ אַריינגעדרייט די לאָמפּן, געלאָזט נאָר לייכטן יענעם, וואָס איבערן אָפּגעצוימטן ווינקל מיט דער מצבה. אומגעריכט, ווי

פון הינטערן שטיין אַפּער, האָט זיך באַוויזן אַ יונגערמאַן אין אַ שמאָל, יידיש היטעלע, אין אַ געקורצער קאַפּאָטע, גאָלד־גערעמטע ברילן איבער די אויגן און אַ שוואַרץ, דיק־פּאַרשוירן זאַראָסטל אַרום זיין בליך, אויסגעצערט געזיכט.

אַמאָל, קליינערהייט, האָט ער, נתן חיים, געהערט אין מאָדזשיץ דעם פּורים סוחרס זון רעדן פון אַ וואָגן אַראָפּ צו אַ ריזיקער גראָמאַדע פּויערים, אַלע טויט־שטיל, מיט די היטלען אין די הענט, פּאַרכאַפּטע פון דעם, וואָס יצחקל האָט זיי געזאָגט. זיי האָבן אַלעווייל אויפגעדונערט מיט „אַ ניעך זשיע"![2] „פּרעטש"![3] אָבער ווי קומט דער רעדנער צו יצחקלען? קוים וואָס מען הערט אים. זיין קול איז שטיל און סאַמעט ווייך און די טרערן קייקלען זיך אים פון הינטער די ברילן, איבער די בלייכע באַקן אין דעם שוואַרצן זאַראָסטל אַריין. ווי דער פעטער יחזקאל אַמאָל אין ראָדעם, רעדט ער אויך וועגן יידישע צרות און ווי דער פעטער יחזקאל אַזוי האָט אויך ער אַלע ווייל פאַרהויבן דעם בליק צום באַלקן און געפרעגט: עד מתי? ביז ווען וועט דאָס יידישע גלות געדויערן? ס'איז דאָך שוין באו מים עד נפש![4]

ער איז געווען באַרוישט, נתן חיים, געזעסן מיט אַן אָפן מויל. דעם רעדנערס פרעגן עד מתי, האָט אין זיין דמיון אָנגעיאָגט אייגענע טראַכטענישן: טאַקע, ביז ווען? און פאַרוואָס שווייגט מען? פאַרוואָס לאָזן זיך יידן טרייבן?

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון טראַנס, איז שוין דעם רעדנער נישט געווען צו זען, אַ טייל פון עולם איז שוין געהאַט אַוועק און זי, דבורה, איז געשטאַנען איבער אים אַן אומגעדולדיקע און אים געמינטערט, געוועקט:

— זי גייען?

זיי זענען אַרויס אינדרויסן. ס'איז געווען שטאַק פינצטער, קיין איין שטערן נישט צו זען, עפּעס ווי זיי וואָלטן אַלע אַריינגעפאַלן אין די קאַרעווער בלאָטעס, פאַרהאַרטעוועטע שוין פון דעם אָנגעשטאַנענעם פרעסטל. קאַרעוו איז געשלאָפן, די הייזער — אויסגעלאָשענע, זענען געשטאַנען צענויפגעטוליעט, טיר און לאָדן פאַרהאַקט.

— וויאַהין גייען מיע'?

ווי ווייניק חשק נתן חיים האָט איצט געהאַט צו גיין שלאָפן אויף דעם קאַלטן, פינצטערן בוידעם, אַזוי האָט אים נאָך ווייניקער געלאָקט דאָס גיין צוריק מיט איר אין זייער שטוב אַריין. ניין, ער פאַרטראָגט נישט דאָס מיידל! וואָס וויל זי פון אים? און אַז זי האָט אַריינגעלאָזט זיין

[2] זאָל לעבן! [3] נידער! [4] ס'וואַסער איז דאָך שוין ביזן האַלדז!

קראַנקע מאַמע מיט די שוועסטערלעך צו זיי אין הויז, איז ער שוין פאַרקויפט צו איר? אַוודאי שאַצט ער דאָס אָפּ און ער איז זייער דאַנקבאַר, ער באַמיט זיך אַפילו צו זיין גינציק צו איר, אָבער וואָס זאָל ער טוען? אַז ער האָט זי פאַרט נישט ליב! מ׳קען דען ליב האָבן אַ מיידל ווייל זי טוט דיר אַ טובה? עלקעלען האָט ער ליב אָן טובות. ווען זי זאָל אַפילו נישט וועלן קוקן אויף אים, וועט ער זי אויך ליב האָבן!

פאַרוואָסזשע קושט ער זיך מיט דבורהען? ער ווייסט דאָך, אַז דאָס איז נישט רעכט. וואָסזשע זאָל ער טוען? ער גייט דען צו איר? זי קומט דאָך ביינאַכט צו זיין געלעגערל. און אַז זי בייגט צו אירע ליפּן צו זיינע, זאָל ער זי אָוועקשטופּן? ווער האָט דאָס האַרץ אַזוי צו פאַרשעמען אַ מיידל? און אפשר איז דאָס נאָר אָן אויסרייד ביי אים? אַוודאי שטופּט אים דאָס אַזוי, דער יצר הרע, ני, דאַרף ער אים נאָכגעבן?

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דער פאַרטראַכטקייט, זיך אַרומגעקוקט. די שטאָט ליגט שוין הינטער זיי, בלויז לינקס ציען זיך נאָך צעוואָרפענע הייזער. דאָס פעלד רעכטס גלאַנצט מיט פאַרצויגענע הייטלעך־פראָסט איבער גריבלעך, ווי צעוואָרפענע, קאַלט־גלימערענדיקע שטיקער גלאָז:

— וויאַהין גייט מען?

— שפּאַצירן, האָט זי געשמייכלט.

— מ׳אי׳דעך שוין הינטע׳ דע׳ שטועט.

— זי ווילן שוין גיין צוריק? מיר גליסט זיך אַזוי ניש׳ צו גיין שלאָפן.

ווי ער האָט זיך געוואָלט טוען אַ ריס, לאָזן זי שטיין איינע אַליין און אַוועק אויפן בוידעם, זיך פאַרקלייבן דאָרט ווי אַ קראָט אין זיין נאָרע, איז ער דאָך געגאַנגען מיט איר ווייטער אין דער נאַכטיקער אומהיימ־לעכקייט. ווי מעג ער דען טוען אַנדערש? זי קען נאָך, גלייך צומאָרגנס, הייסן אים זיך פאַרנעמען מיט דער מאַמען אַרויס פון זייער שטוב. וואָסי, דער טאַטע אירער, די ברידער, אָדער גאָר די מאַמע, זלאַטע גיטל, וועלן זיך איינשטעלן פאַר אים? זאָגן דער טאַטער, ניין, מ׳וואַרפט זיך נישט מיט אַ שלאָף־מענטש, בפרט נאָך אַ היימלאָזע! איינאָנהויב האָט ער זיך טאַקע נישט געכאַפּט, איצט אָבער ווייסט ער, אַז זלאַטע גיטל איז נישט פלוצים געוואָרן אַ צדיקת, גלאַט אַזוי געקראָגן אַ גוט האַרץ. זי האָט דאָך אַריינגענומען די מאַמע מיט די קינדער צוליב אים, זיי נייען זיך דאָך שוין אַ בייטעלע! ער האָט שוין אַפילו איינמאָל געוואָלט אויפשטעכן דעם בלאָטער, זאָגן, אַז ער האָט שוין אַ כלה. איז ערשטנס האָט ער מורא, טאָמער וואַרפט מען אַרויס די מאַמע מיט די קינדער. ווו וועלן זיי גיין? צוריק צום אַלטן עליע ברוך אין פעדערהויז אַריין? צווייטנס, צו וואָס זיך נאַרן? דער יצר הרע לאָזט אים נישט דאָס טוען. ער רייצט זיך נאָך מיט אים. נתן חיימל, פרעגט ער אים, פון ווען אָן ביזטו דאָס אַזאַ צדיקל?

און ניחהלע יאַכטשעס אין מאַדזשיץ האָסטו דערציילט אַז דו האָסט שוין אַ כלה? האָסט גאַנץ שיין געשוויגן און זיך געקושט מיט ניחהלען.

ס׳לעצטע הויז איז פאַרשווונדן הינטער זיי. דער שאָסיי לויפט אַ גלייכער, ציט פאַרביי מאַרקושאָוו, אַרויס קיין לובלין, פון דאָרט צו דער קירהשער גרענעץ. וואָס טוט זיך איצט דאָרט? קומען טאָקע די געשיסערייען פון דאָרט, אָדער פון יענער זייט ווייסל, ערגעץ פון פרייסישן פראָנט?

דבורה האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, אַראָפּ פון וועג. ס׳איז דאָ, זעט אויס, אַ האָלץ־סקלאַד. שווערע בערווינעס[5], קורצע שפּאַליען[6], לאַנגע ברעטער, אַלץ איז דאָ געלעגן אין אָפּגעזונדערטע, גלייכגעלייגטע שטויסן הייזער הויך.

אַזוי, אַהער האָט זי דאָס אים געפירט? מיטאַיינמאָל איז נתן חיימען קלאָר געוואָרן צו וואָס זי האָט, אויף איר מיידלשן מאַנטל, אַרויפגעצויגן דעם פאָטערס פעלץ, אַ שוואַרץ־איבערגעצויגענער, לאַנג און ברייט אַז ביידע קענען זיי אין אים פאַרלוירן גיין...

זענען אַלע מיידלעך אַזוי שלוי? אינזינען האָבן פריער אַרויפצוציען אויף זיך דעם פאָטערס פעלץ ווייל זי וועט שפּעטער וועלן זיך פאַרקלייבן מיט אים אַהער, צווישן דעם געהילץ! וואָלט עלקעלע אויך געוועזן אַזוי שלוי? וואָלט זי אויך אַזוי געטוען? ער וועט זי פיינט האָבן פאַר דעם, זייער פיינט האָבן!

— ס׳איז איהן קאַלט?

— ניין.

— איך זע דאָך ווי זי ציטערן.

ער האָט נישט געענטפערט. אויך זי האָט אַ ווייל געשוויגן. אין אַ מינוט אַרום האָט זי זיך ווידער אויסגעדרייט צו אים:

— איך זע, זי האָבן מיך פיינט.

— חלילה, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. — פאַ׳ווּוס זאָל יעך איהן פאַאַנט הובן?

— פאַרוואָסזשע זיצן זי אַזוי ווייט אָפּגערוקט פון מיר?

דאָס רחמנות צו איר האָט אים געשניטןביים האַרץ, אָבער ער האָט זיך נישט קיין ריר געטאָן, האָט זי זיך צוגערוקט צו אים, גענומען זיין האַנט אין אירער, אַזוי נישט דרייסט זי געצערטלט, דערביי האָט זי אים געקוקט אין די אויגן מיט אַזאַ געפּאַלנקייט, מיט אַזויפיל געבעט, ווי אַמאָל וואַצוש, דאָס קליינע הינטל, נאָכן האָבן עמעצן באַפּאַלן, אָפּגעריסן אַ פּאָלע

5 געטשעשעטע קלעצער. 6 שוועלן צו די באַן־רעלסן.

און עס האָט זיך געטוליעט צו זיינע פיס, אַרויפגעקוקט צו אים מיט בעטנדיקע אויגן, איינצוקויפן זיך ביי אים צוריק אין לאַסקע.

אָן חשק האָט ער זיך צוגערוקט צו איר, זי האָט אים אַקעגן געטראָגן איר מויל, אַן אָפּנס, אַ גאַרענדיקס...

ערשט איצט האָט זי געוואַגט און פאַרוואָרפן אירע אָרעמס ארום זיין האַלדז און אים אַריינגענומען אין די ברייטע פּאָלעס פון פּעלץ, ווי זי וואָלט אים אַריינגעזויגן אין זיך אַריין...

קאַפּיטל פופצן

די טיר האָט זיך געעפֿנט און, מיטן ווינט און קעלט, איז אַריינגעקומען לייבל משה, דער זעלנער, אין אַ לאַנגן, גרינלעך־גרויען, כאַקי־שיניעל מיט אַ באַרשליק[1] אַרום האַלדז און אויערן. דאָס גאָלד־בלאָנדע זאַראָסטל, די וואָנסעס — ווייס, דורכגענומען מיט פראָסט. איידער נאָך ער האָט געזאָגט „גוטמאָרגן", אַראָפּגעשטעלט דאָס קופערטל אויפן דיל, האָבן שוין די מאַמע און די שוועסטערלעך אים אַרומגעכאַפּט, געקושט אים, געהאַלדזט:

— געלויבט אי׳ גאָט, אַבי יעך זעי דיעך נאָך, האָט די מאַמע סיי געוויינט סיי געלאַכט פון פרייד, אים אונטערגעטראָגן די איינציקע טאַבורעט אין שטוב, — זעץ דיעך, אָף ווי לאַנג ׳אָט מ׳דיעך אַ׳געלאָזט?

— יעך בין באַפראַאָט, מאַמע.

— אוי, באַפראַאָט! האָט די מאַמע געטוען אַ פּאַטש מיט די הענט און אויפסנייַ אים געפאַלן אויפן האַלדז! — געלויבט איז זאַאַן ליבע׳ נומע! יעך בין דעך ניש׳ וועיעט אַזאַ חסד! ׳אָסט שוין געזעיען זעלדען?

— יעך ׳אַ נאָך קיינעם ניש׳ געזעיען. כ׳אַ׳ זעך קאַאָם דאַ׳פרעיגט אַהעיע׳.

— דאַנקע׳ גאָט, ווּס יעך גיי שוין אַרים. ווען די קימסט לעצטע וואָך, וואָלסטי מיעך נאָך געטראָפן שלאַף, אַאָנגעבעיטן באַ יענעם, אין אַ פרעמדע׳ שטיב.

— אינדז וואָינע׳ דו ערשט איין וואָך, האָבן די שוועסטערלעך געגומען אים דערציילן, וואָס אַלץ די משפחה איז זיך אויסגעשטאַנען ביז זיי האָבן געקראָגן צו דינגען דאָס שטיבל.

— אין ווי איז דע׳ טאַטע? אין ווּס העיעט זעך מיט אברם יאַנקלען? מיט נתן חיימען? זיי ׳אָבן דעך געדאַרפט שטיין צים ליאָס.

— נתן חיים האָט זיך געמאַכט הייזעריק, האָט דאָס קליינע פרומעטל געטאָן אַ באַק אַרויס מיטן סוד און גלייך אַנטשוויגן געוואָרן אַ דערשראָקענע פון אסתר פערעלעס בייזן בליק.

— אָסט שוין געדאַוונט? האָט די מאַמע אים געפרעגט און, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, גענומען גרייטן צום טיש, ער זאָל זיך קענען דערכאַפּן דאָס האַרץ.

[1] אַ שפּיצנהוט.

— ווי ׳אָב יעך געדאַווּנט, אַז יעך בין ערשט אַרופּ פין וואָגן. אַ גאַנצע נאַכט ׳אָב יעך זעך געשלעפּט פין מאָדזשיץ. יעך אָ׳ דעך גוניש׳ געווּיסט אַז מ׳אָט ענק פון דאָרט אַראָסגעטריבן. וויאַהין איז אַוועק דע׳ פּעטער איטשקע? זעלדע?

— ווּי זיי זענע׳ אַוועק? האָט די מאַמע, אינמיטן פאַרען זיך ביי דער פּליטע, אים איבערגעפרעגט, — קאַ מיעכעוו זענע׳ זיי אַוועק, ניש׳ ווי דאַאַן קליגע׳ טאַטע! געלאָפן קאַ פילעוו, מ׳זאָל אינדז פין דאָרט ווידע׳ טראַאָבן!

לייבל משה האָט אַראָפּגעוויקלט דעם באַרשליק, אויסגעטאָן דעם שיניעל, אַרויסגענומען פון קופערטל טלית און תפילין און זיך געשטעלט דאַוונען. בעתן שטיין שמונה עשרה, איז דערווייל פון בית המדרש געקומען יערמע דוד מיטן טליתזאַק אונטערן אָרעם און, באַלד נאָך אים — אברם יאַנקל מיט נתן חיימען, ביידע מיט די סידורים און תפילינזעקלעך אין די הענט. דערזעענדיק לייבל משהן זענען זיי אַלע געבליבן שטיין אויף דער שוועל, עפּעס ווי דערשראָקן אין דער איבעררעשונג. זיי האָבן נישט געגלייבט די אייגענע אויגן, איז גלייך אָנגעלאָפן דאָס קליינע שוועסטערל, פרומעטל, מיט דער בשורה:

— לייבל משה איז באַפראַאַט!

— יאָ, יאָ, האָט חנה לאה, די מאמע, זעענדיק אַז זיי גלייבן נישט וואָס זיי הערן, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, — ׳מ׳אָמע׳ אַ גרויסן גאָט אָף דע׳ וועלט!

נאָך לייבל משהס אויסשטיין שמונה עשרה, האָבן דער טאַטע און די ברידער אים געגעבן שלום, דערנאָך האָבן זיך אַלע געוואַשן צו שאו ידיכם און די מאַמע ביי דער פּליטע האָט גענומען אויפגעבן פאַרעדיקע שיסעלעך גריץ, וואָס די שוועסטערלעך האָבן איינע נאָך דער אַנדערער געטראָגן צום טיש. ערשט איצט, נאָכן אַראָפּברענגען דעם כזית ברויט פון דער המוציא, האָט יערמע דוד גענומען אויספרעגן דעם זון:

— ני, ווּס קלעיע׳סטי איצט צי טיען?

— וואָס זאָל יעך קלעירן? — האָט לייבל משה געהויבן די אַקסלען און פאַרהאַלטן דעם לעפל גריץ לעבן מויל. אים האָט געקלעמט דאָס האַרץ קוקנדיק אויפן פאָטער. נאָך קיין האַלב יאָר נישט, אַז ער איז אַוועק און ווי פאַרענדערט דער טאַטע איז געוואָרן. גרוי דער קאָפּ און די קופּער־רויטע באָרד ווערט אים שוין אויך גרוי! — יעך קלעיע׳ צי נעמען זעלדען קיין וואַרשע, האָט ער זיך דערמאָנט צו ענטפערן דעם טאַטן. — ווּס ׳על יעך טיען אין מיעכעוו? אין עץ? האָט ער זיך אויסגעדרייט צו די ברידער. — ווּס? ׳אָסט געמאַכט פּליטה? אַ צעטומלטער פון דעם,

וואָס ער הערט דאָ, האָט ער אַוועקגעלייגט דעם לעפל, אָפּגערוקט דאָס שיסעלע גריץ און גענומען וואָרענען דעם ברודער:

— שטעל זעך גלאַאַך צי, די העיע׳סט, אברם יאַנקל!

— ווי מיע! איז די מאַמע צוגעקומען צום טיש מיט פאַרבראָכענע הענט. — מ׳עט דעך עים חלילה שיק אין פייער אַראַאַן!

— מאַמע, האָט לייבל משה זי באַרואיקט, — מ׳אָט מיעך אָאַך געשיקט אין פייע, ני, בין יעך געגאַנגען? בהמות גייען צו דער שחיטה. אַ מענטש גיט זעך אַן עצה. אַז יעך ׳אָב געזען ס׳האַלט שלעכט, וויפל יעך צעיע׳ מיך נישט העלפט ניש׳.

— אַזוי, ׳אָסט זעך געצעיע׳ט? האָט אים די מאַמע איבערגעשלאָגן די רייד. אברם יאַנקל ׳אָט זעך אָאַך געצעיע׳ט אין ס׳האָט אים גוניש׳ געהאָלפן.

— מאַמע, אברם יאַנקל איז ברייט אין די פּלייצעס, ווס ׳אָסטי׳ געוואָלט זאָל ער אָפּצעירן, די ביינע׳? ע׳דאַרף זעך מאַכן אַ קריזש!

— אָבע׳ ווס ׳אָסטי געטיען? האָט אברם יאַנקל געפּרווט פאַררעדן דעם קריזש און בעסער געוואָלט וויסן, ווי אַזוי מ׳גיט זיך אַן עצה ביי פּאָניען אָן אַ חיסרון.

— ווס יעך ׳אָב געטיען? איידער דע׳ פּולק איז געקימען צים פּראָנט בין יעך פאַרלוירן געוואָרן.

— פאַרלוירן געוואָרן? — האָט די מאַמע געהויבן די אַקסלען אין גרויס חידוש.

— ווס חידושסטי דיך אַזוי? — האָט לייבל משה געשמייכלט. אַז מאַאַן עשאַלאָן ׳אָט זעך אָ׳געשטעלט אָף אַ סטאַציע אין זעלנע׳ זענען אַראָפּגעלאָפן מיען אַ מענטשלעך באַדערפעניש, אַראָפּברענגען אַ ביסל קיפּיאַטאָק, בין יעך אָאַך אַרופּ פין וואַגאָן. די זעלנע׳ ׳אָבן באַלד געאַלט צוריק, גלאַאַך זיי וואָלטן עפּעס פּאַ׳שפּעיטיקט, יעך בין מיע׳ אָבע׳ געזעסן צישן די קושאקעס, ווי ניש׳ מיעך מיינט מען. ערשט. ווען דער עשאַלאָן איז אַוועק, בין יעך, כלומרשט אַ צעטומלטע׳, אַראַאַן צים נאַטשאַלניק סטאַנציע:

— אייער הויכהייט, אַזוי און אַזוי, מאַאַן פולק איז אַוועק, ווס זאָל יעך טיען?

— אין ווס ׳אָט דע׳ נאַטשאַלניק געזוגט? — האָט אים אברם יאַנקל זין גרויס חידוש געקוקט אין מויל אַריין.

— ווס זאָל ער זוגן? גוניש׳. יעך בין דען דער איינציקע׳ זעלנער, וואָס האָט פאַרלוירן זאַאַן פולק?

— אין ווס ׳אָט מ׳ מיט דיע׳ געטיען? — האָט די מאַמע, אַ גליקלעכע איבער דעם זונס איינפאַל, אים געפרעגט.

— ווּס מ׳אַט מיט עים געטיען? — איז יערמע דוד איר אַריינגעפּאַלן אין די רייד, צו וויזן דעם ווייב אַז ער, אַן אַמאַליקער זעלנער, ווייסט אויך פון די חכמות. — ווּס ׳אַט מ׳ געזאָלט מיט אים טיען? אאנמאַכן עים אין זאָארן? מ׳אַט עים אַוועקגעשיקט אין אַ זבאַרני פּונקט.

— אַזוי טאַקע האָט דע׳ נאַטשאַלניק געטיען, האָט לייבל משה פּאַטאַקעוועט דעם טאַטן. אַוועקגעשיקט מיך אין אַ זבאַרני־פּונקט. דאָרט האָב יעך מיעך וואַטע׳ געצציערט. אַז ס׳איז אַוועק אַ וואָך, צוויי, ס׳האָבן זעך אָנגעקליבן נאָך פאַרבלאָנדזשעטע זעלנע׳, ׳אָט מ׳אינדז געשיקט אין אַ נייעם פּולק אַראַאָן, מיט אַ נייער סדרה מושטירן, לויפן, פאַלן, נאָר גיי, לויף אַז איך פאַל פון די פיס, ׳אָט מ׳ מיך געשיקט אין אַ שפּיטאָל אַריין. אַ כלל, ווּס זאָל יעך דו לאַנג בראַיען? מ׳אָט מיך געשטעלט פאַר אַ קאָמיסיע אין אָט בין יעך דו!

— געלויבט אי׳ גאָט, — האָט די מאַמע ווידער פאַרהויבן די הענט צום באַלקן און דער טאַטע האָט זיך אויסגעדרייט צו אברם יאַנקלען:

— ני, זעיסט שוין? יעך שראַא דעך די גאַנצע צאַאָט, מאַך דיע׳ אַ קריזש אין שטעל דעך צי.

וואָס אַן אמת, אברם יאַנקל האָט נישט איינמאָל שוין געטראַכט אַזוי צו טוען, אָבער גיי, טו, אַז הערש מענדל, דבורהעס ברודער, האָט אים דערציילט מיט וואָס אַזאַ עסק שמעקט. ווי וויניק אברם יאַנקל איז אַריינגעקומען צו דבורהעס עלטערן אין שטוב, איז ער דאָך, פון מאָל צו מאָל, געקומען געוויער ווערן וואָס די מאַמע מאַכט, און אַז ער איז שוין געקומען פלעגט ער זיך דאָרט פאַרזיצן ביים וואַרשטאַט. אַליין אַ שוסטער. האָט אים געצויגן צו דראַטווע און אָל. אמת, צו טוען ביים שוסטעריי, האָט ער ביי זיי נישט געקענט קריגן. דריי פאָר הענט, האָבן זיי אַליין געקענט אויפמאַכן מער שטיוול, ווי זיי האָבן געקענט פאַרקויפן, בפרט נאָך איצט, אין דער מלחמה, ווען אַ קריש לעדער איז מיט גאָלד צוגלייך, האָבן זיי אַליין נישט געהאַט גענוג צו טוען. אָבער זיצן און מיטהאַלטן אין אַ שוסטעריש הלצהלע, דאָס האָט ער דאָך געקענט.

ווי וויל קיינער האָט נישט געדאַכט, אַז ער איז אַן אַנטלאָפענער, האָט מען דאָך אין דער שטוב געהאַט צענויפגעלייגט צוויי מיט צוויי. דער הערש מענדל, אַליין אויך אַ צוואַנציק יעריקער, איז איינמאָל אַרויס מיט לשון:

— אברם יאַנקל, צו וואָס די באַהעלטעלעך? אַזוי ווי דער טויט מיידט נישט, אַזוי וועט דיך דאָס נישט מיידן. פאָלג מיך, גיי אַריבער צו ראובעלע קצב אין קאָנסקעוואָליע און זאָג אים איך האָב דיך געשיקט. ער וועט זיך מאַכן געפגרט, לייקענען שטיין אוןביין, אָבער דו טרעט נישט אָפּ! אַז

ער וועט זען דו קומסט איינמאָל, נאָכאַמאָל און קיין תירוצים העלפן נישט, וועט ער מאַכן!

האָט ער אַזוי געטאָן, אברם יאַנקל. ווי נאָר לייבל משה איז צעמאַרגנס אַוועק קיין מיעכעוו, האָט ער זיך אויפגעהויבן און מיט נתן חימען אַרויסגערירט פון שטאָט. געוויינלעך איז דער וועג פון קאַרעוו קיין קאָנסקעוואָליע אַ גאַרנישט מיט גאַרנישט, אינגאַנצן וואָסערע צוועלף־פופצן וויאָרסטלעך און דער שאָסיי — גלאַט ווי אַ טיש. איז אָבער איצט מלחמה! פון איין זייט לויערט פּאַניע, כאַפּט אויף אַרבעט, פון דער אַנדערער זייט — די ליבע שכנים! גייסט פאַרביי אַ דאָרף, אַן איינצלנע כאַטע, וואַרפט מען אויף דיר שטיינער, ס׳טרעפט אַז מ׳באַראַבעוועט דיך און מ׳הרגעט דיך אַן פאַר אַ צולאָג. האָבן די צוויי ברידערלעך זיך פאַרשטעלט פאַר שקצים אין פויערישע פעלצלעך מיט רימענס אַרום די לענדן און באַראַנקאַווע קוטשמעס אויף די קעפּ.

דער טאָג איז געווען אַ טריבער, דער הימל — אַ גרויע, ברודיקע פלאַכטע. קיין פלעק שניי נישט, אויפצוהייטערן דאָס אויג. און דאָס קאָנסקעוואָליע איז גלאַט אַ העק. די הייזלעך שטייען ביזן גאַרטל אין בלאָטע. מ׳זעט נישט קיין מאַרקשטעלכל און נישט קיין זיצערקע. אינמיטן מאַרק שטייט אַ וואָגן, איז ער אויסגעשפּאַנט און דאָס פערד איז שוין אַוודאי געפאַלן אין דער מלחמה. ווען נישט די רויכלעך פון די קוימענס, די קראָ, וואָס פליט זיך איבער פון בערגל מיסט צום נאָס־פאַרגרינטן פאַרקאָן און באַלד צוריק אויפן מיסט אַרויף, וואָלטן די צוויי ברידער געמיינט, אַז זיי גייען אַרום אין אַן אויסגעשטאָרבענער שטאָט.

זיי זענען אַריין אין אַ פעדערהויז, געעפנט אַ טיר. דער ריח פון קרויט־באָרשט, פון רייִשעכץ האָט דאָ פאַרשמעקט די שטוב. אַ יונגע פרוי מיט שוואַרץ־גליאיקע אויגן, פּוכקע, רויטע באַקן, אַ הויכן בוזעם און אַ רויט־געשלעקלט פאַרטעך איבערן היבשן בויך, איז זיי אַקעגן געקומען פון אַלקער אַרויס. לויט הערשל מענדלס אויסמשלען, איז דאָס געווען די שטוב און זי — ראובעלע פּי־העגדלערס ווייב.

— וואָס זאָגן זיי עפּעס גיטס? — האָט די פרוי פול מיט חשד זיי אָפּגעמאָסטן. כאָטש פאַרקליידט אין פויערישע פעלצלעך, האָט זי דאָך געזען, אַז זיי זענען יידישע בחורים און דאָס טאַקע האָט זי אַזוי אומרואיק געמאַכט. צו וואָס האָט ראובעלע זיך דעמאָלט פאַרדרייט אַ קאָפּ? געמאַכט אַ קריזש זיינעם אַ פריינט, קען ער זיך שוין פון דעם נישט אַרויסדרייען! איינער שיקט דעם אַנדערן. זאָל דאָס חלילה דערגיין צו פּאָליציע, איז זי געשאָכטן! ראובן וועט נאָך, חלילה, פאַרפוילט ווערן אין קייטן!

— מאָאַן מאַן ׳עט נישט זאַאַן אינערהיים אַ גאַנצע וואָך, — האָט

זי בכיוון געזאָגט אַ ליגן, וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון די אומגעבעטענע געסט.

די ברידער האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן דאָך געוווּסט פון הערש מענדלען, אַז אַזאַ אויפנעם וועלן זיי קריגן, ער האָט זיי אָבער אויך געזאָגט, זיי זאָלן זיך מאַכן נישט וויסן און נישט אָפּטרעטן.

— אינדז׳עלן וואַרטן, — האָט אברם יאַנקל געזאָגט שטיל, פאַרשולדיקט, וואָס ער וואַרפט זיך אָן, ווו מען וויל אים נישט.

— וואַרטן? — האָט זי זיי דורכגעשטאָכן מיט אירע אויגן ווי מיט שפּיזן, — אַ גאַנצע וואָך גייען זיי דאָ וואַרטן?

די צוויי ברידער זענען אַרויס פון שטוב, זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן וואָגן און גענומען זיך דערכאַפּן די הערצער מיטן שטיקל ברויט מיט ציבעלע, וואָס די מאַמע האָט זיי מיטגעגעבן אין וועג אַריין. אין מיטן עסן, איז זיי איינגעפאַלן, אַז זיצן אויפן וואָגן אין מאַרק, ווו יעדער זעט זיי, וועט נישט טויגן. צוליב דעם אַליין קען דער ראובעלע מורא האָבן אַפילו צו רעדן מיט זיי. זענען זיי אַראָפּ פון וואָגן און זיך פאַרשטעקט הינטער אַ שטאַל און פון דאַנען געהאַלטן אַן אויג אויף דעם פּי־הענדלערס הויז. ױען אַפילו דער ראובעלע איז אַוועק אין וועלכן דאָרף, איינהאַנדלען אַ קו, אַ קעלבל, מוז ער דאָך אַלץ היינט זיך אומקערן אַהיים.

איינגעטוליעטע אין די פּעלצלעך, אָנגעשפּאַרט אָן דער בלינדער שטאַל־וואַנט, זענען זיי געשטאַנען און געגאַפּיעט אין דעם טריבן, פּוסטן מאַרק אַריין. עס זאָל זיך כאָטש דורכשלייכן אַ מענטש! בלויז עטלעכע חדר־יינגלעך אין לאַנגע פּאַלטאָנדלעך, אין קוטשמעס איבער די אויערן, זענען דורכגעלאָפן דעם מאַרק, אַוודאי אַהיים עסן וואַרעמס. ערשט פאַר׳נאַכט איז צו דעם פּי־הענדלערס הויז צוגעפאָרן אַ פערד און וועגעלע. אַ מאַן אין אַ ברויז, פּליושן היטל אויפן קאָפּ, אין אַ גרוי־האָריקער בורקע, האָט געלאָזט דאָס בייטשל אין וואָגן און איז אַריין אין שטוב.

דער ערשטער אימפּולס ביי די ברידער איז געווען צו טוען זיך אַ לאָז נאָך אים. נתן חיים אָבער האָט זיך געכאַפּט און צוריקגעהאַלטן דעם ברודער. אַז אַ מענטש קומט אַהיים אין אַזאַ נאַסן, קאַלטן טאָג פון ווער ווייסט ווו, איז ער הונגעריק און אַ הונגעריקער איז בייז, איז גלייכער צו וואַרטן ביז ער וועט זיך דאָרט אָנזעטיקן מיטן קרויט־באָרשט, מיט די אונטערגעריישטע קאַרטאָפל.

אין אַ וויילע אַרום, אַז זיי זענען אַריינגעקומען אין דער שטוב, איז דער מאַן, אַ קרעפּקער ייד מיט אַ שוואַרץ אונטערגעשוירן בערדל, נאָך אַלץ געזעסן ביים טיש, אַ צעוואַרעמטער שוין, דאָס פּנים אָנגערויטיקט, שטאָט די פּליושענע קוטשמע, איז אים איצט געזעסן אויפן קאָפּ אַ שמאָל, יידיש היטעלע, אַ פאַררוקטס אַהינטער, צום קאַרק. מיט אַ קייקעלע קרייד האָט

ער געשריבן אויפן נאַקעטן טיש רינגעלעך און שטריכעלעך, אַוודאי געחשבונט די היינטיקע מסחרים זיינע.

ביי די ברידערס אַריינקומען האָט ער אונטערגעהויבן דעם קאָפּ. ווי ביי זיין ווייב פריער, אַזוי זענען איצט ביי אים די אויגן געווען דערשטוינט און דערשראָקן. אויך די ברידערלעך האָבן געשטוינט. אַ יונגער מאַן, אַוודאי ערשט אין די מיטעלע דרייסיקער, פאַרוואָס איז ער נישט אין דער מלחמה?

דער ייד האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, איז אָבער זיין ווייב געטאָן אַ לויף אַן פון שלאָפשטוב, דאָס מאָל מיט אַ צעקנעפּלטער בליוזקע, זעט אויס אַוועק אין מיטן זייגן דאָס קינד, און זיך געטאָן אַ שטעל צווישן מאַן און די צוויי אומגעריכטע געסט. רויט מיט כעס, האָט זי זיי געדראָט מיטן ווייזפינגער:

— יעך האָב דעך ענק געזאָגט אַז מאַאַן מאַן איז נישטאָ אין דער היים.

די ברידער האָבן געשוויגן. לאַכן וועט נישט טויגן, עס וועט זי בלויז מער נאָך דערצערנען. דאָ האָט דער מאַן זיך אויפגעשטעלט פון טיש און אַוועקגעשטופּט דאָס ווייב:

— עטל, גיי אַריין צום קינד, יעך ׳על מיר דאָ אַליין אַן עצה געבן. און נאָך איידער זי איז צוריק אַריין אין שלאָפשטוב, האָט ער זיך געווענדעט צו זיי:

— ווער האָט ענק אַהער געשיקט?

— הערש מענדל פון קאָרעווע, — האָט אברם יאַנקל געזאָגט זייער שטיל.

— הערש מענדעלע? זאָגטס עים ער זאָל אאננעמען אַ מיתה משונה! דער פּיסק זאָל אים שטיין הינטן. יעך קען אים נישט און יעך האָב מיט אים נישט צו טוען!

די ברידערלעך האָבן זייטיקלעך זיך איבערגעוווּנקען, ס׳הייסט, זאָל ער זיך אויסשרייען, ער וועט בעסער ווערן. האָט אָבער דער ייד, נאָכן אויסלאָדן דעם כעס זיך צוריקגעזעצט צום טיש שרייבן די רינגעלעך מיט שטריכלעך. אין אַ וויילע אַרום האָט ער ווידער אויפגעהויבן דעם בליק:

— וואָס שטייט עץ? יעך האָב דאָך ענק עפּעס געזאָגט!

— זאַאָט נישׁ׳ בייז, — האָט נתן חיים אים געפּרוווּט איינגעמען. — איר דאַרפט נישט מורא האָבן. קיינער וועט נישט וויסן.

— אַן אַנשיקעניש אויף מאַאַן קאָפּ! — האָט דער ייד געהויבן די אַקסלען, געמאַכט זיך אַרויסקוקן דורכן פענצטער און באַלד זיך צוריק אויסגעדרייט צו זיי: — בעסער טראָגט זיך אָפּ, אַז נישט ׳על יעך ענק אַרויסוואַרפן!

סיי ווי האָט אָנגעהויבן ווערן נאַכט, זענען די ברידער אַרויס פון שטוב און זיך פאַרנומען צוריק קיין קאָרעוו. צעמאָרגנס אָבער אינדערפרי זענען זיי ווידער געקומען. ערשט אויפן דריטן טאָג, אַז דער ייד האָט געזען די צוויי לייט מיינען, וואָס זיי זאָגן, האָט ער זיך געלאָזט רעדן, אָבער אַפילו איצט, שוין נאָכן מושווה ווערן נישט צו נעמען מער ווי ביי הערש מענדלען, האָט נאָך אַלץ דער ראובעלע געפרוווט ביי אברם יאַנקלען אַראָפּקלאַפּן דעם חשק:

— געדענקט, ס'עט איך שטאַרק ווײי טוען. יעך בין נישט קיין דאָקטאָר און יעך גיב נישט קיין שלאָפגעטראַנק. און שרייען וועט איר אויך נישט טאָרן. איין געשריי און מ' זעמער אַלע אין פּאַק!

— יעך בין גרייט אויף אַלץ, — האָט אברם יאַנקל מיט אַ פאַרשטיקט, שיער נישט וויינענדיק קול, מסכים געווען אויף אַלץ וואָס דער ייד זאָגט אים.

כאָטש אים, נתן חיימען, האָט דער ייד אויפן בוידעם נישט אַרויפ־געלאָזט, האָט ער דאָך אונטן, אין קאַלטן און נאַסן פעדערהויז, איבערגעלעבט אַלץ וואָס אויבן געשעט. יעדער דערשטיקטער קרעכץ און ריטש פון אברם יאַנקלען, האָט פון אים געריסן שטיקער. דעם ברודערס ליגן דאָרט אויף דעם ביסל שטרוי, אויסגעשטרעקט ווי אַ קאַלב צו דער שחיטה, האָט זיך אונטן אָפּגעדריקט אין זיין מוח, געגליוועט זיין בלוט און ער גאָר האָט זיך געדאַרפט פאַרשטופן דאָס מויל מיט דער אייגענער פויסט ער זאָל נישט נעמען שרייען געוואַלד מיט אַלע זיינע כוחות. אָרעמער ברודער, אַ קאַלב צו דער שחיטה איז כאָטש געבונדן, עס זאָל זיך נישט קענען וואַרפן, דו ליגסט אַ נישט געבונדענער! מיט דיין קאַרג ביסל מענטשלעכן ווילן, מוזטו איינהאַלטן אין דיר דאָס רייסן, צו ווערן זיך, דאָס דריגען מיט די פיס, דאָס דערשטיקן אין דיר דעם געשריי, וואָס רייסט זיך פון דיין קעל. דיינע אויגן מוזן זיך צוקוקן ווי דער קצב קריכט אַרום מיט זיין ווײיזפינגער אין דיין פוכווע, טאַפּט דאָרטן בלינד אין ז־כט איבערצורייסן מיט כוח דעם אָדער, די בענדער, וואָס האַלטן דאָס מענטשלעכע אינגעווייד אין דיין לייב, עס זאָל אַרויספאַלן דרויסן, עס זאָל זיך דיר אַראָפּלאָזן אין אַ שווערער גוליע און דו מוזט נאָך דערשטיקן אין דיר דאָס ריטשען און רעווען, קיינער זאָל נישט הערן וואָס דער קצב טוט צו דיר! ברודער טייערער, פאַרוואָס ביסטו אַזוי געשטראָפט? פאַרוואָס זענען דיינע יסורים, דיין פיין שטענדיק גרעסער פון מיינע! פאַרוואָס?

ענדלעך האָט דאָס שטילע רעווען אברם יאַנקלס אויפגעהערט. דער קצב, אַ בלאַסער, אַ מידער, איז אַראָפּגעקומען פון דער לייטער און ער, נתן חיים, האָט זיך געטאָן אַ צי אַרויף, ווי פון אַלע שטאַפּלען וואָלט, אונטער זיינע פיס, געוואָרן איין שטאַפּל.

אברם יאַנקל איז נאָך געלעגן אויפן ביסל אונטערגעבעטן שטרוי. שטיל האָט ער זיך אַראָפּגעזעצט לעבן אים, געווישט אים דעם שווייס פון שטערן, פון דעם אויסגעבלייכטן געזיכט. מיט טרערן פארלאָפענע אויגן האָט ער געקוקט אויפן ברודער ווי ער דרימלט, פונקט ווי אַ געווינעריין נאָכן האָבן. ער איז אויפגעשטאַנען, נתן חיים, זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ קראָקווע. דורך די שינדלשפּאַלטן האָבן זיך אַריינגעזיען שטרייפעלעך גרוי, טריב ליכט פון קאַלטן, כמורנעם דרויסן.

קאַפּיטל זעכצן

גאָט אין הימל! ווו נעמט קירה אַזויפיל זעלנער? ס׳גייט דאָך נישט אַוועק קיין וואָך מ׳זאָל נישט דורכפירן דורך קאָרעוו מחנות עסטרייכישע געפאַנגענע. אין זייערע גרוילעך־בלויע שיניעלן און ווייכע היטעלעך, ווי שיפעלעך אויף די קעפּ, די רימענס מיט גלאַנציקע שנאַלן, די ליטקעס געוויקלט אין וויקלבענדער, די ביקסן אויף די אַקסלען, מאַרשירנדיק אין גלייכע רייען, האָבן זיי אַוודאי אויסגעזען סטראַינע, העלדיש. איצט אָבער איז אַ רחמנות צו קוקן אויף זיי.

זעקס באַוואָפנטע פאַניעס טרייבן הונדערטער פלעניקעס. צונויפגעטוליעטע, פיל פון זיי איינגעבאָבעט אין טיכער צוליב דער ביטערער קעלט, אָן געווער, די רימענס מיט די שליפעס אַראָפּגעריסן, זעען זיי שוין גאָר־נישט אויס ווי קיין העלדן. אין די לויז־געוואָרענע, הענגענדיקע־פּלאַשטשעס, די וויקלבענדער ווי שמאַטעס אַרום די פיס, שלעפּן זיי זיך ווי בעטלער, פאַרבלאָטיקטע, פאַרוואַקסענע מיט בערד און דער הונגער שרייט זיי פון די אויגן. פאַר אַ שטיקל ברויט גיבן זיי אַוועק וואָס נאָר זיי האָבן. פאַר גראָשנס קויפן די פיפיקע סוחרימלעך אָפּ ביי זיי זייערע זעלטענע ליולקעלעך מיט זילבערגעהאַמערטע דעקלעך, זייערע פענמעסערלעך מיט הענטלעך פון פיינעם פערלמוטער. דער עיקר האַנדל אָבער איז אין טוישן געלט, עסטרייכישע קראָנען אויף רוסישע רובלס.

ווי אַמאָל אין מאָדזשיץ, מינטערט איצט חנה לאה דעם מאַן אירן, יערמע דודן, ער זאָל אַרויסגיין אין מאַרק, אפשר וועט ער אויך עפּעס פאַרדינען. ס׳אומגליק איז אַזוי גרויס! שוין איבער אַ האַלב יאָר אַז עס קומט נישט אין שטוב אַריין אַ גילדן פּרנסה. לייבל משה איז טאַקע אַ גוט קינד. לא די, וואָס ער האָט איר נישט אויסגערעדט דאָס האָבן אויפגעגעסן מער ווי צוויי הונדערט פון זיינע טויזנט קערבלעך, האָט ער נאָך אונטער־געשטופּט דער מאַמען נאָך אַ הונדערטער איידער ער איז מיט דעם רעשט געלט אַוועק קיין מיעכעוו, נעמען זעלדען קיין וואַרשע.

אַוודאי, ווען מ׳קען צוקומען צום ביסל סחורה אין קעלער דאָרט, אין פּילעוו, וואָלט מען אפשר געקענט אויך דאָ עפּעס לייזן, כאָטש וואָס וואָלט פון דעם אַרויסגעקומען? אַז מ׳קויפט פאַר דעם לייזעכץ גאָרנישט צוריק, עסט מען דאָך אויף דעם קרן מיטן ריווח! נאָר וואָס איז דאָ צו רעדן? סיי

ווי קען מען צו דער סחורה נישט צוקומען. ערשטנס לאָזט מען קיין ייד נישט אַריין אין פּילעוו. צווייטנס איז גלייכער זיך צו דרייען וואָס ווייניקער אַרום דעם קעלער. זאָלן נאָר די זעלנער און פּילעווער גויים נישט וויסן, אַז דאָרטן ליגן אַזעלכע מאַיאָנטקעס. דריטנס, ווער האָט דען אַ שליסל? דאָס האָב און גוטס, וואָס יידן האָבן דאָרט איבערגעלאָזט, איז דאָך אָנגעטרויט געוואָרן נאָר דעם אַלטן טאַביאַש. וועט ער אַרויסגעבן די שליסלען פון זיינע הענט? ס'אַנדערע, ווער ווייסט דען וווהין די טאַביאַשעס זענען אַוועק? מ'זאָגט — קיין לובלין און אפשר גאָר זענען זיי אין וואַרשע?

איינמאָל נאָר האָבן אברם יאַנקל און נתן חיים, פאַרקליידטע אין פויערישע פעלצלעך, זיך אַריינגעקריגן קיין פּילעוו, זענען זיי אויך נישט צוגעגאַנגען נאָענט צו טאַביאַשעס מויער, נאָר פון קעגנאיבערדיקן טראָטואַר געכאַפּט אַ קוק צו די פרענטן זענען נישט, חלילה, אָפּגעבראָכן, צי די שלעסער הענגען. אַנדערע הייזער, נישט אַזעלכע באַוואָרנטע, האָבן דאָך די רוצחים צעראַבירט אין דער זעלבער נאַכט, וואָס מ'האָט די יידן פאַרטריבן פון שטאָט.

אַוודאי גיט זי אָפּ אַ שבח צו זיין ליבן נאָמען אויך פאַר דעם חסד, אָבער עסן פון דעם קען מען דאָך נישט. וואָסזשע וועט זיין דער סוף? ווי לאַנג וועלן דען לייבל משהעס הונדערט קערבלעך קליעקן? אַז מ'עסט פון גרייטן קען מ'דאָך אויפעסן אַ תהום! פון דעם ביסל יושקע, וואָס מ'קריגט איינמאָל אַ טאָג אין דער קיך, קען מ'דאָך נישט לעבן. אַוודאי, ווען נתן חיים וואָלט נישט אַריינגעראָטן אין זיין טאַטן, וואָס אינערגעץ מישט ער זיך נישט און ער וואָלט זיך יאָ אַריינגעדרייט אין דער חברה, געוואָרן, ווי מען רופט דאָס, אַ „טשלאָנעק אין זאַרזשאָנד", ס'הייסט אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער קיך, וואָלט זי געהאַט אין שטוב אַ ביסל קאַרטאָפל, א ביסל גרויפּן און צוקערבאָבעס, אַ שטיקל פעטס, אַמאָל אויך אַ קריש פלייש. וואָסי, די אַנדערע „טשלאָנקעס פון זאַרזשאָנד" פּאָרען זיך דאָרט צוליב עולם הבא? עס ווערט דאָך דאָרט מער צעגנבעט ווי מען לייגט אַריין אין קעסל! און ס'קען דאָך גאָר אַנדערש נישט זיין. זינט וועלט איז וועלט ווייסט מען אַז דער, וואָס האַלט די פעדער, שרייבט זיך אָן צום לעבן.

איז אָבער נתן חיימל יערמע דודס זון. ווי זיין טאַטע, אַזוי וועט אויך ער נישט פּרוּוון אַפילו צוגיין צו אַ פּלעניק זוכן אַ גילדן פאַרדינסט. אַוודאַי, לייטן האָבן מזל. די בוטשעלעכע דאַרף נישט טרייבן אירע יינגלעך צו גיין האַנדלען. כאָטש היימלאָז, צוגלייך מיט נתן חיימען, ברענען זיי דאָ אַ וועלט, ווי ביי זיך אינערהיים. נאָר וואָס איז דאָ צו רעדן? די בוטשעלעכעס בנים, ווען מ'שליסט זיי איין אויף אַ בית עולם, וואָלטן

ווי געהאַנדלט מיט די מתים און ביי זיי פאַרדינט געלט! נאָר זי איז נעבעך אַזוי געשטראָפט. אַלע גייען ביי איר אַרום שלינג און שלאַנג. יערמע דוד זיצט אָפּ גאַנצע טעג אין בית מדרש איבערן תהילימל און נתן חיים, אָדער ער לייענט אַ ביכל, אָדער ער בטלט די צייט מיט בחורים און מיידלעך אין שטענדיקע גערעדערייען, אין כסדרדיקע אַמפּערנישן. וועגן וואָס אַמפּערן זיי זיך אַזויפיל? וואָס ווילן זיי דערגיין? ווו די הון האָט דעם פּיפּיטש?

דאָס האָט בלויז די מאַמע אַזוי געמיינט, אינדעראמתן איז ער, נתן חיים, שוין גאָרנישט אַרומגעגאַנגען מיט אַזאַ גרינג געמיט. זינט אברם יאַנקל איז אַוועק זיך צושטעלן און לייבל משה מיט זעלדען האָבן זיך אַוועקגעצויגן קיין וואַרשע, ווייסט ער נישט אויף וועלכער וועלט ער איז, וואָס ער זאָל טוען. ווערן אַ חלפנער קאָן ער נישט. ס׳גייט דען נאָר אין מוישן געלט רובלס אויף קראָנען? ביי דעם פאַרדינען חברה וואַסער אויף קאַשע. זיי פאַרדינען ביים איינמאַכן, ביים אַראָפּהלפענען, ביים נישט דערצאָלן דעם פּלעניק, וואָס אים קומט, קען ער אַזוינס טוען?

דעסטגלייכן ווערן אַ „טשלאָנעק אין זאַרזשאָנד״ פון דער קיך. אין אָנהויב, ווען מ׳האָט דאָ געגומען איינשטעלן די קיך, האָט ער דאָס יאָ געקלערט צו טוען. די בחורים און מיידלעך האָבן זיך פּשוט אַוועקגע־ברענגט אין קאָרעוו זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַ קיך. קיינער פון זיי האָט פון דעם גאָרנישט נהנה געווען. אדרבא, יעדער פון זיי האָט נאָך צוגעטראָגן פון די אייגענע קעשענעס. שפּעטער אָבער, אַז עס זענען אָנגעקומען געלטער פון דעם טאַטיאַנאַ־קאָמיטעט, די קיך איז זיך צעוואַקסן, האָט זיך דאָס רעדל איבערגעדרייט. אַ פּיפּיק יידל איז געוואָרן דער צושטעלער פון די פּראָדוקטן, אַ צווייטער איז געוואָרן „קעראָווניק״, פאַרוואַלטער הייסט עס. איז באַלד פון דעם ענין לשמה געוואָרן אַ קאָרעטע פאַר חזירים! דער צושטעלער האָט אָנגעהויבן חורשן דעם פאַרוואַלטער, דער פאַרוואַלטער — די געדונגענע קעכין און איידער וואָס און ווען, איז דער קרופּניק געוואָרן שיטער, פאָסטנע, די היימלאָזע מיט די ליידיקע טעפּ אין די רייען, האָבן אָנגעהויבן וואָרטשען, שרייען, שעלטן! וועט ער, נתן חיים, האָבן אַ האַנט אין דעם? ווי קומט ער צו אַזאַ געזינדל? און די מאַמע וויל דען דאָס פון אים? זי רעדט? די צרות רעדן נעבעך אַרויס פון איר.

מיט יעדן טאָג האָט נתן חיים איינגעזען אַז דאָס זיצן אין קאָרעוו איז אַן אומגליק פאַר דער משפּחה. אַלע ווען דאָ, חלילה, אונטערגיין. מה דאָך אברם יאַנקל, אַ שוסטער, האָט ער דאָ נישט געהאַט ביי וואָס צו פאַרדינען אַ גראָשן, מכל שכן ער, אַ היטלמאַכער! אין וואַרשע אָבער זוכט מען באַלמעלאָכעס מיט ליכט. די פאַבריקן אַרבעטן דאָרט טאָג און

גאַכט פאַרן מיליטער. אָבער ווי אַזוי קומט ער קיין וואַרשע? און אַוועק פון דאַנען מוז ער נישט נאָר צוליב פּרנסה, נאָר אפשר נאָך מער צוליב דער דבורהען.

וואָס איז דער מער מיט די מיידלעך? צום ערשט מאַכן זיי צו דיר חנדלעך, דרייען מיט די פּיסקלעך, אַלץ כדי דיך אָנצוצייען, נאָר אַז דו קוקסט זיך אויף וועלכער אום, גייסט מיט איר שפּאַצירן, ווער שמועסט נאָך, אַז זי רוקט דיר אַזוי שלוי אונטער אירע ליפּעלעך און דו קושסט זיך מיט איר, מיינט זי שוין זי האָט דיך אין זאַק! טאָמער, חלילה, ווילסטו באַכדעם זיך אָפּקערן פון איר, האָט זי שוין צו דיר פּרעטענסיעס, גלייך דו וואָלסט איר עפּעס צוגעזאָגט און האלטס נישט קיין וואָרט.

אָט טאָקע די דבורה. ער האָט זיך דען געחנדלט צו איר? און ביינאַכט, איז ער געקומען צו איר געלעגער, אָדער זי צו זיינעם? און ער האָט דאָך איר בפירוש געזאָגט, אַז ער האָט אַ כלה, עלקעלע פון ראָדעם. פאַרוואָסזשע האָט זי איצט טענות צו אים? באשר, מ׳רעדט אין שטאָט, איז דאָס דאָך איר אייגענע שולד. זי איז דאָך אַרומגעגאַנגען און זיך באַרימט, אַז ער איז איר חתן. איצט, אַז ער מיידט זי אויס, ווײנט זי אים אָן אַ פולן קאָפּ און די מאַמע אירע, זלאַטע גיטל, פייערט און שעלט מיט טויטע קללות:

— ני, זעט עך שוין? פאַר גיטס גיט מען איר אָפּ מיט שטיינער. זי האָט געעפנט טיר און טויער פאַר אַזאַ גאַרנישט! אַריינגענומען אים די מאַמע זיינע, אַ חרוב מענטש מיט דריי מיידלעך און אַלץ פאַרוואָס? געמיינט, כ׳ווייס, אַ בחור, אַ מיידל, איצט בלייבט דבורהלע אַ באַרעדטע. וואָס אין דער קאָרט רעדט דאָך די שטאָט אויס אויף דעם מיידל. ני, פרעג יעך ענק, דאַרף מען זיין גיט צי היימלאָזע? אַז נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן! אין קיין יידישע שטוב טאָר מען זיי דאָך נישט אריינלאָזן.

אַ גליק נאָך, וואָס דער הערשט מענדל, דבורהעס ברודער, מוז האַלטן דעם פּיסק. ווען ער, אַליין אַ צוואָנציק יעריקער, וואָלט זיך נישט ערב זיין שטעלן צום ליאָס געלאָזט פון דעם ראובעלע פּי־העגדלער מאַכן אים אַ קריזש, וואָלט ער איצט אברם יאַנקלען געמסורט און אַלע וואָלטן פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטריקע.

צוליב דעם אַליין מוז ער, נתן חיים, מאַכן אָמיק פון קאָרעוו. אָבער ווי קען ער אַוועקפאָרן און לאָזן דאָ די מאַמע, די קינדער און אַפילו דעם טאַטן? וואָס וועט דאָ פון זיי ווערן? ווי וויל דער טאַטע זעט איין באַשיינפערלעך, אַז די מלחמה האָט איבערגעקערט די וועלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף, רעדט ער זיך נאָך אַלץ איין, אַז עס איז ווי אַמאָל. טאָמער זעט ער די מאַמע צאָלן מיט אַ גראָשן מער אויף אַ פונט ברויט, עקט זיך אים די וועלט, הענט און פיס ווערן אים אָפּגענומען. און

אַ וואָגן אין דער בהלה וואָלט ער דען געווען געדונגען, ווען אַפּילו ער קריגט? ווען ער, נתן חיים, וואָלט נישט געווען אינדערהיים בעתן אַרויסגעטריבן ווערן פון פּילעוו, וואָלט די מאַמע, חלילה, אַנטגאַנגען אין בעט, די זעלנער וואָלטן מאַנס געווען אסתר פּערעלען און ער וואָלט געלעגן אין פּעדערהויז אויפן בערגל זאַמד און זיך געשלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ: יעך וויל ניש׳ מעיע׳ לעיבן! צי ווּס טויג מיע׳ אַזאַ לעבן! ווען דער זאַמדפירער וואָלט אַפּילו אַליין געווען אָנגעפּאָרן מיט זיין פערד און וועגעלע, וואָלט דער טאַטע אים געדונגען? אַז ער רעדט זיך נאָך אַלץ איין עס איז אַמאָל, מ׳קען אַלץ קריגן פאַר אַמאָליקע פּרייזן. וואָלט ער פאַר אַ זאַמדוועגעלע, געשפּאַנט מיט פאַרפוילטע שטריקלעך צו אַזאַ פּגירה, באַצאָלט צען קערבלעך פאַרן איבער פירן די מאַמע מיט די קינדער קיין קאָרעוו? און דריי וואָלט ער דען יאָ געגעבן? וויזשע קען ער אין אַזאַ צייט איבערלאָזן די מאַמע מיט די שוועסטערלעך אויפן מאַטנס הענט? זאָל מען, חלילה, אויך פון קאָרעוו טרייבן, פאַלט דער טאַטע אין אַן אַפּאָפּלעקציע און די משפּחה וואָלט אויף און אונטערגעגאַנגען!

איז אים, נתן חיימען, דאָס אַוודאי קלאָר. אויך לייבל משה וואָלט וועלן ער זאָל קומען קיין וואַרשע. ער איז דאָרטן געגאַנגען פאַר זיך, נעמט גרויס אַרבעט פון פּאַדראַטשיקעס, נאָר ווען אַפּילו נישט ביי לייבל משהען, וועט אים איצט פעלן אין וואַרשע אַרבעט? וואָס אָבער וועט דער טאַטע זאָגן? דער עיקר, וועט ער וועלן מיטפאָרן? ער האָט אַפּילו מורא דאָס צו ברענגען פאַרן מויל. איין גאָט ווייסט ווי אים איז נישט ניחא צו פאַרפירן גייע העצקעס מיטן טאַטן, ווי ער וויל נישט אויפראַיען ווידער דעם אייביקן קריג מיט אים. איז אָבער דאָס גערייד וועגן וואַרשע אַליין געשטיגן. די מאַמע האָט וועגן דעם גערעדט, די קינדער האָבן גערעדט, בלויז דער טאַטע האָט געשוויגן, פאַרביסן געשוויגן. וואָלט ער כאָטש איינמאָל אַ זאָג געטאָן:

— ניין! דערווייל בין יעך נאָך בעל הבית און יעך לאָז נישט נעמען די משפּחה קיין וואַרשע! האָט ער צו דעם קיין כוח נישט, דער טאַטע. זיין איינשפּאַרן זיך אין מאָדזשיץ: דווקא פּילעוו, און אַזוי אַרום גורם געווען דאָס נאָכאַמאָל אַרויסגעטריבן ווערן אַזוי נאַקעט, אַזוי צעבראָכן, אָט די שולדיקייט האָט געדריקט אויף אים, נישט געלאָזט אים מער זיך איינשטעלן פאַר זיין פאָטערלעכער רעכט איבער דער פאַמיליע, האָט ער געשוויגן, פינצטער און פאַרביסן געשוויגן און וואָס מער ער האָט געשוויגן, אַלץ מער האָט אין נתן חיימען דאָס האַרץ געוויינט און געליימט אים די הענט אונטערצונעמען אַזאַ שריט קעגן דעם טאַטנס ווילן.

אים, נתן חיימען, איז טאַקע נישט איינגעפאַלן צו וועלן מינערן דעם פאָטערס אָנזען אין דער משפּחה, דער טאַטע אָבער האָט אין יעדן שריט

אַ טאָג ווייטער האָט ער זיך אַלץ מער געפילט איבעריק, באַזייטיקט. און פון זון צו שיצן דאָס הויזגעזינד, יאָ געפילט אַזאַ פאַרמינערונג און וואָס פאַרהערן זיך מיטן זון האָט ער נישט געקענט. פון איין זייט דאָס לאַנגאניק שולדגעפיל קעגן דעם נתן חיימען, פון דער אַנדערער זייט דאָס זיין געבונדן אויף דער צונג. איז ער תמיד געווען ביי זיך געפאַלן, בפרט נאָך איצט, ווען ער איז געווען אַזוי אומגערעכט מיט זיין באַשטיין דווקא אויף פילעוו.

אָ, ווי ביטער עס איז פאַר דעם קאָפּ פון דער פאַמיליע שטענדיק זיך צו פילן געפאַלן, נידעריקער פון זיינע קינדער, פון ווייב. אַ לעבן לאַנג פילט ער זיך שפּל אַנטקעגן איר, חנה לאהען, מיט איר אָפענעם קאָפּ, מיט איר קענען אַלץ אַזוי גיך תופס זיין און אַזוי קלוג דאָס אויסברייטן. איז אים נאָך אונטערגעוואַקסן אַ נתן חיימל, אַ פילוסיף מיט אַ מויל אויף שרויפן! ווי‌זשע קען ער זיך מיט אים פאַרהערן? האָט ער געשוויגן, געזעסן אין בית מדרש און שטיל אַריינגעזיפּצט זיין דערשלאָגנקייט אין תהילימל אַריין. וואָלט נישט אסתר פערעלע געקומען אים רופן צו נעמען עפּעס אין מויל אַריין, וואָלט ער אויף דעם כזית ברויט מיטן שיסעלע גריץ נישט געגעסן.

און גראָד נאָך אַן אָפּנהאַרציק אויסטענהען זיך מיטן טאַטן, האָט נתן חיים געלעכצט, געגאַרט. ווי גוט אים וואָלט געווען, ווען ער קען, ווי אַנדערע זין מיט זייערע פאָטערס, זיך אויסטענהען מיט זיין טאַטן, געבן אים צו פאַרשטיין, אַז ער איז דאָך גאָרנישט אויסן, ער וויל בלויז שיצן די משפּחה, אויך אים, דעם טאַטן, וויל ער אויסהיטן פון אומגליקן. ער זעט דאָך, אַז היינט איז נישט אַמאָל, ער דאַרף דאָך אויך איינזען, אַז אין וואַרשע וועט פאַר אַלע זיין בעסער. ער, נתן חיים, וועט אַרבעטן, באַזאָרגן די שטוב מיטן שטיקל ברויט. שווייגט ער אָבער, דער טאַטע און ער ווייסט נישט צי וועט ער יאָ מיטפאָרן אָדער נישט וועלן מיטפאָרן. און טאָמער פאָרט ער טאַקע נישט מיט, וווהין וועט ער גיין? ווו וועט ער זיך אַהינטוען?

ער רעדט זיך אַזוי גרינג אָפּ, נתן חיים, פאָרן קיין וואַרשע! אַוודאי, נאָר אים אַליין איז דאָס גאָרנישט, אָבער אַ גאַנצע משפּחה? ווי מ׳איז געלאָפן נאַקעט פון פילעוו, האָט מען דאָך מיטגענומען דאָס בעטגעוואַנט, די לייכטער, די מאַמע זאָל האָבן אין וואָס צו בענטשן שבת־ליכט. דורך דער צייט וואָס מ׳איז אין קאָרעוו, האָבן זיך אויך אָנגעקליבן זאַכן, אַן אייזערן אויפלייגבעטל, אַ טיש, אַ טאַבורעטקע. אמת טאַקע — גראַטעס און שמאַטעס, ביז אָבער מ׳האָט נישט קיין בעסערס, מוז מען דאָס מיטנעמען. דאַרף מען דאָך האָבן פערד און וואָגן, וווזשע נעמט מען דאָס? איז אָבער וועלט — וועלט און אַלץ קען זיך טרעפן!

באַלד נאָך פּסח איז פון לובלין אָנגעפאָרן אַ באַלעגאָלע אויף אַ פערד

און וואָגן. אויף זיין וועג קיין וואַרשע נאָך אַ לאָדונג נאַפט, האָט זיך דער ייד אָפּגעשטעלט אין קאַרעוו אָנפּאָיען דאָס פערד, אָנהאָדעווען עס מיט אַ ביסל אַבראַק פון דער טאָרבע. נתן חיים האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה. דאָס איז נישט קיין וואָגן פאַר פאַרשוינען, בלויז צוויי שווערע דרענגער מיט אַ מיטלסט ברעט אויף פיר רעדער. דער וואָגן איז באַלד געבויט אויף צו פירן פעסער נאַפט, פעסער אייל, טונדלעך הערינג. ווי קען ער אויף דעם ארויפזעצן די מאַמע מיט די קינדער? מילא, די פּעקלעך קאָן מען צופעסטיקן מיט שטריק צו די דרענגער, אָבער אַליין? אינמיטן וועג קען מען נאָך אַראָפּפאַלן פון וואָגן, ערשט דאָס פערד! אַ פּאַדלע, וואָס קאָזנאַ האָט אויסבראַקירט ביי דער מאָביליזאַציע. ווען וועט די פגירה זיך דערשלעפּן קיין וואַרשע?

אַוודאי וואָלט ער ליבערשט געדינגען אַ וואָגן מיט לייטערס אין ביידע זייטן, מיט אונטערגעבעט היי און טאַקע מיט אַ פּאָר לייטישע פערד! איז ערשטנס, ווו נעמט מען דאָס? צווייטנס, וויפל וואָלט דאָס געדאַרפט קאָסטן? נאָר מילא, איז נאָך פינף קערבלעך! אָבער אַרויסלאָזן זיך אין אַזאַ ווייטן וועג מיט דער משפחה אויף אַזאַ געשפּאַן? בפרט אַז יידן רעדן אים אָפּ און דער טאַטע שווייגט! האָט ער געבעטן דעם באַלעגאָלע וואַרטן נאָך אַ רגע און ער האָט ווידער גענומען איינטענהען מיטן טאַטן:

— וואָס זאָגסטי טאַטע. זעסט דאָך, ס׳איז דאָך נישטאָ קיין ברירה.

די וואַנט ענטפערט? אַזוי האָט דער טאַטע געענטפערט. שטאָט זאָגן יאָ, ניין, האָט ער פאַרמאַכט דאָס תהילימל, גענומען טלית און תפילין אונטערן אָרעם און מיט אַ קוש אין דער מזוזה איז ער אַרויס פון שטוב, אָן אַ גוטן טאָג אַפילו.

די מאַמע האָט גליך נאָכגעאיילט, אים אָנגעכאַפּט ביים אָרעם:

— יערמע דוד, ווי גייסטי? דאַ׳באַרעם דיעך אָף די קינדע׳, אָף דיער אַליין, ׳עסט דעך חלילה אימקימע׳!

אויף דער מאַמען האָט ער גאָרנישט געענטפערט, נאָר ווייטער געשפּאַנט אַרויס צום שאָסיי, געמאַכט זיך נישט זען דאָס געשטיי אַרום פון מענטשן, שכנים, וואָס אַלע האָבן זיי געמיינט ער איז, חלילה, אַראָפּ פון זינען, געוואָרן חסר דעה.

שפּעטער, אין שעהן אַרום, האָט אים דער וואָגן אָנגעיאָגט. זייטיקלעך האָט ער געוואָרפן אַ בליק אויף דעם, וואָס דאָס זינדל, נתן חיימל, האָט דאָ אָפּגעטאָן. אַרויפגעזעצט די מאַמע מיט די קינדער אויף דרענגער, ווי הינער אויף אַ גזשענדע,[1] אָן דעם מינדסטן אָנהאַלט, זאָל דאָס פערד טוען אַ גיכן גיי, אָדער פּלוצים זיך אָפּשטעלן, ליגן זיי אַלע אויפן שאָסיי!

[1] אַ דראָנג, אויף וואָס עופות פליען אַרויף נעכטיקן.

און זי, חנה לאהלע, זאָגט עס איז גוט אַזוי און גייט אַלץ נאָך דעם זינדלס קאָפּ!

פול מיט פאַרביטערונג האָט ער גענומען שפּאַנען גיכער, איז אָבער גתן חיים געוועזן פלינקער און אים אָנגעיאָגט. ווי אים איז דערווידער דאָס צושטיין צו עמעצן מיט בעטענישן, מיט זיסע רייד, האָט ער זיך דאָך גענומען בעטן ביים פאָטער:

— טאַטע, וויאַהין גייסטי? ס'איז דעך מלחמה, העיעסט דעך דוס געשיסעריי, איינער אַליין, ווס 'עט פין דיע' ווערין? 'עסט חלילה ווערין קראַנק, וועיע' 'עט דיע' געיבן אַ לעפל וואַרעם וואַסע'? אין וואַרשע 'עט דעך דיע' זאַאַן גיט, זיץ אָף אין לאָמע' פורן.

— פוע' געזינטע'הייט, יעך פוע' ניש'!

אַ ווייל נאָך איז דער וואָגן געפאָרן פּאַוואָליע, דאָס פערד האָט געטריטלט, גלייך אויך דאָס שטומע בעל חי, וואָלט געדולדיק געוואַרט, אפשר וועט דער פאָטער, דער קאָפּ פון דער משפחה אויפזיצן און מיטפאָרן. דעם באַלעגאָלע איז אָבער גיך נמאס געוואָרן דאָס שפּיל. דער טאָג שטייט נישט. ער דאַרף נאָך אָנקומען קיין גאַרוואָלין פאַר האַלבער נאַכט, האָט ער אַ טשמאָקע געטאָן צום פערד:

— וויאָ!

די רעדער האָבן זיך ווידער צעקלונגען איבערן שטיינערנעם ברוק. די מאַמע האָט שטיל געוויינט, די קינדער האָבן געוויינט און דער וואָגן איז אַלץ ווייטער און ווייטער געפאָרן. דער טאַטע, ווייט, ווייט פון הינטן, איז געוואָרן קלענער און קלענער ביז ער איז אינגאַנצן פאַרשלונגען געוואָרן פון דעם אָנגעשטאַנענעם בין השמשות, פון דער גיך צופאַלנדיקער נאַכט.

קאַפּיטל זיבעצן

שפּעט נאָך האַלבן טאָג איז דער וואָגן דורכגעפאָרן די פּראַגער ראָגאַטקע און דער בעל עגלה האָט אויפסניי געפרעגט:

— ני, וויאַהין זאָל יעך פאָ׳פורן?

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך דער וואָגן אַזוי געשלעפּט איבערן שאָסיי, אַ צעבראָכענער, פול מיט לעכער און גריבער פון דעם שווערן געגיי און געפאָר פון מיליטער מיט זייערע אָבאָזן, זייערע האַרמאַטן. כאָטש אַ מידע, אַ דרימלענדיקע, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ צום העצקען זיך פון וואָגן, האָט דאָך חנה לאה אויף קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן, אַז אסתר פּערעלע זיצט לעבן איר אַן איינגעבאַבעטע אין לאַכעס און שמאַטעס, ווי אַן אַלטע באָבע. יעדערסמאָל וואָס זעלנער האָבן פאַרבייגעצויגן האָט איר האַרץ אויפסניי אויפגעצאַפּלט אין שרעק, טאָמער, חלילה, פאַלט וועלכן פון זיי איין צוצוקומען צום וואָגן איינקוקן זיך ווער דאָ פאָרט. זיי קענען דאָך גלייך זען אַז דאָ זיצט אַ יונג מיידל, בלוט און מילך. און מיט דעם צאַפּלען זיך איבער אסתר פּערעלען, גייט איר אויך נישט אַרויס פון זינען דער מאַן, יערמע דוד. ווו איז ער אַוועק? קיין באַברעניק צו וועלכער פון זיינע שוועסטערן? פון קאַרעוו אַהין איז גוטע פערציק וויאָרסט! מיט פערד און וואָגן געדויערט די יאַזדע אַ האַלבע נאַכט, און ער גייט נעבעך צופוס, און די וועגן זענען סכנות נפשות. אַמאָל, ווען וועלט איז געווען וועלט, האָט אַ ייד געקענט איבערנעכטיקן ביי וועלכן פּויער אין אַ סטאָדאָלע. הייגט אָבער, ווער שטעלט זיך דאָס אונטער? די רציחה קוקט דאָך די גוים פון די שליפּיעס אַרויס. זי האָט אַ זיפץ געטאָן:

— אוי, טאַטע זיסע׳, נאָ׳ מיט רחמים.

— יעך פרעיג דעך ענק עפּעס! — האָט דער בעל עגלה ווידער אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ אַהינטער, אַ בייזער שוין, וואָס ער ווייסט נאָך אַלץ נישט וווהין ער שלעפּט זיך מיט די היימלאָזע.

שטאָט ענטפערן דעם באַלעגאָלע, האָט חנה לאה אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום זון:

— ווּוס זוגסטי, נתן חיים?

איר טראַכטן וועגן פאַרפאָרן צום ברודער, זעט זי איין, וועט נישט טויגן. אַז זי קומט אַמאָל אַהין איינע אַליין, קען זי נאָך ווי עס איז דאָרט

איבערנעכטיקן. אָבער אַ גאַנץ הויזגעזינד, אָן עין הרע? די שוועגעריך, גאָלדע, איז דאָך זייער אַ „פּזשעיעמנע מעש"[1] אָט שוין עפּנט זי די טיר און לאָזט זיי אַלע אַריין. נאָר וואָס עפּעס האָט זי טענות צו דער שוועגערין? זעלדעלע, די שנור, וואָלט דען בעסער געווען? ווי שיינדעלע אין ראָדעם, איז זי דאָך אויך: קוק מיך נישט אָן און ריר מיך נישט אָן! זי קען זיך דאָך נאָך אַלץ נישט שענקען, וואָס מ׳האָט זיך געבראָקט[2] מיט איר, וואָס דעם פעטער יערמע דוד איז נישט אָנגעשטאַנען זיך משדך צו זיין מיטן שוואָגער, דעם טאַטן אירן, איטשקאַלע קוניאַד. נאָר פאַרוואָס שוין האָבן טענות צו זעלדען? זי ווייסט נאָך רעכט נישט ווו לייבל משה האָט זיך מיט איר פאַרצויגן. ס׳בלייבט איר נישט קיין אַנדערע ברירה ווי נאָר צו פאַרפאָרן מיטן ביסל בעבעכעס פאַר דער גמינע. וואָס איז זי שמייליקער פון אַנדערע יידן? אין קאָרעוו נאָך, האָט זי געהערט אַז פון אַ סך שטעט פאַרפאָרן די אַרויסגעטריבענע צו קהל, וועט זי אויך אַזוי טוען.

— ווּסזשע זוגסטי? נתן חיים.

נתן חיים האָט איר נישט באַלד געענטפערט. שטיל און איינגעשוויגן אין זיך איז ער געזעסן אויפן וואָגן און די פיס זיינע, אַראָפּהענגענדיקע, האָבן זיך מיטגעוויגט, מיטגעוואָרפן מיט יעדן טראַסק און דריי, וואָס אַ ראָד האָט זיך געטאָן ביים אַריין און אַרויס פון די לעכער און גריבער איבער דעם צעבראָכענעם שאָסיי. אויך ער האָט געדרימלט ווי זי, די מאַמע, פריער, איינגעדרימלט און זיך אויפגעכאַפּט און ווידער איינגע־דרימלט. די נאַכט האָט געבלייכט, גרויסער טאָג איז אָנגעשטאַנען, פויערים מיען זיך שוין אויף די פעלדער און ער דרימלט אַלץ און דרימלענדיק גייט אים דער טאַטע נישט אַרויס פון זינען. נישט בלויז די שרעק איבער דעם טאַטנס גורל, ס׳האַרץ האָט אין אים געוויינט וואָס ער איז אַזוי פאַרשאָלטן נישט צו האָבן די זכיה דער טאַטע זאָל אַמאָל רעדן צו אים, ווי טאַטעס רעדן צו זייערע זין און צו דעם נאָך האָט ער זיך געגריזשעט איבער דעם איצטיקן אָפּטוען זיינעם. האָט ער דאָס געמעגט טוען? טרייבן דעם טאַטן אין נע ונד אַריין? ווען ער נעמט נישט די מאַמע מיט די קינדער קיין וואַרשע, וואָלט דאָך דער טאַטע נישט אַוועק! און טאָמער, חלילה, טרעפט מיטן טאַטן אַן אומגליק? ער וועט דאָך נישט האָבן קיין פאַרענטפער פאַר גאָט! אָבער וואָס דען האָט ער געזאָלט טוען? לאָזן די מאַמע מיט די קינדער אויפן טאַטנס הענט? זיי וואָלטן דאָך אַלע אונטערגעגאַנגען!

— ניין! — האָט ער אַ זאָג געטאָן אויפן קול שאַרף און דעצידירט, אַ ביין אויף איינצושטילן די אייגענע גריזשעניש, די כסדר אָנלויפנדיקע

[1] חוזקדיק — אן אַנגענעם מענטש. [2] געוואָרפן.

ספקות. דער ניין איז אָבער אויך געווען אַן ענטפער דער מאַמען. כל־זמן ער לעבט, וועט זיין מאַמע מיטן הויזגעזינד זיך נישט וואַלגערן אין אַ פּאָליש, פון וועלכן בית מדרש, אָדער אין אַ באַראַק צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע היימלאָזע, ווערן פאַרוואָרלאָזט, אויפגעפרעסן פון אייגענעם און יענעמס אומפלייט, ניין, דאָס וועט קיינמאָל נישט געשען:

— וווסזשע זאָל מ׳יאָ טיען? — האָט די מאַמע זיך געבראָכן די הענט אין איר גרויסער פאַרלוירנקייט.

— מ׳עט פאַ׳פורן ווי יעך ׳אָב געוווינט. די פרוי קויפמאַן ווי איע׳ טאָכטע׳ שפּרינצעלע, ווי אירע זין, זענע׳ מענטשן אָן אַ גאַל. אַפילו זיי ׳אָבן ניש׳ ווי, ׳עלן זיי אָאַך לאָזן אָפּלייגן די פּעקלעך אין נאָך העלפן אינדז געפינען אַ דירה. אין דעים טויג זעך די פרוי קויפמאַן זייער אויס. זי איז אַ וואַרשעווע׳ סוחרטע. אַז זי ׳עט ניש׳ געפינע׳ קאַ דירה, ׳עט שוין קיינע׳ ניש׳ געפינען׳!

— פועט׳ אָף געינשע נאַאַן אין דראַאַסיק, — האָט ער אַ רוף געטאָן צום באַלעגאָלע הויך און דעצידירט. — איע׳ ווייסט ווי דוס איז?

— אַוודאי ווייס יעך, פאַ׳ווס זאָל יעך ניש׳ וויסן?

דער טאָג איז דערווייל נישט געשטאַנען. די זון האָט געגליט און געבלענדט. פּראַגע האָט גערוישט און געזשומיעט מיט טראַמווייען, מיטן געפּאָרעריי פון פויערישע פערד און וועגן, מיט כאָפּטעס זעלנער, וואָס אויף זייער טאָג אָפּרו, גייען זיי זינגענדיק, מיט די פּעקלעך וועש אונטער די אָרעמס, „פּאָדמאָסטעם״, אין באָד אַריין און צווישן דעם געפּאָרעריי פון די קלינגענדיקע טראַמווייען האָבן טרייבער געטריבן בינטן בהמות און סטאַדעס גענדז אין די פּראַגער שעכטהייזער אַריין. די גענדז האָבן געסיקעט, געשטרעקט זייערע לאַנגע העלדזער מיט די אָפענע שנאָבלען צו די פאַרבייגייער, געביסן בייז די לופט און די קי און אָקסן האָבן געדרייט די שווערע קעפּ: מו, מו, מו! געוואָלט נעבעך צוריק צו די זוניקע לאָנקעס, אַנטרינען פון די שוחטים, וואָס וואַרטן אויף זיי גרייט מיט די בלאַנקע חלפים.

מיט גרויס מי האָט דער באַלעגאָלע זיך דורכגעפּלאָנטערט מיטן וואָגן דורך דעם הו־האַ און איז אַרויף אויף דער פּראַגער בריק. אונטן פליסט די ווייסל. זאַמדיקע אינדזעלעך גאָלדיקן אַרויס פון די רואיק־פליסנדיקע וואַסערן. אַ קליין שיפל, דער „סטאַטעק״ קיין פּלאָצק, שווימט ווי אַ שוואַן אין די פאַרנעפּלטע וויטן אַריין. לענגאויס דעם פּראַגער ברעג, ציען זיך די שמאָלע רעלסן פון דער קאָלייקע. קליינע באַנדלעך אויף נידעריקע רעדלעך, לויפן מיט קינדישע טריטעלעך און די לאָקאָמאָטיוולעך מאַכן אַן אָנשטעל פון גרויסע, סאַפּען, פּראַאַכן און שפּייען קנוילן רויך

דורכן געלעכלטן, אײַזערנעם דיל אַרויף אויף דער בריק און אַנטקעגן, אויפֿן וואַרשעווער ברעג, שטרעקט זיך הויך דעם גענעראַל גובערנאַטאָרס פּאַלאַץ. די זון שפּיגלט זיך אין זײַנע אומצאָליקע פֿענצטער, הויכע און ברייטע. אונטן, פֿאַרן טויער, גייט הין און צוריק די טשערקאַסן־וואַך, שלאַנקע יונגען אין ברייטע, שוואַרץ־האָריקע פֿעלערינעס מיט רייען קליינע, גלאַנציקע שטילעטן, ווי מעדאַלן אויף זייערע ברוסטן. אויף זייערע קעפּ, זייטיקלעך צום רעכטן אויער, זיצן שוואַרץ קאַראַקולענע פּאַפּאַכעס און די האַלברונדע שווערדן שלעפּן זיך ביי זייערע טריט, קלינגען גדלותדיק איבערן טראָטואַר.

— געלויבט אי׳ גאָט, — האָט די מאַמע אָפּגעזיפֿצט אויפֿן קול, — איז מ׳ שוין אין וואַרשע אַאָך. אַבי זיי ׳אָבן געשראָקן, וו׳עיע׳ ס׳אָט געהאַט אַ האַנט מיט אַ פּיס אין גאַרוועלין, איז ציגעקימע׳ צים וווגן: — „עץ פּועט קאַ וואַרשע? מ׳זוגט דער, אַ׳מ׳לאָזט ניש׳ מעיע׳ אַראַאָן קאַ היימ־לאַזע.

— וויאַ! — האָט דער פֿורמאַן אַ צי געטאָן די לייצעס און גיך אַרי־בערגעפּאַטשט די ברייט פֿון דער קריסטלעכער גאַס, דער קראָקעווער פֿאָרשטאָט, אַריין אין פּאַדוואַל און דורך אַלטשטאָט אַרויס, וואָס גיכער אויף דער פֿראַנציסקאַנער גאַס, אין יידישן געגנט אַריין.

איצט, נאָך האַלבן טאָג האָבן די וואַרשעווער גאַסן געווימלט מיט קריסטן און יידן, מיט אָפּיצירן און זייערע דאַמען, געמיטלעך שפּאַצי־רנדיקע מיט קליינע הינטלעך אויף געצאַצקעטע רימענטלעך לעבן זייערע טריט. ווי ס׳איז שוין לאַנג נישט געווען קיין נאָווינע אין וואַרשע צו זען פֿערד און וועגעלעך מיט היימלאָזע יידן, האָבן זיך דאָך פֿאַרבייגייער אָפּגע־שטעלט קוקן אויף דעם וואָגן, צווי דרענגער מיט אַ ברעט אינדערמיט און אויף דעם שלעפּט זיך אַ משפחה פֿון ווער־ווייסט־ווו. יידן האָבן גע־שאָקלט די קעפּ אין באַדויער, קריסטן אָבער, פֿיל פֿון זיי, האָבן גיפּטיק געשיפּעט און געשאָלטן:

— פֿאַרשיווע זשידעס! פֿאַרפּלייצן וואַרשע, שלעפּן אָן אַלערליי קרענק!

נישט נאָר פּאַליאַקן אין די קריסטלעכע גאַסן, אויך דער סטרוזש פֿון יידישן הויף גענשע 39, האָט געזידלט און מיט זיין גאַנצער ברייט זיך געטאָן אַ שטעל אין טויער, צו פֿאַרצאַמען דעם אַריינפֿאָר פֿון וואָגן מיט די היימלאָזע יידן. ערשט אַז נתן חיים איז אַרויפֿגעלאָפֿן און אַראָפּגערופֿן שפּרינצעלען, האָט דער גוי באַוויליקט צו נעמען ביי איר די צווי זיל־בערנע האַלבע קערבלעך און דורכגעלאָזט דעם וואָגן.

— איר, מיט די קינדער, קומט אַרויף אין שטוב, — האָט שפּרינצעלע

גענומען די מאַמע מיט די שוועסטערלעך און זיי אַריינגעפירט אין פעדער־הויז צו די טרעפּ.

ערשט איצט, אַז חנה לאה איז געווען אין דער שטוב, געזען ווי די שפּרינצעלע, נישט פרעגנדיק ווער, וואָס, האָט גענומען אַריינהעלפן נתן חיימען מיט די פּעקלעך, אָנגעצונדן דעם פּרימוס און צוגעשטעלט אַ טשייניק וואַסער אויף טיי, האָט זי פּאַוואָליע אָנגעהויבן צענויפלייגן צוויי מיט צוויי... זי האָט זיך אַ וויש געטאָן מיט דער האַנטפלאַך איבער די פאַרטרוקנטע ליפּן — מ־מ־מ, אַזוי הייסט עס? אין קאָרעוו איז געווען אַ דבורהלע און דאָ איז אַ שפּרינצעלע! מיט איר געניט אויג האָט זי זייטיק אָפּגעמאָסטן דאָס ווייבעלע. ער איז געווען גערעכט, נתן חיים, מיט זיין אָפּמאָלן זי, זי איז טאַקע אַ שאָנקייט, אָבער ווי קומט זי צו אים? דער גאַנצער ייִנג איז ערשט געוואָרן זיבעצן יאָר און זי איז שוין אַוודאי צוויי — דרייאונצוואָנציק! נאָר גיי פרעג קשיות ביי ליבעלען!

— איר זענט דאָך אַוודאי הונגעריק און די קינדער האָבן אויך שוין מסתמא לאַנג נישט געגעסן? — האָט שפּרינצעלע געפרעגט און גענומען פאַרשפּרייטן אַ טישטעך אויפן טיש.

— אַ שיינעם דאַנק, באַמיען זי זעך ניש׳, — האָט חנה לאה, געעפנט איר צעראַטענע טאָרבע, — זי זעיען? יעך ׳אָב ב״ה אַלדוס גיטס, ברויט, ציבלקעס, אַ סלאָיקל האָניק, ווס דאַרף דען אַ מענטש? זעיען זי, אַ גלעזל וואַרעמס איז עפּעס אַנדע׳ש. אַז מ׳שלעפּט זעך אַזוי לאַנג אינטע־װעיגנס, װעיע׳ט מ׳ אָאָסגעטריקנט. יאָ, וױס העיע׳ט זעך דו מכוח ציקע׳? באַ אינדז קריגט מ׳ניש׳ קאָ לויט ציקע׳ פאָ׳ קאָ רענדל!

— אין וואַרשע איז דען בעסער? — האָט שפּרינצעלע געהויבן די אַקסלען.

ביים אָנגיסן די טיי איז אַריינגעקומען כילעק, דאָס ייִנגסטע ברודערל, שפּרינצעלעס, מיט אַ ראַניעץ אויף די פּלייצעס און באַלד נאָך אים — די מוטער, פרוי קויפמאַן, אַ שטאַלטנע פרוי מיט קלוגע, שוואַרצע, גיך־לויפנדיקע אויגן.

— די מאַמעשי זעט? — איז איר שפּרינצעלע אקעגן געגאַנגען, — דאָס איז נתן חיימס מאַמע און זיינע שוועסטערלעך.

די פרוי קויפמאַן איז געבליבן שטיין אינמיטן שטוב, נישט אַראָפּ־גענומען אַפילו פון אירע אַקסלען דעם שאַל, אַ שוואַרץ טיולענער, אַ טערקישער. זי האָט אויסגעזען צו זיין פאַרווירט, די פרוי קויפמאַן. אירע גיך־לויפנדיקע אויגן האָבן זיך געגליטשט הין און צוריק, דאָ אויף דער פּראָווינצעריך, אַזאַ אָפּגעצערטע, אַ קרענקלעך בלאַסע, דאָ אויף די מיידעלעך, וואָס האָבן זיך געטוליעט אין איר, קליין שטעטלדיק דערשראָ־קענע. ווי שטענדיק, ווען אין פאַרלעגנהייט, האָט זי אויך איצט זיך

געשפּילט מיט דעם אונטערשטן קאַסטן פּאַלשע ציין, געהויבן זיי אַרויף, אַראָפּ, באַלד אָבער האָט זי זיך געכאַפּט, אַז עס איז נישט רעכט אַזוי אויפצונעמען אַ היימלאָז מענטש, נאָך דערצו נתן חיימס מאַמע. אמת, אויף דעם נתן חיימען איז זי אין כעס. שפּרינצעלע האָט אַ שוואַכקייט צו אים. זי, די מאַמע, האָט זיך געהיט נישט צו זיין זיי אין וועג... איז ער אָבער אַ תם, דער יינג! אַוודאי ווייסט זי, אַז מענטשן וואָלטן גערעדט. וועז רעדן דען מענטשן נישט? זי אָבער איז אַ געפּרוווטע, געוואָרן אַן אַלמנה, נישט פאַר קיין יידישע טאָכטער געדאַכט, צו פינף און דרייסיק יאָר! ווייסט זי, כל־זמן מ׳איז אַ מיידל, איז מילא. שפּרינצעלע אָבער איז אַ ווייבל. אומשטיינסגעזאָגט, אַ ווייבל, וואָס האָט געהאַט אַ מאַן בלויז איין וואָך צייט. ווינט איר ס׳האַרץ, יונג בלוט, איז אָבער דער נתן חיים אַ באָק, באָטש נעם און מעלק אים אויס.

זי האָט אַראָפּגענומען דעם שאַל פון די אַקסלען, זיך צוגעזעצט צום טיש, נישט אַזוי מיטצוטרינקען די אונטערגעפּאַרבטע ציקאָריע־טיי, ווי שמועסן מיט דער פרוי, זאָגן אַ געפלאָגט מענטש אַ וואַרעם וואָרט:

— פונדעסטוועגן דאַרפט איר נישט זיין אַזוי פאַרזוגט, איר זענט נישט, חלילה, אין קיין וואַלד. ווו איז עפּעס נתן חיים? ער איז נישט געקומען מיט אייך?

— אוי, גילדענע, ווּס רעדט עץ, אַן עים וואָלט יעך מיעד אַראָאָס־געריע׳ט פין קאָרעוו? ווי ער איז, פרעיגט עץ? ווי זאָל ע׳זאַאַן? געלאָפן צי מאַאַן ברידע׳ געוויוע׳ וועירן ווי דער עלטסטע׳ זין מאַאַנע׳ וואינט. אַז קאַ בריוו פין עים ׳אָב יעך ניש׳ דאַהאַלטן, וויים יעך גוניש, ווי זיי ׳אָבן זעך פאַ׳צויגן.

— ער איז שוין געלאָפן צו אייער ברידער לעבן די אָקאָפּעס? וואָס איז ס׳געאייל?

— גילדענע, אַז יעך ׳על וויסן ווי מאַאַן עלטערע׳ זין וואינט, בין יעך גלאַאַך אַ געהאָלפענע. עיער עט אָאַזיכן פאַר אינדז אַ שטיקל וואינונג. אַ מענטש מיז דעך האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ!

די פרוי קויפמאַן האָט זיך איבערגעקוקט מיט דער טאָכטער, אויף שטום־לשון זי עפּעס געפרעגט, יענע האָט געהויבן די אַקסלען, זי איז הייסט עס נישט זיכער, נאָר איידער חנה לאה האָט זיך אונטערגעשטעלט צו פרעגן, וואָס און ווען, איז פרוי קויפמאַן אַליין אַרויס מיטן פּזמון:

— איך זאָג אייך, בעסער אַ קווינט מזל, איידער אַ פוד גאָלד! אַז אייער נתן חיימל האָט מזל, ווייסט איר דאָך אַליין. אַנדערע האָבן זיך געמאַכט פאַר קאַליקעס, אַפילו מיין אייגענער זון, ער אָבער, נתן חיימל, האָט זיך אַרויסגעדרייט פון פּאַניעס הענט מיט כ׳ווייס וואָס, הייזעריק,

שמייזעריק. איר מיינט מ׳פארגינט אים נישט? זאָל עס אונדז זיין וואָס מיר ווינטשן אים, נישט אַזוי, שפּרינצעלע?

— אַזאַ יאָר אויף מיר, אַ טייער יינגל ער איז!

— מאַאַן נתן חיים? — האָט חנה לאה פאַרגעסן אַלע אירע צרות און אויך געגומען לויבן דעם זון. ס׳איז איר אָבער געווען קשה זייער פּלוצימדיק לויבעניש:

— אַנטקייגן וו͏ָס זוגט עץ דוס?

— אַנטקעגן דעם, וואָס מיר דאַכט זיך, אַז איר וועט גאָרנישט דאַרפן גיין זוכן קיין דירה.

— יעך זעי ניש׳ באַ ענק זאָל זאַאַן אַזוי גראַאַם.

— די מאַמעשי מיינט נישט ביי אונדז אין שטוב, — האָט שפּרינצעלע געשמייכלט.

ערשט איצט האָט חנה לאה געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַשויען דאָס ווייבל. איר איז געווען קשה. פון אַזאַ שאַנקייט נעמט אַ מאַן, איין וואָך נאָך דער חתונה און פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע? און אַז ער האָט געדאַרפט אַנטלויפן פון מיליטער? קען מ׳נישט אַזאַ גאָלד נעמען מיט זיך?

— אַז נישט באַ ענק, — האָט זי גיך צוריקגעבראָכן דעם געדאַנק, — וויזשע דען מיינט עץ?

— די מאַמעשי האָט אין זין א דירה דאָ, אַ טיר אין אַ טיר, — האָט שפּרינצעלע געוויזן אויף דער וואַנט הינטער איר פּלייצע. — די מענטשן ציען זיך אַרויס. איר ווייסט דאָך אַוודאי וואָס עס טוט זיך אין וואַרשע. פּאַניע האָט אָנגעהויבן אַרויסצופירן די פאַבריקן מיט די באַלמעלאָכעס קיין רוסלאַנד, פאָרט דער מאַן, אַ מיליטער־שניידער, מיט זיין פאַבריק.

— פּתח שין שאַ! — האָט פרוי קויפמאַן אַרויפגעלייגט דעם ווייז־פינגער אויף אירע ליפּן. — צו וואָס שוין רעדן? ווער פריער געוווּער. אפשר איז שוין די שטוב פאַרדינגען?

— איך גיי שוין אַריין פרעגן, — האָט זיך שפּרינצעלע געטאָן אַ שטעל אויף און איז אַרויס פון שטוב. אין אַ קורצער וויילע איז זי געווען צוריק.

— ני? — האָט פרוי קויפמאַן אויסגעשטעלט אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן.

— די מאַמעשי האָט דאָך שוין געזאָגט, נתן חיים האָט מזל! קיינער ווייסט נאָך נישט, אַז זיי ציען זיך אַרויס.

— אויב אַזוי, — האָט די פרוי קויפמאַן זיך אויפגעשטעלט פון טיש, — טאָר מען נישט „באַלעמיטשען"[3] אפילו איין רגע. איך גיי שוין אַראָפּ צום זשאַנדצע. אַז דער צלם־קאָפּ וועט הערן ער קריגט אַ דרייער קערבל מעלדונקאָווע, וועט ער שוין קיינעם די שטוב נישט פאַרדינגען!

[3] פאַרזוימען.

קאַפּיטל אַכצן

די פראַנטשטוב פון לינת הצדק אויף דער קאַרמעליצקע גאַס איז געווען פול מיט קראַנקע פרויען, מענער, קינדער. זינט די מלחמה האָט אויסגעבראָכן איז די צאָל שלאָפֿע דאָ כסדר געשטיגן. די צוויי, אַמאָל דריי דיזשורירנדיקע דאָקטוירים קומען ערשט שפּעט נאָך האַלבן טאָג, אָבער אינדערפרי־שוין איז דער הויף דאָ און די טרעפּ פאַרלייגט מיט חולאים. די קרובים, מיטגעקומענע מיט די שלאַפֿע, הייבן זיך אָן שטופּן אַרום פענצטערל שעהען פריער, איידער זיי דערלעבן שוין אַרויסצוקריגן פון מיידל דאָס געגאַרטע קאַרטל מיטן שוואַרץ־גלאַנציקן נומער.

דער דריטער טאָג שוין ווי נתן חיים קומט מיט דער מאַמען אַהער, זיצט מיט איר שעהען לאַנג אויף די שטיגן, אויף אַ באַנק אין וואַרטצימער און קען זיך אַלץ נישט דערשלאָגן צו קיין נומערל. שעמעוודיק, ווי דער טאַטע זיינער, אויסצושטרעקן אַ האַנט, בפרט נאָך איבער מענטשנס קעפּ און אַקסלען, איז ער געזעסן און זיך צוגעקוקט ווי יידן און ווייבער שטופּן זיך, דראַפּען זיך איינער איבערן אַנדערן, כאָטש ס'וואָלט געווען שכלדיקער זיך אויסצושטעלן אין אַ ריי, ווי דער „וואָזשני" פון לינת הצדק, דאָס קליינע גויקעלע מיט די לאַנגע, שטרויקאַלירענע וואָנסעס, בעט זיך מ'זאָל טוען.

— קים אפשר אַהיים, ווּס 'עט מ'דו אָפּסיצן? — האָט די מאַמע שטיל, פאַרשולדיקט סיי געזאָגט און סיי געפרעגט. ס'האָט איר געשניטן ס'האַרץ אויפן ייִנגל. זינט ער איז אויף דער וועלט געפאַלן, האָט ער נאָך קיין איין רואיקע מינוט נישט געהאַט. אין קאַרעוו האָט זי געמיינט, אַז ווי נאָר זיין ליבער נאָמען וועט איר העלפן, ס'עט ווערן וואַרעם אינדרויסן וועט איר שוין גאַרנישט פעלן, אַז די זון שיינט, גלייכט זיך דאָס שוואַכסטע בלימעלע אויס, וועט זי זיך אויך מיט גאָטס הילף אויסגלייכן די ביינער, זיך קריק שטעלן אויף די פיס און שוין! צום סוף לאָזט זי די קרענק גאַרנישט אָפּ. די גאַנצע צייט וואָס זי איז אין וואַרשע, איז זי נאָך רעכט פון בעט נישט אַרויס. שטאָט דאָס ייִנגל זאָל זיצן און אַרבעטן, פאַרדינען אויפן שטיקל ברויט אין שטוב אַריין, האָט ער כסדר מיט איר צו טוען. צום ערשט איז ער מיט איר געגאַנגען צו ד"ר הורוויץ אין זיין קאַבינעט, איצט שלעפּט ער זיך מיט איר אין לינת הצדק.

דער ד"ר הורוויץ זעט אויס צו זיין אַ גאָלדענער מענטש. פון וואַנעט

האָט ער געוווּסט, אַז זי נעמט אַוועק דעם ביסן פון די קינדערס מויל צו צאָלן פאַר די וויזיטן?

— צו וואָס זאָלט איר קומען צו מיר אַהיים? — האָט ער גערעדט צו נתן חיימען אויף יידיש, — איך זע דאָך, אַז איר דאַרפט די צוויי רובל פון וויזיט אויף ברויט, אויף אַ רפואה פאַר אייער מוטער. קומט בעסער מיט איר אין לינת הצדק. דאָרט וועט איך נאָר קאָסטן פופצן קאָפּיקעס אַ וויזיט. איך בין דאָרט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק צווישן דריי און פיר נאָכמיטאָג.

זענען זיי געקומען אַהער און זיצן:

— וווּס ׳עט מ׳ דו אָפּזיצן, נתן חיים?

— אין ווּס ׳עט אַראָפּקימע׳ פין גיין אַהיים? — האָט ער זי צוריקגעפרעגט. וועד, וועד, ער קען זיין מאַמע. זי וועט ליידן אין דער שטיל די גרעסטע יסורים און נאָך זאָגן, אַז ס׳איז איר, חלילה, גאָרנישט, זי האָט נאָר נישט קיין כוח. כאָטש פון וואַנעט זאָל זי האָבן כוח? אַז אַפילו דאָס שטיקל טרוקענע ברויט קאַרגט מען זיך אין מויל אַריין. ער פאַרדינט גראָד יאָ גאַנץ שיין, איז אָבער דאָס יקרות גרויס! די פאַסקאַרזשעס שרויפן כסדר אַרויף די פרייזן אויף דעם ביסל עסנוואַרג, וואָס מען קריגט נאָך, כאָטש וואָס קריגט מ׳דען? קיין שטיקל צוקער — נישט, קיין ביסל טיי — נישט, צו אַ קווערטעלע מילך קען מ׳גאָרנישט צוקומען און אַ פּיצל פיש אָדער פליש כאָטש אויף שבת קען מ׳זיך נישט פאַרגינען, איז אַ חידוש אַז זי האָט נישט קיין כוח?

לייבל משה איז אַ גוטער זון און אַ גוטער ברודער. ער שלאָגט אים נישט אָפּ פאַר דער צייט, וואָס ער גייט מיט דער מאַמען צום דאָקטאָר און צאָלט אים נאָך מיט אַ קערבל מער אויף דער וואָך, ווי ער וואָלט געדאַרפט צאָלן אַן אַנדער געזעלן אויף זיין אָרט, כאָטש דאָס פאַלט אים שווער. די גרויסע פאָדראַטשיקעס באָדן זיך אין גאָלד, דער קליינער מייסטער אָבער, וואָס וויל נישט אָנקומען צו זיי, נאָר נעמט אַרויס אַרבעט פון דער אינטענדאַנטור, דער בעל מלאכה ליגט אין דער אדמה. די קאַרפּנקעפּ האָבן מיט וואָס אונטערצוקויפן די אָפיצירן, צו פּרעסן מיט זיי און זייערע נקבות אין מעטראָפּאָל, אין האָטעל בריסטאָל, איז אַלץ, וואָס קומט פון זייערע פאַבריקן גוט און ווויל. אָבער אז לייבל משה, וואָס האָט נישט מיט וואָס אונטערצוקויפן, אַז ער ברענגט אָפּ אַ פּאַרטיע היטלען, וואָס יעדערס איינע איז שיין ווי גאָלד, אָפּגעפּרעסט און אַרומגעגלעט נאָר אין וויסטאַווע אַריינצושטעלן, נעמען די אָפיצירלעך מיט זייערע שיקסעס טאַפּן און לויזן, קריכן אַריין מיט זייערע שאַרפע, מאַניוקירטע נעגל אין די נעט, האָקן איבער בלויז איין שטעכעלע און שוין זענען די דענקעס אויסגעטרענט און זיי נעמען וואַרפן די היטלען

צוריק, אויסבראַקירט, גיי, מאך איבער די גאַנצע פּאַרטיע היטלען אויפסניי!

וואָלט ווייניקסטנס דער טאַטע געווען אינדערהיים, איז ער אַוועק און מ׳זעט נישט און מ׳הערט נישט פון אים קיין וואָרט. כאָטש וואָס וואָלט ער דאָ געקענט העלפן? ער איז נעבעך אַליין חרוב־קראַנק. אָבער יאַנקל וואָלט יאָ געקענט העלפן פאַרדינען אויפן שטיקל ברויט אין שטוב אַרייַן, איז ער אין דער מלחמה! גאָט ווייסט נעבעך, ווו ער איז, לעבט ער כאָטש? ער האָט שטיל אָפּגעזיפצט, געכאַפּט זייטיקלעך אַ בליק צו דער מאַמען לעבן אים. דער קאָפּ פאַלט איר נעבעך אַהינטער, ווי ביי אַ שלאָף הינדל און נאָר זי דרימלט מיט אָן אָפן מויל.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, ברייטער צעעפנט דאָס פענצטער. ס׳איז איר אַזוי שווער צו אָטעמען און דאָ איז אַזוי הייס, אַזוי פאַרשטיקט. אָרעמע מאַמע, ווי געל איר פנים איז און ווי אָפּגעצערט, הויט און ביין. וואָס זאָל ער טוען? וואָס וועט זיין?

ער איז ווידער צוגעגאַנגען צום גאַדרעניק, זיך געשטעלט אויף די שפּיצנפינגער צו כאַפּן אַ קוק אין דעם פענצטערל. ער וואָלט אַוודאי געקענט, פונקט ווי אַנדערע, זיך צוקריגן אַהין מיט כוח. האָט ער אָבער נישט דאָס יאַנדעס אַוועקצושטופּן שוואַכע פרויען, אויסגעהאָרעוועטע יידן. זיי רייסן זיך דען צום פענצטערל צוליב שווילטיק? ס׳איז דאָך נעבעך אַ רחמנות אויף יעדן פון זיי. קומען איין טאָג און גייען אַוועק מיט גאָרנישט, קומען אַ צווייטן טאָג און גייען ווידער אַוועק מיט גאָרנישט, איז אַ וואונדער, אַז זיי שטופּן זיך? אינגאַנצן דיזשורירט דער דאָקטאָר איין שעה, נעמט ער אויף פינף, זעקס פּאַציענטן, קראַנקע אָבער קומען צו אים דרייסיק, פופציק!

ווי נתן חיים צו דעם מיידל, אַזוי האָט דאָס מיידל פון יענער זייט פענצטערל, כסדר געוואָרפן בליקן צו אים. פון גאַנצן גאַדרעניק פאַרשלומ־פּערטע ווייבער און בערדיקע יידן, האָט זיך פאַר איר אויג אויסגעשיילט דער שלאַנקער, יונגער בחור מיט דער ווילד־שקאָצישער לאָק איבער זיין שטערן. אַ בלאָסער, אַ פאַרזאָרגטער, האָט ער דאָרט, אויסערן גאַדרעניק, אַרום זיין מאַמע, ווישט איר אָפּ דעם שוויס פון שטערן, ברענגט איר צו אַ טרונק וואַסער. נישט בלויז דער בחור, נישט ווייניקער ווי ער, האָט זיין נישט דרייסטקייט, זיין נישט שטופּן זיך, זי געלאָקט, אינטריגירט. ער זעט אויס צו זיין אַן איידעלער, אַ פיינער, האָט זי איבער אַלעמענס קעפּ אים געפרעגט אויף פויליש:

— צו וועלכן דאָקטאָר דאַרף דער פאַן? צו ד״ר הורוויץ? אָט איז אַ נומער!

ווי אים איז געווען דערווידער אויסצושטרעקן די האַנט איבער די

מענמשנס קעפּ, האָט ער עס דאָך געטוען, אמת פאַרשעמט און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, דאָס איז דאָך צדקה! ווי דעם טאַטן זיינעם, יערמע דודן, אַזוי מאַכט אים דאָס דאַרפן אָנקומען צו צדקה, זיך פּילן שפּל, געפאַלן. די מאַמע רעדט אים דאָס אויס. אַ מענטש אין נויט, זאָגט זי, טאָר זיך נישט שפּילן אין שעמעלעך. כאַטש, אַז ער וויל טראַכטן אויף צוריק, איז די מאַמע גאָרנישט אומגערעכט. אמת, ער ווייסט, אַז דעם נומער, וואָס די פּאַניענקע האָט אים אַזוי שיין אונטערגעטראָגן איבער אַלעמענס קעפּ אַריבער, האָט זי אַוועקגענומען פון אַן אַנדער קראַנקן, אָבער מיט וואָס איז זיין מאַמע ווייניקער יחסנטע ווי יענער חולה? אַנדערש וואָלט געווען ווען דאָס מיידל דערלאַנגט אים דעם נומער דעם ערשטן טאָג, וואָס ער איז אַהערגעקומען. דאָס וואָלט געווען אַן עוולה! אָבער היינט? עס איז דאָך שוין דער דריטער טאָג אַז ער וואַלגערט זיך דאָ אַרום מיט דער מאַמען און ער זעט דאָך ווי כוח־גייער שטופּן זיך דורך צום פענצטערל און קריגן אַרויס אַ נומער דעם ערשטן טאָג!

נאָר וואָס קומט אַרויס, יאָ גערעכט, צי נישט גערעכט, אַז שעמען שעמט ער זיך דאָך. ער קען פּשוט קיינעם נישט קוקן אין די אויגן און גראָד האָט דאָס גאַנצע געדרענג אים געפרעסן מיט זייערע בליקן. אמת, אויך צום מיידל, אויף יענער זייט פענצטערל, ווארפן זיי גיפטיקע בליקן. צו איר אָבער האָבן זיי מורא אַרויסצוקומען מיט טענות, לאָזן זיי אויס זייער גאַנצן כעס צו אים:

— זעיטס נאָר דעם מורה מורנו! זיך פאַרלאָזט אַ לייזיקע פאָלקע איז ער שוין אַ גאַנצער יחסן! טראָגט מען אים אַקעגן דעם נומער איבער אַלעמענס קעפּ.

ווי וויל נתן חיים האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן ביים נעמען דאָס נומערל פון דעם מיידלס האַנט, האָט ער דאָך געזען, אַז זי האָט זייער אַ שיין הענטל, ווייך און צאַרט, נישט ווי די האַרטע הענט ביי דינסטמיידלעך, ביי בייטערקעס. אויך דער שמייכל אירער איז אַזאַ ווייך־לאַשטשענדיקער. נאָר אפשר איז דער שמייכל נישט געווען בלויז צו אים? ער זעט דאָך, זי רעדט צו אַלעמען שטיל און גלאַטן, מיט אַ קול, ווייך ווי סאַמעט און דער שמייכל טוט זיך גאָרנישט אָפּ פון איר געזיכט, פון די חן־גריבעלעך אין אירע באַקן, פון איר שיין, געטאָקט גאָמבעלע. און ווי שיין זי זעט אויס אין דעם ווייס־בליאַנקענדיקן כאַלאַט, אַזאַ ווייסער, אַזש די האָר אירע, שוואַרצע, זעען אויס ווי בלוי.

שוין לעצטן מאָנטיק, ווען ער איז צום ערשטן מאָל דאָ אַרויפגעקומען מיט דער מאַמען האָט ער באַמערקט די פּאַננאַ סאַבינאַ. טאָקע צוליב איר, וויל ער האָט געזען ווי איידל זי באַנעמט זיך מיט די מענטשן פון דער דרויסנדיקער זייט פענצטערל, ווי שטיל און גלאַטן זי רעדט צו זיי,

כאָטש זיי ליאַרעמען, שטופּן זיך, האָט ער, אינסטינקטיוו, פאַרהאַלטן זיין טראָט און ווען אַפילו עס וואָלט געווען אין זיין טבע, וואָלט ער זיך שוין אויך, צוליב איר, נישט אונטערגעשטעלט צו שטופּן. דערפאַר אויך איז איצט, ביים נעמען פון איר דאָס נומערל, די בושה אין אים געשטיגן און ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אַריין מיט דער מאַמען צום דאָקטאָר און וואָס פריער זיך אָפּטראָגן פון דאַנען. כאָטש וואָס וועט פון דעם אַרויסקומען? די מאַמע איז חרוב, ד״ר הורוויץ וועט אים הייסן מיט איר קומען נישט איינמאָל נאָך.

אָבער פאַרוואָס האָט דאָס מיידל אים געגעבן דעם נומער זעקס און נישט דעם נומער איינס? האָט זי אַ מיין דערביי? וויל זי אפשר ער זאָל נאָך דאָ זיין ווען אַלע וועלן שוין האָבן אַוועקגעגאַנגען, צו קענען בלייבן מיט אים אַליין, ווען זיין מאַמע וועט זיין ביים דאָקטאָר הורוויץ אין קאַבינעט?

פון דעם בלויזן געדאַנק איז אים געוואָרן הייס און קאַלט און ער האָט נישט געקענט איינזיצן אויף קיין אָרט. אָבער און ווידער איז ער אויפגעשטאַנען פון לעבן דער מאַמען און גענומען זיך דורכשטופּן אין קאָרידאָר אַריין, כלומרשט געוויזער וערן, צי דער „וואָזשני״ האָט שוין אָנגעהויבן אַריינלאָזן צו ד״ר הורוויץ, כאָטש אינדערעמתן איז גאָר דאָס גיין זיינס געווען צו קענען כאַפּן נאָך אַ בליק אויף דער פּאַננאַ סאַבינאַ. אפשר וועט ער איצט קענען פריי קוקן אין אירע וואַרעם־שמייכלענדיקע, גרויסע, ברוינע אויגן.

ווי אויסטערליש! גאַרנישט איז דאָך דאָ געשען, אַ מיידל האָט אים דערלאַנגט אַ נומערל. זי האָט אפשר גאַרנישט געמיינט דערמיט, בלויז געוויזן, אַז זי פאַרזעט נישט קיינעם, אויך נישט אים. וואָס האָט זיך נישט געשטופּט און דאָך איז ער אַזוי צעטרייסלט, אויפגעראַיעט זענען אין אים די געפילן, דראַנגען, באַגערן. פון איין זייט האָט ער געבעטן גאָט אַז ד״ר הורוויץ זאָל זאָגן דער מאַמען זי פילט זיך בעסער, זי דאַרף נישט מער קומען אַהער, פון דער אַנדערער זייט האָט זיין האַרץ זיך געצאַפּלט, טאָמער זאָגט טאַקע דער דאָקטאָר אַזוי? און אַז ער איז שפּעטער אַוועק מיט דער מאַמען פון לינת הצדק, האָט ער געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דער קומענדיקער וואָך און אויך דאָס מאָל האָט די פּאַננאַ סאַבינאַ אים אַרויסדערלאַנגט אַ נומער איבער אַלעמענס קעפּ און ווידער דעם נומער זעקס, דערביי האָט זי אים באַגריסט, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן.

שפּעטער, אַז די וואַרטשטוב איז געוואָרן ליידיק, די מאַמע זיינע, די לעצטע פּאַציענטין איז אַריין צו ד״ר הורוויץ אין קאַבינעט און דאָס גויקעלע, דער וואָזשני, האָט גענומען גלייכשטעלן די צערוקטע בענק,

אויסקערן דעם אָנגעטראָגענעם מושב, פונסניי אויסשפּריצן די שטוב מיט די געררוכן פון קאַרבאָל און יאָד, האָט זי, דורכן פענצטערל, זיך גענומען אויספרעגן ביי אים אויף פּויליש וואָס זיין מאַמען איז, וואָס ד״ר הורוויץ זאָגט און צי ער וועט נאָך לאַנג דאַרפן אַהערקומען?

צום ערשט איז ער געשטאַנען אין דער דרויסנדיקער זייט און זי אין דער אינעווייניקסטער זייט פון דעם פענצטערל, ווי נאָר אָבער דאָס גויקעלע האָט אָנגעהויבן קערן דעם דיל, האָט זי געעפנט פאַר אים די קאַנצעליאַר־טיר און אים אַריינגעבעטן אינעווייניק. געטאָן האָט זי דאָס כלומרשט אומשולדיק, צו פאַרשפּאָרן אים דאָס איינאָטעמען דעם שטויב, וואָס הייבט זיך דאָרט אויף פון דעם גויס קערן. נתן חיים אָבער האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט, האָט ער, אויך כלומרשט גאָרנישט מיינענדיק, זי אַ פרעג געטאָן, צי נאָכן אַוועקגיין פון די פּאַציענטן, די דאָקטוירים, ענדיקט זיך איר טאָג אַרבעט און אויך זי פאַרלאָזט די ביוראָ?

— ווי אַמאָל, — האָט די פּאַננאַ סאַבינאַ געשמייכלט, ווי זי וואָלט זיך אָנגעשטויסן, וואָס ער האָט אין זינען, דערביי האָט זי געוואָרפן אַ בליק דורך דער אָפענער טיר צי דער וואָזשני פאַרעט זיך נאָך אין קאָרידאָר, אָדער ער איז שוין אַריין אין קיך, די וווינונג זיינע דאָ, מיטן ווייבערל, וואָס צוזאַמען רייניקן זיי און טוען אַכטונג אויף די פיל צימערן פון לינת הצדק. אַז זי האָט געהערט אין קאָרידאָר איז שוין שטיל, האָט זי אים געפרעגט:

— און דער פּאַן?

נתן חיים האָט געפילט ווי די היץ שלאָגט אים אין פּנים. אויך ער האָט זייטיקלעך געהיט דעם קאָרידאָר, אָבער נישט צוליבן גויקעלע. זי רעדט פּויליש, היט זי זיך פאַרן וואָזשני, ער אָבער רעדט יידיש, דאַרף ער זיך פאַרן גוי נישט היטן. דעם קאָרידאָר היט ער גאָר צוליב דער מאַמע. איז זי שוין אַרויס פון דאָקטאָרס קאַבינעט? גראָד איצט וואָלט ער וועלן דער וויזיט זאָל זיך דאָרט ציען און ציען.

— איך? — האָט ער געהויבן די אַקסלען, איך בין נישט קיין ביוראַליסט, איך לייג אַוועק די אַרבעט פאַרנאַכט, אַמאָל זיבן און אַמאָל נאָך שפּעטער.

— איך גיי אויך נישט פריער אַוועק פון דאַנען, — האָט זי זיך שטאַרק פאַררויטלט צוליב דער אָנצוהערעניש, וואָס זי גיט אים דאָ.

נתן חיימען האָט פאַרפעלט אָטעם, אָט, אָט קומט אַרויס די מאַמע. זאָל ער זי פרעגן? און אפשר וועט זי זיך באַליידיקן? אוי, ווען זי ווייסט וואָס אים ליגט אין זינען! ער האָט זיך דאָך אונטערגעשטעלט צו פרעגן:

— און וואָס טוט די פּאַני אין די אָוונטן?

— ווי אַמאָל, טײלמאָל גײט זי אין זאַקסישן גאָרטן, אָדער אין אַ צוקערניע אויף ליאָדעס.

די טיר, אין קאָרידאָר דאָרט, האָט זיך געעפנט. ער האָט געהערט דער מאַמעס איבערפרעגן און דעם דאָקטאָרס אָנזאָגן איר:

— די מעדיצין דאַרף זי נעמען פיר מאָל אין טאָג צו איינציקע טײלעפעלעך און דאָ זאָל זי ווידער זיין קומענדיקן מאָנטיק.

גיך, נישט איבערטראַכטנדיק, — האָט נתן חיים אַ פרעג געטאָן די פּאַננאַ סאַבינאַ:

— קען איך איהן באַגלייטן אויף אַ שפּאַציר?

— אָוושעם, ביטע זייער, דער פּאַן קען מיך דאָ טרעפן היינט אַכט אָוונט...

קאַפּיטל ניינצן

ווען ס׳איז אַרויס דער באַפֿעל די מאָדזשיצער יידן זאָלן אין פיר און צוואַנציק שעה פֿאַרלאָזן די שטאָט, איז דער רב, ר׳ מנחם גערשטנזאַנג מיט זיין הויזגעזינד, אַוועק קיין וואַרשע. געמיינט האָט ער, ווייל מאָדזשיץ איז אַ פֿעסטונגשטאָט, איז אויף איר אַ גזר גערוואָרן דער נע ונד. ערשט אין וואַרשע, די קרוינשטאָט פון פוילן, האָט ער איינגעזען ווי גרויס עס איז דער צאָרן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן פֿאָלק ישראל. נישט נאָר זיין קהילה, יידן פון הונדערטער שטעט אין פוילן, אין ליטע, אין רייסן זענען נעבעך פֿאַרטריבן געוואָרן פון זייערע היימען נאַקעט, בערום ובחוסר כול![1]

אַוודאי איז צרות רבים חצי נחמה[2], אָבער מיט צרות רבים אליין איז נאָך קיינער נישט געהאָלפֿן געוואָרן. מילא, יענע פון די אַרויסגעטריבענע וואָס זענען באַלד, ביים אָנקומען קיין וואַרשע, פֿאַרפֿאָרן מיט זאַק און פּאַק אויף גזשיבאָווסקע, פֿאַרן טויער פון דער גמינע, זיי האָבן די וואַרשעווער גבאים געמוזט פֿאַרזאָרגן. טויזנטער און טויזנטער משפחות מיט זייערע אַלטע לייט און זויג־קינדער, זענען אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן אין ליידיקע חתונה־זאַלן, אין שולן און בתי מדרשים. אויף די דילן האָט מען פֿאַר זיי אויסגעלייגט שטרויזעק, אַריינגעשיקט ברויט און שיסלען גריץ און שויך, זיי זענען שוין פֿאַרזאָרגט! ביטער אָבער איז געווען יענע, וואָס זענען נישט פֿאַרפֿאָרן פֿאַר דער גמינע, נאָר אַליין זיך אָפּגעזוכט, ווער אַן אַלקער ביי יענעם, ווער אַ פֿאַרלאָזטן קעלער, אַ פּאַציאַטקע אונטערן דאַך פון אַ וואַרשעווער פּיר, אָדער פינף שטאָקיקער קאַמעניצע, פֿאַר זיי האָט קיינער נישט געזאָרגט.

ביי אים אַליין, דעם מאָדזשיצער מרא דאתרא[3], ווי ווויל ער איז אויך געבליבן מיטן הויזגעזינד ווי אויפֿן וואַסער, איז אָבער נאָך אַלץ נישט געווען, חלילה, כלו כל הקיצין[4]. דעם מאָדזשיצער רבינס איידעם, האָבן וואַרשעווער חסידים אים אַריינגעזעצט אין אַ דירה פון צוויי שטובן מיט אַ קיך און השי״ת האָט געהאָלפֿן, ס׳איז אויפגעקומען דער טאַטיאַנאַ־קאָמיטעט און ער, ווי די רבנים פון אַנדערע אַרויסגעטריבענע

[1] מיט גאָרנישט אויפֿן לייב. [2]. אַלעמענס אומגליק — אַ האַלבע טרייסט. [3] רב.
[4] אָן אַן אויסוועג.

קהילות, איז געראפן געוואָרן פון דער גמינע אויסצושטעלן אַ רשימה פון די מאָדזשיצער היימלאָזע, וואָס זענען צוגלייך מיט אים געלאָפן קיין וואַרשע.

קיין גרויס אויפרעכטעניש איז דער טאַטיאַנאַ־קאָמיטעט טאַקע נישט געווען. ווי קען דען אַ מתנת בשר ודם[5] זיין אַן אויפרעכטעניש? די גאַנצע שטיצע, אומשטיינסגעזאָגט, איז באַשטאַנען פון אַ האַלב קערבל אַ וואָך פער קאָפּ. פונדעסטוועגן, ווען אַ משפּחה פון זעקס־זיבן נפשות קריגט אַריין אַזעלכע דריי, אָדער דריי און אַ האַלבן רובל אַ וואָך, איז עס אַ יש![6] אַ באַלעבאָסטע קען שוין פון דעם צעניפּשטוקעווען דאָס ביסל אויסקומעניש פאַר איר הויזגעזינד. אים, געלויבט השי״ת, חוץ די זעקס האַלבע קערבלעך, וואָס ער קריגט יעדע וואָך, פאַלט אים נאָך צו פאַר זיין טירחה[7] צו צוואָנציק גראָשן פון יעדן חלק, וואָס אַ משפּחה אויף זיין רשימה קריגט, און היות אויף זיין ליסטע זענען דאָ עטלעכע צענטליק געזינדן, בלייבט אים, צו זיין שטיצע, נאָך עטלעכע קערבלעך אַ וואָך. איז ער דאָס איצט געקומען פון דער גמינע אין אַן אויפגעהייטערטער לוינע[8]. געלויבט השי״ת! פון קיך שמעקט אַריין די וועטשערע, פון אַלקער טראָגט זיך דאָס קול תורה. לייזער עליע, דער פערצן יעריקער בכור, זיצט אויך דאָ איבער אַ בלאַט גמרא און יידן קומען אויך אין וואַרשע צו אים זיך לאָדן, אָדער גלאַט שמועסן אין לערנען.

ווי יעדן דאָנערשטיק נאָך מנחה מעריב, איז אויך איצט דער מאָדזשיצער רב, אַ באַלייבטער ייד, מיט אַ שוואַרצער באָרד און גאָלד־געראַמטע ברילן, געזעסן אויבן אָן טיש אין דער אטלאַסענער קאַפּאָטע, אַ צעדריוולטע שויך, דאָס קאַפּל אויפן קאָפּ — פאַררוקט אַהינטער. פון די צעפּראַלטע פענצטער האָבן זיך געטראָגן די געליארמען און געשרייען פון דער וואָלינסקע גאַס, דאָס געפּאָרעריי פון דראָשקעס און פלאַטפאָרמעס, ער אָבער, דער מאָדזשיצער מרא דאתרא האָט דאָס נישט געהערט, נאָר געווען פאַרמזוען אין אויסציילן די געברענגטע, זילבערנע פערציקערס און גילדנס, די קופערנע צענערס און זעקסערס, געטורעמט זיי אין קופּקעלעך, אונטערגעלייגט אונטער יעדן בערגעלע אַ שניצל פּאַפּיר מיטן נאָמען, צו ווע‏מען דאָס געלט געהער און, ווי אַמאָל די מאָדזשיצער ווייבער פלעגן קומען צו אים מיט א שאלה איבער אַ הינערן פּופּיקל, וואָס אַ פאַרזשאַווערט טשוועקל האָט געשטעקט דערין, אָדער מיט אַ טעלערל קישקעלעך, פול מיט ווייסע בלאָטערן פון די ווערים, וואָס די קאַטשקע האָט איינגע־שלונגען אין די בלאָטיקע וואַסערן, אַזוי זענען זיי איצט, די אַרויסגע־טריבענע מאָדזשיצער באַלעבאָסטעס, געקומען צו זייער רב אין וואַרשע,

[5] געשאַנק פון אַ מענטש. [6] עפּעס. [7] מי. [8] שטימונג.

אָפּנעמען די שטיצע, וואָס דער טאַטיאַנאַ־קאָמיטעט, ערגעץ דאָרט אין פּיטע׳באַרג, שיקט פאַר זייערטוועגן וואָך איין און וואָך אויס.

יענעם דאָנערשטיק, אויפדערנאַכט, צווישן דעם געגיי פון די ווייבער, האָט זיך אויך צו אים אַריינגעשטעלט חנה לאה, דעם יערמע דודס אישה און געקומען איז זי מיט איר בן, דאָס זינדל, ווי הייסט ער דאָרט? דאַכט זיך נתן חיים, וואָס איז אויף פּסח, פאַרן אַרויסגעטריבן ווערן, אַראָפּגעקומען קיין מאָדזשיץ אין דער הלבשה פון אַ פּיליסיף, אַ סטרייקער!

— גיטן אָוונט, רבי, — האָט די חנה לאה געזאָגט שטיל, אַז ער האָט קוים געהערט איר קול.

— גיטן אָוונט, גיט יאָר, וואָס זאָגט מען עפּעס גיטס? — האָט דער מאָדזשיצער רב פאַררוקט די גאָלד־געראַמטע ברילן אויפן שטערן, נישט, חלילה זיך איינצוקוקן אין דער אישה, נאָר אין דעם זינדל אירן, דעם בן סורר ומורה!

— ווּס זאָל יעך זוגן? — איז חנה לאה, מיט נישט דרייסטע, זיך קווענקלענדיקע טריט, צוגעקומען נענטער צום טיש. — דע׳ רבי זאָל לעיבן וּוייסט דעך, יעך קריג דעך ניש׳ קאָ שטיצע, בין יעך געקימע׳ זעך פאַ׳שראָאַבן. די נויט איז אַזוי גרויס! זיבן מאַאַלע׳ קאָן עין הרע אין פאַ׳דינע, פאַ׳דינט מ׳ניש׳ אַ גראָשן, דע׳צי בין יעך, ניש׳ פאַרן רבין געדאַכט, ניש׳ פאַ׳ קיין ייד געדאַכט, אַזוי חרוב!

בעת די מאַמע זיינע האָט זיך אַזוי געקלאָגט פאַרן רב, געבראָכן די הענט, איז נתן חיים געשטאַנען הינטער איר נישט נאָר פאַרשעמט, נאָר אויך בייז. זינט ער האָט אַראָפּגעבראַנגט די מאַמע מיט די קינדער קיין וואַרשע, האָט זי זיך אָנגעזעצט אויף אים, נאָר ער זאָל זי פירן צום רב זיך פאַרשרייבן אויף שטיצע. עס האָט נישט געהאָלפן זיין טענהען: מאַמע יעך אַרבעט דאָך. די שטיצע איז דאָך פאַר מענטשן וואָס פאַרדינען גאָרנישט. די מאַמע אָבער האָט געשמייכלט אויף זיין פאַרנאַרטקייט:

— קינד מאַאַנס, דוס טאַקע טיט דעך מיע אַזוי ווײ, אַליין פאַ׳גינסטי זעך ניש׳ אַ גראָשן, טרוגסט שטענדיק דעם עול פין דע׳ שטיב.

האָט ער איר צוליב געטאָן און איז מיט איר געקומען אַהער. נאָך איר איינטענהען מיט אים אַזוי פיל, איז ער שוין געהאָט מושווה געוואָרן אויף איר ווערלן שטיצע, אָבער צו וואָס זאָל זי זאָגן, אַז אין שטוב זענען דאָ זיבן מיילער, ווען, אינדעראמתן, זענען נאָר דאָ פיר! דער טאַטע איז דאָך נישטאָ אינדערהיים, אברם יאַנקל איז אויף דער מלחמה און ער אַליין אַרבעט דאָך און פאַרדינט, פאַרוואָסזשע זאָל זי מאָנען שטיצע אויך פאַר זיי? אמת, די מאַמע מאַכט אים אַן אַנדער חשבון. דער טאַטע, זאָגט זי, איז טאַקע נישט אינדערהיים, אָבער ער וואָלט דאָך יאָ געדאַרפט

זיין! ווי איז דאָס געהערט געוואָרן אַ טאַטע זאָל איבערלאָזן זיין הויז־געזינד און זיך וואַלגערן ביי אַ שוועסטער אין באַברעניק, אָפּדאַרן דאָרטן די טעג. קיין שטיצע אין באַברעניק קריגט ער דאָך נישט. דעסטגלייכן אברם יאַנקל. לא די, וואָס ער שטעלט נעבעך איין זיין לעבן יעדער מינוט אין דער מלחמה, זאָל זי פּאַר אים אויך נישט קריגן דאָס האַלבע קערבל אַ וואָך? אלא וואָס ער, נתן חיים אַרבעט? אַוודאי וואָלט ער געווען גערעכט מיט זיין נישט וועלן קיין שטיצע פּאַר זיך. ווען אָבער וואָלט דאָס גערעדט געוואָרן? ווען אַלע מענטשן וואָלטן געווען צדיקים. ווייסט ער דאָך, אַז עס איז נישט אַזוי. יידן וואָס עס רינט ביי זיי דאָס גיטס דורך טיר און טויער, גייען יעדן דאָנערשטיק אויפדערנאַכט צום רב אָפּנעמען די עטלעכע גילדן שטיצע, זאָל זי, וואָס מיט זיין פּאַרדינסט, קען זי נישט געבן די קינדער אַ שטיקל ברויט צו דער זעט, ווערן אַ צדיקת?

— ני, ווס זוגט דע׳ רבי זאָל לעיבן? — האָט זי זיך נישט געמאַכט וויסן פון זונס וואָרטשען און כעסן זיך הינטער איר פּלייצע.

דער מאָדזשיצער רב האָט געשוויגן, זיך געקראַצט אין זיין געדיכטער, שוואַרצער באָרד, וואָס זאָל ער איר זאָגן? דאָס מענטש מיינט, אַז ער איז דער גאַנצער באַלעבאָס איבער דער שטיצע. זי ווייסט נעבעך נישט, אַז ביים צענויפשטעלן די רשימה, האָט ער נישט געקענט גלאַט אַזוי אַריינשרייבן נעמען. חוץ דעם, וואָס ער האָט ערוב געווען אַז יעדער משפחה, וואָס ער גיט אָן, איז היימלאָז פון מאָדזשיץ, האָט נאָך יעדער פון די איינגעשריבענע, געדאַרפט ברענגען אַ פּאַפּיר פון הויז־זשאַנדצע דאָ, מיט אַלע נעמען פון דער משפחה און דאָס פּאַפּיר האָט געמוזט האָבן אויף זיך דעם סטעמפּל פון פּאָליציי־באַצירק. ערשט מיט די אַלע פּאַפּירן האָט ער די רשימה געמוזט באַלייגן אין גמינע באַשטעטיקט צו ווערן. אַוודאי קען ער דאָס אַלץ ווויל מסביר [9] זיין דער חנה לאהען. זי איז אַ פאַרשטענדיק מענטש. דאָס וואָלט אָבער געווען ווי אָפּגיסן זי מיט אַ וויאַדרע קאַלט וואַסער. זי נעבעך מיינט דאָך שוין, זי איז שוין געהאָלפן, וויזשע קען ער האָבן ס׳יהדות איר צו זאָגן אַז עס הייבט זיך נאָך גאָרנישט אָן? האָט ער זיך דאָס געקראַצט אין דער באָרד און זיך אַלץ געשלאָגן מיט דער דעה, ביז ער האָט אַרויסגעקרעכצט:

— אוי, זאָלט עך מיר געזינט זאַאָן, פּאַרוואָס זענט עך נישט געקומען ווען יעך האָב צונויפגעשטעלט די ליסטע? דענצמאָל האָב יעך יעדן מאָדזשיצער אַריינגעשריבן, אָבער היינט, ווי קען יעך?

— רבי, — האָט חנה לאה אויסגעשטרעקט צו אים די הענט ווי אַ טרענקענדיקע צו איר רעטער, — ווי ׳אב יעך געקענט קימען אַהעיע׳ אַז

[9] געבן צו פאַרשטיין.

מאַאַן מאַן ׳אַט מיעך גוע׳ פּאַ׳שלעפּט קאַ פּילעוו, דע׳ רבי ווייסט כאַטש ווּס עס האָט זעך דאָרט אָפּגעטיע׳? אינמיטן יום טוב האָט מ׳דעך אינדז פין דאָרט ווידע׳ געטריבן.

— יעך וויס, — האָט דער רב מיט איר מיטגעקרעכצט, אַוודאי ווייס יעך דאָס, אָבער וואָס קאָן יעך ענק העלפן, יעך קען ענק בלויז ראָטן אַז, שטאָט אין גמינע, זאָלט עץ גלייך גיין צום דאָזאָר, ר׳ הענעך מערמלשטיין אַהיים. פון גמינע קען ענק נאָך דער וואָזשני אַרויסוואַרפן.

— ני, אין צים דאָזע׳ ׳עט מ׳ מיעך דען אַראַאַנלאָזן? — האָט חנה לאה נישט אויפגעהערט זיך צו ברעכן די הענט.

— יעך וויס? — האָט דער רב געהויבן די אַקסלען. — אפשר יאָ, ר׳ הענעך איז אַ ייד מיט יהדות. ער וועט נישט האָבן ס׳האַרץ ענק אָפּצוזאָגן.

— אין ווּס זאָל יעך ביי דעם דאָזע׳ פּאַ׳לאַנגע׳?

— בלויז זיין חתימה אַז יעך מעג ענק אַרויפשטעלן אויף דער ליסטע.

— איז ווי וווּינט דע׳ דאָזע׳? — האָט חנה לאה געפרעגט אַ פּאַרצוגטע, צוזעענדיק ווי מאָדזשיצער ווייבער קומען, נעמען אָפּ זייער שטיצע און נאָר זי איז נעבעך אַזוי געשטראָפט אַז זי מוז גאָר ערשט גיין זוכן אַ דאָזאָר צו קריגן ביי אים זיין חתימה!

— ווי ער וווּינט? וואַרט, זייט מוחל, אַ רגעלע, כ׳על אַ קוק טוען.

ער איז אויפגעשטאַנען פון טיש, גענומען אַ ספר פון אַ שויבנשענקל אַרויס, אַראָפּגעשריבן דעם אַדרעס פון שער בלאַט דאָרט און אַוועק־געלייגט דאָס שטיקל פּאַפּיר אויפן טיש.

חנה לאה האָט גענומען דאָס צעטעלע און, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, דאָס געוויזן דעם זון:

— נאַ, זעי נאָ׳, ווי איז דוס ערגעץ?

נתן חיים האָט זייטיקלעך געכאַפּט אַ קוק אין דעם פּאַפּירל. לויט דעם נומער אויף קרולעווסקע, דאַרף דאָס זיין אויפן ראַג מאַרשאַלקאָווסקע, פונקט אַנטקעגן דעם זאַקסישן גאָרטן. ביטער אין מויל איז אים געוואָרן. דאָרטן וווּינען סאַמע כראַביעס, פּריצים, דער סטרוזש וועט זיי אפילו אין טויער נישט אַריינלאָזן!

וויפל ער האָט נישט איינגעטענהעט מיט דער מאַמען, זיך געבעטן ביי איר, האָט עס אַלץ נישט געהאָלפן. וואָס אַרט עס אים? האָט זי צוריק־געטענהעט. ער וועט אַליין זען, אַז מענטשן זענען נישט קיין גזלנים. פאַרוואָס זאָל דער סטרוזש דאָרט, אָדער די דינסט, זי נישט אַריינלאָזן, זיי אַוועקטרייבן? זי האָט דען זיי, חלילה, שלעכטס געטוען? ס׳אַנדערע, צו וואָס זאָל ער זיך שוין מיט איר שפּאַרן? צום ערשט דאַרף מען אַהינגיין,

אַז מ׳עט דאָרט זיין, וועט שוין גאָט העלפן, ער וועט זען, אין די קינדערס זכות, וועלן זיך עפּענען פאַר זיי טיר און טויער!

איז ער מאַנטיק פאַרנאַכט געגאַנגען מיט דער מאַמען צום דאָזאָר. דאָס טויער אויף דער קרולעווסקע גאַס האָבן זיי זיך ווי עס איז דורכגעשליכט און דער סטרוזש האָט גאָרנישט געזען. אַזוי אויך די רויט־געבעטע טרעפּ אין פּאַראַדנעם אַריינגאַנג, אַזעלכע ברייטע, ליכטיק באַלויכטענע, זענען זיי בשלום איבערגעקומען. שטיין געבליבן מיט האַרץ־קלאַפּעניש אויפן ערשטן שטאָק זענען זיי ביי דער טיר, אַ הויכע, אַ ברייטע, געשניצט און גלאַנציק ווי קעפּשטיק פון טייערע, רויטלעך מאַכוניאָווע בעטן. ווי וויל אין דער רעכטער זייט איז געווען צוגעשלאָגן אַ מזוזה, אַ סימן אַז דאָ וווינט אַ ייד און זיי דאַרפן זיך נישט שרעקן אַריינצוגיין, האָבן זיי זיך דאָך געשראָקן אָנצוקלינגען אין אַ טיר, וווּ חוץ דער מזוזה, הענגט אַזאַ גויאיש, גלאַנציק־אָפּגעפּוצט, מעשן שילדל מיט פּוילישע אותיות: הענריק מערמלשטיין!

אַ היבשע ווײַלע האָט חנה לאה שטום, מיט בעטנדיקע בליקן געקוקט צום זון, ער זאָל אַ דריי טוען דאָס הענטעלע פון גלעקל, ער איז דאָך פאָרט אַ היינטוועלטיקער, אין אַ קאַפּעליוש. איז אָבער נתן חיים איינגע־שפּאַרט ווי דער טאַטע זיינער, איינמאָל נייך, איז ניין! האָט זי אַליין, מיט ציטערניש אין האַרץ, געטאָן אַ דריי און דאָס גלעקל אינעווייניק האָט אַ קלונג געטאָן בייז, מיט ירגזון, כאָטש נעם און לויף שוין צוריק אַראָפּ פון די טרעפּ.

מאַמע און זון האָבן זיך איבערגעקוקט, מ׳הערט נישט קיין טריט. נאָר אָט, פּלוצים האָט זיך די טיר געעפנט און איידער נאָך זיי האָבן רעכט געזען, אַז דאָס איז די דינסט מיט אַ ווייס פאַרטעכל, האָט די שיקסע געעפנט אַ יאַפּע: שלעפּער! דורכן פּאַראַדנעם אַריינגאַנג? בלויז צוליב דער מאַמעס האָבן אַריינגעשטעלט איר פוס אין דעם שמאָלן שטיקל עפענונג, האָט די שיקסע נישט באַוויזן צו פאַרהאַקן די טיר אויף זייערע נעז.

דער שיקסעס זידלען האָט זיך, זעט אויס, געהערט אויך אינעווייניק, אין די סאַליעס, וואָרום אומגעריכט האָט זיך אין דער קעגנאיבערדיקער טיר, צווישן די פּאָרטיערן אריינגעוויזן אַ קאָפּ און באַלד איז אין קאָרידאָרל אויסגעוואַקסן אַ הויכער מאַן אין אַ שוואַרצן סורדוט ביז די קני, די רויטע בעקעלעך, ווי ביי אַ יונג, גוט געכאַליעט סטודענטל, זענען אים געווען אַרומגערעמט מיט אַ שוואַרץ זאַראָסטל, וואָס אַז מען וויל, איז דאָס אַ באָרד און אַז מען וויל איז עס בלויז אַ סימן פון אַ באָרד. אויפן קאָפּ האָר, שוואַרצע, גלאַנציק־צוגעקעמטע, איז אים געזעסן אַ קאַפּעלע,

קלענער און פלאַכער פון דער מאַמעס קלענסטע שיסעלע. אויגן האָט ער געהאַט ווייכע, שוואַרצע, אמת יידישע, פארטרויערטע אויגן.

יאָ, דער מאָדזשיצער רב איז געווען גערעכט. דער פאַן מערמלשטיין האָט טאַקע געהאַט יאַנדעס. די דינסט האָט ער געהייסן גיין אין קיך אַריין און זיי האָט ער געפירט נאָך זיך אין דער גרויסער סאַליע. נאָכן צוריקזעצן זיך אין דער ווייכגעבעטער שטול ביים ביוראָטיש, אַ גלאַנציקער ווי אַ שפיגל, האָט ער געגומען אויספרעגן די מאַמע, וואָס זי פאַרלאַנגט. ער האָט זיך נישט געבייזערט, חלילה. ער האָט נאָר געוואָלט וויסן פון וואַנעט זי פאַלט אויס צו קומען צו אים אַהיים און, דער עיקר, ווער האָט איר געגעבן זיין אַדרעס? און כאָטש ער האָט געזען, אַז זי דרייט מיט דער צונג, פלאָנטערט זיך אין די רייד, אַ סימן, אַז זי וויל נישט עמעצן פארשיטן, האָט ער איר אויסגעשריבן א צעטעלע צום מאָדזשיצער רב און עס איר געגעבן.

ווי חנה לאה איז ביים ארויסקומען פון טויער געווען צעפלאַמט, אויפגעהייטערט און פול מיט לויב צו דעם ר׳ הענעך מערמלשטיין, אַזוי איז ער, נתן חיים, געווען דערשלאָגן און פאַרטרויערט. דער מאַמעס קלאַגיען[10] זיך, איר קלאָגן און בעטן איז אים געווען אַ בזיון, נישט אַריבערצוטראָגן. ניין, דער טאַטע וואָלט דאָס נישט געטוען, ווען ער ווייסט, חלילה, ער אַנטגייט פאַר אַ שטיקל ברויט, וואָלט ער זיך נישט געקלאַניעט פאַר דעם וואַרשעווער דאַזאַר, ער זאָל אים באַווייליקן שטיצע, וואָס איז גאָרנישט פון זיין קעשענע. ער איז אויך נישט נתפעל געוואָרן פאַר דער געשטאַלט פון דעם דאַזאַר, ווי די מאַמע זיינע איז דאָס געוואָרן. פאַרקערט, פאַר אים איז דער מאַן מיט די ראַזאָווע בעקעלעך פון אַ זעכצן יעריק שול־מיידל, געווען דערווידערדיק. אַ פרומער ייד איז ער? אַ גאָטס גנב איז ער! אַ פרומער ייד פאַרשערט די באָרד אין אַזאַ גנביש זאַראָסטל? ערשט דאָס פיצעלע קאַפּעלע אויף זיין קאָפּ! וועמען וויל ער דאָ גענאַרן? דעם רבונו של עולם? און מיט וויפל גאווה ער זיצט זיך דאָס אין דער ווייכגעבעטער שטול, ביי דעם שפּיגלדיקן ביוראָטיש, צווישן די ברייטצעעפנטע, מיט טייערע גאַרדינען פאַרהאַנגענע פענצטער אין זאַקסישן גאָרטן אַריין! עס זאָל אים דאָס געווען איינפאַלן צו זאָגן דער קראַנקער פרוי: הינט, טייוול, זיצט אַ רגעלע, נאָר ווי קאָן גאָר אזוינס איינפאַלן איינעם, וואָס זיצט אין אַזאַ קאַבינעט, קעגנאיבער אַ געשליפענעם שפיגל, מיט רויטפליושענע קאַנאַפּקעס ביי די ווענט, מיט אַ פּרעכטיקן טעפּיך אונטער די פיס און אַזאַ בליציקער זשיראַנדאָל מיט אומצאָליקע קרישטאָלן, צעפינקלטע ווי דימענטן איבער זיין קאָפּ. אין אזא רחבות

[10] דערנידריקן.

קען אַ מענטש טראַכטן וועגן עמעצן אַנדערש? קען ער זען, אַז דער צווייטער, וואָס שטייט פאַר אים, האַלט זיך קוים אויף די פיס?

גרויסער גאָט, ווי קליין, ווי שפל די מאַמע האָט אים דאָ אויסגעזען אין איר געפאַלן שטיין פאַר דעם וואַרשעווער גביר און אַלץ צוליב וואָס?

— זעסטי שוין? — האָט די מאַמע, אַ פריידיקע געפרווט זיך איבערנעמען מיט דעם, וואָס זי האָט דאָ געפועלט. — ני, ׳אָט מ׳ געדאַרפט גיין צום פאַן מערמלשטיין, צי נישט?

— ניין! — האָט נתן חיים בייז געטאָן איר אַ שניט אָפּ די געהיי־טערקייט און זי גענומען ציען נאָך זיך, אַוועק פון דעם טויער, פון דעם הויז, פון די רייכע גאַסן, וואָס ערשט דאָ האָט ער דערזען די געפאַלנקייט, זיינע, דער מאַמעס, אַ מעמד וואָס קיינמאָל פריער האָט ער זיך אין אַזאַ נישט געזען!

קאַפּיטל צוואַנציק

וואָכן נאָכדעם ווי נתן חיים האָט אויפגעהערט גיין מיט דער מאַמען צו ד״ר הורוויץ אין לינת הצדק, איז ער נאָך אַלץ אין די אָוונטן געקומען אַהין צו דער פּאַננאַ סאַבינאַ. איר וואַרטן אויף אים נאָך דער אַרבעטצייט זאָל נישט ווערן אויפּפאַלנד, איז זי געבליבן זיצן ביי איר ביוראָטיש כלומרשט אַ פּארטוענע. איינגעשאָטנט פון דער גרינער שייך, וואָס איבערן עלעקטרישן לעמפּל, איז זי געזעסן אין ווייסן כאַלאַט און סאָרטירט די נומערלעך, איבערגעקוקט די אַריינשרייבונגען אין קאַסעבוך, איבערגעציילט אויפסניי דאָס ביסל אַריינגענומענע קליינגעלט.

טיילמאָל איז אים דאָס זיין דאָרט מיט דער פּאַננאַ סאַבינאַ געווען געשטערט. דער וואָזשני איז טאַקע געווען מיטן וויבערל אין זייער וווינונג, די גרויסע קאָכשטוב פון דעם לאָקאַל, זיי האָבן זיך אָבער, אין די אָוונטן, נישט אַריינגעוויזן אין דעם לאַנגן קאָרידאָר, אַ שוואַך באַלויכטענער פון דעם איינציקן גאַז־פּלעמעלע און אַוודאי זענען זיי נישט געקומען אין דעם לעערן וואַרטצימער, נאַכטיק־פינצטער, פול נאָך מיטן בייטאָגיקן ריח פון יאָד, פון קאַרבאָל, פון וואַלעריאַני טראָפּנס. כאָטש דאָס פּאָרפּאָלק האָט וויל־געוווסט וואָס אין דער קאַנצעליאַריע גייט אָן, האָבן זיי אים נישט געשטערט.

געשטערט אים אין דעם אַליין זיין מיט דער פּאַננאַ סאַבינאַ, האָט גאָר דער פּרעזעס פון דער לינת הצדק אָפּטיילונג, אַ הויכער ליטוואַק מיט אַ רויטלעך־ברוין קאָמיץ־בערדל, אין אַ שוואַרצן, האַרטן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ און אַ פּאָר פּענסנע מיט אַ נאָכהענגענדיק שוואַרץ שנירל איבער זיין וועסט, אַ פּאַרקנעפּלטער ביז אַרויף. עפּעס גאָר פּלוצים האָט דער ליטוואַק זיך אָנגעהויבן אַריינצושטעלן אין דער קאַנצעליאַר. בנעימותדיק האָט ער אויפגעהאָנגען דעם הוט אויף אַ טשוואָק אין וואַנט. ברומענדיק אַ ניגונדל האָט ער זיך געזעצט ביי זיין ביוראָטיש אין אַנדערן עק קאַנצעליאַר, אַראָפּגעצויגן נידעריק דאָס עלעקטריש־לעמפּל מיט דער גרינער שייך, אַרויפגערוקט די פּענסנע העכער אויף דער נאָז און זיך גענומען פּאָרקען אין פּאַפּירן, איבערקוקן קאָרעספּאָנדענץ, כלומרשט ענטפערן אויף אַ בריוו, כאָטש עס איז געווען אויגנשיינלעך, אַז דאָס גאַנצע טוען ליגט אים נישט אין זין, אַז זיין אַרויפקומען איז גאָר צוליב אים, נתן חיימען.

שוין עטלעכע מאָל האָט אים דאָס גויקעלע, דער וואָזשני פון אַנשטאַלט, ראַפּאָרטירט וועגן עפּעס אַ בחור, וואָס קומט דאָ אין די אָוונטן. איז דאָס דער ליטוואַק געקומען אַ קוק טוען וואָס דער בחור טוט דאָ. צעמאָל פלעגט ער באַמערקן דאָס יינגל וואַרטן דאָ בייטאָג מיט זיין מוטער אויף אַ נומערל צום דאָקטאָר, אָבער צוליב וואָס קומט ער דאָ ביינאַכט? און וואָס עפּעס איז די פּאַננאַ סאַבינאַ פּלוצים געוואָרן אַזוי געטריי דעם אַנשטאַלט, אַז זי בלייבט אַזש אַרבעטן אין די אָוונטן? איז איר דער טאָג צו קורץ, אַז זי מוז אַזש מאַכן פייעראַנטן אַן געצאָלט!

ערשט נאָך עטלעכע אַזוינע אומגעריכטע וויזיטן, ווען דער ליטוואַק האָט איינגעזען, אַז ווי נאָר ער קומט אַריין, טראָגן זיך די צווי לייט אָפּ, איז דעם צלם קאָפּ איינגעפאַלן צו טראַכטן: „אַזשוי זשיך? עס קניפּט זשיך דאָ אַ סידעך"? וואָסזשע פאַלט ער דאָ אַריין ווי אַ יוון אין סוכה! די פריילין סאַבינאַ איז דאָך אַן אָרעם מיידל. די מוטער אירע, צו דערנערן פינף קינדער, יינגערע פון דער טאָכטער, צו האָבן אויף אַ רפואה פאַר דעם קראַנקן מאַן, וואָס ליגט שוין יאָרן איבעראַנאַנד אין אַ פּאַציאַטן־שטיבל, ערגעץ דאָרט אויף דער סטאַווקע גאַס, לויפט זי נעבעך אַרום מיט צווי קויבערס [1] אויבסט אויף די אָרעמס, יאָגט זיך כסדר מיטן סטאַיקאָווי[2], וואָס נאָר ער שלעפּט זי אין צירקל און, וואָס נאָך ערגער, שיט איר אויס דאָס ביסל סחורה אויפן טראָטואַר. זי, די מאַמע, וועט נישט האָבן אויף קיין נדן פאַר דער טאָכטער, וועט זי נישט קענען חתונה מאַכן מיט לייטן צוגלייך, וואָסזשע קומט ער דאָ איר שטערן? אמת, עס איז נישט גלייך צו לאָזן אַ בחור פאַרברענגען מיט דעם מיידל ביינאַכט, אין דער פינצטער, אין אַזאַ גרויסן לאָקאַל. איז ערשטנס, וואָס איז דאָס זיין עסק? ער איז איר פאָטער? צווייטנס, אַזוי איז דאָך שוין די וועלט. דריטנס, פאַרוואָס זאָל אים גאָר איינפאַלן עפּעס שלעכטס? דער בחור זעט נישט אויס צו זיין קיין לאָבוז. און אויף דער פריילין סאַבינאַ קען מ׳זיך פאַרלאָזן, זי האָט אַ גוטן קאָפּ אויף אירע פּלייצעס!

אַז די פּאַננאַ סאַבינאַ האָט אַ קלוגן קאָפּ אויף אירע פּלייצעס, דאָס האָט נתן חיים טאַקע איינגעזען. דעם ערשטן אָוונט, ווען ער איז דאָ געווען אַליין מיט איר און ער האָט, כלומרשט אין שפּיל, אַ דריק געטאָן די קנאָפּקע און פאַרלאָשן די עלעקטריע, איז די פּאַננאַ סאַבינאַ נישט געוואָרן דערשראָקן און די עלעקטריע צוריק נישט אָנגעצונדן, ווי אַן אַנדער מיידל וואָלט דאָס געטאָן. זי האָט בלויז אַ קוויטשעלע געטאָן אויף פּויליש:

— באָזשע מאָי[3], וואָס האָט דער פּאַן געטאָן!

און זי איז אויך גאָרנישט געווען איבערראַשט ווען ער האָט זי

[1] האַנט־קערב. [2] פּאָליציאַנט. [3] גאָט מיינער.

אַרומגענומען. אדרבא, זי האָט אים אַרומגענומען נאָך שטאַרקער, אים געדריקט צו זיך, אונטערגעטראָגן אים אירע ליפּן צו זיין מויל און זי האָט אַפילו נישט געזאָגט „באָזשע מאָי“, ווען ער האָט זי געטראָגן צו דער קאַנאַפּקע...

אמת, בעתן וואַרטן אויף אים, צאַפּלט זיך איר יונג האַרץ און דער מוח ביי איר פיבערט: „פאַרוואָס? פאַרוואָס ווען ער קושט זי אַזוי הייס, איז ער שטום, לאָזט איר נישט הערן קיין וואָרט, אַז ער האָט זי ליב און פאַרוואָס, נאָך יענעם שפּאַציר מיט איר אין זאַקסישן גאָרטן, פאַרבעט ער זי נישט מער צו גיין מיט אים שפּאַצירן, זאָל דאָס הייסן, אַז ער האָט זי גאָרנישט ליב? אַז ער קומט נאָר צו איר אויסלאָדן זיינע בחורשע ליידנשאַפטן? און וואָס וועט זיין אַז ער וועט פּרוּוון גיין ווייטער? אַוודאי איז זי וואַך און זי געדענקט כסדר די געפאַרן, וואָס לויערן אויף אַ מיידל. זי קען זיך דאָך אָבער פאַרגעסן, וואָס וועט נאָכדעם זיין? ער וועט פאַרשווינדן און זי לאָזן מיט אַ בויך! זאָל זי אפשר געבן אים דעם וועג?[4] אָבער פאַרוואָס? דערצו איז ער אַזאַ שיינער, זיין געזיכט איז אַזוי איידל־בלאַס און דער לאָק איבער זיין שטערן גיט אים אַזאַ חן! און ווי שיין ער רעדט! אמת, נישט קיין פּויליש ווי זי, נאָר יידיש, דאָך ווערט זי גאָרנישט מיד צו זיצן און הערן אים רעדן, הערן זיין ווייך, סאַמעטן קול. כאָטש בלויז אין יידיש, אָבער ער איז גאַנץ גוט באַלעזן. און פאַרוואָס מיינט זי, ווען, גאָט באַהיט, זי זאָל זיך פאַרגעסן און עס זאָל עפּעס געשען, וועט ער אַוועק פון איר, זי פאַרלאָזן? עס קען דאָך זיין פאַרקערט אַז ערשט נאָכדעם זאָל ער זי אויף אַן אמת ליב קריגן ער זאָל שוין נישט קענען זיין אָן איר אַפילו איין טאָג!“

ווי זי, אַזוי האָט אויך ער, נתן חיים, געפיבערט, געטראַכט מיט אַנגסט און שרעק וועגן זיין האָבן זיך פאַרפלאָנטערט מיט דער פּאַננאַ סאַבינאַ. ער האָט זיך געזידלט, זיך פאַרגעוואָרפן אַז ער איז נישט ווערט וואָס ער לעבט אויף דער וועלט. אַזאַ שטיל און צאַרט מיידל, נעמט ער און פאַרדרייט איר אַזוי דעם קאָפּ. זי איז דאָך גערעכט מיט איר מיינען, אַז ער איז שוין איר חתן. נאָר ווען אַפילו זי מיינט נישט, מעג ער זיך קושן מיט איר? ער האָט דאָך עלקעלען צוגעשוווירן אַז נאָר זי האָט ער ליב, זי און ווייטער קיינעם נישט אויף דער גאַנצער וועלט. ווי וועט ער איצט קענען עלקעלען קוקן אין די אויגן? וואָס, זי וועט נישט וויסן? איין קוק אויף אים און ער איז זיך גלייך מודה. ער טענהט דאָך איין מיט איר, אַז געליבטע טאָרן זיך נישט זאָגן קיין ליגן, טאָרן זיך נישט אָפּנאַרן איינע דעם אַנדערן. פון וואַנעט אָבער ווייסט ער, אַז עלקעלע האָט אים ליב? זי האָט דאָך אים דאָס קיינמאָל נישט געזאָגט און די

[4] אַרויסטרייבן.

מאַמעשי אירע, שיינדעלע, בראַקט זיך גאַר מיט אים! עס שטייט איר דאָך נישט אָן ער זאָל זיין עלקעלעס חתן. וואָלט כאָטש עלקעלע געווען מיט איין יאָר עלטער. איז זי נאָך אַזאַ יונג קעצל, נאָך אַפילו נישט קיין פופצן יאָר און ער איז שוין באַלד אַכצן! יענעם פאַרטאָג, אויפן דעמבלינער וועג, ווען ער האָט זי געקושט, האָט זי אים נישט צוריקגעקושט. נאָר ווען יאָ? וואָס קומט אים איצט דערויס? זי איז אין ראָדעם און ער — אין וואַרשע און אַרום פלאַקערט אַזאַ מלחמה. צו פאָרן אַהין איז אָן איינשטע־לעניש אַפילו מיט דער באַן, כאָטש ווי קען ער גאָר טראַכטן וועגן פאָרן אַהין? די מאַמע גייט קוים אַרום, ווער וועט זאָרגן פאַר דער שטוב?

ני, דעריבער מעג ער זיך קושן מיט דער פאַננאַ סאַבינאַ? אין איר איז ער דאָך נישט איינגעליבט. פאַרוואָסזשע לאָזט ער זי אַזוי מיינען? איז רעכט אַזוי אויסצונוצן א מיידל? נאָר ווער זאָגט, אַז ער נוצט זי אויס? זי נוצט אים מער אויס! ער זעט נישט זי זאָל האָבן אַזעלכע שוואַרצע רינגען אַרום די אויגן ווי ער, זי זאָל אויך ווערן אָפּגעצערט, ווי ער איז דאָס געוואָרן זינט ער קומט אַרויף צו איר אין דער לינת הצדק קאַנצעליאַר. און אפשר גאָר האָט זי אַ מיין דערביי? אפשר וויל זי אים אַריינציען, ער זאָל זיך פאַרגעסן, זי זאָל נאָכדעם קענען אַרויס צו אים מיט טענות.

אַ, ער קען זיי, די מיידלעך, זיי זענען שלוי! ווען די פאַננאַ סאַבינאַ וואָלט נישט זיין אַזוי שלוי, וואָלט זי זיך דאָך געווערט, נישט געלאָזט ער זאָל זי יעדערסמאָל אויסטוען נאַקעט ביז דער טאַליע. פאַרקערט, נישט נאָר ווערט זי זיך נישט, נאָר זי דריקט זיך צו אים, ציט אַראָפּ זיין קאָפּ, ער זאָל קושן אירע בריסטן, אַז אים פאַרפעלט אַזש אָטעם. ער איז זיכער, אַז זי וואָלט זיך גאָרנישט געווערט ווען ער פאַרגעסט זיך און טוט זי אינגאַנצן אויס נאַקעט. וואָס וועט דאַן זיין? וועט עס אַלץ זיין, זיין שולד? וועט זי נאָך אַלץ קענען זיך איינהילן אין אים, האָבן טענות? ניין, ער וועט מער צו דער פאַננאַ סאַבינאַ נישט אַרויפקומען!

ער איז אָבער יאָ געקומען. גלייך אויף צעמאַרגנס אין אָוונט איז ער אַוועק אין לינת הצדק און אַזוי טאָג נאָך טאָג האָט ער זיך קוים דערוואַרט דער אָוונט זאָל צופאַלן, ער זאָל קענען קומען צו דער פאַננאַ סאַבינאַ. אַוודאי וואָלט אים געווען גרינגער און ער וואָלט דאָס פאַרליב גענומען, ווען ביים אַרויפקומען, זי וואָלט אים אויסגעזידלט און אים אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ. טוט זי דאָס אָבער נישט. פאַרקערט, זי גייט אים אַנטקעגן, נעמט אים אַרום און נאָך איידער ער פאַרלעשט די עלעקטריע, האָט זי שוין פאַרוואָרפן אירע אָרעמס אַרום זיין האַלדז און באַדעקט אים מיט קושן:

— טייערער מיינער, יינגעלע מיינס, ווי איך האָב דיך ליב, ווי איך בענק נאָך דיר!

ני, איז עס זיין שולד אַז אים פאַרפעלט אָטעם, אַז ער געדענקט שוין נאָכדעם גאָרנישט, נאָר קלאַמערט זי איין אין זיינע אָרעמס און טראָגט זי צו דער קאַנאַפּקע?

פאַרוואָס לאָזט זי זיך? זי זעט דאָך, אַז ער איז נישט איינגעליבט אין איר. ווען יאָ, וואָלט ער דאָך איר דאָס געזאָגט. וויל זי טאַקע ער זאָל זיך פאַרגעסן? איינמאָל האָט זי דאָס אים יאָ געפרעגט.

ס׳איז שוין געווען נאָך עלף ביינאַכט, ווען זיי זענען אַראָפּ די טרעפּ. פינצטער אין הויף, ס׳טויער — פאַרשלאָסן. די פאַננאַ סאַבינאַ האָט זיך געביסן די נעגל, געבראָכן די הענט: וואָס טוט זי דאָ? זי מוז קלינגען דער סטרוזש זאָל אַרויסקומען עפענען דאָס טויער. וואָס וועט ער טראַכטן וועגן איר? „טאַק״? אַזאַ פייגעלע איז זי, די פיינע פאַננאַ סאַבינאַ? פאַר אַלעמען איז די ביוראָ פאַרשלאָסן, פינצטער אין גאַנצן אַנשטאַלט און זי גאָר וואַלגערט זיך דאָרט מיט ייִנגען!

דעם גאַנצן וועג אַהיים צו איר האָבן זיי ביידע געשוויגן. די קאַרמעליצקע גאַס האָט נאָך געררוישט, געשומיעט. ערגעץ ווו איז אַנגעגאַנגען אַ מלחמה, דער הימל האָט געברענט, טעמפּע קנאַלן האָבן אויפגעריסן, באַגראָבן אונטער זיך מענטשן, פערד, פּי אין די שטאָלן און דאָ האָט ייִנגוואַרג שפּאַצירט, ראָמאַנסירט, געזעסן אין העל באַלויכטענע צוקערניעס איבער טעצלעך ליאָדעס, געטרונקען סאָדעוואַסער מיט סאָק און די טראַמווייען פליען מיט אַ געסווישטש, פאַרקלינגען די נאַכטיק־קילע לופט, נאָר זיי ביידע, נתן חיים מיט דער פאַננאַ סאַבינאַ, גייען שטילע, מידע, דערשעפּטע.

זיי זענען אַריין אין דער דזשיקע גאַס. ייִנגלעך לויפן נאָך אַלץ דאָ אַרום מיט קוישן בייגל, טונקעלע שוין, פון גראָבן מלחמה מעל און ווייבער, נאָך אַ לאַנגן טאָג האַנדלען, קריכן נאָך אַלץ אַרום מיט די קויבערס אויבסט אויף זייערע אָרעמס. ביי וועמען עס איז נאָך איבערגעבליבן אַ ביסל פערעשקעס און ביי וועמען אַ ביסל מארעלן און כאָטש מ׳זעט איצט נישט קיין באַלעבאָסטע אין גאַס, שרייען זיי נאָך אַלץ:

— כאַפּטס וואַאַבע׳, גאָלד, גאָלד, וואַלוול וואַאַבע׳! דערביי פאַרגעסן זיי נישט אויף אַ רגע זיך צו היטן פאַרן סטאַיקאָווע, טאָמער רוקט ער זיך אַרויס, ווי אַ שאָטן פון וועלכן באַהעלטעניש, זיי זאָלן קענען באַצייטנס שטעלן פיס אין דער אַנדערער גאַס אַריין.

ווי די ענדלערינס פאַרן פּאָליציאַנט, אַזוי האָט נתן חיים געקוקט אַרום זיך מיט שרעק, טאָמער קומט אים דאָ אונטער די פאַננאַ סאַבינאַס מאַמע. צווישן די ענדלערינס האָט זי אוודאי אויך אַרום. וואָס וועט ער איר זאָגן ווען זי וועט זיי דערזען, זיי אָפּשטעלן:

— סאַבינאַ, פון וואַנעט אַזוי שפּעט? און ווער איז דער ייִנגערמאַן?

זיי זענען ענדלעך אַריין אין דער סטאַווקע גאַס, געבליבן שטיין פאַר אַ טויער, אַ צעלעכצט שטיק וואַנט אין אַ שטאַל אַריין. און דאָס הויז, ווו די פאַננאַ סאַבינאַ האָט געוווינט, האָט אים טאַקע דערמאָנט אָן בערציקס שטאַלן. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו איר:

— אַ גוטע נאַכט.

די פאַננאַ סאַבינאַ האָט נישט געענטפערט, נישט געגעבן אים די האַנט, נאָר שטום געקוקט אַראָפּ צו די שפּיצן פון אירע ווייסע שיכלעך, צום טראָטואַר, אַ צעבראָכענער, ווי איר האַרץ איז צעבראָכן. נאָר אָט האָט זי פּלוצים אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט אויף אים דורך דער האַלב טונקל, געקוקט שטיל און לאַנג, גאָט, ווי לאַנג, אָן אייביקייט אַ גאַנצע, כאָטש געווען איז דאָס אַ קורצע ווײַלע נאָר. ערשט נאָכן האָבן אים דורכ־געטומען מיט איר בליק, אַזאַ טרויעריק־פאַרקלערטער, האָט זי אים שטיל געפרעגט:

— פּאָצאָ פּאַן פּזשיכאָדזשי דאָ מניע? (צו וואָס קומט דער פּאַן צו מיר?).

ווען ער קריגט פון איר צוויי פּעטש, וואָלט ער נישט געוואָרן אַזוי פאַרשעמט ווי פון דעם פרעג אירן. שטום און דערשלאָגן איז ער געשטאַנען פאַר איר. זיין אויסגעשטרעקטע האַנט איז פון זיך אַליין אַראָפּגעפאַלן, ווי אָן אונטערגעהאַקטע. אוודאי ווייסט ער פון וואַנעט צו איר האָט זיך גענומען די דרייסטקייט דאָס אים צו פרעגן. ער ווייסט אויך ווויל אויף וואָסער ענטפער זי האָפט. קאָן ער איר דאָס זאָגן? געוויס, יינגלעך טשאַקען זייערע מיידלעך, זאָגן צו אויפן הימל אַ יאַריד, כאָטש די מיידלעך זענען גאָרנישט אַזעלכע נאַראָנים זיי צו גלייבן. זיי ווילן אָבער, זעט אויס, בעסער זיך שפּיגלען אין אַ געגילדטן ליגן, איידער הערן דעם ביטערן אמת.

עס קען זיין אַז אויך זי, די פאַננאַ סאַבינאַ, וויל גענאַרט ווערן. קען ער אָבער נישט נאַרן. ווידער זאָגן איר דעם אמת, ער קומט צו איר, ווייל ער קען נישט איבערוועלטיקן אין זיך דעם דראַנג, דעם באַגער צו איר לייב? ווי קען ער איר אַזוינס זאָגן? ער וועט דאָך איר ווײ טוען, זי באַ־ליידיקן. זי איז דאָך נישט קיין גאַסנמויד, וואָס ער קומט צו איר קילן זיינע ליידנשאַפטן. געוויס, צום בעסטן וואָלט זיין ווען ער זאָגט איר, אַז דאָס איז איר שולד, דאָס האָט זי אים אַריינגעצויגן אין איר נעץ. זי איז דאָך אַ מיידל, זי שטעלט דאָך אַלץ אייך, דאַרף זי קענען זיין שטאַרקער, נישט זיין אַזוי גערנוויליק, אַזוי אָן מינדנסטן ווידערשטאַנד זיך לאָזן קושן, זיך לאָזן טראָגן פון אים צו דער קאַנאַפּע און נאָך טוליען זיין צעפלאַמט געזיכט צו איר אַנטבלויזט לייב. איז דאָס אַלץ זיין שולד?

די סטאַווקע גאַס איז נאָך נישט געשלאָפן. פאַרביי זיי, איבערן שמאָלן, צעבראָכענעם טראָטואַר האָט אַלעמאָל עמעץ דורכגעשלייכט ווי אַ שאָטן,

הענדלערינס מיט זייערע קויבערס אויף די אָרעמס, טרעגער מיט זייערע שטופּוועגעלעך אין מיטן וועג, און אָט גאָר האָט זיך אַ פֿאַרשווין אַריינגעשלייכט צו מענדל טיימאַן אין הייזל.

נתן חיים האָט זייטיקלעך געוואָרפֿן אַ בליק צו איר. איצט, אין דער טונקלקייט פֿון סטאַווקע געסל, אַרויסגעטיילט פֿון דעם ווייסן כאַלאַט אירן, האָט די פֿאַננאַ סאַבינאַ אים אויסגעזען אַזוי נעבעכדיק, אַז אַ רחמנות האָט אים אַרומגענומען. אָרעמע, וואָס איז זי דען שולדיק? מיידלעך זענען דען נישט קיין מענטשן? אויף זיי האָט דער יצר הרע אויך שליטה. דער מוח ביי אים האָט געפֿיבערט, אָבער איר האָט ער גאָרנישט געזאָגט פֿון וואָס ער טראַכט. ער האָט בלויז שטיל, ווי אַ פֿאַרשולדיקטער, געמורמלט:

— איך ווייס טאַקע נישט פֿאַרוואָס איך קום. אַז די פֿאַננאַ סאַבינאַ וויל נישט, וועל איך מער נישט קומען.

די פֿאַננאַ סאַבינאַ האָט זיך געטאָן אַ דריי אויס צום טויער און גענומען ציען דעם גלאָק מיט אַזאַ בהלה, מיט אַזאַ פּחד אין אירע אויגן, גלייך די ערד וואָלט זיך דאָ געעפֿנט אונטער אירע פֿיס און זי שטייט מיט געשטרעקטע הענט אין געבעט, אַז עמעץ, אַן אומגעזעענער, זאָל דאָ קומען וואָס גיכער זי ראַטעווען פֿון זינקען אין תהום.

קאַפּיטל איינאונצוואַנציק

וואָס ווייטער פון דער היים, אַלץ נענטער, אַלץ ליבער ווערן די אייגענע. ווען יערמע דוד האָט זיך יענעם פאַרנאַכט אָפּגעקערט פון דעם אַפּטוואָגן, וואָס האָט אַוועקגענומען זיין משפחה קיין וואַרשע, איז ער געווען זיכער אַז שוין, מיט דעם איז דער סוף, נישט ער וועט שוין זען ווייב און קינדער און נישט זיי וועלן שוין זען אים, דעם מאַן און פאָטער.

זאָגן אַז דאָס האַרץ האָט אים נישט וויי געטאָן? ווי איז דאָס מעגלעך? וואָלט ער כאָטש געקענט, ווי אַ מאָל, אויסלאָזן וואָס אויף זיין ביטער האַרץ צו נתן חיימלען. האָט ער שוין דאָס אויך נישט געקענט. דער יינג איז אים בייגעקומען! אָבער זי, חנה לאה? ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אַ מאַמע זאָל נאָכגיין אַ יינגלס קאָפּ! ברא לי [1] נתן חיימל איז געווען גערעכט מיט זיין וואָרענען קעגן פּילעוו, איז על כן? דאַרף זי, דאָס ווייב, אים שוין גאָרנישט הערן? האָט ער, דער מאַן און טאַטע, שוין גאָרנישט קיין דעה איבער זיין הויזגעזינד?

ווי ווויל ער האָט געהאַט אָפּגעפּאַסט ביי זיך מער נישט אַ קוק צו טוען אויף איר און אוודאי נישט אויף איר זינדל, האָט ער דאָך, גייענדיק מיט טלית און תפילין אונטערן אָרעם, נישט געקענט אָפּרייסן דעם בליק פון וואָגן, וואָס נעמט פון אים אַוועק זיין הויזגעזינד, דערווייטערט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער, ביז ער איז אים אין גאַנצן פאַרשוווּנדן פון אויג.

ערשט איצט, אַליין מיט זיך אויף דעם ברייטן, אומהיימלעכן וועג, האָט יערמע דוד אָנגעהויבן צו באַנעמען וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטוען. חוץ טלית און תפילין האָט ער נישט גענומען מיט זיך אַ פאָדעם! אַפילו נישט אַ העמד אויף איבערצובייטן און זיין גאַנץ פאַרמעגן אין קעשענע איז אפשר פינף קערבלעך, וואָס וועט איצט זיין מיט אים? וווהין גייט ער?

טאָמער וואָלט ער נאָך געקלערט צו גיין קיין מאָדזשיץ, זיך דאָרט פּרווון איינגאַדיען אין דער פאַרלאָזטער היים זיינער, האָט ער נאָך די יום טובים איינגעזען, אַז דאָס איז נישט מעגלעך. אַז דער קליינער מייערל האָט געמוזט נעמען ווייב און קינדער און זיך אָפּטראָגן פון דער פאַרלאָזטער שטאָט, וועט ער אַוודאי נישט קענען דאָרט איינזיין. בלייבט פאַר אים נאָר צו גיין קיין באָברעניק. די שוועסטער, צוועטל, זי וועט נישט פרעגן און

[1] ווען אַפילו.

נישט זאָגן, נאָר אויסבעטן פאַר אים אַ געלעגער און וואָס זי וועט עסן, וועט ער אויך עסן.

ער האָט פאַרהויבן דעם בליק. דער טאָג שטייט נישט! ווען ער זאָל אַפילו גיין מיטן גאַנצן אימפעט, וועט אים אויך געדויערן אַ גאַנצע נאַכט ביז ער וועט אָנקומען קיין באַברעניק. זאָל ער אפשר נעכטיקן אין וועג? אַמאָל, ווען ס'איז געווען שלום אויף דער וועלט, האָט אַ ייד געקענט עפענען די טיר ביי אַן ערל און דאָרט האָבן געלעגער. היינט איז אַ פחד. עשו איז איבערגעביטן! די יוכע[2] שפּריצט אים פון די שליפיעס.[3] ניין, אָפּשטעלן זיך אין וועג וועט ער נישט, ער מוז אָבער אָפּדאַווענען מנחה. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווו קען ער דאָ וואַשן די הענט ער זאָל מעגן נעמען אַ יידיש וואָרט אין מויל אַריין? מ'זעט נישט קיין טייכל, קיין סטאַוו, קיין ברונע, נאָר פעלד און תבואה. געליובט זיין ליבער נאָמען דערפאַר, ס'עט דאָס יאָר אויך זיין אַ גערעטעניש. די גריקע איז שיין אויפגעגאַנגען, דער קאָרן גרייכט שוין באַלד ביזן גאַרטל. ער האָט זיך איינגעבויגן, אַ וויש געטאָן די פינגערשפּיצן אין זאַמד, זיך אַרומגעגאַרטלט מיט דער נאָז־פאַטשיילע, אַ רויטגעבלימטע און זיך געשטעלט לעבן אַ בוים זאָגן אשרי. אינמיטן דאַוונען האָט זיך צו זיין געהער דערטראָגן דאָס געקאָלער פון רעדער. ער איז גיך אויסגעשטאַנען שמונה עשרה, אפשר וועט ער מיט דעם וואָגן זיך קענען מיטכאַפּן אַ שטיקל וועג? ווי נאָר דאָס פערד האָט זיך מיט אים אויסגעגלייכט, האָט ער, מיטן עלינו אין מויל, אונטערגעהויבן דאָס קאַשקעטל און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צום גוי:

— שטשעזשעש באָזשע, (גאָט העלף).

דער פויער, אין אַ זאַקהעמד איבער די תחתונים,[4] אין בלויזן קאָפּ, דאָס בייטשל אָנגעשפּאַרט אָן אַקסל, איז זייטיקלעך געזעסן אויפן וואָגן מיט דער טעמפּער רואיקייט פון אַ פיר־פיסיק בעל חי. די אַראָפּהענגענ־דיקע פיס, באָרוועסע, שוואַרץ פון ברוד און בלאָטע, האָבן זיך מיטגעוויגט מיטן ריטם פון פאָרנדיקן וואָגן. פויל האָט ער צוריקגעגריסט יערמע דודן:

— בוג זאַפּלאַטש (זאָל גאָט באַצאָלן) זשידקו, ווהין גייסטו?

— קיין באָברעניק.

— האָסט אַ וויטן וועג. כאַפּ זיך אַרויף, איך פאָר קיין ריקע.

— אַ דאַנק, אַביוואַטעליו,[5] אַ דאַנק, — האָט יערמע דוד פון גרויס פרייד גערופן דאָס אָרעמע פויערל אַביוואַטעל, באַלעבאָס, און מיט איין הויב־זיך, שוין געזעסן לעבן דעם גוי און אויך זיינע פיס אין די שווערע, זעלנערישע שטיוול, האָבן זיך מיטגעוויגט אין ריטם פון פאָרנדיקן וואָגן. ער האָט אַרויסגענומען דאָס טאַרבעלע מאַכאָרקע, די בלעטערלעך גילזן־פּאַפּיר, פאַרוויקלט זיך אַ ציגאַרל, דעם פויער אַ ציגאַרל. געלויבט דער איבערשטער, נישט אַלע גויים זענען רוצחים. אַז ער וועט אים אַראָפּלאָזן

[2] רציחה. [3] אויגן. [4] הויזן. [5] באַלעבאַסלעבן.

ווי די וועגן קרייצן זיך, וועט ער נאָך מיט גאָטס הילף זיין ביי צוועטלען פאַר האַלבער נאַכט.

פאַר האַלבער נאַכט, צי נאָך האַלבער נאַכט, ס׳דאַרף איז שוין סיי ווי געשלאָפן און הינט האָבן זיך צעבילט ווי נאַר ער האָט זיך דערנענטערט צו דער ערשטער כאַטע. אָבער וואָס אַרן אים די הינט? פאַר קיין גנב וועט אים דאָ קיינער נישט אָננעמען. ער איז פאַרביי די תיפלה, דעם סטאַוו. בייטאָג שווימען דאָ אַרום גענדז, קאַטשקעס, אַ סך מיט זייער קליינוואַרג. אַ נחת צו זען די יונגע קאַטשקעלעך, געלפּוכיקע. איצט קוואַקען די זשאַבעס און אַ נעפּל הענגט איבער דער סאַזשלקע. ער האָט פאַרהויבן דעם בליק, געלויבט אי׳ גאָט, ס׳שטערנט זיך אויס, ס׳עט מאָרגן זיין אַ שיינער טאָג.

ער האָט זיך פאַרנומען רעכטס. ווען מ׳פאַרבינדט אים דאָ די אויגן, טרעפט ער אויך צו דער כאַטע ווו צוועטל וווינט. ער איז אַריין אין אַ פעדערהויז, געעפנט די טיר. צוועטל, די שוועסטער, איז געזעסן אויף אַ פוסבענקעלע, דער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן דער פּליטע און געדרימלט מיט אַן אָפן מויל. ס׳נאַפטלעמפּל איבער דער קאַפּע [6] איז אַריינגעדרייט און כמאַרעס פליגעלעך, מאָטיקלעך, באַבאַלעך הויערן אַרום דעם פאַרקאָפּטשעטן גלעזל, שטעלן זיך אין ליכט־רעדל אויפן פּולאָפּ,[7] אַ פריש געקאַלעכטער אויף פסח. ווען ער זאָל נישט וויסן, אַז ס׳איז צוועטל, וואָלט ער געשוווירן אַז דאָ זיצט די מאַמע, איר צו לאַנגע יאָר. אַוועקגעפאַלן נעבעך די שוועסטער מיד און מאַט. וואָס איז דער חידוש? אַן אַלמנה מיט צוויי קינדער, לויפט זי איבער די דערפער מיטן שווערן קויש אויף די פלייצעס פון באַגין ביז אין דער נאַכט אַריין, טראָגט צום פּויער אַ ווייס זעמעלע פאַר אַ קינד, א צוקערל, אַ שפּילעכל און קויפט דאָרט עטלעכע אייער, אַ האָזן־פעלכל, אַן עוף.

ווי שטיל ער האָט צוגעלעינט הינטער זיך די טיר, האָט זיך דאָך די שוועסטער אַ צאַפּל געטאָן און זיך איבערגעוועקט. אַ רגע האָט זי געגאַפּיעט, געזשמורעט מיט די אויגן און שוין איז זי אויפגעשפּרונגען:

— יערמע דוד! וווס טיסטי דו? זעי נאָ׳ ווי יעד בין אַאָנגעשלופּן. ביזט שוין לאַנג דו?

— ווי בין יעד לאַנג דו? יעד בין ערשט אַראַאָנגעקימע׳. ווי זענע׳ די קינדע׳?

— ווי זאָלן זיי זאָאָן? לויפן אַרים אין דראַאָסן.

— סראָל משה איז דעך אָף דע׳ לעיע׳ באָ אַ שיסטע, לאָזט ער עים אַרימלויפן?

[6] קוימען־עפענונג איבער דער פּליטע. [7] סופיט.

— ע׳ העיעט דען דעם מאַאַנסטע׳? זעי נאָ׳, — האָט זי זיך פּלוצים געכאַפּט, — ווּס שטיימע אין דע׳ פינצטע׳?

זי האָט פאַרהויבן די האַנט איבער דער פּליטע, אַרויסגעדרייט די קנויט אין לעמפּל. זי האָט נעבעך געגאַרט צו וויסן פון וואַנעט דער ברודער האָט זיך דאָ דערנומען, ווו איז חנה לאה, די קינדער. קען זי אָבער ירמע דודן. אַז ער זאָגט נישט אַליין, דאַרף מען אים נישט פרעגן, ער קען זיך גאַנץ שיין אויף איר אָנבייזערן אויך. שטאָט זיך עפּעס צו דערוויסן, האָט זי גאָר מער געזאָגט ווי געפרעגט:

— ס׳האַרץ איז דיער אַוודאי אַ וועק, וואַש דיעך און שוין האָט זי אויסגעשפּרייט אַ קלאָר האַנטעך אויפן טיש און געלייגט אַ רעפטל ברויט, אַ מעסער, געשטעלט אַ זאַלצמעסטל מיט זאַלץ.

— יעך ׳על פּריע׳ אָפּדאַווענע׳ מעריב, — האָט ירמע דוד אַוועק־געלייגט דעם טלית־זאַק אויפן קופערט, באַנעצט די פינגערשפּיצן און זיך געשטעלט שאָקלען ביי דער מזרח־וואַנט.

נישט ביים עסן און נישט נאָך וועטשערע האָט די שוועסטער נישט געפרעגט און ירמע דוד האָט נישט געדאַכט וואָס חנה לאהלע האָט אים אָפּגעטאָן. ער האָט אויך נישט דערמאָנט מיט קיין וואָרט אַז ער האָט בדעה דאָ צו זיין, שוין קיינמאָל זיך נישט אומצוקערן צו חנה לאהלען מיט איר זינדל.

אָט דאָס אָפּפאַסן ביי זיך אַז שוין, מער קערט ער זיך נישט אום צו ווייב און קינדער האָט אים אַ גאַנצע נאַכט נישט געלאָזט צוטוען קיין אויג. ער איז געלעגן אין געשטאַרבענעם שוואָגערס בעט, געקוקט דורכן לאָדן־שפּאַלט אין נאַכטיקן דרויסן און כסדר געטראַכט וואָס ער וועט דאָ זאָגן מענטשן. אַז ער האָט גוט געטוען מיטן אַוועקגיין פון דער היים, דאָס זעט ער באַשיינפּערלעך. ווי לאַנג איז דער שיער צו דריקן אין זיך? ס׳איז נישט שיין צו רעדן, חנה לאהלע איז אים דען געווען אַ ווייב? כל זמן די היים איז געווען היים, האָט זי זיך נישט געקענט העלפן. די צייט איז געקומען איז זי געגאַנגען אין וואַסער. זינט אָבער מ׳איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון מאָדזשיץ איז אויס! שוין אין פּילעוו האָט זי אים פאַרשטעלט דעם צוטריט. גלייך האָט זי גענומען דאָס קליינע פרומעטל צו זיך אין בעט אַריין. אין קאָרעוו איז דאָך אַוודאי נישט געווען מעגלעך. אי זי איז געווען שלאָף, אי זי האָט זיך געוואַלגערט אין אַ פּעדערהויז, אין נעץ און אין קעלט. און אַז גאָט האָט געהאָלפן, זי איז מיט מזל אַריינגעגנומען געוואָרן צום שוסטער אין הויז און געשלאָפן דאָרט אין אַ שלאָפבאַנק ווי אַ כראַבינע, האָט ער ערשט נישט געהאַט קיין דריסת הרגל אין דער שטוב אַריין. איז טאָמער, נאָך דעם אַרומוואַלגערן זיך, גאָט האָט שוין יאָ געהאָלפן, מ׳האָט געדונגען אייגענע פיר ווענט

און ער האָט געמיינט שוין, פון איצט אָן וועט מען ווידער קענען פירן אַ לעבן ווי גאָט האָט געבאָטן, נעמט דאָס זינדל און רעדט זי אָן זיך צו שלעפּן קיין וואַרשע און זי, שטאָט אין זין האָבן אים, דעם מאַן, לאָזט זי זיך צורעדן און פּאָרט מיט אים אַוועק! ווו איז אַזוינס געהערט געוואָרן? אַנדערע מענטשן זענען אויך געוואָרן היימלאָז, נו, האָבן די ווייבער אַזוינס געטוען? מ'האָט זיך געוואַלגערט אין שטאַלן אָדער, להבדיל, אין פּאָליש פון בית המדרש, פונדעסטוועגן זענען די ווייבער געגאַנגען טבילה. זיי האָבן מויערן דורכגעבראָכן און זיך באַהעפט מיט זייערע מאַנען און וויפל זענען פאַרגאַנגען אין טראָגן! ער האָט אַליין געזען ווי ווייבער זענען אין שיינעם העלן טאָג געקומען צו זייערע מאַנען אויף בוידעמס, אין שטאַלן. ס'האָט געשניטן ביים האַרץ צוצוזען צו וואָס מענטשן זענען נעבעך צוגעבערענגט געוואָרן. נאָר איין חנה לאהלע האָט געדאַנקט גאָט, וואָס איר איז אונגערגעשיקט געוואָרן אַזאַ אויסרייד! איז דאָך דאָס אַליין שוין געגוג, העלפט זי נאָך נתן חיימלען ווערן דער גאַנצער ריש בר־יוני [8] איבער דער שטוב און ער, דער טאַטע, האָט שוין גאָר קיין דעה נישט איבער זיין הויז־געזינד. וואָלט ער כאָטש געקענט פאַר עמעצן זיך אויסרעדן ס'האַרץ, איז אים אָבער אַ חרפה און אַ בושה, גיי שנייץ דיר אויס די נאָז און באַשמיר דאָס אייגענע פּנים.

די ערשטע עטלעכע וואָכן אין באָברעניק איז ער נאָך אָפּגעקומען מיט תירוצים, מיט אויסריידן, כאָטש ער האָט וויל געוווסט, אַז יידן גלייבן אים נישט. מענטשן פאַרשטייען, אַז זיין וואַלגערן זיך ביי דער שוועסטער איז, ווייל ער האָט פאַרלאָזט ווייב און קינדער. אַ ווייטיק אין האַרץ איז אים נאָר געווען אויף דער שוועסטער. זי זעט ווי ער, דער עלצטער ברודער, דאָס שיינדל אין דער משפּחה, גייט איין פון גריזאָטע און זי קען אים גאָרנישט העלפן. אַז זי טאָר דאָך גאָרנישט וויסן וואָס אים קוועלט. זי ליידט אויך וואָס זי קען אים נישט צוזען, אָפּהיטן אים מיט אַ ביסל וואַרעמס. דערצו נאָך איז די שטוב, זינט ער איז געקומען, געוואָרן אַ גיהנום. געוווינט צו הערשעווען, האָט ער אָנגעהויבן קאָמאַנדעווען איבער אירע צוויי יתומים. וואָס אַן אמת, זי וויל גראָד יאָ, ער זאָל האָבן השגחה איבער ישראל משהען אַ יינגל אין צוועלפטן יאָר און ער לויפט נאָך אַלץ אַרום מיט שקצים, כאַפּט פייגל, גנבעט אויבסט אין די סעדער. דעסטגלייכן געגענדל, אַ מויד אין צענטן יאָר! וואָלט גראָד גוט געווען דער ברודער זאָל האַלטן אַן אויג אויף זיי. ווען אָבער איז דאָס געהערט געוואָרן? ווען ער גייט מיט גוטן, איז אָבער יערמע דוד אַ שטרענגער רבי, אָן אַ קלאַפּ, אַ געשריי, רירט ער זיך נישט. נאָר מילא, וואָלט עס כאָטש געהאָלפן. העלפט עס דאָך אָבער נישט! אַז ער

[8] גאַנצער באַלעבאָס.

פירט גאַרנישט אויס ביי זיינע קינדער, וועט ער עפּעס פּועלן ביי איר ישׂראל משהען? דערווייל שלינגט נאָך דאָס יינגל אַראָפּ דעם פּעטערס קאָמאַנדעווען איבער אים. ווי לאַנג אָבער וועט ער שווייגן? מ׳גייט אַזוי לאַנג מיטן קריגעלע צו דער ברונע, ביז דאָס אויערל רייסט זיך אָפּ! הלוואי זאָל זי בלייבן אַ ליגנער. ישׂראל משה קען נאָך, חלילה, הייבן אַ האַנט צוריק!

אַוודאי האָט ער, יערמע דוד, דאָס גאַנץ גוט געזען. דער יינג רעדט אים שוין אַקעגן. און וואָס איז בכלל דער תּכלית פון ליגן דער שוועסטער אויפן קאַרק? ער האָט געמיינט ער קומט צו דער שוועסטער נאָר וווינען ביי איר, זיין וועט ער יעדן טאָג אין מאַדזשיק, האַנדלען, פּאַרדינען אַ גילדן. ס׳ווימלט דאָך דאָרט מיט זעלנער. וועט ער ביי זיי קויפן אַ שטיקל זויל־לעדער, אַ פּאָר שטיוול, אַ שיניעל. וואָס האָט ער געטאָן אַלע יאָרן? איז אָבער אַ מורא זיך אַריינצוווייזן אין מאַדזשיק. ס׳מיליטער איז אַזוי אויפגעהעצט קעגן ייד, אַז אַפילו דער קליינער מייערל האָט שוין נישט געקענט דאָרט איינזיין, כאָטש ער האָט געזשויבט, פּאַרקויפט די זעלנער יעדערס שטיקל אונטערוועש, וואָס ער האָט אויפגעמאַכט, וועט ער, יערמע דוד, דאָרט קענען זיין? אַיין ייד צווישן טויזנטער זעלנער, בפרט נאָך איצט, ווען דער מחיש זיינער, צוליבן לעבן אויף טרוקנס, האָט זיך אים צוריק אָפּגערופן!

אַזוי איז שוין דער מענטש. כל זמן ר׳איז געזונט, איז ער האָפּערדיק, קריגעריש, ווי נאָר אָבער ער ווערט אָפּגעשוואַכט, קראַנק, פּאַלט ביי אים די האָפּערדיקייט, דאָס גרייט זיין זיך צו פּאַרהערן פּאַר דער מינדסטער זאַך. ער זעט דאָס איצט אַיין, יערמע דוד. ווי וויל ער גיט זיך כּסדר אונטער פּאַמ׳עכע,[9] בלאָזט אַלעמאָל אויפסניי פּאַנאַנדער דעם כּעס זיינעם אויף נתן חיימען, אויף חנה לאהעלען, העלפט עס אַלץ נישט אָנצוהאַלטן אין אים דאָס געפיל פון גערעכט זיין. פּאַרקערט, דער פּאַריבל אין אים ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ מער פּאַרבלאָסט. ער קלערט גאָר, אַז נתן חיים איז נישט וואָס אין דער קאָרט, דעסטמגלייכן זי, חנה לאה. וואָס וויל ער דען, נתן חיים? און ער איז דאָך געווען גערעכט! ווען ער, יערמע דוד, שפּאַרט זיך נישט אַזוי איין און ער טוט ווי דאָס יינגל האָט געראָטן, וואָלט מען זיך דאָך פּאַרשפּאָרט דאָס נאָכאַמאָל געטריבן ווערן פון פּילעוו, מ׳וואָלט אויך געווען אָפּגעראַטעוועט דאָס ביסל האָב און גוטס, וואָס די פּילעווער גויים און די זעלנער האָבן דאָרט אַוודאי צעראַבעוועט. און זי, חנה לאהן? ער קען איר דען פּאַרדענקען דאָס לויפן קיין וואַרשע? זי וואָלט זיך אַוודאי נישט אַזוי געבראָקט מיט אים, ווען ער איז נישט

[9] הייטערט זיך אויף.

אַזוי געשטראָפֿט נאָר זיך צו וואַרפֿן, שטענדיק זיך צו בייזערן, אויף איר, אויף די קינדער. ווען ער וואָלט איר כאָטש אַמאָל געזאָגט אַ גוט וואָרט, געשענקט איר אַ לאַסקע, ווי אַנדערע מענער טוען דאָס צו זייערע ווייבער.

ווי ווייל ער האָט שוין איצט שטיל אין האַרץ זיך מודה געווען, אַז ער בענקט נישט בלויז נאָך די קינדער, נאָר טאַקע אויך נאָך איר, חנה לאהען, אַפילו נאָך נתן חיימען, האָט ער דאָך גאָרנישט געטאָן צוריק צו פֿאָרן צו זיי. וואָסער פּנים וועט ער האָבן ביי חנה לאהען? אַפילו זי זאָל אים נישט אויפוואַרפֿן, וועט זי דאָך טראַכטן: וואָס איז ער געלאָפֿן און וואָס איז ער שוין קריקגעקומען? דעסטגלייכן נתן חיים. ווי קען שוין דאָס יינגל האָבן דרך ארץ פֿאַר אַזאַ טאַטן?

זענען געגאַנגען טעג און וואָכן. ס'איז אַריבער שבועות, ס'איז שוין באַלד אַ האַלבער זומער אַוועק און ער האָט אַלץ נישט קיין קוראַזש קריק צו פֿאָרן. אמת, ער וועט זאָגן ר'האָט געבענקט נאָך די קינדער, נאָך אסתר פּערעלען, דער מאַמעס נאָמען. חנה לאהעלעס קאָפּ איז אָבער נישט אויסגעדאַרט. זי וועט פֿאַרשטיין, אַז דאָס האָט דער כוח הדם אים געטריבן, געהויבן אים פֿון געלעגער. כאָטש ווו איז דאָ די זינד? ס'ווערט באַלד אַ יאָר, אַז ער איז אָן אַ ווייב. זי וועט אים זיכער אויפוואַרפֿן: אַזוי? צו דעם האָב איך דיר אויסגעפּעלט?

ווער ווייסט ווי לאַנג עס וואָלט נאָך אַזוי געדויערט זיין קווענק־לעניש, זיין שלאָגן זיך מיט דער דעה, ווען עס קומט נישט אומגעריכט אַ בריוול פֿון לייבל משהען. ער, דער עלטסטער זון, איז לכתחילה געווען ברוגז אויף דער מאַמען פֿאַר איר קומען מיט די קינדער קיין וואַרשע און לאָזן דעם טאַטן גיין קיין באַברעניק, זיך דאָרט וואַלגערן ביי דער מומע צוועטל. געוואָלט האָט ער באַלד נתן חיימל זאָל שרייבן און איבערבעטן דעם טאַטן. האָט אָבער דאָס ברודערל געטענהעט, אַז זיין שרייבן וועט נישט העלפֿן. ער האָט דאָך דעם טאַטן געבעטן, ער זאָל מיטפֿאָרן און ער האָט גאָרנישט געפּועלט. האָט לייבל משה אַליין אָנגעשריבן דאָס בריוול. דער עלטסטער זון, האָט ער זיך גאַנץ שיין אָנגעבייזערט אויפֿן טאַטן. וואָס מיינט ער זיך איז ער, אַ צעפּיעשטשעטע קינד, וואָס מ'דאַרף אים איינגעמען מיט אַ צוקערל, מיט א שפּילעכל? זאָל ער שוין נעמען טלית און תפֿילין און קומען צו פֿאָרן! זיין וואַלגערן זיך אין באַברעניק וועט נאָר אויסגיין צו אַלעמענס קעפּ. און זאָל ער, דער טאַטע, נישט פֿאַרגעסן, אַז עס איז מלחמה. אין אַזאַ צייט דאַרף אַ משפּחה זיין צוזאַמען. ווייניק איבערקלע־רעניש האָט מען וואָס אברם יאַנקל איז אין דער מלחמה און מ'הערט נישט פֿון אים, דאַרף מען נאָך איבערקלערן אויך פֿון אים?

איצט ערשט, אַז לייבל משה האָט אָנגעהויבן, האָט שוין אויך צוועטל זיך אונטערגעשטעלט אויסצושייגעצן דעם ברודער:

— ני, יערמע דוד, יעך פרעיג דיעך, ביזטי גערעכט? אַנדערע בענטשן זעך מיט דאַאַנע קינדע׳ אין די, נאָ׳ די בראָקסט זעך. ווס ׳אָסטי צי נתן חיימען? הלוואי זאָל מאַאַן סרול משה אָאָסוואַקסן ווי עיע׳. קים, יעך ׳על גיין מיט דיע׳ קאַ מאָדזשיץ דיעך באַלייטן צי דע׳ קאָליע.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

דער פּראַכטצוג איז געווען געפּאַקט מיט מיליטער. פון די וואַגאָנעס האָט זיך געטראָגן אַ געליאַרעם, אַ געפּילדער. ווי הינער פון שטייגן האָבן די זעלנער געשטופּט זייערע קעפּ דורך די פּענצטערלעך, דורך די אויפגערוקטע טירן. זיי האָבן געזונגען און, פאַרבייפאַרנדיק, געשטיפּט מיט שיקסעס אין די פעלדער, אויף די וואָקזאַלן, דערביי הערן זיי נישט אויף צו פרעסן דאָס שוואַרץ ראַזאָווע־ברויט מיטן ווייסן חזיר־פעטס, אַווירן ווי חזירים און הירזשען ווי פערד ביי די שפּילערייען אין בלינדע פּעטש, אין וואַרפעלעך, אין שפּרינגען איינער איבערן אַנדערן. לויט דער פרייד קאָן מען מיינען, אַז זיי פאָרן נישט אין קריג אריין געהרגעט ווערן, נאָר דאָ, ערגעץ אויף זומערלאַגער. נאָר ער, אברם יאַנקל, זיצט אַ פאַרצוגטער אויפן וואַגאָן־דיל, קוקט מיט צאַפּלניש אין האַרץ דורך דער אויפגערוקטער טיר צו די אוקראַינער פעלדער, זוניקע, זעטיק אויפגע־גאַנגענע מיט אַ שפע פון תבואות און גרינסן. זיי דערוויטערן זיך פון אים, די שלוהדיקע, אוקראַינער פעלדער און דער צוג מיט אים לויפט פאָראויס, פאָראויס, אַלץ נענטער און נענטער צו די אויפגעריסענע, צעטראַמפּלטע שלאַכטפעלדער פון פוילן. אָט — אָט און ער וועט מוזן לויפן מיט דער אויסגעשטרעקטער ביקס, נישט קעגן אַ סנאָפּ־שטרוי, ווי ביים לערנען אים, נאָר קעגן אַ מענטש, אַ לעבעדיקן מענטש! וואָס זאָל ער טוען? ער וועט דאָך מוזן שיסן, שטעכן! און טאָמער איז יענער פלינקער?

זינט ער האָט זיך אין לובלין צוגעשטעלט צום וואָינסקי־נאַטשאַלניק זעט ער איין ווי גערעכט די מאַמע איז מיט איר זאָגן, אַז צום שלימזל, דאַרף מען אויך האָבן מזל!

ער האָט זיך געלאָזט צורעדן, געגאַנגען אויפן בוידעם זיך לאָזן מאַכן אַ חסרון, ווי אַמאָל יצחק אבינו איז געגאַנגען צו דער עקדה. ער האָט פאַרשטשעמעט די ציין ביז בלוט, געלאָזט דעם קצב קריכן מיטן ווייזפינגער צו אים אין דיך און מיט כוח איבעררייסן דעם אָדערבאַנד וואָס האַלט אונטער די מענטשלעכע אינגעווייד. צו וואָס איז ער איינגע־גאַנגען אויף דעם? ער האָט געהאָפט, ווי נאָר די געדערים וועלן זיך אים אַראָפּלאָזן, ווערט ער באַפרייט. זענען שוין אַוועק חדשים. דורך

דער צייט האָט מען אים געשיקט אין אַ פּאָלק הינטער כאַרקאָוו. צעזאַמען מיט טויזנטער נאָוואָבראַנצעס — אים געלערנט די זעלנערישע תורה, געיאָגט אים איבער פעלדער מיט דער אויסגעשטרעקטער ביקס: „נאַ שטוקי״! ער איז געשפּרונגען איבער גריבער, איבער בערגלעך, געקראָכן אויף בוימער, אַראָפּגעפאַלן, זיך אויפגעהויבן און ווייטער געלאָפן. אַנדערע, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט מאַכן דעם חסרון, זענען פון דעם שפּרינגען און לויפן געבריכט געוואָרן און ביי אים? מ׳זאָל דאָס זען אַ סימן פון אַ ברוך. ער האָט זיך אָפט געקלאָגט פאַרן פעלדפעבעל, געבעטן מ׳זאָל אים שיקן צום דאָקטאָר, האָט אָבער דער פעלדשער אין לאַזאַרעט, נישט זעענדיק קיין ברוך, אים נישט צוגעלאָזט צום דאָקטאָר, אים גאָר געזידלט: „זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ! ווילסט זיך אַרויסדרייען פון גיין אין דער מלחמה?״.

אָט טאַקע אין דעם גייט עס דאָך! ווען נישט די מלחמה, וואָלט ער זיך געלאָזט מאַכן אַ חסרון? ער וואָלט אָפּגעדינט די צוויי יאָר מיט אַכט חדשים און פּטור, איז דאָך אָבער יאָ אַ מלחמה! וואָס אַן אמת, אויך ביי אים, ווי ביי דעם עלצטן ברודער, לייבל משהען, איז דער קאָפּ חלילה נישט אויסגעדאַרט. אויך ער וואָלט בכבוד גדול געלאָזט ז׳עם פּאָלק גיין געזונטערהייט צום פראָנט און אַליין וואָלט ער שאַ, שטיל, אויף דער ערשטער, בעסטער סטאַציע פאַרלוירנגעוואָרן. איז אָבער אַן אומגליק! אין זיינע פּאַפּירן איז פאַרשריבן אַז באַלד נאָכן פריזיוו האָט ער געמאַכט אָמיק פון אונטערן פּאַטראָלס נאָז אַפּער, האָלט מען אים איצט אויפן אויג. אַפילו אויף אַ מענטשלעך באַדערפעניש גייט מיט אים אַ זעלנער מיט דער ביקס.

ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, אים אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט פון וואַגאָן, פאַרמאַכט די אויגן. ער דערמאָנט זיך, איידער ער איז אַוועק קיין לובלין זיך צושטעלן, האָט נתן חיים גערעדט מיט אים וועגן נעמען די משפּחה קיין וואַרשע. איז דער טאַטע מסכים געווען? האָט נתן חיים דאָס געטאָן? אויב יאָ איז זיין בריוול דערגאַנגען צו זיי.

פאַרן אַרויסרירן מיטן פּאָלק פון כאַרקאָוו, האָט ער געבעטן אַ יידישן זעלנער אָנשרייבן פאַר אים אַ בריוול צום פעטער שמואל אין וואַרשע. איז דאָס בריוול אָנגעקומען צום פעטער? ס׳איז דאָך מלחמה, בריוו גייען פאַרלוירן. נאָר וואָס איז אים דער חילוק? מ׳קען אים דען העלפן? ער האָט גלאַט געשריבן צו לאָזן וויסן, אַז מ׳שיקט זיין פּאָלק צום פראָנט און אַז פאַרן גיין אין שלאַכט וועט זיך דער פּאָלק אָפּשטעלן אין גראָדזשיסק. ער בעט אָבער דעם פעטער, ער זאָל דעם בריוו איבערגעבן נאָר די ברידער, לייבל משהען מיט נתן חיימען. פאַרן טאַטן מיט דער מאַמען זאָל ער דאָס נישט דאַכטן, צו וואָס זיי אָנטוען עגמת נפש?

איז דער בריוו יאָ דערגאַנגען און דער פעטער שמואל האָט יאָ געדאַכט. ווי נאָר דער בריווטרעגער האָט דורך דער זומערדיק, צעפּראַלטער טיר אַריינדערלאַנגט דעם בריוו צום פעטער ביים שוסטער־וואַרשטאַט, האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס קלאַפּן די פלעקלעך, אויסגעטאָן דאָס פאַרסמאָלעטע פאַרטעך און דורך דער אָקאַפּאָווע זיך אַוועקגעלאָזט צו דער שוועסטער אויף געגנשע גאַס.

— ווי דע׳ מאַמעס האַרץ, — האָט חנה לאה געגומען קרעכצן, זיך בּרעכן די הענט, — נתן חיימשי׳ די ווייסט דאך יאָ, ווי שטעקט דוס גראָדזשיסק?

כאָטש די זין, ווי דער ברודער אירער, שמואל, האָבן זי געטרייסט, איר אויפגעקלערט אַז גראָדזשיסק איז נאָך נישט דער פראָנט, האָט עס אַלץ נישט געהאָלפן:

— אוי, קינדע׳, ווּס גייט עץ מיער אַאָנרעדן? מאַאָן האַרץ זוגט מיע׳ אַז אברם יאַנקל איז נעבעך אין פּייע׳!

אַז מ׳דאַרף פאָרן קיין גראָדזשיסק האָבן אַלע איינגעזען, כאָטש דאָס מיינט גיין זוכן אַ נאָדל אין אַ סטויג היי. וואָלט כאָטש אברם יאַנקל געווען געהאַט שכל צו שרייבן אין וועלכן פּאָלק ער איז, האָט ער בלויז געשריבן, אַז ער איז אין דער פּיעכאָטע, איז גיי, זוך. ווייניק פּיעכאָטע פּאָלקן שטייען איצט אַרום וואַרשע?

מילא, וועגן געפינען אברם יאַנקלען, וועט מען שפּעטער זאָרגן, דער עיקר איז דאָך ווער זאָל פאָרן? פון פעטער שמואל קען מען דאָך אַזוינס נישט פאַרלאַנגען. לייבל משהן וועט זעלדע נישט לאָזן פאָרן. וואָס טוט זי ווען מ׳פאַרנעמט אים חלילה? פאַפּירן העלפן דאָך היינט אַ סך! נתן חיים קען דאָך אַוודאי נישט פאָרן. זאָל ער זיך אַרויסרירן פון שטאָט פאַרנעמט מען אים. ס׳אַנדערע, ער דאַרף דאָך מיטגעבן זיין גרינעם בילעט, טאָמער, ווי אַ זאַך מאַכט זיך און מ׳קען אברם יאַנקלען אונטער־קלאַפּן פון פּאָלק אַרויס?

איז זי דאָך גערעכט, די מאַמע, זי האָט דאָך באַלד געזאָגט, אַז זי דאַרף אַליין פאָרן. אַ פרוי וועט קיין פּאַטרול נישט פאַרנעמען, אין קיין זבאָרני־פּונקט וועט מען זי אויך נישט שיקן, איז אָבער גיי, לאָז די מאַמע פאָרן, אַז זי שטייט נעבעך קוים אויף די פיס.

— זאָרגץ ענק נאָ׳ ניש׳ פאַ׳ מיע׳, — האָט די מאַמע באַרואיקט די זין. — דער אייבערשטער איז אַ נותן ליעף כוח.

— גיט, מאַמע, די פוע׳סט. אָבע׳ ווּס ׳עסטי דאָרטן אָאָפּטיען?

— נתן חיימל, יעך ׳על מיט גאָטס הילף מצליח זאַאָן. גי׳מע׳נאָר דאַאָן גרינעם בילעט.

— מאַמע, מיטן פּאַפּירל אַליין וועסטי גוניש׳ מאַכן. דאַרפסט אַאָך

מיטנעמע׳ אַנטיעכץ, ע׳ זאָל זעך קענע׳ מלביש ערומים זאַאַן, — האָט לייבל משה אונטערגעהאַלטן דעם ייִנגערן ברודער.

— יעך קלעיע׳ גוניש׳ אַנדע׳ש, — האָט די מאַמע זיך אויפגעהויבן פון ברעג בעט און שוין גענומען איינפּאַקן אין איר האַנטקויבער אברם יאַנקלס גאַרניטער, זיינע שיך, אַ גראַנאַטאַווע מאַטשעיוווקע מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק. מיט דעם קויבער אויפן אָרעם, אַ פּאַרביקע, פויערישע כוסטקע, שטאָט אַ יידישע קאַפּקע אויפן קאָפּ, איז חנה לאה צומאָרגנס באַגין איינגעזעסן אין דער באַן קיין גראַדזשיסק. ערשט איצט, אין צוג, האָט איר גענומען פיבערן דער מוח און דאָס האַרץ זיך צאַפּלען; ס׳איז טאַקע, געלויבט דער אייבערשטער, זומערלעב, די טעג זענען גרויס, אָבער די נאַכט וועט דאָך צופאַלן, ווו וועט זי נעכטיקן? אויף גראַדזשיסק זאָגט מען, האָט זיך אויך גאָטס צאָרן אַראָפּגעלאָזט ווי אויף מאַדזשיץ, אויך פון דאָרט האָט מען דאָך פאַרטריבן די יידן, צו וועמען וועט זי אַריינגיין? אַ מענטש קען דאָך נישט נעכטיקן אינדרויסן. און אַפילו בייטאָג, ווו גייט זי אַריין נאָך אַ לעק וואַסער? זי האָט פאַרהויבן די אויגן צום וואַגאָן־באַלקן:

— טאַטע זיסע׳, די ביזט דעך אַ הכל יכול, ׳אָסט אַראָאָסגעצויגן דניאלן פין לייבנגריב אין יונה הנביא פין פישס באָאָך, העלף מיע׳ אַראָאָסראַטעווע׳ מאַאַן קינד פין פאַיע׳.

זי איז אַראָפּ פון דער באַן, מיטן קויבער אויפן אָרעם, ווי אַ פויערטע, איז זי געגאַנגען לענגאויס אַ שמאָל, איינגעטרעטן סטעזשקעלע אין שטאָט אַריין. ערשט דאָרט האָט זי זיך געשלייכט איבער די גאַסן אין איין מורא. דאָס איז נישט געווען מער קיין שטאָט ווו מענטשן וווינען. ווו ס׳אויג פאַלט — צעבראָכענע הייזער, אויסגעשלאָגענע פענצטער, צעראַבעוועטע געוועלבער, די טירן און לאָדן הענגען אויף איינציקע זאַוויסעס, ווי האַלב־איינגעשניטענע אָרעמס אויף טויטע גופים.

ביים בית המדרש איז זי גאָר געבליבן שטיין אַ פאַרצאַפּלטע, אָט — אָט און זי פאַלט אין חלשות. זי האָט גאָר פאַרגעסן, אַז זי דאַרף זיין אַ גויע, אַז ס׳איז אַ סכנה מ׳זאָל זי דאָ זען שטיין זיך קנייפּן די באַקן, שאָקלען מיטן קאָפּ און קוים איינהאַלטן די טרערן אין האַלדז, אין די אויגן. ווײ צו דעם, וואָס האָט דאָס דערלעבט: אין בית המדרש — פערד! אין ארון קודש — אַ קאַרעטע! און די פערד מיסטיקן! רבונו של עולם, פאַרוואָס אַזאַ שטראָף? אַן עדה יידן איז געזעסן אין דער שטאָט, געטאָן תפילה צו דיר, געבענטשט און געלויבט דיין נאָמען, האָסטו זיי פאַרטריבן, לאָזט זיי זיך וואַלגערן אין נע ונד, אַן אַ דאַך איבערן קאָפּ און זייער שטאָט און דיין מקום קדוש האָסטו איבערגעענטפערט צו דעם פּעוול, זיי זאָלן עס פאַראומרייניקן. זע נאָר וואָס די יוונים האָבן

געמאַכט פון די יידישע הייזער, ווי זיי האָבן צעראַבירט זייער פאַרמעג, ווי זיי פילן אָן אַלע גאַסן מיט זייערע פערד און מיט זייערע כלי משחית, ווי זייערע פאַרעדיקע קעסלען פאַרשטינקען דיינע הימלען מיטן עיפּושדיקן ריח פון געפּאַרעט קרויט, פון זייער קאַשע מיט חזירגריוון און יעד, חנה לאה בת חיה, אַ כשרע, יידישע טאָכטער, מוז אין זעך אַאַנאָטעמען דאָס חזירגעשטאַנק, אין יעד האָב נאָך מורא זעך צו צוהאַלטן די נאָזלעכער, מ׳זאָל נישט זען אַז יעד בין אַ יידיש קינד.

ערשט אין אַ ווייל אַרום האָט זי זיך געכאַפּט, אַז ס׳קען ווערן אויפפאַלנד איר שטיין דאָ. מער פעלט איר נישט נאָר אַ פּאַטרול זאָל זי פרעגן, וואָס זי, אַ באַבע, שליאָנדערט זיך אַרום צווישן מיליטער, אָדער גאָר, חס וחלילה, ער זאָל אַ קוק טוען צו איר אין קויבער און זען דעם אויסשטייער, וואָס זי טראָגט מיט זיך! איז זי גיך אַריין אין מאַרק, צו די טישלעך פון די יידישע זיצערקעס, וואָס איצט זענען ביי זיי געשטאַנען ס׳גאַיעס מיט קוישן פרוכט, מיט געבעקס, מיט אלערליי צוקערקעס. איר האַרץ האָט געווייטיקט, ווײ — ווײ, ווי גיך זיי האָבן דאָס גערשנט די יידישע פּרנסות! פונדעסטוועגן האָט זי ביי איינער געקויפט אַ פערטל פונט מאָרעלן זיך צו דערכאַפּן ס׳האַרץ. צום מיטגעברענגטן שטיקל ברויט דאַרף זי זיך דאָך וואַשן און קיין יידיש הויז איז נישטאָ און ביי אַ ברונע האָט זי דאָס מורא צו טוען!

ביים אַוועקגיין פון די טישלעך איז איר פלוצעם איינגעפאַלן: זי קען דאָך מיט אַ ביסל אויבסט פאַרדעקן ס׳אָנטועכץ אין קויבער! האָט זי זיך אויסגעדרייט, איינגעקויפט עטלעכע פונט אַגרעס, מאָרעלן, אַ פונט קערשן, איצט, אַ פרוכט־פאַרקויפערין, קען זי זיך דאָך פראַנק און פריי דרייען צווישן מיליטער, אַפילו ארויסגיין הינטער דער שטאָט!

איז זי דאָס געקראָכן איבער די הינטערשטאָטישע לאָנקעס, איבער פעלדער, צעטרעטענע פון פערדישע קלאָען, פון זעלנערישע שטיוול. צענטליקער טויזנטער פאָניעס האָבן דאָ אַרומגעראָיעט ווי מוראַשקעס. ווער פון זיי ס׳האָט געטראָגן וויאַדרעס וואַסער אַנצופּאָיען די פערד און ווער ס׳האָט, זיצנדיק אויפן גראָז, געגעסן מיט האָלצערנע לעפל די יושקע פון קעסעלעך אַרויס. ווער ס׳האָט געשפּילט אין קאָרטן און ווער, ווי קליינע יינגלעך, אין שפּרינגעלעך איינער איבער אנדערן. אַנדערע זענען גאָר געזעסן אין קרענצלעך אַרום אַ זעלנער און שטיל זיך איינגעהערט אין זיין טרויעריק גרימפּלען אויף אַ באַנדורע.

אויך זי, חנה לאה, איז געבליבן שטיין אַ פאַרכאַפּטע פון דעם נאָגענדיקן שפּילן. אָרעמע, — האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף די אַרומזיצנדיקע זעלנער, כאָטש עשו, זענען זיי דאָך אויך מאַמעס קינדער.

זיי בענקען דען נישט אַהיים ווי איר אברם יאַנקל? זייערע מאַמעס ווינען זיך דען נישט אויס די אויגן אויף זיי?

— העי, מאַטיושקאַ, וואָס שליאָנדערסטו זיך דאָ אַרום?

— איך פאַרקויף פּרוכט, — האָט זי געוויזן דעם זעלנער אויף דעם אויבסט אין קויבער.

זי איז אַוועק פון דעם קרענצל. אַ דערשלאָגענע האָט זי ווייטער געגישמערט מיטן בליק. ווער ווייסט, אפשר איז גאָר אברם יאַנקל דאָ נישטאָ? זי איז אַריבער דעם וועג אויפן צווייטן פעלד. גאָט ווייסט צי ר'איז שוין נישט, נעבעך, אויפן פראָנט!

אינמיטן די טראַכטעגישן האָט זי פּלוצעם דערפילט אַ ריר אין אַקסל. זי האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ:

— אברם יאַנקל!

— ש, ש, ש, — האָט ער צו איר געוווּנקען און הויך אויפן קול זי אַ פרעג געטאָן: — פּאַטשאָם קרוזשעווניקי? (ווי טייער זענען די אַגרעס?)

לפנים האָבן מאַמע און זון געהאַנדלט, אָבער אינמיטן דעם האַנדלען, אינמיטן דעם רוסיש רעדן, האָט די מאַמע שטיל איינגערוימט דעם זון צוואָס זי איז דאָ געקומען.

דאָס אומגעריכטע דערזען די מאַמע, דאָס הערן צוליב וואָס זי האָט זיך דאָ אַזוי אומגעריכט באַוויזן, האָט אברם יאַנקלען צעמישט. דאָס אָנגעלאָפענע בלוט אין קאָפּ האָט אים געהאַקט אין די שלייפן ווי מיט האַמערס. מיט אַלע כוחות האָט ער באַצוווּנגען די הענט זיינע, זיי זאָלן נישט אַזוי ציטערן ביים מאַכן זיך קלייבן מאַרעלן פון דער מוטערס קויבער, דערביי האָט ער זייטיקלעך נישט אַראָפּגענומען דעם בליק פון איר, ווי בלאַס זי איז! די רויטע קוויטן פון דער פויערישער כוסטקע אויף איר קאָפּ, האָבן גאָרנישט פאַרענדערט איר געזיכט. אַ בלינדער קען אויך זען, אַז זי איז אַ יידישקע און זי, שלאָפערהייט, איז געקומען אים ראַטעווען!

— אָסמ געבערענגט אַנטועכץ?

— כ'אָב אַלץ, אָבע' ווי קימט די קאַץ איבערן וואַסע'?

אברם יאַנקל האָט געגעסן אַ מאַרעל, געמאַכט זיך קלייבן אין קאָרב נאָך, אָבער זיין מוח האָט געפיבערט: זאָל ער איינשטעלן? טאָמער כאַפּט מען אים? און אַפילו? וואָס וועט ער פאַרלירן? מ'עט אים פאַרשיקן אין תפיסה? הלוואי! מ'עט אים שיקן אויפן פראָנט? אַ ליאַדע טאָג גייט סיי ווי זיין פּאָלק אָפּ! וואָסזשע שטעלט ער דאָ איין? בפרט אַז מ'היט אים נישט מער. זינט דער פּאָלק איז אַרויס פון צוג, האַלט אים קיינער נישט מער אויפן אויג. ער האָט אַ מורמל געטאָן:

— מאַמע, מ'טו'נישט שטיין. גיי מיע' נועך, נאָר אָפּגעריקט.

צום ערשט איז אַוועק אברם יאַנקל, אין אַ ווייל אַרום האָט זי אים גענומען נאָכהיפּערן צווישן די זעלנער־געזעמלען. בײדע זענען זיי אַרויס אויפן שאָסיי. קוקנדיק אויפן זון פון הינטן, אין דעם צו גרויסן זעלנערישן קאַשקעט, אין דעם גרינגלעכן כאַקי־העמדל, פאַרצויגן הינטן אין אַ באַרג מיט פאַלבן, פאַרנומען מיטן רימען און אַראָפּהענגענדיק איבער די ברייטע, האָריקע פּלודערן, פאַרשטעקטע אין די גרויסע, זעלנערישע שטיוול, האָט זי ערשט געזען ווי מיזערנע־קליין אברם יאַנקל איז נעבעך. וויי דער מאַמעס האַרץ, — האָט זי אין דער שטיל אים באַזיפצט, ווי ער זעט נעבעך אויס! ווי דער טאַטע זיינער, ווי דער עלטערער ברודער, עסט ער דאָך אויך נישט די טרייפענע יושקע זייערע, דאַרט ער דאָך אָפּ די טעג, פון וואַנעזשע זאָל ער האָבן כוח צו דינען דעם קיסר?

די נאַכט איז גיך צוגעפאַלן. אברם יאַנקל האָט זיך אַריינגעדרייט אין אַ זייטיק געסל און די מאַמע נאָך אים. איצט, אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט. אין דעם פאַרלאָזענעם, אָפּגעלעגענעם איליצקאַלע, האָבן מאַמע און זון זיך אויסגעגלייכט, אַקסל צו אַקסל. אָבער וווהין גייט מען? זי האָט געכאַפּט אַ קוק אין איר רעכטער זייט:

— אפשר דו, אברם יאַנקל?

ס'איז געווען אַ פאַרלאָזענע, האַלב־איינגעפאַלענע שטאַל. זי וואָלט אַוודאי ליבערשט מיט אים אַריין אין אַ הויז, ווו ס'איז דאָ אַ מזוזה. אָבער ווי קען זי איצט קלייבן? ס'אַנדערע, די מחבלים האָבן דאָך אַראָפּגעריסן יעדן סימן פון אַ יידיש הויז.

זיי זענען אַריין אין דער שטאַל. ס'מיסט אונטער די פיס האָט טרוקן געשאָרשעט, אַ סימן אַז שוין לאַנג ווי דאָ איז קיין פערדישער דוך נישטאָ.

— בלייב ביי דער טיר, — האָט אברם יאַנקל שטיל איר איינגערוימט, גענומען דעם קויבער און אַליין מיט אים פאַרלוירנגעוואָרן טיפער אין דער פינטצערניש אַריין.

— נאָ׳ מיט רחמים, טאַטע דאַ׳באַרעמדיקע׳, — האָט חנה לאה מיט פאַרהויבענע אויגן געמורמלט אַרויף צום דאַך־בוידעם, אַ געלעכערטער, מיט שטיקער טונקל־בלויען הימל צווישן די שינדלען.

אין אַ קורצער ווייל אַרום איז אברם יאַנקל צוריקגעקומען פון דער טיפער פינצטערניש און בײדע זענען זיי אַרויס פון שטאַל, אַן אַלטע גויע מיט אַ יונגן שייגעץ זענען צעזאַמען אַרויס פון אַ פינצטער געסל און אַוועק צו דער באַן.

קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק

וואַרשע איז געווען איין ריזיקער לאַזאַרעט. צו די שטענדיקע שפּיטעלער אין שטאָט האָט נאָך די רוסישע מיליטער־קאָמאַנדע אויפגעשטעלט לאַזאַרעטן אין ברעזענטענע פּאַלאַטעס אַרום ציטאַדעל, אין פּראַגע, אין מאָקאָטאָוו. טויזנטער און טויזנטער זעלנער זענען דאָרט געלעגן פאַרווונדעטע, צעקאַליעטשעטע, אַ סך מיט אָפּגעשאָסענע אבֿרים. אין די בלוט־דורכגעווייקטע באַנדאַזשן, פיל כאָרכלענדיקע אין זייער לעצטער גסיסה, האָבן די גראַניעטע אויסגעפּילט די בעטן, זיך געוואַלגערט אויף די שטיינערנע דילן, אין די קאָרידאָרן, אין די גראָזן אינדרויסן.

די קראַנקנשוועסטער, די שפּיטאָלבאַדינער, די ווייניקע דאָקטוירים, וואָס זענען נישט געווען מאָביליזירט אויף די פראָנטן, אַלע האָבן זיי אַרומגעפּאַדעט צווישן די חולאים, אָפּערירט, אַמפּוטירט הענט, פיס, פאַרנייט בייכער, פאַרלאַטעט ווונדן פון אָפּגעשאָסענע אויערן, פון צעמאָרשטשעטע פּנימער, צוריק פאַרבאַנדאַזשירט און אַדפּראַוועט די קראַנקע צו דער באַן, אָוועקגעפירט צו ווערן אויף היילונג ווייטער אין לאַנד, אַרויס פון פּוילן, אין די שפּיטאָלן פון מינסק, פון קיעוו, פון כאַרקאָוו, אַפילו קיין מאָסקווע, כדי וואָס גיכער אָפּצולײדיקן די בעטן, די ערטער אויף די דילן פאַר אַנדערע פאַרווונדעטע, פרישגעבראַכטע פון די פראָנטן.

וואַרשעווער יידן האָבן אי געזיפצט, אי געלאַכט. געזיפצט אויף דער שחיטה, אויף דעם ווילדן מלחמה־פייער, וואָס צעפלאַקערט זיך מיט יעדן טאָג אַלץ העלישער, פאַרשלינגט הונדערטער טויזנטער יונגע לעבנס. ביי איין טאַנענבערג האָט דאָך די רוסישע אַרמיי פאַרלוירן העכער הונדערט טויזנט בלויז אין טויטע!

און געלאַכט האָבן יידן אויף פאַניעס פאַרשטאָכענע שליפּיעס. אַ וועלט זעט טאָג איין און טאָג אויס פאַרבייציען באַנען, איבערגעפּאַקטע מיט פאַרווונדעטע סאָלדאַטן, אין די שטעט הערט נישט אויף דאָס געפּאָרעריי און דאָס געטרובעריי פון סאַניטאַרן־קעטשלעך מיט די רויטע קרייצן צו און פון די שפּיטעלער און די מיליטער־קאָמאַנדע מאַכט זיך געפּגרט, ראַפּאָרטירט יעדן טאָג אין די קריגס־באַריכטן דעם אייגענעם פּזמון: מיר זיגן! מיט אונדזערע בלויזע היטלען וועלן מיר פאַרטרייבן דעם פיינט פון דער הייליקער, רוסישער ערד!

אָט, פון די באַריכטן האָבן דאָס יידן געלאַכט און לצים האָבן גאָר די באַריכטן אויסגעבעסערט: נישט מיט די היטלען, וואַנקע דאַרף בלויז טוען אַ בלאָז, וועלן אַלע פּרייסן אַנטלויפן צוזאַמען מיט קירה.

איז אָבער יידן דאָס ביסעלע געלעכטער נישט באַקומען. וואָס גרעסער די רוסישע מפּלות אויף די פראָנטן, אַלץ שאַרפער זענען געוואָרן די גזירות קעגן יידן. דאָס אָפּשטעלן אַלע יידישע בלעטער, דאָס פאַרבאָטן אַ מינדסט צייטונגל מיט יידישע אותיות, דאָס זענען דאָך געווען געזונטע צרות. שאַרפער, ווייטיקלעכער איז געווען דאָס כסדרדיקע פאַרטרייבן יידן פון זייערע וווינערטער. אַפילו שטעט, ווייטע פון די מיליטערישע אָפּעראַציעס, האָט אויך פּאַניע נישט געשוינט. און אַזוי ווי וואַרשע, ווי אַנדערע גרויסע שטעט, זענען שוין געווען איבערפול מיט די פריערדיקע אַנגעלאָפענע היימלאָזע, האָבן די פריש פאַרטריבענע זיך געוואַלגערט טעג און נעכט אויף די וועגן, הפקר צו קלעפּ און שטיינער פון פאַרוויל־דיקטע פּאָליאַקן און אַן אַנרעג פאַר דעם פאַרבייציציענדיקן מיליטער זיי צו ראַבירן, צו שענדן און פאַראומרייניקן יידישע ווייבער, יידישע טעכטער.

און עס האָט אויך נישט אויפגעהערט דאָס אַרעסטירן יידן, אַלטע און יונגע און אַלץ אויף דעם בלבול, אַז זיי זענען שפּיאָנען, אַז מיט זייער דאַווענען און שאָקלען זיך, מיט זייער פאַרהויבן די אויגן צום הימל, מיט זייער לאַנגן ציען אויפן קול: „אחד”, גיבן זיי סיגנאַלן צום שונאס עראָפּלאַנען. און טאָמער איז דאָס געווען וויניק האָבן זיך נאָך אונטער־געדרוקט די צרות פון עוואַקואַציע, פון אָפּשטעלן די שטיצע, וואָס דער טאַטיאַנאַ־קאָמיטעט האָט אין די לעצטע חדשים געשיקט פאַר די היימלאָזע.

אַז דער שונא האָט זיך גענומען רוקן טיפער אין פּוילן, האָט די רוסישע מיליטער־קאָמאַנדע אָנגעהויבן עוואַקואירן יענע פאַבריקן און וואַרשטאַטן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער אַרמיי. טאָג און נאַכט האָבן איבער די וואַרשעווער גאַסן געצויגן וועגן און פּלאַטפאָרמעס, הויכגע־לאָדענע מיט מאַשינען און געשטעלן, מיט באַלן כאַקי־שטאָף און דיקע לעדער־יוכטן, וואָס באַנלייט האָבן געלאַדעוועט אין וואַגאָנעס און אָפּגע־שיקט אין די שטעט פון רייסן, פון אוקראַינע און אַפילו קיין טיף רוסלאַנד.

דאָס ווינציקע ביסל פּרנסה, וואָס איז יאָ נאָך געווען אין פּוילן, איז אַזוי אַרום אויך אַוועק, צוגענומען! איז אָנגעשטאַנען אַ הונגער. מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען שלינג און שלאַנג, נישט געהאַט ביי וואָס צו פאַרדינען אַ גראָשן און אַ פונט ברויט, אַ פונט קאַרטאָפל איז געוואָרן מיט גאָלד צוגלייך.

און ווי דער דוחק אויף עסנוואַרג אַזוי איז געשטיגן דער דוחק אויף

סחורות. פריער נאָך, ווען די פאַבריקן אין פוילן האָבן געאַרבעט אויף דער גאַנצער פּאַרע, איז שוין געווען שווער צו קריגן אַ פּאָר שיך, אַן אייל געוואַנט, בפרט איצט, ווען אַ גרויסער טייל פון די פאַבריקן זענען אַרויסגעפירט געוואָרן און די, וואָס זענען געבליבן, האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט, נישט עס דרייט זיך אַ ראָד און נישט עס רויכערט אַ קוימען.

און אַזוי איז דאָך שוין פון אייביק אָן, ווו נאָר אַ דוחק, דאָרט קומט אויף דער שוואַרצער מאַרק. אויב נישט הינטנאַרום, האָט מען גאָרנישט געקענט קריגן, און הינטנאַרום זענען די פרייזן געשטיגן אין הימל אַרייַן. פּיפּיקע אונטערנעמער האָבן אײַנגאַנצן אויפגעהערט עפּעס צו פּראָדוצירן און זענען גאָר געוואָרן סוחרים, שפּעקוליאַנטן. ווען דער שיך־פאַבריקאַנט האָט געזען אַז איידער נאָך ער האָט פאַרטוען דאָס ביסל לעדער איז שוין דער פּרייז פון דעם געשטיגן פיר און פינף מאָל, וואָס ער האָט געצאָלט, האָט ער שוין די לעדער נישט געוואָלט אויסאַרבעטן. דעסטגלייכן — דער קליידער־פאַבריקאַנט. האָט זיך אָנגעהויבן דאָס וויסטע געווירבל, וואָס מלחמות יאָגן אייביק אָן. אַ פּעקל סחורה, לעדער צי געוואַנט, פאָדעם פאַרן שפּינער, צי קנעפּלעך צו מלבושים, יעדערס פּיצל סחורה האָט גע־קענט ליגן אין אַ שפּאַכלער אומגערירט, קיינער זאָל עס אַפילו אויף די אויגן נישט אָנזעען און דאָך איז עס געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. דער סוחר, וואָס האָט עס איצט פאַרקויפט, האָט עס אין אַ שעה אַרום קריק געקויפט אויף אַ העכערן פּרייז, כדי באַלד עס ווידער צו פאַרקויפן אויף נאָך אַ העכערן ריווח.

אַלטע סוחרים, ראַיעלע געשעפטסלייט, כאַטש זייערע סקלאַדעס און געוועלבער זענען געווען אויסגעליידיקט, פּינצטער און פאַרמאַכט און זיי האָבן געגאַרט צו טוען מסחר, האָבן זיי זיך אָבער צו דעם האַנדל נישט צוגערירט. אדרבא, זיי האָבן נאָך געוואָרנט אַנדערע אַז דער פּאַסעק מוז פּלאַצן! אַזאַ קאַפּשווינדלדיקער מסחר קען נישט האָבן קיין קיום, אָבער ווער האָט זיי געוואָלט הערן, אַז אין מאַרק האָט איצט געהערשט דער אויפגעקומענער מלחמה־גביר, דער ספּעקוליאַנט, וואָס פרעסט און זויפט, וואָס זיין תורה איז: היום חי, מחר בקבר!

מילא, לייבל משה האָט זיך נאָך ווי עס איז אַן עצה געטאָן. אַז די אינטענדאַנטור מיט די פּאָדראַטשיקעס זענען אַוועק און ער האָט נישט געהאַט מער ביי וועמען ארויסצונעמען קיין אַרבעט, איז ער אַרויס אויף דער גענשע, אויף די נאַלעווקעס, אויף די פראַנצישקאַנער, געטאָן אַ שמעק דאָ, אַ שמעק דאָרט און אויך געוואָרן אַ סוחר. ווער איז דען היינט נישט קיין סוחר? אַלע שפּילן אויפן פּאַסעק, קויפן אויף בלינד און פאַרקויפן אויף בלינד, וועט ער אויך אַזוי טוען. זיצן און אויפעסן דעם נדן, די עטלעכע הונדערט קערבלעך אייגענע איז מער חכמה?

נתן חיים האָט אָבער אַזוי גישט געקענט טוען. ער האָט נאָך נישט קיין נדן און קיין אייגענע הונדערטער קערבלעך האָט ער אויך נישט. נאָר ווען יאָ? וואָלט ער געקענט ווערן אַ פּאַסקאַרזש? האָט ער זיך אַרומגעדרייט שלינג און שלאַנג צוגלייך מיט די הונדערטער טויזנטער באַלמעלאָכעס אין פּוילן, יידישע ווי קריסטלעכע. נישט איינמאָל האָט ער דאָן געטראַכט ווי גערעכט די מאַמע איז געווען מיט איר איינשפּאַרן זיך צו קריגן שטיצע. ווען זי וואָלט אים דענצמאָל געפאָלגט, וואָלט אין שטוב נישט געווען קיין שטיקל ברויט, כאָטש ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי: ברויט. צו זיין פּאַרדינסט האָבן אין דעם יקרות די דריי און אַ האַלב קערבלעך שטיצע קוים געקלעקט אויף אַ ביסל קאַרטאָפל מיט הירזש אָדער גרויפּן. איצט אָבער איז גאָר ביטער. לא די וואָס די אַרבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט נאָך אויפגעהערט די שטיצע אויך! דער יידישער טאַטיאַנאַ־קאָמיטעט אין פּעטערבורג האָט, זעט אויס, פריער נאָך ווי די מיליטערישע קאָמאַנדע, אויפגעגעבן פּוילן מיט אירע הימלאָזע יידן, געלאָזט זיי אין זייער נויט און דחקות.

וואָס דענצמאָל האָט זיך אָפּגעטאָן אויף דער גזשיבאָווסקע, פּאַר דער יידישער גמינע, די געשרייען דאָרטן, די געוויינען און ספּאַזמען פון די הימלאָזע, מאַנצלייט ווי ווייבער און קינדער, די יללות האָבן געקענט הימלען שפּאַלטן! וואָס אָן אמת, די מאַמע זיינע, האָט אים, נתן חיימען, דאָסמאָל איינגעשוינט די בושה, דעם האַרצווייטיק און זי איז צו דער געמינע וויינען נישט געגאַנגען. אינדערהיים אָבער, קיינער זאָל נישט זען, האָט זי זיך געריסן די נעגל פון די פינגער, געביסן די ליפּן ביז בלוט:

— טאַטע דאַ׳באַרעמדיקער! — האָט זי זיך אויסגעטענהעט מיטן רבונו של עולם, — ׳אָסט מיעך נאָך אַלץ ניש׳ געניג געשטראָפט? מילא, יעך בין זינדיק, אָבע׳ מאאנע קינדע׳? פאַ׳ וועמעס זינד קימע׳ זיי נעבעך אָפּ?

מיט די טענות צום רבונו של עולם איז דערווייל אַוועק אַ טאָג, אַ וואָך און קיין שינוי האָט זיך אַלץ נישט געזען. מילא, פון ברויט רעדט זי שוין נישט, אָבער אַ קאַרטאָפל? און וואָס וועט זיין ווייטער? און ווי לאַנג קען מען אַזוי הונגערן? אמת, די קינדער, קלוג ווי דער טאָג, מאָנען זיי נישט קיין עסן. אדרבא, זיי טרייסטן גאָר זי, די מאַמע! אַפילו דאָס קליינע פרומעטל זאָגט איר:

— ווייך ניש׳ מאַמע, יעך וויל ניש׳ עסן.

זי קען זיך, חלילה, נישט באַקלאָגן אויך אויפן עלטסטן זון. לייבל משה געדענקט אָן דער שטוב. כאָטש זי, די מאַמע, דאַכט נישט פּאַר אים מיט קיין וואָרט וועגן דער נויט, קומט ער פון מאָל צו מאָל אַרויף אין

שטוב און לאָזט איר איבער צוויי קערבלעך. אָבער אויף וואָס קלעקן היינט צוויי רובל? ערשט נאָכן זונס אַוועקגיין וויינט זי זיך גוט אויס:

— טאַטע זיסע׳, נאָ׳ ניש׳ לידי מתנת בשר ודם!

ס׳איז אָבער נישט אין חנה לאהעס טבע אָפּצוקומען בלויז מיטן בעטן דעם רבונו של עולם. זי טענהעט דאָך שטענדיק, אַז ער אין הימל זאָגט: מענטש טו ׳על איך דיר העלפן צו. אַז זי האָט געזען עס וועט נישט קיין שינוי, נתן חיים האָט אַלץ נישט ביי וואָס צו פאַרדינען אַ גראָשן, האָט זי גענומען לייבל משהעס צוויי קערבלעך און, שטאָט זיי אויסגעבן אויף עסן אין שטוב אַריין, איז זי גאָר אַוועק מיט זיי אויף דער וואָלאָווקע האַנדלען. ס׳האַרץ טוט טאַקע ווי צו לאָזן די קינדער הונגערן, זי מוז דאָס אָבער טוען! מיט די צוויי קערבלעך קען זי עפּעס פאַרדינען. דער אייבערשטער שפּייזט אַ ווערעמל אונטער דער ערד, וועט ער זי אויך נישט פאַרלאָזן!

דאָס גיין אירס אויף דער וואָלאָווקע איז נישט געווען אַזוי פּלוצים. חנה לאה האָט גיך איינגעזען וואָס ביי די היימלאָזע טוט זיך אָפּ זינט די שטיצע האָט אויפגעהערט. וואָס די לאַנגע חדשים היימלאָזיקייט האָט צווישן די אַרויסגעטריבענע נישט געקענט דערגרייכן, האָט דער אָנגעשטאַנענער הונגער ביי זיי דערגרייכט אין געציילטע טעג. כל זמן זיי, די היימלאָזע, האָבן געקראָגן דאָס ביסל שטיצע, האָבן זיי געקענט, צוגלייך מיט די איינגעזעסענע משפּחות, דערהאַלטן די בכבודיקייט פון מענטש, היטן דאָס ביסל מלבושים וואָס יעדער האָט מיטגענומען אין לאַנגן וואָגל אַריין צו האָבן איבערצוטוען אַ העמד נישט צו ווערן פאַרוואָרלאָזט, פאַרלויזיקט. איצט האָט דער הונגער איינס און צוויי צוגעבראָכן. גערעגט די מענטשן זיי זאָלן ביסלעכווייז אויפגעבן דאָס ביסל מענטשלעכע בכבודיקייט. געטריבן פון דער נויט, איז אַלעמאָל אַן אַנדערער געגאַנגען אויף דער וואָלאָווקע פאַרקויפן עפּעס פון זיך אַראָפּ, אַבי איבערצוקומען אַ טאָג.

די וואָלאָווקע, דער וואַרשעווער מאַרק פון ביטערסטער אָרעמקייט, האָט מיטאיינמאָל אויפגעבליט! נישט נאָר די שטענדיקע הענדלער און הענדלערקעס, פּויערים פון די דערפער אַרום האָבן גיך דערשמעקט די אָנגעשטאַנענע מיחיה. געגנוי ווי דער קאָרשון, דער רויב־פויגל דערשמעקט דעם קראַנקן, דעם פאַרהונגערטן מדבר־גייער און ער נעמט קרייזן אַרום זיין קאָפּ, גרייט אים צו פאַרצוקן, ווי נאָר ער וועט הילפלאָז אַוועקפאַלן, אַזוי זענען פּויערים געקומען אויף דער וואָלאָווקע גרייט אָפּצוקויפן דאָס לעצטע העמד פון געטריבענעם ייד. און גראָד צו די פּויערים האָט דער היימלאָזער גיכער פאַרקויפט. זיי האָבן נישט געצאָלט מיט געלט, וואָס ס׳איז שווער מיט דעם עפּעס צו קריגן, נאָר מיט עסנוואַרג האָבן זיי געצאָלט. אַזויפיל קאַרטאָפל פאַר אַ העמד, אַזויפיל גרויפּן אָדער מעל פאַר אַ סטאַניקל, פאַר אַ פּאָר הויזן.

אָט דאָס פֿאַרקויפֿן פֿון זיך אַראָפּ אַ בגד צו קענען דערהאַלטן די נשמה כאָטש חיי־שעה, איז געווען דער אָנהויב אין דער צעפֿאַלונג פֿון אַ סך יידישע געזינדן. און זי, חנה לאה, האָט דאָס געזען און פֿאַרשטאַנען, אַז אויך ביי איר קען דאָס, חלילה, געשען. ווי לאַנג קען דען אַ מאַמע איינהאַלטן אירע הונגעריקע קינדער? אַז עס גייען אַוועק טעג און אין שטוב זעט מען נישט קיין ביסל פֿייער אונטער דער פּליטע, קיין שטיקל ברויט פֿאַר די אויגן, איז אַ חידוש, אַז קינדער לאָזן זיך אַרויס אין די גאַסן בעטלען? און דאָס בעטלען העלפֿט דען? חוץ די פֿאַסקאַרזשעס האָט דען ווער צו געבן אַזאַ קינד אַ שטיקל ברויט אין אויסגעשטרעקטן הענטל אַריין? וואָסזשע ווערט פֿון די קינדער? אַ סך פֿון זיי קערן זיך שוין מער נישט אום צוריק אַהיים. די קלענערע בלייבן שוין זיך וואַלגערן אין די רינשטאָקן. די גרעסערע ווערן גנבים און די אונטערגעוואַקסענע מיידלעך פֿאַלן אַריין אין די הענט פֿון אַלפֿאָנסן, פֿון באַרדעלניקעס. וועט זי, חנה לאה, דערלאָזן אַזוינס זאָל, חלילה, געשען אויך צו איר? אסתר פּערעלע איז דאָך שוין אין פֿופֿצנטן יאָר!

איז זי דאָס מיט לייבל משהעס צוויי קערבלעך אַוועק אויף דער וואָלאָווקע האַנדלען. אמת, קיין גאַרניטערס, קיין מאַנטלען, אַפֿילו קיין לייטיש קלײדל, האָט זי מיט דעם פֿאַרמעג נישט געקענט גרייכן. אָבער אַ העמד איז אויך סחורה און אַ סטאַניקל אַוודאי! האָט זי דערווייל געקויפֿט און פֿאַרקויפֿט וואָס זי האָט געקענט, אַבי זי איז דעם ערשטן טאָג אַהיימגעגאַנגען מיט עטלעכע גילדן ריווח און ביסלעכווייז איז איר אָרעם געווען באַהאָנגען מיט אַלערליי אָנטועכץ און צוגלייך מיט אַנדערע הענדלערקעס האָט זי אויך געשריגן:

— האַנדעל, האַנדעל!

אמת, דאָס איז איר נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען. ווי אַמאָל די מאָדשזיצער סוחרימלעך יערמע דודן, אַזוי זענען דאָ די הענדלער און הענדלערקעס זי באַפֿאַלן און זי געוואָלט פֿאַרטרייבן פֿון מאַרק. זי אָבער האָט זיי געהערט ווי דעם קאָטער. אויך זי, ווי אַמאָל יערמע דוד אין מאָדזשיץ, האָט זיך קעגנגעשטעלט?

— וואָסי, ס'איז ענקע' וואָלאָווקע? מאַאַנע קינדע' ווילן אָאַך עסן! עץ עט מיעך פֿין דאַנעט ניש' אַרופּטראַאַבן!

קאַפּיטל פּיראונצוואַנציק

נישט לאַנג נאָך אברם יאַנקלס אהיימקומען, האָט זיך אומגעריכט אָרײַנגעשטעלט אויך דער טאַטע. אַרויפגעבערענגט אים צו דער מאַמען אין שטוב האָט לייבל משה, דער עלצטער זון, וואָס ערשט נאָך זיין בריוו מיטן אַדרעס אויף צוריק, האָט עס דער טאַטע געוווסט ווּהין צו פאַרפאָרן.

ער האָט אַ קוש געטוען די מזוזה, אָוועקגעלייגט טלית און תפילין אויפן טיש און, איידער נאָך ער האָט זיך געפרעגט אויף דער מאַמען, זיך נאָך רעכט נישט אָפּגעפרייט מיט די קינדער, האָט ער זיך שוין גענומען אַרומקוקן אין דער שטוב, וואָס ס׳ווייב האָט זיך דאָ געדונגען. ער האָט געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן: הם, הם, אַ גאַנץ שיינע דירה און זיך שוין איינגעשטעלט אויך! ווו האָט זי גענומען נאָך אַ בעטל, אַ קליידער־שענקל? און אַ וואַסער־קראַן האָט זי אויך אין שטוב. זיך דאָ באַזעצט אויף אַן אמת, חנה לאהעלע!

— וויפל גייט דאָס שטיבל? — האָט ער געפרעגט דעם זון.

— וויפל עס גייט איז עס אַ מציאה.

— יעך קען שוין די וואַרשעווע׳ מציאות! אין ווי איז די מאַמע?

— די מאַמע האַנדלט אָף דע׳ וואָלאָווקע! — האָבן די צוויי קלענערע מיידלעך ווי אין כאָר אַרויסגעבאַצט מיט דער נייעס.

— אָף דע׳ וואָלאָווקע? — האָט יערמע דוד איבערגעפרעגט דעם זון און דערביי געטראַכט: חנה לאהעלע קלערט שוין צו בלייבן ווינען אין וואַרשע!

— ווּס חידושסטי דעך, ווּס די מאַמע האַנדלט אָף דע׳ וואָלאָווקע?

— האָט דער זון ווי אויסגערעדט דעם טאַטן. — די ווייסט דען ווּס אין וואַרשע טיט זעך?

— ווּס טיט זעך דו מעיע, ווי ערגעץ אַנדע׳ש?

— ווּס דו טיט זעך? צעינטליקע׳ טאָאָזנטע׳ היימלאָזע וואַלגערן זעך דו! פאָניע האָט דעך אַראָפּגעפּיע׳ט די פאַבריקן, אין טאַמע׳ ׳אָסטי וויינע, ׳אָט מ׳נאָך אָפּגעשטעלט צי טיילן שטיצע אָאָך!

— בין יעך דעך געקימע׳ קאַ וואַרשע אין דע׳ רעכטע׳ צאַאַט, — האָט דער פאָטער באַדויערלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וווס שטייט עץ אינמיטן שטיב? — האָט אסתר פּערעלע אונטער־געטראָגן דעם טאַטן די איינציקע שטול און דעם ברודער די טאַבורעטקע.

— די מאַמע גייט! — האָט דאָס קליינע פרומעטל אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענטלעך, דערזעענדיק די מוטער דורכן פענצטער און איז גלייך אַרויס צו די טרעפּ.

דאָס קינד ווייסט שוין, זינט די מאַמע האַנדלט און האָט אַן אייגענעם גראָשן אין קעשענע, קומט זי נישט אַהיים מיט ליידיקן. זי ברענגט נישט, חלילה, ווי די רייכע מאַמעס, קיין שאָקאָלאַדקעס, קיין שפּילעכלעך, זי ברענגט אָבער יאָ אַ ווייס זעמעלע, כאָטש איינס פאַר אַלע דריי מיידעלעך. זי ברענגט אויך מיט אַ ביסל קאַרטאָפל, קאַשע אָדער גרויפּן אָפּצוקאָכן וועטשערע.

אַז די קליינע פרומעטל און נאָך איר רחלע זענען אַרויסגעלאָפן אַ קעגן דער מוטער, האָט זיך אויך ירמע דוד, צוגלייך מיטן זון, אונטער־געהויבן אַ קוק צו טוען, דורכן זומערדיק־צעעפנטן פענצטער, אַראָפּ אויפן הויף. חנה לאה האָט דאָרטן געטשאַפּעט אַ באַהאָנגענע אויפן אַקסל, אויפן לינקן אָרעם מיט די אַלטוואַרגן, וואָס זי האַנדלט איין. אויפן רעכטן אָרעם איז איר געהאָנגען דער שוואַרץ־צעראַטענער קויבער מיט דעם איינקויף איינעווייניק.

ווי זיי אַראָפּ, אַזוי האָט חנה לאה געהאַט פאַרהויבן דעם בליק אַרויף. אַז די אַנגעלאָפענע קינדער האָבן איר געזאָגט ווער ס׳איז געקומען, האָט זי געכאַפּט אַ קוק צו איר פענצטער, אויפן צווייטן שטאָק דאָרט. צו וואָס זאָל זי לייקענען? דערזעענדיק ירמע דודן האָט זי דערפילט אַ שטאָך אין האַרץ: וויי, וויי, ווי ער זעט אויס! ווען איז ער אַזוי גרוי געוואָרן?

אויך אים, ירמע דודן, האָט אַ טיאָכקע געטאָן ס׳האַרץ, ביים דערזעען חנה לאהען. זי איז נאָך אַלץ זעט אויס שלאַף, קוים, קוים זי שלעפּט נעבעך די פיס.

אַז חנה לאה מיט די צוויי מיידעלעך זענען אונטן פאַרשוואונדן אין פעדערהויז אַריין און געגומען גיין מיט די טרעפּ אַרויף, האָבן פאָטער און זון זיך קריקגעזעצט שמועסן וואָס אַלץ אין דעם וואַרשע איז זיך פאַרלאָפן:

— וואָלסט באַדאַרפט זעיען ווי די היימלאָזע וואַלגערן זעך דאָ ארים. אין איין סאַליע, אָף דע׳ נאָוויניאַרסקע גאַס, ליגן אָפּגעוואָרפן אַכט הינדע׳עט גראַדזשיסקע׳!

— יעך באַדאַרף גיין אָף דע׳ נאָוויניאַרסקע? ווייניק ׳אָב יעך געזעיען אין קאַרעוו?

אינמיטן דעם שמועס צווישן טאַטן און זון זענען אַנגעלאָפן די מיידעלעך און באַלד נאָך זיי איז אַרייגעקומען חנה לאה:

— ס׳קאַצל קימט, — האָט זי באַגריסט דעם מאַן און אַ קוש געטוען די מזוזה. — ווּוס מאכסטי? ביזט שוין לאַנג דו?

— ווּוס זאָל יעך מאַכן? — האָט יערמע דוד געהויבן די אַקסלען ווי אין פאַרלעגנהייט צי ער זאָל זיך יאָ אָדער נישט אויפשטעלן איר אַנטקעגן צו גיין.

— ער אי׳ געקימע׳ מיטן פינווע׳ צוג. זעלדע ׳אָט געמאַכט טיי, דאַ׳נועך אָב יעך עים אַראָפּגעפּיע׳ט אַהעיע׳, — האָט לייבל משה געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט צום גיין.

— ווּוס לויפסטי שוין? — האָט די מאַמע כלומרשט זיך געוווּנדערט וואָס דער זון איילט זיך, כאָטש זי האָט ווויל געוווּסט אַז דאָס איז צוליב זעלדעלען. דער שנור שמעקט זייער נישט, וואָס דער מאַן אירער קומט אַמאָל אַרויף צו דער מאַמען.

חנה לאה האָט אַראָפּגעלייגט אויפן בעט דאָס ביסל סחורה פון איר אַקסל און אָרעם. איר איז גאָרנישט איינגעפאַלן אַז יערמע דוד זאָל אַזוי נייגיריק, פון וויטנס, באַטאַפּן מיט זיין בליק יעדערס העמד, יעדערס סטאַניקל, וואָס זי האָט דאָ אָוועקגעלייגט. דער אַלטוואַרג־הענדלער, וואָס ער איז, האָט אים אַפילו געשטורכעט צו צוגיין נענטער זען מיט וואָס חנה לאהעלע האַנדלט דאָ. ער האָט דאָס אָבער נישט געטאָן. זי איז אַזוי אויך ביי זיך פאַרריסן, זאָל זי נאָך זען, אַז ער האַלט זי טאָקע פאַר אַ סוחרטע, ווּעט ער שוין גאָר צו איר קאָפּ נישט קענען גרייכן.

— פרעיגסט זעך גוניש׳ אָף אברם יאַנקלע׳, אָף נתן חיימע׳? — האָט חנה לאה, אינמיטן צעבלאָזן אַ פייער אונטער דער פליטע, זיך געוווּנדערט וואָס ער פרעגט גאָרנישט אויף די זין, כאָטש אויפן עלטערן!

אסתר פערעלע, אינמיטן שיילן די קאַרטאָפל, האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרווונדערטע אויגן אויף דער מאַמען. זי אַליין, ווי די יינגערע שוועסטערלעך, האָבן געחלשט אָנצוזאָגן דעם טאַטן די בשורה וועגן אברם יאַנקלען און זיי האָבן מורא געהאַט דאָס צו טוען. זינט די מאַמע האָט אים געברענגט פון פראָנט, טאָר מען נישט דאַכטן זיין נאָמען! צוליב אים איז אַפילו געקומען צו אַן איבעררייד מיט זעלדען. מילא, די ערשטע נאַכט, ווען ער האָט זיך לעבן דער מאַמען אַריינגעגנבעט אין טויער און דער סטרוזש האָט אים נישט באַמערקט, איז ער שוין דאָ איבערגעשלאָפן. ער קען זיך אָבער אַהער נישט אַריינציען. די שטיינער אויף דעם הויף קענען דאָך אים! זאָל אים, חלילה, דער זשאַנדצע, אָדער דער סטרוזש זען, איז ער דאָך אַ פאַרטיקער! האָט די מאַמע געזאָגט ער זאָל שלאָפן עטלעכע נעכט ביים ברודער. דאָרט קען דאָך אים קיינער נישט. דורך דער צייט ווּעט ער זיך ערגעץ דינגען אַ בעטל, ער ווּעט זיך אויך אויסשטאַרען אַ מעטריקע, ער זאָל זיך קענען איינמעלדן. דער ברודער, לייבל משה, איז

טאָקע באַשטאַנען, זי אָבער, זעלדעלע, האָט געזאָגט ניין, זי וויל נישט איינשטעלן. אַ דעזערטיר, טאָמער כאַפּט מען אים ביי איר אין שטוב, גייט לייבל משה אין קרימינאַל אַריין! האָבן דאָס זיי, די שוועסטערלעך, זיך איינגעהאַלטן נישט צו דערמאָנען אַ וואָרט, נעמט גאָר די מאַמע און דערציילט דאָס אַליין!

— טאָקע, ווּס העיע׳ט זעך מיט אברם יאַנקלען? — האָט דער טאַטע, אַ דערשראָקענער, אָנגעשטעלט אויף דער מאַמע זיינע בלויע אויגן. — ס׳אי׳געקימע׳ פין עים אַ בריוו?

חנה לאה, פון דער פליטע אַוועק, האָט געכאַפּט אַ זייטיק קוקעלע אויפן מאַן: נאָך אַלץ פאַרביסן! זי האָט אומישנע[1] דערמאָנט אויך נתן חיימען, ער אָבער מיידט נאָך אַלץ אויס צו דערמאָנען דעם יינגלס נאָמען. זי האָט פאַררוקט די פּייערקע, זיך אַוועקגעזעצט אויפן טאַבורעט קעגנאיבערן מאַן!

— ווּס עס העיע׳ט זעך מיט אברם יאַנקלע׳ פרעיגסטי? מ׳מעיג מע גומל בענטשן!

— ווּס אי׳ געשעיע׳? — האָט יערמע דוד, אַן אויפגעצאַפּלטער, זיך געטאָן אַ שטעל אויף ווי שוין גרייט צו לויפן ראַטעווען.

— ש, ש, ש, — האָט דאָס ווייב אים געוויזן צום אָפענעם פענצטער, ער זאָל נישט רעדן אַזוי הויך. — זעץ דיעך, ס׳אי׳חלילה גוניש׳ געשעיע. געלויבט זאָאַן ליבע׳ נומע׳, אַלץ איז אַריבע׳ בשלום.

— ווּס רעדסטי, חנה לאה? יעך פאַ׳שטיי דעך ניש׳ ווּס די רעדסט!

— האָט יערמע דוד אויסגעשטרעקט צו איר אַ פּאָר פרעגנדיקע הענט?

— באַריאיק דעך, — האָט זי זיך אַ רוק געטאָן מיטן טאַבורעט נענטער צום מאַן, מ׳זאָל אויך איר שטים אינדרויסן נישט הערן. — פוע׳ גאָט, דאַנועך יעך ׳אָב עים אַראָאָסגענומע׳ פון פייע׳. ער ׳אָט שוין אַ סטאַציע צים שלופן, אַפילו אַ מעטריקע ׳אָט ע׳ שוין. אַהעיע׳ קימט ע׳ ניש׳. דע׳ גאַנצע׳ הויף קען דעך עים דו. אַז יעך גיי פין דע׳ וואָלאָוועקע, טרעיט יעך אָפּ באַ זאָאַן מאַאַנסטע, ווי ער אַרבעט.

— עיע׳ אַרבעט באַ באַסאַקעס, אינדז טרוג מ׳ עים עסן, איז דאָס קליינע פרומעטל אריינגעפאַלן דער מאַמען אין די רייד.

— יעך ׳אָב דעך דיע׳ געזוגט די זאָלסט זעך ניש׳ אַראַאַנמישן ווען אַ מענטש רעדט, — האָט חנה לאה אויסגעשייגעצט דאָס קינד און זיך צוריק אויסגעדרייט צום מאַן: — אָסט אַוודאי אַ גאַנצן טאָג ניש׳ ג׳אָט אין דאַאַן מאָאָל? גיי, וואַש דיעך, — האָט זי אים געוויזן צו דער שעפּ, אַ בלוי־ענאמל טעפּל, לעבן וואַסער־קראַן.

[1] בכיוון.

— יעך זעי́, די ׳אָסט זעך געדינגע׳ אַ שיינע דירה, אַפּילו וואַסע׳ אין שטיב ׳אָסטי.

— אַבי די זעיסט כאַטש, — האָט חנה לאה דאָ געוואָלט מיט אים מוּשווה ווערן פאַר זיין נישט וועלן אַרויס פון די קאָרעווער בלאָטעס. — די ווײסט דען ווּס דוס וואַרשע איז? טראַמווייען לויפן אָן פעיע׳ד. גיסט אַ דריי אַ קראַן, גיסט זעך דיע׳ וואַסע׳ פין אַ רעיע׳ גלאַאַך אין טעפּל אַראַאַן.

יערמע דוד האָט געטאַפּט דעם קראַן, די רער, דעם אייזערנעם, ווייס־עמאַלירטן בעקן אונטערן קראַן. אַלץ וואָלט אים אַוודאי באַקומען. ער האָט אָבער מורא: אַז חנה לאהעלע האָט פארזוכט וואַרשע, וועט זי שוין קריק קיין מאָדזשיץ נישט פאָרן!

בעת דער טאַטע האָט זיך געווישט די הענט, געזאָגט שאו ידיכם, — האָט אסתר פּערעלע געגרייט צום טיש און חנה לאה האָט גענומען אויפגעבן שיסעלעך פאַרעדיקע גריץ פאַרן מאַן, פאַר די קינדער, פאַר זיך. דערנאָך, אַז אַלע האָבן שוין געגעסן און זי האָט זיך געזעצט אויפן ברעג בעטל, קעגן איבער יערמע דודן, צו איר שיסעלע עסן, האָט זי קריק אָנגעקניפּט דאָס איבערגעריסענע דערציילן:

— יעך זוג דיע׳, יערמע דוד, מ׳אָמע׳ אַ גרויסן גאָט אָף דע׳ וועלט. עיע׳ מאַכט ניש׳ פריע׳ טוג איידע׳ סאיז גיט נאַכט! ארים פלאַקע׳ט ס׳פייע׳, פין אַלע זאַאַטן ברענגט מ׳ געראַניעטע. יעך גיי אַרים צעמישט: ווי איז אברם יאַנקל? ווּס אי׳ געשעיע׳ מיט מאַאַן קינד? קימט אימגערעכט אַ בריוו אַז מ׳שיקט זאַאַן פולק קאַ גראָדזשיסק!

— ני, וווסזשע ׳אָסטי געטיען׳? — איז יערמע דוד געזעסן געשפּאַנט מיטן לעפל גריץ ביים מויל.

— די מאַמע אי׳ געפורן קאַ גראָדזשיסק אין אהיימגעברענגט אברם יאַנקלען! — איז דאָס קליינע פרומעטל, אינמיטן כלעפּטשען[2] די גריץ, ווידער אַריינגעפאַלן דער מאַמען אין די רייד.

— אין זי ׳אָט מיטגענימע׳ פאַר עים אָנטיכעץ! — האָט די גרעסערע, ר׳חלע, אויך געוואָלט האָבן אַ חלק אין מגלה זיין פאַרן טאַטן דעם גרויסן סוד.

— יעך ׳אָ דעך ענק שוין הינדע׳ט מועל געזוגט עץ זאָלט ענק ניש׳ אָנריפן ווען אַ מענטש רעדט, — האָט חנה לאה זיך אָנגעבייזערט אויףביידע מיידעלעך.

געווענלעך איז יערמע דוד דער מדריך. אויף אָנבייזערן זיך, אַפּילו אויף אַ קלאַפּ געבן די קינדער, איז ער שטענדיק גרייט. איצט אָבער האָט ער נישט אין זין געהאַט די קינדער. עפּעס האָט ער נישט געקענט

[2] זיפּן אויפן קול.

גלייבן די אייגענע אויערן, וואָס דאָ איז געשען. הער נאָר וואָס אַ יידענע שטעלט זיך אונטער צו טוען! פאָרן מיט אַנטועכץ צום פּראָנט, איבערקליידן דעם זון און אים אַרויסנעמען פון סאָמע פייער? אַזוינס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן זינט די וועלט שטייט! ער האָט אָבער אַלעמאָל געוווּסט אין וועמען דאָס נתן חיימל גערעט אַריין! כאָטש וואָס האָט ער צו דעם ייִנגל? געווען דאָ דער גאַנצער פּרנסה־געבער.

— אין ווּס טיט נתן חיים? — האָט ער ענדלעך געפּועלט ביי זיך צו פרעגן אויך אויפן ייִנגערן זון און זיך צוריקגענומען צו דער וועטשערע.

— וועיע׳, נתן חיים? — האָט חנה לאה גאָר אויפגעלויכטן, וואָס דער טאַטע דערמאָנט דעם ייִנגלס נאָמען. — ווייסט דעך, געטראַאַ, ס׳לעיבן מיט דע׳ נשמה. זעך אַרימגעפּיע׳ט מיט מיע׳ צים דאָקטע׳, אין לינת הצדק, געגאַנגען מיט מיע׳ פאַ׳שראַאַבן אינדז אָף שטיצע, איצט, כאָטש ר׳אי׳דעך ניש׳ קאָ שיסטע׳, אַז ס׳אי׳ ניש׳ דו צי טיע׳ באַ היטלע׳, העלפּט ע׳ צי אברם יאַנקלען באַ די באָסאָקעס. וואָלט נאָ׳ געווען אַרבעט. איז אָבע׳ נישטו געניג צי טיען. צוליב דעים מיז יעך זעך נעבעך שלעפּן אָף דע׳ וואָלאָוזקע! מיינסט מ׳לאָזט מיעך האַנדלע׳? זיי ברענע׳ דעך מיע׳ די טריט!

אַ רגע איז געווען שטיל און אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט דאָס קינדישע געשטיפּעריי און געשרייעריי אויפן הויף, די מיידלעכס געכלעפּטשעריי די זופּ ביים טיש דאָ. ירמיע דוד האָט אָפּגערוקט דעם ליידיקן טעלער, אָפּגעווישט מיט דער האַנטפלאַך די ליפּן, די באָרד און וואָנסעס און פּלוצים געטאָן אַ פרעג:

— אין נתן חיים ווי וווינט, אָאָך באַ יענעם?

עפּעס גאָר אומגעריכט האָט זיך אים דאָס פראַגעלע אַראָפּגעקייקלט פון דער צונג. ווען ער קען, וואָלט ער זיך פאַר דעם די צונג אָפּגעביסן! צו וואָס האָט ער עס געדאַרפט פרעגן? חנה לאהעלע וועט דאָך גלייך פאַרשטיין וואָס ער איז דאָ אויסן. קיין פינגער אין מויל דאַרף מען דאָך איר נישט לייגן.

און זי האָט טאַקע פאַרשטאַנען, חנה לאה. וואָסי, זי קען נישט ירמיע דודן? זי ווייסט דאָך ווי שווער ס׳איז אים אָנגעקומען אויסצוהאַלטן יידישקייט. ווייבער באַקלאָגן זיך: אָפּגעקילט. ביי ירמיע דודן איז נישטאָ קיין אָפּגעקילט. זינט זי קען אים, ברענט ער ווי אַ ייִנגערמאַן נאָך דער חתונה. אָוודאי פילט זי זיך שולדיק קעגן אים, אָבער וואָס זאָל זי טוען? זי מיגלט זיך פּאַרט! צוליבן היטן כשרות אויף סלוזשבע, האָט ער די גאַנצע פיר יאָר ביי פּאָניע געלעבט אויף טרוקנס און זיך אָפּגע־שפּאָרט אַ שלאָפקייט, נישט פאַר קיין מענטש גערעכט! פונדעסטוועגן

איז זי אים געווען אַ ווייב, געהאַט מיט אים, געליבט זיין ליבער נאָמען, זיבן קינדער, אלא די לעצטע צייט? ווער איז שולדיק אַז ס׳האָט נעבעך אויסגעבראָכן אַ מלחמה און מ׳האָט אַרויסגעטריבן פון דער היים! דעסטגלייכן אין פּילעוו, ס׳איז דען געווען איר שולד, וואָס זי האָט זיך אַזוי דערשראָקן, ווען די זעלנער זענען באַפאַלן אסתר פּערעלען און זי איז נאָך דעם פארשלאָפט געוואָרן? אַפילו שלאפערהייט וואָלט זי זיך נישט געווען אָפּגעזאָגט צו זיין אים אַ ווייב, איז מען דאָך נעבעך געשטראָפט זיך צו וואַלגערן מיט דערוואַקסענע קינדער אין איין פּיצל שטיבל! אָט אַפילו היינט. זי ווייסט דען נישט וואָס אים האָט אַזוי גיך אַהיימגעטריבן? אָבער וואָס קען זי טיען? אסתר פּערעלע איז אַן אונטערגעוואַקסן מיידל, אין פופצנטן יאָר שוין און נתן חיים שלאָפט אויך דאָ.

— נתן חיים? — האָט זי אויך אָפּגערוקט איר אויסגעליידיקט שיסעלע, — צי עיע׳ וווינט אינדערפרעמד, פּרעיגסטי? ווּוס פּאַלט דיע׳ עפּעס אַאַן? וו׳ ׳עט עיע׳ נעמע׳ אָף דירה־געלט אַז עיע׳ אַרבעט ניש׳. עיע׳ בעט זעך אָאָס אַ געלעגע׳ אָף דע׳ פּאָדלאָגע. אין די בעטן שלופט אסתר פּערעלע מיט רחלען אין איינעם אין פרימעטל מיט מיע׳ אין אַנדערן. אַז זאַאַן ליבע׳ נומע׳ ׳אָט געהאָלפן, די ביזט אַהיימגעקימע׳.

— עסטי שלופן אין בעט,— האָט די קליינע פרומעטל, אַ פריידיקע פּאַרענדיקט דאָס איינטיילן די געלעגערס און אויך אָפּגערוקט איר שיסעלע. דאָס מאָל האָט זיך שוין יערמע דוד אַריינגעמישט:

— יעך ׳אָ דעך ענק געלערנט צי שוואַאַגן, ווען מענטשן רעדן.

— זיי ׳אָבן שוין פּאַ׳געסן, ווּוס דע׳ טאַטע ׳אָט זיי געלערנט, — האָט חנה לאה, כלומרשט אין אַ געלעכטער, געגעבן דעם מאַן אַ שטעכעלע פאַר זיין אַוועקגיין פון הויזגעזינד אויף אַזאַ לאַנגער צייט.

אַן אַנדערשמאָל וואָלט יערמע דוד איר געגעבן אַ שטעכעלירן אים. איצט אָבער האָט ער איר דאָס פארשוויגן און זיך קריק גענומען דינגען איבערן געלעגער:

— יעך ׳על ניש׳ צינעמע׳ באַ די קינדע׳ זייע׳ בעט.

— אַז די ביזט מיט מזל אַהיימגעקימע׳, ׳עלן אינדז ניש׳ לאָזן דיעך שלופן אויף דער עיע׳ד, — האָט אסתר פּערעלע, דער ליבלינג זיינער, געשאָקלט צו אים מיטן קאָפּ אויף ניין.

— קריגטס ענק ניש׳, מ׳גייט נאָך ניש׳ שלופן, נעמטס בעסע׳ אָפּוואַשן די פּוע׳ כלים, — האָט חנה לאה צונויפגענומען די שיסעלעך פון טיש און אַוועק מיט זיי צו דער פּליטע. יערמע דוד האָט באַנעצט די פינגער און נאָכן בענטשן זיך געשטעלט מיטן פּנים צו דער מזרח־וואַנט דאַווענען מנחה־מעריב.

קאַפּיטל פינפאונצוואַנציק

אין שוסטער־פּאַרטעכער, די העמדאַרבל אַרויפגעשאַרצט, איז ביי איין זייט טיש געשטאַנען אברם יאַנקל און אַנטקעגן אים — דער העלפער זיינער, נתן חיים. אויפן טיש, אין אַ גלייכער ריי, זענען געלעגן בערגלעך זוילן לויט נומערן און מאָסן און לעבן זיי — שטויסן רויטלעך־ברוינע סאַנדאַלן־כאַלעווקעס, אויסגעשטאַמסטע מיט שפּיציק־קעסטלדיקע לעכלעך אין די פּושיסוועס, פּאַרטיקע שוין מיט רימענטלעך און גלאַנציקע מעשענע שנאַלעכלעך. אויף דער באַנק, צו אברם יאַנקלס רעכטער האַנט, זענען געשטאַנען רייען האַלצערנע קאָפּעטעס פון די קלענסטע קינדערישע, ביז די גרעסטע מאָסן פאַר מענער און פרויען.

מיט אַן איינציק נעגעלע האָט אברם יאַנקל פלינק אַרויפגעטשוועקעט אַ זויל אויף אַ קאָפּיטע, אַרויפגעצויגן די כאַלעווקע, זי צוגעכאַפּט צו דער זויל מיט דריי צוועקעלעך ביים שפּיץ, דריי צוועקעלעך ביים טילעק און צוגערוקט דעם באָסאַק צום ברודער, צו פאַרענדיקן דאָס אַרומצוועקעלען, אַרומרייבן מיטן ביינדל, גרייט פאַרן נייער אַרומצונייען די אַפּטעלעדרעס [1] כּדי דערנאָך זאָל ער, אברם יאַנקל, זיך קענען זעצן צום וואַרשטאַט אַרומפיילן די זוילבערגעס, אַרומוואַקסן זיי מיט ברוינעם וואַקס און, מיטן אָנגעגליטן, שטאָלערנעם אָמניבוס, זיי אַרומפּוצן, גרייט אין די שעכטלען אַריין, אָפּגעשיקט צו ווערן אין די מאַגאַזינען אויף ביעלאַנסקע, אויף מיאַדאָווע, אויף מאַרשאַלקאָווסקע.

ווי אויסטערליש! אינמיטן דעם הונגער, ווען וואַרשע איז אויסגעגאַנגען נאָך אַ קאַרטאָפל, אינמיטן דעם דוחק אויף לעדער, נאָך אַן אייל געוואַנט, ווען, פון איין זייט איז די שטאָט פאַרפלייצט מיט צענטליקער טויזנטער היימלאָזע, וואָס וואַלגערן זיך ווי אָפּגעוואָרפן מיסט, פאַרלויזיקטע און פאַרוואָרלאָזטע, פון דער צווייטער זייט זענען די שפּיטאָלן און די צענטליקער מיליטערישע לאַזאַרעטן פאַרלייגט מיט הורבעס פאַרוווּנדיקטע זעלנער, אָפּגעגאַנגענע אין אייגענעם בלוט, אינמיטן דעם אומגליק און עלנד, זענען דאָ אין וואַרשע לייט, וואָס פרעסן און זויפן אין קאַבאַרעטן, אין באַרן, לאָזן זיך נייען ביי די פּאָרנעמסטע שניידער טייערע אַנצעגער און מאַנטלען און פאַר זייערע דאַמען און מעטרעסעס — קליידער פון

[1] לעדערנע רימענטלעך אַרום דער זויל.

זייד און שיפאָן, פון סאַמעט און אַטלאַס און איצט, אין די הייסע טעג, גיבן זיי זיך נאָך דעם שוויילטיק אויף זומערדיקע סאַנדאַלן, לייכטע, לופטיק־דורכגעלעכלטע.

אַ פאַרשוויצטער איבערן באַסאַק, דער טשופּ האָר אין די אויגן, האָט נתן חיים מיטן גאַנצן כוח געריבן מיטן ווייסןביינדל איבער דער פּזשיסווּע אַרום דער זויל און דערביי געברענט פון כעס:

— שפּעקוליאַנטן, פּאַסקאַרזשעס! אַנדערש פּאַסט זיי נישט נאָר באַסאַקעס, סאַנדאַלן!

אברם יאַנקל האָט געשמייכלט, געטשישעט דאָס צעהיצטע ברודערל:

— דאַנק גאָט א׳ס׳דו באַסאַקעס. וווּס וואָלט מע אינדז געטיע׳ ווען דוס איז אָאָך נישטו?

נתן חיים האָט געשוויגן. ער איז דאָך גערעכט, דער ברודער. ביי וועמען איז דען היינט דאָ צו טוען? אַז ס׳איז נישטאָ אויף קיין ברויט, ווי קענען מענטשן זיך לאָזן מאַכן אַ פּאָר שיך, אַ מלבוש?

ווידער האָט אברם יאַנקל אַ קוק געטאָן צו דער טיר, אויפסניי אַרויסגעצויגן דעם ציבעלע־זייגער פון הינטערן פאַרטעך. ס׳איז שוין נאָך צען, דאָס דינסטמיידל דאָ טראָגט שוין פון קיך אין עסשטוב אַריין די „דרוגע־שניעדאַניע"[2] און צו זיי ווייזן זיך נאָך אַלץ נישט די שוועסטערלעך מיטן ביסל אָנבייסן.

— ווּס טיט דע׳ טאַטע? — האָט אברם יאַנקל פּלוצים זיך דערמאָנט צו פרעגן ביים ברודער. זינט דער פאָטער איז געקומען פון באַבערעניק, האָט ער אים נאָך נישט געזען. ער — אין שטוב אַריין האָט זיך מורא צו ווייזן און דער טאַטע אַהער האָט נישט קיין כוח צו קומען. פון וואַנעט זאָל ער האָבן כוח? ווי נאָר ער איז אַהיימגעקומען איז ער שלאָף געוואָרן, קען קוים גיין. אַראָפּ די שטיגן, אין אָפּטריט אַריין, קען ער נאָך ווי עס איז זיך דערשלעפּן, אַרויף צוריק די צוויי שטאָק, קומט אים שוין אָן מיט נויטשוויים.

— דער טאַטע? — האָט נתן חיים, א געבויגענער איבערן באַסאַק, געצויגן די אַקסלען, — ווּס זאָל ע׳ טיען? ע׳ וואָלט נעבעך געדאַרפט פּילנאָשטש,[3] אַ קאָפּ יויך, אַ שטיקל עוף, כאָטש אַ זעמעלע מיט מילעך.

— נאָ׳ דע׳ טאַטע? אין די מאַמע דאַרף ניש׳ קאָ פּילנאָשטש?

— יעך זוג דען אַז די מאַמע דאַרף נישט׳? — האָט זיך נתן חיים פאַרענטפערט.

[2] אַ צווייטער אָנבייסן. [3] אויפּפּאַסונג.

פון די ווינשטובן האָבן זיך אין קאָרידאָר אַריין אָנגעטראָגן טריט, געלאָסענע, ווייכע. באַלד האָט זיך אין דער פּראַצאָווניע [4] אַריינגעוויזן דער באַלעבאָס, הער יוסטנער, אַ חסידישער יונגערמאַן אין די דרייסיקער, מיט אַ ברוינלעך זאַראָסטל אַרום זיין אײדל, אויסגעבלייכט געזיכט. דאָס יידישע היטעלע אויף זיין קאָפּ, די גרוי־אַלפּאַגענע קאַפּאָטע אויף זיין הויכלעך, שלאַנקן גוף, די געמזענע שטיוועלעך אויף די פיס, דאָס שוואַרץ־זיידענע שניפּסל צווישן די שפּיצן פון ווייסן העמדקאָלנער, אַלץ האָט אויף אים געפעכלט, עס זאָל דאָס זיין אויף דעם מענטש אַ שטויבעלע.

איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, איז דער הער יוסטנער געווען אַ פאָרנעמער פאַבריקאַנט פון געגריוועט שוכוואַרג. אייגענע צוויי וואָיאַזשאָרן זענען אַרומגעפאָרן מיט זיינע אויסאַרבעטונגען איבער די ווייטסטע רוסישע גובערניעס. אַפילו אין די ערגסטע צייטן האָבן ביי אים געאַרבעט א פערציק־פופציק אירע. היינט שטייען די אַרבעטס־טישן מיט די מאשינען איבערגעדעקט, פאַררוקט און בלויז ביי איין טיש, אין ווינקל פון דער גרויסער, פיר פענצטערדיקער סאַליע, פאָרקען [5] זיך די צוויי ברידער.

ער איז צוגעקומען נענטער צום טיש, דער הער יוסטנער, זיך איינגעבויגן איבערן קויש מיט ארומגעצווענגלטע באָסאַקעס, גענומען איינעם, אַ צווייטן, געטאַפּט, געקוקט און ענדלעך געפרעגט אברם יאַנקלען:

— איר וועט היינט „קאָנטשען“ (ענדיקן) דאָס צווענגעווען? קען איך טעלעפאָנירן דעם הער רייזנער, ער זאָל אינדערפרי קומען אָפּנייען דאָס ביסל באָסאַקעס?

— פאַ׳ווּס ניש׳? — האָט אברם יאַנקל אים צוריקגעפרעגט. — אינדז ע׳מע׳ זאַאַן פאַרטיק אַרים פינעף, זעקס פאַרנאַכט.

פון קיך־קאָרידאָרל האָבן זיך אַריינגעשטעלט די צוויי שוועסטערלעך. פאָראויס, מיטן טעפּל גריץ הינטערן טיכל, איז געגאַנגען די עלף־יאָריקע רחלע, הינטער איר, מיטן רעפטל ברויט און אַ טעלער מיט די צוויי לעפל איינגעוויקלט אין אַ האַנטעך, איז נאָכגעקראָכן דאָס אַכטיאָריקע פרומעטל.

אָן אַ וואָרט האָט דער הער יוסטנער זיך אַרויסגעשארט פון דער „פּראַצאָווניע“ און די צוויי ברידער, נאָכן אָפּרוקן דאָס לעדערוואַרג פון אַ ברעג טיש, האָבן זיך געזעצט צום ביסל אָנבייסן.

— ווּס אַזוי שפּעיט? — האָט אברם יאַנקל מיט אַ פול מויל עסן, נישט געקענט איינהאַלטן זיין פאָרוואורף.

[4] אַרבעט־שטוב. [5] פאַרנעמען זיך די הענט.

— מ׳אָט ניש׳ געקריגן קאַ קאַרטאָפּליעס. — האָט רחלע זיך פאַרענט־פערט און דאָס קליינע פּרומעטל האָט איר צוגעהאָלפן:

— אינדז אָ׳מע׳ אָאָך נאָך ניש׳ געגעסן. די מאַמע ׳אָט אינדז געהייסן פריער ענק טרוגן.

נתן חיים האָט געשוויגן, געגעסן דאָס שוואַרץ, קלעפּיק־ברויט, צוגעזופּט די קאַרטאָפל־גריץ און געוואָרפן בייזע בליקן צום ברודער: וואָס איז ער אַזוי אָנגעדראָדלט?[6] ווייל ער איז דער פּרנסה־געבער? אָן אַנדערשמאָל וואָלט ער זיך מיט אברם יאַנקעלען גאַנץ שיין פאַרהערט. וואָס שטייט ער אַזוי אינגרויסן? איידער פאַניע האָט אַרויסגעפירט די פאַבריקן פון וואַרשע האָט ער דאָך געאַרבעט און ס׳גאַנצע פאַרדינסט געגעבן אין שטוב אַריין, ני, האָט ער עמעצן געמאַכט אַ מענטליך?[7] האָט ער אָבער נישט געהאַט דאָס האַרץ זיך איצט צו קריגן מיטן ברודער. ער איז נעבעך אַהיימגעקומען פון דער מלחמה אויסגעמאַרעט. מער נאָך אָפּגעצערט ווי איידער ער איז אוועק. אַז קיין טריפות האָט ער ביי פאַניען נישט געגעסן און קיין געלט זיך צו צוקויפן עפּעס צום שוואַרצן, זעלנערישן ברויט האָט ער נישט געהאַט, האָט ער אָפּגעדאַרט די טעג. ער האָט זיך אָבער יאָ גענומען קריגן מיטן ברודער באַלד נאָכן עסן. אברם יאַנקעלע האָט ווידער גענומען אַ פּאָר זוילן, זיי איינגעבויגן, אַריינגעשטופּט זיי אין טעפל און געזאָגט צו די שוועסטערלעך:

— לויפט שוין אַהיים!

— אָף מאָאַן וואָרט, אברם יאַנקל, טאָמע׳ העיע׳סטי ניש׳ אָף דוס צי טיע׳, גיי יעך שוין אַראָאַן צום הער יוסטנע׳ עים דאַ׳ציילן.

— צדיקל, יעך נעם דוס פאַ׳ מיע׳?

— מיעך אָא׳ט ניש׳ פאַ׳ וויעמע׳ די נעמסט. דוס איז גניבה!

ווײל אָבער אברם יאַנקעלע נישט איינזען אַז דאָס איז גניבה.

אין יענעם אָוונט, ווען די מאַמע איז געקומען מיט אים בשלום פון פראָגט און ער איז געבליבן נעבטיקן אין שטוב, האָט ער, ווי זיין טבע זינט ער איז געוואָרן אַ שוסטער, זיך גענומען באַטאַפּן די קינדערס שיכלעך, דער מאַמעס שקראַבעס, זיינע, נתן חיימס, קאַמאַשן און ביי יעדער פּאָר האָט ער אויפסנייי אָפּגעקרעכצט, געטאָן אַ פרישן זיפץ. זינט מ׳איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון מאָדזשיץ, האָבן נאָך קיינס פון די שיך נישט אָנגעזען קיין שוסטער. זאָל מען זיי נישט נעמען אויספאַרריכטן, לייגן אויף זיי זוילן, בלעטלעך אויף די אָפּצאַסן, צעפאַלן זיי און אלע וועלן חלילה בלייבן באָרוויס. מילא, זומער, יאַק זומער, עס גייט אָבער אַ ווינטער! מיט די פאַרדינסטן צוצוקומען צו אַ שטיקל זויל איז נישט מעגלעך, האָט ער דאָס אָנגעהויבן אונטערצוקלאַפּן ביים מייסטער אַ פּאָר

[6] בייז. [7] זיך איבערגענומען דערמיט.

זוילן היינט, אַ פּאָר זוילן — מאָרגן. ביי אברם יאַנקלען זעט דאָס אויס צו זיין פּשוט. ער האָט דאָך אַזאַ כשרן אויסרייד! ביי אים אָבער, נתן חיימען, מיינט דאָס מטהר זיין אַ שרץ[8] בקן טעמים. סיבה היינט, סיבה מאָרגן, ס׳בלייבט אַלץ גניבה!

— מיעך וואָלט דוס אפשר ניש׳ געאַרט, — האָט נתן חיים זיך גאָרנישט געקענט באַרואיקן — ווען די טיסט דוס ביי אַ שפּעקוליאַנט, אַ פּאַסקאַרזש. דאָרט וואָלט דאָס געווען גונב מן הגנב. דער הער יוסטנער זאָבער איז אַן ערלעכע׳ ייד, אַן אײדעלע׳ מענטש. זעיסט דעך, ע׳ געטראָאָט אינדז, ע׳ ציילט אינדז גוניש׳ צי. אין אפשר ציילט ע׳ יאָ? ווּסע׳ פּנים ׳אָט מע אינדז באַ עים?

— ני גיט, — האָט אברם יאַנקעלע אויף אַ רגע אויפגעהערט דאָס צוויענגעווען — לאָ׳ מע זוגן, יעך נעם דו גוניש, מיט ווּסזשע ׳על יעך פאַרעכטן די קינדע׳ס שיכלעך, די מאַמעס שקראַבעס, דאַאַנע קאַמאַשן, דעם טאַטנס שטיוול, אין מאַאַנע שיך זענע׳ דעך אַאַך ניש׳ קאַ ממזרים.

— ס׳אי׳ נאָך גיט ווּס דע׳ טאַטע וויסט ניש׳ פין דעים.

— יעך אָ׳ דען געהייסן דאַציילן דעם טאַטן? — האָט אברם יאַנקל מיט איין צוועגגעלע אין מויל און דאָס צוויימע צווישן די פאָרפינגער, בייז אָפּגעמאָסטן דעם ברודער, — מ׳אָט דע׳ מאַמען אָאָך ניש׳ געדאַרפט דאַ׳ציילן.

נתן חיים איז ווידער געבליבן שטיל, געריבן מיטן וויסן ביינדל אויף דער פּזשיסוהע אַרום דער זויל און געטראַכט: דאָס טאַקע טוט דאָך אים אַזוי וויי. די מאַמע וויסט דערפון און מאַכט אַ שווייג און אַז ער פרעגט זי, כשרט זי עס ווי אברם יאַנקעלע. דער טאַטע וואָלט פּשוט געזאָגט: מ׳טאָר נישט גנבענען! די מאַמע זוכט זיך אָבער אַ היתר! זי טענהעט גאָר איין מיט אים: זעסטו, נתן חיים, ווען אברם יאַנקל נעמט די שטיקלעך זוילן צו פאַרקויפן, וואָלט עס אַוודאי געווען גניבה. ער נעמט דאָך דאָס אָבער צוליב פּיקוח נפש. דו מיינסט אַז פּיקוח נפש איז בלויז ווען אַ מענטש איז שלאָף און מ׳דאַרף אים ראַטעווען ס׳לעבן? פאַרהיטן קינדער זאָלן נישט גיין באָרוויס, זיי זאָלן זיך נישט פאַרקילן און, חלילה, קראַנק ווערן, איז אויך פּיקוח נפש. ער, נתן חיים, וואָלט אַפילו געקענט צוריקפרעגן דער מאַמע: פאַרוואָס איז נעמען אַ שטיקל לעדער, כדי עס צו פאַרקויפן אויף ברויט, יאָ גניבה און נעמען דאָס אייגענע שטיקל זויל אויף צו פאַרריכטן די שיך — נישט גניבה? אין ביידע פאַלן קען מען דאָך קראַנק ווערן און, חלילה, שטאַרבן. איז אָבער די מאַמע שלאָף און ער וויל זיך נישט מיט איר פאַרהערן. צום ברודער אָבער איז ער צוגעשטאַנען מיטן הארבן וואָרט:

[8] כשרן אַ מיאוסקייט דורך הונדערט און פופציק פשטלעך.

— אברם יאַנקל, די מיזט אָפּהערין דוס צי טיען!

איז נישט באַשערט געווען ער זאָל דאָס אויפהערן מיטן אייגענעם ווילן. דעם זעלבן טאָג, שטאָט ברענגען זיי וואַרעמעס, איז גאָר רחלע אַנגעלאָפן אַ פּאַרסאָפּעטע און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין:

— דע׳ טאַטע איז אַוועקגעפאַלן!

כאָטש דאָס שוועסטערל האָט נישט געזאָגט ווו, וואָס, האָבן דאָך די ברידער געאַנט וואָס עס איז געשען. זינט דער פאָטער איז קריקגעקומען פון באַבּרעניק, קלאָגט ער זיך כסדר, אַז עס מישט זיך אים אין קאָפּ. אין רעכטן מיטן שמועסן מיט אַ מענטש, אינמיטן עסן, בלייבט ער פלוצים זיצן שטאַר, די אויגן קוקן און זעען גאָרנישט, מ׳רעדט צו אים און ער באַנעמט נישט. ער איז שוין איינמאָל, אַזוי זיצנדיק, אַראָפּגעפאַלן פון בענקל און ס׳האָט לאַנג געדויערט איידער ער איז קריקגעקומען צו זיך.

האָבן די צוויי ברידער נישט געפרעגט און נישט געטראַכט נאָר גלייך גענומען לויפן. ביידע האָבן נישט געדענקט, אַז ער, אברם יאַנקל, טאָר זיך נישט ווייזן אין שטוב. זיי האָבן אויך נישט געוווסט און נישט געהערט אַז דער הער יוסטנער לויפט זיי נאָך און שרייט אין איין אָטעם: וואַרט אַ מינוט, וואַרט אַ מינוט! ערשט נאָכן יאָגן זיך נאָך די ברידער פון דער קופּיעצקע איבער דער דזשיקע, פאַרביי דער ווינער טורמע, האָט ער זיי אָנגעיאָגט אין דער גענשע גאַס און אַריינגעשטופּט אברם יאַנקלען אין האַנט, עטלעכע באַנקנאָטן:

— איר האָט דאָך נישט קיין געלט, נאַט און טרעט אָפּ נאָך אַ דאָקטאָר!

— לויף די אַהיים! — האָט נתן חיים נישט געלאָזט דעם ברודער זיך אָפּשטעלן, — יעד ׳על אָפּטרעיטן נאָך שפּאַקן.

אברם יאַנקל האָט נאָך אויפן הויף אָנגעטראָפן די גאַנצע בהלה. פון טויער אין צווייטן הויף איז אים אָקעגן געקומען אַ קנויל יידן, וואָס צוויי פון זיי האָבן געטראָגן דעם טאַטן אונטער די אָרעמס און צוויי ביי די פיס און די נאָכגייענדיקע יידן האָבן זיך גאָרנישט געקענט באַרואיקן:

— ווען יאָך קים נישט אַראַאן אין פריוועט, — האָט אַ שכן נאָך אַלץ זיך געצאַפּלט פון שרעק, — ווער ווייסט וואָס מיט דעם ייד וואָלט געווען.

— גאָט ווייסט ווי לאַנג ער איז דאָרט אַזוי געלעגן, — האָט אַ יידענע מיטגעקרעכצט.

ערשט מיטן פעלדשערס אַריינקומען, האָט זיך דער עולם אָנגעהויבן אַרויסרוקן פון שטוב. די יידן פון דער גענשע גאַס האָבן וויל געקענט דעם הער שפּאַק. ער האַלט זיך דאָך פאַר אַ גאַנצן דאָקטאָר! פאַר אַ וויזיט נעמט ער דאָך אַ רובל, אָנשטאָט אַ האַלב קערבל, ווי אַנדערע

פעלדשערס, דערצו רעדט ער נאָר פּויליש, האָט אַ גראָבן בויך מיט אַ פּאָר אַרויפגעדרייטע וואָנסעס און, וואָס נאָך וויכטיקער, ער האָט פיינט די יידעלעך, וואָס ווי נאָר עפּעס, לויפן זיי זיך צענויף ווי אויף אַ בייז ווונדער:

— ווינאָשטשע שיען! (טראָגט זיך) — האָט ער מיט געבייזער געוויזן די ווייבער און יידן אויף דער טיר, — אַרויס!

ערשט איצט האָט ער געלאָסן אויסגעטאָן דעם שטייפן בעכער זיינעם, אַ שוואַרצער, האַרטער קאַפּעליוש, אָפּגעבלאָזן די קרישקעס פון טיש און אים זייער זאָרגעוודיק אַוועקגעלייגט מיטן מויל אַרויף. פּאַוואָליע איז ער צוגעגאַנגען צום בעט, ווו דער קראַנקער איז געלעגן מיט די אויגן צום סופיט, די רויטע באָרד, גרוילעך שוין — פאַרקאַלטנט ווי אַ קנויל פּאַקלעס,[9] דער בליק — שטאַר, פאַרקוקט ערגעץ ווייט. געלאָסן האָט דער הער שפּאַק געטאָן אַ פיר מיט זיין האַנטפלאַך איבערן קראַנקנס געזיכט, געזען אַז דער חולה טוט נישט קיין פינטל מיט קיין אויג, האָט ער זיך גענומען צעעפענען די וואַליזקע זיינע מיט דער דאָקטאָריע: אַ טאָפּ מיט באַנקעס, אַ פלעשעלע אַלקאָהאָל, אַ קנוילעכל גאַזע, אַ שטיקל וואַטע ,אַ לעוויטיווע צו מאַכן אַ קאַנע און איצט, צוליב נתן חיימס מגילה וועגן קראַנקן, האָט ער אויך געהאַט אַ סלאָיקל מיט פּיאַווקעס, שוואַרצע, לענגלעכדיקע שרצימלעך, גליטשיקע, וואָס האָבן זיך געוויקלט אין קנוילן, געקראָכן איינס איבערן אַנדערן, זיך געצויגן איבער די גלאַט־גלעזערנע ווענטלעך אַרויף, צו דער עפענונג פון סלאָיקל.

מיט די צוויי פאַרפינגער האָט דער פעלדשער אַרויסגעשלעפּט איין פּיאַווקעלע נאָכן אַנדערן, צוגעלייגט דריי אונטער חולהס איין אויער, דריי אונטערן אַנדערן און זיך געזעצט וואַרטן. אין אַ קורצער ווייל זענען די פּיאַווקעס געוואָרן אָנגעפּוישט מיטן טאַטנס בלוט און ווי קנוילן אַראָפּ־געפאַלן אויף זיין ברוסט.

איצט ערשט האָט דער טאַטע גענומען פינטלען מיט די אויגן, מאַט־פאַרלאָפּענע, געקוקט אַרום זיך צעמישט:

— וואָסע׳ — האָט ער געמורמלט, — קוים וואָס מ׳האָט אים געהערט.

ביים נעמען פון נתן חיימען דאָס קערבל פאַרן וויזיט, האָט דער העד שפּאַק אים אָנגעזאָגט:

— נאַטיכמיאַסט[10] אין שפּיטאָל אַריין! נישט לאָזן אים אַרויס פון בעט!

שפּעטער, ווען חנה לאה איז געקומען פון דער וואָלאָווקע, אַ באַהאָנ־

[9] וויסע, דינע שטרויעלעך. [10] די מינוט.

גענע מיט שמאַטעס, די סחורה אירע אויפן אָרעם, איבערן אַקסל, האָט זי נישט געוווּסט איבער וואָס זי זאָל דאָ פריער חלשן, צי איבער דעם, וואָס יערמע דוד איז פאַרביי, צי איבער דער שרעק ביים דערזען אברם יאַנקלען. טאָמער האָט, חלילה, עמעץ אָפּגעטראָגן ווי מען דאַרף, איז ער דאָך אומגליקלעך, צי גאָר אויף דעם וואָס אַברם יאַנקעלע גייט דאָ אָפּטוען:

— וויאַהין נעמסטי דוס זעקעלע מיט לעידע׳?

— יעך גיי דוס קריקטרוגן צום הער יוסטנע׳. זעיסט ווּס עיע׳ האָט געטיע׳? — האָ ער געוויזן דער מוטער די פיר פינפּרובלדיקע באַנקנאָטן. — מיט דעים איז עיער אינדז נאָכגעלאָפן איבע׳ דער גאַנצע׳ דזשיקע גאַס. אַ מענטש ווּס קען אַזעלכעס טיען, ׳על יעך באַ עים גנבענען לעידע׳?

חנה לאה, אַ באַהאַנגענע נאָך מיט די שמאַטעס, האָט זיך צוגעשפּאַרט אויפן ברעג בעט, קעגנאיבער דעם מאַן. ס׳האָט איר געשווינדלט פאַר די אויגן. זי האָט זיך געווישט דעם שווייס פון שטערן און נאָך אַלץ געקוקט ווי מבולבל אויפן זון.

— לייג שוין אַוועק דוס זעקעלע לעידע׳! — האָט זי געזאָגט שטיל אָבער אַזוי שאַרף, אַז אברם יאַנקלען האָט אָפּגענומען דאָס לשון, עפּעס גאָרנישט ווי איר טבע, צו רעדן געלאַסן, ווייך. — אָסט באַלד ניש׳ געדאַרפט נעמע׳! קריקטרוגן ׳עט זאַאַן פאַ׳שטינקענע פיש געגעסן, אין פין שטועט אַראָאָסגעטריבן.

ערשט איצט איז נתן חיים געוווּן צעטומלט. די מאַמע איז נאָך אַלץ פאַר אים אַ רעטעניש!

קאַפּיטל זעקסאונצוואַנציק

וואָס שפּעטער אין זומער, אַלץ נעענטער זענען די דייטשישע אַרמייען געקומען צו וואַרשע, דאָסמאָל — צו בלייבן. די פּראָנטן אין פּוילן האָבן אויפגעהערט צו זיין אַ מין הוידלקע פון אַראָפּ און אַרויף. פּריער, אַז די רוסן זענען אַריין קיין מאָגענבערג, האָבן די דייטשן אַוועקגעלייגט פון זיי העכער הונדערט טויזנט טויטע און זיי צוריק אַרויסגעטריבן. דאָס אייגענע איז אויך געווען פאַרקערט: אַז די דייטשן זענען אַריין קיין ראַדעם, קיין קעלצק, די עסטרייכער — קיין צאָזמיר, קיין כעלעם, האָבן די רוסן געמאַכט קאָנטער־אָפּענסיוועס און די שטעט צוריקגענומען. איצט אָבער, זינט לעצטן פרילינג, אַז אַ פּוילישע שטאָט איז געפאַלן, איז זי שוין געבליבן ביים שונא.

אַז אויך וואַרשע וועט אינגיכן פאַלן, האָט מען געזען באַשיינפּערלעך חדשים פריער. קלאָר איז דאָס געוואָרן ווי נאָר פאָניע האָט אָנגעהויבן אַרויסצופירן די פאַבריקן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַרן מיליטער און באַלד נאָכדעם — זייער אויסליידיקן די תפיסות. אַלע פאַר טעג האָט מען געזען אַרויספירן אַרעסטאַנטן פון אַן אַנדער טורמע. אַרומגערינגלט פון אַ שווער־באַוואָפנטן קאָנוואָי, זענען די טויזנטער אַרעסטאַנטן געטריבן געוואָרן איבער די וואַרשעווער גאַסן מיט זייערע טלומעקלעך אונטער די אָרעמס און קייטן אויף די פיס. טרויעריק איז געווען דאָס געקלאַנג פון די קייטן, אָבער נאָך טרויעריקער דאָס געקלאַפּ פון זייערע האָלצערנע טרעפּעס אַן שטיינערנעם ברוק, אַ מין ריטמיש געזעגענונג צו וואַרשע, פאַרן אַריינגעטריבן ווערן אין די פאַרקראַטעוועטע און פאַרשלאָסענע באַן־וואַגאָנעס, אָפּגעשיקט צו ווערן אין די תפיסות פון אָריאָל, פון וואָראָניעזש, פון וואָלאָגדע.

אין זיינע קריגסבאַריכטן האָט נאָך אַלץ דעם קיסרס פעטער, דער גרויספירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, דער הויפּטקאָמאַנדיר איבער די רוסישע אַרמייען, אָפּגעהאַלטן יעדן טאָג נייע זיגן, כסדר צוריקגעשטויסן דעם שונא, פאַרנומען כמאַרעס מיט פלעניקעס, האַרמאַטן און פערד. יידן אָבער האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז רוסישע פּיסק־מלאכה. נאָך אַט די זיגן וועט צום יאָר פון מלחמה־אויסברוך, פאָניעס דוד נישט זיין אין וואַרשע און אפשר שוין אויך נישט אין גאַנץ פּוילן!

חנה לאה, אז זי האָט דאָס דערהערט, האָט זי פאַרהויבן דעם בליק צום פולאפ:

— הלוואַי, טאַטע דאַ׳באַרעמדיקע׳! זאָל שוין נעמען אַ סוף צי יידישע צרות, זאָל שוין אברם יאַנקל אָפהעירן זעך צי קריען. ער ׳אָט דעך שוין ניש׳ קאַ כוח צי לעיבן אָפן נומע׳ פין אַ געשטאָרבענעם. אַז די דאַאַטשן ׳עלן בשלום אַראַאַנקימע, ׳עט ע׳ זעך קריק אַאַנמעלדן אָף זאַאַן נומע׳ אין קענע׳ ווידע׳ אַראָפּקימע׳ צי דער מאַמע.

ווי נתן חיים האָט נישט געוואָלט צושטערן דער מאַמעס האָפן, האָט ער זיך דאָך נישט איינגעהאַלטן זי צו פרעגן:

— מאַמע, די ווייסט כאָטש וועיע די דאַאַטשן זענע׳? ׳אָסט שוין פאַ׳געסן וווס זיי ׳אָבן זָפגעטיען אין קאַליש? זיי ׳אָבן דעך אָפגעריסן האַאַזע׳ מיט דינאַמיט. אימזיסט אין אימנישט, בלויז אָפצושרעקן עמעצן, ווס קלעיע׳ט אפשר צי וואַרפן אַ שטייך אָף זייע׳ס אַ זעלנע׳, אָדע׳ איבע׳ציישנאַאַדן אַ טעלעגראַף דרועט, ׳אָבן זיי שוין אַראָאָסגעשלעפּט מענטשן פין די שטיבן, זיי אָאָסגעשטעלט אין אַ רייע, אָפגעציילט נאַאַן אין דעם צעינטן דאַ׳שאָסן, ווידע׳ אָפגעציילט נאַאַן אין ווידע׳ דעם צעינטן דאַ׳שאָסן. אין איין טוג ׳אָבן זיי דעך אימגעברענגט הינדע׳טע׳ אַאַנוויינע׳, קריסטן ווי יידן. ווי אַ צילוג האָבן זיי נאָך פאַ׳נימע׳ צעין פין די חשובסטע אין שטועט אין זיי פאַ׳האַלטן ווי זאַקלאַדניקעס, משכנות, טאָמע, חלילה, פאַלט אַאַן דעם שטועט־משיגענעם אַראָאָסציבלעיזלע׳ די צינג אויף זייערע אַרמייען, זאָלן זיי האָבן גרייט ווערמע׳ צי דאַ׳שיסן ווי אַ שטרוף. ׳אָסט שוין דוס אַלץ פאַ׳געסן, מאַמע?

— ביזט גערעכט מאַאַן קינד, — האָט חנה לאה אָפגעזיפצט, ווי מ׳לייגט ניש׳ דעם קראַנקן טיט עים נעבעך וויי. דע׳פאַ׳ טו׳ מ׳דעך ניש׳ בעיטן אָף קאַ נייעם מושל.

נאָר יאָ בעטן אויף זיי, צי נישט בעטן אויף זיי, די דייטשן זענען סיי ווי געקומען אַלץ נענטער און נענטער צו די טויערן פון וואַרשע. מילא, בייטאָג האָט נאָך דאָס גערויש פון אַזאַ גרויסער שטאָט, דאָס געפּאָרעריי פון שווערע פלאַטפאָרמעס איבער דעם שטיינערנעם ברוק, דאָס געקלינגעריי פון די עלעקטרישע טראַמווייען, פאַרטעמפּט אַ ביסל דאָס געשיסעריי פון די האַרמאַטן, די קאַנאָנאַדע אויף די הינטערשטאָטישע פראָנטן. ביינאַכט אָבער — זאָל זיך דער אויבערשטער מרחם זיין! נאָך יעדן זעץ פון אַ דייטשישן האָוויטצער האָט זיך די ערד אַ וויג געטאָן און ס׳האָט זיך געדאַכט אַז וואַרשע פאַלט איין און באַגראָבט אַלעמען אונטער בערג מיט גרויז און ציגל, געפּלאַצטע וואַסערערן און צעשפריצט גלאָז.

ווי וויל דאָס רוסישע מיליטער איז נאָך געווען אין וואַרשע און דער פּאָליצמייסטער מיט זיין פּאָליציי אַוודאי, האָט דאָך דער גענעראַל־

גובערנאַטאָר, באַציייטנס שוין, געלאָזט צו זיך רופן אַ צאָל פּאַרנעמע־לייט אין שטאָט און זיי געהייסן צונויפשטעלן אַ בירגער־מיליץ, וואָס זאָל זיין גרייט איבערצונעמען די פליכטן פון דער פּאָליציי, ווי נאָר די מאַכט וועט אַוועק פון וואַרשע.

אַנשטאָט די סטאָיקאָוועס און רעוויראָוועס, די פּריסטאַוון מיט זייער געהינטעכץ, זענען די וואַרשעווער פּאָליציי־באַצירקן גיך פאַרנומען געוואָרן פון ציווילע יינגעלייט, וואָס יעדער פון זיי האָט געקראָגן אַ שטיקל שטאָף אַרומצונעמען מיט דעם זיין לינקן אָרעם, אַ לענטע אַזאַ פון אַמאַראַנט (פּורפּור) מיט ווייס, די פאַרבן פון דער פאַרבאָטענער, פּוילישער פאָן, און אויף זייערע קעפּ, — מאַטשעיוווקעס מיט אַן אַמאַראַנט שנירל אַרום די דענקעס.

מיטאיינמאָל האָט וואַרשע געקראָגן אַן אַנדער אויסזען! שטאָט באַוואָפנטע זעלנער, זשאַנדאַרן, זענען איצט ביי דער וואָיענער־טורמע, ביים פּאַוויאַק, ביי דער מאָקאָטאָווער תפיסה געשטאַנען ציווילע יינגעלייט און מיט לייזיקע הענט געוואַכט איבער די אויסגעליידיקטע אינעווייניקייטן פון די טורמעס, וואָס בלויז איינצלנע, קראַנקע אַרעסטאַנטן, איבער־געלאָזטע פון די רוסן, זענען נאָך דאָרט געלעגן אויף די נאַרעס און מיט שרעק און חידוש אין זייערע אויגן געקוקט אַרויף צו די קליינע, פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך אונטערן סופיט, מיט פאַרשפּיצטע געהערן זיך איינגעהאָרכט, טאָמער וועט צו זיי דערגיין אַ שאָרך, אַן אָפּקלאַנג פון דעם, וואָס עס טוט זיך אין פרייען־דרויסן.

טאָג און נאַכט איז איצט אָנגעגאַנגען די עוואַקואַציע פון וואַרשע. קאָטשן און דראָשקעס, פול באַזעצט מיט ווייבער און קינדער פון פּאָליציי־לייט, פון טשינאָווניקעס מיט זייערע הינט און קעץ, פּאַפּוגייען און זינג־פייגעלעך אין זייערע שטייגן, וועגן און פלאַטפאָרמעס, הויך באַלאָדענע מיט בעטן און מאַטראַצן, מיט שענק און קלאַווירן, מיט קינדער־וועגעלעך און ביסיקלעטן האָבן אָן אויפהער געצויגן איבער די גאַסן צום קאָוועלער וואָקזאַל, צום טערעספּאָליער באַנהויף, כדי וואָס גיכער אויפגעלאָדעוועט צו ווערן אין די באַן־וואַגאָנעס און אַפּציען פון פּוילן. נאָך יאָרצענטליקער הערשעוועון, געדייען און פעט ווערן אין דער פּוילישער קרוינשטאָט, האָט פּאַניע איצט זיך אָנגעהויבן אַרויסציען, אַוועק פון וואַרשע דערשלאָגן און טרויעריק. צוואָס לייקענען? אויך ביי פיל פון די צוקוקער איז געווען מרויער אין די אויגן און אַ שווערקייט אויפן געמיט. דו ווייסט וועער עס גייט אַוועק, דו ווייסט אָבער נישט ווער עס קומט. דער אַריינ־קומער קען נאָך אין וואַרשע איבערחזרן די מעשה קאָליש!

איז אין וואַרשע אָנגעשטאַנען אַ בין השמשות, די שרעקצייט צווישן צוויי מאַכטן. נאָר ביז וואָס און ווען, איידער נאָך די נייע מאַכט האָט

געוויזן וואָס זי קען, איז שוין די יידן געווען ביטער, ערגער ווי אונטער פּאַניע.

כאָטש דאָס גאַנצע געוועזער ביי די מיליציאַנטן איז געווען דער פּאַרביקער אָרעם־באַנד, דאָס היטל מיטן פּאַרביקן־שנירל אין דער דענקע, האָבן דאָך פּוילנס זינדלעך, די נעכטיקע סטודענטן פון די הויכשולן, די ביוראַליסטן און באַאַמטע, באַצייטנס שוין געלאָזט פילן די וואַרשעווער יידן ווער זייער מיליציע איז, אויף וואָס יידן קענען זיך ריכטן און איינער פון די יידן דאָס גלייך צו דערפילן איז געווען ער, נתן חיים.

צוליב דער בהלה פון עוואַקואַציע, איז אין וואַרשע געוואַקסן דער דוחק אויף עסנוואַרג פון שעה צו שעה. כדי עפּעס צו קריגן האָט מען געדאַרפט זיין פלינקער און שטאַרקער פון אַנדערן, בפרט איצט, ווען די קריסטלעכע שכנים האָבן דערפילט, אַז זייערע זינדלעך הערשעווען אין די פּאָליציי־באַצירקן, האָבן זיי געשלאָגן און געטריבן יידן פון די רייען, נישט צוגעלאָזט קיין יידישע פרוי, קיין יידיש מיידל צו די געוועלבלעך, וואָס דער בירגער־קאָמיטעט האָט געעפנט צו באַזאָרגן די באַפעלקערונג פון שטאָט מיט אַ ביסל שפּייז. אין אַזאַ צייט האָט שוין נתן חיים נישט געקענט לאָזן די קראַנקע מאַמע, אַפילו נישט דאָס שוועסטערל, אסתר פּערעלען, זיי זאָלן זיך שטופּן אין די רייען, זיך שלאָגן מיט די פּוילישע שכנים, כדי אויך צו קריגן עטלעכע פונט קאַרטאָפל, אַ האַלב ברויטל. סיי ווי איז שוין ביי די באַסאַקעס נישט געווען צו טוען, האָט ער אויף זיך גענומען דאָס כסדרדיקע אַרומלויפן איבער דער שטאָט, איינצושאַפן אַ ביסל עסנוואַרג פאַר דער שטוב. אַוודאי וואָלט אים געווען גרינגער ווען אברם יאַנקל קען אים העלפן. טאָר זיך אָבער דער ברודער, אַ דעזערטיר, נישט אַרומשליאָנדערן אין גאַס. די זשאַנדאַרמערסקע שליפּיעס זענען נאָך אומעטום פול! איז ער אַליין אַרומגעלאָפן, נתן חיים, פון באַגין ביז אין דער נאַכט אַריין, געזוכט, געניש̃טערט אין די באַזאַרן, אין די רייען פון די שפּייז־געוועלבלעך פון בירגער־קאָמיטעט. צעמאָל איז ער אויך אַרויס צו די ראָגאַטקעס, אפשר וועט זיך דאָרט אַ פּויער מיט אַ ביסל שפּייז אויפן וואָגן.

איינמאָל איז ער אַרויס אויף דער ליעש, וועט אַראָפּ נאָך דער אייזנגאַס און דאָרט דערזען אַ פּויעריש פערד און וועגעלע אַרומגערינגלט מיט מענטשן ווי אַ שטיקל זיסוואַרג — מיט פליגן. אין דעם אָנגעלויף, מערסטנס קריסטן, האָט זיך אויך געזען אַ ייד מיט אַ באָרד, עטלעכע יידישע פרויען מיט קאָפּקעס אויף זייערע קעפּ.

ווען ער, נתן חיים, איז דאָרט צוגעקומען, איז שוין געהאַט אָנגעגאַנגען אַ ביטער געראַנגל פון די קריסטן צו פּאַרטרייבן דעם איינציקן ייד מיט די יידישע פרויען. אויך אים האָבן די קריסטן גענומען טרייבן.

ער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט. מיט אַלע כוחות האָט ער זיך געקלאַמערט אין וואָגן, זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף אַ פּעדערשט ראָד, מיט איין האַנט זיך געהאַלטן אָן דער קלאַניצע און מיט דער אַנדערער געשטופּט דעם פויער די צוויי קערבלעך פאַר אַ פּערטעלע קאַרטאָפל. דער ערל האָט זעט אויס, געהאַט יאַנדעס, ער האָט נישט געהערט זיינע קריסטלעכע ברידער, צוגענומען ביי נתן חיימען די צוויי רובל און נאָך זיי אַנגעזידלט:

— מענטשן! — האָט ער צו זיי געשריגן, — וואָס טוט זיך מיט אייך? פון אַ גאַנצן וואָגן קאַרטאָפל, לאָזט איר נישט פאַרקויפן צו אַ ייד אַפילו איין פּערטעלע?

אויף דער מינוט האָט דעם פויערס מענטשלעכקייט גובר געווען די צעיאַכמערטקייט פון פּעוול און זיי האָבן נתן חיימען געלאָזט נעמען דאָס זעקל קאַרטאָפל. אָבער ווי נאָר ער איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט פון וואָגן, איז ער אויפסניי באַפאַלן געוואָרן, דאָסמאָל פון יענע גויים און גויעס, וואָס פאַר זיי איז שוין מער קיין קאַרטאָפל אויפן וואָגן נישט געווען. מיט רציחה האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף אים און גענומען רייסן דאָס זעקל קאַרטאָפל פון זיינע פּלייצעס:

— טי פאַרשיווי זשיד! דאָס זענען פּוילישע קאַרטאָפל, אויף פּוילנס ערד געוואַקסן. ווילסט פּרעסן? גיי קיין פּאַלעסטינע!

וויפל די גויים און גויעס האָבן נישט געריסן, האָט ער אַלץ דאָס זעקל קאַרטאָפל נישט אַרויסגעלאָזט פון זיינע הענט. אומגעוואָרפן פון די באַפאַלער, איז ער געלעגן איבערן זאַק און אים געשיצט מיט זיין לייב און לעבן, געקאָפּעט מיט די פיס און געשריגן:

— איך וועל די קאַרטאָפליעס נישט אַוועקגעבן, איך האָב פאַר זיי באַצאָלט, איך בין אַ פּוילישער צוגלייך מיט אייך!

צוליב די געשרייען איז דער קנויל מענטשן אויסגעוואַקסן צו אַן אויפגעלויף, וואָס האָט געשטערט די באַוועגונג אין גאַס, פאַרהאַלטן דעם טראַמוויי פון און קיין טשיסטע. דאָ איז שוין צוגעקומען אַ מיליציאַנט. אָנגעקומען איז ער גראַד געלאָסן, מיט געמאָסטענע טריט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פאָרשטייער פון דער מאַכט. דער פאַרביקער באַנד אַרום זיין אָרעם, דאָס אַמאַראַנט־קאַלירטע שנירל אַרום דער דענקע פון זיין היטל, אַלץ אויף אים האָט געוואָרנט: אַכטונג, די גערעכטיקייט קומט!

די באַפאַלער האָבן גלייך געמאַכט פאַר אים אַ וואָרע. אויך נתן חיים, ליגנדיק אויפן ברוק מיטן בויך איבערן זאַק קאַרטאָפל, האָט אונטער־געהויבן צו אים דעם קאָפּ און זיך באַקלאָגט פאַר אים. ער אָבער, דער פאָרשטייער פון דער גערעכטיקייט, ווי נאָר ער האָט געזען, אַז דער אומגעוואָרפענער איז אַ זשידעק, האָט ער גלייך פאַרלוירן די רואיקייט, פאַרגעסן אָן דער סטאַטעטשנער אָפיצילקייט. צוגלייך מיט די באַפאַלער

האָט ער געגומען שלעפּן דאָס זעקל קאַרטאָפל פון אונטער נתן חיימען אַפּער. און אַז דער זאַק רויב איז שוין געווען ביי די באַפּאַלער אין די הענט, האָט דער היטער פון גערעכטיקייט ערשט געגומען נתן חיימען, אַן אויסגעטאָרליעטער, אַ צעבלוטיקטער פון שטערן, פון מויל און אַוועק־געפירט אים אין צירקל צו אַרעסטירן פאַרן שטערן די רו, פאַר זיין קעגנשטעלן זיך דער מיליציע אין טוען איר פליכט.

ווער ווייסט ווי לאַנג ער וואָלט זיך געווען אָפּגעוואַלגערט אין אַרעסט, ווען אין יענעם פּאָליציי־באַצירק וואָלט נישט איינער פון די רעוויראָוועס געווען דער מעדיצין־סטודענט, איגנאַצי שטיקגאָלד, דער זון פון הויז־ווירט, ווו ער, נתן חיים, וווינט. אָבער וואָס קומט אים דערויס? קיין קאַרטאָפּליעס האָט ער שוין יענעם טאָג נישט אַהיימגעבראַכט. ווען די מאַמע, חנה לאה, האָט אים דערזען אַזאַ צעבלוטיקטן, אָן אַ היטל, אָן דעם זאַק, וואָס ער האָט מיט זיך גענומען, אָן די קאַרטאָפל, וואָס ער האָט פאַר זיי באַצאָלט גאַנצע צוויי קערבלעך, האָט זי פאַרגעסן אַז מ׳טאָר נישט בעטן אויף קיין נייע מושלים, נאָר פאַרהויבן דעם בליק צום סופית:

— טאַטע זיסע׳, זאָלן שוין באַדיי זאַאַן די דאַאַטשן, אַבי מאַטשעק אין וווימעק זאָלן ניש׳ ׳אָבן צי זוגן איבערן ייד!

צי דאָס איז טאַקע געווען צוליב חנה לאהעס געבעט, צי צוליב זייערע אייגענע האָוויטצערס, סיי ווי, די דייטשן זענען אַריין קיין וואַרשע כמעט צום יאָר נאָכן אויסברוך פון קריג.

דעם גאַנצן מיטוואָכדיקן טאָג, פאַר זייער אַריינקומען, איז געווען אַן אימה אַרויסצוגיין אויף דער גאַס. וואַרשע האָט יענעם טאָג געווימלט מיטן אָפּטרעטנדיקן מיליטער. ס׳האָט גאָרנישט געגומען קיין סוף צו דעם ציען פון די פאָלקן פיעכאָטע, פון די אָפּטיילונגען אַרטילעריע און קאַוואַלעריע, פון זייערע האַרמאַטן, געשפּאַנט צו אַכט פערד יעדער, צו די אָבאָזן מיט היי, געפּרעסטע אין פיר־עקיקע בלאָקן, צו די פאַרעדיקע קעסלען מיט יושקע אויף רעדער. די קערבעדזש־בריק איבער דער ווייסל האָט זיך געוויגט אונטער זייער געגיי, זיך געטרייסלט פון דעם שווערן געפּאָרעריי.

ווי דאָס מיליטער צופוס און אויף פערד, אַזוי האָבן די פּאָליציי־לייט פון די צירקלען, די טשינאָווניקעס פון די געריכטן, דאָס ערב־רב פון גובערנאַטאָרסקן שלאָס געאיילט צו די וואָקזאַלן אין קאָטשן און דראָזשקעס, אַריינצוקריגן זיך וואָס פריער אין די וואַרטנדיקע באַן־וואַגאָנעס, זיך צו לאָזן אין וועג אַריין אָניאָגן די ווייבער און קינדער, צו אַנטלויפן מיט זיי וואָס גיכער פון די גערמאַנצעס, אַרויס פון דעם, נאָך לאַנגע יאָרן באַהערשן פּוילן, צוריק צום מוטערל רוסלאַנד!

בעת דאָס מיליטער האָט נאָך געצויגן איבער דער שטאָט, האָבן שוין די סאפּיאָרן אָנגעהויבן מינעווען און אויפרייסן הינטער זיך קאַזאַרמעס און פאָרטן, זאַפּאַסן מיט שפּייז און געווער, רעמיזיעס אַרום די וואָקזאַלן און לאַזאַרעטן, אויסגעליידיקטע פון די קראַנקע. אַלע־ווייל האָט זיך אין אַן אַנדער טייל שטאָט דערהערט אַ קנאַל און באַלד איז דער הימל פול געוואָרן מיט רויכוואָלקנס, וואָס האָבן זיך געקנוילט נידריק און שווער און אין דעם רויך האָבן נאָכגעצויגן פונקען אַזוי געדיכט, גלייך אַ פייער־רעגן וואָלט אויפגעגאַנגען פון דער ערד אַרויף צום הימל.

ווי ווייל דער טאַטע, אַ קראַנקער אין בעט, האָט נתן חיימען געוואָרנט, די מאַמע האָט זיך ביי אים געבעטן און אַליין האָט ער אויך איינגעזען די סכנה פון אַרומקריכן אין די גאַסן בעת דאָס מיליטער טרעט אָפּ אַזוי הפקרדיק־צערייצט, האָט ער דאָך נישט געוואָלט און נישט געקענט איינזיצן אין שטוב אין אַזאַ צייט. דאָס איז דאָך שעת חירום! וועלטן גייען אונטער! אָט האָט זיך דערהערט אַ קנאַל אין דער זייט פון נאַדוויס־ליאַנער וואָקזאַל. דאָרט איז דאָך דאָס ציטאַדעל! האָט שוין פּאַניע אויך אויפגעריסן דעם אַרסענאַל מיט געווער?

כל־זמן די זון האָט נאָך געשיינט, האָבן די האָריזאָנטן אַרום וואַרשע אויסגעזען ווי בלויז אָנגעפּילט מיט וואָלקנס רויך. ווי נאָר אָבער דער אָוונט איז צוגעפאַלן, האָט מען ערשט דערזען די שריפות, וואָס פלאַקערן אַרום וואַרשע, פלאַמען ווי נישט פון דער ערד, נאָר די הימלען וואָלטן זיך אָנגעצונדן אין אַ העליש גיהנום!

ערשט שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, נאָך דעם ווי דער לעצטער רוסישער זעלנער, דער לעצטער צוג מיט באַאַמטע און טשינאָווניקעס זענען געווען אַרויס פון שטאָט, האָט זיך דערהערט דער לאַנגדערוואַרטער דונער און באַלד נאָך צוויי קנאַלן נאָך אים.

דאָס פּאַרטייעטע וואַרשע, אָפּגעשלאָסן הינטער טויער און ריגל, וואַכענדיקע אין די אויסגעלאָשענע, פינצטערע הייזער, האָט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם זיך איינגעהערט ווי די בריקן איבער דער ווייסל זענען אויפגעריסן געוואָרן!

עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. אין דעם גרויען פרימאָרגן זענען אויף ביציקלעטן, דורך דער וואָליער ראָגאַטקע, אַריין אין שטאָט דריי מיליטער־לייט אין שוואַרץ־גלאַנציקע העלמען מיט בלישטשענדיקע, מעשענע שפּיצן און אָדלערס פון קייזערלעכן, דייטשישן רייך אויף זייערע קעפּ. און נאָך זיי, אַ שווער באַוואָפנטער, איז דער ערשטער פאָרפּאָסטן פון דער פּרייסישער אַרמיי אריין קיין וואַרשע!

קאַפּיטל זיבנאונצוואַנציק

פון וואַנען האָבן די דייטשן געקענט אַזוי גיך און אַזוי גענוי וויסן, ווו אויס און ווו איין אין וואַרשע? ס'איז דאָך געווען צום שטוינען: איידער נאָך זייער אַרמיי איז רעכט געהאַט אַריין אין שטאָט, האָבן זיך שוין קליינע אָפּטיילן זייערע צעצוויַיגט, ווי צווייגן פון אַ בוים און זענען דורך באַזונדערע גאַסן אַוועק צו באַזונדערע פּונקטן. מיט אַ מאָפּע אין האַנט איז דער אָפיצער מיט זיין אָפּטייל אָנגעקומען צו זיין באַשטימטן ציל. אין וויַניקער ווי איין שעה צייט, האָבן זיי שוין געהאַט באַזעצט דאָס שלאָס, דאָס ראָטהויז, דעם ציטאַדעל, אַלע טורמעס און אַלע וואָקזאַלן און זייערע סאַפּיאָרן זענען שוין געווען פאַרטועט אין צוריקשטעלן די טעלעפאָן־ און טעלעגראַף־פאַרבינדונגען, די איבערגעריסענע עלעקטרישע שטראָמען, די אָפּגעשרויפטע באַן־רעלסן און דער, פון פאַראויס־באַשטימטער קאָמענדאַנט זייערער, האָט שוין פון זיין זיץ־אָרט אין ראָטהויז, געלאָזט פאַנאַנדערקלעפּן אַן אויפרוף צו דער באַפעלקערונג צו עפענען די געשעפטן, צו לאָזן אין גאַנג די פאַבריקן און ווערקשטאַטן, צו פאַרהאַלטן זיך רואיק און נישט קלייבן זיך אין גרופּעס מצד ביישט צו טוען אין שטאָט, איבער די גאַסן.

גאָר גיך האָט די שטאָט אויפגעטייעט נאָך דער שרעק־נאַכט. די סטרוזשעס האָבן געעפנט די טויערן און כאָטש די פּאָליצעס אין די געשעפטן זענען געווען ליידיק, האָבן קרעמער געעפנט די קראָמען, אויב נישט צוליבן פּדיון, איז צוליב דער מורא נישט באַשולדיקט צו ווערן אין סאַבאָטאַזש, דער נייער מושל זאָל נישט האָבן קיין אויסרייד צו טוען אין וואַרשע, וואָס ער האָט געטאָן אין קאַליש.

ווי די שרעק האָט נאָך געהויערט אין דער לופט, גענאָגט דאָס געמיט, האָט דאָך דער נייגער גובר געווען און מענטשן זענען אַרויס פון די שטובן, פון די הייף, פון די זייטן־געסלעך אין די הויפּטגאַסן אַריין און דאָרט, לענג־אויס אויף די טראָטואַרן, געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צו דעם אָנפלייץ פון דייטשישן מיליטער.

מאָדנע, ווי שרעק צו שרעק איז נישט גלייך. נעכטן, בעתן אָפּטרעטן פון די רוסן, איז ביי די מענטשן געווען פּשוטע מורא, מורא פאַרן קריגן געשלאָגן, פאַר ווערן ראַבירט, פאַרן באַפאַלן און שענדן פרויען. היינט אָבער,

בעתן אָנפּלייך פון די דייטשן, איז שוין די מורא גאָר אַן אַנדערע. פון דעם נייעם מושל אָטעמט מיט אימה פאַרן ווערן דערשאָסן. די דייטשן זענען ציוויליזירטע אייראָפּייער, זיי שלאָגן נישט, ראַבירן נישט און שענדן נישט קיין פרויען. זיי ציילן בלויז אָפּ צו ניין און דערשיסן דעם צענטן. און ווי זיי גייען! עפּעס גאָרנישט ווי מענטשן, נאָר מאַרשירן ווי מאַשינען. דאָס געקלאַפּ פון זייערע שווער־באַנעגלטע שטיוול, שלאָגט איבערן מוח ווי דאָס געשיסעריי פון זייער מאַשינגעווער. אַ בליק אויף די שוואַרצע העלמען מיט די מעשענע שפּיצן אויף זייערע קעפּ און דו שרומפּסט איין, דאָס האַרץ זינקט דיר אין די קני!

די אימה האָט ערשט אָנגעהויבן נאָכלאָזן שפּעט אין האַלבן טאָג, ווען דער טראַמוויי האָט צוריק אָנגעהויבן קורסירן, ווען זיין היימיש געקלינגעריי האָט ווידער אָנגעפילט די לופט, דער עיקר ווען ס׳האָט אויפגעהערט דאָס מאַרשירן פון אַרמייען און עס האָבן זיך באַוויזן אויף די גאַסן מענטשלעכע זעלנער אין צווייען, אין דרייען. ערשט איצט האָבן ציווילע לייט זיך אונטערגעשטעלט זיי צו גריסן, העלפן זיי מיט אַ וואָרט, אַן אָנווייז אין זייער נייגעריקייט, אין זייער גאָרן אַרומצושניפן דעם זאַקסישן גאָרטן, דעם פּלאַץ קראַשינסקי, דעם פּלאַץ סאַסקי, דעם רוסישן סאָבאָר מיט די געגילדטע קופּאָלן, בלישטשענדיקע און בלענדנדיקע אין דער נאָכמיטאָג־זון.

געוווינט פון לאַנגע יאָרן צו דער ברייטהאַרציקייט, דער פרייגיביקייט פון רוסישן זעלנער, וואָס האָט פאַרקויפט דאָס געקראָגענע שטיקל זויל־לעדער, די אונטערוועש, די עקסטרע פּאָר שטיוול און גלייך מיט דעם געלט געגאַנגען זיך קויפן אַ ווייסע זעמל, אַ פלעשל בראָנפן, אָדער אַ הוליע טוען אין אַ רעסטאָראַציע, האָבן יידן געמיינט, אַז אויך איצט וועט זיך אָנהייבן אַזאַ האַנדל מיט די דייטשישע זעלנער. האָבן אָבער וואַרשעווער סוחרים גיך איינגעזען אַז די דייטשן זענען אַנדערש. זייערע זעלנער פאַרקויפן גאָרנישט פון דעם, וואָס זיי קריגן אין דער אַרמיי און, וואָס נאָך ערגער, זיי קויפן גאָרנישט! אַלץ וואָס זיי אינטערעסירט איז קאַרטלעך, קאָלירטע פאָטאָגראַפיעס פון דער שטאָט, פון אירע באַרימטע געביידעס, פלעצער, דענקמעלער, צו קענען וואָס גיכער אָפּשיקן צו זייער גרעטכען, זי זאָל זען ווי הערלעך עס איז וואַרשע, די קרוינשטאָט פון פוילן, וואָס די זיגרייכע, קייזערלעך־דייטשישע אַרמיי האָט צוגענומען פון די רוסן.

מילא, קאַרטלעך, זאָל זיין קאַרטלעך! זענען הונדערטער יידישע יינגלעך, אַפילו יידן מיט בערד, ווייבער, מיידלעך אַרומגעלאָפן איבער די וואַרשעווער גאַסן און פלעצער מיט פּעקלעך קאַרטלעך אין זייערע הענט. צי זיי האָבן יאָ געלייזט, צי נישט געלייזט, אָבער די פּוילישע שקצים און

שיקסלעך האָבן שוין געשטשירעט אויף זיי די ציין פון קנאה, וואָס זיי, די זשידעס, קענען רעדן מיט די „פּרוסאַקעס", בעת זיי האָבן אַפילו מורא צוצוקומען צו אַ דייטשן זעלנער, טאָמער טרעפט מיט זיי, וואָס עס האָט געטראָפן מיט פּאָליאַקן אין קאָליש. דאָרט, אַז אַ דייטש האָט געשריגן „האַלט", זענען די יידן געבליבן שטיין, די פּאָליאַקן אָבער האָבן נישט פאַרשטאַנען און גאָר גענומען לויפן, האָבן די דייטשן נאָכגעשאָסן און אַוועקגעלייגט צענטליקער פון זיי אינמיטן גאַס.

צווישן די קאַרטלעך־פאַרקויפער זענען אויך געווען די צוויי ברידער, אברם יאַנקל און נתן חיים. דאָס דחקות אין שטוב טרייבט אויך זיי אין גאַס אַריין זוכן צו פאַרדינען אויף ברויט, אויף אַ קאַרטאָפל. אברם יאַנקלען, געראָטן אין דער מאַמען, איז גאָרנישט אָנגעקומען שווער דאָס פּלוצימדיקע דאַרפן ווערן אַ סוחר. פלינקער נאָך פון אנדערע איז ער אַרומגעלאָפן און ווי נאָר אַ גרופּקעלע זעלנער, איז ער פאַר זיי אויסגע־וואַקסן מיטן פּעקל קאַרטלעך אין האַנט:

— מיינע הערן, קאַופן זי קאַרטן? הערלעכע געביידן, מאָניומענטן! דאָס איזט דער בעלוועדער, דאָס איזט קופּערניקוס, אונד היער זינטן די דריי קרויצן!

נתן חיים האָט געגאַפט. ער האָט מקנא געווען דעם ברודער. זע נאָר ווי ער טויג זיך אויס! ער אָבער, נתן חיים, געראָט אַריין אין טאַטן. ווי דעם טאַטן אַמאָל איז געווען שווער דאָס איבערגיין פון בהמה־טרייבערײ צו מסחר, אַזוי לייגט זיך ביי אים נישט די צונג צו פרעגן אַ יעקע צי ער וויל קויפן אַן אָנזיכט־קאַרטל. אַ געפּאַלענער ביי זיך, שליאָנדערט ער זיך איבער די וואַרשעווער גאַסן און קיין איינמאָל האָט ער נאָך נישט אַפּערגענומען דאָס פּעקל קאַרטן פון הינטער דער פּאָלע.

שוין פון קאַרטלעך־האַנדל האָבן וואַרשעווער יידן איינגעזען אַז פון די פּרייסן וועט מען קיין פּרנסה נישט האָבן. ווי אין קאָליש, אין לאָדזש, אין פּלאָצק וועלן זיי אויך דאָ גאָרנישט געבן נאָר בלויז נעמען, נישט חלילה ראַבירן, ווי אָנגעשיכורטע פּאָניעס האָבן ראַבירט ברויט אין בעקערייען, אַ פלעשל בראָנפן אין וועלכן געהיימען שענקל. די דייטשן זענען געבילדעטע לייט, זיי רעקווירירן און דאָס אויף אַ גרויסער שטייגער און נישט, חלילה אַן געצאָלט. פאַר אַלץ וואָס זיי נעמען גיבן זיי אַ פּאַפּירל מיטן הערב פון דייטש־קייזערלעכן רייך און אויף דעם פּאַפּירל איז בפירוש אָנגעשריבן, אַז נאָכן קריג און זיג, וועט די דויטשע־רייכסבאַנק פאַר אַלעס באַצאָלן, יאָ מיין הער, פאַר אַלעס באַצאָלן!

ווינטער, בעת די מלחמה האָט זיך דערנענטערט צו וואַרשע און דער דוחק אויף עסנוואַרג אין שטאָט איז געוואָרן גרויס, האָט גאַנץ אָפט געטראָפן אַ ציווילער זאָל בעטן און אויך קריגן אַ ברויט ביי אַ רוסישן

זעלנער. ווער שמועסט נאָך אַז אַ „באַרישניע", אַ מיידל אָדער אַ יונגע פֿרוי האָט דאָס געבעטן, דעמאָלט איז דער פּאַניע גאָר צעשמאָלצן געוואָרן פֿון גוטסקייט. אָבער נישט אַזוי ביי די דייטשן! אַז דער הונגער האָט שוין גוט געטריבן און אַ מענטש איז בייגעשטאַנען די מורא צוצוקומען נאָענט צו זייערס אַ קאַזאַרמע, האָט נישט געטראָפֿן אַז וועלכער פֿון זייערע זעלנער זאָל שענקען, אָדער כאָטש פאַרקויפֿן אַ לעבל פֿון זייערע ברויטן, לענגלעכדיקע, ברוין־אויסגעבאַקענע, וואָס האָבן פֿאַרשמעקט די גאַס אַרום. אַפילו אַ יונג מיידל, אַז זי האָט זיך אונטערגעשטעלט, געמיינט איר שמייכל וועט ווייך מאַכן ס'האַרץ פֿון דייטש, איז אויך זי אַוועק אָן ברויט, דערצו נאָך באַליידיקט, פֿאַרשעמט. ניין, דער דייטשישער זעלנער האָט זי חלילה נישט געשלאָגן, נישט געטריבן. וואָס איז ער, אַן אַזיאַטישער פּאַניע? ער האָט בלויז צוריק געשמייכלט:

— אָך יאַ, ליבכיען, בראָאָט וואָליען זי האַבן? דאָס איזט שיין. ווירדן זי שלאָפֿן מיט מיר?

דאָס טאָקע האָט דער וואַכזעלנער ביי דער וואָיענער טורמע, נאָענט צו זייער טויער, פֿאַרגעלייגט אסתר פּערעלען, נתן חיימס פּופּצן־יעריק שוועסטערל, כאָטש ער, דער יעקע, אַ רעזערוויסט, איז געווען אַ מאַן נאָענט שוין צו די פופציק. אסתר פּערעלע איז נעבעך צוריקגעקומען אין שטוב אַריין אַ וויינענדיקע, זיך געשעמט צו דערציילן דער מאַמען, וואָס דער זעלנער וויל פֿאַרן געבן איר אַ ברויטל.

האָט דעריבער נתן חיים נאָך אַלץ געמוזט אַרומלויפֿן זוכן שפּייז פֿאַרן הויזגעזינד. אין דעם שטענדיקן געיעג נאָך עסנוואַרג האָט זיך אין אים געהאַט אַנטוויקלט אַ באַזונדערער חוש, אַ ניוך צו דערשמעקן פֿון ווי ווייט, ווו מ'קען עפּעס קריגן. איינמאָל איז צו אים דערגאַנגען אַ שמועה, אַז ביי דער גמינע טיילט מען ברויט. איידער די דייטשן זענען אַריין, איז דאָס געווען אַן אָפּטע געשעעניש דאָרט. דעמאָלט איז ער אַהין נישט געגאַנגען. ווי דער טאַטע זיינער, אַזוי האָט ער אויסגעמיטן קיצבה. איצט אָבער איז שוין דער הונגער אין שטוב געווען אַזוי גרויס אַז ער איז יאָ אַהין אַוועק און נאָך צוזאַמען מיט אברם יאַנקלען. פֿון אַ סך משפּחות גייען צו צוויי, צו דריי זיך שטעלן אין דער ריי, וועלן זיי אויך אַזוי טוען. ער וועט נעמען אַ ברויט און אברם יאַנקל — אַ ברויט.

נאָך פֿון ווייטנס, שוין אויף דער גראַניטשנע גאַס, האָבן די צוויי ברידער געזען, וואָס אויף דער גזשיבאָווסקע טוט זיך. דאָרטן זענען נישט געשטאַנען קיין רייען. די גאַס איז געווען שוואַרץ מיט אַ צונויפֿגעדריקטער מאַסע פֿון טויזנטער און טויזנטער מענטשן, יונג און אַלט, מענער און פֿרויען. אַז דאָס איז נישט קיין פּשוט אָנגעלויף, האָט מען אויך געקענט זען פֿונוויטנס. אויף אַן אָנגעלויף איז אַ סומאַטאָכע, אַ ליאַרעם, אַ

געפילדער. דאָ אָבער שטייט אַ מאַסע מענטשן שטיל, הערן זיך איין צו עמעצן, וואָס רעדט דאָרטן, מיט אָנגעשפּיצטן געהער און פּונקט ווי אַן עולם מתפּללים אין בית המדרש ענטפערט אָפּ דעם חזן ברוך הוא, וברוך שמו אָמן, אַזוי האָט אַלעוויִיל דער עולם דאָ אַרויסגעלאָזט אַ געבריל:

— מיר ווילן ברויט!

פון דעם בלויזן געבריל, איז די צוויי ברידערלעך אַדורך אַ סקרוך איבערן לייב.

— קים שוין אַוועק פון דאַנעט! — האָט אברם יאַנקל געצויגן דעם ברודער פאַרן אָרעם. — מ'קען נאָך דו קריגן אַ קליאַפּ, אַ שטויס, אָדער גור אַרעסטירט ווערן!

— גיי די אַהיים, — האָט נתן חיים אַרויסגענומען דעם אָרעם פון אברם יאַנקלס האַנט און אים קריקגעשטופּט אין דער גראַניטשנער גאַס אַריין, — יעך 'על צי גיין זעיען וווס דאָרטן טיט זעך.

אַז מ'טיילט דאָ נישט קיין ברויט, האָט נאָך נתן חיים געזען פון ווייטנס. וואָס אים האָט דאָ געחידושט איז די פּאָרכטיקע שטילקייט. צווישן איין געבריל „ברויט" און דעם צווייטן, איז דאָ אַזוי שטיל אַז מ'קען דאַכט זיך הערן דעם פאַל פון אַ שפּילקע. און נאָכמער האָט אים געחידושט דער רעדנער, אַ יונגער נאָך, אַ בלאַסער, מיט אַ שאַרף, קנאָכיק פּנים און גרויסע, געלע ציין. די האָר זיינע, קרענקלעך־ווייכע, ווינטלען זיך כאָטש אין דער לופט איז נישטאָ קיין סימן פון קיין ווינט. אַז דער יונגער מענטש איז אַ סוכאָטניק קען אַפילו אַ בלינדער זען. אָבער פון וואַנען קומט צו אים אַזאַ כוח? יעדערס וואָרט זיינס איז שיער נישט ווי אַ דונער פון אַ האַרמאַט!

ער איז, הייסט עס, אַריינגעפאַלן אין אַ דעמאָנסטראַציע, נתן חיים. זאָגן, אַז ער האָט זיך נישט געשראָקן, וואָלט געווען נישט אמת. ער איז טאַקע נישט קיין דערזערטיר ווי אברם יאַנקל, וואָס די דייטשן רופן זיך צוצושטעלן צו זיי אין פליען אַריין. ביי אַזאַ דעמאָנסטראַציע קען ער נאָך אויך אַרעסטירט ווערן, ער וועט אָבער נישט אַוועקגיין, ניין, נישט נתן חיים! איין זאַך איז באַלד נישט צוקומען, אָבער גאָר עפּעס אַנדערש איז אַנטלויפן, אָפּטראָגן זיך ווי אַ טרוס. ער האָט זיך נאָר געוווּנדערט וואָס מ'זעט נישט קיין דייטשישן זעלנער, קיין שוצמאַן אַפילו אויף אַ רפואה. זאָל עס זיין ווייל אונטער די דייטשן איז פרייער ווי אונטער די רוסן?

ער האָט געהאָרכט און געגאַפט, נתן חיים. יענעם ווינטער פאַרנאַכט, אין גרינבערגס רעסטאָראַציע, האָט דער ליטוואַק גערעדט אפשר אַ מינוט און דאָס אויך פון אַ באַהעלטעניש אַרויס, דאָ אָבער שטייט אַ רעדנער אויף די טרעפּ פון דער וואַרשעווער גמינע, אַרומגערינגלט פון טויזנטער מענטשן און ער האָט גאַרנישט קיין מורא צו רעדן אַזוי לאַנג, אַזוי הויך:

— חברים! ווי לאַנג נאָך וועלן מיר הונגערן און שווייגן? די וואַרשעווער בורזשואַזיע באַהאַלט זיך! פריער האָט זי זיך באַהאַלטן הינטערן פאַרטעך פון טאַטיאַנאַ־קאָמיטעט, זי האָט געלאָזט די יידן פון פּעטראָגראַד, פון מאָסקווע זאָרגן פאַר די היימלאָזע אין וואַרשע. איצט באַהאַלטן זיך אונדזערע גבירים הינטער די דיקע מויערן פון דער גמינע. זייערע דאָזאָרעס לייגן אַלץ אָפּ, זיי האָבן נישט קיין געלט, זאָגן זיי! לאָמיר גיין צו די בערגסאָנס, צו די נאַטאַנזאָנס, צו די פּאַרבשטיינס אויף דער קראָליעווסקע, אין די אויאַזדאָווסקע אַלייען!

— בונדישע פּחדנים, פאַרעטער! — האָט זיך דערהערט אַן אויסגעשריי. — איר רופט די מאַסן צו דער גמינע ווייל איר האָט מורא פאַרן אָקופּאַנט צו דעמאָנסטרירן פאַרן „ראַטהויז", פאַרן בירגער־קאָמיטעט!

— וועיע׳ איז דע׳ שרייע׳? — האָט נתן חיים געפרעגט איינעם לעבן זיך.

— אַוודאי אַן עסדעק.

— גרויסער העלד! — האָט עמעץ פון דער מאַסע־אַרויס צוריק־געשריגן צום עסדעק, — פאַרוואָס רופט איר נישט צו דעמאָנסטרירן פאַרן ראַטהויז?

נתן חיים איז געווען צעטומלט. מילא, פון בונד האָט ער שוין געהערט, אָבער ווער זענען די „עסדעקעס"? און פאַרוואָס רופן זיי טאַקע נישט צו דעמאָנסטרירן פאַרן „ראַטהויז"? כאָטש ווו איז דאָ דער חטא פון קומען זיך אַראָפּשרייען ס׳האַרץ פאַר דער גמינע? ס׳איז דאָך אמת, וואָס דער רעדנער דאָ זאָגט. דער „היינט" האָט נאָך לאַנג צוריק געשריבן, אַז די וואַרשעווער גבירים באַהאַלטן זיך. די שטיצע פאַר די היימלאָזע איז דאָך געקומען פון די רוסישע יידן. פאַרוואָס זאָל דאָס אַזוי זיין? פאַרוואָס טאַקע זאָלן די וואַרשעווער גבירים נישט זאָרגן פאַר די אָרעמעלייט? ס׳שטייט דאָך בפירוש: עניי עירך קודמין![1]

און די מאַסע האָט נאָך אַלץ געדונערט:

— ברויט!

[1] די אָרעמעלייט פון דיין שטאָט קומען פריער.

קאַפּיטל אַכטאונצוואַנציק

נאָך לייבל משהעס חתונה, ווען עלקעלע איז צוריק אַהיימגעפאָרן קיין ראַדעם, איז נתן חיים געווען זיכער ער וועט באַלד דערהאַלטן פון איר אַ בריוו. ס׳קען זיין, ווען ער שרייבט צו איר וואָלט זי אים געווען געענטפערט. זי שרייבט טאַקע נאָר פּויליש, זי קען אָבער גוט יידיש אויך. שעמט ער זיך איר צו שרייבן טאָמער וועט זי און איר מאַמעשי לאַכן פון זיין האַנטשריפט, כאָטש וואָס איז דאָ צו לאַכן? מ׳האָט אים דען געשיקט אין די שקאָלעס ווי מ׳שיקט זי? ער האָט דאָך געמוזט אַליין זיך אויסלערנען לייענען און שרייבן, פונוואַנעטזשע זאָל ער האָבן אַ שיינע האַנטשריפט?

דורכן גאַנצן זומער לײדיק־גײין אין מאָדזשיץ, ווי ער האָט נישט געהאַט קיין איבעריקן גילדן אין קעשענע, האָט ער דאָך געקלערט צו פאָרן קיין ראַדעם זען עלקעלען. שיינדעלען, ווייסט ער, וואָלט דאָס שטאַרק געפעלן. זי וואָלט גערן געהאט זיין קומען, נישט אַזוי צוליבן טעכטערל, ווי צוליב איר אברמעשי. זאָל ער זען ווי יינגעלייט פירן זיך, נישט ווי ער, דער באַנק־קוועטשער, וואָס אויסער צו די תנאים, האָט ער זי נישט געזען ביז נאָך דער חופה, צום לייגנפירן.

נאָר מילא, שיינדעלע יאָק שיינדעלע, וואָס אָבער וואָלט געזאָגט דער קוזין אברהם? ער בורטשעט אַזוי אויך: וואָס האָט זיך דער יינג אָנגעזעצט? ס׳גאַנצע מיידלטשינע איז דאָך קיין פערצן יאָר נאָך נישט אַלט!

ווען די מלחמה ברעכט נישט אויס, וואָלט ער זיך נישט געווען גערעכנט מיטן קוזין אברהם און גראָד יאָ געפאָרן זען עלקעלען. האָט אָבער די מלחמה אויסגעבראָכן, דערנאָך די וויסטע בהלה מיטן טרייבן פון מאָדזשיץ, פון פּילעוו. פון קאָרעוו ווידער, דאָס שלעפן זיך קיין וואַרשע, דאָס אַריינקומען פון די דייטשן! איצט, ווען עלקעלע זאָל אַפילו טראַכטן אים צו שרייבן, ווייסט זי אויך נישט ווו ער איז. כאָטש עס קען גאָר זיין, אַז ער ליגט איר גאָרנישט אין זינען, אַז זי טראַכט גאָרנישט וועגן אים.

אָט די צווייפלען, דאָס נישט זיכער זיין צי עלקעלע האָט אים טאַקע

ליב, האָבן נתן חיימען געפּייניקט, נישט געגעבן אים קיין רו. די טעג זענען נאָך ווי עס איז אַריבער. צוליב דער שטענדיקער פּאַרפּלאָנטקייט אַרום דער מאַמען מיט די דאָקטוירים, צוליב דעם געיעג נאָך אַ ביסל עסנוואַרג אין שטוב אַריין, האָט ער נישט קיין צייט געהאַט צו טראַכטן וועגן עלקעלען. ביטער אָבער איז אים געווען אין די נעכט. ווי נאָר ער האָט זיך געלייגט שלאָפן, איז אים באַפאַלן די בענקשאַפט נאָך עלקעלען. ער ליגט אויפן געלעגער און זיין דמיון גייט איר נאָך יעדן טריט. אַט זעט ער זי מיטן ראַניעץ העפטן גיין אין שקאָלע, אַט שטייט זי פאַרן שפּיגל, פלעכט זיך די צעפּ, אָבער זייטיקלעך, אין שפּיגל, קוקט זי צו אים און אַז זייערע בליקן געגענען זיך אָן, בלעזלט זי אַרויס צו אים איר צינגל, אַ רויטס, אַ שיינס.

און נישט נאָר די בענקשאַפט, אויך דאָס שולדגעפיל צו איר פּייניקט אים. אמת, ניחהלע יאַכטשעס אין מאַדזשיק, ווי דבורהלע אין קאָרעוו, האָבן זיך אָן אים אָנגעהאָנגען, נישט ער אָן זיי. די פּאַננאַ סאַבינאַ אָבער האָט זיך דאָך אָן אים נישט אָנגעהאָנגען. ער איז דאָך געגאַנגען צו איר, געקושט זיך מיט איר, אַרומגעוואַלגערט זיך מיט איר אויף דער קאַנאַפּקע אין איר ביוראָ־שטוב. איז דאָס רעכט? וואָלט עלקעלע אויך אַזוי געטוען? און אפשר טוט זי דאָס? אפשר קושט זי זיך אויך מיט יינגלעך?

— ניין, ניין!

— ווּאס איז געשעיען? נתן חיים!

ער האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ. די מאַמע, אין העמד, איז געשטאַנען לעבן אים אין דער פינצטער, געשאָקלט אים, געטרייסלט:

— נתן חיים, נתן חיים, ווּאס שרייסטו? ס׳האָט זיך דיר עפּעס געחלומט?

— ניין, מאַמע, גוניש׳. יעדן האָב געשריגן?

די מאַמע איז צוריק אַריין אין בעט, ער אָבער האָט זיך נישט צוריק־געלייגט, נאָר געזעסן אויפן געלעגער, אָן אויסגעבעטס אויפן דיל. לעבן אים, אונטער דעם זעלבן בודעק, ליגט אברם יאַנקל און כראָפּעט. אָפּגע־רוקט פון זיי, נעענטער צו דער פּליטע, אויף אַ באַזונדער אויסגעבעטעט גע־לעגערל — שלאָפן אסתר פּערעלע און רחלע. אין די בעטן — די מאַמע מיטן יינגסטן שוועסטערל — אין איינס, און דער טאַטע — אין צווייטן. אַלע שלאָפן, שנאָרכן, נאָר ער קען נישט צו טוען קיין אויג, זיצט אויפן געלעגערל אַ וואַכער, גלאָצט דורך די בלוי־שוואַרצע שויבן צו דער קעגנאיבערדיקער קאָמעניצע, אויף אַ פינצטערע, אָן אויסגעלאָשענע, דער דמיון זיינער איז אים אָבער אין ראָדעם. וואָס טוט דאָרט עלקעלע? זיצט זי אויך אויף איר געלעגער וואַך און טראַכט וועגן אים? און אפשר גאָר שטייט זי דאָרט איצט מיט אַ יינגל אין פינצטערן פּעדערהויז, הינטער

זייער טיר? דער טאַטעשי רופט זי: „עלקעלע! עלקעלע!" זי אָבער מאַכט זיך נישט הערן, נאָר טוליעט זיך שטאַרקער נאָך צו דעם יינגל!

מיט אַלע כוחות האָט ער געהאַמעוועט אין זיך דאָס געשריי, וואָס האָט זיך ווידער געריסן פון זיין קעל:

— ניין, ניין! עלקעלע איז נישט אַזאַ!

אין יענער נאַכט האָט ער דאָס אָפּגעפּאַסט ביי זיך: זאָל זיין וואָס עס וויל, ער פאָרט קיין ראָדעם!

באַגין, ס'האָט קוים געבלויט אין דרויסן, איז ער אַוועק צום ראַט־הויז, זיך שטעלן אין דער ריי פאַרן רייזע־אַמט. אויב ער קריגט נאָר אַ רייזע־שיין, פאָרט ער נאָך היינט קיין ראָדעם. אַ דער קוזין 'עט זיך וווּנדערן, וואָס עפּעס אין מיטן דערינען? האָט ער אַ פאַרטיקן תירוץ: די גאַנצע משפחה קלערט דאָך איבער סכנות נפשות! דאָס אומגליק מיט די דריי יידן, וואָס די רוסן האָבן, נאָכן צוריקנעמען ראָדעם פון די דייטשן אַזוי אומזיסט און אומנישט אויפגעהאַנגען, האָט דאָך אין וואַרשע אָנגע־יאָגט אויף יעדן אַ טרויער און אַ פּחד. איצט, אַז קירה איז אַריין קיין ראָדעם, קלערט מען אויפסניי איבער וואָס עס הערט זיך דאָ, צי טוען נישט חלילה די עסטרייכער אין ראָדעם, וואָס די דייטשן האָבן געטוען אין קאַליש?

די רייזע פאַרן פאַראַמט האָט זיך געוויקלט ווי אַ שלאַנג אַרויס פון ראַטהויז־טויער און אַרום דעם גאַנצן קוואַרטאַל. ס'דען אַ וווּנדער? חדשים ווי מ'קען זיך נישט אַרויסרירן פון וואַרשע. ווו מ'שטעלט נאָר אַ טריט איז אַ פראָנט! און דאָ רייסן זיך די היימלאָזע צוריק אין זייערע שטעטלעך. וויל יעקע נישט געבן אַזוי גיך קיין פאַר־שיינען. ער איז פריער גוט חוקר ודורש: ווי הייסט מען? ווו וווינט מען? צו וואָס פאָרט מען? אָט פאַר דעם צו וואָס פאָרט ער, האָט נתן חיים אַזוי מורא. די ריי רוקט זיך. נאָך אַ שעה, נאָך אַ שעה, ער וועט צוקומען צום ביוראָ־טיש. וואָס וועט ער דעם דייטש ענטפערן? זאָגן: ער וויל פאָרן זען עלקעלען, זיין „בראָ־טיגאַם"? ס'עט אוודאי ווערן אַ געלעכטער, דער אָרדנונג־זעלנער וועט אים נעמען פאַרן קאַרק און אים אַראָפּשליידערן פון אַלע טרעפּ.

ער איז ענדלעך אַריין אין דער קאַנצעלאַריע. דער דייטש, אַן עלטערער יעקע מיט אַ הינדענבורג־גזשיבקעלע איבערן שטערן, מיט גרויליקע וואָנסעס און אַ בויך ווי אַ ביר־פעסל, האָט אים שאַרף און פאַרדעכטיק אָפּגעמאָסטן מיט זיינע קאַלטע, גרויע אויגן, געקוקט לאַנג אין דער מעטריקע, זיין געבורטשיין, אין פּאַפּיר מיט די סטעמפּלען פון זשאַנדצע און כאָטש ער האָט ווויל געזען ווי ער הייסט, ווו ער וווינט, האָט ער אים דאָך געפרעגט אויספרעגן:

— נאָמען? אַדרעססע? צוועק פון רייזע? נאָך דעם גאַנצן אויספרע־

געניש האָט ער ערשט אויפסניי אָנגעשטעלט אויף אים די צוויי בייזע קוקערס זיינע: — זאָ, נאָך ראַדאָם פאָרן זי? דאָס איזט דאָך עסטרייכיש געביט!

נתן חיים איז געווען זיכער, אַז איצט, נאָך דעם גאַנצן אויספרעגן אים, גייט ער אָוועק מיט דעם, וואָס ער איז דאָ געקומען. צום סוף האָט דער יעקע אַ זאָג געטון: — יאָ, יאָ, ריכטיק! זי זעלבסט אָוס דען עסטרייכישן געביט קאָמען! ער האָט צוגערוקט צו זיך דעם מאַרק מיט די צוואַנציק פעניג אָפּצאָל, אויסגעשריבן אַ קאַרטל, געלייגט דעם סטעמפּל און אים דערלאַנגט דעם געגאַרטן רייזע־שיין.

צו מאָרגנס אין דער פרי, ווי וויל נתן חיים איז געקומען צום מוראַ־באָוועער וואָקזאַל אָן אַ מינדסטן פּיצל באַגאַזש, האָט אים דאָך, פאָרן איינזיצן אין צוג, אַ זעלנער פון דער באַן־קאָמאַנדע באַזוכט און באַטאַפּט, גלייך ער וואָלט אין די קעשענעס אַרויסגעשמוגלט דעם רוסישן סאָבאָר מיט זיינע אַלע פינף באַגילדטע קופּאָלן. און גענוי אַזוי האָט אים אין האַלבן טאָג, ביים אויסשטייגן פון דער באַן, באַזוכט און באַטאַפּט אַן עסטרייכישער זשאַנדאַר אויפן ראָדעמער וואָקזאַל.

איז ער ווידער אין ראָדעם, נתן חיים, גייט ווידער איבער די ראָדעמער גאַסן, קוקט אין אַלע זייטן: דאַנקען גאָט, די שטאָט איז ווי געווען, די הייזער — גאַנץ, דראָשקעס פאָרן, מענטשן גייען פריי איבער די טראָ־טואַרן. ער איז אַריין אין ראַאַטשעל. אַ דערשראָקענער איז ער געבליבן שטיין פאַרן קחין אברהמס געוועלב: וואָס איז דאָס? אין שייגעם העלן טאָג איז די שפּייז־קראָם פאַרמאַכט! אַ צעטומלטער האָט ער געקוקט אויף די מירן, אויף די צוויי פרענטן, אויף די שווערע שלעסער. וואָס קאָן דאָס מיינען? איז חלילה עפּעס געשען? מיט וועמען? ער איז געווען בייז אויף זיך, אַלע זענען דאָך אים נאָענט, אפילו צו שיינדעלען האָט ער גאָר־נישט, דאָך צאַפּלט זיין האַרץ נאָר פאַר עלקעלען, איז חלילה עפּעס מיט איר געשען?

ער איז אַריין אין טויער, אַרויף די צוויי טרעפּלעך אין איינגאַנג — לינקס, געבליבן שטיין אָ וויילע אין פּעדערהויז מיט אָנגעשפּיצטע אויערן: אַ קינד וויינט, די גרעסערע טומלען, פּלאַפּלען. ער האָט אָנגענומען די קליאַמקע און געעפנט די טיר.

— מאַמעשי! מאַמעשי נאָר זען ווער ס׳איז דאָ! האָט איינע פון די צוויי מיידעלעך גערופן די מוטער.

שיינדעלע, אין בלויע, וויכע שטעקשיכלעך, אין אַ געבלימטן שלאָפּ־ראָק, אַזוי נאָכלעסיק אַרויפגעכאַפּט, מיט אַ ראָז־קאָפּקעלע איבערן בינט בלאָנדע, ווייך צעפּאַליעטע האָר, איז אַריינגעקומען פון ווייגענדיקן קינד

אין דער שלאָף־שטוב און געבליבן שטיין אויף דער שוועל פון טיר אין קיך אַריין:

— זע נאָר וועמען איך זע! — האָט זי געוויגט דעם קאָפּ אין דער ברייט פון גרויס חידוש. — ווען ביסטו געקומען?

נתן חיים האָט געקוקט אויף איר דערשראָקן. קיינמאָל פריער האָט ער שיינדעלען נישט געזען אַזוי בלאַס, מיט אַזעלכע פאַרטרויערטע אויגן:

— יעדן קים ערשט פין דע׳ באַן. מ׳קלעיע׳ט זייער איבער אין וואַרשע ווּס דו העיעט זעך. — דערביי, שיינדעלען זאָל נישט ווערן אויפפאַלנד, האָט ער זייטיקלעך, מיט די אויגן־ווינקלען, געוואָרפן בליקן אין דער עס־שטוב אַריין, און דורך דער אויפגעלענטער טיר — צו דער שלאָף־שטוב, אפשר איז עלקעלע דאָרטן דאָ?

— וואָס דאָ הערט זעך? פרעג שוין גאָרנישט, וואָס מ׳האָט דאָ איבערגעלעבט, אַז מ׳גייט אַרום איז מען פון אייזן!

— וואָס עפּעס איז ס׳געוועלב פאַרמאַכט?

— צו וואָס זאָל מען עס עפענען? צו היטן די ליידיקע פּולקעס? (פּאָליצעס).

— אין ווי איז דע׳ קוזין אברהם?

— שיינדעלע, שטענדיק וואַך און נייגעריק צו דעם ייִנגל־מיידל שפּיל, וואָס איר איז עס נישט באַשערט געווען, זי האָט גאַנץ גוט געזען ווי דער נתן חיים זוכט נעבעך מיט די איבערגעשראָקענע אויגן אין אַלע ווינקלעך. זיין פרעגן אויפן קוזין אברהם איז דאָך נאָר אַן אָנשטעל, מיינען מיינט ער דאָך עלקעלען! זי האָט אַפילו געוואָלט אים אַרויסנעמען פון די קלעמענישן, באַרויקן אים: זאָרג זיך נישט, מיט עלקעלען איז, גאָט צו דאַנקען, גאָרנישט געשען, האָט זי אָבער זייער האָלד צו זען ווי דאָס ייִנגל צאַפּלט זיך. אוי, ווי די ליבע איז זיס, האָט זי געטראַכט, געזאָגט אָבער האָט זי:

— אויפן קוזין אברהם פרעגסטי דיך? גאָט ווייס נעבעך ווו ער איז. — דערביי האָט זי פאַרבראָכן די הענט — כ׳אָב זיך ביי אים גע־בעטן: אברמעשי, ס׳געוועלב איז פאַרמאַכט? זאָל עס זיין פאַרמאַכט. מ׳עט חלילה נישט פאַרהונגערט ווערן. ס׳לעבן איז טייערער פון געלט! קענסטי דאָך דיין קוזין. איטשקאַלע קוניאָכס אומרו זיצט דאָך אין אים! האָט ער מיך נישט געהאָרכט, גענומען עטלעכע הונדערט קערבלעך און אַוועק־געלאָפן קיין לובלין ברענגען פון דאָרט אַ וואָגן סחורה. מאָל דיר אַז ס׳געלט האָב איך אים איינגעניייט אויף אַ זיכער אָרט. אָבער ס׳האַרץ אַנטפאַלט מיר. אַזעלכע מהומות! ווייסט דען וואָס עס טוט זיך אויף די וועגן? פרעג איך דיך, האָט ער עס געדאַרפט? באשר וואָס? ער וועט

ברענגען פון לובלין עטלעכע זעקלעך מעל, הירזש, קאַשע, אַ טונדל הערינג, אַ פּאַס נאַפט, אַ פעסל אייל?

— וועז איז עיע׳ געפורן?

— אוי, נתן חיים קרוין, ס׳איז דאָך שוין דער דריטער טאָג! האָט זי ווידער פאַרבראַכן די הענט און געגומען גיין אויף און אָפּ איבער דער קאָכשטוב, ווי אַן אבל, וואָס איז שוין פאַרשטאַרט פון לאַנגן זיצן אויפן שבעה־בענקעלע.

נתן חיים איז געשטאַנען אָנגעשפאַרט אָן קיכטיש אַ פאַרצוגטער, אַ דערשלאָגענער. די מאַמע זיינע, חנה לאה, איז אַ בעריע אויף אויסצורעדן אַ מענטש, גרינגער צו מאַכן זיין געמיט. ער אָבער איז יערמע דודס זון. ווי זיין טאַטע, אַזוי איז ער שטום אויף אַזעלכע רייד, אויף וועקן אין אַ פאַרטרויערטן מענטש בטחון, האָפנונג.

שיינדעלע האָט גוט געזען נתן חיימס דערשלאָגנקייט. ס׳איז אויך נישט אין איר טבע צו בלייבן לאַנג פאַרצוגט, פאַרטרויערט, איז זי, נאָך אַ ווייל גיין אויף און אָפּ, געבליבן שטיין לעבן אים און אַזוי ווייבעריש שלוי געקוקט אים אין די אויגן:

— פרעגסט זיך גאָרנישט נאָך אויף עלקעלען?

ווי איר פרעגעלע האָט אָנגעיאָגט אין אים אַ פאַרשעמטקייט, אַ רויט־קייט אין זיין פּנים, האָט ער דאָך, אין קאָפּ, געגומען אויסשטעלן ווערטער זי צו פרעגן: ווו איז טאַקע עלקעלע? האָט זיך אָבער די טיר געעפנט און, נאָך אין דער טיר־עפענונג, דערזעענדיק אים, האָט עלקעלע זיך אַ צאַפּל געטאָן און געשטעלט אַ טראָט אויף הינטערוויילעכטס, ווי זי וואָלט שוין געוואָלט צוריק פאַרמאַכן די טיר, נאָך איידער זי איז אַראָפּ פון דער שוועל. אין זיך האָט זי אַ ברום געטאָן אויף פויליש: זיך גע־יאָוועט, דער שמיגוס!

אויך ער, נתן חיים, האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן ביים דערזען עלקעלען. דאָס איז אָבער נישט געווען קיין אויפצאַפּל פון שרעק ווי ביי איר, נאָר גיכער איבעררעשונג, פריידיקע איבעררעשונג. דורך די קנאַפּע אַנדער־האַלבן יאָר, וואָס ער האָט זי נישט געזען, איז עלקעלע געוואָרן סטאַלנער, די צעפּ — לענגער און דיקער, אירע בריסטלעך הינטערן גרוי־אַלפּאַגן שול־קליידל זעען זיך איצט אָן פולער, רונדיקער. אָ, ווי גליקלעך ער וואָלט געווען, ווען זי שענקט אים אַ בליק כאָטש, ווען זי פרעגט אים וואָס ער מאַכט, ווי איר איז דערגאַנגען זינט יענעם באַגין אין מאַדזשיץ, אויפן דעמבלינער וועג. קוקט זי גאָרנישט אויף אים, שטייט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. זאָל ער אפשר צוגיין זי פרעגן, וואָס זי מאַכט?

ווי אויסטערליש! דורכן גאַנצן וועג קיין ראַדעם, דורך אַלע טעג און שלאָפלאָזע נעכט, איז ער געווען פול מיט רייד, שיינע, צערטלעכע

רייד צו עלקעלען. וואָס האָט ער איר נישט פאַרטרויט? מיט יעדן פרייד־דיקן טיאָכק אין זיין האַרץ, מיט יעדן קלעם אין זיין פאַרבענקטער נשמה האָט ער זיך דאָך געטיילט מיט איר. ווו נאָר אַ שורה אין אַ ביכל, אַ סטראָפּע אין אַ ליד, וואָס האָבן אים געריִרט, האָט ער געלייענט אויפן קול פאַר עלקעלען, ווי זי וואָלט געזעסן לעבן אים. ער האָט אויך נישט באַהאַלטן פאַר איר זיין פאַרדרוס, פאַרוואָס זי שרייבט נישט צו אים. אַרט זי גאָרנישט זיינע ליידן? האָט זי אים נישט ליב? איז אָט שטייט ער אַנטקעגן עלקעלען און איז שטום. ווי פייגעלעך פאַר אַ געוויטער, אַזוי זענען אַלע רייד פון אים אַוועקגעפלויגן, דאָס לשון איז אים אָפּגענומען. איז עס צוליב דער שרעק, וואָס ער האָט דערזען אין עלקעלעס אויגן, ביים עפענען די טיר און דערזען אים? אַזעלכע דערשראָקענע אויגן ווי זי איצט, האָט נאָר אַ בעל חי, וואָס איז פּלוצים אַריינגעיאָגט געוואָרן אין אַ ווינקל פון סכנה, פון טויט־לויער. אָבער פאַרוואָס זאָל עלקעלע זיך שרעקן פאַר אים?

— וואָס אַזאַ שווייגעניש? — האָט שיינדעלע זיך געמאַכט נישט פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר און זייטיקלעך, אַזוי פאַרשנדיק, געפירט איר בליק איבער די צוויי לייט, הין און צוריק, פון אים צו איר, פון איר צו אים. געוויינלעך האָט זי גראָד האָלד אַזאַ יינגל־מיידל שפּיל אין שעמעלעך. איצט אָבער איז איר געמיט נישט געווען פאַר קיין שפּילע־רייען: — וואָס אַזאַ שווייגעניש? — האָט זי שוין מיט געבייזער זיך געווענדט צום טעכטערל.

שטאָט ענטפערן האָט עלקעלע צוגעוואָרפן דער מוטער אַ שאַרפן, בייזן בליק, געטאָן אַ שוועב פאַרביי צווישן דער מוטער און אים, אַריין אין שלאָף־שטוב און פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר.

ווי תמיד, ווען אין אַ פאַרלעגנהייט, האָט שיינדעלע אויך איצט געביסן אירע ליפּן, דאָ די אויבערשטע און דאָ די אונטערשטע. מיט צוויי, דריי יאָר צוריק, ווען עלקעלע פלעגט אַמאָל אָפּשפּילן דעם נתן חיימען אַזעלכע שטיקלעך, האָט זי, כלומרשט אין אַ געלעכטערל, אויס־געשטראָפט די טאָכטער. איז שוין אָבער עלעקעלע נישט מער קיין קינד. אַ כלה מיידל אין פופצנטן יאָר טאָר מען נישט ברענגען אין קיין פאַר־לעגנהייט, האָט זי גענומען פאַררעדן נתן חיימען די ציין:

— קענסט נאָך נישט עלעקעלען? איידער ׳עסט זיך אויסדרייען, קומט זי צוריק אַרויס פון באַהעלטעניש. נאַ, זעץ זיך, האָט זי אים אונ־טערגערוקט אַ קיך־טאַבורעטקע, — ׳עסט טרינקען אַ גלעזל טיי? — דערביי האָט זי געשמייכלט מיט ביטערניש, — מיינסט טאָקע טיי? ווי איז היינט דאָ טיי? קדחת מיט רביעית איז דאָ. מ׳פאַרבריט אַ קריש ציקאָריע, מ׳טוט אַ לעק דעם פינגער שטאָט צוקער און מ׳טרינקט טיי.

וואָס טרינקט מען ביי ענק? אוי! האָט זי זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָפּ. — כ׳אָ דאָך גאָר פאַרגעסן דיך צו פרעגן: פון וואַנעט קומסטו? ווי זענט עך אַלע? מ׳אָט דאָך דאַכט זיך אַרויסגעטריבן פון מאָדזשיץ? אַזוי גאָר, אין וואַרשע? און ווו איז לייבל משה מיט זעלדען? אויך אין וואַרשע? און דו ביזט אַזש פון וואַרשע געקומען זען עלקעלען? זי האָט אים אַ צי געטאָן דעם קאַפּעליוש: — ביזט שוין איינמאָל אַ פויגל! נו, שטיי נישט אַזוי פאַרצוגט. קיין גרעסער מעלעיער זאָל דיר נישט צו האַנד קומען. דו האָסט דאָך געמיינט אַז עלקעלע איז שוין אַ גאַנצע פריילין, זעסטי איצט אַז זי איז נאָך אַליך אַ קאָזע, אַ יינגע ציג. ווען רעכנסטי אַ היים צו פאָרן?

— אַפילו באַלד, ווען ס׳וואָלט נאָר געגאַנגען אַ באַן.

— וואָס איז ס׳געאייל? ׳עסט דאָ איבערנעכטיקן, אפשר ׳עט דער אייבערשטער העלפן, אברמעשי וועט ביי נאַכט אַ היים קומען מיטן וואָגן סחורה.

— הלוואי, האָט נתן חיים געבעטן, כאָטש אין געדאַנק האָט ער גאָר געטראַכט וועגן דער באַן. הלוואי וואָלט נאָך היינט אָפּגעגאַנגען אַ צוג קיין וואַרשע. ער זעט דאָך — עלקעלע האָט אים נישט ליב. פאַרוואָס אָבער האָט זי זיך געלאָזט קושן פון אים יענעם באַגין אויפן דעמבלינער וועג? פאַרוואָס?

קאַפּיטל ניינאונצוואַנציק

אין חומש, פּרשה ויצא, ביי דער מעשה ווי יעקב אבינו גייט אַרויס פון באר שבע קיין חרן, זאָגט רש״י: אַז דער צדיק איז אין שטאָט, איז דאָ שיינקייט, גלאַנץ, דערהויבנקייט, גייט דער צדיק אַוועק פון שטאָט, טוט זיך אָפּ פון איר די שיינקייט, דער גלאַנץ, די דערהויבנקייט.

געגנוי אַזוי איז אין אַ הויז־געזינט, ווען ס׳איז דאָ די מאַמע.

כל זמן חנה לאה איז געווען אין דער היים, איז ווי ביטער עס איז געווען, האָט זי די ביטערניש פאַרווייכט, געמאַכט גרינגער זי דורכצו־טראָגן. אַז די קינדער האָבן זיך צעשלאָגן, איז זי גלייך געווען אין מיטן, אויסגעווישט ביי איינער אַ טרער. דער אַנדערער אויסגערעדט, דאָס דריטע באַרויקט. פון גאָרנישט האָט זי געמאַכט אַ מאָלצייט און אַז דאָס ביסל גאָרנישט איז אויך נישט געווען, האָט זי מיט אַ גוט וואָרט געטרייסט, מיט געמאַכטער הייטערונג געהייטערט אַלעמען אין שטוב. איצט אָבער, אַז נאָכן צונעמען דעם טאַטן אין שפּיטאָל אַריין, האָט מען אויך זי, די מאַמע, געמוזט נעמען אַהין, האָט זיך פון דער היים אָפּגעטאָן די הייטע־רונג, איז אויסגערונען די וואַרעמקייט, די טרייסט. ווי ווייל אסתר פּערעלע האָט זיך געמיט צו פאַרלויפן אַלע וועגן, צו פאַרשטופּן מיט איר קינדישער דערוואַקסנקייט אַלע לעכער, וואָס דער מאַמעס אַוועקגיין אין שפּיטאָל האָט איבערגעלאָזט אין דער היים, האָט דאָך די פּוסטקייט, די ליידיקייט פון דער מאַמעס נישט זיין, געהויערט איבער דער שטוב, אָנגעיאָגט אויף אַלעמען אַ פאַריתומטקייט.

פריער, אַז ער, נתן חיים, איז פאַרבייגעגאַנגען אַ הויף, ווו עס איז געווען אַ קיך פון דער חברה „עזרה״ און ער האָט געזען די אומענדלעכע רייען מענטשן, ווייבער, קינדער, יידן מיט בערד, ווי זיי שטייען אַלע מיט טעפּ אין די הענט, שטופּן זיך צום אַריינגאַנג נאָך אַ ביסל זופּ, אַ שטיקל ברויט אַ היים צו נעמען פאַר דער הונגעריקער משפחה, האָט ער שטום געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף דער בראָך, אויף דער געפאַלנקייט פון די מענטשן און אַוועק איז ער פון דאָרט מיט דעם געדאַנק: ניין! נאָר דאָס נישט! איצט אָבער, אַז דער טאַטע איז אין שפּיטאָל, די מאַמע — אין שפּיטאָל און לאַ די וואָס די קינדער גייען יעדע נאַכט שלאָפן הונגעריקע, הונגערן אויך טאַטע־מאַמע, ווי אַלע הולאים אין שפּיטאָל און אַז אים

געלינגט שוין ערגעץ צו קריגן אַ ביסל עסנוואַרג, מוז ער, אָדער אסתר פערעלע, פאַרן אָנזעטיקן די קינדער, אַוועקטראָגן אַ ביסל פון דער אָפּגע־קאָכטער גריץ אין שפּיטאָל צו די עלטערן, איצט וואָלט ער שוין גרייט געווען אויסצוטוען דאָס שעמהיטל און זיך אויך שטעלן אין אַזאַ ריי מיט אַ טאָפּ אין דער האַנט. וואָס איז דאָ מיט אים דער יחוס? מיט וואָס איז ער מער מורה מורנו פון די טויזנטער יידן, וואָס שטייען ביי די קיכן טאָג אויס און טאָג איין? און ווען אַפילו יחוס, ווי מעג ער גאָר טריצן? אין זין האָבן כבוד, ווען די קינדער ווילן עסן? וואָלט די מאַמע געטראַכט פון כבוד? וואָלט זי זיך נישט געשטעלט אין דער ריי ווען זי איז אין דער היים?

נאָר מילא, דאָס שטיין יאָק דאָס שטיין, איז אָבער ביי די קיכן אַזאַ וויסט געשטופּעריי, אַזעלכע ווילדע געשלעגן ביים צוקריגן זיך צום אַריינגאַנג און, וואָס נאָך ערגער, די באַליידיקונגען פון די אויפזעער! יעדן רופן זיי שנאָרער, אַ ליאַדע וואָס, וואַרפן זיי זיך מיט די פויסטן. וואָלט זיך דאָס כאָטש געלוינט, זעט ער אָבער וואָס די מענטשן קריגן נעבעך אין זייערע טעפּלעך אַריין. עס זעט אויס, אַז אומעטום איז אין וועלט. אין די „עזרה״־קיכן קומט פאַר דאָס אייגענע וואָס אין דער קאַרעוועער קיך. דאָ, ווי דאַרט, צעגנבענען די מאַכער דאָס ביסל קאַרטאָפל און גרויפּן, דאָס קאַרגע שטיקל פעטס און פאַר די הונגעריקע, נאָך זייער גאַנצן שטיין און שטופּן זיך, נאָך דעם גאַנצן באַליידיקט ווערן, קומט אָן אַ ביסל שיטערע פּאַליעווקע, ווי דאָס געפעס־שווענקעכץ נאָך אַן אַמאָליק מאָלצייט. און אַפילו דאָס האָט אויך נישט יעדער די זכיה צו קריגן. פריער מוז דער מענטש דורכגיין כלערליי חרפות און בושות. צום ערשט דאַרף ער אָנקומען צום זשאַנדצע פון הויז ווו ער וווינט, צו קריגן אַ פּאַפּיר, אַז ער גייט טאַקע אַרום ליידיק, אַז ער איז אַ נצרך. דערנאָך דאַרף ער מיט דעם געסטעמפּלטן פּאַפּיר גיין אין ביוראָ פון דער „עזרה״ זיך שטעלן פאַר די גוט־האַרציקע דאַמען און הערן, וואָס נאָכן אָפּעסן זייערע גוטע, פעטע מיטאָגן, קומען זיי אין „געזעלשאַפט עזרה״ זיך איינ־קויפן מצוות, טוען וווילטעטיקייטן צו די אָרעמע „רעליגיאָנס ברידער און שוועסטער״, נאָכקוקן זייערע פּאַפּירן, נאָכזען צי דער מיטן דאָקומענט אין האַנט, איז נישט פון יענע לייט, וואָס נאַרן אָפּ, וואָס ווילן קריגן אומזיסטע מיטאָגן. ערשט נאָך דעם אַלעם גיבן זיי דעם מענטש אַרויס אַ קאַרטל אין קיך אַריין צו קריגן דאָס ביסל שיטערס! וועט ער, נתן חיים, קענען דאָס אַלץ אויסשטיין? דורכגיין אַזאַ דערנידערונג, כדי צו קריגן אַ ביסל געפעס־שווענקעכץ? ער האָט אַ שפּיי געטאָן און איז אַוועק פון דער „עזרה״ קיך.

ביי דער דעמאָנסטראַציע פאַר דער גמינע, האָט ער זיך אָבער דער־

ווּסט פון אַן אַנדער קיך אויף דער קאַרמעליצקע גאַס, וואָס דאָרט שטייען טאָקע מענטשן אויך אין רייען, אָבער קיינער שטופּט זיך נישט און קיינער רופט נישט קיינעם שנאָרער, דער עיקר, מ׳קריגט דאָרט עפּעס אין טעלער אַריין!

איז נתן חיים איין מאָל אַוועק צו יענער קיך. ס׳איז געווען מיטאָגצייט. די ריי האָט זיך געצויגן אַ שטיק איבער דער קאַרמעליצקע, אַריין אין טויער, פון דאָרט אַרויס אויפן הויף, אַרום און אַרום די ווענט פון דעם גרויסן, פירעקיקן קאַסטן, צום אַריינגאַנג אין ווינקל, ווו ס׳איז געווען דער אָנהויב פון דער ריי.

קודם האָט נתן חיים באַמערקט, אַז דאָ שטייט קיינער נישט מיט קיין טאָפּ אין האַנט, אַז ס׳איז נישט קיין געשטופּעריי, קיין געליאַרעם ווי ביי די „עזרה" קיכן, אויך אַז קיין קינדער זעט מען נישט, נאָר בלויז מענער און פרויען.

ווי דער הונגער האָט אים געצויגן, האָט דאָך נתן חיים זיך נישט צוגעשטעלט צו דער ריי. ערשטנס — דער ווידערווילן צו קיצבה, וואָס אים, ווי דעם טאַטן זיינעם, איז אַזוי שווער געווען בייצושטיין. צווייטנס, וואָס הייסט ער וועט זיך אַוועקשטעלן און אַליין אַריינגיין עסן? און וואָס איז מיט די קינדער? און וואָס מכוח אברם יאַנקלען? דער ברודער האָט סוף כל סוף געפונען אַ מייסטער און זיך געזעצט לאַטען שיך, ער גיט אין שטוב אַריין יעדן גראָשן, וואָס ער פאַרדינט, דאַרף מען דאָך אים באַזאָרגן מיט אַ ביסל עסן. צוליב דעם לויפט ער דאָך אַזוי אַרום איבער וואַרשע זוכן עפּעס, אסתר פּערעלע זאָל דערפון קאָנען אָפּקאָכן אַ גריץ, עס זאָל זיין וואָס צו טראָגן אברם יאַנקלען צום מייסטער און צו טאַטע־מאַמע אין שפּיטאָל אַריין!

אָנשטאָט אַוועקשטעלן זיך אין דער ריי, איז גאָר נתן חיים אַריין אין הויף, נישט, חלילה, דאָרט זיך אַריינצוכאַפּן פריער פאַר אַן אַנדערן, נאָר גלאַט אַזוי צו זען וואָס דאָ טוט זיך אַזוינס, וואָס עס מאַכט אַלע מענטשן זאָלן שטיין אַזוי רואיק איינער הינטער דעם אַנדערן, טייל אַפילו מיט בלאַט־צייטונגען וואָס זיי לייענען בעתן וואַרטן אַריינגעלאָזט צו ווערן אין דער קיך עסן.

ווי אויף דער גאַס איז אויך דאָ די ריי געשטאַנען האַרט ביי די ווענט, אַרום און אַרום דעם הויף. קיינער האָט זיך נישט געשטופּט אַריינ־צוקומען פאַר זיין ריי און, וואָס נאָך מער חידוש, נישטאָ קיין שאַלאַטן־שמשים, ווי אויפן הויף פון אַן „עזרה" קיך. בלויז איין מענטש צו היטן די אָרדענונג איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג און אָט דער מענטש האָט נתן חיימען שטאַרק פאַרבליפט.

א יונגערמאַן אין די אָנהויב צוואַנציקער, וואָס, ווי ווייל עס איז

זומער, הייס און שטיקנדיק, טראָגט ער אַ גרין פּליושענעם קאַפּעליוש מיט אַ העלפט פון ראַנד — אַזוי וווילייגעריש פאַרבויגן אַרויף אין זיין לינקער זייט. דערצו נאָך האָט דער פאַרשוין אַ פּאָר שוואַרצע, דיקע וואָנסעס און דאָס רעכטע אויג איז ביי אים קלענער פון לינקן. אַ רעקל טראָגט ער פון געקעסטלטן שטאָף און הויזן — שמאָל ביי די קנעכלען. אַלץ צוזאַמען — אַ הולך פון אַ ציגיינער, וואָס גנבעט פערד, אָדער פון אַן אונטערוועלטניק פון דער סמאָטשע, פון דער קראָכמאַלנע. ווי קומט אַזאַ פאַרשוין אַהער? דאָ איז דאָך דער „בונד"!

נתן חיים איז געשטאַנען אינמיטן הויף, געקוקט אַרום זיך און, אַזוי זייטיקלעך, יענער זאָל נישט מערקן, כסדר געוואָרפן בליקן צו דעם חברהמאַן. איז עס בלויז צוליב זיין וווילייגערישקייט וואָס די מענטשן האַלטן זיך אַזוי סטאַטעטשנע אין דער ריי?

צי דער פאַרשוין האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס ער, נתן חיים, טראַכט, צי ווייל ער האָט גלאַט נישט געקענט פאַרטראָגן, וואָס עמעץ שטייט אים אינמיטן הויף, אויסער דער ריי, סיי ווי, ער האָט גענומען פּאַוואָליע, מיט זיכערקייט אין זיינע טריט, זיך דערנענטערן צו אים. געמיינט האָט נתן חיים, אַז יענער קומט דאָ צו, אים געבן אַן אָפּשניט: וואָס לוישט ער דאָ אַרום? איינס פון דיביידע, וויל ער עסן, שטעל זיך אין דער ריי, אַלאַ ווידער נישט, טראָג זיך אָפּ פון דאַנעט! וואָס איז דאָס פאַר אַ שטיין אים אינמיטן הויף!

ערשט איצט, אַז דער מענטש איז צו אים צוגעקומען נאָענט, איז נתן חיים געוואָרן געפּלעפּט. לויט זיין אויסזען, האָט דאָך דער מאַן אים געדאַרפט אויסזידלען, נעמען אים פאַרן קאַרק און — היידאַ, אַרויס פון הויף! צום סוף גאָר האָט דער מענטש אים געפרעגט שטיל, מיט קווענקלעניש אין קול:

— חבר, איר ווילט אַריינגיין עסן?

נתן חיימען איז געוואָרן ענג אין האַלדז. נישט בלויז די איבערראַשונג, וואָס הינטער אַזאַ אָרדינערן אויסזען איז באַהאַלטן אַזאַ איידעלער מענטש, עס זאיז אויך געווען די געריכטקייט פון אָנגערופן ווערן „חבר", נישט ווי די „עזרה" לייט רופן יעדן „שנאָרער"! פונדעסטוועגן איז נתן חיים נאָך אַלץ געווען באַהערשט פון זיין ווידערווילן צו עסן געשענקט ברויט, בפרט נאָך אַריינגיין אויסער דער ריי. ווי מעג ער דאָס? און ווי מעג יענער אים אַזוינס אָנביטן? דאָס הייסט דאָך טוען אים אַ טובה אויף אַן אַנדערנס חשבון! ווי אַ שטייגער, ווען פאַר דעם לעצטן אין ריי, איז נישטאָ מער קיין מיטאָג? האָט דאָך ער, נתן חיים, אויפגעגעסן יענעמס מאַלצייט!

— נײן, אַ דאַנק, — האָט נתן חיים שטיל און פֿאַרשעמט געענטפֿערט.
— איך בין נישט אַהערגעקומען עסן.

דער מאַן, זעט אויס, האָט זיך שוין געקענט אויף אַזעלכע ענטפֿערס. ער האָט שוין מסתמא פֿריער געהאַט אָנגעטראָפֿן אויף אַזעלכע שעמעוודיקע, וואָס כאַטש דער הונגער נאָגט, מאַכן זײ נאָך אַלץ דעם אָנשטעל: ווער, איך? חלילה, איך האַלט נישט בײ קײן עסן.

— חבר, — האָט יענער אײדל אַרױפֿגעלײגט זײן האַנט צו אים אויפֿן אַקסל, — איר דאַרפֿט זיך נישט קרעמפּירן.[1] דאָס איז אַן אַרבעטער־קיך. אויב איר קענט באַצאָלן די פֿינף קאָפּיקעס פֿאַרן מיטאָג, באַצאָלט, אויב איר קענט נישט, קריגט איר עסן אומזיסט און, נישט וואַרטנדיק מער אויף נתן חײמס ענטפֿער, האָט ער אים גענומען לײכט בײם אָרעם און אים צוגעפֿירט צום אַרײנגאַנג:

— גײט אַרויף, קרעמפּירט זיך נישט.

די קיך, אַ גרויסער לאָקאַל פֿון עטלעכע צימערן, איז געווען אויפֿן ערשטן שטאָק. אין דער אָפֿענער טיר, בײם אַרײנקום, איז געשטאַנען אַ טישל און, הינטער דעם, בײ דער אַרויסגערוקטער שופֿלאַד, איז געזעסן אַ יונגערמאַן מיט גלאַנציק, שוואַרץ־האָר, פֿאַרקעמט אַרויף, בערשטלדיק, שטײיענדיקע האָר, ווי די שטעכערס בײ אַ יאָזש. איבער די קורצזיכטיקע אויגן זענען אים געזעסן אַ פּאָר רונדע, דיקע גלעזער אין שוואַרצע רעמלעך מיט האַלאַביעס אַרונטער די אויערן. אויך דער פֿאַרשוין האָט, לויט נתן חיימען, נישט געפּאַסט צו זײן אַ מאַכער בײ סטרײקערס. ווי קומט אײנער, מיט אַזאַ שמאָל, טעמפּ שטערנדל, צו זײן אַן אויפֿגעקלערטער?

— חבר, — האָט יענער אַרויסגענומען נתן חיימען פֿון זײן טראַכטעניש, — אַ מיטאָג קאָסט פֿינף קאָפּיקעס. אויב איר האָט נישט, שעמט אײך נישט.

וואָס טוט זיך דאָ? — איז נתן חיימען דורכגעלאָפֿן אַ רעיון: די לײט פֿון „עזרה" היטן יידישקײט, ווײסן ווויל אַז עס שטײט בפּירוש „אין בודקין למזונות",[2] פֿונדעסטוועגן זענען זײ נישט נאָר בודק דעם אָרעמאַן פֿאַרן געבן אים דאָס ביסל פּאַליעווקע, נאָר זײ טוען אים נאָך אָן חרפּות און בושות! דאָ, סטרײקער, וואָס היטן נישט קײן יידישקײט, איז לאָ די זײ זענען קײנעם נישט בודק, פּרוּוון זײ אַפֿילו נישט אַרויסקריגן בײם עסער די פֿינף קאָפּיקעס, וואָס דאָס מיטאָג קאָסט. זײ גלײבן ווען מ׳זאָגט אַז מ׳האָט נישט.

— כ׳על אָפֿט זוגן דעם אמת, — האָט נתן חיים זיך אָנגעהויבן צו

[1] שעמען. [2] פֿאַר׳ש נישט קײן הונגעריקן.

קרעקן, — דער קאַסירער אָבער האָט נישט געוואָרט צו הערן קיין ד׳ערקלערונגען נאָר אים געגעבן דאָס נומערל און אים אַריינגעוויזן אין די עסשטובן.

אַ מיידל אין אַ ווייסן כאַלאַט, ברודיקלעך אַ ביסל, — האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ טישל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, באַלד איז צוגעקומען אַ קעלנערין מיט אַ טאַץ פאַרעדיקע טעלער מיט עסן, צוגענומען ביי אים דאָס נומערל, אַוועקגעשטעלט פאַר אים אַ טעלער קרופּניק, צוגעלייגט אַ פּענעץ ברויט און שוין אַוועקגעשוועבט צו אַן אַנדער טישל.

נתן חיים האָט אי געגעסן און אי געקוקט אַרום זיך. אין דער איינער שטוב זענען געווען צעשטעלט אַ צענטליק טישלעך אַרום די ווענט, אינמיטן צימער. ביי יעדן איינעם זענען געזעסן צו פיר, צו זעקס מענטשן, וואָס האָבן אינמיטן עסן גערעדט, זיך געקאַמפּערט. אַנדערע האָבן אַריינגע־קוקט אין אַ בלאַט־צייטונג. ער האָט נישט געגלייבט די אייגענע אויגן, נתן חיים. ס׳איז דאָ שיער נישט ווי אַמאָל ביי גרינבערגן אין רעסטאָראַן. די גריץ, פּערלגרויפּן מיט צוקערבאָבעס איז געשמאַק אונטערגערייסט, ווי אַמאָל, איידער די שחיטה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער וועלט.

איז אָבער אים, נתן חיימען, נישט באַשערט געווען צו עסן דאָס מיטאָג במנוחה. איידער נאָך ער האָט רעכט דערפילט דעם טעם פון דער זופּ, פון דעם שטיקל ברויט, האָט זיך פון דערבייאיקן צימער מיט עסערס דערהערט אַ זעץ פון אַ טאַץ מיט טעלערס אָן דער פּאָדלאָגע און מיט דעם — אַ קוויטש פון אַ מיידל און שוין איז די רואיקייט אין דער קיך אויפגעריסן און עס איז אָנגעשטאַנען אַ וויסטע בהלה, אַ סומאַטאָכע מיט געשרייען און דראָאונגען.

אין די עסשטובן האָבן זיך, זעט אויס, געהאַט אַריינגעקראָגן עטלעכע פּאַרשוין, וואָס שטאָט זעצן זיך צו אַ טישל עסן, האָבן זיי גאָר גענומען גרעבן טעלער, אַרויסקלאַפּן פון דער קעלנערינס הענט אַ טאַץ מיטן עסן. דער ווייטיק ביי נתן חיימען איז געווען גאָר גרויס. אויף די טעלערס באַטעמטן, שמעקענדיקן קרופּניק, וואַרטן אונטן אַזויפיל הונגעריקע מענטשן!

אַ צעטומלטער, אַ דערשראָקענער איז נתן חיים געשטאַנען צווישן אַ קרענצל מענטשן, וואָס האָבן, ווי ער, געלאָזט שטיין די טעלערס מיטן עסן און געלאָפן זען, וואָס אין דערבייאיקן צימער איז געשען. ער איז געווען מבולבל, נתן חיים. וואָס טוט זיך דאָ! די ברעכער זעען נישט אויס צו זיין קיין גאַסניינגען, קיין לאָבוזעס. אדרבא, איינער פון זיי, מרדכילע שוסטער רופן זיי אים, זעט אויס צו זיין אַ גאָר וויכטיקער מענטש. אַן אונטערוועלטניק טראָגט נישט קיין שוואַרץ סאַמעטן רעקל מיט פּענסנע איבער די אויגן און אַ שוואַרץ זיידן שנירעלע פון די פּענסנע איז אים

נישט צוגעטשעפּעט צום אויבערשטן וועסטל־קעשענקעלע ווי ביי אים. אַן אונטערוועלטניק האָט אויך נישט אַזאַ ווייסן, הויכן, לומדישן שטערן מיט אַזאַ קאָפּ שוואַרצע, געקרויזטע האָר. וויזשע קומט אַזאַ מענטש צו זיין אַן עובר בעל תשחית?[3] צעברעכן טעלערס מיטן עסן ווען אַזויפיל מענטשן גייען אויס פון הונגער!

די ערשטע טאָג מיט טעלערס האָבן די לייט געהאַט אַרויסגעשלאָגן פון אַ מיידלס הענט. דאָס אַרויסשלאָגן אָבער פון דער צווייטער טאָג און דערנאָך פון דער דריטער, איז שוין דער חברה נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג. ווי נאָר די פאַרוואַלטער פון דער קיך, טייל פון זיי אויך געגריוועטע שוסטער, ווי מרדכילע מיט זיינע לייט, האָבן אין קיך, אין די באַזונדערע שטובן, דערהערט וואָס דאָ געשעט, האָבן זיי באַזייטיקט די קעלנערינס, גענומען די טאַצן מיט די טעלערס עסן און אַליין געוואָרן די קעלנער, דערביי, האַלטנדיק די טאַצן הויך איבער די קעפּ, האָבן זיי געוואָרנט די אָנפאַלער:

— איצט וועלן מיר זען, ווער עס וועט וואַגן צו ברעכן טעלער. געדענק, מרדכי, בלוט וועט זיך דאָ גיסן!

מרדכילע מיט זיינע אַרויסהעלפער האָבן זיך אָבער פון די אַרויסרופן נישט אָפּגעשראָקן. פאַרקערט, ווי נאָר איינער פון די פאַרוואַלטער, דער לאָמער בניאָמקע, אַ נידריקער, אַ ברייטלעכער, מיט עטלעכע קרענקלעך־ווייכע, פליענדיקע האָר אויף זיין גלאַנציקער ליסינע, האָט אונטערהאָפּסלט מיט דער טאַץ, אַ פול אָנגעשטעלטע מיט טעלערס קרופּניק, פאַרהויבן הויך איבערן קאָפּ, האָט איינער פון מרדכילעס לייט געטאָן אַ זעץ אַ איבער איר און שוין איז אַלץ געלעגן אויפן דיל אין אַ פּליעטש פון פערלגרויפּן מיט צוקערבאָבעס, אויסגעמישט מיט שטיקלעך שערבעלעך פון די צעבראָכענע טעלער, מיט פּעניצן ברויט, צעווייקטע, צעטרעטענע, דערביי האָבן נאָך די ברעכערס געוואָרנט מיט זייערע פויסטן:

— בונדישע פאַררעטער! מיט אייערע זופּקעס פאַרפּירט איר דעם פּראָלעטאַריאַט, פאַרהאַלט איר די רעוואָלוציע!

— פאַררעטער זענט איר! — האָבן די פאַרוואַלטערס צוריקגעדראָט מיט זייערע פויסטן. — מיט דעזאָרגאַניזירטע אַרבעטער מאַכט מען נישט קיין רעוואָלוציעס! דערביי, מיט באַנייטער טראַציקייט, האָבן זיי גענומען טראָגן פרישע טאַצן מיט טעלערס עסן, אָבער שוין נישט ווי פריער אַליין, אומגעשיצט. איצט איז שוין אַרום יעדן פון זיי געגאַנגען אַ גוואַרדיע מיט שומרים צו היטן סיי די טרעגער און סיי די טאַצן מיט עסן.

כאָטש געדאַכט האָט זיך, אַז אָט, אָט ברעכט דאָ אויס אַ בלוטיק

[3] אַ צעשטערער.

געשלעג, איז אָבער צו דעם נישט געקומען. מער ווי די ערשטע דריי טאַצן מיט עסן, איז מרדכילען מיט זיינע לייט נישט געלונגען אַרויסצושלאָגן פון דער קעלנערינס און פאַרוואַלטערס הענט. אויך קיין געשלעג איז זיי נישט געלונגען צו פּראָוואָצירן. אַ געשלעג מיינט געבן דער דייטשישער מאַכט אַן אויסרייד צו שליסן די קיך. מרדכילע מיט זיינע לייט ווילן דאָס טאַקע, די פאַרוואַלטונג אָבער וויל דאָס נישט, האָבן זיי געלאָזט די ברעכער שרייען: „פאַררעטער" וויפל נאָר זיי ווילן און אַליין האָבן זיי אָנגעהאַלטן דאָס אַרויסגעבן ווייטער די מיטאָגן.

ווי וויל ער, נתן חיים, האָט געלייענט ביכלעך, שוין געוווּסט פון „בונד", פון דער פּ. פּ. ס. און, ביי דער דעמאָנסטראַציע, זיך אַפילו דערוווּסט, אז עס זענען דאָ „עס דעקערס", האָט ער אָבער ביז דעם מיטאָג אין דער קיך נישט געהאַט נאָך קיין אַנונג פון קיין אַנאַרכיסטן, נישט געוווּסט, וואָס זיי ווילן, וואָס זיי זענען אויסן מיט זייער אופפירן זיך. נאָר וואָס זיי זאָלן נישט וועלן, דאַרפן זיי נישט, לויט אים, ברעכן קיין טעלער, נישט אויסגיסן קיין עסן, ווען אַזויפיל מענטשן הונגערן!

קאַפּיטל דרייסיק

האַרבסטיקער באַגין. ווייסער פראָסט אין דער לופט. שטיל. די גְעוועלבער — פאַרמאַכט. וואַרשע שלאָפט. אין ווינקל פון טויער דרימלט אַ מיליציאַנט.

אַליין, דאָס קעלנערל פון רעקל אויפגעשטעלט, דעם קאָפּ אַריינגעקורטשעט צווישן די אַקסלען, ציט נתן חיים איבער דער דזשיקע, פאַרביי דער וויענער טורמע, אַריין אין דער מילע, אַרויס אויף מוראַנאָוו, אַראָפּ צו דער ווייסל.

שוין טעג ווי אויף די ראָגעס פון הייזער, אויף די צייטונגסקיאָסקן הענגען מעלדונגען וועגן אַרבעט, וועגן גוטן לוין, אַזש צוויי מאַרק מיט פופציק פעניג אַ טאָג!

ווי נתן חיים האָט זיך געקווענקלט, נישט געוואָלט גיין שלעפּן קלעצער פון וואַסער אַרום ציטאַדעל, זיי לאָדן אויף וועגן, פירן זיי צו דער קערבעדזש בריק, וואָס ליגט אָן אויפגעריסענע, מיט טיילן אירע אין דער ווייסל, כדי מיט די קלעצער צו בויען אַ נייע, אַ צייטוויייליקע בריק, האָט ער זיך דאָך געלאָזט צורעדן. אמת, די מאַמע האָט נישט געזאָגט יאָ. זי געדענקט זייער גוט, וואָס ער און דער טאַטע און אברם יאַנקל זענען זיך אויסגעשטאַנען ביים גראָבן אָקאָפּעס אַרום מאָדזשיצער פעסטונג. ער האָט אָבער געפילט, אַז ווי די מאַמע וויל נישט ער זאָל גיין טוען עבודת פּרך, זיך חלילה צעקלאַפּן, ווערן אַ קאַליקע, וואָלט זי דאָך געגערן געזען ער זאָל יאָ גיין. אָרעמע מאַמע, מיט איר קראַנק געביין קען זי נישט האָדעווען איר הויזגעזינד. כל־זמן זי האָט געקענט, איז זי געגאַנגען אויף דער וואָלאָווקע האַנדלען. איצט גייט זי קוים אַרום און דער טאַטע ליגט אינגאַנצן איבעראַנאַנד. אברם יאַנקלס פאַרדינסט קלעקט נישט אַפילו אויפן ביסל קאַרטאָפליעס פאַר די זיבן הונגעריקע מיילער. און ווו איז דאָס געהערט געוואָרן דער ברודער זאָל אַליין טראָגן דעם גאַנצן עול פון דער שטוב און ער זאָל אַרומגיין פוסט און פאַסט?

איז ער דאָס איצט, אין דעם קאַלטן, גרויען, באַגין, געגאַנגען אַראָפּ צום וואַרשעווער ציטאַדעל, געגאַנגען און זיך כסדר אומגעקוקט. איינצושפּאָרן די שיך, האָט אים אברם יאַנקל אָנגעקלאַפּט אייזנדלעך אויף די זוילן, אויף די אָפּצאַסן, הילכט זיין טראָט אין דער פרימאָרגנדיק,

פֿאַרשלאָפֿענער שטילקייט און אים דאַכט זיך נאָר אַז עמעץ גייט הינטער אים.

ווי ער איז געווען הונגעריק, האָט ער זיך דאָך איינגעהאַלטן נישט צו נעמען שוין מאַכן די סעודה, נאָר וואַרטן מיטן ביסן ביז וואַרעמעס. נאָכצוגעבן אַ ביסל דעם יצר הרע, ער זאָל אים נישט אַזוי פּייניקן, נישט שטופּן אים אַזוי צום פּרעס, האָט ער געגלעט די צוויי קאַרטאָפּליעס, איינע אין דער רעכטער קעשענע און די צווייטע אין דער לינקער, ביידע קאַלטע, איבערגעשטאַנענע, וואָס די מאַמע האָט נעכטן ביי דער וועטשערע, אָפּגעשפּאָרט פֿון איר אייגן מויל, זי זאָל כאָטש דאָס האָבן אים מיטצוגעבן אויף דעם לאַנגן טאָג שווערע האַרעוואַניע.

ער האָט געשפּרייזט גיך, נתן חיים, איז אַריבער דאָס טונעלעכל אונטער די רעלסן פֿון דער נאַדוויסלאַנער באַן־ליניע. די זון האָט אָנגעהויבן אַרויסקריכן פֿון איר פּוטער־פֿאַס, זיך געריקט פֿון וויטן האַריזאָנט אין מיטן הימל אַריין, און, מיט איר יעדער רגע שטייגן העכער, ווערן רויטער, אָנגעגליטער, איז געוואָרן וואַרעמער און די ראָסע, אויסגעשפּרייט איבער די זאַמדפּעלדער, האָט גענומען צעגיין, פּייכט געמאַכט די שיטערלעכע גרעזער, אויפֿגעלויכטן די טוי־טראָפּנס אויף זיי, גלייך מילי־מיליאָסן דימענטן וואָלטן זיך צעשפּיגלט אין דער זון.

ווי וויל ער איז געווען זיכער צו זיין דער ערשטער, איז דאָך ביי דער ווייסל שוין געווען אַ גרויס געזעמל פֿאַר אים. הונדערטער פּאָליאַקן און יידן, יונגע און מיטליאַריקע, זענען אין באַזונדערע קופּקעלעך געזעסן טשיפּקע, געהאָנגען איבער דער ערד אויף די שפּיצן פּיספּינגער. אַנדערע זענען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט די אַקסלען און פּלייצעס אָן אַ קאַזאַרמע־וואַנט, געפּיפּקעט ציגאַרלעך מאַכאָרקע, גערעדט, געלאַכט, געטריבן הלצהלעך.

נתן חיים איז צוגעקומען, זיך אַרומגעקוקט, קיין איינער פֿון די באַקאַנטע, וואָס האָבן אים אַזוי שטאַרק צוגערעדט, ער זאָל גיין צו דער אַרבעט, איז דאָ נישט געווען. שטענדיק אַזוי, געבן יענעם עצות איז גרינגער ווי אַליין טוען. האָט ער אויך אָנגעשפּאַרט אַן אַקסל אָן דער וואַנט און זיך געשטעלט וואַרטן. ערשט פֿאַר זיבן אַזייגער, איז אויף אַ רויטלעכן שפּאַק אָנגעריטן אַן אָפּיצירל, אַ בלאָנד, דאַר מענטשל אין אַ געפּאַסטן מונדיר, אין ברוין־לעדערנע שטולפּן איבער די שיך און ליטקעס און גאָלד־גערעמטע ברילן איבער די אויגן. הינטער אים זענען נאָכגעפּאָרן אַ צענטליק וועגן, יעדער וואָגן געשפּאַנט צו צוויי געזונטע, ברייט־הינטנדיקע פֿערד, אָנגעטריבענע פֿון רעזערוו־סאָלדאַטן, עלטערע יעקעס, שטייענדיקע אין די וועגן מיט די בייטשלעך אין די הענט.

מיטן אָנקומען פֿון אָפּיצירל מיט די פֿערד און וועגן, איז מיטאיינמאָל

פון די באַזונדערע קופּקעלעך געוואָרן איין גרויס געזעמל פון מענטשן, וואָס אַלע האָבן זיך געשטופּט, אַרום דעם פערד, געשטרעקט די קעפּ אַריבער דעם צוויטנס אַקסלען, געזען צו ווערן פון דעם אָפּיצירל, וואָס איז זיך געזעסן רואיק מיט אַ ביכעלע אין דער לינקער האַנט און אַ בלייער אין דער רעכטער. פאַרשנדיק האָט ער געפירט זיין בליק איבער דעם געזעמל פּנימער, דורכגעטאַפּט פון צוויטנס יעדן איינעם, וואָס וועט דאָ האָבן דאָס גליק פון אים אויסגעקליבן צו ווערן צו דער אַרבעט.

ווי שוין לאַנגע יאָרן אין פּוילן, אַזוי איז אויך איצט אָנגעשטאַנען דער קידער־ווידער צווישן די פּאָליאַקן און יידן. געווינט פון אייביק אָן נישט צוצולאָזן יידן צו קיין עפנטלעכע אַרבעטן, זענען די פּאָליאַקן איצט געווען בייז, געזידלט וואָס דער דייטש טרייבט נישט אָוועק די יידן, נאָר קלייבט אויס אויך פון זיי יענע, וואָס זעען אים אויס געזונט און טויגלעך. באַזונדערס האָט זיי געוואָרפן די גיכפּה שפּעטער, ווען זיי האָבן געזען, אַז די יידן טויגן זיך נישט ווייניקער אויס פון זיי ביים אַריבערוואַרפן דעם שלייף פון אַ שטריק אַרום עק פון אַ קלאָץ און זיי ציען אים פונקט אַזוי פלינק אַרויס פון וואַסער. דעסטגלייכן ביים טראָגן די קלעצער אויף די אַקסלען, ביים אַרויפקאָלערן זיי איבער די צוגעשטעלטע סלופּיקלעך אַרויף אויפן וואָגן.

וואָלטן נאָר די פּאָליאַקן געלאָזט די יידן אַרבעטן באַזונדער, ווי זיי האָבן זיך געהאַלטן פריער אין אָפּגעזונדערטע קופּקעלעך, האָבן זיי אָבער אַזוי קאָמבינירט אַז ביים טראָגן אַ קלאָץ, זאָל דער פון פאָרנט און דער פון הינטן זיין יידן, בעת זיי, די פּאָליאַקן, האָבן אונטערגעשטעלט די אַקסלען אונטערן קלאָץ נענטער צום מיטן. כלומרשט איז דאָס געווען די משא זאָל ליגן מער אויף זיי. ביים גיין אָבער, האָבן די פּאָליאַקן איינגעבויגן די קני, איז גאָר די גאַנצע משא פון קלאָץ געבליבן אויף די יידנס אַקסלען. אַנדערע רשעים פון צווישן זיי, האָבן גאָר אינמיטן אַרויפ־קאָלערן אַ קלאָץ אויפן וואָגן, זיך גיך אָפּגערוקט און דער קלאָץ האָט זיך געטועגן אַ קאָלער צוריק, נישט איינמאָל אויף אַ יידס פוס אַרויף און אַז דער ייד האָט אַ געשריי געטאָן: אוי! האָבן זיי זיך צעלאַכט און אים נאָכגעשפּעט: „אוי ווי, טאַטעלע, מאַמעלע“!

אַפילו אַזוי, אָן די אונטערגעשטעלטע פיסלעך, איז נתן חיימען געפאַלן שווער דאָס העלפן שלעפּן און טאַסקען אַזעלכע ריזיקע בערווינעס. נישט זיינע הענט און נישט זיינע אַקסלען זענען געווען געווינט צו אַזאַ עבודת פּרך. ווי איז דאָס גאָר פאַר זיינע כוחות? בפרט איצט, נאָכן אָפּפּאַסמן דעם ערשטן האַלבן טאָג און ערשט אויף וואַרעמעס זיך דערכאַפּן ס׳האַרץ מיט צוויי קאַלטע, איבערגעשטאַנענע קאַרטאָפליעס. אַוודאי

ווייסט ער, אַז צרות רבים איז חצי נחמה.[1] ער ווערט אָבער נישט זאַט פון דעם, וואָס אויך אַנדערע פון די אַרבעטער דאָ, האָבן זיך געברענגט קדחת מיט רביעית אויף וואַרעמעס, כאָטש ער זעט, אַז טייל האָבן יאָ אַ פּעניץ ברויט מיט אַ ציבלקע, אַנדערע, קריסטן, האָבן אַפילו אַ שטיקל סאַלע, דאָס ווייסע חזיר־פעטס, וואָס זיי שניידן מיט די קניפּיקלעך אין מויל אַריין ביי יעדן ביסן שוואַרץ, ראַזאַווע־ברויט.

און דאָ איז דער טאָג לאַנג, אַזוי לאַנג און אַזוי אַנדערש די צייט! אַ שעה ביים שלעפּן און טאַסקען די קלעצער איז אַן אייביקייט, בעת די אייגענע שעה זיצן אויפן וואָגן ביים פירן אָפּוואַרפן די קלעצער לעבן דער אויפגעריסענער קערבעדזש בריק, די שעה קומט אים פאָר ווי אַ רגע, אַ זיסע, ליכטיקע רגע. ער זיצט אויפן וואָגן, די נאַכהענגענדיקע פיס וויגן זיך אין ריטעם פון די רעדערס קאָלערן זיך איבערן ברוק. די לעדנדלעך איבער די אויגן זענען אים אַראָפּגעלאָזט, דער גוף זינקט פון שווערקייט, די הענט און די אָרעמס — מיד, מאַט, נאָר ער האַלט דאָס פּנים אַרויף צום הימל און שמייכלט צו דער זון, וואָס וואַרעמט און גלעט אים און אין דעם שמייכל שיקט ער זיין געבעט אַרויף: גרויסער גאָט, טו אַ חסד און זאָל נישט אויפהערן דאָס פאָרן, זאָלן אייביק זיך אַזוי ציען די זיסע רגעס פון רו, פון דער מיד־אויסגעמאַטערטער רו.

— איר זענט דאָכט זיך אַ היטלמאַכער?

נתן חיים האָט געעפנט די אויגן, געזשמורעט אויף יענעם און באַלד צוריקגעפרעגט:

— פין וואַנעט ווייסט איע?

— איך בין אויך אַ היטלמאַכער.

— קייגן ווּס פרעיגט איע'?

— קייגן דעם, וואָס אויף היינט ביינאַכט רופט דער גאָדל־בראַנזשע פאַראיין אַ מאַסן־מיטינג.

— אַ ווּוּ?

— וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? איר ווייסט נישט וואָס אַ מאַסן־מיטינג איז? דאָס איז אַ פאַרזאַמלונג, אַ ריזיקע פאַרזאַמלונג פון טויזנטער מענטשן.

— ווּעיע' זוגט איע' ריפט דוס? דע' גודל־בראַנזשע פאַראיין? פין וואַנעט 'אָבן זיי זעך דאַ'נימע'?

— אַז זיי רופן זענען זיי דאָך דאָ.

— אין ווי דאַרף דוס זאַאַן דע' מאַסן־מיטינג?

— אין זאַל פון דער גמינע.

— איע' וועט דאָרטן זאַאַן?

[1] אַז אַלע ליידן איז אַ האַלבע טרייסט.

— הערסטו, צו וואָס זאָג איך דאָס אייך?
— גיט, יעדן ׳על אָאָך קימע׳.

אין אָוונט, ווען נתן חיים איז צוגעקומען צו דער גמינע, איז שוין אינעווייניק, אין דעם זאַל געווען אַ געדרענג פון מענער און פרויען קאָפּ אויף קאָפּ. גאַנץ וואַרשע מיט אַלערליי שניידער, קירזשנער, היטלמאַכער, וועש־נייטערקעס, קאָרסעטן־מאַכערינס, מאָדיסטקעס, אַלע זענען זיי געווען אויף דעם מיטינג.

נאָך יענער דעמאָנסטראַציע אויף די טרעפּ דאָ פאַר ברויט, איז דער איצטיקער מיטינג געווען פאַר נתן חיימען די צווייטע גרויסע געשעעניש אין זיין לעבן. אַריינגעשטופּט צווישן דעם ריזיקן געזעמל, איז ער מער געהאָנגען אויף די פּלייצעס פון די מענטשן אַרום, איידער געשטאַנען אויף די אייגענע פיס. אַריבער הונדערטער קעפּ און אַקסלען האָט ער געשטערקט דעם בליק צו אַ טיש אויבן אָן, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ נידריק מענטשל מיט שוואַרצע וואָנסעלעך און געהאַלטן אַ ניקלען גלעקל אין האַנט. עפּעס האָט דאָס מענטשל גאָרנישט אויפגעהערט צו קלינגען מיט דעם גלעקל, גלייך ער וואָלט נישט געקענט אָנזעטיקן דאָס געהער זיינס מיט דעם דינינקן, זילבערנעם גלעקל־געקלאַנג.

לעבן דעם מענטשל, ביי זיין רעכטער זייט, איז געזעסן איינער, דער סעקרעטאַר אַוודאי, מיט אַ פעדער אין האַנט און אַ בלאָקל פּאַפּיר פאַר זיך. ביי זיין לינקער זייט — אַ דייטשישער שוצמאַן מיט אַ הינדענבורג־גזשיבקעלע איבערן שטערן און אַ שוואַרצער פּיסטויל אויפן טיש.

דאָ, נאָכמער ווי אויף דער דעמאָנסטראַציע, איז נתן חיים געווען הוילע אויגן און אויערן. ווי דאָרט אַזוי איז אים דאָ אַלץ פאָרגעקומען אויסטערליש. אַ פאַראיין פון אַרבעטער אין וואַרשע? ערשט די רייד זייערע! דעמאָנסטראַציע, מאַסן־מיטינג, פאַרזאַמלונג, זיצונג, קיינמאָל פריער האָט ער אַזוינע ווערטער נישט געהערט, נישט געזען זיי אין די ביכלעך, וואָס ער לייענט, אויך נישט אין קיין בלאַט־ציייטונג.

ווי פון די נייע ווערטער, אַזוי איז ער געוועזן פאַרבליפט פון די ריזיקע געזעמלען. אַזויפיל מענטשן אויף איין אָרט! בלויז קינדווייז, אין מאָדזשיץ, האָט ער אַזוינס איבערגעלעבט אין יענעם יאַריד־טאָג. דענצמאָל אָבער האָבן דאָס יידן גערופן אַן אויפגעלויף, נישט קיין דעמאָנסטראַציע און נישט קיין מאַסן־מיטינג. דעמאָלט אָבער איז דאָך געווען יום טוב אינדערוואָכן! די סטרייקער זענען דעמאָלט געפאָרן נאַשפּיץ, אַלץ האָבן זיי געמעגט און אַלץ האָבן זיי געקענט טוען!

אַ פאַרבליפטער איז ער געשטאַנען, געקוקט צו דעם אויבן אָן און נישט באַנומען, וואָס אַזוינס דאָרט קומט פאָר. אַלע ווייל רופט דער פאָרזיצער אויף עמעצן צום רעדן, יענער שטעלט זיך אַוועק פאַרן עולם,

טוט אַ געשריי אַרויס: חברים! און נאָך איידער ער האָט זיך רעכט צערעדט, טוט דער דייטשישער שוצמאַן אַ מאַך מיט דער האַנט: האַלט! און שוין ווערט דער רעדנער אַנטשוויגן און אַזוי איינער נאָך איינעם!

נישט איבערראַכטנדיק, וואָס ער גייט דאָ טוען, האָט נתן חיים אויסגערופן: יעך וויל רעדן! און שוין האָט ער זיך גענומען שטופּן דורך דעם געדרענג אַרויף צום אויבן אָן טיש. עפּעס איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ טראַנס, געוואָרן איין שטיק דראַנג! צי דאָס איז געווען די שיכרות נאָכן האָבן געהערט יענעם רעדנער אויף דער דעמאָנסטראַציע און ער האָט דאָ פּלוצים אים געוואָלט נאָכמאַכן, זען זיך אויך אויבן אָן פון אַזאַ געזעמל, צי דאָס איז טאַקע געווען אַן איינגעבוירענער דראנג ביי אים צו שטיין ביי אַן עמוד, ווי ער איז אָפט געשטאַנען אין דעם שולכל ביי דער חברה בחורים, געווען אַ בעל קורא, אָפּגעקלאָפּט אַ שחרית, אַ מוסף, צי גאָר דאָס איז געווען דער אָנגעזאַמלטער פּראָטעסט אין אים קעגן די ליידן און פאַרשעמונגען אין זיין יינגן לעבן, סיי ווי, דעם דייטשש כסדרדיק פאַרמאַכן דאָס מויל איין רעדנער נאָכן צווייטן, האָט אים געטוען אַ הייב פון אָרט, עפּעס ווי אומגעזעענע הענט וואָלטן אים גענומען טראָגן דורך דעם געדרענג אַרויף צום אויבן אָן טיש, אויסצושרייען וואָס אויף זיין געמיט, וואָס אויף זיין האַרץ האָט זיך אָנגעקליבן.

און אַן אויסגעשריי איז זיין רעדע טאַקע געווען, אַ לאַנג און ביטער געשריי. ער אַליין, נתן חיים, האָט טאַקע נישט געוווּסט, וואָס ער גייט דאָ זאָגן, דער עולם אָבער האָט גוט און קלאָר באַנומען זיין יעדער וואָרט, אַ סימן — דאָס געפּאַטשעריי און געשרייעריי: „ביעך־זשיע", זאָל לעבן דער רעדנער!

דער פאָרזיצער האָט געקלונגען מיטן גלעקל, געשריגן: רוע, רוע! דער יעקע אָבער איז געזעסן ווי אַ לעקיש, נישט געוווּסט וואָס מיט אים טוט זיך. די לאַפּע זיינע איז געלעגן אויפן פּיסטויל און אַליין האָט ער געגלאָצט אויף נתן חיימען. זיינע צעטומלטע אויגאַנעס זענען אים געווען אַרויסגעביילט, פאַרחידושט: „דאָס איזט דאָך מערקווירדיק"! דעם פאָרזיצער מיט זיין שרייען „רוע, רוע" פאַרשטייט ער, אויך ביי די פריערדיקע רעדנער האָט ער פאַרשטאַנען יעדער וואָרט, געגוי ווי ער פאַרשטייט די „זאָציאַל דעמאָקראַטן אוס בערלין, אוס שטעטין, נאָר דיזן קערל פאַרשטייט ער גאַרניקס"!

ער האָט נעבעך נישט געוווּסט, דער יעקע, אַז ווי די פריערדיקע רעדנער האָבן זיך געפּלייסט צו זיין היינטוועלטיש, נאָכצורעדן דאָס לשון פון זיינע, דייטשישע „זאָציאַל דעמאָקראַטן", אַזוי איז ער, נתן חיים, נעבעך געבליבן אַ פּראָווינצערל, וואָס האָט נישט געקענט און נישט געוווּסט די הויכע ווערטער, אַרויסגענומענע פון פּראָקלאַמאַציעס, נאָר ער

האָט גאָר גערעדט זיין אייגן לשון, דאָס לשון פון זיין מאַמע, פון רבין אין חדר, פון די לערנערס אין בית המדרש.

אַז ער האָט אָפּגערעדט, דאָס געפּאַטשעריי און געשרייעריי האָט געהאַט אויפגעהערט און ער האָט גענומען אַוועקגיין פון טיש, האָט דער שוצמאַן אַ מאַך געטאָן צו אים מיטן ווייז־פינגער:

— קאָם מאַלס היער! נאַמען? פאַטערס נאַמען? אַדרעססע? דאַנקע שעין.

ווי דער דייטש ביים טיש, אַזוי האָט איינער פון דער פאַראיין־פאַרוואַלטונג, אים פאַרהאַלטן נאָכן אַוועקגיין פון טיש. אויך דער, אַן אויסגעבלייכטער מאַן אין די פריע דרייסיקער, מיט קראַנקע, רויט־אַרומגעזוימטע אויגן און דיקע, נאַסע ליפּן, אויך ער האָט געוואָלט וויסן נתן חיימס נאָמען, זיין אַדרעס, זיין פאַך:

— אַזוי, אַ היטלמאַכער? — האָבן דעם מאַנס קראַנקע אויגן אויפגעלויכטן, — מיר דאַרפן טאָקע אַזאַ מענטש אין דער פאַך־קאָמיסיע.

נתן חיים האָט דאָ איבערגעלעבט אַ טאָפּלט געפיל. פון איין זייט האָט אים זייער געשמייכלט, וואָס די לייט, כאָטש זיי קענען אים נישט, ווייסן גאָרנישט צי איז ער אַן ערלעכער מאַן אָדער גאָר אַ גנב, אַ שווינדלער, זענען זיי דאָך גרייט צו מאַכן אים פאַר זייערס אַ ראש, אַן אָנפירער. פון דער אַנדערער זייט, האָט אים דער אָנבאָט געשראָקן. ער איז שוין פאַרשריבן ביים דייטשישן שוצמאַן, זאָל ער זיך נאָך אַריינפּליאָנטערן אין פאַראיין, האָבן צו טוען מיט מייסטערס, אפשר גאָר מיט סטרייקס, ווערט ער גלייך אַרעסטירט. מעג ער אַזוינס טוען? וואָס וועט זיין מיט דער שטוב? מיט די קינדער? בפרט נאָך איצט, ווען ביידע, דער טאַטע און די מאַמע זענען נאָרוואָס אַרויס פון שפּיטאָל! די מאַמע קריכט נאָך אַרום אויף אירע פיס, דער טאַטע אָבער ליגט איבעראַנאַנד. כאָטש אַז ער וויל שמועסן אויף צוריק, בלייבט נישט די שטוב, חלילה, אויפן וואַסער, אויב מיט אים זאָל עפּעס געשען. אָברם יאַנקל זאָרגט פאַר דער שטוב צעגלייך מיט אים. גיט אַוועק יעדער פעניג, וואָס ער פאַרדינט.

— גיט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן צום מאַן, — וואָס האָט געוואָרט אויף זיין ענטפער, — ווס דאַרף יעך טיען?

— דערווייל גאָרנישט. קומט בלויז מאָרגן אָוונט צו אַ זיצונג אין פאַראיין, נאָוואָליפּיע 41.

— וועלכע צאַאַט?

— אַכט, האַלב נאַאַן.

— גיט, יעך ׳על קימע׳!

קאַפּיטל איינאונדרייסיק

דער לאָקאַל פון פּאַראיין, אויפן פערטן שטאָק, איז באַשטאַנען פון צוויי גרויסע שטובן מיט אַ קיך ביים הינטערשטן אַריינגאַנג און אַ קליין צימערל ביים פאַראַדנעם אַריינקום. אין די שטובן, שוואַך באַלויכטן פון איין עלעקטריש לעמפּל אינמיטן די סופיטן, זענען אויף לאַנגע בענק אַרום די ווענט, אויך אַרום טישלעך אינמיטן דער פּראָנטשטוב, געזעסן אַרבעטער, יונגע און עלטערע, פרויען און מענער פאַרטועכע אין אַ ביכל, אין אַ שאָך, אין אַ דאַמקע, אַנדערע גלאַט אין שמועסן, אין טרייבן הלצהלעך. אויף איין וואַנט אין דער פּראָנטשטוב, זענען געהאָנגען צוויי פאָטאָ־פּאָרטרעטן פון אַלטע לייט מיט גרויע בערד און אויבן אָן, צווישן די צוויי פענצטער — נאָך אַ פּאָרטרעט פון אַ יונגן מענטש, אַ צאַרט־אויסגעאיידלטער.

ביי זיין ערשטן אַרויפקום אין דעם פּאַראיין האָט זיך נתן חיים געפילט פאַרלוירן, אַפילו פאַרשעמט. אָט שטייט ער און קוקט אויף די פּאָרטרעטן און ווייסט גאָרנישט ווער די לייט זענען. ערשט שפּעטער, אַז ער איז געוואָרן איינער פון די פּאַראיין־מענטשן, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די צוויי זקנים זענען קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס, וואָס, לויט ווי מ׳זאָגט אים, זענען זיי באַרימטע לייט און דער דריטער, מיט דעם צאַרטן געזיכט, איז וולאַדימיר מעדעם, דער אָנפירער פון בונד און, צוליב דעם טאַקע, הענגט דאָ זיין פּאָרטרעט אויבן אָן, דערצו נאָך איז ער באַצירט מיט אַ גרויסן, רויטן, אטלאַס־שלייף.

ווען עמעץ אין דעם פּאַראיין האָט אים געוויזן דאָס קאַנצעליאַריע־שטיבל אין קאָרידאָר און ער האָט געעפנט די טיר, איז שוין דאָרט די זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג אָנגעגאַנגען. הינטער אַ קליין ביוראָטישל, אַ פאַרשאָטנטער פון דער גרינער פּאָרצעליי־שיין, וואָס איבערן שטיי־לאָמפּ, איז געזעסן דאָס נידריקע מענטשל מיט די שוואַרצע וואָנסעלעך, דער פּאָרזיצער פון נעכטיקן מאסנמיטינג אין גמינע־זאַל. ווי דאָרט, אַזוי האָט ער אויך דאָ נישט אַרויסגעלאָזט דאָס ניקלען־גלעקל פון האַנט, און ווי דאָרט אַזוי איז דאָ געזעסן לעבן אים דער סעקרעטאַר, אַ רויטלעך־בלאָנדער יונגערמאַן אויף אַ גוטן קאָפּ העכער פון יעדן איינעם אין דער פאַרוואַלטונג.

— קומט אַריין, — האָט אים אַ רוף געטאָן דער מאַן מיט די קרענקלעכע, רויט־אַרומגעליאָוועטע אויגן, וואָס האָט אים נעכטן, אין גמינע־זאַל נאָך זיין ר'עדע, אָפּגעשטעלט און אים פאַרבעטן קומען אַהער אין פּאַראַיין. — זיצט, — האָט ער אים געוויזן אויף אַ שטול און דערביי געזומען פאַרשמייכלען אים פאַר דער פּאַרוואַלטונג און זיי — פאַר אים. — דאָס איז חבר מאַרקוס, אונדזער פאַרזיצנדער און דאָס איז חבר לעאָן, אונדזער סעקרעטאַר און דאָ זענען אונדזערע פּאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, די חברים מענדל, ראַפאַל, מאַקס, כילעק און די חברטעס טויבע אוןביילע. מיך אַליין קענט איר דאָך שוין, משה דיקשטיין, הייס איך, אַ היטלמאַכער ווי איר.

נאָכן וויטען זיך, געבן אַלעמען די האַנט, האָט נתן חיים זיך אַוועק־געזעצט אויף אַ שמאָל אין סאַמע ווינקעלע און, ווי זיין טבע, גענומען זייטיקלעך אָפּמעסטן יעדן איינעם. אַז דער פּרעזעס, אָדער ווי זיי רופן אים „דער פאַרזיצנדער", איז אַ סטאַוויאַק,[1] דאָס האָט ער נאָך נעכטן געזען. נישט נאָר מיטן גלעקל, אויך מיט די אויגן, שוואַרצע, ציגיינערישע, האַלט ער אין איין סטאַוויען זיך, גליטשן די שוואַרצאַפּלען הין און צוריק איבער די ווייסלען מיט אַזאַ אָנשטעל, גלייך ער וואָלט געווען מי יודע וועד.

גראָד דער סעקרעטאַר זעט אים אויס צו זיין נישט קיין גרויסהאַלטער, כאָטש ער האָט גראָד יאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען. לויט זיין האַנט־שריפט, זעט ער, נתן חיים, איז דער לעאָן געגאַנגען אין די שקאָלעס! ער האָט אויך געזען, אַז דער חבר ראַפאַל איז יענער, וואָס איז דענצמאָל באַשטאַנען דערויף ער, נתן חיים, זאָל אַרויפגיין אין קיך עסן אויסער דער ריי. דאָ, ביי דער פּאַרוואַלטונג־זיצונג, אַן אויסגעטועטער פון דער שטרענגקייט, וואָס ער האָט דענצמאָל געהאַט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַלס שומר פון אָרדענונג אַרום דער קיך, זעט אים דער מענטש גאַרנישט אויס אָרדינער, נישט מיט זיינע פאַרשפּיצטע וואָנסעס און נישט מיט זיין גרין־פליושענעם קאַפּעליוש מיטן פעדערל אין דער זייט, וואָס דאָרט האָט ער אים געטראָגן אויפן קאָפּ און דאָ רייט אים דער קאַפּעליוש אויף אַ קני. אויך דער קרומער בליק זיינער איז דאָ נישט אַזוי שרעקענדיק ווי ער איז ביי אים געווען דאָרט.

אַ קלונג פון גלעקל האָט נתן חיימען אַרויסגענומען פון זיין שאַצן און מעסטן די מענטשן אַרום אים.

— חבר, — האָט זיך דער פאַרזיצנדער געווענדעט צו אים, — די זיצונג קאָנפּטירט אייך צו ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד אין דער פּאַרוואַלטונג ביז אונדזער וואַל־פאַרזאַמלונג.

[1] אַ באַרימער.

נתן חיים האָט געקוקט דאָ אויפן פּאָרזיצער, דאָ אויפן סעקרעטאַר. עפּעס איז ער נישט געווען זיכער צי ער פאַרשטייט וואָס מ׳רעדט צו אים. וואָס מיינט „קאָאָפּטירט"? עפּעס רעדן די מענטשן תרגום לשון! ער וואָלט אפשר געדאַרפט איבערפרעגן דעם פּאָרזיצנדן, וואָס עס מיינט „קאָאָפּטירן", שעמט ער זיך אָבער. אַוודאי ווייסט ער, אַז דער פּרק זאָגט לא הבישן למד, אַ שעמעוודיקער קען זיך גאָרנישט אויסלערנען. וואָס אָבער זאָל ער טוען, אַז ער שעמט זיך פאָרט? האָט ער געשוויגן און זיך ווייטער גוט צוגעהערט וואָס די חברים רעדן דאָ. ער האָט זיך אפילו געחידושט: וואָס רעדן זיי אַזויפיל און אַזוי לאַנג? איינער נאָך איינעם נעמט דאָס וואָרט, כאָטש לויט אים איז אַלץ אַזוי פּשוט און אַזוי קלאָר:

דער משה דיקשטיין לאָזט זיך נישט אַראָפּשלאָגן פון דער דעה: פאַרוואָס, פרעגט ער, זאָל זיך דער פאַראיין רעכענען מיט די אַנאַרכיסטן? באשר זיי זאָגן אַז שפּייזן די אַרבעטער וועט פאַרהאַלטן די רעוואָלוציע? און זייער סטראַשען מיטן קומען ברעכן געפּעס, שרעקט אים אויך גאָרנישט אָפּ. אדרבא, זאָלן זיי קומען! יאַנקל פון בוגאַי מיט זיין חברה וועלן זיי אַראָפּזערגען פון אַלע שטיגן! רעכענען דאַרפן מיר זיך נאָר מיט אונדזערע מיטגלידער. אדרבא, האָט ער אַ וויז געטאָן צו דער טיר, גייט אַריין און טוט אַ קוק ווי זיי זיצן אָפּ די טעג און די אָוונטן אין פאַראיין אָן אַ שטיקל ברויט אין מויל. אַז מיר וועלן האָבן אַ טייהאַליע וועט יעדער פאַר עטלעכע פעניק זיך קענען דערכאַפּן ס׳האַרץ מיט אַ פעניק ברויט און אַ גלאָז טיי.

— דער חבר דיקשטיין רעדט זיך אַזוי גרינג אָפּ אַ טייהאַליע! — האָט אים איבערגעריסן די חברטע טויבע, אַ פאַרזעסן מיידל מיט טויט־אויסגעלאָשענע אויגן און גלאַטע, שוואַרצע האָר. אַן אַסקעטישע חברטע, וואָס אין איר פּראָלעטאַרישער פרומקייט האָט זי זיך נישט דערלויבט צו טראָגן קיין שיך מיט אַ העכער אָפּצאַסל, קיין קאָלירט סטענגעלע צו צוגעבן אַ ביסעלע פאַרב צו איר פאַרצוגט און פאַרטרויערט געזיכט, זי האָט שוין פון לאַנג געקוקט מיט אומצוטרוי אויף דעם משה דיקשטיין, וואָס אומעטום איז ער אַ מאַכער, וואָס אַלץ וויל ער זיך אונטערנעמען, — ווו וועט איר קריגן ברויט פאַר דער טייהאַליע? — האָט זי אים שאַרף געפרעגט. — אַז די ווירטשאַפטס־קאָמיסיע ביים צענטראַל־ביוראָ קען דאָס נישט קריגן אָן צושטעלן די ברויטקאַרטן פון די קאָנסומענטן, וועט איר דאָס קריגן?

— וואָס אַרט דאָס אייך? — האָט משה דיקשטיין חוזקדיק געשמייכלט איר אין די אויסגעלאָשענע אויגן אַריין. — איך נעם זיך אונטער צו קריגן ברויט אָן קאַרטן פון די קאָנסומענטן!

— איך בין קעגן דעם! — האָט זיך געטאָן אַ שטעל אויף דער

חבר כילעק, אַ דראָבנע מענטשל מיט שאַרפע באַקן־קנאָכן און דינע, בלאַס־אָפּגעצערטע ליפּן. אַן ערנסטער, אַן ערלעכער, האָט ער געטענהעט אַז אַן אַרבעטער־פּאַראיין טאָר נישט האָבן צו טוען מיטן שוואַרצן מאַרק, מיט פּאַסקאַרזשעס און שפּעקוליאַנטן.

— ווער זאָגט עס, אַז איך גיי האַנדלען אויפן שוואַרצן מאַרק? — האָט משה דיקשטיין זיך געטאָן אַ שאַרפן דריי אויס צו דעם כילעקן, — איך וועל קויפן ברויט נאָר אין לעגיטימע בעקערייען.

— די באַנעס אָבער, וואָס איר וועט צושטעלן די בעקערס וועלן זיין פאַלשע! — האָט די חברטע טויבע אים ווידער איבערגעריסן.

— און אַז פאַלשע? — האָט זיך שוין אַריינגעמישט דער חבר מענדל, אַ דאַמען־שניידער, וואָס צוליב זיינע קלוגע, פלינק לויפנדיקע, שוואַרצע אויגן, קען מען אים אָננעמען פאַר אַ לאָווקע פאַרשוין, כאָטש אינדערעמתן איז ער אַ מענטש מיט פּרינציפּן! אויב ער האַלט דאָ מיט משה דיקשטיין, איז עס בלויז ווייל, לויט אים, זענען די נאָכגעמאַכטע ברויטקאַרטן נאָך איינס פון די נייטיקע מיטלען צו שטערן דעם דייטשישן אָקופּאַנט אין זיין פאַרהונגערן די באַפעלקערונג, כדי צו קענען אַרויספירן וואָס מער עסנוואַרג צו זיך קיין דייטשלאַנד!

אין די אַמפּערייען האָט זיך נתן חיים טאַקע נישט אַריינגעמישט, אין אייגענעם דמיון אָבער האָט ער צעגלידערט אַלעמענס טענות און פאַר זיך אַליין געפירט דעם וויכוח: דער חבר כילעק איז אַוודאי גערעכט. נישט נאָר אַ פאַראיין, אויך אַ יחיד טאָר נישט האָבן צו טוען מיט קיין שווינדלער. ווען אָבער איז דאָס גערעדט געוואָרן? ווען יענער, וואָס מ׳גייט אים באַשווינדלען, איז אַן ערלעכער מאַן. ווי איז אָבער דער דין אַז דער פאַרשוין איז גאָר אַ גנב, אַ רוצח, וואָס נעמט צו בגזלויה דעם ביסן ברויט פון אַ קינדס מויל? דאָ איז שוין נישט בלויז חל דער גונב מן הגנב פּטור, נאָר ס׳איז גאָר אַ גרויסע מצווה אָוועקצוגנבענען פון אַזאַ רוצח וואָס מער!

— איך שלאָג פאָר צו שליסן די דעבאַטן!

נתן חיים האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ. דאָס איז געווען די חברטע ביילע, אויך שוין אַן עלטער מיידל, אַ בלאַסע, אָבער מיט דיקע אָרעמס און אַ הויכן בוזעם, נישט אַזאַ פלאַך ברעטל, ווי ביי די חברטע טויבע. אַ געבוירענע מאַמע, טראַכט זי נישט וועגן פאַלשע באַנעס צי אמתע באַנעס, דער עיקר ביי איר, די אַרבעטער זאָלן האָבן אַ שטיקל בופעט אין פאַראיין, ביי וואָס זיך צו דערכאַפּן די הערצער!

—ווער איז פאַר שליסן די דעבאַטן? — האָט דער פּאָרזיצער געפרעגט און דערביי געטאָן אַ קלינג מיטן גלעקל.

אַלע האָבן געהויבן די הענט, נאָר ער, נתן חיים, האָט געהויבן די אַקסלען: וואָס גייט מען דאָ שליסן, און וואָס מיינט דעבאַטן?

— איר מעגט אויך שטימען, — האָט דער סעקרעטאַר זיך געווענדט צו אים.

— וועיע׳, יעך? — האָט נתן חיים צעטומלט איבערגעפרעגט, — ווּס ׳אָב יעך צי שטימע׳? מיע דאַכט זעך אַז דע׳ פאַראיין מעיג לכל הדעות אַאָנפירן אַ טייהאַליע. דעם חבר דיקשטיינס אַראָסקריגן ברויט אָן באַנעס ׳עט ניש׳ זאַאָן קאָ שווינדל, פאַ׳קעיעט, ס׳עט זאַאָן אַ מצווה. שפּאַאַזן הינגעריקע מענטשן איז געגליכן צי פּיקוח נפש, ווּס איז דוחה שבת!

— זאָל מען אָפּשטימען און אַ סוף זאָל עס נעמען! — האָט דער חבר מאַקס, אַן אומגעדולדיקער זיך געווענדעט צום פאָרזיצער. ער, אַ פלינק, אַן אָפּגעפּוצט מענטשל, מיט שמאָל פאַרשוויצטע וואַנסעלעך און לענגלעכדיקע, באַקן־באָרדישע פאַהלעך, שטענדיק אין גלאַנציקע שיך, אַ גלאַנציק גומע־קעלנערל מיט אַ שטייפער פאָרלאַגע אונטערן וועסטל, האָט ער נישט געהאַט קיין געדולד זיך צו גריבלען צי מ׳מעג יאָ, צי מ׳מעג נישט. ביי אים איז גענומען, געטוען און אַ סוף אַן עק!

— ווער איז פאַר דעם, דער נאָדל־בראַנזשע פאַראיין זאָל איינפירן אַ טייהאַליע?

אַלע האָבן אויפגעהויבן די הענט אויסער די חברטע טויבע און דער חבר כילעק.

נתן חיים איז געווען זיכער, אַז איצט וועט מען אויסקלייבן דעם חבר משה דיקשטיין פאַרן פאַרוואַלטער, צום סוף האָט מען אָנגערופן יעדנס נאָמען נאָר נישט אים. ער האָט זיך געחידושט, נתן חיים, וואָס מיינט דאָס? ווילן זיי דעם חבר דיקשטיין נישט אָנגעטרויען דעם אמט פאַרוואָס? און אפשר איז דאָס גאָרנישט אַזוי קרום? אַ מענטש, וואָס איז אַזוי לאָווקע, וואָס האַנדלען מיט שווינדלער און שפּעקולאַנטן איז ביי אים אַ גאָרנישט, אַזאַ מענטש איז אפשר אַליין אויך נוטה צו שווינדלען. אמת, מ׳האָט דעם ענין געכשרט. נישט קיין שווינדל נאָר גאָר אַ מצווה גייט מען מזוען, אָבער די מצווה וועט דערגרייכט ווערן דורך אַ שווינדל, איז אפשר טאַקע רעכט אַן אַנדערער זאָל זיין דער פאַרוואַלטער. זאָל דער משה דיקשטיין האָבן איבער זיך אַ שומר, אַן אויג וואָס וועט איבער אים וואַכן, היטן ער זאָל נישט דורך דער געכשרטער זינד באַגיין אַן אמתע זינד!

אַז קיינער האָט נישט געוואָלט אָנגעמען דעם אַמט, אויך נישט דער חבר כילעק, וואָס אים האָבן אַלע געוואָלט צוליב זיין ערנסטקייט, צוליב זיין אָפּגעהיטקייט אין אַלץ וואָס ער האָט געטוען, האָט דער חבר ראַפאַל

פאַרגעשלאָגן אים, נתן חיימען, דערבײַ האָט ער צו אים געשמייכלט, ווי ער וואָלט מיט זיין קרומען בליק אים אַרײַנגעלאָקט און אים אויפגע־קלערט אַז ער, נתן חיים, איז זייער פּאַסיק פֿאַר אַזאַ אַמט. אויב ער האָט געקענט האָבן כוח נישט צו וועלן אַרײַנגיין עסן אין קיך אויסער דער ריי, כאָטש ער איז געווען אַזוי הונגעריק, איז ער אַן ערלעכער חבר, וואָס מ׳מעג אים אָנגעמרויען אָנצופירן מיט אַ טייהאַליע.

נתן חיים האָט אָנגעשטעלט אויף דעם ראַפּאַלן אַ פּאָר פאַרחידושטע אויגן:

— ווער? יעך? חלילה! ווי קים יעך צי דעים?

— פאַרוואָס נישט? — האָט דער משה דיקשטיין אים געפרעגט. איר וועט גאָרנישט האָבן צו טוען. די פּראָדוקטן וועל איך דאָך באַזאָרגן. אַ מיידל צו מאַכן טיי און שטיין הינטערן בופעט, וועט מען אָנשטעלן, בלייבט נאָר פאַר אייך צו האַלטן אַן אויג אויף מיר...

צי די פאַרוואַלטונג האָט געפילט דעם שטאָך, צי נישט, ער, נתן חיים, האָט זיך צוליב דעם זאַגעלע דערפילט זייער נישט גוט, עפּעס האָט זיך אים געדאַכט ווי די אייגענע הויט איז אויף אים פּלוצים ענג געוואָרן. ערשט איצט איז אים געוואָרן קלאָר, אַז ער טאָר דעם אַמט נישט אָננעמען. דער משה דיקשטיין איז דאָ עפּעס אויסן. ער טראַכט אוודאי דורך אַ שותפותל אים אַרײַנצושלעפּן אין עפּעס אַ קונקל־מונקל געשעפט. ניין, ער האָט אין קאַרעוו נישט געוואָלט האָבן צו טוען אַרום דער קיך, ווײַל ער אויך דאָ נישט האָבן קיין מגע ומשא מיט עסנוואַרג.

זיין איבערפרעגן, „ווער, יעך?" האָט דער פּאַרזיצער, זעט אויס, אָנגענומען ווי אַ מין קווענקלען זיך, האָט ער געשטעלט צום אָפּשטימען און, צו נתן חיימס איבעררעשונג, האָבן אַלע, אויך כילעק און די חברטע טויבע, געשטימט פאַר אים. אים איז דאָס פאַרגעקומען קשה. זיי, די קעגנער, האָבן זיך דאָך געקענט אָפּהאַלטן פון שטימען. איז נישט אַמאָל זייער שטימען פאַר אים אַ סימן, אַז זיי ווילן ער זאָל זיין אַ בייטש איבער דעם משה דיקשטיין?

ווי מאָדנע, נאָר וואָס האָט ער געהאַט אָפּגעפּאַסט ביי זיך נישט אָנצונעמען דעם אַמט, ווי נאָר אָבער ער האָט געזען, אַז אַלע האָבן גע־שטימט פאַר אים, האָט שוין די מענטשלעכע אייטלקייט געקראַגן די איבערהאַנט איבער זיין ווילן און, ווי נעכטן, נאָך זיין רעדע אויפן מאַסן־מיטינג, האָט ער זיך ווידער געלאָזט אַרײַנציען. עפּעס האָט אים שטאַרק געשמייכלט דער געדאַנק פון זיין פאַרוואַלטער איבער אַ טיי־האַליע. אָבער, בעת נעכטן האָט ער געאַנט די געפאַרן, וואָס לויערן אויף אים צוליבן ווערן אַרײַנגעפּלאָנטערט אין אַ פאַראיין, האָט אים היינט די

אײמלקײט אַזוי פֿאַרבליפּט, אַז ער האָט גאָרנישט געדענקט װעגן געפֿאַרן, װעגן נסיונות, װאָס שטײען אים פֿאַר אין דעם אמת.

און אַ נסיון איז דאָס געװען פֿאַר אים אַ גרױסער! האָבן צו טאָן מיט עסנװאַרג? ברױט איז דענצמאָל געװען דער חלום פֿון מיליאָנען מענטשן, אַ חלום אין שלאָף װי אױף דער װאָך. די עטלעכע גראַם ברױט, װאָס דער דײַטש האָט צוגעטײלט אױף אַ מענטש פֿאַרן גאַנצן מעת־לעת, האָט אַ פֿליג געקענט אַװעקטראָגן אױף אירע פֿליגעלעך. געקראָגן די פּאָרציע ברױט האָט מען טאַקע אױפֿן גאַנצן טאָג, אָבער אײנגעשלונגען האָט מען דאָס אין אײן ביס. װאָלט עס כאָטש געװען ברױט װי פֿאַר דער מלחמה, ברױט װאָס האָט געזעטיקט, געגעבן חיות, איז עס אָבער געװען אַ נאַס, שװער און קלעפּיק שטיקל מײַרע פֿון קאַרטאָפֿל־שאָלעכץ, געמישט מיט דעם פּראָשעק פֿון צעריבענע קאַשטאַנעס. אין דעם מלחמה־הונגער אָבער, װען מענטשן האָבן זיך געװאַלגערט אױף די טראָטואַרן געשװאָלענע פֿון נישט עסן, װען אָפּגעריסענע, האַלב־נאַקעטע קינדער, אװעק־געװאָרפֿענע פֿון פֿאַרצװײפֿלטע טאַטעס און מאַמעס, האָבן פֿאַרפֿלײצט די װאַרשעװער גאַסן, געשטרעקט די ברודיקע, אױסגעדאַרטע הענטלעך יעדן דורכגײער אין פּנים: ברױט!, אַ שטיקעלע ברױט, דעמאָלט איז אַפֿילו דאָס קלעפּעכץ געװען אַ חלום! איז דעריבער דאָס שטײן טאָג־אױס און טאָג־אײַן אַ הונגעריקער בײַם שנײַדן די ברױטלעך געװען אַזאַ נסיון, װאָס ער, נתן חיים, האָט אים נישט געקענט בײַשטײן!

אמת, בײַם שנײַדן די ברױטלעך און לײגן די פּעניצן אױף טאַצן צו שטעלן זײ אױפֿן בופֿעט, האָט ער ביטער געשטרײַט מיטן יצר הרע, גע־ראַנגלט זיך מיט דעם פּרעסער אין זיך, אָבער און װידער זיך געזאָגט, אַז דאָס ברױט איז נישט זײַן און די מאַרמעליאַדע איז נישט זײַן. איז דאָך אָבער דער יצר־הרע אַ שמאַדאַלניק, װאָס האָט כלערלײ װעגעלעך צו־צורעדן צו זינד:

— נתן חײמל, — האָט ער אים געשושקעט אין אויער אַזוי געלאַסן, אַזוי מאַמעדיק געטרײַ — ביסט אַװדאי גערעכט, ס׳איז טאַקע נישט דײַן ברױט. דו נעמסט דאָך עס אָבער נישט אומזיסט. דו גיסט דאָך אַװעק אַזױפֿיל מי און צײַט פֿאַר דעם, ליגסט דאָך אָפּ אין דעם פֿאַראײן גאַנצע טעג און נעכט, לײגסט אַרײַן אין דער טײהאַליע דײַן געזונט און כּוח, קומט דיר נישט פֿאַר דעם אַלעם כאָטש אַ פּעניצל ברױט? װאָס? האָסט נישט אָנגענומען, זאָגסטו, דעם אמת פֿאַר געצאָלט? זאָל זײַן נישט געצאָלט, אָבער ביסט נאָך אַלץ אַ שטיקל בטוח, מעג דיר דער פֿאַראײן געטרױען די פּעניצלעך ברױט ביז װעסט אָנהײבן אַרבעטן און קענען אָפּצאָלן!

איז דער געראַנגל אַזוי געגאַנגען טעג, װאָכן, אַז ר׳האָט אָבער געזען

דער חוב וואַקסט, ער נעמט כסדר שטיקלעך ברויט, דערצו נאָך מיט מאַרמעליאַדע און באַצאָלן פאַר דעם האָט ער אַלץ נישט מיט וואָס, איז אין אים געשטיגן די מורא, דער פחד פאַר דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע. זי וועט דאָך זיך געוויס כאַפּן, אַז עפּעס שטימט דאָ נישט!

צומאָל האָט ער געוואָלט אַריינגיין צום סעקרעטאַר זיך מודה זיין, אַז ער האָט נישט קיין כוח איבערצוּוועלטיקן דעם הונגער, זאָל מען מאַכן אַן אַנדערן פאַרן פאַרוואַלטער! האָט ער אָבער נאָך וויניקער כוח געהאַט צוצוגעבן, אַז ער גנבעט!

ווי שטענדיק, ווען אַ מענטש וויל פאַרדעקן אַ זינד מוז ער באַגיין אַ גרעסערע נאָך, אַזוי אויך איז געווען מיט נתן היימען. אַז לייען מער האָט ער שוין מורא געהאַט, האָט ער אויפגעהערט צו באָרגן ביים פאַראיין און אָנגעהויבן גנבענען ביים קאָנסומענט. יאָ, יאָ! אַראָפּגנבענען אַ קריש, אַ פּיצל פון יעדן ביסן ברויט, וואָס עס האָט געקויפט אַ הונגערי־קער אַרבעטער. לויטן פּרייז, וואָס מ׳צאָלט פאַר אַ פּעניץ ברויט, האָט ער געדאַרפט צעשניידן דאָס ברויטל אויף צוועלף טיילן. כדי אָבער צו קערעוועןָ אַ שטיקל פאַר זיך, האָט ער בגנבה געשניטן טייל ברויטלעך אויף פערצן שטיקלעך!

ווי וויל דאָס געוויסן האָט אים געפּייניקט, געטריבן אים זיך צו פאַרטרויען, אויב נישט פאַרן סעקרעטאַר, איז כאָטש פאַרן חבר דיקשטיין, האָט ער דאָך געשוויגן, נישט געהאַט דעם כוח צו דערציילן וועגן זיין געפאַלנקייט!

דער יצר־הרע האָט אַפילו געלאַכט פון אים, גערופן אים נאַר, שמעגענע, אָבער ער האָט דאָך געליטן, געליטן און געגנבעט! יעדן טאָג זיך צוגעקערעוועט עטלעכע שטיקלעך ברויט מיט מאַרמעליאַד, אַזאַ מאַזשגע, צוגעפּראַוועט מיט סאַכאַרין. צוויי שטיקלעך פון דער גנבה האָט ער אַליין אויפגעגעסן און די איבעריקע פּעניצן, באַהאַלטענערהייט, גע־ברענגט אַהיים דעם קראַנקן טאַטן, וואָס ליגט שוין חדשים איבעראַנאַנד, דער קראַנקער מאַמען, וואָס קוים זי שלעפּט נעבעך די פיס, די שוועס־טערלעך, וואָס זענען שטענדיק הונגעריק, אַזוי מוראדיק הונגעריק, אַז זיי זענען שוין געשוואָלן פון הונגער.

קאַפּיטל צוויי־און־דרייסיק

ווי דער ווינטער איז געווען אַ שווערער, דער הונגער — גרויס, די שטובן נישט געהייצט און אַרום בושעוועט די מלחמה, איז דאָך ביים יונגוואַרג געווען ליהודים. מיט איין מאָל זענען אין וואַרשע קאַפּויער געקומען אַזוי פיל פּאַרטייען מיט זייערע וואָכנבלעטער און טאָג־צייטונגען, מיט קלובן און פאָלקס־אוניווערסיטעטן, פאַראיינען און קיכן און אַלע האָבן געגרופן און געלאָקט דאָס יונגוואַרג מיט קעסטל־אָוונטן, מיט דראַמאַטישע גרופּן, מיט כאָרן און פאָרלעזונגען, מיט אָוונט־קורסן און ביבליאָטעקן. אַז דער בונד האָט געעפנט אַ גראָסער־קלוב, האָבן די פּועלי־ציון פאַרלייגט אַן אַרבעטער־היים, די פאַראייניקטע — אַ קולטור־פאַראיין, די אַלגעמיינע ציוניסטן — אַ מרכז און די פאָלקיסטן — סתם אַ קלוב.

אַז ס׳איז געקומען דער שבת, אַ יום־טוב, אַפילו אין מיטן וואָכיקע אָוונטן, האָט דאָס יונגוואַרג נישט געוווסט ווו פריער צו גיין. אויב אַרבעטער און אפילו לערנערס פון בית־המדרש, האָט געצויגן אין סאָציאַליסטישן גראָסער־קלוב, אין דער פּועלי־ציוניסטישער אַרבעטער־היים, האָבן דעם מרכז אָנגעפילט טאַטעס זינדלעך, גוט געכאָליעטע טעכטערלעך פון פאַרנעמע יידישע היימען.

צוליבן ווערן אַריינגעצויגן אין נאָדל־פאַראיין, האָט שוין נתן חיים אויך אָנגעהויבן קומען אין בונדישן גראָסער־קלוב. פאַר אים איז דאָס געווען אַ נייע וועלט. שטענדיק האָט דאָ געווימלט מיט יוגנט. אין קאָרידאָר, ביים אַריינקום, איז געווען אַ טיר צו דער ליי־ביבליאָטעק. בחורים און מיידלעך זענען דאָ געשמאָנען אין אַ ריי צו טוישן ביכלעך, אַריינגעבן די אויסגעלייענטע און אַרויסנעמען אַנדערע צום לייענען.

אין אַ צווייטער שטוב איז געווען די טיי־האַליע. אַ לאַנגער בופעט איז דאָ געשטאַנען און אויף אים — טאַצן מיט מיתה־משונה קיכעלעך, מיט אָכמיר־פּלעצלעך, מיט פּוטער־ברויטלעך אָן פּוטער און אָן ברויט, דערביי — גלאַנציק געפּוצטע גלעזער מיט טעצעלעך און לעפעלעך און, הינטערן בופעט — אַ חברטע אין אַ ווייסן כאַלאַט גרייט צו באַדינען.

אין זאַל, אַן איבערגעמאַכטער פון דריי גרויסע צימערן, יעדערס מיט צוויי פענצטער אַרויס אויף דער קאַרמעליצקע גאַס, זענען געווען צעשטעלט טישלעך מיט שטולן. אויבן־אָן אויף דער וואַנט, אַן איבערגע־

צויגענע מיט רויטלעך, זיידיקע טאַפּעטן, איז געהאַנגען דער פּאָרטרעט פון בראָניסלאַוו גראָסער, אַ יונגער מענטש אין די אָנהייב דרייסיקער, אַ בלייכער, מיט אַן אײדל געזיכט און אַ קליין, שוואַרץ, לאַפּעטע־בערדל.

בייטאָג איז דאָ געווען דער לייענזאַל. ווער עס איז דאָ געזעסן פאַר־טיפט אין אַ בוך, אין אַ צייטונג און ווער עס האָט שטילערהייט זיך גע־אַמפּערט, דיסקוטירט וועגן פּאַרטייען, וועגן ביכער און שרייבער. ווי די לערנער אין די בתי מדרשים חקרנען זיך וועגן „וואָס וועט זיין ווען משיח וועט קומען" אַזוי האָט דאָס יונגוואַרג זיך דאָ געאַמפּערט וועגן דעם: „ווי אַזוי די וועלט וועט אויסזען אויף מאָרגן נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע". „ווי אַזוי זאָל מען פּראָלעטאַריזירן די יידישע אַרבעטער? קאָלאָניזירן ארץ ישראל? באַזעצן דאָס יידישע פאָלק אין נייע לענדער"?

נתן חיים פלעגט צעמאָל אַרויפקומען דאָ, צעמאָל דאָרט, זיצן אַ שטילער, זיך איינהערן אין די דיסקוסיעס, אין די אַמפּערייען. ס'איז נישט אין זיין טבע זיך אַריינצומישן, ווען ער ווייסט נישט וועגן וואָס די מענטשן אַמפּערן זיך אַזוי. ער האָט נישט געוווּסט וואָס עס מיינט אַזוינס „סאָציאַלע רעוואָלוציע". ער האָט אויך קיין מאָל נישט געהערט וועגן די שרייבער, וואָס וועגן זיי אַמפּערט מען זיך אין די קלובן. ווי האָט ער געהערט פון אַ פּרודאָן, אַ קראָפּאָטקין, אַ באַקונין, אַ קאַרל מאַרקס, אַ באָראָכאָוו?

ער האָט זיך געשעמט, נתן חיים. ווי לאַנג איז דער שיער נישט צו וויסן? ער איז דאָך שוין אַ דערוואַקסענער מענטש! ביי לייטן זין אין אַכצנטן יאָר, זענען שוין אויסגעשטודירטע לייט און ער? ער האָט אַפילו נישט אַריינגע־שמעקט אין קיין שקאָלע! פאַר בר־מצווה איז ער שוין געווען פאַרוואָגלט, גע ונד איינדערפרעמד, געאַרבעט פופצן — זעכצן שעה אין מעת לעת!

— זינדיק נישט נתן חיימל, אַנדערע איז ערגער פון דיר!

ער וואָלט געשוווירן ער הערט עמעצן שושקען אים די ווערטער אין אויער אַריין. שטענדיק אַזוי! ווען נאָר ער הייבט אָן באַקלאָגן די דאָליע זיינע, הייבט דער עמעץ אין אים אָן צו רעדן פונקט דאָס קאַפּויערדיקע, אויפוויזן אים, אַז אַנדערע איז נאָך ערגער ווי אים. אַוודאַי ווייסט ער, אַז דאָס רעדט אַרויס פון אים די מאַמע. „נתן חיימל", — זאָגט זי, — „מ'טאָר נישט זינדיקן. צו שלעכטס איז גאָרנישטאָ קיין שיער"! כאָטש נעם און גיי אַ טענצל אינמיטן גאַס. אַ גליק האָט דאָך אים באַטראָסקעט, ער איז געבוירן געוואָרן מיט הענט און פיס, ער איז נישט בלינד און נישט שטום. כאָטש אַז ער וויל טראַכטן אויף צוריק, איז די מאַמע גאָרנישט אַזוי אויסן וועג. נו, מילא, איז ער נישט געגאַנגען אין די שקאָלעס! אָבער שרייבן האָט ער זיך אויסגעלערנט? אי אַנדערע קענען בעסער שרייבן, האָבן געלייענט מער ביכלעך? איז ווער לאָזט אים דאָס נישט אָניאָגן? די מאַמע איז דאָך

גערעכט: „וויל נאַר, זאָגט זי, וועסטו אויך זיין אַ גאון". דאָס זיין פאַריאָגט דאַרף אים נישט זיין קיין תירוץ. ווו שטייט עס געשריבן אַז ער מוז טאָג און נאַכט ליגן אין פּאַראַיין, זיך דאָרט אַרומפּאָנטלען אין דער טייהאַליע?

ווי אַנדערע בחורים און מיידלעך האָט ער זיך אויך פאַרשריבן אויף אָוונטקורסן. צוויי נעכט אין וואָך — אויף לעקציעס איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע און צוויי נעכט אויף לערנען זיך שרייבן יידיש און פּויליש. דערביי האָט ער אויך צוריק אָנגעהויבן אַרויסצונעמען צום לייענען ביכער, דאָסמאָל פון דער גראָסער ביבליאָטעק.

אַוודאי וואָלט ער חשק געהאַט זיך צו פאַרשרייבן ביי שניאורן אין כאָר, האָט ער אָבער נישט קיין קול צום זינגען, ער האָט גאָר אַ חתוך־הדבור צום רעדן, צום רעציטירן. שידלאָ, דער רעזשיסער פון דער דראַמאַטישער טרופּע, האָט אים גראָד צוגערעדט ער זאָל אַריינטרעטן אין דער טעאַטער־סעקציע. נאָכן הערן אים פאָרלייענען פּרצעס „דער משוגענער בטלן", האָט ער אים געקלאַפּט אין פּלייצע און אים פאַרגעזאָגט, אַז ער וועט ווערן אַ גרויסער אַקטיאָר.

אַן אַקטיאָר? ווער וויל דען זיין אַן אַקטיאָר? ער האָט פיינט נאָכצורעדן, וואָס עמעצער האָט אָנגעשריבן. דאָס איז ווי נאָכשרייבן פון אַ בריוון־שטעלער. אַ רעדנער איז עפּעס אַנדערש! אַ רעדנער זאָגט וואָס ער אַליין טראַכט אויס, אַ שטייגער אויף דעם מאַסנמיטינג אין נאָדלפּאַראַיין. ער האָט דען פריער געוווּסט וואָס ער גייט דאָרט רעדן? און הערן רעדנער האָט אים שמאַרק געצויגן. וואַרשע האָט דאָך דעמאָלט געראַשט און געראָשט מיט מיטינגען און פאַרזאַמלונגען, פלעגט ער, ווי פריער — צו חזנים, איצט לויפן הערן ביי די פאָלקיסטן נח פרילוצקין, ביי די ציוניסטן — דאָקטאָר גאָטליב, ביי די פּועלי ציון — רייכמאַן, קיינער אָבער האָט זיך ביי אים נישט געקענט פאַרגלייכן מיט וולאַדימיר מעדעם.

זינט ער, נתן חיים, האָט געזען מעדעמס פאָרטרעט אין נאָדלפּאַראַיין און דערנאָך געהערט זיין פאָרלעזונג וועגן פּרצעס „דאָס קראַנקע יינגל", גייט אים דער מעדעם נישט מער אַרויס פון זינען. ווי אַזוי האָט דער מענטש זיך אויסגעלערנט אַזוי שיין רעדן און שרייבן יידיש? באַלד נאָך זיין געבוירן ווערן, האָט דאָך אים דער פאָטער, דער מיליטער־דאָקטאָר אין דער צאַרישער אַרמיי, אָפּגעשמדט. שטאָט אין אַ חדר, אין בית המדרש, איז ער דאָך אויפגעוואַקסן אין די רוסישע שקאָלעס, אין דער פּראַוואָ־סלאַווונער צערקווע! וואָסזשע פאַר אַ כוח האָט דאָ גורם געווען, ער זאָל צוריק ווערן אַ ייד? ווען אַזויפיל יידליקעס שעמען זיך מיט זייער יידישקייט, מיט זייער יידיש לשון, אַנטלויפן צו די גויים, איז ער, אַ געשמדטער שויך, אַ רוס, צוריקגעקומען צו די יידן, צו די יידישע אַרבעטער, די אָרעמע, די גערודפטע! ווי אַזוי איז דאָס געשען?

אָט, צוליב דעם וולאַדימיר מעדעם, איז שוין נתן חיים אין אַנדערע קלובן און פּאַראַיינען נישט געגאַנגען. ווי מעדעם — אַזוי האָט אים צום בונדישן קלוב געצויגן אויך בראָניסלאַוו גראָסער. אויך ער איז דאָך געווען אַ צוריקגעקומענער! כאָטש נישט געשמדט, איז ער אינמיטן יידישן וואַרשע, געווען נאָך מער אָפּגעפרעמדט פון יידן ווי מעדעם, נישט געקענט און נישט באַוויזן אַפילו זיך אויסצולערנען קיין יידיש וואָרט. וועלכער כוח האָט אַזעלכע צוויי מענטשן צוריקגעברענגט צו זייער געפּלאָגט און געדרודפט פאָלק?

אין יענעם אָוונט איז נתן חיים געקומען פרי אין קלוב אַריין אַן אויסגעפּוצטער אין שוואַרצן פראַק, אין קאַפּעליוש מיטן ברייטן ראַנד, אין די פּענסנע מיטן נאָכהענגענדיקן שנירעלע. עס איז ווינטער, אינדרויסן פאַלט אַ שניי, דאָ אָבער, אין זאַל, איז וואַרעם, ליכטיק, פול מיטן גערויש און געזשום פון יוגנט, אַלע יום טובדיק אָנגעטאָן, אַלע מיט רויטע שלייפעלעך אויף די בלוזקעס, אויף די לאַצן פון די גאַרניטערס. עס ווערט דאָ היינט געפייערט דער יאָרצייט נאָך בראָניסלאַוו גראָסער, איז די קורטינע פאַר דער בינע פאַרצויגן. דער כאָר זעצט זיך דאָרט אויס אויף שטולן. אויף דער וואַנט, איבער זייערע קעפּ, הענגט די רויטע פאָן פון בונד און העכער אַ ביסעלע, אינדערהעלפט איבער איר — דער פּאָרטרעט פון גראָסערן, דראַפּירט אין שוואַרצן קרעפּ.

אָט רוקט זיך די רויטלעך-פּליושענע קורטינע פאַוואָליע פאַנאַנדער, דאָס געזשום אין זאַל שטילט איין, גייט אויס. אַ יונגע פרוי אין אַ לאַנג, שוואַרץ קלייד, קומט דורך אַ הינטער-טיר אַרויס אויף דער בינע, זעצט זיך ביים קלאַוויר און דער זאַל ווערט פול מיט די קלאַנגען פון שאָפּענס טרויער-מאַרש. נאָך איר באַוויזט זיך דער דיריגענט שניאור אין זיין לאַנגן סורדוט, מיט דעם קאָפּ לאַנגע, שוואַרץ-גלאַנציקע האָר. ער הייבט אויף דאָס דיריגענטן-שטעקעלע, דער כאָר שטעלט זיך אויף און הייבט אָן דאָס טרויעריק, נאָגענדיק געזאַנג:

„ברידער מיר האָבן געשלאָאָסן,
אויף לעבן און טויט אַ פאַרבאַנד,
מיר שטייען אין קאַמף ווי גענאָאָסן,
די פאָאָן די רויטע אין האַנט.‟

אַז שניאור מיט זיין כאָר זענען אַראָפּ, איז מעדעם אַרויפגעקומען אויף דער בינע. אַ בלאָסער, אַ שלאַנקער, גאַרנישט ענלעך צו קיין ייד, איז ער געשטאַנען אַ ווייל שטיל, אַרומגענומען מיטן בליק דעם עולם אין זאַל, געטאָן, ווי זיין טבע, אַ פיר מיט דער האַנטפלאַך איבער די קרענקלעך שיטערע, בלאָנדע האָר פון זיין קאָפּ, נאָכאַמאָל געוואָרפן אַ בליק איבערן

אַקסל צום שוואַרץ־דראַפּירטן פּאָרטרעט: בראָניסלאַוו גראָסער, זיין נאָנטער חבר און פריינט. ערשט מיט וואָסערע פינף, זעקס יאָר צוריק זענען זיי ביידע געווען אין פּעטערבורג, צוויי פירער פון יידישן אַרבעטער־בונד אין פּוילן, ליטע און רוסלאַנד, ביידע האָבן זיך געמיט, געקעמפט פאַר די רעכט פון זייער פאָלק, פאַר די רעכט פון יידישן אַרבעטער, און איצט?

ניין, דאָס איז נישט געווען גלאַט אַ רעדע נאָך אַ געשטאָרבענעם קאַמעראַד. דאָס איז געווען אַ רירנדיקע, אַ וווּנדערלעכע עלעגיע, אויסגעשפּילט אין ווייכע סאַמעט־טענער אויף אַן אומגעזעענעם אינסטרומענט, וואָס נאָר זעלטענע, גרויס־קינסטלער באַזיצן אַזאַ.

אַ לאַנגע ווייל נאָך דער רעדע איז נאָך דער עולם געזעסן שטיל, באַרוישט פון דער מוזיק, באַטריבט פון דעם טרויער, וואָס האָט געשוועבט, געהויערט אין דער לופט.

אַן אַנדערשמאָל, אויף איינעם פון די גראָסער־קלוב אָוונטן, איז ער, נתן חיים, אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ פלירט, וואָס האָט אים שיער געברענגט פון דער וועלט.

עס איז געווען ניי־יאָר נאַכט, אַ סילוועסטעראָוונט אין גראָסער־קלוב! דער זאַל, אַ בלענדנדיקער אין ליכט, האָט געררוישט מיט פרייד און געלעכטער, מיט צעשפּילטער האָפענונג און דערוואַרטונג. ס׳יינגוואַרג, מיט די רויטע שלייפעלעך און נומערלעך צוגעשפּיליעט צו זייערע לאַצן, צו די בליוזקעס און קליידלעך, האָבן זיך געלאָזט וווילגיין איבער גלעזער מלחמה־טיי מיט מיתה־משונה קיכעלעך, איבער פּוטערברויטלעך אָן פּוטער און אָן ברויט.

אויך ער, נתן חיים, ווי ער האָט זיך נישט געקענט פאַרגינען אַזאַ הוליע צו טוען, האָט ער דאָך, אויף אַ ווייל כאָטש, געהאַט פאַרגעסן די גרויע, דריקנדיקע נויט אין שטוב און מיטגעהוליעט און מיטגערוישט לכבוד דעם נייעם יאָר. ער האָט גאָר געהאַט פאַרגעסן, אַז היינט איז אויך אַ קעסטלאָוונט, אַז חברה פאַרקלייבן זיך אין ווינקעלעך און שרייבן בריוועלעך. ערשט שפּעטער, אַז אַ חבר, אין אַנדערן עק זאַל דאָרט, האָט געגומען אויסרופן:

— פינף און זיבעציק, זיבן און אַכציק, הונדערט ניינצן! — האָט ער זיך דערמאָנט און אַ קוק געטאָן ביי זיך אויפן לאַץ: — אוי, דאָס איז ער דאָך, דער הונדערט ניינצן!

נישט בלויז איבערראַשונג, דאָס דערהאַלטענע בריוועלע האָט אין אים אַרויסגערופן געוואַלטיקן נייגיר, שפּאַנונג. קיינמאָל פריער איז ער נישט געווען אויף קיין קעסטלאָוונט, קיינמאָל נישט געפירט קיין פלירט דורך שרייבן בריוועלעך צו עמעצן, וואָס באַהאַלט זיך הינטער אַ נומער, אָן אַ נאָמען, אָן אַן אונטערשריפט.

אין אַ ווינקעלע, קיינער זאָל נישט זען, האָט ער גיך אַרומגעריסן דעם אַרומגעלעכלטן ראַנד פון דעם ראָז־קאָלירטן בייגעלע פּאַפּיר. בלויז צוויי שורהלעך זענען דאָ געווען אָנגעשריבן:

„איך האָב ליב אַ דרייסטן בחור,
ביסטו דרייסט טאָ קום...״

ער ווייסט, נתן חיים, אַז דאָס זענען צוויי שורות פון אַ לידל, וואָס מיידלעך האָבן ליב צו זינגען. אויך חברטעס אין נאָדלפאַראַיין ברומען אָפט דעם פערז. אָבער ווער איז דאָס מיידל, וואָס האָט צו אים די שורות געשריבן? אַ מיידל דאַרף אַליין זיין דרייסט אַזוי צו שרייבן צו אַ בחור. נאָר אפשר האָט דאָס גאָר קיין מיידל נישט געשריבן? אפשר ציט אים װעלכער חבר אָן? ער האָט נאָכאַמאָל זיך איינגעקוקט אין די צוויי שורהלעך. ער קען שווערן, אַז דאָס איז אַ מיידלס האַנטשריפט!

בעת נתן חיים האָט זיך נאָך געבראָכן דעם קאָפּ איבער דעם ערשטן בריוועלע, האָט שוין דער חברביים קעסטל ווידער גערופן זיין נומער, דאָס מאָל אויף פּויליש:

— סטאָ דזשיעוויענטנאַשטשע! (הונדערט ניינצן)

איצט האָט שוין יענער נישט געדאַרפט רופן דעם נומער צוויי מאָל. וואָך שוין צו דעם שפּיל, האָט נתן חיים געטאָן אַ שוועב איבערן זאַל און אַ כאַפּ געטאָן דאָס בריוול פון יענעמס האַנט. מאָדנע, אויך דאָס איז ראָז־קאָליר, וואָס מיידלעך האָבן אַזוי ליב אויף צום שרייבן ליבע־בריוולעך. גיך האָט ער אַרומגעריסן דעם ברעג, געעפנט דאָס בייגעלע פּאַפּיר. דאָ איז שוין נאָר איין שורהלע אויפגעשריבן און גאָר אין פּויליש:

„וויל אפשר דער פּאַן מאַכן אַ ראַנטקע מיט מיר?״

ווי וווּיל דער שכל האָט אים אונטערגעזאָגט אַז עמעץ, אַ לץ, ציט אים דאָ אָן, האָט דאָך זיין האַרץ אין אים גענומען קלאַפּן שטאַרקער און די געשפּאַנטקייט און דער נייגיר זענען אין אים געשטיגן: „אפשר איז עס יאָ אַ מיידל?״ אָבער וואָסער מיידל קען זיין אַזוי דרייסט אַזעלכעס צו שרייבן צו אַ בחור? און אפשר האָט גאָרנישט די זעלבע פּערזאָן געשריבן ביידע בריוולעך?

נתן חיים האָט פאַרגליכן די געשריפטסן. זיי זעען אים דאָך אויס ווי פון איין האַנט געשריבן. און זיי זענען זיכער פון אַ פרויען־האַנט. אַ מאַן האָט נישט אַזאַ דינע, אַזאַ איידעלע האַנטשריפט. נאָר ווען אפילו אַ מיידל? אַ מיידל קען אויך אָנציען, בפרט אַז זי גיט נישט אָן קיין נאָמען. איז ער צוגעגאַנגען צום בופעט, געקויפט אַ ראָז־בייגעלע פּאַפּיר. אויב אָנציען, קען ער אויך די קונץ! אָבער וועמען זאָל ער דאָ אָנציען? אפשר

די חברטע טויבע פון דער נאָדל־פּאַרוואַלטונג? איר וואָלט ער גראָד געדאַרפט מאַכן אַ פּאַנפּע.[1] ווי נאָר די אויסגעטרוקנטע אַסקעטקע האָט אים געזען אַרויפקומען אין פּאַראיין אָנגעטאָן אין פּראַק, אין קאַפּעליוש מיטן ברייטן ראַנד, די פּענסנע מיטן נאָכהענגענדיקן שנירעלע, האָט זי שוין אָנגעהויבן דופּען[2] די פּאַרוואַלטונג זאָל אים אויסשליסן אַלס מיטגליד, מ׳זאָל אים באַזייטיקן אַלס פּאַרוואַלטער איבער דער טייהאַליע. איינער, וואָס קליידט זיך אין אַ פּראַק, זאָגט זי, איז נישט קיין רעוואָלוציאָנער און מ׳קען אים גאָרנישט געטרויען! איז דאָס נתן חיים איצט גרייט געווען זיך אָפּצורעכענען מיט איר, זי אָנציען אַ ביסל. אָבער מיט וואָס זאָל ער זי אָנציען? מאַכן איר קאָמפּלימענטן? דאָס מיינט דאָך אָפּלאַכן, חוזק פון אַ פּאַרזעסן מיידל. מעג ער באַגיין אַזאַ זינד?

ער האָט גענומען אויספּניי זוכן מיטן בליק איבערן זאַל און זיך אָפּגעשטעלט אויף דער קליינער סאַליע. אַ קליידער־שנײַדערקע, דין, מיזערנע, נאָר אַ פּיסקל אויף שרויפן! דערפאַר אָבער זענען אירע האָר פּרעכטיק־שיין, טונקל־בלאָנד, זיידיק־ווייך און לאַנג ביז די היפטן. און זי פּאַראַדירט טאַקע אַרום מיט די האָר. אַט צעלאָזט זי זיי, ווי אַ צעכוואַליעטע פּויערהאַנג איבער איר שמאָל פּלייצקעלע. אַט פּאַרפּלעכט זי זיי אין צוויי צעפּ מיט אַ שאַרפן שרונט פון פּאָרנט און אַט גאָר פּאַרלייגט זי זיי אין אַ הויכן, ווייכן גרעק.

די סאַליע, ווייל ער קען זי נישט פּאַרטראָגן, איז זי אים דווקא אין די אויגן. אַט וואַקסט זי אויס אים גלייכצומאַכן דעם שניפּס. אַט גאָר זאָגט זי אים אַז צו זיין בלייך, פּראָלעטאַריש אויסזען, וואָלט אים בעסער געקליידט אַ רעוואָלוציאָנערע בליוזע מיט א געוויקלט גאַרטעלע און צוויי טראָלדן ביי דער זייט, נישט זיין „אוביאַר פון א פּיליזאָף“.

האָט ער איר דאָס געשיקט אַ בריוועלע און אויף דערויף אָנגעשריבן איין שורהלע נאָר:

„אַ ביסעלע שווייגן וואָלט אייך זייער געפּאַסט“.

ער האָט אַרומגעקלעפּט דעם ראַנד, אָנגעשריבן איר נומער 89 און עס זייטיקלעך, זי זאָל נישט מערקן, אַריינגעוואָרפן אין בריוקעסטל. איצט, אַ צופרידענער, האָט ער זיך צוריק געזעצט צו אַ טישל און געוואָרפן אויגן צו איר, ווי זי נעמט אָפּ דאָס בריוועלע, לייענט עס, קנייטשט דאָס שטערנדל, פירט איר בליק איבערן זאַל, ווי זי וואָלט געזוכט צו טרעפן ווער עס האָט איר געקענט אַזוי שאַרף פּאַרקומען, איר אַזעלכעס זאָגן!

שפּעטער אין אָוונט, דער זאַל האָט זיך שוין אָנגעהויבן אויסליידיקן, איז ער, נתן חיים, אַריין אין קאָרידאָר זיך שטעלן אין ריי פאַר דער

[1] אָפּטאָן אַ שטיקל. [2] באַשטיין דערויף.

גאַרדעראָבע אַרויסצונעמען דעם מאַנטל צו גיין אַהיים, איז אים גראָד אויסגעקומען זיך צו שטעלן הינטער דער קליינער סאַליע. זי האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ, אים געקוקט שאַרף מיט אירע ברוינע ביר־אויגן אין זיינע און, ווי זי וואָלט פון פאַראויסגעוווסט אַז דאָס האָט ער געשריבן, האָט זי שאַרף און מיט ביטערניש אַ זאָג געטאָן:

„דרייסט זיין, מיינט נישט יענעם באַליידיקן".

ווי אומבאַקוועם נתן חיים האָט זיך געפילט פון איר זאָג, איז ער דאָך געווען צופרידן, וואָס ער האָט אַזוי אומגעריכט געטראָפן. אַזוי, דאָס האָט זי אים געשריבן די צוויי בריוועלעך! ווי זי אים, אַזוי האָט ער איר שאַרף געקוקט אין די אויגן אַריין און איר געענטפערט:

„בלייבן פאַראינטריגירט איז אינטערעסאַנטער איידער זיך דערוויסן דעם אמת".

—אַ דאַנק אייך פאַר דעם אמת, — האָט זי סאַרקאַסטיש אים אַ וואָרף געטאָן דעם זאָג און צוריק אויסגעדרייט דאָס קעפּל — אַרויסצונעמען איר מאַנטל.

קאַפּיטל דרייאונדרייסיק

ווי נאָר די פּראַנטן האָבן זיך גענומען אַוועקרוקן פון וואַרשע, האָט אָנגעהויבן שטייגן דער אומרו ביי די היימלאָזע, די צענטליקער טויזנטער אַרויסגעטריבענע פון זייערע שטעט און שטעטלעך, מענטשן וואָס האָבן לאַנגע חדשים זיך געוואַלגערט ווי אָפּגעוואָרפן מיסט אין דער קרוינשטאָט פון פּוילן.

מיט, צי אָן דערלויבענישן פון דער דייטשישער מיליטער־קאָמאַנדע, אַלצאיינס האָבן די היימלאָזע קהילות געשיקט מרגלים, אויסשפּירער צו גיין זיך דערוויסן ווי עס זעען אויס די היימען זייערע, נאָך די מאוימדיקע שלאַכטן. כאָטש די באַריכטן פון די שליחים זענען געווען איובדיקע, אַז די הייזער, די קראָמען, די סקלאַדעס, אַז דאָס גאַנצע ביסל האָב און גוטס איז אַוועק מיטן פייער, געוואָרן חרוב און צעשטערט, האָט עס דאָך נישט אָפּגעהאַלטן די אויסגעמאַרעטע, פאַרהונגערטע מענטשן זיך אויפצוהייבן פון די דילן אין די אָנגעמושבטע חתונה־זאַלן, אין די בתי מדרשים, אין די קאַזאַרמעס און שטאַלן, נעמען ווייב און קינדער, וואָס זענען נאָך געבליבן לעבן נאָך די מגיפות פון טיפוס און דיזענטעריע, אַרויפלייגן אויף די פּלייצעס די פאַרברודיקטע און פאַרלייזיקטע פּעקלעך בעטגעוואַנט און זיך לאָזן אין וועג אַריין, צוריק אַהין, פון וואַנעט דעם קיסרס פּעטער, דער גרויספירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, הויפּט פון דער רוסישער מיליטער־קאָמאַנדע, אין זיין שנאה צום ייד, האָט זיי ערשט מיט חדשים צוריק אַזוי האַרצלאָז, אַזוי אָן רחמנות אַרויסגעטריבן.

ווידער האָבן זיך איבער די וואַרשעווער גאַסן, דורך וואָליע און דורך מאָקאָטאָוו, דורך פּעלצעוויזנע און שמולעוויזנע, געצויגן די לאַנגע רייען יידן, איינגעבויגענע ,מיט די פּעקלעך אויף זייערע פּלייצעס — דאָס מאָל פון וואַרשע צוריק אַהיים, אַהיים צו די שוואַרץ־סטאַרטשענדיקע קוימענס, דער איבערבלייב פון זייערע צעשטערטע און פאַרברענטע הייזער, אַהיים צו דער צעראַבעוועטער קראָם, וואָס מער ווי אַ בערגל אַש און קויל איז פון איר נישט געבליבן.

ווי דער טרויער און באַדויער איבער די געפּלאָגטע און געיאָגטע ברידער איז געווען טיף און ווייטיקדיק, האָבן דאָך וואַרשעווער יידן פרייער אָפּגעאָטעמט, ווען די היימלאָזע האָבן זיך גענומען אַרויסרירן צוריק אין זייערע שטעט און שטעטלעך. עפּעס האָט מען זיך דערפילט

לייכטער און גערוימער, אַ געפיל ווי נאָך אַ גרויס געוויטער, וואָס נאָך לאַנגע חדשים האַלטן די שטאָט אין קלעם, האָבן די וואַסערן פּלוצים אָנגעהויבן אַפּפּאַלן, אַפּעררינען פון אונטער די פיס, צוריק אין זייערע ברעגעס אַריין.

נישט נאָר זענען צוריק לײדיק געוואָרן די חתונה־זאַלן און דאַוון־שטיבלעך, אויך דירות, וואָס אַ סך פון די פּליטים האָבן אין זיי געוווינט, זענען געוואָרן פריי, אָפּגעליידיקט און יענע פון די היימלאָזע וואָס האָבן שוין צוריק אין זייערע פאַרברענטע שטעטלעך זיך נישט אומגעקערט, האָבן איצט געקענט אַרויס פון די צונויפגעדרענגטע ענגשאַפטן און זיך אַריינציען אין מענטשלעכע וווינונגען.

אויך חנה לאה איז געוואָרן אומרואיק, נישט צו לויפן צוריק קיין מאַדזשיץ אין איר חרובער היים, נאָר זיך אַרויסצורייסן פון דער ענגשאַפט אין דעם איינציקן שטיבל. ווי אַ פייגעלע אין אַ שטייגל, ווען עס דערפילט אַ שטיקעלע עפענונג, אַזוי האָט זי זיך געצאַפּלט און געריסן אַרויס, אַרויס פון דעם לאָך, ווו זיבן נפשות שטיקן זיך לייב צו לייב, אָטעם אויף אָטעם. ווי אַמאָל אין מאַדזשיץ, ביים אויפשטיין פון דער שבעה נאָך זייער יונג טעכטערל, ווען זי האָט גענומען אַריינרעדן אין ירמיע דודן, זיי זאָלן משנה מקום זיין, ווייל דער טויט פון דעם מיידל איז זיי אַ באַצאָלונג פאַר ז׳ער זינד פון וווינען אין איין שטוב מיט דערוואַקסענע קינדער, אַזוי האָט זי איצט, אַליין אַ בלאַסע, אַן אויסגעמאָרדעוועטע נאָך דער נישט לאַנג צוריק אויפגעשטאַנענער שלאַפקייט, גענומען אַריינרעדן אין נתן חיימען, ער זאָל שוין נעמען זוכן אַ דירה, זאָל זיין כאָטש איין שטוב מיט אַ קיך, אַבי די צוויי בעטן פון פאַרפאַלק זאָלן נישט מוזן שטיין אין דעם זעלבן צימער, ווו די קינדער שלאָפן...

און אויך דאָ, ווי דעמאָלט אין מאַדזשיץ, איז די סיבה פון וועלן זיך איבערציען געווען ביי איר די זעלבע. נאָר שאַרפער, ברענענדיקער. זינט ירמיע דוד איז געקומען פון באַברעניק, פילט זי ווי דאָס גהינום ברענט אַרום איר. כאָטש ער איז שלאַף, קען קוים שלעפּן די פיס, איז אָבער דער מאַנצפּאַרשוין אין אים נישט אָפּגעשוואַכט. פאַרקערט, דער יצר הרע איז נאָך ביי אים שטאַרקער געוואָרן. איין גאָט ווייסט, אַז זי וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט צו זיין אים אַ ווייב, כאָטש עס איבלט זי אין דעם מעמד זיינעם, צו לאָזן אים זיך צורירן צו איר. איז דאָך אָבער דאָס נישט מעגלעך! צוויי בחורים און דריי מיידלעך, איינע שוין אַ כלה־מיידל, שלאָפן דאָך דערנעבן! און ער ברענט אַזוי, אַז זי האָט מורא פאַרבייצוגיין זיין בעטל, אָדער פאַרביי זיין שטול ווו ער זיצט. אויב זי פאַרגעסט און גייט אים אַמאָל פאַרביי, ווען קיין קינד איז גראָד אין שטוב נישטאָ, טוט ער זי אַ כאַפּ אין זיינע אָרעמס אַז אַ פחד־שוידער באַגיסט זי,

נישט אַזוי צוליבן נישט קענען זיך אָפּרייסן פון אים ווי פאַר דער שרעק, טאָמער קומט וועלכעס קינד אָן...

אַוודאי ווייסט זי, אַז דאָס איז נישט זיין שולד, אַז זי קען אים גאָרנישט פאַרדענקען. שוין באַלד צוויי יאָר אַז פאַרפעלקער לעבן נישט ווי מאַן און ווייב אין אַ מענטשלעכער שטוב, נאָר קומען זיך צונויף אין אַ שטאַל, אויף אַ בוידעם, אַפילו אין די אויגן פון דערוואַקסענע קינדער, אָדער שכנים, וואָס שלאָפן דערנעבן אַ שעניק לעבן אַ שעניק! איז אַ וואונדער אַז אַ מאַן ווערט געטריבן צו אַזעלכעס? ווער ווייסט דען נישט אַז דער הונגער נאָך אַ ווייב קען מאַנצלייט טרייבן צו ווער ווייסט וואָס!

האָט זי זיך דאָס געבעטן ביים זון:

— נתן חיים, ווי גאָט איז דיע׳ ליב, לאָמע׳ אַראָאָס פין דאַנעט!

— אָבע׳ מאַמע, — ווי וועט מ׳נעמע׳ אָף דירה־געלט? יעך אַרבעט דעך ניש׳, אין אברם יאַנקלס פאַ׳דינסט קלעקט דעך קאָאָם אָף קאַ׳טאָפּליעס פאַ׳ די קינדע׳!

— גאָט ׳עט העלפן, נתן חיים — עסט זעיען, זאַאָן ליבע׳ גומע׳ ׳עט אינדז ניש׳ פאַ׳לאָזן!

האָט דאָס נתן חיים, אין סאַמע פאַר פסח, געדונגען אויף מוראַנאָוו אַ דירה פון צוויי שטובן מיט אַ קיך. אמת, ער האָט זיך נישט פאַרלאָזט בלויז אויף גאָט, נאָר גענומען אין שותפות אַריין דעם עלטערן ברודער, לייבל משהען. אויך ער וואַלגערט זיך דאָך מיט זעלדען אין אַן אַלקער ביי יענעם.

חנה לאהען איז געוואָרן ליכטיק אין די אויגן ביים דערזען די וווינונג. דער זון מיט דער שנור וועלן האָבן די לעצטע שטוב, אַ סאַליע אַ גאַנצע מיט אַ באַזונדערער טיר אַרויס אויפן הויף און זי מיט איר הויז־געזינד וועלן זיך אַריינצייען אין דער מיטלסטער שטוב מיט דער קיך. גאָר אַ גרויסע פרייד איז פאַר איר געווען דאָס האָבן אַ וואַסער־קלאָזעט אין קאָרידאָרל פון דער אייגענער וווינונג! יערמע דוד וועט מער נישט דאַרפן קריכן צוויי שטאָק שטיגן צו דעם בית הכסא אויפן הויף. ער וועט אויך קענען זיצן אַ ביסל דרויסן, פאַר דער טיר, ווען די זון שיינט. ווען גאָט זאָל איר נאָך העלפן, צו די געקראָגענע צוויי פונטעלעך מצה, די רבנים אין וואַרשע זאָלן נאָכטוען די רבנים פון ווילנע, פון בריסק און אויך מתיר מאכן אַרבעס (בעבלעך) אויף פסח, וואָס וועט איר שוין פעלן? ווער וועט זיך דעם יום־טוב קענען גלייכן צו איר?

נאָכן האָבן איינגעשטעלט דאָס ביסל ראַכאַמאַשטשעס, דאָס וואַרשעווער מעבל אירס, איז זי אַרויס פאַרן טויער זיך אַרומקוקן ווו זי געפינט זיך דאָ, ווו זי וועט דאָ קענען קריגן אויף אירע באַנעס דאָס ליימיק־נאַסע ברייטל, וואָס לעצטנס שטינקט עס פון נאַפט צוליבן צוגעמישטן מעל פון

די זאַפּאַסן, וואָס פּאַניע האָט פאַרן אָפּטרעטן באַגאָסן און עס פאַרגעסן אונטערצוציינדן. אַ ביסל קען זי שוין דעם מוראַנאָוו. אויף איר וועג צו דער וואָלאָווקע, פלעגט זי דורכגיין דעם פירעקיקן פּלאַץ, אָבער ערשט איצט זעט זי ווי גרויס דער מוראַנאָוו איז, גאַנץ מאָדזשיק וואָלט זיך אין אים געקענט „פּאָמיעשטשען"![1] מ'דאַרף נאָר זיין אַ בריה, כסדר האַלטן די אויגן אין די הענט, ווען מ'גייט דעם פּלאַץ אַריבער. דער טראַמוויי, ביי זיין אויסדרייען זיך, קומט צו אַזוי האַרט צום טראָטואַר, אַז זאָל ווער, חלילה, פאַרגעסן און שטעלן אַ קרומען טריט, ווערט מען איבערגעפאָרן איינס און צוויי!

אַ נייגעריקע איז זי געקראָכן אַרום דעם פּלאַץ, אַריבער דאָס טראַמווייגעסל, אַריין אין דער ברייטער מילע. עפּעס האָט זיך דאָ, פאַרן געוועלב פון בירגער־קאָמיטעט, געצויגן אַ לאַנגע ריי. ווי מ'האָט געשמועסט, דאַרף מ'דאָ באַלד טיילן פיש. כאָטש זי האָט געשמעקט, געשניפּט די לופט אַרום דעם געוועלב און נישט געפילט קיין ריח פון פיש, האָט זי דאָך גענומען גיך איילן צוריק אין שטוב אַריין אַהער צו שיקן אסתר פּערעלען, זי זאָל זיך שטעלן אין דער ריי. און נאָך איידער וואָס און ווען, איז זי שוין אַריינגעקומען אין הויז אַ צעשטראַלטע און געטאָן אַ פּאַטש מיט די הענט:

— געלויבט אי'גאָט! מ'עמע' הובן פיש אָף פּסח!

לויט חנה לאהעס פריידיקן אַריינקום האָט מ'געקענט מיינען, אַז ס'איז אויס מלחמה, דער מוראַנאָוו, יאַנושעס הויף, דער סמאָטשע־באַזאַר, די האַליעס, אומעטום איז ווידער פול מיט די ראָסטאָווער ליעשטשעס און סענדאַקן, מיט די זיסע העכט און שלייען פון דער ווייסל, מיט די לעבעדיקע קאַרפּן פון די אַרומיקע יעזשערעס און סטאַוון, בעת אינדעראמתן איז דאָס געווען אַ טראַנספּאָרט געטרוקנטע פיש, וואָס אַמעריקע האָט געשיקט פאַר די מלחמה־געליטענע אין פּוילן.

ס'רעדט זיך נאָר אַזוי — פיש. אַמאָל זענען דאָס טאַקע געווען פיש, וואָס זענען אַרומגעשוווּמען אין אַמעריקאַנער ים. איצט אָבער זענען געלעגן אין קאַסטנס, לאַנגע און שמאָלע ברעטלעך מיט גלאָזיק־האַרטע ווײַדלען און פּלאַטשיק צוגעקוועטשטע קעפּ, וואָס אויף איין זייט זענען די ברעטלעך געווען גרוילעך בלוי און אויף דער צווייטער זייט — זאַמדיק־ברוין. אַז מ'האָט אַזאַ ברעטל געלאָזט ווייקן וועלכע אכט, צען טעג אין אַ באַליע מיט וואַסער, האָבן זיי אָנגעהויבן אויפגיין, געוואָרן ווייכלעך, צו קענען זיי שניידן און קאָכן, כאָטש געקאָכטערהייט האָט זיך נאָך אַלץ דאָס פליש פון זיי געקרישלט און אַ טעם האָט עס געהאַט ווי מ'וואָלט געגעסן דורכגעווייקט און געזאַלצן זעגעכץ פון האָלץ, וואָס איז אַמאָל

[1] געפינען.

געלעגן לעבן פיש. נאָר געלויבט איז גאָט דערפֿאַר, אַבי ס׳עט זיין פֿיש אויף פּסח.

— ס׳אי דען כשרע פֿיש? — האָט ירמע דוד זי געפֿרעגט.

ער איז געזעסןביים פֿענצטער, אָנגעשפּאַרט אויפֿן שטעקעלע אַזוי נידעריק אַז זיין רויט־גאָלדיקע באָרד, גרוילעך שוין ווי זשאַווער, האָט אים פֿאַרדעקט די הענט, דאָס רונדיק־געבויגן הענטל פֿון שטעקן. אַלע טאָג אַזוי, סיי דאָרט, אויף דער גענשע גאַס, סיי דאָ, אויפֿן מוראַנאַוו, זיצט ער ביים פֿענצטער, ווארעמט זיך אין קאַרגן ביסל זונשיין, וואָס שלייכט זיך אַריבער דער אנטקעגנדיקער, פֿיר־שטאָקיקער אַפּיצינע און פֿאַלט אַריין אַזוי קרימלעך אַהער אין דעם פֿאַרטער. ער קוקט אַרויס צו דעם הויף — אַ שוואַרץ־אַספֿאַלטירטער קאַסטן. קינדער שפּילן זיך, לויפֿן, שפּרינגען, אַקוראַט ווי זיין דמיון לויפֿט און שפּרינגט פֿון איין רעיון צום אַנדערן. צו וואָס איז ער דאָ געקומען קיין וואַרשע? געמיינט, ר׳עט אַרויסגיין אויף דער וואָלאָוקע, האַנדלען ווי אין מאַדזשיץ, פֿאַרדינען אויפֿן שטיקל ברויט און קריק זיין אַ מענטש מיט מענטשן צוגלייך. זענען אַריבער די יום טובים, ס׳איז אַוועק דער ווינטער, אָט גייט פּסח און ער קען זיך נאָך אַלץ נישט שטעלן אויף די פֿיס, שלעפּט זיך עטלעכע טריט אַן אָנגע־שפּאַרטער אויפֿן שטעקן און באַלד זעצט ער זיך קריק גאַפֿיען דורכן פֿענצטער, זוכן דעם נעכטיקן טאָג. וואָס וועט זיין? וואָס וועט פֿון דעם זיצן ווערן?

— כשר, — האָט חנה לאה ווי אים נאָכגעשפּעט. — אַז אַמעריקע שיקט, איז כשר!

— ׳אָסט געזעיען אָף די פֿיש שיפּן, פֿליספּעידערן?

אים, ירמע דודן, איז נעבעך ביטער אין דעם וואַרשע. ווער ווייסט צי מ׳פּאַקט אים דאָ נישט אָן מיט קיין טריפֿות! זי, חנה לאהעלע, איז דאָ עפּעס געוואָרן אַ לאַווקע פֿאַרשווינטע. אויף אַלץ געפֿינט זי אַ היתר. די פֿיש? אַז אַמעריקע שיקט איז כשר! די טעפּ יושקע, וואָס די קינדער ברענגען פֿון די קיכן? אַז יידישע קינדער קאָכן, וועט עס זיין טריף? כאָטש, אומשטיינסגעזאָגט, וואָס דאָ קען זיין טריף! אַ ביסל ברודיקע פֿאַליעווקע, וואָס אַמאָל שווימט אין דעם אַרום אַ שטיקל געפּרוירענע קאַרטאָפֿל, אַמאָל — אַ צווײ דריי לינדזן און „קעיש ניע קעיש״,[2] עטלעכע פּערלגרויפּן, נאָך פֿון פּעסטונג־זאַפּאַס, פֿאַרשטינקענע פֿון נאַפֿט, מיט וואָס פֿאַניע האָט זיי פֿאַרן אָפּטרעטן באַגאָסן, גרייט צום אונטערצינדן און פֿאַרגעסן דאָס צו טאָן. כאָטש אַז מ׳וויל קריקשמועסן, קען אַפֿילו די יושקע אויך זיין טריף, ערשטנס — די קעסלען, זענען זיי נישט אַמאָל פֿון אַ קאַזאַרמע, אָנגעקאָכטע מיט טריפֿה־פֿלייש, מיט חזיר־גריוון? צווייטנס,

[2] פֿון מאָל צו מאָל.

ס׳איז דען אין דער קיך דאָ אַ משגיח, ער זאָל אַכטונג טוען אויף די מיידן און יינגען, וואָס פּאָרען זיך אַרום די קעסלען, זיי זאָלן נישט שמעלצן דאָס געקעכץ מיט חזיר־פּעטס? וואָסי, אַזעלכע כשר־אָפּגעהיטענע לייט זענען זיי? אמת, ער געטרויט נתן חיימען. וואָס דאָס יינגל זאָל נישט זיין, אָפּנאַרן דעם טאַטן וועט ער נישט! אַז נתן חיימל זאָגט אים: טאַטע, מעגסט עסן, פּרעגט ער נישט מער קיין קשיות און זופּט אויס דאָס שיסעלע פּאָליעווקע.

ער האָט געלאַכט אין דער באָרד אַריין, יערמע דוד, געלאַכט מיט גאַל, מיט חוזק אויף דער מערכה זיינער. ער פרעגט נאָך קשיות? ווי קען ער זיך דאָס גאָר אונטערשטעלן? אין דער היים נאָך, ווען ער איז אַרומגעגאַנגען, געווען נאָך באַלעבאָס איבער זיין הויזגעזינד, האָט ער שוין געהאַט אַ קנאַפּע דעה אין שטוב, מכל שכן היינט און נאָך דערצו אין וואַרשע! איינמאָל נאַר, באַלד נאָך זיין אַהערקומען, האָט ער זיך געהאַט פאַרגעסן און געפרעגט אַ קשיא. וועלכער טאַטע וואָלט זיך דען איינגע־האַלטן פון פרעגן, ווען ער זעט ווי זיינע זין מאַכן אים אַזוי צורעכט אַ דאַוונען! מעסטן אָן די תפילינדלעך, מערמליען אָפּ אין דער שטיל אַ מינוט צוויי און שוין, מ׳טוט שוין אויס די תפילין! — האָט ער זיך נישט איינגעהאַלטן און זיך אַריינגעמישט מיט אַ וואָרט:

— איידער אַזאַ דאַוונען, איז שוין גלאַאַכע׳ ווען מ׳דאַוונט גו׳ניש׳!

נו, נו, מער האָט ער שוין נישט געדאַרפט. נתן חיימל האָט זיך געטאָן אַ וואָרף אויף אים:

— אַז עס געפעלט דיע׳ ניש׳ מאַאַן דאַוונע, ׳על יעך מעיע ניש׳ דאַוונע׳ און געטאָן אַ קנאַק מיט דער טיר הינטער זיך.

הנה לאהלע איז גראָד געווען דערבײַ. וואָס אַן אמת, אָנגערופן האָט זי זיך נישט. ערשט ווען דער זון איז אַוועק אין פאַראיין, דער נייער אָפּלאָג זיינער, האָט זי זיך צו אים געוואָשן:

— ני, איצט ביזטי שוין ציפרידן? אַז די יינגלעך ׳עלן מעיע׳ ניש׳ אָנטיע׳ די תפילין ׳עט זאַאַן בעסע׳?

— ׳עלן זיי כאָטש קיינעם ניש׳ געניאַרן!

— אין יעך מיין, אַז אַפילו איין ברכה מאַכן איז אַלץ בעסע׳ ווי גו׳ ניש׳ דאַוונע׳.

— באַ דיע׳ איז דוס בעסע׳, ניש׳ באַ מיע׳!

— געדענק יערמע דוד, ׳עסט נאָך פאַ׳טראַאַבן די קינדע׳ פין שטיב,

— האָט זי אים געוואָרנט מיט איר דראָענדיק פויסטל, אָן איינגעדאַרטס, מיט בלוי אָנגעדראָלענע אָדערן אונטער דער אויסגעטרונקטער הויט.

אַפילו דער איבעררייד מיט איר קומט אים איצט פאַר אַזוי לאַנג, לאַנג צוריק. זינט נתן חיימל איז געוואָרן אַן איינגייער אין דעם פאַראיין, בפרט נאָך, אַז ער האָט געהאַלטן אַ דרשה פאַר אַזאַ עולם אין דער סאַמע

גמינע, שטעלט ער זיך שוין גאָרנישט אונטער צו זאָגן דעם יינג אַ וואָרט. כאָטש וואָס אמת איז אמת, נתן חיים נעמט זיך גאָר מיט דעם נישט איבער, האלט זיך נישט אין גרויסן. ער האָט אַפילו נישט געדאַכט וועגן דעם. דאָס האָבן פרעמדע לייט אונטערגעטראָגן חנה לאהעלען די פּאָטשט. דאַכט זיך אַ כרך דאָס וואַרשע, פונדעסטוועגן, ווי נאָר ערגעץ אַ געוועז, ווייסט מען גליך אומעטום! „ניע האָצאָ, ניע פּלאָצאָ״[3] איז חנה לאהעלע איינמאָל געקומען אָנצולויפן אין שטוב אַריין אָן אַן אָטעם:

— ׳אָסט כאָטש געהע׳יעט, יערמע דוד?

— ווּוס ׳אָב יעך געזאָלט העירן? — האָט ער זי רואיק צוריק־געפרעגט.

— גאַנץ וואַרשע קלינגט דעך מיט נתן חיימע׳!

— ווּוס ׳אָט עיער אזוינס געטיע׳?

— ווּוס עיער ׳אָט געטיען? עיער ׳אָט דעך געהאַלטן אַ ריידע אפשר פאַ׳ דראַאַ טאָאָזנט אירע!

— אַ ווּוס ׳אָט עיע געהאַלטן?

— אַ ריידע, אַ דרשה!

— ני, פריי דעך, עיער איז דער דאַאַן זין. די ׳אָסט אַ מאָאָל אָף שראָאָפן אין עיער ׳אָט אַ מאָאָל אָף שראָאָפן!

— אין דיע׳ טיט דוס גו׳ניש׳ קאַן הנאה? ביזט דעך אַ טאַטע!

— אָט גיי יעך שוין אַ טענצל!

ער האָט אָפּגעקערט פון איר דעם קאָפּ. אַוודאי וואָלט עס אים געדאַרפט הנאה טוען. ווען אָבער וואָלט דאָס געדעדט געוואָרן? ווען ער וואָלט טאַקע געווען אַ טאַטע, געהאַט אַ דעה. אַזוי אָבער, ווי קען ער זיך פרייען מיט נתן היימלס עולה לגדולה[4] ווערן, ווען זיין מערכה פאַלט אַלץ טיפער, וואָס מער דער יינג ווערט אַן אויפטוער! צוליבן זון קען ער דאָך צו דער מאַמעס קאָפּ נישט גרייכן. ער איז טאַקע אויס פּרנסה־געבער, אָבער אַ לעבעדיקער מענטש איז ער דאָך נאָך! זינט ער איז געקומען קיין וואַרשע האָט זי איין אויסרייד: ווי קען ער גאָר טראַכטן פון מאַן און ווייב לעבן, אַז די קינדער שלאָפן אין דעם זעלבן שטיבל. איז אָט האָט זי שוין אַ נייע דירה, האָט זי ווידער פאַררוקט זיין בעטל, דאָס מאָל אין קיך אַריין און אַליין שלאָפט זי אין שטוב און ווידער מיט די צוויי קלענערע מיידלעך ביינאַנד. אַן אומגליק אויף זיין קאָפּ, שטענדיק מיט די צוויי שומרים אין בעט!

[3] אומגעריכט. [4] אויפשטייגן.

קאַפּיטל פֿיראונדרייסיק

פֿאַר פּסח, ווען יידן, ווי קריסטן, האָבן זיך געגרייט צום גרויסן יום־טוב, איז אויף די ראָגעס פֿון וואַרשעווער הייזער, אויף די צייטונגס־קיאָסקן, אויף סלופּעס פֿון די לאַמטערן, אַרויסגעהאָנגען געוואָרן אַ באַפֿעל פֿון דער דייטשישער מיליטער־קאָמאַנדע, די באַפֿעלקערונג זאָל אין לויף פֿון אַכטאונפֿערציק שעה ברענגען אין די אָנגעוויזענע שטעלן דאָס גאַנצע קופּער, מעש און בראָנז פֿון זייערע הייזער, די קליאַמקעס פֿון זייערע טירן, די לייכטער פֿון די טישן, די קופּערנע טעפּ און פֿאַנען פֿון זייערע קיכן, די קאַנדעליאַברעס, הענגלייכטער און זשיראַנדאָליען פֿון די סאַליעס און עפּנטלעכע זאַלן, פֿון שולן און קירכעס. די, וואָס וועלן נישט אויספֿאָלגן דעם באַפֿעל, וועט זייער אייגנטום קאָנפֿיסקירט ווערן און די הויפּטן פֿון די משפּחות וועלן פֿאַרשיקט ווערן אויף צוואַנגס־אַרבעט אין דייטשלאַנד.

מיטאַיינמאָל איז אין טויזנטער שטובן דער פֿאַר־פּסח פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיטן תשעה באָב. חנה לאהען זענען די הענט און פֿיס ווי אונטערגעהאַקט געוואָרן. זי איז געזעסן אויף אַ טאַבורעט, קעגנאיבער יערמע דודן, זיך געבראָכן די הענט, געוויגט זיך ווי דער אומרו פֿון אַ זייגער:

— ני, ווס טיט מ׳איצט?

אויף איר נע ונד, זינט דעם אַרויסגעטריבן ווערן פֿון מאַדזשיץ, האָט זי צעזייט און צעשפּרייט איר ביסל האָב און גוטס, אומעטום געלאָזן נאָך זיך שטובזאַכן, טעפּ און געשיר, די בעטן און די שענק, אָבער די בענטש־לייכטער, ווי דאָס קישן פֿון אונטערן קאָפּ, האָט זי גענומען מיט זיך, זיי געהיט ווי די אַפּלען פֿון אירע אויגן.

ניין מעשענע לייכטער האָט זי, פֿיר גרויסע, דריי קלענערע און צוויי העסעס, אויפֿצוהענגען זיי אויף אַ וואַנט, איבערן איינגאַנג פֿון אַ טיר. נישט אויף איינמאָל האָט זי זיך איינגעשאַפֿן די בענטשלייכטער. די ערשטע צוויי האָט זי געקראָגן צו איר חתונה, דרשה־געשאַנק פֿון שווער און שוויגער, אַ ליכטיק גן עדן זאָלן זיי דאָרט האָבן. די אַנדערע זיבן האָט זי זיך איינגעקויפֿט איינציקווייז, אַ לייכטער צום געבוירן פֿון יעדן קינד, זי זאָל קענען בענטשן אַ ליכט פֿאַר יעדן נפש אין דער משפּחה. אַפֿילו אַ

ליכט אין לייכטער, וואָס איז איר געבליבן נאָכן געשטאָרבענעם טעכטערל, צינדט זי אויך נאָך אָן.

אינגאַנצן מיטן וואָגל, ווי נאָר זיין ליבער נאָמען העלפט איר זיך דערשלעפּן מיטן הויזגעזינד אין אַ שטוב אַריין, הענגט זי גלייך אויף די צוויי העסעס אויף אַ וואַנט און פּרייטיק, צו קבלת שבת, צי ס'איז יאָ דאָ חלה און ווייַן אויף קידוש, צי דאָס איז נישטאָ און מ'מוז מאַכן קידוש איבער אַ שטיקל שוואַרץ ברויט, אָבער ביין ליכט, גרעסערע צי קלענערע, צינדט זי שטענדיק אָן אין די לייכטער, דער הייליקער שבת זאָל נישט פאַרשוועכט און נישט פאַרשעמט ווערן, ווילן איצט די דייטשן צונעמען ביי איר די לייכטער און איבערשמעלצן זיי אויף פּאַטראָנעס צו קענען שיסן נאָך מער מענטשן!

— וואָס זוגסטי צי דעים? יערמע דוד!

ער איז געזעסן, ווי תמיד לעצטנס, אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקעלע, געקוקט אויף די לייכטער, אָפּגעפּוצטע שוין אויפן שענקל לכבוד פּסח, איבערגעדעקטע מיט אַ ווייס ציכל, קיין שטויבעלע חמץ זאָל אויף זיי נישט פאַלן. וואָס קען ער איר זאָגן? ווי ער פון זיין טלית און תפילין, אַזוי שיידט זיך חנה לאה נישט פון אירע בענטשלייכטער:

— יעך ווייס? — האָט ער אַ פאַרטרויערטער געהויבן די אַקסלען.
— פרעיג די קינדע'.

ער האָט געזאָגט „די קינדער", כאָטש געמיינט האָט ער נתן חיימען. זי פאַרשטייט אים, חנה לאה. ער וויל נעבעך אַלץ נישט דערמאָנען דעם יינגלס נאָמען, עס זאָל נישט הייסן, אַז אויך ער זעט שוין איין, אַז נתן חיים איז דער קאָפּ פון דער משפחה.

אַז דער טאַטע האָט געזאָגט: „פרעגן די קינדע'" האָבן די קינדער זיך גלייך אַריינגעמישט. די קלענערע צוויי מיידעלעך האָבן זיך צעוויינט: „געכטן האָבן זיי אָפּגעפּוצט די לייכטער לכבוד יום טוב"! די גרעסערע, אסתר פערעלע, האָט שוין פאַרשטאַנען אַז וויינען אַליין איז נישט גענוג, האָט זי גיך גענומען באַהאַלטן די לייכטער אין די שטרוי־שעניקעס פון די בעטן:

— אַ קרענק וועט זי זיי געבן, נישט קיין לייכטער!

זינט די דייטשן זענען אַריין קיין פּוילן איז נישט אַוועק קיין וואָך, עס זאָלן זיך נישט ווייזן אַזעלכע מעלדונגען און באַפעלן. צום ערשט איז געווען אַ באַפעל צו פאַבריקאַנטן, זיי זאָלן מעלדן וואָסערע מאַשינען עס ווערן באַטריבן אין זייערע פאַבריקן, ווי אַזוי זיי ווערן באַטריבן, אויף פאַרע צי עלעקטריציטעט און באַלד טאַקע, ווי נאָר דער טערמין פון מעלדן איז אַריבער, האָבן זיך שוין אין די פאַבריקן אַריינגעשטעלט מונדירטע אינזשיניערן און טעכניקער, וואָס מיט דער הילף פון זעלנער

האָבן זיי צעשרויפט און צענומען די מאַשינען אויף באַזונדערע טיילן, געפּאַקט זיי אין קאַסטנס און טראַנספּאָרטירט אין „פאַטערלאַנד". קיין איינציק רעדל, קיין וואַלץ און קיין שטיקל טראַנסמיסיע האָבן זיי אין די פאַבריקן נישט איבערגעלאָזט.

אַז די פאַבריקן זענען געוועזן אויסגעליידיקט, האָבן זייערע סעקוועס־טאָרן אָנגעהויבן פאַרשרייבן און נעמען אונטער קאָנטראָל פּריצישע גיטער, דערפער, פּויערישע באַלעבאַטישקייטן. יעדער זעקל מעל, יעדערס קערצל קאַרטאָפל, אַלע תבואות, דאָס גאַנצע גרינס, די קי און די עופות. די אייער און דאָס מילכיקס, אַלץ איז איצט געווען אין זייערע הענט. קיין פּויער האָט שוין מער נישט געטאָרט פירן אין שטאָט אַריין אַ פונט שפייז. קיין בהמה, קיין חזיר האָט שוין נישט געטאָרט געשלאָכטעט ווערן אָן אַ דערלויבעניש פון דער „קייזערלעך דויטשער מיליטער־קאָמאַנדע". זיי און נאָר זיי האָבן איצט צוגעטיילט דער באַפעלקערונג אַזויפיל גראַם פון דעם נאַסן ברויט, אַזויפיל גראַם קאַרטאָפל, פון די געפרוירענע און האַלב־פאַרפוילטע. די גומע און געזונטע האָבן זיי געלאַדעוועט אין וואַגאָנעס און, צוזאַמען מיט די תבואות, מיט דעם פּי אַזן מילכיקס, דאָס אָפּגעשיקט קיין דייטשלאַנד. און ווי די מאַשינען פון די פאַבריקן, דאָס ברויט פון דאָרף, אַזוי זענען אויך די אויסגעקאָפּעטע קוילן פון די שאַכטן אין פּוילישן דאָמבראָווע, געלאַדעוועט געוואָרן אין וואַגאָנען און טראַנספּאָרטירט געוואָרן אין דייטשן רייך!

ערשט נאָך די אַלע קאָנפיסקירונגען און רעקוויזיציעס, ווען דער הונגער און די קעלט, דער טיפוס און די דיזינטעריע האָבן געקאָסעט די באַפעלקערונג, ווען אויף די וואַרשעווער גאַסן האָבן זיך געוואַלגערט מענטשן, געשוואָלענע פון אונטערדערנערונג, ווען פאַרצווייפלטע משפחות האָבן אין דער פינצטער פון דער נאַכט אונטערגעוואָרפן זייערע פון הונגער געשטאָרבענע קינדער, אויך דערוואַקסענע, זיי געלאָזט ליגן אויף דער גאַס נאַקעט, בלויז מיט אַ שטיקל בלאַטצייטונג צוגעדעקט כדי איינצושפּאָרן זיך, נישט נאָר דעם געשטאָרבענעמס ברויטקאַרטע, נאָר אויך דאָס מינדסטע שטיקל שמאַטע פון זיין לייב, דעמאָלט ערשט האָבן די דייטשן אַרויסגעהאָנגען מעלדונגען צו דער מענער־באַפעלקערונג, פון זיבעצן ביז פינף און פערציק, צו קומען זיך פאַרשרייבן אויף אַרבעט אין דייטשלאַנד. כדי אַריינצולאָקן וואָס מער אַרבעטסהענט, האָבן זיי אין די מעלדונגען צוגעזאָגט הויכע לוינען און אַ סך צו עסן, אויך באַקוועמע וווינונגען אין פּריוואַטע, דייטשישע הייזער, אַן אָנצוהערעניש אויף די צענטליקער טויזנטער יונגע ווייבער און טעכטער, וואָס זייערע מענער און טאַטעס זענען אַוועק אין קריג און זיי, די פאַרשריבענע, וועלן זיך קענען אַריינציען וווינען ביי זיי, די „קריג־וויטוועס"...

אַט די בסדרדיקע רעקוויזיציעס און קאָנפיסקאַציעס און איצט, נאָך דעם ווי די רוסן האָבן פאַרנומען אַזויפיל מענער אויף די שלאַכטפעלדער, שטעלן נאָך די אָקופּאַנטן אָן פאַסטקעס צו פאַרנאַרן און פאַרשלעפּן קיין דייטשלאַנד די אונטערגעוואַקסענע יינגלעך, דאָס ביסל געבליבענע פון די עלטערע מאַנצבילן, זיי זאָלן שקלאַפן אין די דייטשישע קוילן־ און אייזנגריבער, אַט דאָס אַלץ האָט געצינדן אין דער באַפעלקערונג אַ כסדרדיקן האַס צום אָקופּאַנט, אַ האַס און אַ ביטערניש, וואָס האָט געזאָטן און געסיקעט.

אויבן אויף האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז די דייטשן, די אייראָפּייער, זענען נישט ווי דאָס צאַרישע רוסלאַנד. אַ סימן: — אַט פונקציאָנירן אין דעם אָקופּירטן פוילן אַלערליי פאַראיינען, קיכן, קלובן און פּאָליטישע פּאַרטייען גיבן אַרויס צייטונגען, זשורנאַלן, פירן דורך לעקציעס, פאָרלעזונגען מיט טויזנטער צוהערער. דאָס איז אָבער נאָר געווען אויבן אויף. אינדערעמתן האָט די דייטשישע מיליטער־קאָמאַנדע געהאַט איר אויג און איר האַנט אומעטום. יעדערס וואָרט צום דרוק איז פריער צענזורירט געוואָרן. אויף די פאַרזאַמלונגען און פאָרלעזונגען איז געזעסן אַ שוצמאַן מיטן פּיסטויל אויפן טיש. ווי אַ הונט האָט ער געוואַכט, געשניפּט, געהערט און נאָטירט. אַז אים האָט זיך געדאַכט דעם רעדנערס אַ וואָרט האָט די מינדסטע אַנדייטונג אויף פּאָליטיק, אויף פּראָטעסט, האָט ער אַ הויב געטאָן די לאַפּע:

— האַלט!

געוויינלעך האָט דער „האַלט" געמיינט דאָס אָפּשטעלן דעם רעדנער. אין אַ סך פאַלן אָבער האָט זיך דאָס אויסגעלאָזט מיט אַרעסטירן אי דעם רעדנער, אי דעם פאָרזיצער, טיילמאָל — אַפילו די גאַנצע פאַרוואַלטונג פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט דעם מיטינג גערופן.

און נישט נאָר אויף די אָרגאַניזירטע־צונויפקומען. דער אָקופּאַנט האָט גענוי געוווסט, וואָס עס טוט זיך אין יעדער אינסטיטוציע, וואָס מ'רעדט אין די געזעמלען, אין די רייען אַרום די שפּייזקראָמען, אויף די שפּאַצירן צווישן זיך. אומעטום זענען געווען זייערע אויסשפּירער און אינפאָרמירער און דאָך האָבן די פּאָליטישע פּאַרטייען געקליבן און צונויפגענומען די ביטערנישן און דעם האַס אין דער באַפעלקערונג און דאָס געברענגט צום אויפרייס!

וואָכן לאַנג זענען אין געהיים אָנגעגאַנגען זיצונגען און באַראַטונגען אין די פאַראיינען און קלובן, צווישן די פאָרשטייער פון פּאַרטייען. עס איז קריגסצייט! דער מינדסטער אומלעגאַלער שריט דראָט מיט געפאַר, נישט בלויז מיט אַרעסט! שוין ביי זייערע ערשטע טריט אין פוילן, האָבן דאָך די דייטשן געוויזן אויף וואָס זיי זענען פעאיק! דאָס אויסשטעלן

אין קאַליש רייען מענטשן אָן יעדער שולד, אָפּצייִלן פון זיי ניין און דערשיסן דעם צענטן, דאָס האָט געוואָרנט צו זיין פּאָרזיכטיק, נישט אומבאַרעכנט צו רופן די אַרבעטער אויף דעמאָנסטראַציעס. דעמאָלט אָבער איז אַ דעמאָנסטראַציע יאָ גערופן געוואָרן.

געריכט האָט מען זיך, אַז די נייע־וועלט, דער ברייטער בולוואַר אין וואַרשע, וועט אין יענעם נאָכמיטאָג זיין פּאַרפּלייצט פון אַרבעטער, קריסטן און יידן, אַז אינמיטן פון דעם ים דעמאָנסטראַנטן וועט מען די פּאָנען־טרעגער גאָרנישט אַרויסזען. ווי פון זיך אַליין וועלן די רויטע פּאָנען פלאַטערן אין דער לופט, הויך איבער אַלעמענס קעפּ און איידער אַ דייטשישער שוצמאַן וועט זיך דורכרייסן צו זיי, וועלן די פּאָנען־טרעגער פאַרוויקלען די פענער און אַנטרינען מיט זיי פון גאַס אַראָפּ. צום סוף איז גאָר די נייע־וועלט געווען לידיק, געמיטלעך און שטיל. די טראַמווייען קורסירן, קאַרעטן מיט אָפּיצערן און זייערע דאַמען פאָרן שפּאַצירן צו די אַלייען, אין פּראַגער וועלדל אַריין. בלויז אויף די טראָטואַרן זעען זיך יידישע אַרבעטער צו איינציקע, צו צווייִ. זיי דרייען די קעפּ און וואַרפן אומרואיקע בליקן אַרום זיך, צי איז שוין דער מאָמענט געקומען זיך צונויפצושליסן אין ענגערע גרופּן.

נתן חיימען איז געוואָרן קאַלט אין די אינגעווייִדן. ער האָט זיך דאָ געריכט אַריינגעכאַפּט צו ווערן אין אַ ים פון טויזנטער און טויזנטער פּוילישע און יידישע אַרבעטער, צו זיין געשיצט צווישן די מעכטיקע ווענט פון פּראָלעטאַריער, צום סוף — אַזאַ לידיקייט! עפּעס האָט ער זיך דאָ, אויף דער ברייטער, פּוילישער גאַס דערפילט פרעמד, קליין און נאַקעט, כאָטש נעם און ווער אַנטרינען אין זיך אַריין, אָדער צי אָפּ צוריק אין יידישן געגנט אויף די היימישע נאַלעווקעס, אויף דער דזשיקע. איז ער אָבער יערמע דודס זון. כל־זמן ער מישט זיך נישט, מישט ער זיך נישט, טאָמער אָבער איז ער געוואָרן איינער פון אַלע, וועט ער שוין נישט אָפּטרעטן, בפרט איצט, ווען ער זעט די דרייסטקייט, דעם מוט פון די שיטערע גרופּקעס צענויפגעקומענע יידישע שניידער און שוסטער, קירזשנער און נייטערקעס, וואָס אָנשטאָט זיך צו דערשרעקן, ווי ער, פאַר זייער קלײנקייט אין צאָל, קלייבן זיי זיך צענויף ענגער, נענטער. נאָך אַ ווייל, נאָך אַ רגע און מען טרעט אַראָפּ פון טראָטואַר אין מיטן גאַס אַריין.

האָבן זיך אָבער אין דער קורצער, געשפּאַנטער רגע, פּלוצים באַוויזן פון אַלע זייטן שוצלייט מיט געשטרעקטע רעוואָלווערן אין די הענט. שלוי ווי וועלף, האָבן זיי דאָ אָנגעפאַלט פון באַהאַלטענע לעכער אַרויס, אַרומ־צורינגלען די דעמאָנסטרירענדיקע גרופּן. נאָך איידער זיי שליסן זיך צענויף אין רייען. זענען אָבער די אַרבעטער געווען פלינקער און גענומען

אָפּציען, אויסרינען ווי וואַסער פון צווישן זייערע פאַרמאַכטע לאַפּעס אַרויס. די שוצלייט האָבן געשריגן „האַלט"! „האַלט"! די דעמאָנסטרירער אָבער, איינציקע שוין, האָבן דורך באַזונדערע גאַסן געצויגן אַרויס פון דער נייער וועלט:

— אויף לעשנע, לעבן דער קאַרמעליצקע!

פון אויער צו אויער איז געגאַנגען די „האַסלע"[1] צו די אָפּציענדיקע אַרבעטער:

— אויף לעשנע, לעבן דער קאַרמעליצקע!

עמעץ, זעט אויס, האָט זיך גערירט און געגרייט אויף דעם פאַל.

נתן חיים האָט געפּאַטשט איבער די גאַסן אָן אָטעם! די אָנגעשטאַנענע טראַציקייט אין אים, אויסצולאָדן זיינע ביטערנישן דווקא, ווייל די דייטשן לאָזן דאָס נישט, האָט פון אים געהאַט פאַרטריבן די שרעק, דאָס געפיל פון אומבאַשיצטקייט. פאַרקערט, ער איז איצט גרייט געווען צו גיין אין געפעכט מיט די דייטשישע שוצלייט, אַפילו מיט זיינע בלויזע נעגל און ציין!

סאַפּענדיק פון אָפּגעיאָגטקייט איז ער ענדלעך אַריין אין דער לעשנע. אַהאַ! דאָ איז שוין נישט וואָס אויף דער נייער וועלט! די טראַמווייען לויפן טאַקע, עס איז אויך אַ געפּאַר פון דראָזשקעס, פון פּלאַטפאַרמעס, אָבער אויף די טראָטואַרן איז שוואַרץ פון מענטשן. ווי יעדער לויפנדיקער, וואָס זעט שוין דעם ציל, האָט ער זיך אַליין אַ מריבֿ געטאָן צו לויפן שנעלער און איידער נאָך ער איז רעכט אַריין אין געזעמל, האָט ער שוין געטאָן אַ געשריי און דווקא אויף פּויליש:

— פּרעטש ז' אָקופּאַנטעם! (נידער מיטן אָקופּאַנט!)

ווי אַ פונק אין אַ סנאָפּ שטרוי האָט דער אויסרוף אָנגעצונדן פייערן און פון אַלע זייטן זענען נאָכגעקומען אויפגעברויזטע פלאַמען:

— נידער מיט די קאָנפיסקאַציעס!

— נידער מיט דער שקלאַפנאַרבעט אין דייטשלאַנד, מיר ווילן ברויט אין פוילן!

איצט שוין האָט די מאַסע ווי פון זיך אַליין געטאָן אַ שטראָם אין מיטן גאַס אַריין און, ווי אַן אָנגעלאָפענע כוואַליע, פאַרגאָסן אַ שטיק פון דער לעשנע גאַס אין איר גאַנצער ברייט, אַזוי אַז די טראַמווייען האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן, דאָס געפּאַר פון די דראָשקעס און פּלאַט־פאָרמעס האָט אויפגעהערט און איבער די קעפּ האָבן אויפגעפלאַטערט ווײַטע פאָנען. דער עולם האָט אויסגעטאָן די היט און די לופט איז געוואָרן פול מיטן געזאַנג:

[1] רוף.

„ברידער און שוועסטער פון אַרבייט און נויט,
אַלע וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט,
צעזאַמען, צעזאַמען...

— האַלט! — האָט זיך דערהערט אַ געשריי.

ווי ווייל דאָס געזאַנג האָט איצט געשאַלט העכער נאָך און נייע לאַזונגען האָבן אַלע ווייל איבערגעריסן די לופט, האָבן דאָך די דעמאָנס־טראַנטן געקערעוועט די קעפּ אין אַלע זייטן, געזוכט פון וואַנעט דער איינציקער, שוואַכער „האַלט" איז דאָ געקומען.

געקומען איז דער „האַלט" פון ראָג סאַלנע, פון אַן איינציק אַנגעלאָפּענעם שוצמאַן — אַ ריז, פאַרשוויצט און אָפּגעיאָגט. אָבער שטאָט לאָזן זיך לויפן אַראָפּ פון טראָטואַר צו דער דעמאָנסטראַציע אין מיטן וועג, איז ער געבליבן שטיין מיטן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער עפּעס ווי צעמישט, געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געזוכט הילף צו זיך. צי עס איז געווען די פּלוצימדיקע איבעררעשונג פון דערזען אַזאַ דעמאָנסטראַציע, דאָ ווו ער האָט זיך גאָרנישט געריכט, צי עס איז געווען די אָנגעשטאַנענע שרעק פון נישט זען קיין הילף, סיי ווי איז ער געבליבן שטיין אין ראָג ווי פּאַראַליזירט!

אין דעם מאָמענט איז עפּעס געשען, וואָס האָט איבערגעריסן דאָס זינגען, דאָס וואַרפן לאָזונגען, עפּעס ווי אויך די מאַסע וואָלט מיטאיינמאָל געוואָרן פּאַראַליזירט, מיט אַן איבערגעהאַקטן אָטעם. ווי פון אונטער דער ערד איז דאָ, פאַר אַלעמענס אויגן, אָנגעשטאַנען דער אַמאָליקער געפּעכט פון קליינעם, יונגן דוד, קעגן דעם עלטערן ריז גלית!

נתן חיימל, וואָס זייער ווייניק פון די דעמאָנסטרירער דאָ האָבן אים געקענט, דערזעענדיק דעם שוצמאַן מיטן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער, האָט זיך געטאָן אַ ריס פון די רייען. דער האַס צום אָקופּאַנט האָט זיך געהאַט אין אים אַ הויב געטאָן און אים פאַרגאָסן דעם מוח, אָפּגעטעמפּט אין אים דעם פּחד, די שרעק. מיט די בלויזע צוויי פויסטן איז ער צו צום שוצמאַן, אים געטאָן אַ זעץ צווישן די צוויי קוקערס, אָנגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און זיך גענומען ראַנגלען מיט דעם ריז, אַרויסצורייסן דאָס שטיקל געווער פון זיין לאַפּע.

געדויערט האָט דאָס געפּעכט בלויז רגעס, די רגעס זענען אָבער אין דער אָנגעשטאַנענער שטילקייט געווען אייביקייטן! עפּעס האָט זיך געדאַכט ווי דער פּולס פון דער וועלט וואָלט אין דעם מאָמענט אויפגעהערט צו שלאָגן.

אַז דער רעוואָלווער האָט אין דעם געראַנגל נישט אויסגעשאָסן פון זיך אַליין, איז זיכער געווען אַ נס, אַ גרעסערער נס אָבער איז געווען דעם דייטשס פאַרלוירנקייט, זיין צעטומלעניש. בלויז צוליב דעם, זעט אויס,

האָט ער נישט געדענקט אַ דריק צו טוען דאָס צינגל און נישט דערשאָסן דעם קליינעם דוד, דעם קוים אַכצן יעריקן נתן חיים, אַן אויסגעבלייכטער, אַ פאַרהונגערט יינגל, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף זיינע פיס. סיי ווי, די דעמאָנסטראַציע איז שוין געווען איבערגעריסן.

קאַפּיטל פֿינפֿאונדרײַסיק

זײַן לויפֿן אין געפּעקט מיטן שוצמאַן איז ביי נתן חיימען אַוודאי נישט געווען צוליבן אַרויסשטעלן זיך מיט העלדישקייט און געוויס וואָלט אים נישט אײַנגעפֿאַלן, אַז עמעץ וועט דאָס אים פֿאַרהאַלטן, אַז ער וועט זיך גאָר דאַרפֿן פֿאַר ווּעמען פֿאַרענטפֿערן. ווײַזט זיך גאָר אַרויס, אַז אַלע קוקן אויף אים בייז און מ׳האָט צו אים טענות:

— ווי האָט ער געוואָגט דאָס צו טוען? דאָס איז דאָך פּראָוואָקאַציע! ווען דער שוצמאַן וואָלט נישט געווען אַזוי צעטומלט, וואָלט ער דאָך געווען געשאָסן און זײַן שיסערײַ וואָלט אָנגעטראָגן נאָך שוצלײַט, שטעלט ער זיך פֿאָר וואָסער בלוטבאָד דאָס האָט געקענט ווערן! און ערשט די נאָכפֿאָלגן? די דײַטשן וואָלטן פֿאַרמאַכט אַלע פֿאַראײַנען, אַרעסטירט די פֿאַרוואַלטונגען, איז דאָס אים גאָרנישט אײַנגעפֿאַלן?

מיט גאָר באַזונדערע טענות, און גאַנץ שאַרפֿע, איז צוגעשטאַנען צו אים די קליינע סאַליע. זי האָט אים נישט גערעדט מיט קיין עפּנטלעכן אויסרייד, אויך נישט מיטן אויסשליסן אים פֿון פֿאַראײַין, ווי עס האָבן אים געסטראַשעט דער פֿאָרזיצער, דער סעקרעטאַר. זי האָט אים נאָר געקלאָגט דעם קאָפּ ווי אַ מאַמע, ווי אַן עלטערע שוועסטער, וואָס מיינט בלויז זײַן טובה:

— ווי האָט אים געקענט אַזוינס אײַנפֿאַלן? נעמען און אײַנשטעלן דאָס לעבן! דער שוצמאַן האָט דאָך אים געקענט דערשיסן אויפֿן אָרט! אַזוי טוט אַ פֿאַרשטענדיקער מענטש? — האָט זי באַדויערלעך געשאָקלט אויף אים מיטן קאָפּ, גלײַך ער וואָלט געווען אירס אַ קליין ייִנגל, וואָס האָט פֿאַר אירע אויגן אָפּגעטוען אַזאַ גרויסע נאַרישקייט.

מילא, די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער נאָדל, די חברים פֿון אַנדערע פֿאַראײַנען האָבן טענות צו אים, איז ווי דערווידער עס איז אים אָפּצוגעבן חשבון פֿאַר דעם וואָס ער טוט, האָט ער דאָך געקענט אײַנזען די באַרעכטיקונג פֿאַר זייער מוסרן אים. זײַן אייגן לעבן קען אים קיינער נישט פֿאַרווערן אײַנצושטעלן, ער טאָר אָבער נישט אײַנשטעלן די לעבנס פֿון אַנדערע מענטשן. ער טאָר אויך נישט מיט זײַן היציקייט שטעלן אין קאָן די פֿאַראײַנען. די אַלע טענות פֿאַרשטייט ער, אָבער וואָס וויל פֿון אים די קליינע סאַליע? מיט וואָסער רעכט קומט זי צו אים מיט אירע טענות? און וואָס עפּעס איז זי אים געוואָרן אַזוי געטרײַ, אַז זי זאָרגט

זיך וועגן זיין לעבן, וועגן זיין פרייהייט? נאָר האָט זי טאַקע אין זינען אים? אָדער איר זאָרג איז גאָר וועגן איר אַליין?

צופעליק נאָר איז ער דעמאָלט, נאָכן סילוועסטער־אָוונט אַראָפּ די טרעפּ צעזאַמען מיט איר. זי איז געווען אָנגעברוגזט, זיך געבלאָזן, פאַרוואָס ער האָט אין זיין בריוועלע געשריבן צו איר, אַז זי האָט אַ צו גרויס מויל. וואָלט ער זיך דעמאָלט נישט געווען אָפּגעשטעלט מיט איר, נאָר זיך געגאַנגען זיין וועג, וואָלט געווען פּטור אַן עסק און ער וואָלט זיך איצט פאַרשפּאָרט די אַלע טענות אירע. איז ער אָבער נישט בלויז ווי דער טאַטע זיינער אין שאַרפקייט, נאָר ער האָט אויך אַ ווייך האַרץ ווי זיין מאַמע. האָט ער נישט געקענט פּועלן ביי זיך צו לאָזן דאָס מיידל אַ פאַרוויינטיקטע און אַליין זיך אַוועקגיין גלייך גאָרנישט! איז ער געגאַנגען מיט איר עטלעכע טריט, כדי איר אויסצורעדן:

— צו וואָס, חברטע סאַליע, נעמט איר דאָס אַזוי ערנסט? אויף אַ קעסטלאָוונט שרייבט מ׳זיך בריוולעך. אַט האָט ער געקראָגן איר בריוועלע, נו, נעמט ער דאָס ערנסט?

נישט ווילנדיק האָט דאָ נתן חיים איר געגעבן אַ געלעגנהייט צו פּריינצוציען אים אין אַ פאַרוויקלט גערייד:

— פאַרוואָס זאָלט איר נישט נעמען ערנסט דאָס בריוועלע? זי האָט געשריבן וואָס זי מיינט. צו איר אַפּעלירט אַ דרייסטער בחור און זי האָט געמיינט, אַז ער איז דרייסט... וואָס ער, אָבער, האָט צו איר געשריבן איז נישט קיין דרייסטקייט, נאָר איינפאַכע באַליידיקונג!

אַט אַזוי, אַ וואָרט צו אַ וואָרט, האָט ער זי דערווייל געפירט פון דער קאַרמעליצקע אַריין אין דער נאָוואָליפּקע ביז צו איר טויער און שוין, מער האָט ער שוין נישט גענאַרפט! די סאַליע איז דען אַנדערש פון אַנדערע מיידלעך?

אַז וואָס צו טוען איז נישטאָ, האָט זי, ווי אַנדערע חברטעס און חברים, פאַרברענגט איר צייט אין פאַראיין. אין די אָוונטן, אין די שבתים, אַפילו אין אַ פּראָסטן מיטן טאָג, האָט דאָרט גערוישט מיט רייד און מיט פרייד, מיט געזאַנג און געלעכטער. וואָס צו עסן איז טאַקע נישט געווען, אָבער ליבעס זענען געשלאָסן געוואָרן איינס און צוויי. קאָנטשאַפטן זענען גיך אַריבער אין פריינטשאַפט, אין פלאַמיקער ליבשאַפט, אין שטילע חתונות. באַהאַלטענערהייט האָבן זיך געוועבט נעצן, אינטריגעס, עס זענען אָנגעגאַנגען געיעגן צווישן נאָנטע פריינדינעס אויסצוכאַפּן אַ בחור. מיט קנאה האָט איינע געקוקט אויף דער אַנדערער, וואָס איר איז געלונגען צו פאַרהעקלען אַ וויכטיקן חבר, אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד, וואָס קען האַלטן שיינע רעדעס, וועד שמועסט נאָך אַזאַ, וואָס האָט געהאַט סטאַזש פון פריערדיקע צייטן, געזעסן אין פּאַוויאַק, אין צענטן פּאַוויליאָן, אָדער, וואָס נאָך געהויבענער, געווען פאַרשיקט אין סיביר!

ווי אומעטום האָבן זיך אויך אין דעם פּאַראַיין געשאַפן קרייזלעך פון נאָנטע, אַ משפּחהלע פון אויסדערוויילטע פּאַרוואַלטונגס־מיטגלידער מיט זייערע מיידלעך. טיילמאָל, אין מיטן העלן טאָג, אַבי די קאַנצעליאַריע האָט נאָר נישט געדאַרפט פונקציאָנירן, האָט זיך דאָס משפּחהלע פּאַרמאַכט און געפּראַוועט „ביבקעס" אויפן ביוראָטיש, סעודהלעך גאַנצע! מ׳לייגט זיך צונויף מיט די האַלבע פונטן נאָס, קלעפּיק ברויט, וואָס יעדער קריגט אויף זיין „באַנע" פּאַרן גאַנצן מעת לעת, מ׳נעמט אַריין אַ טשייניק אויפגעזאָטן וואַסער, אַ טשייניקל מיט „סענץ", די פּאַרבריטע ציקאָריע און מ׳לעבט אַ געשוואָלענעם טאָג!

ווי וויל ער, נתן חיים, איז אויך געווען אַ מיטגליד אין דער פּאַרוואַלטונג, איז ער דאָך געווען אַ דרויסנדיקער פון די קרייזלעך און משפּחהלעך. ער האָט אויך נישט געהאַט דאָ קיין מיידל, ווי יעדער אַנדערער פון די פּאַרוואַלטונגס־מיטגלידער. עפּעס איז ער זיך פּאַרגעקומען אין דעם פּאַראַיין ווי אַ נעבעכדיקער, דערשלאָגענער האָן אויף אַ פרעמדן פּאָדוואָר פול מיט דרייסטע, קרייענדיקע הענער און פריידיק, קוואָקעדיקע הינער, וואָס קיין איינע געהער נישט אים.

ווי האָט ער דאָ געקענט זיין אָנגעזען אַז קיין גרויס פּאַך אין דער פּאַרוואַלטונג פּאַרטרעט ער נישט און קיין סטאַזש פון די אומלעגאַלע צייטן האָט ער אויך נישט. נישט ער איז אַמאָל געקומען אויף די אומלעגאַלע בערזעס און נישט ער איז אַ „געזעסענער". סך הכל איז ער אַ יונגער גאָוואָבראַניעץ, קאָפּויער געקומען אין פּאַראַיין אַריין ערשט נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן פּאַרנומען פּוילן, זאָלן מיידלעך זיך יאָגן נאָך אים?

די איינציקע, וואָס האָט צו אים יאָ געוואָרפן אייגלעך איז געווען טאַקע די סאַליע. האָבן אָבער אירע גרינלעכע בליקעלעך אים נישט גענומען. נישט ווייל ער איז געווען צופיל דערשלאָגן צוליב דער היים, צוליב דעם בסדרדיקן קרענקען פון דער מאַמען, פון טאַטן, אויך נישט צוליב זיין אייביקן יאָגן זיך מיטן זאַק אונטערן אָרעם פון איין ריי אין דער צווייטער נאָך אַ ביסל קאַרטאָפל אין שטוב אַריין. די דערשלאָגנקייט זיינע איז גאָר געווען צוליב עלקעלען. זי האָט טאַקע, בעת זיין לעצטן זיין ביי איר, נישט געוואָלט רעדן צו אים, ער אָבער — זי האָט נאָך אַלץ ליב. זיין בענקשאַפט צו איר נאָגט פון אים ס׳געביין, ערשט איצט, נאָך זיין קומען פון ראָדעם אַ דערשלאָגענער, אַ פּאַרוויטיקטער, גייט אים עלקעלע נישט אַרויס פון זינען. דער וואָרעם פון צווייפל עסט אים אויף: אפשר האָט זי אים גאָרנישט ליב? אָבער פּאַרוואָס?

און פּאַרוואָס, אַז ער האָט אַזוי ליב עלקעלען, איז ער דאָך גרייט זיך צו קושן מיט אַנדערע מיידלעך? ער ווייסט דאָך גאַנץ וויל, אַז זיין אַרומדרייען זיך אין פּאַראַיין ווי אַ נעבעכדיקער האָן איז נישט, ווייל ער

איז אַזאַ צדיקל, ווייל ער וויל זיין געטריי עלקעלען. אַוודאי וויל ער דאָס! ער קען זיך אָבער נישט העלפן, עס טרייבט אים צו מיידלעך. אויב ער האָט דאָ נישט צו טוען מיט קיין איינער פון די חברטעס, איז עס בלויז ווייל ער האָט מורא פאַר אַ נייעם אויפרייס, ווי דער, מיט דער פאַננאַ סאַבינאַ. ס׳איז דאָך פשוט אַן אומגליק! ווי נאָר ער קושט זיך מיט אַ מיידל, וויל זי שוין ער זאָל איר זאָגן ער האָט זי ליב, אַז ער וועט מיט איר חתונה האָבן. ווי קען ער דאָס? ער האָט דאָך ליב נאָר עלקעלען. ווידער גלאַט צוזאָגן, מיינט דאָך פאַרפירן אַ מיידל! ער פאַרשטייט גאָר נישט, פאַרוואָס, אַז ער גייט מיט אַ מיידל, אַפילו נישט מיט אַזאַ שיינער, וויל ער זיך קושן מיט איר, זיין מיט איר אַליין אין אַ צימער, נאָר צו עלקעלען האָט ער נישט די באַגערן. עפּעס דאַכט זיך אים, אַז עלקעלע איז נישט פאַר אַזאַ מין ליבע. מיט עלקעלען וויל ער בלויז גיין שפּאַצירן, קוקן איר אין די אויגן, אַזעלכע גרויסע, שוואַרץ־סאַמעטענע אויגן, באַהויכטע מיט טוי, ווי פלוימען אויפן בוים.

אָבער וואָס וויל פון אים די קליינע סאַליע? נישט ער וויל גיין מיט איר שפּאַצירן און נישט ער האָט אַ באַגער זיך צו קושן מיט איר, צו זיין מיט איר אַליין אין אַ צימער. זי רופט אין אים נישט אַרויס קיין שום חשק. זי איז אַזוי דראָבנע, אַזוי דאַר און שאַרף, דערצו נאָך אויף גוטע זעקס־זיבן יאָר עלטער פון אים. ער איז נאָך נישט קיין אַכצן און זי איז שוין ביי די פינף און צוואַנציק! איינמאָל נאָר, אַז די מאַמע האָט זי געזען, האָט זי איר גלייך אַ נאָמען געגעבן „די דרויבע״. און זי איז גערעכט, די מאַמע. ווי אין אַ געגנדזענער דרויבע, וואָס מ׳פלעגט פאַר דער מלחמה קויפן אויף שבת, אַזוי איז ביי דער סאַליען אַלץ דאָ: פּיס, הענט, א גערגעלע, אַ קעפּעלע, אַ פּופּיקל, אַ לעבערל, בלויז דער עיקר, די „אָדערקע״, ס׳הייסט דער גוף, איז ביי איר נישטאָ!

וויפל ער האָט דער מאַמען נישט פאַרזיכערט אַז עס האָלט נישט דערביי, שרעקט זי זיך אַלץ, די מאַמע, טאָמער פאַרדרייט אים דאָס סאַלקעלע דעם קאָפּ. ווי קומט ער צו איר? — פרעגט אים די מאַמע. זאָל ער נאָר וועלן האָט זי דאָך פאַר אים שידוכים פון שענסטן יחוס. ווי לאַנג איז דען, אַז זי וווינט אויף מוראַנאָוו? עטלעכע חדשים נאָר און דאָך קען מ׳שוין איר נתן חיימען אַרום און אַרום. אַז ער גייט איבער די נאַלעווקעס, קוקט מען אים נאָך פון אַלע געשעפטן, שדכנים שלאָגן איר אָפּ די שוועלן, וועמען האָט מען איר שוין נישט געברענגט פאַר נתן חיימלען? מיידלעך פון די רייכסטע היימען, טעכטער פון די גרעסטע סוחרים. ס׳איז דען אַ וווּנדער? אַ בחור צו גאָט און צו לייט, שיין קאַ נעהאָרע, ווי אַ שיינער בוים!

גראָד דער מאַמעס מורא, איר ציטערן איבערן יחוס, האָט אים

דערנענטערט צו דער סאַליען. ס׳איז אים אַ רחמנות אויף דעם מיידל. און אַז זי איז נישט דעם רבין ר׳ צאַצס טאָכטער, איז זי שוין נישט קיין מענטש? און ער איז דען יאָ דעם רבין ר׳ צאַצס אַ זון? וואָס אמת, די סאַליע איז שלוי! ס׳איז איינפאַך צום שטוינען ווי גיך מיידלעך דערשנאַפּן די שוואכקייט פון אַ בחור און טאַקע דורך דער שוואַכקייט בינדן זיי דאָס יינגל צו צו זיך גיך און לייכט!

ווי ער, נתן חיים, האָט זיך נישט באַקלאָגט פאַר קיינעם, האָט דאָך סאַלטשע געזען, אַז ער ליידט הונגער. כאָטש וואָס איז דאָ געווען אַזוי שווער צו זען? אַלע מיטגלידער אין פאַראיין זענען אַרומגעגאַנגען ליידיק, דאָך האָבן מענער און דאַמען פריוואַטשניידער, געהאַט טיילמאָל צו ביסלעך אַרבעט. אַפילו מאַגאַזין־שניידער האָבן פון צייט צו צייט געהאַט עפּעס צו טאָן. נאָר אין זיין פאַך, אין דעם היטלמאַכעריי, איז טויט ווי אויף אַ בית עולם. ווען נאָר זי קומט אַרויף אין פאַראיין, מעג עס זיין אינדערפרי, אין מיטן טאָג, פאַרנאַכט, אַבי נאָר ס׳איז שטיל, דער הו־האַ פון די מיטגלידער האָט זיך נאָכנישט אָנגעהויבן, טרעפט זי אים זיצן איבער אַ ביכל, אַריינקוקן אין אַ בלאַטצייטונג. ווען ער לייענט נישט, זיצט ער סתם פאַרגאַפיעט דורכן פענצטער, אַריבער די קעגנאיבערדיקע דעכער. אָט די פאַרטראַכטקייט זיינע, דאָס שטענדיקע זיין אַריינגעטאָן אין אַ ביכל, אין אַ צייטונג, האָט איר אַזוי שטאַרק אימפּאָנירט, אַז זי האָט נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים קיין אויג.

פריער, פאַר דעם צונויפטרעף אויף דעם גראַסער־אָוונט, ווי עס האָט זי געצויגן זיך צו באַקענען מיט אים נענטער, האָט זי דאָך נישט געוואַגט אַריבערצוטרעטן די אָנגענומענע מיידלשע צוריקגעהאַלטנקייט און אַלץ געהאָפט, ער זאָל זי פאַרטשעפּען. אַז דאָס איז נישט געקומען, האָט זי געוואַגט מיט דעם בריוועלע און אַז ער האָט זי דערנאָך אָפּגעפירט ביז צו איר טויער, האָט זי אים שוין באַטראַכט פאַר מער ווי גלאַט אַ חבר און זיך אונטערגעשטעלט אים צו פאַרבעטן אויף אַ „ביבקע״, וואָס זי מאַכט ביי זיך אין צימער, כלומרשט פאַר נאָך באַקאַנטע.

אַז זי וווינט פאַר זיך, כאָטש זי גייט ליידיק, דאָס האָט ער גראָד געוווּסט. ער האָט אָבער ביז יענעם אָוונט נישט געוווּסט, אַז זי קעכלט זיך אַזוי. ערשטנס, פון וואַנעט? צווייטנס, מ׳זעט נישט אויף איר זי זאָל האָבן אַזאַ גוטע פּאָשע. האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן, אַז ווי זי אַליין איז געווען דאַר און קוואַר ווי אַ שפּאָן, אַזוי איז דאָס צימערל אירס, אַן אַלקער ביי יענעם, געווען מיידלש־ווייך. אַ קאָלירטע דעק אויפן בעטל, אַ קאָלירט וואָלן טישטעכל אויפן טיש, אַ פאַרביק פּויעריש־קאָפּטיכל אַרום דעם אַבאַזשור, צו פאַרשאָטענען טיפער נאָך דאָס ליכט פון עלעקטרישן לעמפּל אונטער דער גרינער שיין. דער עיקר אָבער האָבן אים דאָ

אינטריגירט אירע ביכער, פוילישע, רוסישע, אויך יידישע, אַזוי ווייכלעך צעשטעלט אויף דער עטאַזשערקע, אַ געפלאָכטענע פון העל־ברוינע באַמבו־שטעקעלעך.

נאָכדעם ערשטן מאָל פאַרבעטן אים, איז ער שוין געווען אַן אָפטער גאַסט ביי איר, נישט בלויז אויף „ביבקעס", נאָר אויך אויף אַ פּשוט מאָלצייט. בייטאָג — גריצלעך, וואָס זי האָט אַליין געקאָכט ביי זיך אין צימער אויף אַ גלאַנציק־אָפּגעפּוצטן, מעשענעם פּרימוס. אין די אָוונטן, אויף „קאָלאַציע", האָט זי געהאַט ברויט מיט פּוטער, ווייסן קעז, צומאָל אויך אַ שטיקעלע הערינג, אָבער שטענדיק מיט טיי, אמתע טיי, אָדער גאָר קאַקאַאָ, געצוקערט מיט אמתן צוקער! ער האָט זיך געוווּנדערט: אין דעם הונגער, ווו נעמט זי דאָס? פון וואַנעט קומען צו איר עסנוואַרגן, וואָס נאָר שיבער, שפּעקוליאַנטן, קענען זיך אַזעלכע פאַרגינען? ערשט שפּעטער האָט ער זיך דאָס דערוווּסט.

אַן איינציק קינד ביי איר מאַמען, אַן אלמנה אויף אַ שטעלע ביי אַ רייכן קרוב, האָט די מוטער געוואָלט דאָס טעכטערל זאָל זיך יעדן טאָג אַרויפכאַפּן צו איר אין קיך אַריין עסן אַ לייטיש מאָלצייט. איז אָבער די מויד איינגעשפּאַרט. עס שטייט איר נישט אָן צו קריכן צו רייכע לייט דורך זייערע הינטער טירן! האָט די מאַמע גענומען טראָגן צו איר וואַלוווקעס, פּעקלעך עסן, וואָס אין יעדן איז געווען אָדער אַ טאָרבעלע מאַנעקאַשקע, אָדער אַ בייטעלע גרויפּן און צו דעם עטלעכע קאַרטאָפל, אַ פאַלקעלע פון אַן עוף, ווייס ברויט, אַ קריש פּוטער און שטענדיק אַ שקאַרמיצל מיט טיי, אַ גלעזעלע קאַקאַאָ און צוקער, ווייסע קאָסטקעס[1] צוקער!

ווי אים, נתן חיימען, איז געווען איבער דער טבע צו עסן ביי דער סאַליען פון איר מאַמעס וואַלוווקעס, וואָס ער האָט געהאַט אַ חשד, אַז זיי קומען נישט פון קיין קרוב, נאָר פּשוט, די מוטער, אַ דינסט נעבעך ביי יענעם, נעמט ביסלעכווייז שפּייז פון דעם, וואָס די מאַדאַם גיט איר צום קאָכן און טראָגט הינטערווייַלעכס אַוועק די פּעקעלעך צו דער טאָכטער, דאָס מיידל זאָל נישט הונגערן. ווי אים איז געווען דערווידער צו עסן פון די עסנוואַרגן, האָט ער דאָך, אין זיין אויסגעהונגערטקייט, נישט געהאַט דעם כוח זיך אָפּצוזאָגן פון סאַליעס גריצלעך, פון דעם פאַדעם עוף, פון דעם ווייסן ברויט מיט פּוטער, וואָס ער האָט שוין לאַנג דעם טעם פון אַזאַ עסנוואַרג געהאַט פאַרגעסן.

אָט, צוליב דעם, האָט זיך דאָס סאַליע גענומען די רעכט אים צו מוסרן, צו שטראָפן אים:

[1] קלעצלעך צוקער.

— וואָס הייסט איר שטעלט זיך אונטער אַרויסצורייסן ביי אַ שוצמאַן זיין רעוואָלווער? איר ווייסט דען, ווי דאָס האָט געווירקט אויף מיר? ווען איך האָב אייך דערזען אַרויסלויפן פון די רייען און זיך וואַרפן אויפן דייטש, האָב איך דאָך שיער געחלשט פון שרעק. ס'האַרץ האָט זיך דאָך אין מיר אָפּגעריסן! וואָס וואָלט געווען ווען דער רעוואָלווער שיסט אויס?

יאָ, ער האָט פאַרשטאַנען איר שרעק, נתן חיים. די מאַמע זיינע איז געפּגערט. די סאַליע נייט זיך שוין באַצייטנס אַ בייטעלע...

קאַפּיטל זעקסאונדרייסיק

— אַ גיטע נאַכט. גערענק, אסתר פּערעלע, עלף אַזייגער זאָלסטו קימע׳ מיעד פאַ׳באַאטן, — האָט נתן חיים אָנגעזאָגט דעם ייִנגערן שוועסטערל און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

אַ שווערע נאַכט וואַרט אויף אים. קודם לויפט ער אויף דער שווענמעיערסקע גאַס פאַרנעמען אַן אָרט אין דער ריי פאַרן סקלאַד פון בירגער־קאָמיטעט. מ׳זאָגט אַז מאָרגן וועט מ׳דאָרטן טיילן צו פערציק־פונט קאַרטאָפל אויף אַ משפחה. אַז ער וועט אינדערפרי זיין דאָרט פון די ערשטע, וועט ער נישט האָבן געשטאַנען בחינם. שפּעטער, אַז אסתר פּערעלע וועט זיך האָבן אַ ביסל איבערגעשלאָפן און קומען פאַרנעמען זיין אָרט אין דער ריי, וועט ער אַוועק אויף עטלעכע שעה אויף דער האָזשע גאַס צום הער פאָליאַקס ווערקשטאַט. ס׳געמיט ביי די סטרייקער איז דאָרט זייער געדריקט, מוזן פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער זיין מיט זיי אויף דער פּיקעט־ליניע.

דער סטרייק אין הער פאָליאַקס ווערקשטאַט ווערט שאַרפער און פאַרביטערטער פון וואָך צו וואָך. ווי נאָר דער סטרייק האָט אויסגעבראָכן איז ער גלייך געוואָרן אַ פאַרמעסט צווישן מייסטער־פאַראיין מיטן נאָדל־פאַראיין פון די אַרבעטער. נישט געוווינט מ׳זאָל זיי זאָגן דעות, שטעלן צו זיי פאָדערונגען, האָבן די מייסטער זיך אויך אָרגאַניזירט אין אַ פאַראיין און איצט, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, זיך געשטעלט קעגן די אַרבעטער „טען נאָ טען״, איינער קעגן אַנדערן.

נאָכן גאַנצן ווינטער לײדיק גיין האָט ערשט איצט, פאַר פורים, זיך געהאַט געוויזן אַ ביסל אַרבעט און דאָס אויך נאָר אין עטלעכע פון די אויבנאָנדיקע ווערקשטאַטן פון דאַמען און מענער פּריוואַט־שניידער.

ווי האָט דען געקענט זיין אַרבעט, אַז די באַפעלקערונג איז געווען רואינירט פון דער מלחמה, אַז קיין שטאָפן פאַר דער ציוויל־באַפעלקערונג האָט מען נישט געוועבט, אַז ווי נאָר די דייטשן האָבן אָקופּירט דאָס לאַנד האָבן זיי פאַרנומען פון די וועבערייען די מאַשינען, פון די סקלאַדעס יעדן באַל שטאָף. אויב ערגעץ ווו אין פּוילן איז נאָך אויפגעגנייט געוואָרן אַ קלייד פאַר אַ פרוי, אַ גאַרניטער אָדער מאַנטל פאַר אַ מאַן, איז דאָס געווען נאָך פון יענע סחורות, וואָס די שיבער, האָבן אויף גיך אויפגעקויפט

און באַהאַלטן אין קעלערן, אין פינצטערע באַהעלטענישן און טאָקע נאָר זיי, די שפּעקוליאַנטן, די ניי־אויפגעקומענע מלחמה־גבירים, האָבן זיך געקענט פאַרגינען צו לאָזן אויפנייען פון די שטאָפן אַ מלבוש פאַר זיך, אַ קלייד פאַר זייערע ווייבער, פאַר זייערע מעטרעסעס.

ווי די פאָדערונגען פון די אַרבעטער זענען געווען באַשיידענע, דער עיקר די באַלעבאַטים זאָלן, צו זייערע פּערסאָנאַלן, צונעמען נאָך צוויי־דריי באַלמעלאָכעס, כדי אַ גרעסערע צאָל פון די לײדיקגייער זאָלן קענען עפּעס פאַרדינען אויף יום־טוב, האָבן די מייסטער, שטאָט פאַרהאַנדלען מיטן נאָדל־פאַראיין, קומען צו אַן אויסגלייך, געמאַכט אַ „לאָקאַוט", אויסגעשלאָסן די אַרבעטער און פאַרמאַכט די ווערקשטאַטן.

דער חשבון ביי די באַלעבאַטים איז דאָ געווען אַ פּשוטער. אינגאַנצן איז דאָ אַרבעט אויף עטלעכע וואָכן, אַרבעטער אָבער, שוין נאָך אַלע מאָביליזאַציעס, איז נאָך אַלץ דאָ מער ווי מען דאַרף. דערצו פּעכניען זיי אַלע אויפן פּיסק, ווען זיי, נאָך איין וואָך סטרייקן, קומען אויף אַלע פיר זיך בעטן, מ'זאָל זיי קריקנעמען צו דער אַרבעט אויף וועלכע באַדינגונגען די מייסטער וועלן נאָר אַליין וועלן. דאָס איז ביי די באַלעבאַטים געווען נאָר איין פּלאַן. טאָמער אָבער זאָל זיך דער פּלאַן נישט איינגעבן, האָבן זיי געהאַט צוגעגרייט נאָך אַ פּלאַן: צעוואַרפן דאָס ביסל אַרבעט פון די עטלעכע ווערקשטעלן צווישן די צענטליקער מייסטער, זיי זאָלן עס שטילערהייט אויפנייען און קיין האָן וועט נישט קרייען!

האָבן אָבער העַנער יאָ געקרייעט און אַמשטאַרקסטן האָט געקרייעט ביים הער פּאָליאַק און גאַרנישט קיין האָן, אַפילו נישט קיין הון, נאָר גאָר אַ יונג קאָקוסקעלע,[1] דעם הער פּאָליאַקס שוועסטערל, אַ מיידל פון וואַסערע זעכצן יאָר.

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן האָבן ברוך פּאָליאַקס עלטערן פון קראַסנאָסטאַוו, גיך אָדפּראַוועט דאָס איינציקע מיידל זייערס, פּעסעלע, צום זון קיין וואַרשע. אַליין, ווו זיי זאָלן נישט פאַרוואָרפן ווערן, וועלן זיי, מיט זיין ליבנגאָמענס הילף, קענען איבערוואַרטן די מלחמה. אַ מיידל אָבער איז אין סכנה. פּאָניע פאַגראָמירט יידן, איז מאַנס יידישע טעכטער! ביים ברודער אָבער אין וואַרשע, וועט דאָס מיידל זיין געהיט און געשיצט.

ווי דער מאַדאַם פּאָליאַק האָט נישט געשמעקט צו האָבן די פּראָווינצער שוועגערין אין אירע סאַליעס אויף דער קריסטלעכער האָזשע גאַס, האָט זי דאָך געמאַכט אַן אָנשטעל אז: פאַרשטייט זיך און אדרבא! ווו דען זאָל אַ שוועסטערל גיין אין אַזאַ ביטערער צייט, אויב נישט צו אַ לייבלעכן ברודער?

געמיינט האָט פרוי פּאָליאַק, אַז מיט דעם שוועסטערל וועט זיך

[1] אַ יונג הינדעלע.

אויסלאָזן איך אי פּיף.[2] זי האָט אַפּילו אַ דינסט, זי קען אָבער נוצן דאָס מיידל אין קינדער־צימער. האָט זי אָבער גיך איינגעזען אַז זי טראַכט און דער מאַן אירער, בעניעקל, לאַכט. ער האָט געעפנט אויף איר אַ מויל:

— געניע, פעסעלע איז נישט געקומען ווערן קיין דינסט! דאַרפסט אַ פּיאַסטינקע[3] צו די קינדער, נעם צו אַ שיקסל!

האָט די מאַדאַם פּאָליאַק זיך אָפּגעוויִשט ס׳מויל: נישט צו די קינדער? זאָל זיין נישט צו די קינדער! מאַכט אָבער בעניעקל פון דער פּראָווינצער חיה אַ גאַנצע פּאַניענקע. טשעטשקעט[4] זיך מיטן שוועסטערל מער ווי מיטן אייגענעם ווייב. גייט מ׳צו פריינט אויף אַ ביבקע,[5] נעמט ער מיט די שוועסטער. פאַרבעט מען אַ מענטש צו זיך, זעצט ער דאָס שוועסטערל אויבן אָן טיש. מ׳זאָגט כאָטש אַ שיין מיידל, אַן איידל קינד. זי איז דאָך אַ סטאָלב,[6] האָט אַ פּרצוף ווי אַ לבנה, אַ נאָז ווי אַ קאַרטאָפליע, דערצו נאָך וואַקסן ביי איר האָר אויף דער אויבערשטער ליפּ, ביי די אויערן, פּונקט ווי ביי אַ יינגל — וואָנסעלעך מיט פּיאות! אַ גליק נאָך, וואָס די מויד וויל נישט זיין קיין פּאַניענקע. ווי נאָר זי איז געקומען פון שטעטל, האָט זי זיך גלייך געכאַפּט צום שניידעריי און אַז זי האָט געהערט וועגן פּאַראיין, איז זי שטילערהייט אַוועק און זיך דאָרט איינגעשריבן פאַר אַ מיטגליד. ווען דער סטרייק ברעכט נישט אויס, וואָלט מען דאָס גאָרנישט געוווּסט אויך. ערשט ווען דער סטרייק האָט אויסגעבראָכן, איז דער בוימאייל אַרויפגעשווומען אויפן וואַסער. אַז בעניעק האָט געהייסן די געזעלן גיין, האָט פעסעלע אָנגעטאָן דאָס זשאַקעטל — זי גייט אויך!

וואָס אַן אמת, זי, די פּאַניע פּאָליאַק, האָט דערלעבט אין מאַן אַ נקמה. זאָל ער זען, בעניעקל, וועמען ער האָט געקעכלט! אַ שלאַנג אין בוזעם האָט ער דאָך געכאָוועט! ווען ער וואָלט נישט געווען דער טאַטע פון אירע צוויי קינדער, וואָלט זי זיך אויף אַן אמת געקילט איר האַרץ. זי וואָלט אים געמאַכט אַ לעבערל, אַז ער וואָלט געהאַט די גאַל אין מויל!

ווען דאָס שוועסטערל האָט זיך אויפגעשטעלט צום גיין, האָט זי געמיינט: שוין! איצט וועט זיך בעניעקל באַזינען. ער וועט עפענען די טיר: „פעסעלע, מיט אַ פוס אונטערן אָרעם!" איז אָבער בעניעק אַ נאַר און, ווי אַלע נאַראָנים, האָט ער אַ גוט האַרץ, האָט ער גאָר איר פאַרשטעלט דעם וועג און זיך גענומען בעטן ביים שוועסטערל:

— פעסעלע, דו מאַכסט זיך דאָך אומגליקלעך! ווּו גייסטו?

[2] גוט פון אַלע זייטן. [3] דינסטמיידל. [4] נעמט זיך איבער. [5] סעודהלע.
[6] אַ נאַר.

אמת, זי, די פאני פּאָליאַק, פאַרשטייט דעם מאַן. אַ גוטע שוועסטער צי אַ שלעכטע שוועסטער, זי איז אייגן בלוט און פלייש. ווי קען מ'האָבן דאָס האַרץ צו לאָזן אַ שוועסטער, דערצו נאָך אַזאַ יונגע קאָזע, גיין זיך וואַלגערן ווער ווייסט ווו? נאַר הלוואַי וואָלט ער זי יאָ געווען געלאָזט גיין. זי איז דאָך אַ שפּיאָן, אַ מסור. די גאַנצע אויסרעכענונג מיטן נישט נאָכגעבן די געזעלן איז דאָך געווען, וואָס? איר ווילט נישט אַרבעטן? גייט אייך געזונטערהייט! ס'ביסל אַרבעט וועט פאַרטיק ווערן אָן אייך! וועמען האָט דען געזאָלט איינפאַלן, אַז דאָס שוועסטערל, אייגן בלוט און פלייש, וועט גאָר האַלטן מיט די פרעמדע טייוואָלים?

אַז מ'האָט נישט געוווסט וואָסער פויגל פּעסעלע איז, האָט מ'זיך נישט געהיטן פאַר איר. בפרט נאָך, אַז פון שטוב לאָזט מען זי נישט אַרויס, קען זי דאָך קיינעם נישט אונטערטראָגן, וואָס אין שטוב קומט פאָר. האָט אָבער די פּראָווינצער חיה בעניעקלס קאָפּ אויף אירע פּלייצעס! זי האָט זיך געמאַכט נישט וויסן און נישט הערן, אינדערזאַמתן האָט זי געהאַט איר ביאָגיע [7] און אירע שליפּיעס [8] אומעטום! קיינער זאָל נישט זען, האָט זי געשריבן צעטעלעך, זיי אַראָפּגעוואָרפן דורך אַ פענצטער צו די פּיקעטס אונטן און יענע האָבן זיך גלייך געבומען באַזוכן יעדן איינעם, וואָס איז אַראָפּ פון שטוב, צוגענומען די פאַרשטעקטע פּעקלעך אַרבעט און זיי צוריק אַרויפגעשיקט אין ווערקשטעל. אַוודאי וואָלטן די דייטשן נישט געשוויגן, ווען מ'טוט זיי נאָר צו וויסן וואָס דאָ קומט פאָר. האָט אָבער דער פאַראיין געסטראַשעט צו באַגיסן די סחורה מיט וויטריאָל, מיט אויסדרייען אַ פוס, איז אַ מורא זיך אָנצוהייבן מיט די נאַכאַלניקעס,[9] בפרט אַז דאָס שוועסטערל זעט אַלץ און לאָזט זיי וועגן אַלעס וויסן. אַוודאי, ווען בעניעקל הערט זי, נעמט ער און זערגעט [10] דאָס שוועסטערל אַרויס פון שטוב. הערט ער זי דאָך נישט. פאַרקערט, ער האָט נאָך אַלץ רחמנות אויף איר: אַ מיידל, ווו וועט זי גיין? וואָלט דעם שווערס שטוב מיט דער קראָם נישט געווען אַוועק מיטן פייער, נעמט מ' די מויד און מ'שיקט זי צוריק אין איר שטעטל אַריין, גיי פון וואַנעט ביזט געקומען און לאָם איך דיין פּרצוף מער נישט אָנקוקן! אַז דאָס קען מ'נישט, טענהעט בעניעק מיט איר איין:

— פּעסעלע, ווייסט כאָטש וואָס דו טוסט? נעמסט און פאַרראַטעסט דיין אייגן בלוט און פלייש, דיין ברודער, וואָס האָט דיך אַריינגענומען צו זיך, באַהאַנדלט דיך ווי אַן אייגן קינד, איז דאָס רעכט? מאכסט דאָך מיך

[7] נאַז. [8] אויגן. [9] אויסוווּרפן. [10] וואַרפט.

אומגליקלעך! אַז איך זאָל נאָכגעבן דעם פּאַראײַן, פֿאַרליר איך דאָך מײַן גאַנצע קליענטעלע! וואָסי איך בין אײנער אין וואַרשע? זײ קענען דען נישט גײן זיך אָנטוען בײ װישליצקין? בײ קאַרפּינסקין? אַפֿילו אין הערזעס געשעפֿט וועט זײ אַ קאָסטיום אויסקומען ביליקער ווי בײ מיר!

דער ברודער האָט געמײנט ער וועט דערוועקן בײם שוועסטערל אײנזעעניש, מיטלײד, צום סוף גאָר פּיסקעוועט זי אים אָקעגן, שטײט זיך אַזוי קאַלט, דיסטינגירט [11] און גיט אים גאָר עצות:

— ווער זאָגט דען אַז דו מוזט העכערן פּרײזן?

— וועל איך דאָך ווערן בדיל הדל!

— צע, צע, צע! — האָט זי געשמאָטשקעט מיט די ליפּן און חוזקדיק געוויגט איר קאָפּ פֿון אײן אַקסל צום אַנדערן, — בדיל הדל! דײַן גאָלדע, די פּאַנישושו געניאַ פּאָליאַק, וועט נעבעך נישט קענען וווינען אין די סאַליעס אויף דער האָזשע גאַס, אָדער זיצן מיט אירע קאָלעזשאַנקעס, די מוסט און פּאַסטניצעס, אין באַר מעטראָפּאָל, אין באַר אַנגעלסקי!

— מאַך צו דעם פּיסק! — האָט ער אַ הויב געטאָן די האַנט, — כ'על דיר אַראָפּלאָזן אַ פּליאַסק וועסטו זיך באַגיסן מיט דער רויטער יויך!

— און איך וויל דאָס זען, איז זי געשטאַנען קעגן אים אַרויסרופעריש און דערבײ געשאָקלט מיטן קאָפּ אין באַדויער, וואָס פֿון דעם ברודער איז געוואָרן. — ביזט דאָך עפּעס געוועזן אַ פּעפּעסאָוויעץ! — האָט זי ערשט איצט, נאָך דעם גאַנצן זײן בײ אים א שווײַגענדיקע, אַן אַנטוישטע אויפגעוואָרפֿן דעם ברודער זײן פֿאַרראַטן די אײגענע פֿאַרגאַנגענהײט. — און אַז מ'ווערט שוין אַ מײַנסטער, מוז מען ווערן אַ חזיר? — האָט זי אים שאַרף געקוקט אין די אויגן, עפּעס גאַרנישט ווי אַ זעכצן יעריק מײדל. — ווילסט מיר אײַנרעדן, אַז וועסט נעבעך אונטערגײן, טאָמער וועסטו געבן די אַרבעטער א הוספה, און דו וועסט אָנשטעלן נאָך צוויי־דרײַ באַלמעלאָכעס אויף איבער יום טוב, זײ זאָלן אויך עפּעס פֿאַרדינען אויף פּסח. איך ווײס דאָך יאָ, דאָס איז דאָך גאָלדעלעס קאָפּ, זי פּירט דאָך בײ דיר די גרענדע!

נײן, ער האָט מער נישט געהויבן די האַנט. ער האָט זיך בלויז געוווּנדערט פֿון וואַנעט צו דעם שוועסטערל קומט אַזאַ מענה לשון! אַ פֿאַרטראַכטער איז ער אַרויס פֿון דער אַרבעטס־שטוב. די מויד איז דען אומגערעכט? מילא גאָלדע, יאַק גאָלדע, אָבער וואָס האָט ער זיך געלאָזט פֿאַרדרײען אַ קאָפּ פֿון זײנע קאָנקורענטן? זײ זענען דען אויסן זײן טובה? זײ קרענקט דאָך, וואָס ער איז דער אָנגעזעענסטער מײַנסטער אין פֿאַך, וואָס בײ אים איז דאָ אַרבעט און בײ זײ נישט, ווילן זײ זיך לערנען אויף זײן באָרד שערן, אויסקעמפן זיך א מײַנסטער־פֿאַראײַן

[11] שטאָלץ.

אויף זיינע פּלייצעס! וואָס דאַרף ער אַ מייַנסטער־פּאַראיין? ווען די אַרבעטער זאָלן אַפילו פאַרשפּילן דעם סטרייק, וועט דען זיין אַ מייַנסטער־פּאַראיין? פון ווען אָן איז דאָס מעגלעך איינִיקייט צווישן מייַנסטער? זאָל נאָר ווערן אַ ביסל אַרבעט אין פאַך, וועט ווידער איינער קאָנקורירן מיטן אַנדערן, אונטערשטעלן זיך פּיסלעך!

מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, האָט ער אַזוי געשפּאַנט הין און צוריק אין דער עסשטוב: וואָס זאָל ער דאָך טוען? אַליין נעמען אונטערהאַנדלען מיטן נאָדל־פּאַראיין? און אפשר גאָר זאָל ער זיך צונויפרעדן מיט די עטלעכע מייַנסטער, וואָס אויך ביי זיי גייט אָן דער סטרייק און צעזאַמען אונטערהאַנדלען?

ער איז צוריק אַריין אין ווערקשטעל, פּאַוואָליע צוגעלענט די טיר הינטער זיך. ס׳שוין באַלד האַלבע נאַכט. די ריזיקע אַרבעטשטוב, אַ סאַליע מיט זעקס פענצטער, איז געשטאַנען אַ פאַרפינצטערטע. פון דער פינצטער האָבן אַרויסגעלויכטן די ווייס־איבערגעדעקטע מאַשינען, דער גרויסער צושנייד־טיש, דער קלענערער טיש צום פּרעסן מיטן פּרעס־אייזן אויף אים. ער איז געשטאַנען, געקוקט, געשאָקלט מיטן קאָפּ: ווי לאַנג וועט ער דאָס אויסהאַלטן? און ווי לאַנג וועט ער אַזוי לאָזן די מאַכערס אין מייַנסטער־פּאַראייך זאָלן אים פירן ביי דער נאָז? נאָך אַ וואָך, אַז די קליענטעלע וועט זען ס׳רירט זיך ביי אים גאָרנישט פון אָרט גייען זיי אַוועק צו ווישליצקין, צו קאַרפּינסקין, ביי זיי סטרייקט מ׳דאָך נישט. די פּוילישע אַרבעטער ליגן איינגעלייגט, דאַנקען גאָט זיי האָבן אַ שטאָך אַרבעט!

ווו איז פּעסעלע? ער האָט געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, ער האָט זי דאָך נישט געזען אַרויסגיין פון ווערקשטעל זיך לייגן שלאָפן. ווי ער האָט נישט געזען זי, אַזוי האָט אויך די שוועסטער אים נישט געזען, נישט געהערט אים גאָר אַריינקומען אין דער אַרבעט־שטוב. פאַרן גיין שלאָפן איז זי ווידער געהאַט צוגעגאַנגען צו איינעם פון די פענצטער, הויכע און ברייטע אויף דער האָזשע גאַס אַרויס, געעפנט אַ לופטשיק און אַרויסגעבויגן דעם קאָפּ. ווי אַלע אָוונט האָט זי אויך איצט געוואָלט אַראָפּוואַרפן א צעטעלע צו די פּיקעטס אונטן, אפשר אַ צוואַנציק אירע, וואָס זענען געגאַנגען הין און צוריק איבערן טראָטואַר, נישט אָפּגעטרעטן פון דאַנען טאָג און נאַכט! וויפל מ׳זאָל זי נישט היטן, געפינט זי דאָך אַ געלעגנהייט אָנצוהאַלטן איר קאָנטאַקט מיט די אַרבעטער, זיי אינפאָרמירן וואָס דאָ גייט אָן.

ווי וויל זי קוקט פון צווייטן שטאָק און די גאָס איז טונקל, קוים, קוים באַלויכטן, זעט זי דאָך קלאָר יעדן איינעם פון די סטרייקער, אויך די צוויי פּאַרוואַלטונגס־מיטגלידער צווישן זיי. אָט גייט דער סעקרעטאַר

פון פּאַראַיין, דער חבר לעאָן, דאָס פּוטערנע קעלנערל פון מאַנטל — אויפגעשטעלט, דעם קאָפּ אַריינגעצויגן צווישן די אַקסלען און אַט, דער צווייטער לעבן אים, גייט דער חבר נתן חיים. פאַרוואָס רופט ער זיך מיט אַזאַ פּראָווינצער נאָמען? אַ חבר דאַרף נישט הייסן נתן חיים, נאָר לעאָן, אַרטור, מאַריק. נאָר וואָס מאַכט דאָס אויס אַ נאָמען? ער איז אַ טייער יינגל, דער נתן חיים. ער האָט איר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, איר געזאָגט אַז זי האָט אַ ווייסע צערע און צוליב דעם זענען אירע אויגן און האָר נאָך שוואַרצער און שענער!

אַ פאַרשטעקטע הינטער אַ העלפט פון לאַנגן פּאַרטיער, איז זי געשטאַנען און, אין קנאַפּן ליכט פון דער גאַז־לאַמטער, וואָס אַנטקעגן, אינדרויסן, האָט זי געשריבן אַ צעטעלע, אַראָפּצוּוואַרפן עס צו די חברים אונטן, איז פּונקט דער ברודער אונטערגעקומען ווי אַ שאָטן, געטאָן אַ לייג אַרויף די האַנטפלאַך אויפן פּאַפּירל און עס אַפּערגעכאַפּט פון אונטער איר שרייב־פּענדל. גיך איז ער צו מיט דעם צו צום שנייד־טיש, אָנגעצונדן דעם עלעקטרישן לאָמפּ און גענומען לייענען:

„חברים, האַלט זיך פעסט, מיין ברודער איז שוין גרייט נאָכצוגעבן, בלויז מיין שוועגערין...“

ער האָט אויפגעהויבן דעם בליק פון פּאַפּירל, געקוקט צו דער שוועסטער. ווי פריער ביים פאַרנאַכטיקן פאַרהער, איז פעסעלע ווידער געשטאַנען קעגן אים דרייסט, אַרויסרופעריש, עפּעס ווי אַן אויפגעצערנטע קאַץ, גרייט אים צו שפּרינגען אין די אויגן. ער האָט געשטוינט: פון וואַנעט קומט צו איר אַזאַ דעצידירטקייט, אַזאַ דרייסטע אַנטשלאָסנקייט? ער האָט טאַקע אין פינפטן יאָר אַרומגעפּאַנעוועט, געווען אַ פּעפּעסאָוויעץ, געטראָגן די פאַן, אָבער אַזוי ווי זי?

— פעסעלע, — האָט ער געפאַכעט צו איר מיטן צעטעלע, — שיין אַזוי? מסורן אַן אייגענעם ברודער? און פון וואַנעט ווייסטו, אַז איך בין שוין גרייט נאָכצוגעבן?

— פון וואַנעט איך ווייס? — האָט זי שמייכלענדיק אים צוריק־געפרעגט. — איך זע דען נישט וואָס דאָ טוט זיך? ווי לאַנג נאָך קענסטו דען אויסהאַלטן?

ער האָט געשוויגן, געגאַנגען הין און צוריק איבער דער אַרבעט־שטוב. די מויד איז דאַך גערעכט. די פּאָר וואָכן פאַר יום־טוב לויפן אַריבער, ווי לאַנג נאָך וועט ער טריצן? ער איז אַרויס פון ווערקשטעל, געטאָן אַ קנאַק מיט דער טיר, זי מעג שוין שרייבן צעטעלעך! מאָרגן רופט ער די פאַרשטייער פון נאָדל־פּאַראַיין און זאָל עס נעמען אַ סוף!

ביי דער פאַרזאַמלונג אין נאָדל־פּאַראַיין, צו פייערן דעם זיג, האָבן די אַרבעטער געיובלט, געהויבן פעסעלען אינדערהויך, געשריגן הוראַ און

די רעדנער, איינער נאָך איינעם, האָבן זיך געגרויסט מיט איר: אָט אַזוי האַנדלט אַ קלאַסן־באַוווסטע, אַן איבערגעגעבענע חברטע!

דער איינציקער, וואָס האָט נישט גענומען קיין וואָרט צו באַגריסן, נישט געשריגן הורא, נאָר געזעסן אַ שטילער, אַ פאַרטראַכטער, איז געווען נתן חיים. עפּעס האָט זיך אים נישט פּאַטאָפּעט [12] אין קאָפּ. פון איין זייט האָט עס אים הנאה געטאָן, וואָס דער סטרייק איז געווונען, די באַלמעלאָכעס וועלן פאַרדינען אויף יום־טוב. פון דער אַנדערער זייט אָבער איז ער נישט געווען אַזוי זיכער, ווי די אַנדערע חברים, צי די פּעסעלע איז טאַקע גערעכט. אַוודאי, פאַרן פאַראיין איז זי אַ העלדין, צו איר ברודער אָבער, צו איר אייגן בלוט און פלייש איז זי אַ פאַררעטערין, אַ שפּיאָן און אַ מסור! מעג אייגן בלוט און פלייש אַזוי טאָן?

[12] נישט באַנומען.

קאַפּיטל זיבנאונדרייסיק

ווי חנה לאה אַזוי איז אויך יערמע דוד געוואָרן אומרואיק, ווען ער האָט געזען ווי די אָנגעלאָפּענע היימלאָזע קערן זיך אום אין זייערע שטעטלעך אַריין. אַוודאי, חנה לאהעלען איז געלעגן אין קאָפּ אַ נייע דירה דאָ, אין וואַרשע, ער אָבער, כאָטש אַזוי קראַנק, איז גרייט געווען באַדיי צופוס זיך אַוועקלאָזן קריק אַהיים, קיין מאָדזשיץ.

חנה לאה האָט זייטיקלעך געקוקט אויפן מאַן מיט באַדויער, געמורמלט צו זיך אין דער שטיל: נעבעך, די אויגן ווילן, די פיס אָבער זענען אים געליימט. ווער, ווער, זי האָט וויל געוווּסט, וואָס יערמע דודן ציט אַזוי קיין מאָדזשיץ. אַוודאי שניידט אים דאָס האַרץ אויף די איבערגעלאָזטע זאַכן אין פּילעווו, אויף איר ירושה־שטיבל, דער עיקר אָבער ציט אים צום ביסל סחורה. חוצן קופּערט מיט אַלטוואַרג, וואָס מ׳האָט מיטגענומען קיין פּילעווו, האָט מ׳נאָך דריי זעק מיט סחורה באַהאַלטן ביים שוואָגער איטשקע אין מאָדזשיצער־קעלער. ער מיינט נעבעך, אַז זיין גאַנצע קרענק איז בלויז צוליב זיין ווערן אויס פּרנסה־געבער. זאָל ער זיך נאָר קריק־נעמען צום מסחר איז ער אַ געהאָלפענער, שטעלט ער זיך גלייך אויף די פיס:

— ווּוס טיט זעך מיט דיע׳, יערמע דוד, — האָט זי זיך צוגעזעצט לעבן אים אויפן בעטל, איינצונעמען אים מיט גוטע רייד, — אַזאַ יאַזדע ווילסטי דיעך אינטע׳נעמע׳? ס׳אי־דעך דיע׳ שוועיע׳ דוס ציקריכן צי דע׳ טאָבורעטקע פאַ׳ דע׳ טיע׳.

— ווּוס דען? לאָזן די סחורה פאַ׳פאָאַלט ווערן?

— נתן חיים ׳עט פורן. ער ׳עט פאר איינווּעגס אָאָך אָפּטרעיטן אין פּילעוו, זעיען ווּוס דאָרט העיעט זעך.

— שוין ווידע׳ נתן חיים? — האָט ער זי געטאָן אַ קוק אָן מיט זיינע בלויע בייז־אָנגעצונדענע אויגן.

— זינדיק ניש׳, יערמע דוד, לאָאַטן וואָלטן געדאָנקט אין געלויבט זאָאָן ליבן נומע׳ פאַר אַזאַ געטראַאַ קינד ווי נתן חיים איז.

— יעך דאַנק, חנה לאהלע, יעך דאַנק! — האָט ער זיך געטאָן אַ זעץ אויף אין בעטל מיט אַזאַ רוגזה, אַז דאָס גאַנצע ביסל בלוט איז אים אָנגעלאָפן אין פּנים, אַזש די באָרד, גרוי שוין און אָפּגעבליאַקעוועט, איז

אים מיטאיינמאָל געוואָרן קריק צונטער־רויט, אָן אויפגעפלאַקערטער פלאַם.

עטלעכע טעג זענען אַזוי אַוועק אין ברומעניש, אין שטיל געקריגערײַ ביז יערמע דוד האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— ווילסט אַזוי? זאָל זאַאַן אַזוי!

— אָבע׳ ווּס זאָל יעך טיען מיט דע׳ סחורה? — איז נתן חיים געווען צעטומלט פון דעם אומגעריכטן דאַרפן ווערן אָפּגעריסן פון פּאַראיין. אוודאי וויסט ער, אַז צום גלייכסטן וואָלט זיין ער זאָל אַלץ ברענגען קיין וואַרשע. וועלן דאָך אָבער די דייטשן דאָס קאָנפיסקירן. איך גאַרביטער, אפשר צווײ, אויך אַ מאַנטל, עטלעכע שטיקלעך וועש, קאָן מען נאָך דורכפירן, אָבער פולע זעק מיט סחורה?

יערמע דוד איז געלעגן אין בעטל, געקוקט אויפן זון מיט שטאַרע אויגן און נישט געזאָגט קיין וואָרט. אין אים אָבער האָט דאָס האַרץ הויך און ביטער געקלאַגט. די לעצטע האָפענונג זיינע, דער איינציקער חלום צו ווערן ווידער אַ מענטש מיט לייטן־גלייך רינט אים איצט אויס, פאַר׳שווינדט פון אים, צעגייט פאַר זיינע אויגן ווי רויך.

חנה לאה האָט דעם מאַנס שוויגן גוט אָפּגעפילט. דורך אַ ווונק האָט זי דעם זון אַריינגעקראָגן אין קאָרידאָרל, אים דערלאַנגט די אָנגעגרייטע וואַליזקע און מיט אים אַרויס פון שטוב.

— פאַ׳קויף ניש׳ די גאַנצע סחורה, — האָט זי אים אָנגעזאָגט, — יעך האָף צי זאַאַן ליבן נומע׳ וואַאַטע׳ צי האַנדלע׳ אָף דע׳ וואָלאָוקע.

אָנגעקומען קיין מאָדזשיץ איז נתן חיים שפּעט נאָך האַלבן טאָג. געריכט האָט ער זיך אַריינצופאָרן אין אַ חרובער, אין אַן אָפּגעברענטער שטאָט, צום סוף איז קיין איין הויז דאָ נישט אָנגערירט. חוץ וואָס טייל געוועלבער און סקלאַדעס זענען צעראַבירט געוואָרן פון זעלנער, פון די ליבע שכנים, די גויים פון די אַרומיקע דערפער, איז דער שטאָט גאַרנישט געשען. אַוודאי וואָלט דאָס געדאַרפט אים שטאַרק הנאה טוען, איז אָבער צער שטאַרקער פון פרייד. שטאָט פרייען זיך, איז גאַר קאַפּויער געקומען אין אים דער טרויער און תרעומה: צו וואָס האָט מען דאָ געדאַרפט אַרויס־טרייבן די יידן? צוברעכן אַ שטאָט מיט מענטשן, גורם זיין דעם טויט פון אַלטע, שוואַכע לייט, פון קראַנקע, פון יונגע עופעלעך! דער גאַנצער אויסרייד פון טרייבן איז דאָך געווען באשר מאָדזשיץ איז אַ פעסטונג־שטאָט, די שלאַכטן אַרום פעסטונג קענען שטעלן אין סכנה די הייזער, די מענטשן, איז אָט — דאָס זעלבע מאָדזשיץ!

ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי דאָס זעלבע. אַוודאי, די הייזער זענען די אייגענע. אָט איז די קאַנצעליאַר מיט די צוויי קאַשטאַן־ביימער, מיטן ווייס־געפאַרבטן פאַרקאַנדל אַרום גערטל. אָט איז די סאַלטעסענס ראַגאָוו־

מויער, און אַט איז שמחהלע פּוטערפּליאַמס קאַמעניצע — אַלץ ווי איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן און דאַך פּילט זיך עפּעס, ווי דאָס וואָלט נישט געווען דאָס אייגענע מאַדזשיץ! עפּעס איז דאָ אַזאַ געשפּאַנטקייט, אַזאַ אומרואיקייט אין דער לופט. עסטרייכישע זשאַנדאַרן אין בלוילעך־גרויע מונדירן מיט וויקלבענדער אַרום די ליטקעס און ביקסן אויף די אַקסלען, שפּאַנען איבער דער שטאָט אין אַ מין צאַיען זיך ווי גוט טרענירטע הינט. די געוועלבער זענען אָפן, אָבער מ'זעט נישט קיין קונים. דאָס ביסל האַנדל גייט, זעט אויס, אָן דורך די הינטער־טירן. מענטשן אין גאַס גייען נישט, נאָר שוועבן אָן און ווערן באַלד ערגעץ פאַרלוירן.

אַ געשפּאַנטער, אַן אומרואיקער איז נתן חיים אַריין צו ברײַנדלען, דער מאַמעס קוזינע, דאָס ווייבל, וואָס ביי זיין געבוירן ווערן האָט זי געדאַרפט זיין מיט דער מאַמען, זי היטן, כדי אין דער לעצטער מינוט צו לויפן נאָך שרה די הייוון, איז זי גאָר אַוועק צו זיך אַהיים געבן איר מאַן אָנבייסן און צוליב דעם איז די מאַמע דעמאָלט שיער געגאַנגען פון דער וועלט מיט אים אינאיינעם!

— אַ גאַסט, אַ גאַסט! — איז זי אים אַקעגן געקומען צו דער טיר אַ צעשטראַלטע, די גלאַנציקע, רויטע בעקעלעך פרײַדיק אויפגעלויכטן. — פון וואַנעט קימסטי? וואָס מאַכט די מאַמע? דער טאַטע? די קינדער? אַזוי, אַלע אין וואַרשע? — באַלד אָבער איז איר שטערן פאַרצויגן געוואָרן מיט זאָרגקנייטשן: — וואָס דו רעדסט! די מאַמע איז קראַנק און דער טאַטע אויך? זע יעד דאַך שוין, פאַרוואָס אַלע קימען קריק נאָר עץ זיצט אין וואַרשע.

— וואָס דאָ הערט זיך, פרעגסטי? בעסער פרעג נישט. מאַדזשיץ איז איבערגעקערט ווי אַ טאָפּ מיט דער דנאָ אַרויף און דעם מויל אַראָפּ. וואָס אַמאָל איז געווען אויוון איז היינט אונטן און וואָס אונטן איז היינט אויוון.

זי האָט געשטעלט צום טיש טיי, אַ קליאַשל מיט צוקער. מילא, די טיי איז אויך דאָ געווען פאַרבריטע ציקאָריע, דער צוקער אָבער איז דאָך אמתער! נתן חיים האָט געהויבן די אַקסלען אין ווונדער:

— מ'קריגט נאָך דו ציקע'?

— ווּעמען גאָט העלפט, מ'האָט מיט וואָס, קריגט מען אין מאַדזשיץ פון כל־ע־גדולות!

אינמיטן דעם טיי טרינקען איז אַרײַנגעקומען ברײַנדלס מאַן, יאַנקל מיטן קאַזע־בערדל, אויך שכנים האָבן זיך אָנגעהויבן אַרײַניאַווען. מ'האָט זיך געוויטעט, זיך אויסגעפרעגט אויף דעם, אויף יענעם, האָט פּלוצעם זיך דערהערט אַ געפייפערײַ פון פּאַליציייאישע פייפעלעך, וואָס אין זיי ליגן

קייקעלעך און בעתן פייפן ציטערן זיי און יאָגן אָן אַ מורא, אַ פּחד אין די ווייסטע ווינקעלעך.

— וועיע׳ פּאַפּט אַזוי ? — האָט נתן חיים צעטומלט געקערעוועט דעם קאָפּ דאָ צום פענצטער, דאָ צו דער טיר.

— שרעק דיך נישט, ס׳איז גאָרנישט, — האָט אים ברײַנדל באַרואיקט.

— אין מאַדזשיץ איז מ׳שוין צו דעם צוגעוווינט.

דערווייל איז צוגעפאַלן דער אָוונט, די שכנים זענען זיך צעקראָכן, יאַנקל מיטן קאָזע־בערדל האָט זיך אַרומגעגאַרטלט מיט אַ האַנטעך און זיך געשטעלט דאַווענען מנחה־מעריב, איז ער, נתן חיים, אויפגעשטאַנען פון טיש און אַרויס פאַר דער טיר. אָבער איידער נאָך ער האָט זיך רעכט אַרומגעקוקט איז אים ברײַנדל נאָכגעקומען, אַ נײַ פּנים קען אים נאָך אַ זשאַנדאַר נעמען אויספרעגן: ווער, פון וואַנען און דערווייל אים פאַרהאַלטן.

ווידער האָבן זיך דערהערט פייפערייען, אויך אַ שאָס פון אַ ביקס האָט אויפגעקנאַלט און באַלד נאָך איינער. דערשראָקן און געשפּאַנט האָט נתן חיים אויסגעדרייט דעם בליק צו ברײַנדלען, זי אָבער האָט שוין איצט נישט געוואַרט אויף זײַן נאָכפרעגן זיך וואָס דער שאָס מיינט.

— ס׳גייעג האָט זיך שוין אָנגעהויבן, ווילסט זען עפּעס שיינס ? קום אַ ביסל, האָט זי אים גענומען ביים אָרעם.

— אינמיטן געשיסעריי ? — האָט נתן חיים אַ דערשראָקענער זיך געקווענקלט צו מאַכן נאָך אַ טראָט.

— ס׳גאָרנישט. האָט אים ברײַנדל באַרואיקט ! דאָס איז געשאָסן אויף פּוסט, אין דער לופט.

זיי האָבן גענומען גיין. דער וועג צום פאָלוואַרק, די פעלדער אַרום, די טעלעגראַף־סלופּעס, אַלץ איז איצט געווען איינגעהילט אין נאַכט, אַ ליב־ווייכע זומער־נאַכט, פול מיטן קוואַקען פון זשאַבעס, מיטן קוויטשיקן געזעג פון גרילן, מיטן געזשום און געפּלי פון באַבעלעך, פון פייער־פליגן, וואָס אַלע ווילן לויכטן זיי אויף אין א גליאיקן ציטער און לעשן זיך באַלד צוריק אויס.

נתן חיים האָט אָנגעשטרענגט דעם בליק. עפּעס דאַכט זיך אים, ער זעט דורך דער טונקלקייט שאָטנס ציען איבערן קאָרנפעלד, צווישן די קאַרטאָפל־בייטן. ווי פירפיסיקע בעלי חי לויפן די שאָטנס איינגעבויגענע, גיך, גיך.

— זעסט, — האָט ברײַנדל אים געוויזן אויף די פאַרבייציענדיקע שאָטנס, — פון דעם לעבט היינט מאַדזשיץ. די זשאַנדערמעריע היט מיט טויזנט אויגן, אָבער ס׳ייִנגוואַרג שמוגלט ! ווייסט דאָך, מאַדזשיץ איז אונטער קירה און ריקע איז אונטערן דייטש, טראָגט מען פון דאַנעט אַהין און פון דאָרטן אַהער. כאָטש, אומשטיינסגעזאָגט, וואָס מ׳קען שוין

פון דאָרטן ברענגען. יעקע גנב נעמט דאָרט אַוועק דעם ביסן פון מויל, ביי אונדז אָבער איז, ב״ה, נאָך דאָ פון אַלעם גוטן. נעמט אַ בחור צוואַנציק, צי גאָר פינף און צוואַנציק פינטלעך שפּייז און לאָזט זיך מיט דעם קיין ריקע. יעדן טאָג גייט אַן אַנדער סדרה. היינט איז פּערלגרויפּן, מאָרגן — קאַשע, איבערמאָרגן — הירזש, מעל, אַרבעס און וואָס נישט? אָט, מיט די זעקלעך אויף די פּלייצעס גנבעט מ׳זיך אַרויס פון די שטובן און, זעסט דאָך ווי זיי ציען איבער די פעלדער ווי האָזן. אַלע ציען זיי צום ריקער־וואַלד. די זשאַנדערמעריע יאָגט נאָך, פּייפט, שיסט, אָבער חברה גרייכט דעם וואַלד. מיינסט זיי גייען דאָרט מיט סטעזשקעס? זיי טרעפן דעם וועג דורך קושאַקעס, דורך זומפּן און אַז גאָט העלפט, אַלץ גייט אָפּ בשלום, מ׳זעצט אָפּ דאָס ביסל סחורה אין ריקע, גנבעט מ׳זיך צעמאָרגנס צוריק אַריין קיין מאַדזשיץ, מ׳קריכט אַריין אין די בעטן און, נאָך וואַרעמעס, אויסגעשלאָפענע, אויסגערוטע, לאָזט מען זיך דורך די הינטער־טירן ווידער איינקויפן ביי די קרעמער ביסלעך סחורה און מיטן צופאַלן פון דער נאַכט, הייבט זיך אָן דאָס גענעג אויפסניי.

— ווער פאַרנעמט זיך אַלץ מיט דעם?

— ווער פאַרנעמט זיך נישט מיט דעם?

— די גאַנצע שטאָט לעיבט פון שמוגל?

— מ׳קען נישט זאָגן די גאַנצע שטאָט. די געוועלבניקעס שמוגליען נישט. זיי שטעלן בלויז צו ס׳זאָל זיין וואָס צו שמוגליען. אַנדערע האָבן געעפנט שענקלעך. אוי! — האָט זי פּלוצים אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, — כ׳האָב שיער פאַרגעסן, — האָסט כאָטש געהערט וואָסער סוף שמחהלע פּוטערפליאַם האָט נעבעך געהאַט?

— שמחהלע? — איז נתן חיים געבליבן שטיין און געקוקט אויף איר מיט אויפגעריסענע, דערשראָקענע אויגן.

— עך האָט גאָרנישט געהערט? — האָט זי זיך אַלץ נישט געקענט גלייבן אַז וועגן אַזאַ רציחה, זאָל מען נישט האָבן געהערט אין וואַרשע. — אַז פּאַניע האָט גענומען זאַקלאַדניקעס, דאָס האָט עך דאָך יאָ געהערט. ני, האָבן זיי פאַרנומען אויך שמחהלען. ווייסטו דאָך ווער שמחהלע איז געווען. ער האָט דען געקענט איינרוען? — האָט ער גלייך גענומען דופּען[1] מ׳זאָל אים אָפּלאָזן אין שטאָט אַריין זיך נאָך אַמאָל זען מיט ווייב און קינדער. נו, נו! דו האָסט אים געזען? אַזוי האָבן זיי אים שוין געזען. ס׳הייסט געזען האָבן זיי אים יאָ, נאָר ס׳וואָלט שוין גלייכער געווען ווען זיי זאָלן אים נישט. ווייסט דאָך, די וועגן זענען געווען פול מיט צעיושעטע זעלנער און ער האָט דאָך שטענדיק געטראָגן געלט מיט זיך. אפשר טאַקע צוליבן וועלן איבערגעבן דאָס געלט צו מירעלען, האָט ער

[1] זיך מיען.

זיך אַזוי געריסן אַהיים. אַ כּלל, וואָס זאָל איך דיר לאַנג ברייען? ווען מ׳האָט אים געפונען צווישן קאָרן, האָט מען אים קוים געקענט דערקענען!

— און ווס איז געוואָרן מיט מירעלען? מיט די קינדע׳?

— וואָס פון זיי איז געוואָרן? פרעג בעסער נישט! ווען שמחהלע שטייט אויף פון קבר און זעט וואָס פון זיין ווייב און טעכטער איז געוואָרן, וואָלט ער זיך לעבעדיקערהייט באַגראָבן. מילא, דאָס יינגל, מאירל, ער איז אַוועק מיט די רוסן. ער איז דאָך געגאַנגען אין זיין טאַטנס דרכים, געהאַנדלט מיט פּאַניע ווי שמחהלע. ווידער מירעלע מיטביידע טעכטער? דו דאַרפסט זיי זען, צוויי כּלה־מיידלעך, שיין ווי די וועלט! פאַרשטייסטו דאָך שוין אַליין. שמוגליען קענען זיך נקבות נישט אינטערנעמען, קיין דירה־געלט פון דער קאָמעניצע קריגן זיי אויך נישט, האָבן זיי זיך פאַרלייגט אַ שענקל. ני, ני, פרעג דיך שוין גאָרנישט, וואָס דאַרט טוט זיך! ס׳איז נישט שיין צו ריידן. מ׳שמועסט, אַז די מאַמע רייסט זיך מיט די טעכטער איבער אַ ליובאָווניק! וואָלסטו זיך געקענט פאַרשטעלן אַזאַ סוף פון אַ משפּחה? שמחהלע איז טאַקע בחורוויז נישט געווען קיין צדיק און מירעלע נישט קיין צדיקת, אָבער נאָך דער חתונה האָבן זיי זיך געסטאַטקעוועט, אויפגעצויגן לייטישע קינדער, ס׳יינגל געהאַלטן ביי מלמדים, די מיידלעך געשיקט אין שקאָלעס, האָט געדאַרפט אויסברעכן אַ מלחמה און אָנמאַכן אַזאַ חורבן!

נתן חיים איז געגאַנגען לעבן איר אַ שטילער, אָן איינגעשוויגענער, אין אים אָבער האָט דאָס האַרץ געוויינט, זיך געקורטשעט פון ווייטיק. די יינגערע פון די צוויי מיידלעך איז חנהטשע! מיט איר פלעגט ער זיך דאָך שפּילן אַלס קינדער. אַפילו דערנאָך, אונטערגעוואַקסענע שוין, כאָטש זיי האָבן זיך ביידע געדרויטלט, האָבן זיי זיך דאָך באַגריסט, אַז זי איז געזעסן אויפן באַלקאָן און ער איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט זי שעמעוודיק אַראָפּגעשמייכלט צו אים. איז זי געוואָרן אַזאַ?...

— נאָר מיליטערלייט זענען די איינגייער צו זיי אין שענקל?

ברײנדל האָט אומגעקערט דעם בליק צו אים. לויט דעם פרעגן האָט זי זיך געכאַפּט וואָס ער איז דאָ אויסן. איר האָט שוין באַנג געטאָן דאָס גאַנצע דער׳ציילן אים. ער איז דאָך אויסגעוואָקסן ביי שמחהלע פוטער־פליאַם אויפן הויף, געדאַוונט אין זיין שטיבל:

— יעך ווייס? — האָט זי געהויבן די אַקסלען, — יעך קים דאָרט נישט אַרויף, מיין יאַנקל אויך נישט.

שפּעטער אין אָוונט איז נתן חיים אַליין פאַרבייגעגאַנגען שמחהלע פוטערפליאַמס מויער. די פאַרשייטע געלעכטערס, דאָס געגרימפּל פון אַ פּאַנאָגראַף, אַלץ האָט זיך דורכגעריסן דורך די פאַרמאַכטע און פאַרהאַנ־גענע פענצטער פון די סאַליעס אויפן אויבערשטן שטאָק. זאָל ער אַרויפגיין?

טאָמער נעמט אים אַ מיליטערמאַן פאַרן קאַרק און וואַרפט אים אַראָפּ פון די טרעפּ? איז אָבער נתן חיימל נישט פון יענע, וואָס אַנטלויפן פון געפאַר, האָט ער זיך פאַוואָליע און שטיל אַרויפגעשאַרט אויפן ערשטן שטאָק, געעפנט די טיר און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אַ שניף צו טוען. ס'איז געווען די זעלבע קיך, נאָר די גלאַנציקע, קופּערנע טעפּ און פאַנען, וואָס פלעגן באַצירן די וואַנט איבער דער פּליטע, זענען איצט נישט געווען. בלויז זייער שליאַד, די רונדע צייכנס, העלערע ווי דער אַרום, זענען געבליבן אויף דער נאַקעט, פאַרשעמטער קיך־וואַנט. די עסטרייכער, זעט אויס, האָבן דאָ געטאָן דאָס אייגענע, וואָס זייערע פאַרבינדעטע, די דייטשן, האָבן געטאָן אין זייער געביט. אויך זיי האָבן קאָנפיסקירט ביי דער באַפעלקערונג דאָס קופּער און מעש און בראָנז.

ער האָט געקערעוועט דעם בליק אין אַלע זייטן. קיין דינסט איז דאָ, זעט אויס, מער נישטאָ. ליידיקע פלעשער פון ביר און וויין וואַלגערן זיך וווּ נאָר דאָס אויג פאַלט. ער דערמאָנט זיך ווי אין דער קאַך־שטוב האָט דער געלער משה געגרייט די יויכן, די געבראָטענע קאַטשקעס און גענדז, נישט ווי היינט צום פּרעס פאַר די אָפּיצערן, נאָר אויפן סיום הספר, און ער, נתן חיים מיט זיין חברל באַליעק האָבן געדזשוויגעט [2] די אָרעמס האַלץ צו שטייגערן דאָס פייער אין דער צעגליטער פּליטע, אין דעם אָנגעהייצטן אויוון צום באַקן.

פאַרזיכטיק און שטיל האָט ער געשטעלט אַ טראָט אַריבער די שוועל און באַלד נאָך איינעם. דורכן פאַרהאַנגענעם פאַרטיער האָט ער געכאַפּט אַ קוק אין די אינעווייניקסטע שטובן. וויי, וויי! אָט דאָ, אין די סאַליעס, האָט דאָך אַמאָל געשפּילט די זשעלעכאָווער קאַפּעליע. יידן האָבן דעמאָלט, אין פאַרכטיקן ציטער, אַריינגעשריבן אותיות אין דער תורה און זי, מירעלע, וואָס וואַלגערט זיך דאָרט איצט מיט אַן עסטרייכישן לויטנאַנט און איר פאַרשייט לאַכן פאַרשעמט די סטעליעס, די ווענט, די מירעלע האָט דאָך דעמאָלט, ווי אַ צנועהדיקע כלה לעבן איר באַשערטן, געטראָגן מיט שמחהלען די ספר תורה אַראָפּ די טרעפּ, אונטער דער חופּה אַרונטער. אין די יום טובים האָט מען דאָך אין די סאַליעס געמאַכט אַ בית שני, ארויפגעבערענגט פון שטיבל אַ ספר תורה און בעת דער בעל קורא האָט געלייענט, איז מירעלע מיט די צוויי מיידלעך געזעסן אין דער צווייטער סאַליע און, פון הינטער דעם פאַרהאָנגענעם פויערהאַנג, נאָכגע־זאָגט ברוך הוא וברוך שמו אָמן. און איצט? אָט וואַלגערן זיי זיך אַלע ווי נפקות, יעדע אין אַ באַזונדער שטוב מיט אַ באַזונדערן מיליטערמאַן! זייער פאַרשיכורט לאַכן הייבט די סופיטן, לעכערט די ווענט. אָט שטייט

[2] געטראָגן.

ער פאַרשטעקט הינטער אַ פּאָרטיער און קיינע פון זיי כאַפּט זיך נישט אַז עמעץ זעט, קוקט אויף זיי. און ווי אומפאַרשעמט דאָס חנהטשעלע זיצט אויף דער שויס פון דעם צעכראַסטעטן אָפיצירל! די שוואַרצע אויגן גליען ביי איר, ווי די פייערן אין גהינום. די רויטע באַקן פלאַמען איר אַז מ׳קען אין זיי אַ ציגאַרעט פאַררייכערן. אוי, מאַמע, מאַמע! זי גייט דאָך אַפילו נישט אין קיין קלייד נאָר אין אַ פּאָר שוואַרצע, אטלאַסענע הויזן, אַזוי אויסגעפּאַסט אז אָט, אָט פּלאַצן זיי אויף אירע פולע אויסגערונדיקטע היפטן!

גרויסער גאָט! וואָס איז דאָ געשען? ווי אויסטערליש, נישט נאָר בושה און ווייטיק! אויך תאווה, הפקרדיקע תאווה האָט אים, נתן חיימען, אַרומגעכאַפּט. אָט, אָט און ער פליט אַריין אין סאַליע, רייסט אַרויס חנהטשען פון דעם מאַנצבילס אָרעמס און בייסט זיך איין אין איר מויל, אין איר ווייסן האַלדז, אַזאַ געטאָקטער, אַזאַ נפקאדיק אַנטבלויזטער!

אַ צעווייטיקטער, אַ געבויגענער אין דרייען, איז ער אַראָפּ צוריק פון די טרעפּ, די זעלבע טרעפּ, וואָס אויף זיי האָט ער זיך קינדוויז געשפּילט מיט חנהטשען אין טאַטע־מאַמע, אין מאַן און ווייב און לאַנג, נאָך דעם שפּילן זיך מיט איר, טאַקע געחלומט וועגן חנטשען ווי אַ ייִנגל חלומט וועגן זיין באַשערטער, זיין ווייב!

קאַפּיטל אַכטאונדרייסיק

נײן, פֿאַרפֿוילט איז די סחורה נישט געװען, אָבער װאָס טוט ער מ׳יט איר? אַװעקשטעלן זיך מיט אַ טישל אין מאַרק? דאָס װעט אַװדאי ברענגען אַ בעסערן מקח, עס מײנט אָבער זיצן װאָכן אין מאָדזשיץ, חוץ דעם, די מאָדזשיצער אַלטװאַרג־הענדלער װעלן אים דען לאָזן שטײן מיט אַ טישל און טוען מסחר בעת זײ דרײען זיך אַרום שלינג און שלאַנג. אַז מ׳מאַכט נישט קײן נײע מלבושים, פֿאַרקױפֿט קײנער נישט פֿון זיך דאָס אַלטע, האָבן זײ נישט מיט װאָס צו האַנדלען. זענען זײ אים באַפֿאַלן און אײנס און צװײ אָפּגעקױפֿט בײ אים דאָס ביסל סחורה.

איצט װאָלט ער אײגנטלעך געקענט אױסדרײען דעם דישעל קריק קײן װאַרשע, מוז ער אָבער פֿריער אַרײנפֿאָרן קײן פּילעװ. װי װײל מ׳האָט שױן געהערט װאָס פֿון דער שטאָט איז געװאָרן, איז נאָך אַלץ די מאַמע באַשטאַנען ער זאָל אַהינפֿאָרן און אַלײן זען װאָס דאָרטן טוט זיך. איז ער אײנגעזעסן אין צוג און אַרײנגעפֿאָרן קײן פּילעװ.

מאַמע קרױן! אױף אַזאַ חורבן האָט ער זיך נישט געריכט. מאָדזשיץ, אַ פֿעסטונג־שטאָט, איז געבליבן גאַנץ און פּילעװ איז צעשטערט ביזן גרונט! װוּ נאָר דער בליק פֿאַלט ליגן בערג לײם און ציגל, צעבראָכן גלאָז און נישט דערברענטע גליאָװנעס און, איבער דעם אַלעם — קוימענס! אַ װאַלד פֿון שװאַרץ־פֿאַרסמאַליעטע קוימענס. דאָ און דאָרט איז געבליבן שטײן אױך אַ האַלב־אײנגעפֿאַלענע װאַנט מיט שטיקער נאָכהענגענדיקע סופֿיטן, נאָך מיטן טינק און פֿאַרב פֿון גרין, בלױ, ראָז, דער איבערגעבליבענער זכר פֿון מענטשלעכע שטובן, פֿון קינדערס צימערן. זון די בערג לײם און ציגל זענען שױן פֿאַרװאַקסן מיט קראָפּיװע, מיט שטעכיקע בערעלעך, אַלע אַזױ זעטיק צעבליט, אַזױ הױך אױפֿגעגאַנגען, אַז קעץ און הינט קענען גאָר לײכט אין די טיפֿענישן פֿאַרלױרן גײן.

אַז די הײזער ליגן צעשטערט, זענען די קריקגעקומענע ײדן מיט זײערע געזינדן פֿאַרקראָכן אין גריבער אונטער דעם איבערבלײב פֿון זײערע פֿאַרברענטע און חרובֿע הײמען. יענע, װאָס האָבן געהאַט קראָמען, האָבן אױפֿן אױבערשטן טרעפּל, װאָס פֿירט אַראָפּ אין גרוב, צוריק פֿאַרלײגט זײערע קרעמלעך פֿון שפּײַז און נאַפֿט, פֿון ביסל אָפּגעראַטעװעטן צעלניק. שוסטער האָבן זיך געזעצט בײ די ערדענע טרעפּ לאַטען אַ כאָדאַק צו פֿאַרדינען אױפֿן שטיקל ברױט. און װי די טאַטעס און מאַמעס

אַזוי האָבן די קינדער זיך קריק איינגעהיימישט און זיך גענומען שפּילן אין די בערג גרוז און ציגל און הינער גייען שוין אויך אַרום אין די געדיכטעניש פון דער אָנגעוואַקסענער קראָפּיווע, שאַרן מיט אַ פּיסל הינטער זיך און גראָבן אויס מיט די שנאָבלען אַ קערנדל תבואה, אַ קריש ברויט, אַן ערדוואָרעם.

ווי שווער אים איז געווען אונטערצושיידן פון איין חורבה צו דער אַנדערער, האָט דאָך נתן חיים דערקענט די שטיין־געבליבענע שטיקער ווענט פון הער טאָביאַשס מויער און, לויט די ציגלטרעפּ, האָט ער אויך דערקענט דעם קעלער, אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז נאָכן גאַנצן ראַיען זיך אין די בערג מיט גרוז, צווישן די טיפעניש פון דער אָנגעוואַקסענער קראָפּיווע, האָט ער נישט געפונען קיין פאָדעם פון זייער איבערגעלאָזטן האָב און גוטס. די ליבע שכנים האָבן, זעט אויס, גוט באַאַרבעט אויך טאָביאַשעס קעלער! צו וואָס לייקענען? טאָמער האָט זיך פריער ביי אים אַרויסגעריסן אַ זיפץ אויך איבער דעם חורבן אויף דער ארומיקער, דאָרפישער באַפעלקערונג, אויף זייערע פארברענטע כאַטעס, צעשטערטע ווירטשאַפטן, אויפגעריסענע, אין טראַנשייען צעקאָפּעטע פעלדער, האָט ער איצט מער די מיטלייד אויף די שכנים פאַליאַקן נישט געהאַט. פאַרקערט, ער האָט זיך געקילט דאָס האַרץ וואָס גאָטס שטראָף האָט זיך אויך אויף זיי אַראָפּגעלאָזט!

דערווייל איז געוואָרן שפּעט, קיין באַן צוריק איז שוין היינט נישטאָ, וווּשע גייט ער? ער ווייסט, אַראָפּ, לעבן דער ווייסל, האָט פאַר דער מלחמה געוווינט די קוזינקע שרה, די עלצטע פון פּעטער איטשקעס טעכטער, אָבער אונטער וועלכן בערגל ליים און ציגל קען ער זי איצט געפינען? איין חורבה איז דאָך ווי די אנדערע און דאָך איז ער אַהין דערקראָכן.

די קוזינקע שרה, אַ הויכע, מאַנבילישע יידענע מיט לאַנגע הענט און גרויסע פיס, האָט אים באַגעגנט ביים אַראָפּגאַנג אין איר אויסגעגראָ־בענעם גרוב, דער איבערבלייב פון הויז, ווו זי, דער מאַן מיט די זעקס קינדער, האָבן פאַר דער מלחמה געוווינט צוזאַמען מיט אירע שווער און שוויגער.

אַ היבשע ווייל איז אַוועק איידער נתן חיים האָט זיך צוגעוווינט צו זען אין דער פינצטער ווו ער געפינט זיך דאָ.

— אינדז זע׳מע׳ שוין צוגעוווינט צי דעים. — האָט די קוזינקע שרה זיך פאַרענטפערט פאַרוואָס עס ברענט נישט אין דעם גרוב כאָטש אַ קליין קאַגעניצל. — אַז אַ טראָפּן נאַפט איז דאָך מיט גאָלד צוגלייך! אַפילו פאַר געלט קריגט מען עס נישט.

— יאָ, דער מענטש געוווינט זעך צי אַלץ צי, — האָט נתן חיים מיטגעקרעכצט.

די אויגן זיינע האָבן זיך טאַקע באַלד צוגעוווינט צו דער פינצטער און גיך באַנומען ווו ער איז דאָ. דער באַרג ערד איבערן קאָפּ איז געווען אונטערגעשפּאַרט מיט ברעטער און סלופּעס ביי זייערע עקן. דער ערדע־נער דיל, אַ האַרט איינגעטרעטענער שויך, איז ריין אויסגעקערט. שטאַט בעטן, זענען אין די ערדווענט אויסגעשניטן נישעס מיט ערדענע טאַפּ־טשאַנעס, אויסגעבעטעט מיט שטרוי, איבערגעדעקט מיט ליילעכער און איבערבעטן. אין איין ווינקל איז געשטאַנען אַן אויפגעמויערטע פּליטע מיט אַ בלעכענעם קוימען צום דרויסן אַרויס. אין צווייטן ווינקל איז געשטאַנען אַ טישל פון צונויפגעלייגטע ברעטער און לעבן דעם — צוויי טאַבורעטן ווייט צערוקט מיט אַ דיק ברעט איבער זיי, אַ באַנק, לאַנג גענוג פאַרן גאַנצן הויזגעזינד.

— יעך זע די קיקסט זעך גיט אַרים, — האָט די קוזינקע שרה געשמייכלט צו אים און אירע שוואַרץ־גליאַיקע אויגן האָבן פון דער פינצטערניש אַרויסגעלויכטן מיט דעם איטשקאַלע־גלימערל, וואָס קען דורכהעלן דעם טיפסטן חושך. — יאָ, יאָ, אַזוי וווינט מען היינט אין פּילעוו! אַוודאי, די גבירים זענען נישט צוריקגעקומען פוילן אין די גריבער. זיי זענען געבליבן זיצן אין זייערע סאַליעס אין וואַרשע, אין לובלין, די אָרעמעלייט אָבער האָבן נישט געהאַט קיין ברירה, איז מ׳פאַר־קראָכן אין די לעכער ווי מייז.

זי האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע אָנצולייגן אַ פייער אונטער דער פּליטע. פון דעם קליינעם פלעמל האָט דער גרוב אויפגעלויכטן גלייך אַ גאַנצע זון וואָלט זיך דאָ צעשיינט.

— זעסט? — האָט זי אים מיט גרויס שטאָלץ געוויזן אויף אַ זייט אין דער ציגלנער פּליטע — אַפילו אַ באַקאויוון האָב איך מיר אויסגע־מויערט! די מיינסט ס׳איז אַ קלייניקייט צו גיין היינט צום בעקער קויפן ברויט פאַר אַכט מיילער? אַזוי אָבער, אַבי מ׳קריגט נאָר דאָס ביסל מעל, באַק איך מיר אָפּ אַ געבעק ברויט אויף אַ גאַנצער וואָך!

— ווי איז יידל? די קינדע׳? — האָט נתן חיים זי געפרעגט.

— מאַאַן יידל? קענסט אים נישט? באַ לייטן אַ מאַן זוכט אַ גילדן פּרנסה. ער זיצט ביי זיינע קומעס און טרייבט הלצהלעך, קאַטאָוועסלעך. די קינדער? איידער דו קוקסט זיך אַרום וועלן זיי אַריינפאַלן מיט אַ בהלה: מאַמע, עסן! אין וואָס הערט זעך עפּעס ביי ענק? ס׳טאַקע וואָר? אויף די וואַרשעווער גאַסן וואַלגערן זיך מענטשן געשוואָלן פון הונגער?

— נאָר אין די גאַסן? באַ אינדז אין שטיב איז דען אַנדע׳ש? — האָט נתן חיים אָפּגעזיפצט.

— וואָסזשע זיצט עץ אין וואַרשע? אין פּילעוו צי אין מאָדזשיץ, גוט צי שלעכט, פאַר הונגער שטאַרבט חלילה קיינער נישט.

— וועיע קען טראַכטן פין קריק קימע׳ קאַ מאַדזשיץ, אַז דע׳ טאַטע ליגט לאַ עלינו איבעראַנאַנד און די מאַמע שלעפּט קוים אירע פיס. אין ווּס ׳עט מ׳ טיען אין מאַדזשיץ? אין פילעוו? אין וואַרשע פאַ׳דינט כאַטש אברהם יאַנקל באַ שיסטעריי, אויך יעד האַף דעד צי קריגן עפּעס צי טיען.

אין מיטן דעם שמועס האָבן זיך אויף די ערדענע טרעפּ באַוויזן אַ פּאָר פיס אין פאַרשטויבטע כאָדאַקעס. פּאַוואָליע האָבן די פיס געשטעלט טריט אַראָפּ און אָט האָט זיך מיט אַן איינבויג, נישט אָנצושלאָגן דעם קאָפּ, באַוויזן דער קוזין יידל. אויך איצט האָט דער שטענדיקער שמייכל זיינער אים אַרויסגעשיינט פון די שוואַרצע, גוטמוטיקע אויגן. אויף אַ קאָפּ נידעריקער פון ווייב, איז ער אויך אין זיין טבע געווען דער היפּוך פון איר. ווי זי איז געווען שאַרף און שטרענג, אזוי איז ער גוטמוטיק און מילד. פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ גאַנצער אויפטוער. קיין פּרנסה פון דעם זידן זייף און ציען ליכט, וואָס ער האָט באַטריבן אין שותפות מיטן פּאָמער, האָט ער טאַקע נישט געהאַט, דערפאַר אָבער איז ער געווען אַ גאַנצער מאַכער אין פּריסוסטווע, אַן איינגייער אין דער פּאָוויאַטאָווע קאַנצעליאַר. אמת, זיין מאַכעריי איז נישט ווערט געווען אַ דרייער. נישט נאָר האָט ער קיינעם פון די פּריזיוונִיקעס נישט באַפרייט פון מיליטער, נאָר ער האָט אַלעמען געמוזט צוריקגעבן יעדן גראָשן, וואָס ער האָט ביי זיי גענומען פאַרן באַפרייען זיי. דאָך איז ער נישט געווען ביליע־וואָר! ער האָט זיך געגריסט מיט די קנעפּללייט, געצויגן דאָס היטל אַפילו פאַרן סאַמע נאַטשאַלניק! דער עיקר אָבער — זיין האַנטשריפט, זיין רעדן רוסיש!

באַלד נאָך דעם יידלס אַריינקומען האָבן זיך אויף די ערדענע טרעפּ באַוויזן באָרוויסע פיסלעך פון קליינוואַרג. איינער נאָך איינעם האָבן זיך די זעקס פּרעסערלעך אַריינגעשטעלט אין גרוב פאַרשטויבטע, אָפּגע־יאָגטע, דער עלטסטער מיטן יינגסטן, יינגלעך פון צען און דריי און פיר מיידלעך צווישן זיי, געדרוקט איינס פון אַנדערן, ווי די טרעפּ אין דעם קעלער אַריין.

— וואָס טוט מ׳ מיט זיי? — האָט יידל זיך געווענדט צו נתן חיימען. — אַ מלמד איז נאָך ווי עס איז דאָ אין פילעוו, אָבער ווו נעמט מען פאַר זיי אַ שקאָלע?

— נאָר שקאָלעס פעלט אים! — האָט די קוזינקע ביטולדיק אַ וויי געטאָן מיטן קאָפּ אויפן מאַן. — פּרנסה־געבער, פון וואַנעט וועסטו נעמען צו צאָלן פאַר זיי?

— וואָס הערט מען עפּעס ביי לייבל משהען? ביי זעלדען? — האָט יידל זיך געמאַכט נישט הערן דעם ווייבס שטאָך און זיך נאָכגעפרעגט

אויף דער שווערן, אויפן שוואָגער, זיינס גלייכן, אַ ווילקענווודיקער ווי ער, מיט אַ שיינער האַנטשריפט, נישט ווי די בידלעס[1] אַרום אים!

— באַ לייבל משהען? — האָט נתן חיים אים קריגעפרעגט. — כל זמן ס׳געווען צי טיען, פלעגט ער אַראָאָסנעמע׳ אַרבעט, פירן אַ ווערק־שטעל פאַרזעך. אַז פאַניע איז אַוועק, ׳אָט ער אָנגעהויבן צי האַנדלע׳. גיט צי שלעכט, קאַ הינגע׳ לאַאַדן זיי חלילה ניש׳.

— ווייסט גאָר וואָס מיר איז איינגעפאלן? — האָט די קוזינקע שרה, אינמיטן גרייטן צום טיש, זיך אויסגעדרייט צו נתן חיימען. — פריער ווי מאָרגן ׳אָסטי דעך נישט קיין באַן. על יעך באַלד אינדערפרי, מ׳זאָל נאָר דערלעבן מיט אַ גיט געזינט, פאַרקנעטן עטלעכע פונט מעל און אָפּבאַקן אַ ביסל פערפל. כ׳על דיר אויך איינקויפן אַ פינף זעקס פונט אַרבעס, ווייסע, רויטע, ציצענע. אַז ביזט שוין יאָ דאָ, נעם כאָטש מיט אַ ביסל עסנוואַרג.

נתן חיימען איז געוואָרן ענג אין האַלדז. אַ שטראָם טרערן איז אים אָנגעלאָפן אין די אויגן אַריין.ביידע טעג אין מאָדזשיץ איז אים דאָס ביסל עסן נישט באַקומען. יעדערסמאָל, וואָס די ברײַנדל האָט אים געבעטן צום טיש און ער האָט גענומען אין האַנט דאָס שטיקל רײַן קאָרנברויט, פאַרזוכט דעם טעלער גריץ, אַזאַ זעטיקע, האָט ער פאַר זיך געזען דעם טאַטנס פאַרהונגערטן בליק, דער מאַמעס געל־פאַרמעטן געזיכט, די בלאַס אויסגעצערטע שוועסטערלעך און כאָטש קיינער פון זיי האָט קיין פּיפּס נישט געטאָן, האָט אים דאָך געקלונגען אין די אויערן זייער פאָרוואורף: „דו עסט, און אונדז?“.

— אדרבא, אַז שרה וויל אַזוי גיט זיין, — האָט ער געזאָגט שטיל, נישט דרייסט.

מילא, אויף וועטשערע איז ער שוין דאָ פאַרבליבן, שלאָפן אָבער דאָ האָט ער גאָר קיין חשק נישט געהאַט. האָט ער אַרונטערגערוקט די וואַליזקע אונטערן טישל, איבערגעלאָזט דער קוזינקע געלט אויפן איינקויף און גיך, איידער עס ווערט פינצטער, זיך אַוועקגעלאָזט אויפן זאַמד, אויפזוכן יאַנקלען, דעם פעטער שמואלס צוקונפטיקן איידעם, וואָס כאָטש ער איז אויף גוטע פינף יאָר עלטער פון אים, האָט דאָך דער יאַנקל זיך גוט מיט אים פאַרטראָגן, אַפילו געגאַנגען מיט אים צעמאָל אין קינעמאַ־טאָגראַף.

אויך דאָס הויז פון יאַנקלס עלטערן איז געווען פאַרברענט, ס׳איז אָבער געבליבן גאַנץ דער געמויערטער קעלער, האָבן זיי אים אָפּגערייניקט פון גרוז, פאַרצויגן איבער אים אַ דאַך, פאַרריכט די טיר, אַריינגעשטעלט

[1] בהמות.

שייבלעך אין די צווײ שמאָלע פּענצטערלעך און זײ האָבן געהאַט אַ דירה, וואָס ווייניק אַזעלכע האָט מען דאַן געזען אין פּילעוו!

ווי וויל נתן חיים האָט דאָ געקענט האָבן אַ געלעגער אײַנעווייניק, האָט ער ליבערשט געוואָלט שלאָפן דרויסן, מיט יאַנקלען אויף זײַן אויסגעבעטע געלעגערל לעבן די טרעפּ. ס׳איז זומערלעב, וואַרעם, דער הימל פּינקלט מיט שטערן, די לופט שמעקט מיט דער זיסקייט פון אויבסט, וואָס צייטיקט אין די אַרומיקע סעדער. לאַנג זענען זײ געלעגן וואַך. די נאַכטיקע שטילקייט האָט געררושט מיט מיליאָנען קולות פון זשאַבעס, פון גרילן, פון מיקן, פון דער ווייסל האָט זיך געהערט דאָס וואַסער־געפּליעסק פון סטאַטעק.[2] די גרינע און רויטע פייערלעך זײַנע האָבן דורכגעשטאָכן די נאַכטיקע פינצטערניש, געטאַפּט דעם וועג קיין וואַרשע.

— ווען פאָרסטי קריק? — האָט יאַנקל האַלב פאַרשלאָפן אים געפרעגט.

— אינדערפרי, מיט דער ערשטער באַן, — האָט נתן חיים אים צוריקגעשעפּטשעט אין אויער און זיך איינגעטוליעט אין דער צודעק.

— יאָ, מ׳דאַרף גיין שלאָפן, — האָט אויך יאַנקל אַ צי געטאָן די דעק איבערן קאָפּ.

ס׳האָט געמוזט זײַן אַ שעה שפּעטער ווי נתן חיים האָט אין שלאָף דערפילט עמעצנס אָטעם איבער זיך. אין פּאַניק האָט ער אַ געשריי געטאָן: אוי! און, שלאָפנדיק נאָך, געזען ווי אַ שאָטן שוועבט אים פאַרביי. אינסטינקטיוו האָט ער געטאָן אַ שפּרינג אויף און יאַנקל באַלד נאָך אים. באָרוועס, אין די אונטערוועש, האָבן ביידע זיך געלאָזט נאָכיאָגן דעם אַפּציענדיקן שאָטן, וואָס האָט זיך געדרייט אין אַ זיג־זאַג צווישן די אַרומיקע ביימער, געהיפּערט איבער שטרויכלונגען און צום סוף זיך געטאָן אַ הייב איבער אַ פּלויט און פאַרשוווּנדן אין די פינצטערנישן פון אַ דערבייאיקן סאָד.

נישט נתן חיים און נישט יאַנקל האָבן, בעתן לויפן, נישט געוווּסט פאַרוואָס אייגנטלעך זײ יאָגן יענעם נאָך. ערשט ביים גיין צוריק דער־שוויצטע, פאַרסאָפּעטע, פילנדיק די מחיהדיקע קילקייט פון טויאיק־פייכטן גראָז אין די באָרוועסע טריט, האָבן ביידע פּלוצים דערזען אין דער זילבערדיקייט פון דער אויסגעשמערנטער נאַכט עפּעס טונקלס פאַר זייערע פיס. און טאַקע איצט, ביים אויפהייבן דאָס געפונענע, האָט נתן חיים זיך געכאַפּט, אַז דאָס זענען זײַנע הויזן. נישט ווייסנדיק האָבן זײ דאָ נאָכגעיאָגט דעם גנב, וואָס האָט אַזוי קונציק־שטיל אָפּערגעצויגן גראָד נתן חיימס הויזן פון אונטער זייער צעקאָפּנס און, לויפנדיק, אַרויסגענו־

[2] אַ מאַטאַרשיפל.

מען פון קעשענע דעם טייסטער מיט געלט, וואָס ער האָט געהאַט איינגע־לייזט פאַר דער סחורה און די הויזן אַוועקגעוואָרפן.

— אוי, מאַמע! — האָט נתן חיים אַ געשריי געטאָן, גלייך ער וואָלט די רגע געקראָגן מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ.

— מ׳דאַרף לויפן אין דער זשאַנדאַרמעריע! — האָט יאַנקל אים, אַ צי געטאָן נאָך זיך.

אינדערפרי האָט גאַנץ פּילעוו געקלונגען מיט דער גנבה. מענטשן האָבן זיך געקליבן אין רעדלעך, געפּרוווט טרעפן ווער דער גנב האָט געקאָנט זיין, געגעבן עצות און די זשאַנדאַרמעריע האָט אויך נישט גע־שוויגן, געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, אים אויסגעפרעגט איינמאָל און נאָכאַמאָל, נאָר מער פון אַלעם האָט אַרומגעשמייעט דער קוזין יודל. ווער נאָך אין פּילעוו קען אַזוי דאַטש ווי ער? און ווער ציט ס׳היטל פאַר די זשאַנ־דאַרן? זאָל נתן חיים נאָר אים לאָזן, איינס און צוויי געפינט ער די גנבה!

אין זיין ביטערער פאַרצוגטקייט האָט גאָר נתן חיים געלאַכט פון דער גאַנצער טרעוואָגע, פון יודלס שמייען. אים האָט געצויגן צו דער באַן, וואָס גיכער צו אַנטרינען פון דער זשאַנדאַרמעריעס אויספרעגענישן, פון דעם עולמס באַדויערן אים. נאָך גוט, האָט ער זיך געטרייסט, וואָס ער האָט פאַרן שלאָפן גיין איבערגעלאָזט דער שרהען געלט אויף דעם איינקויף. גאָט זאָל אים נאָר העלפן ער זאָל כאָטש דאָס ביסל עסנוואַרג אַהיימ־ברענגען בשלום.

די ערשטע וואָך, אויף דער דעמבלינער סטאַציע, איז ער טאַקע, געלויבט זיין ליבן נאָמען, גאָר גרינג איבערגעקומען. סיי די עסטרייכער אויף זייער זייט, סיי די דייטשן אויף דער אַנדערער זייט האָבן רעווידירט יעדן פּאַסאַזשיר, אַרויסגעצויגן פון זייערע וואַליזקעס שטיקער וואָלנ־שטאָף, פּעקלעך צעלניק, פלייש, מעל, אים אָבער האָט קיינער נישט געטשעפּעט, בלויז געפרעגט אים, ווי פון יוצא וועגן, וועלכע זיין וואַליזע איז און אַפילו נישט פאַרלאַנגט ער זאָל די וואַליזע אַראָפּנעמען פון דער אויבערשטער וואָגאָן־באַנק. ס׳האָט אים הנאה געטאָן נתן חיימען, וואָס די גרענעץ־וואַכן דערקענען אים לויטן אויסזען, אַז ער איז נישט קיין שמוגלער, נאָר אַן ערלעכער, פּשוטער פּאַסאַזשיר.

ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אַרויסקוקן דורכן וואַגאָן־פענצטער. ביז וואַרשע קען ער שוין פאָרן גאַנץ רואיק און פאַר דער רעוויזיע אויפן וואַרשעווער וואָקזאַל דאַרף ער זיך אויך נישט שרעקן. אויב די צוויי וואַכן, אי די עסטרייכישע, אי די דייטשישע, האָבן איינגעזען, אַז ער איז נישט קיין שמוגלער, פאַרוואָס זאָל די וואַרשעווער גרענעץ־וואַך אים יאָ אָננעמען פאַר אַזאַ? אַפילו מ׳זאָל דאָרט יאָ אַ טאַפּ טוען, וועלן זיי אויך גאָרנישט געפינען. ער האָט דאָך אַזוי קונציק אויסבאַהאַלטן דאָס ביסל עסנוואַרג! אין אַ

פאַר גאַטקעס האָט ער פאַרבונדן די נאַגעוויצעס אונטן, ביי די קנעכלען, אַריינגעשאָטן אין אין נאַגעוויצע די פערפל, ברוין אויסגעבאַקענע, אַזעלכע באַטעמטע, אין דער אַנדערער נאַגעוויצע האָט ער אַריינגעשאָטן די אַרבעס, יעדער קאָליר אין אַ באַזונדער אָפּטיילונג און די אָנגעפּילטע גאַטקעס, פאַרבונדענע אויבן, האָט ער אַריינגעלייגט סאַמע אונטן אין דער וואַליזע און זיי פאַרדעקט מיטן ביסל אַלטוואַרג. ווען אַפילו דעם דייטש פון דער וואַרשעווער וואַך זאָל זיך יאָ פאַרגלוסטן אַ טאַפּ צו טאָן, וועט ער אויך, ביים דערזען דאָס אַלטוואַרג, שוין ווייטער נישט זוכן.

האָט אָבער דער וואַכמאַן אויף דער קאָוולער באַן־סטאַציע אין וואַרשע יאָ געזוכט! ווי נאָר נתן חיים איז אַראָפּ פון צוג און גענומען דורכגיין דעם וואָקזאַל אַרויס צום באַן־פּלאַץ, האָט איינער פון דער וואַך, אַ רויטער דייטש מיט גרויע וואַסער־אויגן, געטאָן אים אַ ווינק מיטן פינגער:

— קאָם מאַלס היער!

ווי נתן חיימען איז געוואָרן קאַלט אין די אינגעוויידן, האָט ער זיך דאָך געסטאַרעט צו שמייכלען, און כדי נישט אַרויסצורופן קיין חשד, האָט ער הויך און גרייט אַ פרעג געטאָן:

— עפּענען?

ס'איז דאָך אַ פּשוטער קל וחומר.[3] אַז ער אַליין איז גרייט צו עפענען, איז דאָך אַ סימן, אַז ער פירט גאַרנישט, וועט דאָך דער דייטש זאָגן: „דאַנקע שיין", און נעמען זוכן ביי אַנדערע פּאַסאַזשירן. האָט אָבער דער רויטער אַראַמי נישט געזאָגט „דאַנקע שיין", נאָר גאָר אַ געשריי געטאָן: „יאַ וואָל, עפענען!"

הייס און קאַלט איז נתן חיימען געוואָרן. כאָטש ס'האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן, האָט ער דאָך, מיט אַלע כוחות זיך געמיט די הענט זאָלן אים נישט ציטערן ביים אויפשנאַלן די וואַליזע. ערגעץ ווו האָט ער נאָך אַלץ געהאַפט אַז זיין רואיקייט וועט גורם זיין דער רויטער זעלנער זאָל איינזען, אַז ער איז נישט קיין שמוגלער און אים הייסן גיין. איז אָבער דער דייטש געשטאַנען און געדולדיק געוואַרט ביז ער האָט געעפנט די וואַליזע און געטאָן אַ פאַר אַריין אין איר מיט זיינע צוויי רויטהאַריקע לאַפּעס, ווי אַ חזיר מיטן שנוק אין אַ בוזשניק.[4] ער האָט געטאָן אַ צי אַרויס די גאַטקעס מיט די אָנגעפּילטע נאַגעוויצעס און דערביי שלוי און שטעכיק זיי אים געשטופּט אין די אויגן:

— וואַס איזט דאַס?

— איינע ביסיע שפּייז פיר די קראַנקע עלטערן, — האָט נתן חיים נאָך אַלץ זיך געמיט אָנצוהאַלטן זיין אומשולדיקע רואיקייט, אפשר וועט דאָך

[3] אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. [4] מיסטקאַסטן.

דער דייטש איינזען, אַז דאָס איז נישט קיין שמוגל, נאָר בלויז אַ ביסל עסן צו דערהאַלטן דאָס הויזגעזינד ביים לעבן. האָט אָבער דער דייטש דאָס נישט געוואָלט איינזען, נאָר קאַלט אַ שאַר געטאָן די גאַטקעס מיטן עסן צום באַרג קאָנפיסקירטע שפּייז און זאַכן און אים, נתן חיימען, אויסגעשריבן אַ קוויטל מיטן דייטשישן אָדלער, אַ מין פּאַרזיכערונג, אַז ווי נאָר דער קריג וועט זיך ענדיקן מיט אַ זיג, וועט די „דויטשע רייכסבאַנק" פּאַר אַלעס בעצאָלען, יאָ, יאָ מיין הער, פיר אַלעס בעצאַלען!

אַ דערשלאָגענער איז נתן חיים אַרויס פון וואָקזאַל מיט דער לייכט געוואָרענער וואַליזקע אין האַנט. וואָס וועט ער זאָגן אין שטוב? ער האָט אָבער גאָרנישט געדאַרפט זאָגן. די מאַמע האָט שוין פּאַר אים אַלץ געזאָגט.

אַ זיפצענדיקע איז זי געזעסן לעבן דער קאַלט אויסגעלאָשענער פּליטע, די פאַרגעלטע פּאַרמעט־הענט פאַרפינגערט אין דער פוסטער שויס. זייטיק־לעך האָט זי געוואָרפן אַ בליק צום מאַן. ער איז געלעגן אין קיך־בעטל, יערמע דוד, מיט די אויגן צום פענצטער. קיין סימן פון פאַרדרוס, פון ווייטיק. פאַרקערט, איר האָט זיך גאָר אויסגעוויזן, אַז זי זעט אין זיינע אויגן אַן אופבליאַסק פון צופרידנקייט, פון שאָדנפרייד. ס'ערשטע מאָל, זינט זיין מלחמה מיט נתן חיימען, האָט ער דערלעבט אַ שטיקל נחמה! אַפילו אַ מין רייצן זיך מיט איר, זעט זי אין זיין בליק. ווי ער וואָלט זי געפרעגט: נו, חנה לאַהעלע, וואָס זאָגסטו איצט? ער איז דאָך אַ גאַנצער אויפטועך, דיין נתן חיימל!

נאָך לאַנגן שווייגן איז זי אויפגעשטאַנען פון דער טאַבורעטקע און שטיל, מער צו זיך אַליין ווי צום פאַרצוגטן נתן חיימען, אַ זאָג געטאָן: „געפּורן איבער שטעט און איבער לענדער אין אַהיימגעקימע' אָן הויזן, אָן העמדער".

קאַפּיטל ניינאונדרייסיק

— נתן חיים, דער דאַטש אי׳ שוין ווידע׳ געווען נאָך דיע׳! עיער ׳אָט געזוגט אַז ׳עסט זעך ניש׳ צישטעלן ביז פּראַאַטיק, ׳עט עיער אַאַנזעצן דעם טאָטן!

מיט דעם פּזמון האָט אים רחלע, דאָס מיטלסטע שוועסטערל, באַגעגנט ווי נאָר ער האָט אין אָוונט אַריבערגעטרעטן די שוועל פון שטוב.

— ווּס ׳אָסטי׳ ניש׳ ג׳אַט קאַ צאַאַט? לאָז עים באַקימע׳ ס׳ביסל עסן! — האָט די מאַמע אויסגעשייגעצט דאָס מיידל און אים צוגעברענגט אַ טעלער גריץ צום טיש.

נתן חיים האָט געטראָגן דעם לעפל עסן צום מויל, אָבער געקוקט האָט ער נישט אין טעלער נאָר צום פענצטער אין דרויסן אַרויס. יאָ, ס׳ווערט הייס אַרום אים. אין פאַראיין זוכט מען אים, אינדערהיים איז שוין אַ שוצמאַן געווען נאָך אים צום צווייטן מאָל!

אַז די דייטשישע פּאָליציי יאָגט זיך נאָך אים נישט צוליבן פארפעלן אַ יום תהילים, דאָס פאַרשטייט ער, ער פאַרשטייט נאָר נישט פונוואַנעט זיי ווייסן, אַז דאָס איז געווען ער, וואָס איז באַפאַלן דעם שוצמאַן, אַרויס־צורייסן ביי אים דעם רעוואָלווער. די דעמאָנסטראַציע האָט זיך דאָך אינגאַנצן אומגעריכט אַריבערגעוואָרפן פון דער נייער וועלט אויף דער לעשנע גאַס, האָט דאָך די פּאָליציי פון דעם נישט געקענט וויסן און דער פלוצעם אָנגעקומענער שוצמאַן איז דאָך נישט געווען יענער, וואָס האָט נאָך דער רעדע זיינער אין גמינע, פאַרשריבן זיין נאָמען, פון וואַנעטזשע ווייסן זיי, אַז ער איז דאָס געווען דער איבערפאַלער? האָט דאָס אַן אייגענער אַזוי שיין זיי אונטערגעטראָגן?

דאָס גאַזפלעמל אין דער רער איבערן קיכטישל האָט זיך געבויגן, געצאַפּלט, געוואָרפן שאָטנס אויפן סופיט, אויף די ווענט, אויפן בעטל אין ווינקל, ווו דער טאַטע איז געלעגן אַן איינגעשוויגענער, אַ פאַרקלערטער, פול מיט פּחד איבער דעם ייִנגלס גורל. דאָס שטענדיקע בלינדע אַנען זיינס, אַז מיט דעם נתן חיימלען וועט נישט גוט זיין, הייבט אָן צו ווערן וואָר. צום ערשט זיין פאַרברידערן זיך מיט די סטרייקער, איצט דאָס

דאַרפֿן זיך באַהאַלטן פֿאַר דער פּאָליציי! איין גאָט ווייסט צי דער ייִנג וועט נישט, חלילה, פֿאַרפֿוילט ווערן אין קרימינאַל!

— פֿאַ׳מיע׳ דאַרפֿט עץ ענק נישׁ׳ זאָרגן, — האָט דער פּאָטער פּלוצים איבערגעריסן די אָנגעשטאַנענע שטילקייט אין שטוב, וואָס בלויז נתן חיימס כליעפּטשען די גריץ האָט זיך אין איר געהערט. — פֿאָלג מיעך, נתן חיים, — האָט ער איצט גערעדט צום זון גלייך, אָן דעם שטענדיקן קידער־ווידער, — זיעך דיע׳ אָאָס אַן אָרט צי נעכטיקן. זיי קענע׳ נאָך האָאַנט קימע׳ דיעך פֿאַ׳נעמע׳!

נתן חיים האָט אַוועקגעלייגט דעם לעפֿל, אָפּגערוקט פֿון זיך דעם טעלער מיט דער נישט אויפֿגעגעסענער גריץ. זייטיקלעך האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויף דער פֿאַרטרויערטער מאַמע ביי דער פּליטע, אויף די דריי פֿאַרשטומטע, דערשראָקענע שוועסטערלעך לעבן איר, אויפֿן קראַנקן טאַטן, וואָס גייט אים נאָך מיט די אויגן, ווי ער וואָלט מיט זיין פֿאָטערלעכן בליק געוואָלט אים פֿאַרהיטן פֿון דעם בייז, וואָס לויערט אויף אים. וואָס זאָל ער זיי זאָגן? טרייסטן זיי, באַרואיקן? ווי קען ער זיי באַרואיקן, אַז ער איז אַליין פֿול מיט אומרו, נישט אַזויפֿיל צוליבן פּחד פֿון דאַרפֿן גיין זיצן, ווי צוליבן גורל פֿון דער שטוב, דער עיקר פֿון טאַטן. ניין, ער שרעקט זיך נישט וואָס צוליב זיין זיך קענען זיי נאָך איינזעצן דעם טאַטן. דאָס וועלן זיי נישט קענען טוען, סיידן זיי זאָלן אים פֿאַרנעמען מיטן בעטל. דאָס האָט אים דער טאַטע אַזוי גערירט, אַזוי אים צענומען מיט זיין פֿאָטערלעכער זאָרג איבער אים. אַזוי, דאַכט זיך, ברענט אים דער טאַטע די טריט, נאָר טאָמער עפּעס — פֿאַרשווינדט דער קידער־ווידער און דער טאַטע איז גרייט צו שטרעקן פֿאַר אים דעם האַלדז.

ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון טיש, געזאָגט שטיל אַ גוטע נאַכט און איז אַרויס פֿון שטוב. דרויסן, פֿאַרן טויער, איז ער געבליבן שטיין אַ וויַיל פֿאַררוקט אין טונקעלן ווינקל און זיך אַרומגעקוקט: לויערט נישט אויף אים וועלכער שפּיק? אומגעריכט קען נאָך דאָ איינער פֿון זיי אַרויס פֿון דערבייאיקן טויער, אַרויפֿלייגן די לאַפּע אויף זיין אַקסל, אים פֿאַרנעמען אין ראָטהויז און דערנאָך אים פֿאַרשיקן אין מאָדלינער פֿעסטונג. אמת, ער וועט נישט דאָרט זיין אַליין. גאַנצע גרופּן פֿון די פֿאַראיין־פֿאַרוואַל־טונגען, פֿון די פֿאַרטיי־טוער, זענען שוין אַהין פֿאַרשיקט געוואָרן.

מיט קווענקלעניש אין די טריט, האָט ער גענומען גיין פֿון מוראַנאָוו, אַריין אין די נאַלעווקעס. ער וואָלט אפֿשר געווען גלייכער געטוען, ווען ער ציט דורכן מילע געסל אַריין אין דער דזשיקע. אין די נאַלעווקעס איז צו ליכטיק: די עלעקטרישע לאָמפּן בלענדן דאָ, גלייך עס וואָלט גאָר קיין מלחמה אויף דער וועלט נישט געווען. יונגע, געאָרעמטע פּאָרלעך שפּאַצירן איבער די ברייטע טראָטואַרן, לאַכן, ראָמאַנסירן און די

טראַמווייען פאַרקלונגגען די לופט, נאָר אין דער גאַנצער ליכטיקער־פריילעכקייט וואַלגערן זיך קינדער אויף די שוועלן פון די פאַרמאַכטע, מלחמהדיק־אויסגעליידיקטע געוועלבער און סקלאַדעס, ווי אונטערגעוואָרפענע פעקלעך שמאַטעס און שטיל, אָן כּוח שוין סטענקען זיי, קרעכצן: „אַ שטיקעלע ברויט, שענקט אַ שטיקעלע ברויט.‟

— נתן חיים, וווּהין גייסטו? — האָט דאַכט זיך אַ שטים אין אים געפרעגט. — אין פאַראיין וואַרט זיכער אַ שוצמאַן אויף דיר!

יאָ, סאַליעלעס שטילע ווונטשן הייבן אָן מקוים צו ווערן! באַלד נאָך דער דעמאָנסטראַציע, ווען קיינעם איז נאָך גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז די דייטשן וועלן אים זוכן, איז שוין סאַליעלע צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל זיך פאַרקאָנספּירירן. אַוודאי האָט ער פאַרשטאַנען וואָס זי איז מיט דעם אויסן. זי מיינט דאָך, אַז זי האָט אים שוין! וועט זי, איידער נאָך וואָס און ווען, זיך קענען באַרימען אַז אויך „איר יינגל איז נישט ביליג־ווער‟! אמת ער איז טאָקע נישט קיין געזעסענער. ווי האָט ער געקענט זיצן ביי די רוסן, אַז ער איז איצט קוים אַכצן יאָר אַלט. אָבער מער נאָך ווי דאָס באַרימען, וועט ביי איר זיין דאָס האָבן אים ביי זיך טאָג און נאַכט! ווו דען קען ער זיך אויסבאַהאַלטן אויב נישט ביי איר? אַריינציען זיך צו פרעמדע מענטשן קען ער דאָך נישט. אי ער האָט נישט אויף קיין דירה־געלט, אי מ׳וועט אים נישט אַריינגעמען אָן צושטעלן אַ מעטריקע אים איינצומעלדן ביי דער פּאָליציי!

אָט דאָס זיין אָנגעוויזן אויף סאַליעלען, צום ערשט מיטן שטילן ביי איר דעם הונגער. איצט מיטן דאַרפן זיך אויסבאַהאַלטן אין איר צימער, האָט אים זייער דערדריקט, געפייניקט אים. עפּעס איז ער זיך פאָרגעקומען ווי אַ שוואָך פליגעלע אין די לאַפּקעס פון אַ שפּין. וואָס מער ער דראַפּעט זיך פון איר שפּינוועב, אַלץ מער פליאָנטערט ער זיך אַריין צו איר. אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט אַ כלומרשטער ביבקע, דערנאָך — אַ וועטשערע און, מיט דער וועטשערע — מיידלשע לאַסקעס...

ער האָט זיך אַליין געזידלט: „נתן חיים, ביזט אַ ווייכע מירל! אַ צעקראָכענער לאַפּסערדאַק! וואָס איז דער מער מיט דיר? ביזט דאָך, דאַכט זיך, אַ גאַנצער העלד, אָבער ווי נאָר עס קומט צו אַ מיידל, ווערסטו אַ שמאַטע, אַ גאָרנישט! פאַרוואָס האָסטו נישט קיין כּוח זיך צו זאָגן: דו גייסט נישט מער אַרויף צו דער קליינער סאַליען! דו ווייסט דאָך שוין צו וואָס דיין קומען אַהין פירט...‟

ווי נאָר ער טרעט אַריבער די שוועל פון איר אַלקערל, נעמט זי גלייך פּאָדען אַרום אים, ווי אַ געטריי וויב אַרום איר מאַן. מיט וואָסער פרייד און גליק זי טוט דאָס אָן איר חנעוודיק אַרומגעזוימט פאַרטעכל. נישט פרעגנדיק אַפילו צי ער איז הונגעריק, גרייט זי שוין דאָס טיש

מיט אַ שיין, אויסגעהאַפטן טישטעכל און נעמט טראָגן פאַרעדיקע טעלערס זופּ פאַר אים און פאַר זיך און דערצו — דאָס געבייטלטע ברויט מיט פּוטער, דערנאָך די גלעזער רויט־פינקלענדיקע טיי, אָפּגעצוקערט און גאַנץ אָפּט נאָך מיט קיכעלעך. נאָר וואָלט עס זיך כאַטש מיט דעם געענדיקט. הייבט זיך אָבער נאָכדעם אָן אַ לאַשטשעניש, אַ קושעניש, ביז עס ווערט שפּעט, די טויערן זענען פאַרמאַכט און ער בלייבט שוין דאָרט גענעכטיקן.

אַוודאי ווייסט ער, אַז ס׳איז נישט רעכט צו קילן זיינע מאַנצבילשע געבליטן ביי אַ מיידל, וואָס נישט ער האָט זי ליב און נישט אים פאַלט גאָר איין מיט איר חתונה צו האָבן. וואָלט זי אים נישט אַזוי אַריינגעלאָקט, וואָלט ער נישט געווען אַזוי שוואַך, אַזוי פאַרלוירן. איז זי אָבער אַזוי ווייבעריש־שלוי, אַזוי כיטרע־קלוג אַז זי ווייסט אַלע זיינע שוואַכקייטן. נאָר מילא, דאָס איז געווען ביז היינט, אָבער וואָס טוט ער איצט? באַלד שליסן זיך די טויערן, וווהין וועט ער גיין?

נאָך גוט וואָס זיין קריען זיך ביי סאַליען האָט מער ווי די איינע נאַכט נישט אָנגעהאַלטן. גלייך אויף צעמאָרגנס האָט מען אים געלאָזט וויסן, אַז דער חבר יוזעף וויל אים זען. ער האָט זיך אַפילו דערשראָקן, נתן חיים. ווער איז ער דאָס, אַז דער חבר יוזעף זאָל אים ווען זען? און וועגן וואָס וויל ער אים זען? ער האָט דאָך אים שוין איינמאָל, באַלד נאָך דער דעמאָנסטראַציע, גערופן צו זיך אין ביוראָ פון צענטראַל־קאָמיטעט און אים גוט געקלאַפּט דעם קאָפּ, אים געזאָגט, אַז אַן אַרבעטער־פירער, אַ רעוואָליוציאָנער, טאָר זיך קיינמאָל נישט פאַרלירן, אַז מיט אַזעלכע אַנאַרכיסטישע אָנפאַלן אויף אַ שוצמאַן, ברענגט מען נאָר שאָדן דער אַרבעטער־באַוועגונג. צו וואָסזשע רופט ער אים ווידער?

מיט אומרו אין האַרץ איז ער אַרויף אין רעדאַקציע פון די „לעבנס־פראַגן". דער חבר יוזעף, אַ מאַן אין די פערציקער, אַ הויכער, מיט דיקע, ברוינע וואָנסעס, גרויליעכע שויך, איז געזעסן ביי אַ ביוראָטיש אין דעם אַדמיניסטראַציע־צימער. ביי זיין אַריינקומען האָט דער חבר יוזעף אונטער־געהויבן דעם קאָפּ, אוועקגענומען דעם בליק פון די פּאַפּירן, וואָס פאַר אים, מיט אַ שמייכל אין זיינע קלוגע אויגן אים געענטפערט אויף זיין גוטמאָרגן, און גלייך, אָן אַן איבעריק וואָרט, אים געזאָגט:

— חבר נתן חיים, איר פאָרט נאָך היינט קיין לובלין. איר וועט דאָרט פאַרנעמען דאָס אָרט פון חבר מאַקס אַלס סעקרעטאַר פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. דער חבר מאַקס קומט אַהער אויף אייער אָרט אין דער נאָדל־בראַנזשע. דערביי האָט ער אים דערלאַנגט אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט: — דאָ האָט איר אַן אַדרעס און געלט אויף הוצאות.

נתן חיים איז געשטאַנען אָן לשון. עפּעס איז ער מיטאיינמאָל אויסגע־

וואַקסן אין די אייגענע אויגן אויף גאַנצע קעפּ! אין צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" טראַכט מען וועגן אים! כדי אויסצוהיטן אים פון די דייטשן האָט מען שוין אַראַנזשירט אַזאַ טויש, שיקן אים קיין לובלין אין עסטרייכישן געביט, און דעם חבר מאַקס, וואָס די עסטרייכישע זשאַנדער־מעריע יאָגט זיך אויף נאָך אים, ברענגען אַהער!

אָן אַ וואָרט האָט ער גענומען דעם קאָנווערט. ווען אַפילו דאָס שיקן אים קיין לובלין וואָלט אים נישט געווען צום האַרץ, וואָלט ער זיך דאָך אויך נישט אונטערגעשטעלט צו זאָגן ניין. ווער וואָגט דאָס נישט צו פאָלגן דעם חבר יוזעף? בפרט אַז דאָס אָוועקשיקן אים פון וואַרשע איז פאַר אים אַ געשאַנק פון הימל!

אַראָפּ די טרעפּ איז ער שוין נישט געגאַנגען נאָר פון זיי אַראָפּגע־טענצלט. אוי וועט זיך סאַליעלע קראַצן! זי וואַרט דאָך אויף אים פאַרן טויער. זי האָט אים אַהערגעברענגט, ווייל זי האָט זיך געשראָקן טאָמער אַרעסטירט מען אים אויפן וועג און זי וואַרט כדי אים גלייך צוריק־צונעמען צו זיך אין צימער, איז נאָדיר אַזאַ בשורה! איידער נאָך זי האָט אים רעכט צוגעבונדן צו זיך, רייסט ער זיך שוין אָפּ פון איר!

שטיל און פאַרוויטיקט איז זי געגאַנגען מיט אים איבער דעם שמאָלן, צעבראָכענעם טראָטואַר פון דער נאָוואָליפּיע גאַס. דערווייל גייט ער נאָך צוריק מיט איר אין איר אַלקערל אַריין, אָבער שפּעטער? מאָרגן?

— און דו ווילסט פאָרן קיין לובלין? — האָט זי אים געפרעגט און איר שמאָל, פויגל־פּענישל,[1] כלומרשט שמייכלדיק, איז איר געוואָרן גרין און געל אונטער זיין צופרידענעם בליק.

— צי איך וויל פאָרן? — האָט ער גענומען פראַווען אַנשטעל, — כ'האָ' דען אַ ברירה? ווער זאָגט דעם חבר יוזעף: ניין?

שלוי ווי סאַליעלע איז, האָט זי גיך איינגעזען, אַז קיין אָפּרעדן וועט דאָ נישט העלפן און מאַכן זיך צו נאַר האָט זי נישט געוואָלט, האָט זי גיך אַרויפגעצווונגען אַ ברייטן שמייכל אויף איר פאַרזויערט פּנימל:

— אַוודאי זאָגט מען נישט דעם חבר יוזעף: ניין! כאָטש פאַר איר איז דאָס אַן איבערראַשונג, מיטאיינמאָל ווערן אַזוי דערהויבן! אַ קליייניקייט, דער צענטראַל־קאָמיטעט שיקט דיך אויף אַזאַ פּאָסטן!

מער נאָך ווי די מאַמע זיינע, ווי די שוועסטערלעך, האָט סאַליע געשמייעט, זיך געפּאָרעט אַרום זיין אָוועקפאָרן. נישט איינצושטעלן אים מיטן גיין אין זיין היים זיך איינפּאַקן, האָט זי איבערגעטראָגן זיינע זאַכן צו זיך אין צימער, אַריינגעפּאַקט אין דער וואַליזקע פאַר אים אַ פּעקל עסנוואַרג און וויפל ער האָט זיך נישט געבעטן ביי איר, זי זאָל אים

[1] פּנימל.

נישט באַגלייטן צו דער באַן, כלומרשט נישט צו ציען אויף אים די שליפּיעס פון שפּיאָנען, פון שוצלייט, האָט עס נישט געהאָלפן. סאַליעלע, מיט איר שלוי־קעפּל, האָט אים גאָר אויפגעוויזן, אַז פאַרקערט, גראָד איר באַגלייטן, וועט אים אויסהיטן פון אַרעסט. אַז ער וועט זיין אַליין וועט ער זיך גיכער וואַרפן די שפּיקעס אין די אויגן. אַז זי וועט אָבער זיין מיט אים, וועלן זיי מיינען אַז אַ פרוי באַגלייט איר מאַן צוליב געשעפט...

סאַליעלע! כסדר שטרייכט זי אונטער — מאַן און ווייב!

קאַפּיטל פערציק

איידער נתן חיים האָט נאָך רעכט געהאַט געזען די שטאָט לובלין, די חברים אין לובלין, איז ער שוין אַריינגעוויקלט געוואָרן אין אַ סטרייק, וואָס דער חבר מאַקס האָט געהאַט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן און אים געמוזט לאָזן אין סאַמע אָנהייב צוליב זיין עוקר זיין קיין וואַרשע.

שוין ביי דער ערשטער זיצונג מיט דער פאַכקאָמיסיע פון די לעדער־אַרבעטער, איז נתן חיים געווען היפּש צעטומלט, צעשראָקן פאַר דער אונטערנעמונג, כאָטש אַרויסוויזן דאָס האָט ער נישט געטאָרט. אין וואַרשעווער נאָדל־פאַראיין זענען אים סיי די פאַכן און סיי דער מהות פון די באַלמעלאָכעס געווען נאָענט, באַקאַנט. דאָ אָבער איז ער געוואָרן סעקרעטאַר, חוץ איבער די נאָדלאַרבעטער, אויך איבער פרעמדע פאַכן. אַ שטייגער פליישער, וואָס האָט ער געוווּסט וועגן פליישער? וועגן שעכט־הויז־אַרבעטער? וועגן בעקער? אָדער אַפילו וועגן לעדער־אַרבעטער? מילא, קאָמאַשנמאַכער זענען שיער נישט ווי שניידער, אָבער גאַרבאַרעס? וואַלקער? איז ער דאָס אויף צעמאַרגנס אַוועק אויף דער וואַליע, אַ קוק טוען ווי אַ גאַרבער־שאַפּע זעט אויס, זיך באַקענען מיט די אַרבעטער, רעדן צו זיי, ברענגען זיי אין פאַראיין אויף א פאַרזאַמלונג, נאָר ביז וואָס און ווען איז ער אַ ווייל געשטאַנען אין דער ברייט־געעפנטער טיר פון אַ גאַרבעריי, ענלעך צו אַ זעלנערישער קאַזאַרמע.

פערציק פאָר הענט, די העמדאַרבל אַרויפגעשאַרצט, האָבן זיך דאָ געראַיעט אין נאַס־אָנגעווייקטע פעלן, אויסגעשפּרייטע, אַראָפּהענגענדיקע איבער די רונדן פון האַלבע קלעצער־טישן אויף פיס. אין לעדערנע פאַרטעכער ביז די העלדזער, אין שווערע, יוכטענע שטיוול ביז איבער די קני, אין נעץ און אין קויט, זענען די גאַרבער געשטאַנען און געריייניקט די פעל פון די געבליבענע הויטן נאָכן שינדן, פון די צוגעקלעפּטע זאַלצן, נישט צעגאַנגענע נאָך, געשאָבן פון זיי מיט צוויי־הענטלדיקע מעסערס די נאַס־אָנגעדראָלענע האָר.

ווי ווויל די שאָפּע איז געווען אַ גרויסע און די פענצטער ברייט צעעפנט, פון איין זייט אַרויס אויף אַ הויף, אַן אַרומגעצאַמטער מיט אַן אַלטן, אַ גרינלעך־צעפוילטן, הילצערנעם פלויט און, פון דער צווייטער זייט, אַרויס אויף אַ ריזיק זאַמדפעלד, איז דאָך דאָס געשטאַנק דאָ, די

היץ און דאָס געזשום פון די כמאַרעס פליגן געווען אַזוי גרויס, אַז נאָך אַ קורצער ווייל שטיין דאָ, האָט זיך ביי נתן חיימען געהויבן דער מוח פון אַ שאַרפן קאָפּ־ווייטיק, וואָס איז אים דאָ באַפאַלן און אים געשניטן הינטערן שיידל ווי מיט מעסערס פון שטערן ביז אַראָפּ אין קאַרק אַריין.

נאָכן שטיין אַזוי אַ ווייל ביי דער טיר אַן אומבאַמערקטער, האָט נתן חיים גענומען גיין פּאַוואָליע, העכער אַרויף אין פאַבריק, צווישן די באַלמעלאָכעס. ער איז געגאַנגען און געשטוינט ווי מענטשן קענען אַזוי שטיין און אַרבעטן צוועלף שעה אַ טאָג אין אַזאַ ברוד און בלאָטע, אַריינאָטעמען אין זיך אַזאַ געשטאַנק פון כעמישע זאַלצן, פון נאַסע פעלן און נאָך יאָגן זיך מיט די כמאַרעס זלידנע פליגן, וואָס די מענטשלעכע אָרעמס, דער מענטשלעכער, פאַרשוויצטער קאַרק און פּנים, איז פאַר זיי זיסער איידער די טויטע, אין זאַלצן־געווייקטע פעלן פון בהמות.

דאָס אַרויסרופן די גאַרבער אין סטרייק האָט געזאָלט זיין נתן חיימס ערשטער אַרויספאַר אין לובלין צו געווינען ביי די באַלעבאַטים אָנערקענונג פאַרן פאַראיין, אַן אַכטשעהדיקן אַרבעטסטאָג און אַ העכערונג אין לוין פאַר די אַרבעטער, איז ער דאָס פּאַוואָליע געקראָכן אין דעם קויט און פליעטש און זיך איינגעקוקט אין די געזיכטער פון די באַלמעלאָכעס, וואָס זיי דאַרף ער פירן אין געפעכט קעגן די פאַבריקאַנטן. ערשט איצט, זעענדיק ווי די מענטשן שטייען געבויגן איבער די שטינקענדיקע פעלן, וואַגן נישט אויפצוהייבן דעם קאָפּ אויס מורא פאַרן באַלעבאָס, וואָס איז גאָר דאָ נישטאָ, צי פאַר זיינס אַן אויפזעער, וואָס ווער ווייסט אין וועלכן ווינקל ער געפינט זיך דאָרט, האָט ער, נתן חיים, ערשט באַנומען די זאָרג און די מורא פון די פּאַקאָמיסיאַנטן ביי דער נעכטיקער זיצונג אין פאַראיין, די זאָרג און די מורא זייערע פאַר סמרייקברעכער, פאַרן פאַרשפּילן דעם סטרייק.

ער האָט זיך גאָרנישט געוווּנדערט אויף די פּאַקאָמיסיאַנטן, נתן חיים. פון די פינצעטליק אַרבעטער אין דער גאַרבאַרניע, איז אַ פערטל פּאָליאַקן. פון די אַנדערע דריי־פערטל איז איבער אַ העלפט פרומע יידן מיט בערד, מיט קאַפּלען אויף די קעפּ און וואָלענע טלית קטנס הינטער די לעדערנע פאַרטעכער. ווי ער הערט, דאַוונען זיי אַפילו אַלע שבת אין איין שטיבל מיטן פאַבריקאַנט. אַ סך פון זיי פאָרן אויך צום זעלבן רבין, קיין גער צי קיין מאָדזשיץ און כאָטש די יידן זענען משפחהלייט, באַפאַלן מיט קליינע קינדער און אַ העכערונג אין די שכירות דאַרפן זיי ווי דאָס לעבן, קווענקלען זיי זיך אַלץ צו ווערן מיטגלידער אין פאַראיין, צו זיין חבר־לאַוועך מיט סטרייקערס, מיט גאָלעבראָדניקעס.[1]

כאָטש אַז ער וויל קריקרעדן, נתן חיים, זענען נאָך די פרומע יידן

[1] לייט, וואָס גאָלן די בערד.

נישט זיין גאַנץ קאַפּדרייעניש. די פּוילישע וואַלקאַרזשעס, וואָס דאָ, ביי די האַלבראָונדע קלעצער־טישן, זענען זיי גאַנץ ווילע גוים, זענען פאַר אים נאָך מער קאַפּווייטיק מיט זייער נישט וועלן אַריינטרעטן אין זשידאָווסקע פאַראיין און ס׳איז נאָך ביי אים אַ סברא צי אין א פּעפּעסישן פאַראיין וואָלטן זיי יאָ אַריין. נעכטיקע פּויערים, פרומע קאַטאָליקן, ציטערן זיי פאַרן פאַבריקאַנט, ציען הכנעהדיק די היטלען פאַר אים און רק זיי שרעקן זיך, טאָמער זאָגט ער וועלכן פון זיי אָפּ פון דער אַרבעט.

דאָ, אין דער גאַרבעריי, איז אויך נתן חיים געוואָרן פול מיט ספק, מיט קווענקלעניש, טאָמער וועלן טאַקע זיין סטרייקברעכער און דער סטרייק ווערט פאַרשפּילט? נישט בלויז וועלן די עטלעכע פאַראיין־מיטגלידער מיט די פּאַכקאַמיסיאַנטן פאַרלירן זייער ברויט און דער פאַראיין — דעם פּרעסטיזש, אויך זיין פּרעסטיזש, ווי דער פאַרשטייער פון וואַרשע, שטייט דאָ אין קאָן.

— צאָ טו פּאַן כצע? (וואָס וויל דאָ דער הער?)

נתן חיים האָט זיך אומגעקוקט. הינטער אים איז געשטאַנען אַ דין, אויסגעטרוקנט מענטשל, אַ קריסט זעט אויס, אין די פּערציקער. אַ פּעניש האָט דאָס פאַרשווינדל געהאַט פון אַ פויגל, שמאָל און שפּיציק. די באַקן זענען ביי אים געווען אַזוי אַריינגעפאַלן אַז נאָר צוויי עפּל אין ביידע זייטן מויל וואָלטן זיי געקענט אויספּילן. זיין דאַר גופל איז ווי פאַרלוירן געוואָרן אין דעם שווערן, לעדערנעם פאַרטעך, וואָס אַלע גאַרבערס דאָ האָבן געטראָגן. ער איז אָבער נישט געווען פאַרשוויצט און נישט אַזוי צעפּאַטלט ווי די אַרבעטער איבער די פעלן. פאַרקערט, די גרוילעכע האָר אויף זיין שמאָל קעפּל, זענען געווען נאַסלעך, ווי פריש פאַרקעמט מיט א ווייס שרונטל אינמיטן. צום געשטאַנק פון די פעלן אַרום האָט נאָך פון זיין אָטעם זיך געטראָגן דער שאַרפער ריח פון טיטון און בראָנפן. בייז, מיט חשד אין זיינע גרויע, וואַסערדיקע אייגעלעך, האָט ער אָפּגעמאָסטן נתן חיימען:

— גדזשיע פּאַן טו לאַזשי? (ווו קריכט דאָ דער הער?)

— איך בין דער פאַרשטייער פון פאַראיין, — האָט נתן חיים זיך פאַרגעשטעלט פאַר אים.

— מיר דאַרפן דאָ נישט קיין פאַרשטייער און נישט קיין פאַראיינען! טראָג זיך פון דאַנען!

נתן חיימס געבליטן האָבן מיטאיינמאָל זיך געטאָן אַ קאָך אויף. אַ העזה פון אַ פּיאַק,[2] אים וויזן די טיר! ער איז שוין גרייט געווען צו פאַרפאָרן דעם פאַרשווינדל אין פּרצוף. מער ווי פּיסק איז דאָך ביי דעם שיכור נישטאָ, איז געגנוג איין שנעל ער זאָל זיך אויסציען אין דער

[2] שיכור.

שטינקענדיקער פליעטש ווי אַ קיסר! האָט ער אָבער געדענקט, וואָס דער חבר יוזעף האָט אים אָנגעזאָגט נאָך זיין אָנפאַל אויפן דייטשישן שוצמאַן: „געדענקט, חבר נתן חיים, מיט איבערפאַלן טוט מען גאָרנישט אויף! עס ברענגט בלויז שאָדן דער באַוועגונג". האָט ער געהאַמעוועט די געבליטן און רואיק, קוקנדיק דעם פאַרשווינדל גלייך אין זיינע, מוטנע וואַסערדיקע אייגעלעך, אים געוואָרנט:

— פראַשען פאַנאַ, צו מיר וועט דער פאַן מוזן רעדן ווי אַ מענטש, אַז נישט וועל איך איינס און צוויי דאָ אָפּשטעלן די גאַרבאַרניע. און, כדי צו ווייזן דעם גוי אַז ער מיינט, וואָס ער זאָגט, האָט ער הויך געטאָן אַ רוף:

— חברים, וואַרפט די אַרבעט!

אין דער שאָפּ איז געוואָרן אַ געטומל, אַ געלויף. פון איין זייט האָט דאָס גויקעלע אים גענומען שלעפּן ביי אַן אָרעם צו דער טיר, פון דער אַנדערער זייט זענען פאַכקאָמיסיאַנטן אָנגעלאָפן אים צו הילף, האָט נתן חיים, אַן אויפגערעגטער שוין, פאַרגעסן אָן דעם חבר יוזעפס אָנזאָג און געטאָן דעם גוי אַ שליידער פון זיך, אַזש יענער איז געפאַלן נאַזנאַק אין קויט און בלאָטע.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז גראָד דער אויפזעער זאָל העלפן אים, נתן חיימען, צו דעצידירן זיך און אָפּצושטעלן די פאַבריק. דעם גויס כאַפּן זיך ראַנגלען, האָט אים מיטאַיינמאָל אַרויסגענומען פון דעם קווענקלעניש, פון דעם שלאָגן זיך מיט דער דעה. איצט, אַז די מערסטע באַלמעלאָכעס האָבן שוין געהאַט אַוועקגעלייגט די אַרבעט און זיך אָנגעלאָפן נאָנט אַרום אים, האָט ער גענומען האַלטן פאַר זיי אַ רעדע און, כדי נישט צו רייצן די געמיטער פון די פרומע יידן, האָט ער נישט אויסגעטוען דעם קאַפּעליוש, ווי דאָס טוען רעדנער אויף אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען. ווי אויפן מאַסנ־מיטינג אין דער גמינע, אַזוי האָט ער דאָ, צו די יידן, גערעדט זיין חדר־ און בית־המדרש־לשון. דעמאָלט האָט ער עס געטאָן כדי דער דייטשישער שוצמאַן זאָל נישט פאַרשטיין, וואָס ער זאָגט און אים נישט אָפּשטעלן אין מיטן רעדן און איצט האָט ער דאָס געטאָן כדי די פרומע יידן זאָלן אים בעסער פאַר־שטיין, דער עיקר, דורכן נישט צוגלייכן זיי צו די גאַלעבראַדניקעס, נישט רופן זיי פּראָלעטאַריער, אַרבעטער און דעם באַלעבאָס — בורזשוי, בלוט־זייגער, זאָל ער געווינען זייער צוטרוי, זיי זאָלן זיך בעסער איינהערן אין דעם וואָס ער זאָגט. ווייך, מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו זיי, אין געבעט, האָט ער זיי געמינטערט, גערופן:

— רבותי, אם אין אני לי, מי לי? אויב מיר אַליין וועלן נישט טוען, ווער וועט פאַר אונדז טוען? דער באַלעבאָס איז טאַקע אַן ערלעכער ייד, אַ יראת שמים, אָבער צי געיבן אַ הוספה אַלט עיע' זעך ניש'. עיע' וואָרט

מ׳זאָל באַ עים מונע׳. כדי דוס צי פועלן, מיז מ׳ מאַכן יד אחת, איינציקוואַאַז וועט מ׳ דוס ניש׳ אָאָספּירן. יעך ווייס, עץ פאַ׳טרוגט ניש׳ קאַ׳ פאַראיין, אָבע׳ ווּס אי׳ דען אַ פאַראיין, אַן אגודה. איז אַן אגודה טריף? יידן בעיטן דאָך ביים רבונו של עולם: ויעשו כולם אגודה אחת.[3] אַוודאי, אין מחזור בעיט מען אָף אַן אַגודה צי טיען דעם רצון פון בורא עולם. אין ווּס איז דען אינזער אגודה? איז דען ניש׳ דער ווילן פין זאַאַן ליבן נומע׳ אַ פוטע׳ זאָל שפאַאַזן זאַאַנע קינדע׳? אינדז בעיט מ׳ דעך אין די סליחות, בזכות תינוקות של בית רבן.[4] באַ יעדן פין ענק איז דאָך, אָן עין הרע, דו אַ שטיב מיט תינוקות, ווּס איין תינוקל איז קלענע׳ פין אַנדערן אין זיי שרייען דעך: עסן! אין ס׳יקרות איז אַזוי גרויס. אוי, געוואַלד יידן, ווי לאַנג ׳עלן מיע׳ שוואַאַגן? עס שטייט דעך בפּרוש: כרחם אב על בנים,[5] לאָמע׳ זעך מרחם זאַאַן אָף די קליינע קינדע׳! אין זייע׳ זכות ׳עט מ׳ אוודאי פועלן אַ הילף.

די יידן זענען געשטאַנען אַרום אים מיט פאַרהויבענע קעפּ און אָפענע מיילער. די מורא פאַרן באַלעבאָס, וואָס פריער איז זי געהאָנגען אויף זייערע ברעמען, אויף זייערע בערד, איז איצט, אונטער זיינע רייד, צערונען און אַ שמייכל האָט אויפגעלויכטן אין זייערע אויגן. אויף שטום־לשון, בלויז מיט די בליקן, האָט איינער דעם אַנדערן געוועקט, געפרעגט: „עץ הערט כאָטש? ער רעדט דאָך ווי אַ משלנו!״ [6]

ווי נתן חיים איז געווען מיטגעריסן פון די אייגענע רייד, פון די יידנס פאָטאַקעווען זיין יעדעס וואָרט, האָט ער דאָך גוט געזען ווי דאָס בינטל קריסטלעכע גאַרבער האָט זיך פאָוואָליע אָפּגעטיילט פון די יידישע אַרבעטער. פריער, צעטומלטע פון דער אָנגעשטאַנענער סומאַטאָכע, זענען זיי טאַקע אַוועק פון זייערע אַרבעטסשטעלן, זיי זענען אָבער באַלד צוריק צו זייערע ערטער. צי דאָס איז געווען די מורא פאַרן אויפזעער, פאַר דער רציחה זיינער, וואָס, צוליבן אומגעוואָרפן ווערן אין דער נעץ און שמוץ האָט ער גערדראָט מיטן פויסטל, און טאַקע געלאָפן מעלדן דעם „פאַן גאָספּאָדאַרזש״,[7], וואָס דאָ איז געשען, צי גאָר דאָס איז געווען צוליב זייער נישט פאַרשטיין וואָס דער „פזשעדסטאַוויטשעל זוויאָנזקו״ (פאַראיין־פאָרשטייער) האָט דאָ גערעדט, סיי ווי האָבן זיי דערשראָקענע זיך צוריקגעקערט צו דער אַרבעט, גלייך גאָרנישט, וואָס דאָ געשעט, גייט זיי אָן. ערשט נאָך זיין רעדע אויף יידיש, אָז ער האָט געהאַלטן אויך פאַר זיי אַ רעדע אויף פויליש, האָבן זיי, צוגלייך מיט די יידן, געהויבן די הענט פאַר אַ סטרייק. בלויז איינער, אַ יונגער

[3] און אַלע וועלן מאַכן איין בונד. [4] אין זכות פון די קליינע קינדער.
[5] ווי אַ פאָטער דערבאַרעמט זיך אויף זיינע קינדער. [6] ווי איינער פון אונדז.
[7] דער הער באַלעבאָס.

קריסט, האָט נישט אָוועקגעלייגט די אַרבעט, נישט צו הערן אים רעדן און אויך נישט געשטימט פאַר קיין סטרייק. אַפילו איצט, ווען אַלע זענען שוין געשטאַנען ביי דער טיר מיט זייערע רעקלעך און קאַפּאָטעס אין די הענט צו גיין אין פאַרייִן אַריין, שטייט ער נאָך אַלץ ביי זיין האַלב־רונדן קלאָץ־טיש, גלייך נישט אים מיינט מען.

אַז אַרבוז, איינער פון די צוויי פּאַכקאָמיסיאַנטן אין דער גאַרבעריי, אַ דין, נידעריק בחורל פון אַ יאָר צוואַנציק, אַ רירעווידיקער, אַ הייס־בלוטיקער, האָט געזען ווי דעם שייגעץ פעלט אַפילו נישט איין אָוועק־צולייגן די אַרבעט, איז צוגעלאָפן מיט רוגזה און געטאָן אַ ריס די פעל פון אונטער יענעמס שאָבמעסער, האָט נתן חיים גיך זיך געטאָן אַ שטעל אַריין צווישן די צוויי לייט, עס זאָל נישט קומען צו קיין געשלעג און אַליין גענומען אונטערהאַנדלען מיט דעם אַרבעטער:

— פאַרוואָס וויל דער פאַן נישט אָוועקלייגן די אַרבעט? דער פאַן זעט דאָך, אַלע וואַרטן אויפן פאַן צו גיין אין פאַראיין.

דער שייגעץ אָבער, שטאָט ענטפערן, איז געשטאַנען טראַציק אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן און עקשנותדיק געשאָבן די אָנגעווייקטע, שוואַרצלעך רויטע האָר פון דער פעל.

אין נתן חיימען האָט זיך געצונדן דער כעס. ער קען זיך פאַרהערן מיט יעדן איינעם, רעדן מיט גוטן — ווען מ׳דאַרף, אַרגומענטירן געלאַסן — ווען דאָס איז נויטיק, זיך קריגן — ווען ער מוז, אַפילו זיך שלאָגן — ווען קיין אַנדער אויסוועג איז נישט מעגלעך, אָבער רעדן צו אַ מענטש און יענער זאָל אַזוי עקשנותדיק שטיין אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן, האַלטן בכיוון דעם קאָפּ בייז און פאַרביסן אַראָפּגעבויגן, דו זאָלסט נישט קענען זען זיין צורה, דאָס איז איבער זיין סבלנות![8] דאָך האָט ער ווידער געפּרוּווט און, ווי אַ דערוואַקסענער מיט אַן אַנגעברוגזט קינד, איז ער מיט אַן אָנגעשטעלט שמייכעלע אַריבער פון יענעמס לינקער צו דער רעכטער זייט. האָט זיך אָבער דער שייגעץ נאָך גיכער געטאָן אַ דריי אויס און ער האָט ווידער נישט געקענט זיך טרעפן אויג אויף אויג מיט דעם איינגעשפּאַרטן יינג.

נתן חיים איז געשטאַנען און געטראַכט וואָס ער זאָל דאָ טוען און אַזוי טראַכטנדיק האָט דערווייל זיין בליק זיך געגליטשט איבער דעם שייגעצס צעפּאַטלטע קודלעס, האַרטע, שטרוי־קאָלירטע. אַ רגע נאָר האָבן זיינע אויגן זיך פאַרהאַלטן אויף דעם בינטל האָר, וואָס איז אים געשטאַנען דיבאָם אינמיטן קאָפּ און גלייך האָט זיך אין נתן חיימס מוח עפּעס אַ ריר געטאָן, ווי אַ טירעלע וואָלט זיך דאָרט געעפנט. אינסטינקטיוו האָט ער אַ געשריי געטאָן:

[8] געדולד.

— באַליעק!

— טאַק, פּאַזנאַלעש מניע (יאָ, האָסט מיך דערקענט) — האָט דער שייגעץ אַ זאָג געטאָן און זייטיקלעך, מיט אַזאַ דערווידערדיקן בליק, אים אָפּגעמאָסטן פון זיין ברייטראַנדיקן קאַפּעליוש ביז די שפּיצן פון זיינע שיך, געשיצטע אין האַלב־טיפע, גלאַנציקע קאַלאָשן.

נתן חיימען האָט פאַרפּעלט אָטעם. נישט אַזוי דאָס אומגעריכטע טרעפן זיין אַמאָליק חברל, ווי יענעמס פאַראַכטונג צו אים, זיין נישט וועלן אים זען, זיין אַוועקדרייען זיך פון אים מיט אַזאַ פאַרביסנקייט. אָבער פאַרוואָס?

אָט דער פאַרוואָס האָט אים געעגבערט אין מוח, אויפגעראַיעט דאָרט בילד נאָך בילד, דערמאָנונג נאָך דערמאָנונג. ערשט איצט איז נתן חיימען קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס אין יענעם פסח, ווען ער איז אַהיימגעקומען פון ראָדעם אין אַ פּאָר נייע, געמזענע שיך און באַליעק איז נאָך אַלץ אַרומגע־גאַנגען באָרוועס, איז כאָטש ער האָט באַלד די שיך אויסגעטאָן און איז צוריק אַריין אין די אַלטע, זעלנערישע שטיוול, האָט דאָך באַליעק אים אויפגעוואָרפן: „אָ, נאָסקע, דו ביסט שוין אַ פּאַניטש, גייסט שוין אין נייע, געמזענע קאַמאַשן!".

יאָ, דעמאָלט האָט שוין זיך אָנגעהויבן די אָפּפרעמדונג ביי זיי. דעמאָלט שוין האָט אָנגעהויבן וואַקסן אין באַליעקס האַרץ די קנאה, אָט דאָס ביטער געוויקס, וואָס מיט די יאָרן האָט עס זיך אַזוי העסלעך צעבליט, אויסגעגראָבן אַזאַ טיפן אָפּגרונט צווישן זיי. איז אַ וווּנדער וואָס איצט איז די קנאה ביי באַליעקן נאָך גרעסער? אָט שטייט ער, באַליעק, ביי אַזאַ שטינקענדיקער אַרבעט, אין קויט און אין נעץ ביז איבער די קנעכלעך, האָט נאָך אַוודאי היינט נישט קיין פּאָר לייטישע שיך צו גיין אין קאָסטשיאָל אַריין, בעת ער, נתן חיים, שטייט פאַר אים אַלס פאַרשטייער פון פאַראייך, אָנגעטאָן אין אַ לייטישן גאַרניטער, אין אַ ווייסן קאָלנער מיט אַ שניפּס, אין קאַלאָשן אויף די שיך, זיי זאָלן זיך נישט ווייקן אין דער פליעטש און שטינקעכץ.

— באַליעק, — האָט ער אַ פאַרשולדיקטער, מיט טיפער ליבשאַפט אַ ריר געטאָן דעם חבר אויפן אַקסל, — פאַרוואָס אַזאַ פרעמדקייט צו מיר?

באַליעק האָט זיך אויסגעדרייט, אים שאַרף געקוקט אין די אויגן:

— נאָסקע, צווישן אונדז איז אַלץ געענדיקט. צוויי פרעמדע מענטשן זענען מיר איצט. דו ביזט אַ סאָציאַליסט און איך...

— יאָ, דערצייל מיר טאַקע, וואָס ביזטו געוואָרן? — האָט נתן חיים ווידער אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף באַליעקס אַקסל, געוואָלט וויסן ווי ער האַלט מיט זיין אַמאָליקן חבר.

— וואָס איז דאָ צו רעדן, — האָט באַליעק, אומגעדולדיק שוין אַ מאַך

געטאָן מיט דער האַנט און אויפסניי געגומען שאָבן די האָר פון דער פעל.

— ווילסט נישט רעדן מיט מיר, קען איך דיך נישט נייטן, אָבער אווערקלייגן די אַרבעט? זעסט דאָך, די גאַרבאַרניע איז אָפּגעשטעלט, אַלע וואַרטן אויף דיר צו גיין אין פּאַראיין.

— איך געהער שוין צו אַ פּאַראיין, — האָט באַליעק האָפּערדיק אים געענטפערט.

— וואָס פּאַר אַ פּאַראיין? — איז נתן חיים נישט אָפּגעטרעטן. — אין לובלין איז קיין אַנדער פּאַראיין פון גארבער נישטאָ.

— איך דאַרף נישט קיין פּראָפעסיאָנעלן פּאַראיין. איך געהער צום פּאַראיין פון רוימישע קאַטאָליקן, פּאָליאַקן! — האָט באַליעק אַ זאָג געטאָן מיט שטאָלץ, אַזש די אויגן זיינע, ביז איצט בייזע, פאַרכמורעטע, האָבן מיטאיינמאָל ביי אים אויפגעלויכטן אין אַ גליק־פייערל, ווי ביי אַ קינד, וואָס איז בייגעקומען א גרעסערן פון זיך.

— מאַק, אַזוי, — האָט נתן חיים אַ רעזיגנירטן ברום געטאָן צו זיך אַליין. איצט זעט ער ווו ער האַלט מיט זיין אַמאָליק חברל. אַ רוימישער קאַטאָליק, אַ פּאָליאַק, דאָס איז דאָך דער שטאָלץ פון די ענדעקעס, פון די כאַדעקעס, פון אַלע פּוילישע שאָוויניסטן! אַ טרויעריקער האָט ער זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. עפּעס האָט ער געהאט אַ געפיל ווי מיט באַליעקן בלייבט דאָ, אין דער ליידיק געוואָרענער גאַרבעריי, אַ שטיק פון אים אַליין, פון זיין פריסטער קינדהייט ביז היינט.

קאַפּיטל איינאונפערציק

זינט איר מאַן, סאַנע, אַ גאַרבער אין די אָנהויב דרייסיקער, איז אַוועק אויף דער מלחמה, דערנערט צעשע זיך און איר קינד, אַ מיידעלע אין דריטן יאָר, פון וואַשן גרעט, וואָס יידישע באַלעבאָסטעס גיבן איר אַהיים. זי וואָלט אַוודאי בעסער געוואָלט זיך דערנערן פון איר פאַך, אַ וועשנייטאָרין, איז אָבער נישטאָ קיין אַרבעט. די מאַשין, כאָטש אַרומ־געדעקט, איז שוין באַלד פאַרזשאַווערט און זי קריגט נישט אויף איר קיין שטאָך צו טאָן. ווער אין לובלין לאָזט זיך דאָס היינט אויפנייען נייע וועש? מ׳קריגט דען אַן אייל לייוונט? אַ קריש וועב? מ׳זאָגט, אַז די עסטרייכער זענען בעסער, אָבער זיי טוען ס׳אייגענע וואָס די דייטשן! קאָנפיסקירן, נעמען צו, כאָטש ס׳איז דען דאָ וואָס צו צונעמען? אַלע פאַבריקן שטייען דאָך!

ווי שווער איר פאַלט נישט דאָס שטיין געבויגן איבער דער באַליע און זיך פּליעטשקען אין יענעמס קויט און ברוד, דזשוויגען די וויאַדרעס וואַסער פון דער ברונע אין שטוב אַריין, דערנאָך טאַסקען די אָנגעפּילטע טעפּ אויף דער פּליטע אַרויף, אויסצוקאָכן דאָס גרעט פאַרן אַריינטוען עס אין בלועכץ, נעמט זי דאָס אַלץ פאַרליב, אַבי גאָט זאָל איר נאָר העלפן ס׳קינד זאָל זיין געזונט, ס׳זאָל אָפּגעהיטן ווערן פון טיפוס, פון דער דיזענטעריע, וואָס בושעווען אַרום איר, אין די פאַרחושכטע געסלעך הינטערן זאַמעק. זי בעט אויך צו זיין ליבן נאָמען, סאַנע זאָל איר בשלום אַהיימקומען מיט הענט און פיס, ער זאָל נאָך קענען זיין אַ טאַטע צו זיין קינד, אַ מאַן צו זיין ווייב. וואָס קומט אָבער דערויס, אַז דערווייל ווערט איר שווערער מיט יעדן טאָג צו קריגן אַ ביסל וועש אויסצוּוואַשן. ס׳איז דאָך גאָרנישט דאָס אייגענע לובלין! נעכטיקע נגידים האָבן היינט נישט מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבן. מ׳קנייפּט זיך די באַקן די פאַרב זאָל שטיין. מ׳ווינט נאָך קלאָמפּערשט אין די אייגענע סאַליעס, אָבער די מאַדאַם איז אַליין די דינסט. אַז קיינער זעט נישט, וואַשט זי אַליין אויס אַ פּאָר שטיקלעך.

אָט, צוליב דעם, האָט זי דאָס זיך געלאָזט צורעדן פון חבר אַרבוז און אַריינגענומען אַ לאָקאַטאָר, דעם נייגעקומענעם חבר פון וואַרשע. ווי וויל זי נייטיקט זיך אין די עטלעכע קראָנען, האָט זי דאָך באַלד חרטה

געקראָגן אויף דעם, וואָס זי האָט דאָ אָפּגעטאָן. וואָס איז זי, משוגע מײנע שונאים? מענטשן װעלן זי דאָך האַלטן פאַר אַ כ׳װײס װאָס! דער מאַן איז אויף דער מלחמה און זי גאָר נעמט זיך אַרײַן אַ בחור אין שטוב! זי איז שוין אַפילו גרייט געווען צו גיין בעטן דעם חבר אַרבוז, ער זאָל פאַר דעם וואַרשעווער חבר געפינען אַן אַנדער דירה, האָט זי זיך אָבער געשעמט פאַר זיך אַליין. ערשטנס, פון װען אָן רעכנט זי זיך מיט דעם, װאָס מענטשן רעדן? צווייטנס, וואָס האָט זי אַזוי מורא? דער חבר וועט זי חלילה „מאַאַנע שונאים זאָאַן"? ער זעט גאַרנישט אויס צו זיין פון דעם ס׳גאַאַל. פאַרקערט, ער קומט איר פאַר ווי אַן איידעלער יונגערמאַן, מיט אַ ליבלעך־צאַרט פנים, מיט איידעלע באַנעמונגען. נאָר װען אַפילו נישט, איז זי אַזאַ נעבעכל? ליגן איר די הענט אין קימפעט?

איז זי נישט געגאַנגען צו אַרבוזן, פאַרקערט, זי איז גאָר געווען צופרידן צו האָבן דעם בחור אין שטוב. אין איר איצטיקן מעמד איז דאָך דער לאָקאַטאָר איר ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. מער נאָך ווי די עטלעכע קראָנען דירה־געלט, איז פאַר איר אַ רעטונג דאָס ביסל עסנוואַרג, וואָס די חברים באַזאָרגן פאַר אים, זינט דאָס קינד איז געפאַלן אויף דער וועלט, איז מלחמה און ס׳האָט נאָך נישט פאַרזוכט קיין פּיצל ווייס ברויט, קיין קריש פלייש. איצט, אַז דער חבר האָט זיך דאָ אַריינגעצויגן איז זי ממש אויפגעריכט געוואָרן. די חברים, זעט אויס, האָבן זייער גערן דעם נייעם סעקרעטאַר, היטן זיי אים אָפּ ווי דאָס אויג אין קאָפּ. זיי ווייסן דאָך, אַז זאָל ער דאַרפן גיין מיט דעם געהאַלט, וואָס זיי צאָלן אים, אין רעסטאָראַציע עסן, וועט ער האָבן אַ שיין פנים. האָט דער חבר ארבוז גלייך אויסגערעדט מיט איר ער זאָל דאָ האָבן זיינע מאָלצייטן. וואָס אַן אמת, די חברים זעען אים שיין צו. אַלע צוויי טעג וואַרפן די בעקער אַריין פאַר אים אַ ווייס ברייטל, אַ חלה אויף שבת. די פליישער ווידער שיקן פאַר אים אַריין אַ מילצל, אַ גריישל, אַ שטיקל לונג און לעבער זיי טאָקע מיינען דאָס עסנוואַרג נאָר פאַר אים, איז אָבער דער חבר זייער אַן איידעלער מענטש, ער וועט נישט עסן אַליין. מאַכט זי דאָס מאָלצייט פאַר אַלע דריי.

זאָגן, אַז די חברים האָבן נישט קיין שכל? זיי פאַרשטייען גאַנץ גוט, אַז ווי איינער עסט, אַזוי אַרבעט ער. ווען דער סעקרעטאַר זייערער וואָלט געדאַרפט לעבן אויפן שטיקל ברויט, אויף דער זופּקע אין דער אַרבעטער־קיך, וואָלט ער געקענט פאַר זיי אַזויפיל אויפטוען? ער האָט דאָך שוין באַלד איבערגעקערט לובלין מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף! ווער האָט דאָס פריער געהערט, אַז לובלינער גאַרבער זאָלן געווינען אַ סטרייק? איר סאָנע איז דאָך אויסגעריסן געוואָרן אין די וואַליער גאַרבאַרניעס און וואָס האָט ער פאַרדינט? ווען זי בלייבט נישט די נייטאָרין אויך נאָך

דער חתונה, וואָלט דען געוועזן ברויט אין שטוב? דעסגלייכן די בעקער. ווען האָבן דאָס לובלינער בעקער־אַרבעטער אָפּגעטרעטן פון אייגענעם ווילן אַ פּייעראַנט צו אַן אַרבעטסלאָזן חבר? און די שניידער? און די סטאָלאַרעס? וואָס דאַרף מען שוין מער? אַפילו צירולניקעס סטרייקן דאָך פאַר אַ העכערן לוין, פאַר מענטשלעכער באַהאַנדלונג. איז אַ חידוש, אַז די פאַראיין־מיטגלידער גייען די כפּרה פאַר זייער נייעם סעקרעטאַר?

אין מיטן די טראַכטענישן האָט זי פּלוצים אַוועקגענומען די אויגן פון איבער דער באַליע גרעט און אַ קוק געטאָן הינטער זיך צום זייגער, אַן אַלטער, רונדער קלאַפּערקאַסטן מיט אַראָפּהענגענדיקע, מעשענע וואָגעס אונטער אַ פאַרגעלט ציפערבלאַט. זי האָט אַזש אַ דריגע געטאָן: „אוי, דער חבר קומט דאָך באַלד אויף מיטאָג״!

זי האָט גיך פאַרענדיקט דאָס וואַשן, אַריינגעלייגט די אויסגעדרייגטע שטיקלעך וועש אין די קאָכעדיקע טעפּ וואַסער, אויסגעגאָסן די ברודיקע מידלינעס אין שעפּל אַריין און שנעל פאַררוקט די באַליע אונטער איר בעט. זי האָט אַפילו פאַריבל געהאַט אויף זיך: זע נאָר ווי צעיאָכמעט זי ווערט ווען דער חבר דאַרף קומען אויף מיטאָג, אויף קאָלאַציע. די ערשטע וואָכן נאָך זיין אַריינציען זיך, האָט זי גאַרנישט געאַרט, אַז ער האָט זי געטראָפן שטיין ביי דער באַליע גרעט אַ צעפּאַטלטע, ווי אַן אַלטע וועשערקע. איצט, עפּעס מיטאיינמאָל, האָט עס איר אָנגעהויבן אַרן און עס גייט איר ממש אין לעבן די שטוב זאָל זיין אויפגערוימט ווען ער קומט אַריין, זי און דאָס קינד זאָלן נישט אויסזען אָפּגעלאָזן, פאַרשליאָכעט.

גיך האָט זי אָפּגעוווישט די מידלינעס פון אירע הענט, פון די אָרעמס, יונגע, רייצנדיקע און גענומען איבערשווענקען אין אַ טעפּל אַריין אַ ביסל גרויפּן, עטלעכע צוקערבאָבעס און ווייל דער קרופּניק האָט זיך געקאָכט, האָט זי זיך אָנגעטאָן אין אַ פרישׁ קליידל און, כאָטש זי האָט זיך פאַר־געוואָרפן וואָס זי צירט זיך, וואָס עס גייט איר אַזוי אין לעבן צו געפעלן דעם יונגן לאָקאַטאָר, איז זי דאָך וואָס אַ טאָג געשטאַנען אַלץ לענגער פאַרן שפּיגל, געפלאָכטן די צעפּ און זאָרג געקוקט אויף דעם שוואַרצן פּעפּערל, וואָס אויף איר לינקער באַק, צי עס ווערט נישט אַמאָל דערפון אַ ווערצעלע, און צי וועט נישט, חלילה, אָנהייבן וואַקסן דערויף האָר, ווי ביי אַלטע ווייבער!

אוודאי האָט זי געוווּסט אַז דאָס איז נישט רעכט, אַ מאַמע פון אַ קינד, דערצו נאָך אַריבער שוין זעקס און צוואָנציק, פּוצט זי זיך פאַר אַ יינגל פון אַכצן, ניינצן יאָר! און דאָס בעת איר סאַנע וואַלגערט זיך ערגעץ אין די אָקאָפּעס, זעט אוודאי צען מאָל אין טאָג דעם טויט פאַר די אויגן, אָדער ליגט ערגעץ אַ גערעניעטער אין אַ שפּיטאָל און אפשר... אוי, זי זאָל נאָר איר מויל צו קיין בייז נישט ברענגען!

אַ רגע איז זי אַזוי געשטאַנען קעגן שפּיגל און געשאָקלט דעם קאָפּ אין באַדויער: ווי איר האַרץ, זי ווייסט אַפילו נישט ווו סאַנע איז! צוגענומען אים ווען זי האָט זיך געריכט צו לייגן אין קימפּעט, געהערט פון אים צווײ, צי דריי מאָל און — ווי אַ שטיין אין וואַסער אַריין!

זי איז אָבער באַלד ווידער געוואָרן פול מיט אומרו: וואָס שטייט זי? דער חבר קומט דאָך באַלד עסן! גיך האָבן אירע פינגער געקנעפּלט די קנעפּלעך פון קליידל, געכאַפּט אויף זיך אַ פאַרטעכל, אַ בלוי־געשלעקלטס, מיט רויטע שפּיצעלעך אַרומגעליאַמעוועט. שוין, אויס פאַרשמאַדערטע וועשערקע, צוריק צעשע, דאָס יונגע, שיינע, באַלעבאָסטעלע!

צעשע האָט אונטערגעהויבן דאָס שטערצל פון איבערן טעפּל. די פּאַרע האָט אַ זעץ געטאָן, צעשפּרייט איבער דער שטוב דעם זיסן ריח פון פריש געקעכטס, פון דער אַזוי געגאַרטער זעט. באַלד האָט זי געגרייט צום טיש, אַוועקגעלייגט ווייס ברויט, געשיר, געשטעלט אַ זאַלצמעסטל מיט זאַלץ. איצט איז זי אַרויס פאַר דער טיר, אַ האַלצערן גאַניקל מיט אַכט צעלעכצטע, וואַקלדיקע טרעפּלעך. יהודיתל, דאָס דריי יאָריקע מיידעלע, אַ שוואַרץ ציגאַנקעלע ווי זי, ווי סאַנע, איז זיך געזעסן אויף דער ערד באַרוויס, פאַרשמאַדערט, געגראָבן גריבלעך אין ווייכן באָדן, געמאַכט שטיבלעך, טונעלן, און גאָרנישט געוואָלט זיך אומקוקן אויף דער מאַמען, אויף איר רופן זי פון דער הייך אַראָפּ.

אינמיטן פאָרען זיך אַרום קינד, אָנטאָן איר אַ פריש־געפּרעסט קליי־דעלע, זעקלעך מיט שיכלעך אויף די פיסלעך, איז צעשע געבליבן שטיין אין שטיק געהער. זי איז געווען זיכער אַז זי הערט דעם לאָקאָטאָרס טריט, זי האָט זיך געוווּנדערט: ווי מאָדנע, קיינמאָל איז זי נישט געווען אַזוי וואַך, אַזוי אָנגעשפּיצט צו סאַנעס אַהיימקומען. ווען נישט דער ריח פון די שטינקענדיקע פעל, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אים אַ מייל פאַראויס וואָלט זי גאַנץ אָפּט גאָרנישט געוווּסט אַפילו, אַז ער איז דאָ אין שטוב.

— צעשקעלע, האָט זי גערעדט צו זיך אַליין אויפן קול און דערבײ צופרידן געשמייכלט, — ביזט פאַרקאָכט איבער די אויערן!

צעשע האָט זיך אַליין געחידושט. אויבן־אויף זעט עס אויס ווי זיי קענען זיך גאָרנישט. ביים דערלאַנגען דעם חבר עסן, אויך דערנאָך ביים טיש, קעגנאיבער אים, זיצט זי מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, כלומרשט פאַר־נומען ביים קאָרמענען דאָס קינד און, ווייל אויך ער הייבט נישט אויף זיין בליק, מיינט זי, אַז ער זעט זי גאָרנישט, אַז איר צירן זיך, דאָס פלעכטן אירע צעפּ, דיקע, לאַנגע ביז די היפטן, באַמערקט ער אַפילו נישט, אַז זי מיינט גאָרנישט פאַר אים. וואָרום, אינדערעמתן, ווי קומט זי, אַ

פראָסט ווײַבל, קען קוים זיך אונטערשרײַבן, צו אים, אַ באַוווּסטזיניקער חבר, דער סעקרעטאַר פון די לובלינער פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען!

איז עס אָבער נישט געווען אַזוי, נתן חיים, דער לאַקאַטאָר, האָט זי שוין גאָר באַמערקט. עס וואָלט דען מעגלעך געווען אַנדערש? ווײַנען ביי אַ יונגער, שיינער פרוי, וואָס דער מאַן אירער איז נישטאָ אין דער היים, און ער זאָל זי נישט זען? נישט באַמערקן זי?

ווי די צעשע, אַזוי האָט אויך נתן חיים נישט געקענט פאַרשטיין דעם חבר אַרבוז. פאַרוואָס האָט ער אים אָפּגעזוכט אַ דירה גראָד ביי אַ יונגער פרוי, דערצו נאָך וואָס דער מאַן אירער איז נישטאָ אין דער היים. אויך ער האָט גלייך געוואָלט בעטן אַרבוזן, ער זאָל פאַר אים געפינען אַן אַנדער סטאַנציע, האָט עס אים אָבער נישט געפאַסט. וואָס איז ער, אַ צעקראָכענער מייער? ס׳איז דאָך אַ חרפה און אַ בושה גאָר צו טראַכטן, אַז אַ פרוי, אפשר אויף צען יאָר עלטער פון אים, אַ פאַרטרויערטע איבערל גורל פון איר מאַן, דערצו נאָך אַ מאַמע פון אַ קינד, וועט איר ליגן אין זינען עסקים מיט אים?

האָט ער אָבער גיך איינגעזען אַז ער גענאַרט זיך. נישט נאָר זי — אים, אויך ער — זי גייט שוין גאָר אַן. שטילערהייט, כלומרשט נישט זעענדיק איינע דעם אַנדערן, ווערן זיי ביידע אומרואיק, געשפּאַנט, ווי נאָר זיי זענען צוזאַמען אין שטוב, אַן אומרו, וואָס פאַרהאַקט זיי ביידע דעם אָטעם. אין די טעג איז נאָך יאָק אי טאָק. וויפל איז ער דען דאָ אין שטוב? פרישטיק עסט ער דאָ נישט, גייט ער אַוועק איידער נאָך זי און דאָס קינד שטייען אויף. דאָס וואַרעמעס געדויערט אַ האַלבע, העכסטנס דריי פערטל שעה, אויך אַזוי קאַלאַציע און שלאָפן קומט ער ערשט נאָך האַלבער נאַכט.

עס רעדט זיך נאָר אַזוי שלאָפן. ווי נאָר ער האָט זיך דאָ אַריינגעצויגן האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן דער שלאָף. ער ליגט אין בעט אַן אָנגעשפּיצטער און טוט נישט צו קיין אויג. ווי וויל זי האָט פאַר אים אָפּגערוקט דעם מאַנס בעט ווייט פון אירן, עס אַוועקגעשטעלט אין אַנדערן עק שטוב, לעבן פעסל מיט וואַסער, איז זיין פאַרטייעטער בליק, דורך דער פינצטער כסדר געווענדט צו איר. דורך דער גאַנצער נאַכט איז ער אײן שטיק געהער, אַז זי טוט זיך אַ ריר, פאַרפעלט אים אָטעם. ס׳לייגט זיך אונטער אים הייבט אָן ברענען, טרייבן אים. באַפאַלט אים אָבער אַ געפיל פון בושה, געמישט מיט פחד, און ער בלייבט ליגן אין אָנמאַכט, פול מיט אַנגסטן און כאָטש ער ציט אַריבער דאָס איבערבעט איבערן קאָפּ זעט ער דאָך ווי דער סאַנע, דער מאַן אירער, אַ זעלנער, וואָס די פאָטאָגראַפיע פון אים מיט איר הענגט אויף דער וואַנט, גייט אַראָפּ פון פאָרטרעט, דערנענטערט זיך צו אים מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן:

— איז דאָס רעכט אַזוי? — פרעגט ער אַ פאַרצאָרנטער, — איך

וואַלגער זיך אויף דער מלחמה, און, דו, אַ יונג ווי אַ ביק, ליגסט אין מיין בעט און גלוסט צו מיין ווייב!

מילא, כל זמן ער האָט געדאַרפט שטילן נאָר די אייגענע געבליטן, האַמעוועןן בלויז זיינע דראַנגען, איז נאָך די נאַכט ווי עס איז אַריבער און פאַרטאָג איז ער איינגעשלאָפן. ערגער אָבער איז אים געווען ווען זי, צעשע, האָט שוין נישט געקענט האַמעווען אירע געבליטן און זי האָט אָנגעהויבן וואַנדערן אין די נעכט איבער דער שטוב. פּלוצלינג הייבט זי זיך אויף פון בעט און גייט אין דער פינצטער זען צי דאָס מיידעלע שלאָפט, צי ס׳איז איינגעדעקט, כאָטש די נעכט זענען הייסע, פאַרנע. דערנאָך, נאָכן צודעקן דאָס קינד, גייט זי גאָר נעמען אַ טרונק וואַסער און גייענדיק צום וואַסערפעסל, שלייכט זי פאַרביי זיין בעט אַזוי נאָענט, אַז ער הערט אַזש ווי איר האַרץ קלאַפּט, ווי איר אָטעם גליט און די נאָענטקייט אירע טוט אים אַ הויב, אָט, אָט און ער שטרעקט אויס צו איר די הענט אין געבעט:

— פאַני צעשאַ, צו וואָס דאָס פייניקן זיך? צו וואָס דער אָנשטעל?

איינמאָל, פרייטיק פאַרנאַכט, ווען ער איז געקומען אויף קאָלאַציע, איז ער געבליבן שטיין אויף דער שוועל אַ פאַרבליפטער. אויפן מאָמענט האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט, אַז דאָס איז נישט די שטוב ווו ער וווינט. ווו נאָר זיין בליק פאַלט, פעכלט דער שבת. דער טיש איז געדעקט מיט אַ ווייס טישטעך. צוויי ליכט ברענען אין די לייכ־טער, הויכע, בלישטשענדיקע, ווי פריש געזילבערט. דאָס חלהלע, וואָס די בעקער פאַרגעסן נישט אַריינצושיקן איז איבערגעדעקט מיט אַ טיש־טעכל, אָן אויסגעהאַפּטנס מיט אַ רויטן „לכבוד שבת". שטאָט ווייז, וואָס מען קריגט נישט צוליב דער מלחמה, פינקלט אין דער קאַראַפינקע דער טונקל רויטער ווישניאַק, וואָס שטייט ביי איר אוודאי פון נאָך פאַרן קריג. און מער נאָך ווי דער טיש, די שטוב, רוט דער שבת אויף איר, צעשען. די צוויי שוואַרצע צעפּ זענען איר אַרומגעלייגט ווי אַ קראַנץ אַרום קאָפּ. אין די אויערן באַמבלען זיך איר אויערינגלעך מיט גרינע שטיינד־לעך. זי זיצט ביים טיש, לעבן שבתדיק־אָנגעטאָענעם קינד, און אירע אויגן, ברוינע, גרויסע ווי ביי אַ סאַרנע, קוקן צו דער טיר פול מיט דער־וואַרטונג. וואַרט זי אויף אים? אויף איר סאָנען?

אַ צעטומלטער איז ער געשטאַנען אויף דער שוועל, עפּעס ווי ער וואָלט נישט געגלייבט די אייגענע אויגן. קיינמאָל אין די פריערדיקע פרייטיקצונאַכטסן, האָט ער דאָ אַזוינס נישט געזען.

— גוט שבת, האָט ער ענדלעך, קווענקלענדיק זיך, אַ זאָג געטאָן.

— גוט שבת, גוט יאָר, האָט זי שטיל, אַזוי סאַמעט־ווייך אים גע־ענטפערט און דערביי זיך אויפגעשטעלט צו גיין אים אַנטקעגן.

כאָטש אַזוי צעטומלט האָט ער דאָך געדענקט נישט צו פֿאַרשוועכן דעם שבת און נישט אויסגעטוען דעם קאַפּעליוש, ווי ער איז דאָס געוווינט צו טוען, ווי נאָר ער טרעט אַריבער אַ שוועל.

— איך בעט אייך, — האָט זי, אַ ביסל שעמעוודיק, אַרויפֿגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל, — זייט אַ גוטער און מאַכט היינט קידוש פֿאַר אונדז.

אינסטינקטיוו האָט ער אַרויפֿגעלייגט זיין האַנט אויף אירער, געקוקט איר אין די אויגן, פֿאַרלאָפֿענע מיט פֿייכטקייט, ווי אין באַגין דער טוי אויף פּלוימען.

אָט אין יענעם פּרייטיקצונאַכטס איז דאָס געשען. ניין, זי איז אין יענער נאַכט נישט געגאַנגען נעמען אַ טרונק וואַסער, אויך נישט איינ־דעקן דאָס קינד. נאָך לאַנגע שעהען ליגן אָנגעשפּיצט ביזן פֿאַרלירן דעם אָטעם, זי אין איר בעט און ער — אין זיינעם, האָט ער פּלוצים דערזען ווי זי טוט זיך אַ זעץ אויף און, דורך דער טונקלקייט, האָט זי צו אים אַ שוועב געטאָן, אַ ווייסע פֿון די אַקסלען ביז די פֿינגער־שפּיצן פֿון אירע פֿיס...

באַגין אין דער גרויקייט פֿון אויפֿגעגאַנגענעם טאָג, איז זי ווידער צוגעקומען צו זיין בעט, דאָס מאָל אַ פֿאַרוויינטע, אַ פֿאַרשעמטע. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, פֿאַרזונקען איר קאָפּ אויף זיין ברוסט און ביטער געקלאָגט:

— איך בין אַ געמיין שטיק, אַ געפֿאַלענע פֿרוי. סאַנע וועט מיר דאָס קיינמאָל נישט פֿאַרגעבן!

— אייער סאַנע איז דאָך דאָ נישטאָ.

— ער איז יאָ דאָ! — האָט זי זיך געטאָן אַ ריס פֿון אים און דערביי געקוקט אויף אים שאַרף. — ער איז דאָ און ער האָט אַלץ געזען און נאָך מער וועט ער דאָס זען אין מיינע אויגן ווען ער וועט אַהיימקומען. אָ, ווי געפֿאַלן איך בין, ווי טיף איך בין געזונקען!

אויף אַ רגע האָט אויפֿגעהערט דאָס העשען, דאָס צוקן פֿון אירע אַקסלען. ער האָט געגלעט אירע האָר, געטאָן איר אַ קוש אין קאָפּ. זי האָט אונטערגעהויבן צו אים איר געזיכט, נאַס, אויסגעווייקט פֿון טרערן.

— איך בעט אייך, — האָט זי אים געצערטלט דאָס פּנים, געגלעט אים די הענט, — איך בעט אייך, ציט זיך אַרויס פֿון דאַנען...

אַ שטילער, אַ פֿאַרשולדיקטער האָט ער איר געקוקט אין די טרערן־פֿאַרלאָפֿענע אויגן. דערנאָך האָט ער מער זיך ווי זי געפֿרעגט:

— ס'עט דען העלפֿן, צעשע?

קאַפּיטל צוויי־און־פערציק

נאָך דער פעברואַר־איבערקערעניש אין רוסלאַנד איז קלאָר געוואָרן פאַר יעדן איינעם אַז איצט, ווען ס׳האָט געגומען אַ סוף צו דער צאַרישער הערשאַפט, וועט שוין פּאָניע צוריק קיין פּוילן זיך נישט אומקערן. און כאָטש דער רוסישער טייל פון פּוילן איז נאָך דערווייל געווען אָקופּירט פון צוויי מאַכטן, דייטשלאַנד און עסטרייך, איז שוין אָנגעגאַנגען צווישן דער באַפעלקערונג אַ פיבערדיק גרייטן זיך אויף מאָרגן, נאָך דער מלחמה.

און נישט נאָר אין פּוילן, אין אַלע טיילן פון די מלחמהדיקע לענדער, האָבן פּאָליאַקן זיך מושטרירט אין לעגיאָנען און זיך געגרייט צו יענעם געגאַרטן טאָג. פון איין זייט דער גענעראַל האַלער דורך דער הילף פון אַמעריקע, ענגלאַנד און פראַנקרייך, פון דער צווייטער זייט דער גענעראַל דאָווּבור־מושניצקי מיט דער הילף פון געוועזענעם, צאַרישן רוסלאַנד און, פון דער דריטער זייט — פּילסודסקי, דער אַמאָליקער פירער פון דער פּ. פּ. ס., דורך דער הילף פון דייטשלאַנד און עסטרייך. אַלע האָבן זיי זיך געגרייט.

כאָטש קיין איינער פון די גענעראַלער איז נאָך מיט זיינע לעגיאָנען אין פּוילן נישט געווען, זענען אָבער דאָרט, באַצייטנס שוין, געווען זייערע פאָרפּאָסטנס. אויב די ענדעקעס און כאַדעקעס, די רעאַקציאָנערע פּאָליאַקן, האָבן זיך אויסגעקוקט זייערע אויגן אויפן אַריינקומען פון גענעראַל האַלער, פון גענעראַל דאָווּבור־מושניצקי, האָבן די פּעפּעעס און מיט זיי די ליבעראַלערע פּאָליאַקן, געגאַרט און געהאַרט אויפן אַריינקום פון פּילסודסקין און, כדי צו זיין גרייט מיט אַ כוח, וואָס זאָל איבערנעמען דאָס לאַנד פון די דייטשן און עסטרייכער, ווען זייערע אַרמייען וועלן צעזאַמענברעכן און עס האַלטן ביז פּילסודסקיס זעלנער וועלן אַריינמאַרשירן, האָבן זיי שוין אין פּוילן אויפגעשטעלט די „פּע.אָ.ווע.״, אַ נאַציאָנאַלע, מיליטערישע אָרגאַניזאַציע.

אין די שטעט און אין די דערפער, אויף די פּריצישע פאָלוואַרקן און אין די ליידיק־שטייענדיקע פאַבריקן, אומעטום האָבן יונגע פּאָליאַקן אין געהיים זיך מושטרירט. מיט בעזעמס און מיט דרענגער אויף די אַקסלען שטאָט ביקסן, האָבן זיי מאַרשירט אויף און אָפּ, אויף און אָפּ, זיך געאיבט און געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען זיי וועלן האָבן אמתדיק געווער אין דעם באַניטן און באַפרייטן פּוילן.

אויך די יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן האָט זיך געגרייט צו יענעם טאָג, אָבער נישט מיט קיין לעגיאָנען און נישט מיט קיין ביקסן. אַוודאי זענען אין פּילסודסקיס מיליטער־אָפּטיילונגען געווען אויך פיל יידישע יונגעלייט פון קאָנגרעס־פּוילן, פון גאַליציע, אָבער די יידישע, פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן זיך נישט געגרייט מיט קיין מיליטער און נישט מיט קיין געווער. דורך קאָנפערענצן און אסיפות, מיט דיסקוסיעס און רעזאָלוציעס האָבן זיי געהאָפט און געפּלאַנט צו שטאַרקן און ווייטער בויען דאָס יידישע לעבן אין נייעם, זעלבשטענדיקן פּוילן.

וואָס אַ חודש ווייטער אין דער מלחמה אַלץ שאַרפער, אַלץ טיפער זענען געוואָרן די אַמפּערנישן, די רייסערייען צווישן די יידישע פּאַרטייען און גרופּן. פון איין זייט — דער בונד, פון דער צווייטער זייט — די ציוניסטן, פון דער דריטער זייט — די פאָלקיסטן, די ס.ס., די פרומע, אַלע האָבן זיי געוואָלט אויף זייער וועג און זייער אופן פירן דאָס יידישע פאָלק, געזונטער מאַכן דאָס יידישע לעבן.

האָט דער בונד געזאָגט — דאָ! אין דעם לאַנד ווו יידן וווינען, ווו יידישע אַרבעטער לעבן, דאָרט מוזן זיי, צוזאַמען מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג, מיט דער אַרבעטערשאַפט פון דעם לאַנד, קעמפן פאַר אַ גערעכטער אָרדענונג, פאַר זייער רעכט צו לעבן ווי יידן, פאַר דער רעכט אויף זייער שפּראַך און קולטור.

האָבן די ציוניסטן געזאָגט — ניין! אין גלות קען דאָס יידישע לעבן נישט האָבן קיין קיום. נאָר אין ארץ־ישראל וועלן יידן ווערן מיט פעלקער גלייך, וועלן די יידישע מאַסן זיך פּראָלעטאַריזירן און נאָר דאָרט וועט דאָס יידישע לעבן זיך קענען אַנטוויקלען, וואַקסן און געדייען.

אויף דעם האָבן די ס. ס. געענטפערט — גערעכט! עס מוז אָבער נישט זיין רק ארץ ישראל. דער עיקר איז אַ טעריטאָריע, מעג זי אפילו זיין הינטער די הרי חושך!

האָט די „אגודה" און מיט איר אַלע פרומע לייט געזאָגט — ניין! נישט דורך די הענט פון קיין בן אדם! אַז יידן וועלן זוכה זיין, וועט קומען משיח און אונדז אויסלייזן פון גלות. דערווייל דאַרפן יידן לערנען תורה, טוען מצוות און מעשים טובים.

ווי די פּאַרטייען האָבן זיך אַרומגעריסן, פאַרניינט און מבטל געמאַכט איינע די אַנדערע, זענען דאָך זייערע באַוועגונגען געוואַקסן, געוואָרן פילצאָליקער, שטאַרקער. די יידישע שטעט און שטעטלעך, כאָטש הונגעריק און חרוב, האָבן זיי דאָך גערוישט און גערעשט מיט לעבן, מיט טאַט און מיט חלום. די אָקופּאַציע־מאַכטן האָבן טאַקע געהאַלטן דאָס לעבן אין קלעם, נישט דערלויבט צו טוען און אַ סך פון די טוערס אַרעסטירט, האָבן דאָך יידן זיך אַן עצה געטאָן, איבערגעקליגט די מאַכטן און אָפּגע־

האַלטן אַסיפות און צוזאַמענפאָרן, דעבאַטירט פּראָגראַמען, פאָרמולירט פאָדערונגען און אַזוי אַרום זיך געגרייט אויף דעם טאָג ווען פּוילן וועט זיין פריי, אומאָפּהענגיק פון פרעמדע יאָכן.

דורך דער גאַנצער צייט וואָס פּוילן איז געווען פאַרנומען פון די דייטשן און עסטרייכער, איז דער „בונד" דאָרט נאָך אַלץ געווען אַ טייל פון דעם „אַלגעמיינעם, יידישן אַרבעטער־בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד". איצט אָבער, ווען עס איז שוין געווען קלאָר אַז פּוילן וועט מער צו רוסלאַנד נישט געהערן, האָט דער טייל פון „בונד" אין פּוילן זיך גענומען איבעראָרגאַניזירן, זיך גרייטן צונויפצורופן אַ קאָנפערענץ צו קאָנסטיטואירן די פּאַרטיי ווי, „דער יידישער אַרבעטער־בונד אין פּוילן."

ווי די עסטרייכישע זשאַנדאַרמעריע איז אין לובלין געווען נישט ווינציקער וואַך, פילאָויגיק און דורכשפּיזענדיק פון זייערע פאַרבינדעטע, די דייטשישע שוצלייט אין וואַרשע, אין לאָדזש, איז דאָך אין עסטרייכישן געביט געווען פיל לייכטער צונויפצורופן אַן אומלעגאַלע באַראַטונג פון עטלעכע צענדליק דעלעגאַטן איידער אין דייטש־אָקופּירטן טייל פון לאַנד.

עס רעדט זיך נאָר אַזוי: „לייכטער". וואָכן פריער, בעת אין די שטעט און שטעטלעך זענען נאָך אַנגעגאַנגען די דיסקוסיעס איבערן טאָג־אָרדענונג איבער די פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס זאָלן אויף דער קאָנפערענץ דעבאַטירט און באַשלאָסן ווערן, איז שוין דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קאָמיטעט געווען אין לובלין צוצוגרייטן וואָס נייטיק איז דער צוזאַמענפאָר זאָל קענען אומגעשטערט טוען זיין אַרבעט.

קודם איז נייטיק געווען אַ קאָנספּירירט אָרט ווי דער אַדרעס פאַר דער „יאַווקע". אין דער יאַווקע ווידער האָט מען געדאַרפט האָבן זיצן אַ פאַרטרויליכן חבר, וואָס צו אים זאָלן די אָנגעקומענע דעלעגאַטן זיך מעלדן, ער זאָל זיי שיקן אויף די פאַר זיי באַשטימטע סטאַנציעס, ווו זיי וועלן איינשטיין איבער דער צייט פון צוזאַמענפאָר. און כדי צו האָבן ווו צו שיקן די דעלעגאַטן, דאַרף מען דאָך פריער צוגרייטן סטאַנציעס! מען דאַרף אויך דורכנישטערן די רעסטאָראַציעס און באַשטימען וועלכע פון זיי זענען זיכער, אַז אָנגעפּראָרענע מענטשן זאָלן דאָרט קענען עסן. און אַפילו אין די זיכערע רעסטאָראַציעס דאַרף מען אויך זען אַז מער ווי צוויי דריי דעלעגאַטן זאָלן אין איין רעסטאָראַציע זיך נישט אַריינוויזן. אויב גרעסערע גרופּן זאָלן זיך צוזאַמענקומען עסן אין איין פּלאַץ, קען דאָס ווערן פאַרדעכטיק און די גאַנצע קאָנפערענץ זאָל דורכפאַלן.

נישט ווייניקער וויכטיק איז אויך אַ דירה, ווו די זיצונגען זאָלן אָפּגעהאַלטן ווערן! און אַזאַ איז גאָרנישט אַזוי לייכט צו קריגן. נישט יעדער איז דאָך גרייט אָפּצוגעבן זיין וווינונג אויף אַן אומלעגאַלן צוזאַ־מענפאָר. און די דירה, וואָס אַ חבר איז שוין יאָ גרייט אָפּצוגעבן איז זי

אָדער צו קליין, אָדער זי איז אין אַ געגנט ווו יעדער אַריינגייער קען געהאַלטן ווערן אויפן אויג.

אַ באַזונדער פּראָבלעם איז דאָס באַשפּייזן עטלעכע צענדליק מענטשן אין לויף פון אַ פּאָר טעג. איידער די זיצונגען הייבן זיך אָן, קען טאַקע יעדער עסן אין דער רעסטאָראַציע, וואָס איז פאַר אים באַשטימט. בעת די זיצונגען, אָבער, קען קיינער די קאָנפערענץ נישט פאַרלאָזן פון אַכט אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט.

און דאָך זענען די לובלינער חברים אַלע שטערונגען בייגעקומען און דער געגאַרטער טאָג האָט זיך אָנגערוקט. אויף דער „יאַווקע״, אין רוסקע געסל, זיצט דער חבר פישל ווייס, אַ קאָמאַשאַנשטעפּער אין די הויכע צוואַנציקער, אַ לאַנגיאָריקער בונדיסט. אַן אומרואיקער קוקט ער זייטיקלעך דורכן פאַרהאָנגענעם פענצטער אַראָפּ אין הויפל, האַלט אויפן אויג די אַריינקומער ווי די אַרויסגייער. אָט קומט אַריין אין הויף אַ יונגערמאַן מיט שוואַרצע וואָנסעלעך. אויפן קאָפּ זיצט אים אַ שמאָל, יידיש היטעלע. אָנגעטאָן איז ער אין אַ לייכטן סאַק מיט אַ שוואַרץ סאַמעטן קעלנערל. פישל, אַראָפּקוקנדיק דורכן שפּעלטל פון אָוועקגעשאַרטן פויערהעגנגל, איז זיכער, אַז דער אַריינגעקומענער איז אַ דעלעגאַט. יענער אָבער פאַרהאַלט דעם טראָט און קוקט זיך גוט אַרום, גראָד ער איז נישט זיכער, צי ער איז אויפן געהעריקן הויף, דאָך גייט ער אַריין אין פּעדערהויז און איידער ער, פישל, קוקט זיך אום, עפנט זיך די טיר און דער יונגערמאַן שטעלט זיך אַריין.

אַ קורצע ווײַל האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט. צוויי פרעמדע מענטשן, ביידע מיטן זעלבן סוד אין האַרץ, מיטן זעלבן פּאַראָל אויף דער צונג, אָבער ביידע מיט חשד, מיט אומצוטרוי. נאָר אָט האָט דער אַריינגעקומענער, שטאָט גוט מאָרגן, אַ זאָג געטאָן: „יקום״, און שוין האָבן די שוואַרצע אויגן ביים חבר פישל אויפגעלויכטן מיט פרייד, מיט נאָנטקייט און, מיט אַ ברייטן שמייכל אויפן געזיכט אים דערלאַנגט די האַנט:

— „פּורקן״.

דער אַלטער יקום פּורקן פון שבתדיקן דאַוונען האָט דאָ, אין איין אויגנבליק, פאַרחברט צוויי ווייטע, אומבאַקאַנטע יונגע מענטשן, ביידע נישט־דאַוונערס, אין איין וואַרעמער נאָנטקייט, די משפּחה פון „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד״.

ווי ער, בתן חיים, איז נישט געווען קיין דעלעגאַט צו דער קאָנפערענץ, נישט געהאַט נאָך געגנוג סטאַזש אויף אַזאַ זכיה, איז ער דאָך צוגעצויגן געוואָרן צו זיין איינער פון די צוויי סעקרעטאַרן אויף דעם צוזאַמענפאָר, וואָס דער צווייטער פון אים איז געווען אַ בחור מיט רויטלעכע וואָנסעלעך, אויף אַ יאָר אָדער צוויי עלטער פון אים, דער דעלעגאַט פון כעלעם, דער חבר שמואל מרדכי זיגלבוים.

דורך דער גאַנצער צייט פון דער קאָנפערענץ איז נתן חיים געווען פּאַרבליפט. שוין די אייגנטימער פון דער וווינונג, דאָס פּאָרפּאָלק קוטשער, האָבן אים איבערראַשט. כאָטש פּאַרטיי־מיטגלידער, זענען זיי אָבער נישט קיין פּראָלעטאַריער, נאָר קליינבירגער, וואָס האָבן אן אייגן וואַרשטאַטל פון שניידעריי. אמת, זיי עקספּלאָאַטירן נישט קיינעם. מאַן און ווייב אַרבעטן פאַר זיך, אָבער קליינבירגער זענען זיי דאָך! זיי לעבן נישט פון קיין לוין. נעמען גאָר זיי און גיבן אָפּ זייער וווינונג צו דער פּאַרטיי אויף אַן אומלעגאַלער קאָנפערענץ! זיי ווייסן דאָך, אַז זיי שטעלן זיך אין געפאַר. זאָל, חלילה, די זשאַנדאַרמעריע דערשנאַפּן, וואָס דאָ גייט אָן, זענען דאָך נישט בלויז די דעלעגאַטן, אויך זיי ביידע גייען דאָך אין קרימינאַל אַריין!

און טאָמער איז ווייניק דאָס אָפּגעבן די דירה, האָט נאָך די חברטע קוטשער אויפגעגעבן אויף דער גאַנצער צייט פון צוזאמענפאָר דאָס גיין מיטן מאַן אין געוועלב אַריין העלפן אים אין דער שניידעריי. ווי קען זי? אַז פון איין זייט דאַרף זי האַלטן אַן אויג צי עס וועט נישט ווערן אין הויף אויפפאַלנד וואָס ביי איר גייט אָן, פון דער צווייטער זייט דאַרף זי באַזאָרגן די דעלעגאַטן מיט עסן. אמת דער סעקרעטאַר האָט אָנגעגרייט קעז און וווּרשט און ברויט. מען דאַרף דאָס אָבער שניידן, דערלאַנגען, מען דאַרף אויך די מענטשן אַריינגעבן אַ גלאָז טיי און זי דאַרף אויך אָפּט אַראָפּלויפן זוכן און פאַר הויכע פּרייזן ערגעץ דערביוועזן אַ פּעקל פּאַפּיראָסן פאַר חברים וואָס רויכערן.

מער נאָך ווי פון דער איבערגעגעבנקייט פון די חברים קוטשער, איז נתן חיים געווען פּאַרבליפט פון דער קאָנפערענץ אַליין. קיינמאָל פריער איז ער ביי אַזאַ צוזאמענפאָר נישט געווען. ס׳איז אויך צום ערשטן מאָל אַז ער זעט פּנים אל פּנים חברים, וואָס פריער האָט ער בלויז געהערט ווייערע נעמען און דאָ שטייען זיי און האַלטן רעפעראַטן, אַמפּערן זיך אין דיסקוסיעס, קעמפן פאַר אַ קוצו של יוד אין די רעזאָלוציעס.

כאָטש ווי אַ צוקאָאָפּטירטער האָט ער נישט געקענט נעמען קיין וואָרט אין די דעבאַטן און נישט געקענט שטימען פאַר קיין רעזאָלוציע, האָט ער דאָך מיטגעפּיבערט און איבערגעטראַכט יעדן געדאַנק, יעדער מיינונג, וואָס זענען דאָ אַרויסגעברענגט געוואָרן. יאָ דעלעגאַט צי נישט דעלעגאַט, גייט אים אַלצאיינס אָן, וואָס סאָציאַליסטן, רעוואָלוציאָנערן טראַכטן וועגן דער איבערקערעניש אין רוסלאַנד און נישט ווייניקער גייט אים אָן וואָס עס זאָל זיין די שטעלונג פון „בונד" צום נייעם, אומאָפּהענגיקן פּוילן. דעסט־גלייכן וועגן דער יידישער גמינע: דאַרף די גמינע זיך אָפּגעבן בלויז מיט חדר, קבורה, טבילה און תפילה, אָדער דאַרף זי, די גמינע, באַנייט ווערן אין אַ קהילה און האָבן צו זאָגן איבער אַלע נויטן אין יידישן לעבן? און

אַוודאי גייט אים אָן די שטעלונג, וואָס דער „בונד“ זאָל נעמען אין קאַמף פאַר רעכט אויף דער יידישער שפּראַך, פאַר רעכט אויף יידישע שולן, וואָס זאָלן אויסגעהאַלטן ווערן פון דער מלוכה, פון די שטאַט־פּאַרוואַל־טונגען צוגלייך מיט די פּוילישע שולן.

דריי טעג, פון אַכט אינדערפרי ביז שפּעט אין די אָוונטן, נאָך מיט אַ גאַנצער נאַכט ווי אַ צולאָג אַלס שלוס־זיצונג אין דער ארבעטער־קיך, איז נתן חיים אַזוי אָפּגעזעסן אויף דער קאָנפערענץ. ווי דער פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר, האָט ער דורך דער צייט באַשריבן אַ באַרג מיט בלעטלעך פּאַפּיר און אַז די לעצטע זיצונג האָט זיך געענדיקט, דער צוזאַמענפאָר איז געווען געשלאָסן און ער איז אַראָפּ אויף דער לעוועַרטאָווער גאַס אין האַרבסטיק־קאַלטן, בלויען באַגין אַרייִן, האָט ער געפילט ווי ער וואָלט דורך די דריי מעת לעת עלטער געוואָרן אויף צען יאָר, עלטער און פאַרטראַכטער. דאָס געפיל פון גרויסער אחריות, וואָס פריער האָט ער קוים געאַנט דערפון האָט איצט, צו זיינע ניינצן יאָר, געדריקט אויף אים, געמאָנט ביי אים גרויסע מעשים, גרויסע דערגרייכן.

קאַפּיטל דרייאונפערציק

ווי אויסטערליש! נאַרוואָס זענען די זעלנער, די זשאַנדאַרן אַרומגעגאַנגען פאַרריסן, מיט אויפגעהויבענע קעפּ, זיכער אין זייער מאַכט, איז פּלוצים ערגעצוווּ עפּעס געשען און שוין האָבן זיי פאַרלוירן די זיכערקייט אין זיך, אין זייער געווער. פול מיט שרעק קוקן זיי אַרום זיך, זוכן אַן אַנטרינונג. ס'איז גענוג אַ שייגעצל, אַ ייִנגל פון דרייצן־פערצן יאָר זאָל צוגיין צו וועלכן פון זיי, אַ זאָג טאָן: „דאַוואַי בראָן״, (גיב דאָס געווער) און דער זשאַנדאַר, דער זעלנער גיט אים אַוועק די ביקס, דעם רעוואָלווער, די שווערד און ער שעצט זיך נאָך גליקלעך וואָס דאָס ייִנגל טוט אים גאָרנישט, לאָזט אים גיין זיין וועג.

— וואָס איז דאָ געשען?

דער טעלעגראַף האָט געברענגט אַ ידיעה אַז אין ווין, אין בודאַפּעשט האָט אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע, אַז דער עסטרייכישער קייזער האָט אַבדיקירט און שוין איז אין ווייטן לובלין, אין ראַדעם, אינגאַנצן עסטרייכיש־אָקופּירטן געביט פון פּוילן, אַלץ איינגעפאַלן און ס'איז אַנגעשטאַנען אַ הפקר, אַ פּחד. געוועלבניקעס פאַרמאַכן די קראָמען, די גאַסן ווערן פּוסט און, אין דער אַנגעשטאַנענער מהומה, לויפן פאַרדעכטיקטע לייט, וואָס מיט אַ שעה צוריק זענען זיי נאָך געזעסן הינטער קראַטן און שוין האָבן זיי אַנטוואָפנט די וועכטער און זיך אַרויסגעריסן אויף דער פריי. מיט געלאָדענע ביקסן, מיט געשטרעקטע רעוואָלווערן טראָגן זיי זיך איבער די לובלינער גאַסן אין אַ ווילד געיעג נאָך נקמה. איינער לויפט שיסן דעם פּראָקוראָר, וואָס האָט אים פאַרפאַקט אין תּפיסה, אַ צווייטער לויפט זיך נוקם זיין אַן אַדוואָקאַט, וואָס האָט אים נישט גוט פאַרטיידיקט, אַ דריטער גאָר לויפט שיסן ס'ווייב, וואָס בעתן זיצן אין קרימינאַל, האָט זי אים פאַרראַטן מיט אַ ליובאָווניק. און ווי די געוועזענע אַרעסטאַנטן, אַזוי איילט נאָך זיי קאַספּזשאַק, דער סעקרעטאַר פון דער פּע. פּע. עס. מיט אַ גרופּע פון זיינע מענטשן, אַלע מיט רויטע לענטעס אויף די לינקע אָרעמס, מיט געלאָדענע רעוואָלווערן אין די הענט און די טשופּרינעס זייערע, צעפּאַטלטע, פליען זיי פאָראויס אין דער אַנגעשטאַנענער איבערקערעניש.

ווי דער פּחד פאַרן דרויסן האָט נתן חיימען געוואָרגן דעם אָטעם,

געוואָרנט אים נישט צו פאַרלאָזן די קאַנצעליאַר, דעם ביוראָטיש, איז דאָך די אָנגעלאָפענע, רעוואָלוציאָנערע גאַרונג אין אים, געווען שטאַרקער און אינמיטן דער מהומה, אינמיטן די געשיסערייען, איז ער אַראָפּ די טרעפּ, אַרויס אויף דער גראָדסקע גאַס און, שלייכנדיק זיך ביי די ווענט, דורך דער קראַקאָווסקער ברום,[1] אַרויס אויף דער אָפענער, פרייער וועלט.

עס רעדט זיך נאָר אַזוי פרייע וועלט. אין דער פרייער וועלט האָט ער געמוזט שטיין אין אַ טויער־ווינקל, אַ בלינדע קויל זאָל נישט פאַרבלאָנדזשען צו אים אין קאָפּ אַריין. ער איז געשטאַנען און געשטוינט: עפּעס שטימט אים דאָ נישט. אין די לידער זינגט זיך, דער אַרבעטער זאָל זיך באַפרייען, באַזייטיקן די מאַכטהאָבער! אָט זענען דאָך די מאַכטהאָבער באַזייטיקט, איז דער מענטש פריי? דער פּחד לויערט גאָר אין אַלע ווינקלען! ס'איז שיינער, העלער טאָג און די מענטשן זיצן אין די פאַרמאַכטע שטובן, וואָגן נישט אַרויסצושטעקן די נאָז. בלויז שקצים מיט ווייס און אַמאַראַנט[2] לענטעס[3] אויף זייערע אָרעמס, טראָגן זיך ווי אָנגעלאָפענע וועלף איבער די גאַסן. די יוכע[4] אין זיי קאָכט, די קודלעס[5] זענען ביי זיי צעפּאַטלט און די ניוכעס[6] נישטערן, שניפן, זוכן. וואָס זוכן זיי? אַ ביקס ביי אַ זעלנער. און אַז די ביקסן וועלן שוין זיין אין זייערע הענט, וועט דען פוילן זיין פריי?

ער האָט אויפגעצאַפּלט, נתן חיים. וועמען זעט ער דאָרט? ער האָט אַ ביסעלע מער אַרויסגעבויגן דעם קאָפּ פון טויערווינקל, אָנגעשטרענגט דעם בליק: אוי, ס'איז דאָך אַרבוז! אָט לויפט ער אויך מיט אַ ביקס! פון וואַנעט האָט ער זיך דאָ דערנומען? די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט נאָך דערווייל נישט געהייסן די מיטגלידער זאָלן פאַרנעמען געווער, אַנטוואָפענען מיליטער־לייט.

ווי ער — אַרבוזן, אַזוי האָט דער ארבוז, אינמיטן זיין ווילד געלויף, דערזען אים, און שוין, אינסטינקטיוו, האָט ער געהאַמעוועט דאָס לויפן. כל־זמן קיינער פון די פּאַרטיי־אָנפירער האָט אים נישט געזען, איז ער, אַרבוז, אויף אייגענער אחריות אַרויס צוזאַמען מיט ד״י פּע. אָ. וויאַקעס, אַנטוואָפענען זעלנער, פאַרנעמען געווער פאַרן בונד. איצט אָבער, אַז דער חבר נתן חיים האָט אים שוין געזען מוז ער צו גיין אים פרעגן צי דאָס, וואָס ער טוט, איז ריכטיק, דער עיקר, צי ער זאָל אויך ווייטער, מיט דער

[1] טויער. [2] פּורפּור־רויט. [3] בענדער. [4] בלוט. [5] האָר. [6] נעז.

פאַרכאַפּטער ביקס אין האַנט, זוכן צו אַנטוואָפּענען נאָך זעלנער און, אפשר וועט אים אָפּגליקן צוצונעמען ס׳געווער אויך ביי אַ זשאַנדאַרם!

— חבר נתן חיים, — האָט ער געזאָגט נישט דרייסט, כאָטש די גרינלעכע אויגן האָבן ביי אים געגלאַנצט פון פרייד, — איך האָב אַ ביקס!

— כ׳זע, — האָט נתן חיים טרוקן אַ ברום געטאָן, מעשה אויטאָריטעט, כאָטש אינדערהאמתן איז ער געווען שטאַרק צעטומלט פון דעם וואָס ער זעט דאָ. וואָס זאָל ער דאָ דעם חבר אַרבוז זאָגן? ווי וויל מ׳האָט זיך גערעכנט אויף אַ רעוואָלוציע אין עסטרייך, ווי מ׳ריכט זיך נאָך אַלץ אויף אַן איבערקערעניש אין דייטשלאַנד, איז דאָך דאָס געשעעניש אין ווין געקומען פּלוצים, אומגעריכט. נישט ווארשע האָט געשיקט אינסטרוקציעס און נישט די לובלינער אָרגאַניזאַציע האָט אַ באַשלוס וואָס צו טאָן אין דעם פאַל, ווי די פּאַרטיי־מיטגלידער זאָלן זיך אויפפירן. זאָלן זיי אויך אַרויס אין די גאַסן פאַרנעמען געווער?

— וואָס זאָל איך טוען מיט דער ביקס? איז דער חבר ארבוז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר אים אַ פאַרלוירענער, ווי אַ זעלנער פאַר זיין עלצטן.

— ווס איע׳ זאָלט טיען מיט דער ביקס? — האָט נתן חיים איבער־געחזרט זיין פראַגע, אַ סימן, אַז ער ווייסט אַליין נישט וואָס אים צו ענטפערן, דאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן: — ווערט פּטור פון איע׳ ווס גיכער!

— אָבער חבר נתן חיים, ס׳איז דאָך רעוואָלוציע, די פּע. פּע. עס. גרייט זיך אָן מיט געווער.

— צי די פּע. פּע. עס. גרייט זעך טאַקע אָן געווער, דוס ווייס יעך נישט. יעך זע דו נאָר די פּע. אָ. וויאַקעס. דער חבר קאָספּזשאַק מיט זאַאַנע פּעפּעסניקעס זענען בלויז אַרופּ פאַרטראַאַבן די קרימינאַלניקעס פין די גאַסן. דער בונד האָט דערוואַאַל נישט קאַן אינסטרוקציעס וועגן געווער.

מילא, איצט, שעת חירום, ווען דער הפקר און פּחד הויערט איבער דער שטאָט, ווען דאָס גאַנצע לעבן איז אַרויס פון די האַלאַבליעס, האָט נאָך נתן חיים זיך געמעכטיקט צו ווערן אַ פּוסק איבער יאָ, אָדער נישט פאַרנעמען געווער. אין אַ טאָג צוויי אַרום אָבער, ווען דאָס הפקרות איז פאַרטריבן געוואָרן פון די גאַסן, די צעשראָקענע און דעזאָרגאַניזירטע מיליטערלייט זענען פאַרשוווּנדן, אויסגערונען פון לאַנד, ווי עס רינט אויס אַ בייז און וויסט געוויטער פון אונטער די פּיס אָפּער, איצט, ווען מ׳האָט געדאַרפט צוריק אָנהייבן רעגולירן דאָס לעבן אין שטאָט, איצט האָט ער שוין נישט געקענט זיין קיין פּוסק.

וויפל ער, נתן חיים, ווי די אַנדערע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, האָבן נישט אָנגעשטרענגט זייערע קעפּ, געקנייטשט די שטערנס האָבן זיי אַלץ נישט געהאַט דאָס וויסן, די צוגרייטונג צו קענען

אין אַזאַ קורצן הרף עין דורכמאַכן אַזאַ אומגעהויערע אומוואַנדלונג! פון פשוטן אָנפירן אַ סטרייק צו העכערן דעם אַרבעטערס לוין, קירצן זיינע אַרבעטס־שעהען, ווערן מיטאיינמאָל מיטגרינדער פון אַ מלוכה, מיטפירער פון מוניציפּאַלע אינסטיטוציעס אין אַ שטאָט ווי לובלין!

און דאָס האָבן דאָך די פּאַרטיי־גרופּן פון די אַרבעטער געמוזט טוען. ווייל זיי, די אַרבעטער־פּאַרטייען, זענען געווען פלינקער, האָבן זיך גיכער אָריענטירט, האָבן זיי געהאַט פאַרכאַפּט די מאַכט איידער די ענדעקעס און כאַדעקעס האָבן באַוויזן זיך אויסצוטשוכען פון דער פּלוצימ־דיקער צעטומלעניש. איז דער גורל געפאַלן אויף די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צו לאָזן ווידער אין גאַנג די באַנען, צו זאָרגן פאַר דער באַשפּייזונג אין שטאָט, אַריינצוקריגן אַ ביסל רוימאַטעריאַלן די פאַבריקן זאָלן צוריק אָנהייבן גיין. און זע וואונדער! טעג בלויז האָט געדויערט דאָס צעטומלעניש, דער כאַאָס און די שרעק און שוין האָט אָנגעהויבן פונק־ציאָנירן אַ צייטווייליקער אַרבעטער־ראַט. אין די אַלטע, שליאַכעצקע זאַלן פון לובלינער שטאָטראַט, זענען איצט פאַרגעקומען זיצונגען און באַראַטונגען פון די פּוילישע און יידישע אַרבעטער־דעלעגאַטן. נתן חיים, ווי די אַנדערע בונדישע טוער, האָבן איצט, אַזוי אומגעריכט און אַזוי נישט צוגעגרייט, דיסקוטירט און פּלאַנירט מוניציפּאַלע פאַרוואַלטונג, מלוכה־אָנפירונג. אמת, אין דער אָרגאַניזאַציע זענען אויך געווען עטלעכע סטודענטן. אָבער אויך זיי, מיט זייער שיינעם פּויליש רעדן, זענען דאָך געווען אַזוי יונג, אַזוי אָן דערפאַרונג! דערצו נאָך איז די פאַרלוירנקייט ביי די יידישע אַרבעטער געווען גרעסער, ווייל צו דער פּעפּעס זענען אויף גיך געהאַט ראָפּגעקומען אַ צאָל פון זייערע פירער אין גאַליציע, פאָליטיקער, דעפּוטאַטן פון עסטרייכישן פאַרלאַמענט!

וואָלט מען זיך נאָר געקענט שטעלן אין פאַרבינדונג מיט וואַרשע! אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, אין צענטראַלן קאָמיטעט, דאָרטן זענען דאָ געניג חברים זיך צו פאַרנעמען מיט אַזאַ אָנפירונג. ווי אָבער קומט די קאָץ איבערן וואַסער? דער טעלעגראַף איז איבערגעריסן, דער טעלעפאָן פונקציאָנירט נישט, די באַנען שטייען און לאָזן זיך אין וועג מיט פערד און וואָגן איז אַן איינשטעלעניש. אין לובלין איז טאַקע געוואָרן שטיל, די וועגן אָבער זענען נאָך פול מיט רויבער, מיט אָנפאַלער און מערדער.

פונדעסטוועגן, ווי די סכנה זאָל נישט זיין גרויס מוז מען גרייכן וואַרשע! אמת, קיין בעלנים אויף דער יאַזדע פעלן נישט. דער חבר אַרבוז איז אַפילו גרייט געווען זיך צו לאָזן אין וועג אַריין צופוס, אָבער דעלעגירט האָט מען אים, נתן חיימען. אים האָט דאָך וואַרשע אַהער־געשיקט, איז ער דער פאַסיקסטער פאַר דער שליחות. אָבער ווי קריגט

ער אַ בעל עגלה? כאָטש די גאַנצע יאַזדע אויף פערד און וואָגן איז בלויז ביז דעמבלין. די דייטשן זיצן נאָך דערוויל פעסט אין זאָטל, גייען זייערע באַנען אויף דער ליניע דעמבלין—וואַרשע! אָבער ביז דעמבלין?

דער חבר אַרבוז האָט זיך אַרויסגעלאָזט זוכן, שמעקן און דעם זעלבן פאַרנאַכט איז ער אָנגעלאָפן אין פאַראיין אַריין:

— חבר נתן חיים, כ'אָ' געפונען! מאָרגן גייט אָפּ אַ פערד און וואָגן קיין דעמבלין!

ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָקטאָבער. קאַלטע ווינטן האָבן געריסן די לאָדנס, ס'היטל פון קאָפּ. דער הימל איז געהאָנגען נידריק, אַ גרויע פלאַכטע, קיין שטראַלעכל זון, קיין פינטל ליכט. ווי וויל די פאַרשוינען אויפן וואָגן זענען געווען איינגעבאַבעט מיט באַשליקן איבער די קעפּ, מיט וואָלענע טיכער אַרום די אַקסלען, איבער די פּלייצעס, איז דאָך דער ווינט און קעלט געקראָכן אין געביין.

אין מאַרקעשעוו, אַז דער בעל עגלה איז פאַרפאָרן פאַר אַן אכסניה אָנפּאָיען די פערד, אָנהענגען זיי אויף אַ ווייל די טאָרבעס מיט אָבראָק און די פאַרשוינען זענען אַריין אין שטוב זיך אַ ביסל אָדכאַיען,[7] טרינקען אַ גלעזל וואַרעמס, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אויף דעם וואָגן פאָרט אויך אַ מיידל פון מאָדזשיץ, לויט נתן חיימס חשבון, אַ קינד נאָך פון וואָסערע דרייצן, פערצן יאָר.

די שרהטשע, אַ קופּערהאָריקע, מיט קאָשע־פלעקן אויפן נעזל, אויפן קינדיש צעשראָקענעם פּנימל, אַז זי האָט דערזען נתן חיימען, אַ היימישן פון איר שטאָט, האָט זי זיך אַזוי דערפרייט מיט אים, אַז זי איז שוין פון אים נישט אָפּגעטרעטן. ווי צו אַן עלטערן ברודער האָט זי זיך צו אים געקלאַמערט, אים אָוועקגערופן אָן אַ זייט און אים עפּעס איינגערוימט אין אויער.

נתן חיים האָט סיי געהאָרכט און סיי געקוקט אַרום זיך. ערשט פון דער שרהטשעס דערציילן האָט ער באַנומען ווער עס איז דאָ, אויף דעם וואָגן, דער יינג מיט די געפּאַסטע גאַליפעי־הויזן און שטיוול מיט ליאַקירטע, פעסלדיקע־כאַליעוועס ביז זיינע קני. לויט די רויט אָנגעפּרע־סענע מאָרדעס, דעם גנבהשן שאַליקל אַרום האַלדז, דאָס קאַראַקולענע היטל, פאַרקנייטשט לענגלעכדיק, ווי אַ שיפעלע, אַזוי זייטיקלעך אויף זיין קאָפּ שוואַרצע קודלעס, האָט אים דער פאַרשוין אויסגעזען צו זיין אַן אַלפאָנס פון אָסטראָווסקע געסל אין וואַרשע. אָט דער יינג איז דאָס געווען דער צווייטער פּאַסאַזשיר אויפן שטרויזאַק לעבן שרהטשען.

ווי דאָס מיידל איז געווען איינגעבאַבעט אין פאַטשיילעס ווי אַן

[7] קומען צו זיך.

אַלטע יידענע האָט דאָך דער יינג מיט זיין אַלפּאָנסישן ניוך, דערשנאַפּט אַז דאָס איז אַ יונג מיידל און שויך, אין וואָגן, דורך אַלע טיכער, פּאַלטן און ספּודניצעס האָט ער געגומען דאָס קינד באַארבעטן, קריכן מיט די לאַפּעס הינטער אירע קליידלעך. אוודאי האָט די שרהטשע געקענט שרייען, האָט זי זיך געשעמט און אַליין אין דער שטיל זיך געראַנגלט מיט אים, געשטופּט זיינע הענט אַוועק און אַליין זיך גערוקט פון אים וואָס ווייטער. אָבער ווי ווייט האָט זי זיך דאָס געקענט רוקן אין דעם שמאָלן וואָגן? בפרט נאָך אַז ער האָט זיך כסדר נאָכגערוקט!

ווי נתן חיים אים, אַזוי האָט דער פּאַרשוין אָפּגעמאָסטן נתן חיימען. דעם גנב־יונג האָט, זעט אויס, נישט געשמעקט, וואָס זיין מיטפּאָרערן האָט זיך געסודעט מיט עפּעס אַ בלאָס אויסגעוווייקטן הערינג מיט אַ קאָפּ האָר און אַ קאַפּעליוש פון אַ פילאָסיף. און נאָך מער האָט אים געקרענקט שפּעטער, אויפן וואָגן, ווען ער האָט געזען, אַז שטאָט דעם מיידל, האָט זיך גאָר לעבן אים, אויפן שטרויזאַק, אַוועקגעזעצט דער ייד מיט דער ברייטער גלעלער באָרד און דאָס נקבהלע זיצט גאָר לעבן דעם לויזיקן פילאָסיף.

מילא, אין וועג, ווען דער וואָגן האָט זיך געהעצקעט איבער דעם צעבראָכענעם, גריבערדיקן שאָסיי, האָט דער גנב־יונג בלויז געקענט שיפּען, וואַרפן איבער דעם אייגענעם אַקסל בייזע גיפטיקע בליקן צו נתן חיימען הינטער אים. שפּעטער אָבער, אַז דער אָוונט איז צוגעפאַלן, דער באַלעגאָלע האָט געזאָגט, ער פאָרט נישט ווייטער, מ׳בלייבט נעכטיקן אין קאָרעוו, האָט דער יונג זיך געגרייט צו וואַשן צו נתן חיימען:

— העי, קאָצמעלאָך, — האָט ער אַ רוף געטאָן ווי נאָר ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן. — ביזט אפשר אַ שטאַרקער?

נתן חיים האָט אים נישט געענטפערט. ער האָט וויל געוווּסט מיט וואָס אַזאַ פּראָוואָצירן קען זיך ענדיקן. ציען אַ מעסער ביי אַזאַ פּאַרשוין איז פון די קלייניקייטן. אַוודאי, וואָלט היינט נישט געווען הפקר אַ וועלט, וואָלט אַזאַ חברהמאַן געמוזט זיך האַלטן אין דער מדרגה צוליב דער פּאָליציי, אַזוי אָבער פאַר וועמען זאָל ער דאָ מורא האָבן? פאַר די זעקל־יידן, וואָס יעדער פון זיי נורעט איין די אויגן אין אַ ספרל, אין גלעזל טיי, אין דער אייגענער באָרד און אַלע מאַכן זיך נישט זען און נישט הערן, וואָס דער קרימינאַלניק פאַרפאַנעוועט דאָ!

ווען עס האַנדלט זיך בלויז אין זיין כבוד, וואָלט נתן חיים זיך אָנגעטאָן אַ כוח עס זאָל אים נישט אַרן דעם ייִנגס טשעפּען זיך, זיין הקאַמאַליען[9] מיטן פּיסק. זיצט אָבער דערביי דאָס מיידל, אַ יינג קינד נאָך, דער פאָטער — אַן איידעלער ייד, געווען דער בעל קורא אין

[8] זידלען, רעדן ניבול־פּה.

שמחהלע פּוטערפּליאַמס שטיבל. אויך די מוטער אירע איז אַ כּשרע נשמה, קומט אַזאַ געמיינער ייִנג און רעדט צו דעם קינד אַזעלכע אויסגעלאַסענע רייד, גיט איר אַזעלכע מיאוסע אָנצוהערענישן!

— העי, מאַטשאַרניק! — די מאַכסט צי דעם פּיסק, אַז ניש׳ ׳על יעד עים דיע׳ פּאַ׳מאַכן! — איז נתן חיים געטאָן אַ שפּרינג אויף פון טיש, גרייט דעם ייִנג צו פאַרפּאַרן אין די שליפיעס. אין דעם אָנגעשטאַנענעם כעס האָט ער גאָרנישט געדענקט, אַז דער ייִנג איז אַן אונטערוועלטניק, אַז ער קען איינס און צוויי פאַרפּעצן [9] אים אַ מעסער.

דער ייִנג האָט בטולדיק געשמייכלט נתן חיימען אין די אויגן אַריין, ווי דאָס טוען שטאַרקע, ווען אַ וויטישער [10] פּרוווט זיך פאַרמעסטן מיט זיי. זיכער אין זיין כּוח, האָט ער פּאַוואָליע זיך גענומען רוקן מיט דער שטול פון טיש אַוועק, גרייט זיך צו נעמען צו דעם בלאָס־אויסגעווייקטן הערינג. איז אָבער נתן חיימל, דער בלאָס־אויסגעווייקטער הערינג, געווען פלינקער, אַ כאַפּ געטאָן די שיסל וועטשערע, אַ הייסער קרופּניק, נאָר וואָס פון פייער אַראָפּ און זי אָנגעטאָן דעם פאַרשוין אויפן קאָפּ אַרויף.

ערשט איצט, אַן אָפּגעקרעלטער [11] מיט די הייסע פּערלגרויפּן, די שוואַרצע קודלעס פול מיט צעמאַזשעטע צוקערבאָבעס, אויף דער נאָז, אַ בלאָסע פון רציחה — רויטע שטיקלעך מייערן, צעווייקטע ציבעלע. ערשט איצט, אַ צערייצטער איבער דער פאַרשעמונג האָט דער ייִנג אַ כאַפּ געטאָן דאָס ברויט־מעסער פון טיש. איז אָבער נתן חיים ווידער געווען פלינקער און אים דערלאַנגט מיט אַ טאַבורעט איבערן קאָפּ:

— די מאַטשאַרניק, צי ווייִמען כאַפּסטי דוס אַ מעסע׳?

אַ פריטשמיעלעטער פון דעם זעץ איבערן מוח, האָט דער ייִנג אַ רגע געזשמורעט מיט די אויגן, זיך געווישט מיט דער האַנטפלאַך די רויטע יויך פון מויל, פון דער נאָז. באַלד אָבער איז ער געקומען צו זיך און, כאָרכלענדיק דורכן בלוט־פאַרלאָפענעם מויל, ווי אַ געקוילעטער אָקס דורכן איינגעשניטענעם האַלדז, האָט ער ווידער גענומען דראָען:

— די הינטישער זין איך וועל דיר פאַרפּעצן אַ מעסער!

— איך וויל דאָס זעיען! — איז נתן חיים ווידער געשטאַנען גרייט מיט דער פאַרהויבענער טאַבורעטקע.

ערשט איצט האָבן יידן זיך אָנגעהויבן אַריינמישן. אַז קיין סכּנה איז שוין נישטאָ, דער לאָבוז־ייִנג איז שוין אַ בייגעקומענער, האָבן טייל פון זיי אָנגעהויבן קרעכצן:

— איי, וויי, אַזאַ רציחה, צישן יידן זאָל אַזעלכעס טרעפן!

אויך דער ייד מיט דער געלער באָרד האָט זיך איינגעשטעלט צו

[9] אַריינשטעכן. [10] אַן אָנשטענדיקער. [11] אָפּגעבריטער.

פאַרדינען אַ מצווה. ער האָט צוגעפירט דעם יינג צום פעסל וואַסער, אים איינגעבויגן דעם קאָפּ איבערן פּאַמעשאַף און אים געגומען אַרומוואַשן דאָס בלוט פון שטערן, פון דער נאָז, פון מויל. אַריינגעכאַפּט די מצווה, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— ני, צאַאַט צי גיין שלופן, און גלייך אַריינגעדרייט דעם לאָמפּ אויף דער וואַנט.

צי דער יינג האָט איצט, אין דער האַלב טונקלקייט, איינגעזען, אַז ער האָט דאָ נישט, אין דעם בלייך־צעוויקטן פּיליסיף, קיין לייכטן פאַר־שויך, צי ווייל נאָך דעם זעץ מיט דער טאַבורעט איבערן קאָפּ איז פון אים אַרויס די פאַרע, סיי ווי, קיין מעסער האָט ער שוין נישט געכאַפּט. ער איז געלעגן אויפן געלעגער און געכראָפּעט, גלייך עס וואָלט דאָ גאָר־נישט פאָרגעקומען.

פונדעסטוועגן, צומאָרגנס, אויף דער באַן־סטאַציע אין דעמבלין, האָט נתן חיים זיך גוט געהיט נישט אַריינצופאַלן אין איין וואַגאָן מיט דעם פאַרשוין. און אַז ער איז שפּעטער, נאָך וואַרעמעס, אָנגעקומען קיין וואַרשע, איז ער אים נישט נאָכגעגאַנגען, ווי ער האָט דאָס נעכטן געהאַט אָפּגעפּאַסט ביי זיך צו טוען, כדי צו זען ווו דער יינג האָט זיין אָפּלאַג, ער זאָל שפּעטער קומען מיט חברים זיך אָפּרעכענען מיט אים. ער האָט אפילו נישט אָפּגעטרעטן אין שטוב צו זען וואָס טאַטע מאַמע טוען, נאָר גלייך פון דער באַן איז ער אַוועק אויף דער נאַוואָליפּיע צום חבר יוזעף.

— איר האָט גוט געטוען, חבר נתן חיים, וואָס איר זענט געקומען, אָבער מיר ווייסן וואָס אין לובלין טוט זיך. נאָך היינט פאָרט אַ חבר אַהין.

— ווע׳יע? — האָט נתן חיים זיך אונטערגעשטעלט צו פרעגן, נישט אַזוי צוליב נייגיר, ווי צוליב זיין וועלן זיין זיכער, אַז ער ברענגט נישט קיין לובלין ביליע וועמען!

דער חבר יוזעף האָט געשמייכלט הינטער זיינע דיקע, שליאַכעצקע וואָנסעס. ער האָט טאַקע דעם נתן חיימען דעמאָלט שאַרף אויסגערעדט זיין היציקייט אין אָנפאַלן אויפן שוצמאַן, אָבער גערן האָט ער אים זייער, אַ גוטער חבר, יונג און וואַגענדיק:

— דער חבר אַרזשעך גייט פאָרן, — האָט ער נתן חיימען פאָטערלעך אַ גלעט געטאָן אויפן אַקסל, — איר אָבער בלייבט דאָ. איר וועט צוריק איבערנעמען דעם נאָדל־פאַראיין. דער חבר מאַקס קערט זיך אום קריק קיין לובלין.

נתן חיים איז אַרויס פון חבר יוזעפס קאַנצעליאַר מיט אַ באַנג געפיל. ווי וויל ער איז געוועזן צופרידן צו בלייבן אין וואַרשע, איז אים אָבער געווען אַ וויטיק און אַ פאַרדרוס אָפּגעריסן צו ווערן פון לובלין, גראָד איצט, ווען אַלץ דאָרט לאָקט און מאַניעט זיין יונגן, גאַרענדיקן אימפּעט.

קאַפיטל פיראונפערציק

באַשערט געווען נתן חיימען גיך איבערצולעבן אַן איבערקערעניש צום צווייטן מאָל. אין געציילטע טעג נאָך זיין קומען קיין וואַרשע האָט זיך צעטראָגן די ידיעה, אַז אין דייטשלאַנד האָט אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע. ווי אין לובלין, זענען אויך די וואַרשעווער גאַסן באַלד געווען פול מיט פּע.אָ.וויאַקעס. מיט די נאַציאָנאַלע קוואַדראַטקעס[1] אויף די קעפּ, די ווייס־אַמאַראַנטע לענטעס אַרום די לינקע אָרעמס, האָבן זיי זיך שנעל אַרויסגעלאָזט איבער דער שטאָט גרייט איבערצוחזרן די מעשה לובלין. האָבן זיי נעבעך אַ ביטערן טעות געהאַט און גלייך איינגעזען, אַז די דייטשן זענען נישט קיין עסטרייכער. אָ, ניין! דייטשן לאָזן זיך נישט אַנטוואָפענען פון אַ ליאַדע שייגעץ, אַפילו נישט פון גאַנצע גרופּן פּע.אָ. וויאַקעס. אַז וועלכער פון זיי האָט זיך דערנענטערט צו אַ דייטשישן זעלנער, צו אַ שוצמאַן און אַ געשריי געטאָן „דאַוואַי בראָן" (גיב דאָס געווער), האָט דער דייטש אָנגעשטעלט אויף דעם שייגעץ די ביקס, דעם רעוואָלווער:

— מאַך ליאַז, פּאָלנישער שוויין!

ניין, אין וואַרשע האָט זיך נישט איבערגעחזרט די מהומה פון לובלין. די דייטשן זענען נישט פאַרשווונדן אומגעזען פון זייער אָקופּירטן טייל פוילן, ווי די עסטרייכער פון זייערן. לאַנגע טעג האָט געדויערט זייער גרייטן זיך אַוועקצוגיין פון לאַנד. באַוואָפנטע ביז די ציין זענען זיי געזעסן אין די מאַגיסטראַטן, אין די מילישערישע ביוראָען, נישט נאָכגעלאָזט די וואַך איבער די געווער־אַרסענאַלן, איבער די שפּייז־סקלאַדן, געהיטן די באַן־ליניעס, דאָס אָפּטרעטנדיקע מיליטער פון די פראָנטן זאָל קענען אומגעשטערט דורכציען די לאַנגע, פרעמדע שטרעקעס און גרייכן רואיק און זיכער די גרענעצן פון אייגענעם פאָטערלאַנד. ערשט ווען דאָס לעצטע זעקל פּראָוויאַנט דאָס לעצטע קעסטל מיט אַמוניציע איז געווען אויפגעלאַדעוועט אויף די וואַגאָנעס און אָפּגעשיקט אַהיים, אין דייטשישן רייך, האָבן די שטאָט־גאַרניזאָנען מיט זייער וואָפן אין די הענט, די שוצלייט מיט זייערע ווייבער און קינדער, מיטן מעבל און קיכגעשיר, זיך אַריינגעזעצט אין די גרייט־שטייענדיקע באַנען און מיט דראָענדיקע מאַשינביקסן פון די וואַגאָנדעכער, פון די וואַגאָנפענצטער, האָבן זיי פּאַוואָליע,

[1] פירעקיקע היטלען.

אין פולער אָרדנונג, אַרויסגעריסן פון זייער אָקופּירטן טייל פּוילן.

ערשט נאָכדעם ווי די דייטשן זענען אַוועק, האָט וואַרשע זיך אַ ריס געטאָן פון די פּענטעס, פון די אָקופּאַציע־קייטן, וואָס אין זיי איז די באַפעלקערונג פון פּוילן געווען געשמידט איבער דריי לאַנגע יאָרן! ווי אַ געצוימטער און געהאַמעוועטער טייך, וואָס רייסט דורך די שליוזן, פאַר־גיסט און פאַרפלייצט די ערד ווייט און ברייט אַרום, אַזוי זענען די וואַרשעווער גאַסן מיטאַיינמאָל פאַרפלייצט געוואָרן פון מענטשן. ספּאָנ־טאַן, פון זיך אַליין, האָבן זיך אין צענדליקער גאַסן פאָרמירט פּאַראַדן און מאַניפעסטאַציעס. מיט רויטע, פלאַטערנדיקע פאָנען איבער די אָנט־בלויזטע קעפּ, מיטן געזאַנג פון דער בונדישער שבועה, פון דער „מאַר־סעליעזע" און „אינטערנאַציאָנאַל", פון „טשערוואָני שטאַנדאַר" און די „וואַרשאַוויאַנקע", מיט אומאויפהעריקע געשרייען „וואָלנאָשטש"![2] זאָל לעבן דאָס פרייע פּוילן, האָבן די מאַסן פריידיק מאַרשירט גאַס איין און גאַס אויס אין אַזאַ שיכרות, גלייך יעדער איינער וואָלט געווען באַטרונקען פון אַ וווּנדערלעכן, לאַנג־געגאַרטן געטראַנק.

און ווי די אַרבעטער אין די גאַסן, אַזוי זענען זייערע פאָרשטייער אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען געווען פּאַרטעוען אין קאָנפערענצן, אין באַראַטונגען און, דעם זעלבן אָוונט, בעת אין די פאַראיינען, אין די קלובן, אין די פּאַרטיי־לאָקאַלן זענען פאַרגעקומען מיטינגען און פאַרזאַמלונגען צו וויילן פאַרטרעטער צו די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־ראַטן, זענען שוין די ראָגעס פון וואַרשעווער גאַסן געווען פאַרקלעפּט מיט ווייסע, פריש־געדרוקטע מעלדונגען, אַז אין באַפרייטן פּוילן פונקציאָנירט שוין אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג, וואָס איר פּרעמיער־מיניסטער איז דער אַלטער פּע.פּע.עסישער פירער יענדזשעי מאָראַטשעווסקי.

איז אָבער שוין אין אָנהייב די יידן אין פּוילן נישט באַקומען די אָנגעשטאַנענע פרייהייט. ווי ביי דער פּוילישער באַפעלקערונג, איז די פרייד צוליב דער באַפרייאונג געוואַקסן און געשטיגן, אַזוי איז ביי דער יידישער באַפעלקערונג די דאָזיקע פרייד גיך פאַרשטערט און פאַרפינצ־טערט געוואָרן.

ווי אַ היישעריק איבער פריש אויפגעגאַנגענע פעלדער, אַזוי האָט איבער די יידישע קעפּ זיך אַראָפּגעלאָזט דער היישעריק פון פּוילנס דריי פּאַטריאָטישע אַרמייען. פון איין זייט זענען געקומען די פּילסודטשיקעס, פון דער צווייטער זייט — די האַלערטשיקעס און, פון דער דריטער זייט — די דאָווּבורטשיקעס און אַלע פון זיי האָבן, ביים אַריינקומען אין באַפרייטן לאַנד, שוין גענומען פייערן די באַפרייאונג דורך רייסן יידישע בערד, וואַרפן יידישע פּאַסאַזשירן פון לויפנדיקע צוגן, באַפאַלן און שלאָגן יידן

[2] פרייהייט.

אויף די וועגן, אין די שטובן, אויף די גאַסן און ווו נאָר אַ ייד איז זיי אונטער דער האַנט געקומען. בעת פּאָליאַקן זענען פריידיק־אויפגעהייטערטע געגאַנגען מיט ווייבער און קינדער צו די באַן־סטאַציעס, אַפילו צו די באַן־רעלסן, אינמיטן פעלד, כדי אָפּצוּוואַרטן מיט לאַבנס ברויט אין זייערע הענט און מיט זוניקער פרייד אין זייערע הערצער באַגריסן די פאַרבייציענדיקע באַנען מיט אַהיימקומענדיקע פּוילישע זעלנער אין פריי־געוואָרענעם לאַנד אַריין, האָבן יידישע הערצער זיך געקורטשעט אין שרעק און יידן מיט בערד האָבן זיך באַהאַלטן אין פינצטערע לעכער, מורא געהאַט צו ווייזן דאָס פּנים אויף דער ליכטיקער שיין.

אינגאַנצן אָבער פאַרשטערן יידן די פרייד מיט דעם פרייגעוואָרענעם פּוילן האָבן די אָנגעפּאָרענע זעלנער דאָך נישט געקענט. די טאַטעס האָבן זיך טאַקע געשראָקן, די מאַמעס האָבן צאַפּלדיק געפּלאַטערט, אָבער די זין און טעכטער האָבן זיך נישט דערשראָקן פאַר די אָנגעשטאַנענע אינ־צידענטן. זיי זענען געווען זיכער אין זייער יונגן גלויבן, אַז דאָס זענען קאָנוווּלסיע־אויסברוכן פון דער רעאַקציע וואָס וויל נישט דערלאָזן דעם אויפקום פון אַ פריי, סאָציאַליסטיש פּוילן, די רעאַקציע, וואָס וויל באַלד אין אָנהויב שטערן דאָס ברודערן זיך פון יידישע און פּוילישע אַרבעטער. האָבן די יידישע זין און טעכטער, להכעיס אַלע „טשיקעס״, יאָ אָנטייל גענומען אין דעם אָנהויב פון בויען דאָס פרייגעוואָרענע לאַנד. צוזאַמען מיט די פּוילישע חברים האָבן זיי געוויילט זייערע פאַרטרעטער אין די אַרבעטער־ראַטן, צוגלייך מיט די פּוילישע פאַרשטייער זענען זיי געזעסן אין די מאַגיסטראַטן און שטאָטראַטן, אין די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קאָמיסיעס. און אין די קאָמיסיעס האָבן זיי געוואַכט און געהיט די אַנטי־סעמיטישע ביוראָליסטן זאָלן נישט טוען קיין עוולה דעם יידישן אָרעמאַן ביים קריגן זיין באַרעכטיקטע מלוכה־שטיצע, דער יידישער חולה זאָל אין דער קראַנקן־קאַסע קריגן היילונג צוגלייך מיטן פּוילישן חולה.

די ענדעקעס און כאַדעקעס האָבן געהעצט און געשריגן, אַז די „זשי־דעס״ מיט זייערע „זשידאָוּוסקע פּאַכאָלקעס״ [3] צווישן די פּאָליאַקן, האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין נייעם פּוילן, ווי זייערע „זשידאָווסקע ברידער״, די ראַדעקס און בראָנשטיינס, האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין רוסלאַנד און, ווי יענע דאָרט, אַזוי וועלן די זשידעס אין פּוילן ברענגען חורבן און אומגליק אויפן לאַנד. כאָטש יידן האָבן זיך דערשראָקן און געוואָרנט די זין און טעכטער זיי זאָלן זיך וואָס ווייניקער מישן, זיך נישט וואַרפן אין די אויגן, זענען דאָך יידישע סאָציאַליסטן און דאָס יידישע יונגוואַרג געווען פאַרטועו אין בויען דאָס ניי־אויפגעקומענע פּוילן.

[3] יידישע קנעכט.

און נתן חיים איז אוודאי געווען איינער פון די זינדלעך און טעכטער־לעך, וואָס האָט זיך נישט צוגעהערט צו די וואָרענונגען פון זיין טאַטן. אַ שיין פּנים וואָלט ער געהאַט, ווען ער זאָל זיך צוהערן צו דעם, וואָס זיין טאַטע זאָגט אַלץ; פאַרקערט, ערשט איצט איז ער געווען פאַרהאַוועט און פאַרטועט אין פאַראיין. קיין אַרבעט פאַר די מיטגלידער איז טאַקע אין די פאַכן נישט געווען, ער אָבער האָט אין פאַראיין געהאַט צו טועז איבערן קאָפּ!

מיטן אויסברוך פון די רעוואָלוציעס אין עסטרייך, אין דייטשלאַנד, מיט דער צווייטער איבערקערעניש אין רוסלאַנד, ווען די באָלשעוויקעס האָבן אַראָפּגעוואָרפן די קערענסקי־רעגירונג און אַליין פאַרכאַפּט די מאַכט, אָט מיט די איבערקערענישן האָט זיך דאָך אָפּגעשטעלט די מלחמה! די פראָנטן זענען זיך צעפאַלן און די זעלנער, נאָך לאַנגע יאָרן זיך וואַל־גערן אין בלוט און אין בלאָטע, אין קויט און אין אומקום, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַהיים. ווי אַ ווילדע סטיכיע, וואָס טראָגט זיך איבער פעלדער און וועלדער, וואָס ברעכט און רייסט־מיט בוים און פלאַנץ, אַזוי האָט זיך די מענטשן־סטיכיע אַ ריס געטאָן פון די מלחמה־צוואַנגען און זיך געלאָזט גיין איבער שטעט און איבער לענדער, איבער טייכן און ימים — צוריק אַהיים, אַהיים צו עלטערן, צו ווייב און קינד, אַהיים אין אייגענעם לאַנד אַריין!

וואַרשע איז דעמאָלט פאַרפלייצט געוואָרן פון די אַהיימגעקומענע. ווער פון זיי עס האָט זיך אומגעקערט פון די פראָנטן און ווער פון די תּפיסות, פון לאַנגער פאַרשיקונג אין סיביר און ווער גאָר — פון די דייטשישע קוילן־שאַכטן, פון די שטאָל־גיסערייען און אַמוניציע־פאַבריקן, וואָס אַהין האָבן די דייטשן זיי פאַרנאַרט און פאַרשלעפּט צו שקלאַפן פאַר זיי, און מיט זייער אַרבעט פאַרזיכערן דייטשלאַנד איר זיג!

יעדן טאָג האָבן זיך אין די פאַראיינען אַריינגעוויזן נייע פּנימער. כאָטש ס'רעדט זיך נאָר אַזוי — פּנימער. אינדערהאמתן האָבן די געקומענע נישט געהאַט קיין מענטשלעכע צורה. אין די לאַנגע יאָרן וואַלגערן זיך אין די אָקאָפּעס, דערנאָך דאָס חדשים־לאַנגע שלעפּן זיך איבער שטעגן און וועגן, זענען די מענטשן געוואָרן פאַרוואָרלאָזט און פאַרלויזיקט. די מיליטערישע שינעלן, די מונדירן און הויזן זענען אויף זיי צעפאַלן, געוואָרן פאַרסאַרגעט און פאַרבלאָטיקט, די זעלנערישע שיך אויף זייערע פיס — צעריסן, די פאַרבלאָטיקטע פינגער אין דרויסן.

טייל פון די צוריקגעקומענע האָבן כאָטש געהאַט דאָס גליק פון האָבן צו וועמען זיך אומצוקערן אַהיים. אַ סך אָבער האָבן דאָס ביסל גליק אויך נישט געהאַט. שטאָט באַגעגנט צו ווערן פון עמעצן מיט פרייד, זענען זיי אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט צער און געוויין איבערן טויט פון

זייערע נאָנטע און טייערע, די אומגעקומענע אין מגיפות פון טיפוס און דיזענטעריע, די געשטאָרבענע פון הונגער און קעלט.

אָט די אַלע צוריקגעקומענע האָבן געדאַרפט הילף, געזוכט אַרבעט, אַ דאַך איבערן קאָפּ און כאָטש קיין אַרבעט האָט ער, נתן חיים, דער סעקרעטאַר פון פאַראיין, נישט געקענט געבן די אַלע מענטשן פון די נאָדלפאַכן, האָט ער זיי אָבער געדאַרפט העלפן מיט וואָס ער האָט יאָ געקענט. איז ער דאָס געזעסן גאַנצע טעג ביז שפּעט אין אָוונט אין קאַנצעליאַר,ביים ביוראָטישל און זיי קודם פאַרשריבן אַלס מיטגלידער פון פאַראיין. אָן אַ מיטגלידסקאַרטל איז דער געקומענער גאָר פאַרלוירן! צו די מיטגלידסקאַרטן האָט ער נאָך געדאַרפט פאַרזאָרגן דעם מיט אַ צעטעלע אין קראַנקן־קאַסע, יענעם מיט אַ קוויטל אין אַ שטאָטישער באָד, אַ דריטן מיט אַ נומערל צו אַ פריזירער, ער זאָל אים אַרומשערן, אָפּגאָלן און אים צוריקגעבן די מענטשלעכע צורה.

אין דעם אָנפּלייץ פון מענטשן, אין דעם געדרענג אַרום אים, אַז מ׳האָט אַזש זיין קאָפּ נישט אַרויסגעזען, האָט נתן חיים דאָך געדענקט נישט צו פאַרזען יענע, וואָס קענען זיך נישט שטופּן, וואָס זענען צו שטאָלץ צו בעטן און בעטלען, נאָר שטייען אין די ווינקעלעך שטילע און פאַרשעמטע. און גראָד יענע זענען דאָך די איידעלע, די צאַרטע מענטשן, וואָס, אויב פאַרזען, גייען זיי אונטער!

און נישט נאָר העלפן די נייגעקומענע. נתן חיים האָט אויך געמוזט טראַכטן וועגן פאַראיין. אין דעם גרויסן אָנפּלייץ פון נייע מיטגלידער, האָט ער זיך ערשט אַרומגעזען ווי קליין עס איז דער לאָקאַל פון פאַראיין. נישט נאָר דאָס קאַנצעלאַריע־שטיבל ביים אויפנעמען די מיטגלידער, אויך דער לייען־זאַל, די טיי־האַליע קענען נישט אַריינגעמען די אַלע מיטגלידער, וואָס קומען אין זייער פאַראיין זען אַ צייטונג, לייענען אַ ביכל, טרינקען אַ גלאָז טיי, אָדער גאָר פאַרברענגען אַ שעה ביים שפּילן אַ דאַמקע, אַ פּאַרטיע שאַך. חוץ דעם, נתן חיימען איז גאָר איצט נישט אָנגעשטאַנען מער דער נאָדלפאַראיין זאָל זיך נאָך אַלץ וואַלגערן אין אַ פּשוטער דירה פון פיר צימערן אויפן פערטן שטאָק, פאַרוואָרפן אויף דער נאָוואָליפּיע־גאַס, אַזש לעבן דער סמאָטשע! בעת דער אָקופּאַציע איז טאַקע נישט געווען קיין ברירה. יעדער לייטישער לאָקאַל איז געווען פאַרנומען פון די דייטשן, היינט אָבער זענען דאָך די דייטשן נישטאָ! פּוילן איז פריי און די פּוילישע חברים ציען זיך איבער מיט זייערע אינ־סטיטוציעס אין הערלעכע לאָקאַלן, מעגן דאָך די יידישע אַרבעטער־פאַראיינען אויך אַרויס פון די הינטערגעסלעך!

— אָבער, חבר חיים נתן, — האָבן טייל פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער געהויבן די אַקסלען, ווי אים קען גאָר אַזוינס איינפאַלן, — ווו וועט מען

נעמען אויף דירה־געלט? דאָ געטרויט אונדז נאָך דער ווירט, אָבער דאָרט? נאָר צו וואָס זיך שפּאָרן, איר האָט דען אַן אַנדערן לאָקאַל, אַ מער פּאַסיקן?

נתן חיים האָט געשמייכלט. זיי, די פּאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, ווייסן גאָרנישט, אַז זינט דעם אָנפאַלייץ פון די קריקגעקומענע, זוכט ער אַרום אַ לאָקאַל, אַז ער האָט שוין דורך דער צייט אויסגעמאָסטן וואַרשע אין דער לענג און אין דער ברייט:

— וואָס שייך דירה־געלט, — האָט נתן חיים זיי געענטפערט, — זענט איר אַוודאי גערעכט. אין קאַסע איז טאַקע נישטאָ קיין גראָשן. נו, דאַרף דאָס זיין אַן אַפּהאַלט? אַפילו באָרגן געלט דאַרף מען און דינגען דעם לאָקאַל איידער מ׳כאַפּט אים אונדז אויס!

— וועגן וואָסער לאָקאַל רעדט איר? — האָבן די פּאַרוואַלטונגס־מיטגלידער אַרום זיין ביוראָטישל נאָך אַלץ נישט געוווּסט וואָס דער סעקרעטאַר זייערער האָט דאָ אין זינען.

— אַ לאָקאַל איז דאָס? — האָט נתן חיים פריידיק געשמייכלט, — אַ פּאַלאַץ איז דאָס!

— ווו געפינט זיך דאָס דער פּאַלאַץ — האָט דער פּאַרזיצער, דער חבר מאַרקוס מיטן גלעקל אין האַנט, חוזקדיק פאַרצויגן דעם שטערן און, ווי זיין טבע, געטאָן אַ בליאַסק אויף אים די צוויי אויפגעריסענע אויגן, ווי מיט צוויי שפּיגעלעך אָנגעשטעלטע קעגן דער זון.

— ווו דער לאָקאַל געפינט זיך? — האָט נתן חיים אים צוריקגעפרעגט, — אויף רימאַרסקע 2!

— די איינשטאָקיקע קאַמעניצע מיטן אַרומגעצוימטן גערטל? — האָבן אַלע אין איין קול געשטוינט, וואָס אים קען איינפאַלן. — דאָס איז דאָך אַ פּאַלאַץ פאַר אַ כראַביע!

— און אַז אַ פּאַלאַץ? — האָט נתן חיים פרעגנדיק געקוקט זיי אין די אויגן. — וואָסי? עס שטייט אונדז אפשר נישט אָן? די פּע.פּע.עס. מעג זיך איבערציען מיט אירע אינסטיטוציעס אין פּאַלאַצן אַריין, נאָר מיר טאָרן נישט?

— און איך זאָג, אַז מיר זאָלן דאָס נישט טוען! ווי קומען פּראָלעטאַריער צו פּאַלאַצן? — האָט מיט אַ פּאַרוויטיקט קול זיך אַריינגעמישט די חברטע טויבע און דערביי, מיט אירע טויט־פּאַרלאָשענע אויגן געקוקט אויף נתן חיימען, אָט אויף דעם פרעמדן פויגל, וואָס לאַ די ער קליידט זיך נישט ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּראָלעטאַריער, נאָר פּוצט זיך ווי אַ פילאַזאָף אין אַ שוואַרצן פראַק מיט פּענסנעי איבער די אויגן, ציט ער נאָך אַלעמען אַוועק פון אירע אַמאָליקע סכאָדקעס, פון די געהיימע בערזעס

און איצט שלעפּט ער גאָר דעם פֿאַראיין פֿון די פּראָלעטאַרישע געסלעך אין די הויכע פענצטער, אַריין אין פריצישע פּאַלאַצן!

— דאָס גראָד דאַרף אונדז נישט אַרן, — האָט דער פּאָרזיצער, צופרידן שוין, געטאָן אַ בליאַסק מיט די אויגן אויף דער חברטע טויבע. — לויט אים האָט זי אַ טעות, די חברטע, אדרבא, פּראָלעטאַריער דאַרפֿן פֿאַרנעמען די פּאַלאַצן פֿון דער בורזשואַזיע, פֿון דער פּוילישער שליאַכטע. ער האָט נאָר מורא, טאָמער לאָזט מען דעם פֿאַראיין דאָרט לאַנג נישט בלייבן!

— לאָמיר זיך נאָר אַריינצייען, — האָט נתן חיים איבערגעריסן דעם פּאָרזיצער זיין דיספּוט מיט דער חברטע טויבע. — אַז מיר וועלן זיין אינעווייניק, וועלן מיר דאַן זאָרגן וועגן פֿאַרבלייבן!

קאַפּיטל פינפאונפערציק

צווישן די שטענדיקע זיצערס אין פּאַראַיין איז געווען איינער, סענדער ווילער, אַ דאַמען־מאַגאַזין־שניידער. שוין ביי זיין ערשטן אַרויפקום אין פּאַראַיין צו פאַרשרייבן זיך אַלס מיטגליד, האָט ער געצויגן אויף זיך נתן חיימס בליק. עפּעס האָט פון דעם יונגן מענטש געווייעט מיט דערהויבנ־קייט, מיט ווירדע. דאָס פּנים זיינס — אָפּגעצערט, בלייך, אָנגעהויכט מיט דלות, נישט מיט דעם שפּלן דלות, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, נאָר מיט יענער בכבודיקער אָרעמקייט וואָס נאָר אַ שאַרף דורכדרינגענדיקער בליק קען דאָס באַמערקן.

ווי דער מאַנטל זיינער, אַ שוואַרץ איבערגעפאַרבטער, אַן איבערגע־מאַכטער פון אַ זעלנערישן שינעל און דאָס אַלטע פאַרגלאַנצטע אָנצוג זיינס פון טונקל־בלויען שעוויאָט, זענען געווען שטאַרק אָפּגעטראָגן און דער קאַפּעליוש אויף זיין קאָפּ — אַלט און צעקנייטשט, האָבן דאָך די דאָזיקע מלבושים אויף אים געפּעכלט פון ריינקייט. קיין שטויבעלע, קיין פּעדערל איז אויף זיי נישט געווען צו זען. אַזוי אויך זענען די שווער באַנעגלטע, זעלנערישע שיך אויף זיינע פיס שטענדיק געווען גלאַנציק אָפּגעפּוצט.

אַ דינער, אַ שלאַנקער, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע, ווייך־געכוואַליעטע האָר און צוויי שוואַרצע, קלוגע אויגן, פלעגט ער יעדן טאָג, אַרום צוויי אַזייגער, נאָכן האָבן זיך אָנגעכליעפּטשעט [1] מיטן שיסעלע וואַסערדיקע זופּ אין דער אַרבעטער־קיך, אַרויפקומען אין פּאַראַיין, אַוועקהענגען דעם מאַנטל מיטן קאַפּעליוש אין „שאַטניע" [2] אַזוי פאַרזיכטיק, ווי דאָס וואָלטן געווען די טייערסטע קליידער, אַריינגיין אין „לעזע־זאַל", טאָן אַ קוק אין צייטונג און זיך באַלד אַוועקזעצן אויף אַ שטול אין זיין ווינקעלע, לעבן פענצטער, זיך פאַרטיפן אין מיטגעברענגטן ביכל און אַזוי זיצן און לייענען ביז שפּעט אין אָוונט אַריין.

שוין ביי זיין ערשטן אַרויפקום אין פּאַראַיין איז צווישן אים און נתן חיימען אָנגעשטאַנען יענע חברישע פריינטשאַפט, וואָס קען נאָר געמאָלט זיין צווישן מענטשן, גייסטיק זיך נאָענטע. און נאָנט זענען זיך

[1] אָנגעזופּט [2] אָפּגעצוימט ווינקל פאַר מלבושים.

די צווײ געוואָרן נאָך אײדער זײ האָבן זיך רעכט באַקענט. ווי דעם סענ־דערן, אַזוי איז אויך נתן חיימען געווען אײגן די תלמיד חכמדיקע מידה פון זויבערקייט, פון נישט לאָזן פאַלן קיין שטויבעלע אויף זיין אָנטועכץ, פון טראָגן דעם דלות מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, קיינער זאָל אים נישט באַקרעכצן, נישט זען זיין נויט און אַזוי אויך איז אים אײגן געווען דאָס אַריינטוען זיך אין אַ ביכל ביז פאַרגעסנקייט, צו דעם נאָך איז די דאָליע זייערע געווען די אייגענע.ביידע זענען יונג אַוועק פון דער גמרא אין בית המדרש, דערנאָך — פון זייערע היימען אין די קליינע שטעטלעך און ביידע האָבן זיך צעגלייך געוואַלגערט אינדערפרעמד, געאַרבעט ביי אומצאָליקע מײנסטערס, געדינט די מייסטעראָווס, זיי און זייערע הויז־געזינדן.

עלטער אויף דריי־פיר יאָר, דערצו נאָך אַ באַווייבטער שוין, האָט דער סענדער גלייך איינגעזען אין וואָסער פליאָנטער נתן חיים האָט זיך דאָ אַריינגעדרייט. די סאַליע, ווי קליין זי איז, אַזוי גרויס מרשעת איז זי דאָך! איין קוק נאָר אויף איר שמאָל, פויגלש פּנימל, אויף אירע דינע, פאַרשנורעוועטע ליפּעלעך, אויף אירע שאַרפע ביר־אויגן, זעט מען גלייך וואָס פאַר אַ זיס מיידעלע זי איז. ווי קומט זי צו דעם נתן חיימען? ער, נאָך אַפילו קיין צוואָנציק נישט און זי שוין אין די מיטעלע צוואָנציקער. ער — דורשטיק נאָך וויסן, אַ גאַרנדיקער צו לערנען, אַ בחור מיט פליגלען, וואָס רייסן זיך צום פלי, צו דערגרייכן און זי — אַן אויסגעהאָ־רעוועט מיידל, אַ מידע, וואָס וויל חתונה האָבן, ווערן וואָס גיכער אַ מאַמע, קאָכן וועטשערע, וואַשןווינדעלעך און זיך שפּיגלען אין דער ציכ־טיקער פאַדלאָגע, אין די געשייערטע טעפּלעך אויף דער פּליטע. זאָל זי אים נאָר אַריינקריגן אין אירע לאַפּקעלעך, אַזעלכע דאַרע, ביינעריקע, ווערט דער נתן חיים גלייך ביי איר צעריבן, צעמאַרשטשעט. פון אַלע זיינע חלומות וועט זיך אויסלאָזן איין לאַנגער, ביטערער קרעכץ.

— זאָג מיר, נתן חיים, ביזט טאַקע פאַרליבט אין סאַליען?

נתן חיים האָט נישט באַלד געענטפערט. אַ שוויגנדיקער, אַ פאַר־טראַכטער איז ער געגאַנגען מיט סענדערן איבער דער נאַוואָליפּיע, פון קיך אין פּאַראַיין אַריין. ווי ווײל ס׳איז ערשט געווען נאָך וואַרעמעס, האָט שוין איבער וואַרשע געהויערט דער קאַלטער, ווינטערדיק פאַר־כמורעטער אָוונט. איבערן שמאָלן, נאַס אַנגעבלאָטיקטן טראָטואַר זענען געקראָכן בעטלער־קינדער, זיך געטוליעט אין די שמאָטעדיקע, צעפּאַ־לענע אָנטועכצער און געשטרעקט זייערע בלוי־געפרוירענע הענטלעך די דורכגייער אין די פּנימער:

— ברויט, אַ שטיקעלע ברויט!

ווי נתן חיים האָט נישט געהאַט קיין חשק צו רעדן שלעכטס אויף

סאַליען האָט דאָך דאָס געפיל פון נאָענטקייט צו סענדערן גובר געווען אין אים די צוריקגעהאַלטנקייט און קעגן זיין ווילן האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— פאַרליבט אין סאַליען? ניין! פאַרליבט איז ער נאָר אין זיין קוזינקע, עלקעלע, איז זי אָבער אַזוי ווייט, אַזוי אָפּגעציטערט ביי איר טאַטעשי און מאַמעשי.

— אַז ביזט ווידער נישט פאַרליבט אין סאַליען, פאַרוואָסזשע גייסטו מיט איר? פאַרוואָס לאָזטו זי זאָל מאַכן ביבקעס פאַר דיר? און פאַרוואָס בלייבסטו נעכטיקן ביי איר? גיסט דאָך איר אַ געלעגנהייט זיך איינצורעדן, צו מיינען. ווייסטו דען נישט, אַז אַזעלכע פאַרוויקלונגען ענדיקן זיך פאַטאַל?

נתן חיים האָט געשוויגן. אַוודאי איז דער פריינט גערעכט. ער ווייסט דען נישט אַליין, אַז ער טאָר זיך נישט אַרומפירן מיט אַ מיידל, וואָס ער האָט זי נישט ליב. דער סענדער דאַרף אָבער זיין דער לעצטער אים צו זאָג מוסר. מילא, די ביבקעס מיינען גאָרנישט און וועגן זיין בלייבן נעכטיקן ביי איר דאַרף ער אַזוי נישט רעדן. ער האָט שוין פאַרגעסן, אַז ער איז אויך געווען אַ בחור און ער האָט זיך אויך אַרומגעשלעפּט מיט מיידלעך, וואָס ער האָט נישט געטראַכט מיט זיי חתונה צו האָבן.

— איך ווייס וואָס דו טראַכסט, — האָט סענדער אים איבערגעריסן דאָס שווייגן. — וואָס אָבער דו זאָלסט נישט טראַכטן, איז עס אַלץ נישט קיין אויסרייד און נישט קיין תירוץ! מוזט געדענקען, אַז ביי סאַליען ווערסטו גלייך אַ באַלעבעסל! וועסט זיך מוזן אַרויסשלאָגן פון קאָפּ אַלע דיינע חלומות עפּעס צו ווערן, ערגעץ צו גרייכן.

געמיינט האָט ער, נתן חיים, אַז מיט זיין אַוועקפאָרן קיין לובלין, מיטן נישט לאָזן זי הערן פון אים, וועט צווישן אים און סאַליען אַלץ זיין געענדיקט, און איצט, ביי זיין קריקקומען קיין וואַרשע, וועט סאַליע מער נישט וועלן פון אים וויסן! איז אָבער סאַליע נישט פון די האָנאָראָווע מיידלעך, וואָס צוליבן נישט קריגן פון אים קיין בריוו, וועט זי זיך באַליידיקן, ברוגז ווערן מיט אים. ער טאַקע האָט געמיינט זיך צו דערווייטערן פון איר און ער איז טאַקע איצט, ביי זיין אָנקומען קיין וואַרשע, נישט געגאַנגען זי זען. זי אָבער האָט זיך מיט גאָרנישט גערעכנט, נאָר איז גלייך געקומען אין פאַראיין און זיך אַרומגעכאַפּט מיט אים. האָט ער גערעכנט האָבן אַ האַרץ זי אָפּצושטויסן? נישט ענטפערן אויף איר נאָכפרעגן זיך ווי אים איז דערגאַנגען דאָס זיין אין לובלין גאַנצע אַנדערהאַלבן יאָר! אמת, אַז זי האָט געפּרוווט האָבן צו אים אַ טענה, פאַרוואָס ער האָט צו איר נישט געשריבן, האָט ער זיך נישט געשעמט און איר געענטפערט:

— יעדן האָ׳ דיר דען ציגעזאָגט צי שראַאַבן בריוו?

ס׳קען אפשר זיין, אַז דער שאַרפער אָפּשניט וואָלט געוואָרן דער

ערשטער שריט אין זיין דערווייטערן זיך פון איר. איז אָבער גראָד דעמאָלט געשען מיט אים אַן אומגליק. פון דער העלער הויט, האָט זיך אים, נאָך אַ גישטיקן שטאָך פון אַ נאָדל, געמאַכט אַ בלוט־פאַרזויצונג און דער גראָבער פינגער פון דער רעכטער האַנט האָט אים גענומען אָנשוועלן און, איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט איז אים דער גאַנצער אָרעם אויפגעלאָפן, געוואָרן אים שווער ווי אַ באַרג, נישט צו רירן מיט דער האַנט.

צו פאַרמיידן שרעק דער קראַנקער מאַמען, דעם חורבן מאַטן, האָט ער זיך נישט אַריינגעוויזן אין שטוב, נאָר געלאָזט די חברים זיך ניאַנטשען מיט אים. דער נאָנטסטער פריינט זיינער, סענדער, האָט געוואָלט נעמען אים צו אַ פעלדשער, צו אַ דאָקטאָר, האָט אָבער סאַליעלע אַזוי שלוי מאַנעווורירט, אַז זי האָט אַלעמען באַזייטיקט און נאָר זי אַליין האָט געפּאַ־דעט אַרום אים, געטאַפּט אים דעם שטערן, אָנגעבונדן איר פאַרביק טיכל אַרום זיין האַלדז, ער זאָל קענען אָנהענגען דעם אָרעם, נישט צו דאַרפן נאָכשלעפן די געשוואָלענע האַנט.

נתן חיים האָט געשטוינט, נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון סאַליען. ווי אויסטערליש! אין דעם באַשיימפּערלעכן צער אירן איבער זיינע וויטיקן, אין דער גאַנצער שרעק אויף איר שמאָל, מיזערנע פּנימל, האָט ער אויך געזען צופרידנקייט, אַן אָפּגלאַנץ פון איר אינערלעכער פרייד, וואָס ענדלעך האָט זי אים איינגאַנצן אונטער איר השגחה.

ווי נאָר זי האָט מיט איר צינגל אַ לעק געטאָן זיין שטערן און דער־פילט, אַז ער גליט פון היץ, האָט זי, קעגן זיין ווילן, אים איינגעבאַבעט אין דערעס [3] און שאַלן, זיך אַריינגעזעצט מיט אים אין אַ דראָשקע און גיך אַוועקגעפּאַטשט אויף דער קרולעווסקע גאַס צו ד״ר גאָלדשטיין, דער הויפּט־כירורג פון טשיסטע־שפּיטאָל.

דער דאָקטאָר, אַ מאַן אין די פערציקער, מיט פענסנע איבער די אויגן און אַ רויטלעך־ברוין וואָנסעלע אונטער דער נאָז, האָט זיך אַפילו געקרימט, זיך געבייזערט וואָס זיי זענען געקומען פאַר דער וויזיט־שעה, דאָך האָט ער זיי אַריינגעלאָזט אין קאַבינעט, באַטראַכט דעם פינגער, דעם אָרעם, געמאָסטן אים די היץ:

— מ׳מוז אָפּערירן, — האָט ער שטיל, ווי צו זיך אַליין גערעדט.

נתן חיים איז געזעסן אַ פאַרטראָגענער, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אַהינ־טער, אויפן אָנלען־ווענטל פון שטול. ער האָט גאָרנישט באַנומען, וואָס מיט אים איז, וואָס דער דאָקטאָר רעדט, זי אָבער, סאַליע, האָט שוין גאָר געזען מיט וואָס דאָס געשווילעכץ שמעקט:

[3] שווערע קאָפּ־טיכער

— פּאַניע דאָקטאָזשע — האָט זי מיט ציטערניש אין קול אים געפרעגט, — איז גאָרנישט מעגלעך צו ראַטעווען דעם פינגער? ער איז דאָך אַן אַרבעטער, ווי וועט ער קענען האַלטן אַ נאָדל אָן דעם גראָבן פינגער?

— ביז איבערן נאָגל וועט מען זיכער מוזן אַראָפּנעמען, אפשר נאָך די גאַנצע העלפט ביזן ערשטן קנעכל.

צומאָרגנס, עטלעכע שעה נאָך דער אָפּעראַציע, אַז זי איז אַרויס מיט נתן חיימען פון שפּיטאָל, די האַנט זיינע באַנדאַזשירט ביזן עלנבויגן, דער אָרעם אָנגעהאָנגען אין טיכל, וואָס זי האָט אים פאַרקנופּט אַרום האַלדז, האָט שוין סאַלטשע אים נישט גענומען צוריק אין פאַראיין, נאָר איז מיט אים גלייך פאַרפאָרן צו זיך אין צימער. די לאַנג־געגאַרטע געלעגנהייט צו האָבן נתן חיימען ביי זיך, צו קענען אים קעכלען, אָווירן און איצט נאָך וואַשן פאַר אים די באַנדאַזשן, פאָרן מיט אים אין שפּי־טאָל אויף איבערבינדונגען, אָט דאָס גאַרן אירס, איז איר איצט געהאַט פאַרווירקלעכט געוואָרן. און טאָמער איז דאָס געווען ווייניק, איז זי נאָך געוואָרן זיין שטעלפאַרטרעטערין אין דער פאַראיין־קאַנצעליאַר!

ווי די חברים פון דער פאַרוואַלטונג האָט נישט געשמעקט צו האָבן סאַליען אַלס פאַרטרעטערין פון סעקרעטאַר, האָבן זיי דאָך געשוויגן. קיינער פון זיי איז נישט געגאַנגען אין די שקאָלעס צו קענען זיך באַהעלפן אַרום ביוראָטיש. זי אָבער, סאַליעלע, איז יאָ געגאַנגען אין די שקאָלעס. אמת, דער סעקרעטאַר, נתן חיים, איז אויך אין קיין שקאָלעס נישט געגאַנגען, איז ער דאָך עפּעס נתן חיים!

די גאַנצע צייט וואָס ער איז געווען פאַרטראָגן אין היץ, האָט נתן חיים רעכט נישט געוווּסט וואָס מיט אים טוט זיך. ערשט ווען דאָס געשווילעכץ האָט אָנגעהויבן אָפּגיין, די היץ איז אָפּגעפאַלן, האָט ער געזען וואָס מיט אים איז געשען. פון הילפלאָזיקייט האָט ער געלאַכט צו זיך אַליין: ווי נישטיק דער מענטש איז קעגן שיקזאַל. ווייל ער באַמיט זיך אַרויסצורייסן פון סאַליעס הענט, טרייבט אים דער גורל צוריק אין אירע אָרעמס!

ער איז געלעגן אין סאַליעס בעטל און זיך אַרומגעקוקט. סאַליע איז אַוודאי אין פאַראיין. אויפן טישל,ביים פענצטער, שטייט דאָס נאַפט־לעמפּל, די קנויט איז אַריינגעדרייט. אין דער האַלב־טונקלקייט קריכן אויסטערלישע שאָטנס אויף די ווענט. אין ליכט־רעדל אויפן סופיט, שטייט אַ האַלב־טויטע ווינטער־פליג. די ווייזערס אויפן ציפערבלעטל פון קוקאַווקע־זייגער מיט די מעשענע וואַגעלעך, ווייזן פינף מינוט פאַר עלף. באַלד וועט דער זייגער שלאָגן. ביי יעדן קלונג וועט זיך עפענען דאָס טירעלע אין געזימס און דאָס קוקאַווקעלע וועט אַרויסשטעקן דאָס קעפּל: „קוקו, קוקו“.

נאָכן קלינגען פון זייגער איז ווידער געוואָרן רוישיק־שטיל. ער הערט ווי דער סטרוזש פאַרשליסט דאָס טויער און טשאַפּעט דורכן הויף צו זיך אין דער בודע אַריין. די מענטשן אין די פאָדערשטובן, וואָס ביי זיי איז סאַליע אַ סובלאָקאַטאָריך, שלאָפן שוין אַוודאי. אַ ליאַדע מינוט וועט סאַליע זיך אַריינשטעלן פון איר אַמטירן אין פּאַראַיין. וואָס זאָל ער דאָ טוען? זי האָט אים באַלייגט אין איר בעטל. זאָל ער אַרויס און זיך אויס־בעטן אַ געלעגערל אויף דער פּאָדלאָגע? ווי קען ער סאַליען אַזוי ווייַ טוען? כאָטש, אַז ער טראַכט צוריק, האָט זי דאָס כשר פאַרדינט! זע נאָר ווי זי האָט אַלע חברים פון אים באַזייטיקט! אַפילו סענדערן האָט זי נישט געלאָזט מיטפאָרן צום דאָקטאָר, און צו וואָס האָט זי אים פאַרשלעפּט צו זיך אין שטוב? ווי האָט זי זיך נישט געשעמט פאַר די מענטשן ביי וועמען זי וווינט! וואָס טראַכטן זיי וועגן איר, וועגן אים?

דער גלאָק אין טויער האָט זיך צעקלונגען. ס׳מוז אַוודאי זיין סאַליע. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן, אַרויסצוקריכן פון איר בעטל, האָט זיך זיין בליק פאַרהעקלט אין דעם באַנדאַזשירטן אָרעם. ווי וועט ער אַליין זיך קענען אויסבעטן אַ געלעגערל?

דערווייל האָט די טיר זיך געעפנט. סאַליע איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל. אין איר ברייט־געפּאַלבטן מאַנטל, אַ שוואַרצער, אַ לאַנגער ביז די קנעכלען, האָט זי אים אויסגעזען ווי אַ שוואַרצע סאָווע וואָלט דאָ פון ערגעץ אַנגעפלויגן. אַ קורצע ווילע איז זי אַזוי געשטאַנען, באַלד האָט זי פּאַוואָליע און שטיל צוגעטריטלט צום בעטל. נתן חיים האָט בכיוון געהאַט צוגעטאָן די אויגן־דעקלעך, זיך געמאַכט שלאָפן. זי האָט זיך איבערגעבויגן און לייכט, קוים, קוים באַרירט מיט אירע ליפּן זיינע. ערשט איצט האָט נתן חיים געעפנט די אויגן:

— אַזוי? — האָט זי אים אַ ריס געטאָן דעם לאָק, וואָס שטענדיק קרויזט ער זיך אים אַזוי חנעוודיק איבערן שטערן, — נאַרסט מיך גאָר אָפּ? מאַכסט זיך שלאָפן!

ער האָט אָפּגעקערט פון איר דעם קאָפּ.

— ביזט הונגעריק? — האָט זי, אין מאַנטל, זיך צוגעזעצט לעבן אים.

— ניין, אַ דאַנק.

— וואָס עפּעס דאַנקסטו מיר? האָסט דאָך נישט געגעסן קיין קאָלאַציע.

— ס׳הינגעט מיך נישט.

— זאָל זיין אַזוי!

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום טישל און אַרויסגעדרייט דעם קנויט אין לעמפּל. איצט, אין דער אַנגעשטאַנענער ליכטיקייט, איז זי ערשט געוועזן צעטומלט, נישט געוווסט צי זאָל זי אים נישט הערן און

יאָ אָנצינדן דעם פּרימוס. ווען אַפילו נישט פֿאַר אים, דאַרף זי אויך מאַכן אַ גלעזל קאַקאַאָ פֿאַר זיך. אויך זי האָט נאָך נישט געגעסן קיין קאָלאַציע. נאָר שטאָט זיך צו נעמען צום פּרימוס, האָט זי גאָר גענומען זיך אויסטוען, צום ערשט דעם מאַנטל, דערנאָך די גומע־באָטנס מיט די שיך אינאיינעם, באַלד דאָס קלייד, די האַלקע. איצט, אין די מייטקעס, מיטן אַרויסגעשטעקטן סטאַן פֿון העמד ווי דער עק ביי אַ הון, איז זי צוגעגאַנגען צום טישל און קריק אַריינגעדרייט די קנויט אין לעמפּל.

נתן חיימען האָט אַרומגעכאַפּט אַ פּחד, נישט חלילה צוליב דער אָנגעשטאָנענער פֿינצטערניש. מיט יעדן טריט סאַליעס צום בעטל, האָט ער זיך גערוקט אַלץ מער צו דער וואַנט, כאַטש נעם און שטופּ אויס מיט דעם אייגענעם לייב אַ לאָך אין דער וואַנט און פֿאַרשווינד מיטן געביין אין איר שטייניקן אינגעווייד־אַריין.

קאַפּיטל זעקסאונפערציק

צום ווייפלטן מאָל שוין, אַז חנה לאה נעמט אָפּ איר וועכנטלעכע מלוכה־שטיצע, קויפט פּאַר דעם ברויט, קאַרטאָפל און זי איז נאָך אַלץ נישט מושווה מיטן געדאַנק צי דאָס פּוילישע געלט האָט טאַקע אַ ווערט, צי ס'וועט האָבן אַ קיום. אַז דער רוסישער רובל מיטן קיסרס צווייקעפּיקן אָדלער, דער מאַרק מיטן דייטשישן אָדלער האָבן נישט געקאָנט באַשטיין, וועט די זלאָטע מיטן פּוילישן, ווייסן קאָגוטל [1] יאָ קענען באַשטיין?

איינמאָל, נאָך מנחה מעריב, ווען נתן חיים איז אַהיימגעקומען עסן וועטשערע, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, קעגנאיבער דעם זון און שטיל, ווי איר טבע, אים געפרעגט:

— זאָלסט מיר געזינט זאַין, נתן חיים, ביזט דאָך עפּעס אַן אָפּגעקלעיט'טע' מענטש, זוג מיר, ס'עט עפּעס הובן אַ האַפּט דוס געלט ווייע'ס?

— ווּס רעדסטו, מאַמע?, — האָט ער, מיטן ביסן אין מויל, גענומען מיט איר איינטענהען — פּוילן איז אַ סאָציאַליסטיש לאַנד, דער אַרבעטער־קלאַס זעצט ניש' אָן, ווי די צאַרישע פּאָגראָמשטשיקעס, ווי די דייטשע יונקערס האָבן אָנגעזעצט.

— עפּעס אַ קלייניקייט, מאַטשעק און וואַיטעק!

דאָס האָט יערמע דוד, דער קראַנקער טאַטע אין קיך דאָרט, זיך אָנגערופן פון בעטל אַרויס.

ווי דער מאַמעס פרעגן און דעם טאַטנס אָנרופן די פּוילישע סאָציאַליסטן מאַטשעק און וואַיטעק, האָבן נתן חיימען פאַרדראָסן, אים ווי געטאָן, האָט ער דאָך נישט געוואָלט טאַטע־מאַמע דערווידערן. ס'איז זיי געבעך אָנגעזאָליעט אויף די הערצער. טאַמער האָט לייבל משה נאָך יאָרן שווערער האַרעוואַניע, אָפּגעשפּאָרט עטלעכע הונדערט קערבלעך און איצט, נאָכן דייטש, עטלעכע הונדערט מאַרקן, ליגט דאָס געלט אַזוי טיף אין דער ערד אַז קיין פונט ברויט קען מ' מיט דעם נישט קויפן. איז אַ חידוש דאָס ציטערן איבערן פּוילישן פּאַפּיר־געלט?

[1] הענדל

ער האָט גיך אָפּגעגעסן און צוריק אַוועק אין פּאַראיין. זינט פּוילן איז באַפרייט געוואָרן, זעט מען שוין באַלד זיין קאָפּ נישט אַרויס. צי דאָס געלט וועט יאָ האָבן אַ האָפּט צי נישט, פּוילן מוז זיך אויפבויען. די אַרבעטסלאָזע, וואָס זענען אָנגעוויזן אויף דער מלוכה־שטיצע, מוזן וואָס גיכער אָנהייבן צו אַרבעטן און זיי הייבן טאַקע צו ביסלעך אָן. די אַהיים־געקומענע זעלנער, וואָס פריער זענען זיי געווען טיילן פון פרעמדע אַרמייען, געקליידט אין אַלערליי אוניפאָרמען, זיי דאַרף מען וואָס גיכער מלבוש ערומים זיין, איבערקליידן זיי אין פּוילישע מונדירן, פּוילישע שינעלן, פּוילישע מאַטשעיעווקעס אויף זייערע קעפּ. האָבן טאַקע די פאַבריקן אין לאָדזש, אין טאָמאַשאָוו, אין ביאַליסטאָק צוביסלעך אויפגע־לעבט און ווי נאָר די ערשטע באַלן כאַקי־שטאָפן זענען אָנגעקומען קיין וואַרשע, האָט זיך אויך דאָ אָנגעהויבן צו רודערן. די אַנטיסעמיטישע ענדעקעס און כאַדעקעס האָבן זיך אַפילו געשטעלט אין וועג, געהעצט קעגן יידישן אונטערנעמער, אָבער די יידישע פּאָדראַטשיקעס האָבן זיי איבערגעקליגט, צוגעטשעפּעט שבת־גויים אַלס שותפים, אַרויסגעקראָגן די מלוכה־פּאָדראַדן און זיך גענומען צעפּירן די הענט. זיי האָבן בלויז געהאַט פאַרגעסן, אַז ס׳איז נישט אַמאָל, אַז פּוילן איז איצט אַ סאָציאַ־ליסטיש לאַנד מיט אויסגעוויילטע אַרבעטער־ראַטן, אַז די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זאָגן איצט אַ דעה וואָס יאָ און וואָס נישט.

— פאַניע ליובעלסקי, — האָט נתן חיים געוואָרנט דעם הויפּט־פּאָדראַטשיק, — עס וועט מער אַזוי נישט גיין! מיר וועלן נישט דערלאָזן איר זאָלט איבערגעבן די אַרבעט צו מייסטערס, זיי זאָלן זי צעוואָרפּן צווישן די כאַלופּניקעס, יענע זאָלן מיט די ווייבער און קינדער נייען גאַנצע נעכט און די מיטגלידער פון פאַראיין זאָלן אַרומגיין שלינג און שלאַנג.

— וואָס דען וויל דער פאַראיין זאָל מען טוען?

— דער פאַראיין וויל אָפּשאַפן די מייסטערס, איינשטעלן גרויסע פאַבריקן, די אַרבעט זאָל געמאַכט ווערן אין סאַניטאַרע באַדינגונגען.

— סאַניטאַרע באַדינגונגען איז אַוודאי אַ גוטער איינפיר, — האָט דער הער ליובעלסקי לייכט געשמייכלט אין דער רויטלעך־געלער באָרד אַריין, אָפּגעשאָקלט דאָס אַש פון פּאַפּיראָס אין אַ טיי־שעלעכל אַריין, צוריקגענומען דעם בורשטינענעם ציגאַרשפּיץ אין מויל און צוגעגעבן, — די מייסטער זענען דאָך אויך מענטשן, זיי דאַרפן דאָך אויך עסן.

די אונטערהאַנדלונגען צווישן דער פאַראיין־דעלעגאַציע מיט די פּאָדראַטשיקעס איז אָנגעגאַנגען אין הויז פון דעם ר׳ אָשר ליובעלסקי, אַ חסידישער ייד, וואָס איז זיך ברייטלעך געזעסן אויבן אָן טיש, דאָס סאַמעטענע קאַפּל אויפן קאָפּ, אַ פּאָר ווייכע שטעקשיך אויף די פיס,

וואַרעם געשיצטע אין בלויע, וואָלגנע שקאַרפּעטן. אויף זיין רעכטער זייט זענען געזעסן די צוויי שותפים זיינע, אויף דער לינקער זייט — נתן חיים מיט זיינע צוויי חברים פון נאָדל־פאַראיין. דורך די פענצטער, הויכע, ברייטע, אַרויס צו דער שוועטעיערסקע גאַס, האָט דורך די פאַר־האַנגענע גאַרדינען אַריינגעשיינט די זון, אַ בלענדנדיקע, אַ וואַרעמע, פון קעגנאיבערדיקן קראַשינסקיס גאָרטן זענען אַריינגעפאַלן דין שאָטנדיקע געפלעכטן פון די נאַקעטע צווייגן פוןביימער, פאַרצויגענע מיט גלאַנציקע אייז־הויטן. ווי אינדרויסן האָט געקנאַקט דער פראָסט, אַ טרוקענער, אַ זוניקער, אַזוי איז דאָ, ביים הער ליובעלסקי אין די סאַליעס, געשטאַנען אַ ליבע, זיסע וואַרעמקייט. דאָס דינסטמיידל האָט אַריינגעבראַכט אַ טאַץ מיט אָנגעגאָסענע גלעזער רויט־פינקלדיקע טיי, אַ קליאַש צוקער, שמעקנ־דיקע מאַנדל־ברויטלעך, מאַלינעס אין געשליפענע, טיפע טעצלעך, פולע אין קלעפּיקן זאַפט. ניין, דער הער ליובעלסקי האָט נישט געהאַט בדעה, חלילה, אונטערצוקויפן די פאַראיין־דעלעגאַטן, דריי אָרעמע, אויסגעהונ־גערטע יונגעלייט, מיט אַזאַ זעלטענעם נאַש. אַ ייד אַ תלמיד חכם. האָט ער געוווסט, אַז ביי אַ גלעזל טיי קען מען געלאַסן, בנעימותדיק, גיכער קומען מיט מענטשן צו אַ טאָלק און צו אַ טאָלק מיט די לייט פון פאַראיין מוז ער דאָך קומען! ס׳איז נישט מער וואָס אַמאָל. היינט איז אַ נייע וועלט, מ׳טאָר מער נישט טריצן! ס׳איז טאַקע אַ רחמנות אויף די מייגסטער, ער איז אָבער נישט קהלס פאַרזאָרגער. ער וויל בלויז הערן וואָס דער פאַראיין קלערט וועגן די מייגסטער.

— די מייגסטער? — האָט נתן חיים, ווי זיין טבע, איבערגעחזרט יענעמס קשיא, — זיי וועלן זיך פּראָלעטאַריזירן. ווער דאַרף זיי, די אויסנוצערס, די עקספּלאָאַטאַטאָרס!

ווי דער הער ליובעלסקי האָט געשמייכלט, זיך געמיט צו רעדן געלאַסן אַזוי האָבן זיינע צוויי פּאַרטנערן געזאָטן מיט כעס. דער הער קאַראַלשטיין, אַ פאַרפּוילישטער ייד, אַן עלטערער שויץ, מיט דיקע וואָנ־סעס, גרויע, האָט זיך אַזש פאַרהוסט פון אויפרעגונג. אין זיין דייטשמערישן יידיש האָט ער זיך גענומען פאַרהערן מיט דער פאַראיין־דעלעגאַציע:

— דאָס איזט דאָך אונערהערט! נימאַלס האָט זאָלכעס פּאַסירט. אָנע מייגסטער, ווער ווירד פיר די אַרבייט פעראַנטוואָרטליך זיין?

— דער פאַראיין נעמט אויף זיך די גאַנצע אחריות, — האָט נתן חיים אים געענטפערט רואיק. — אין יעדער איינער פון די איינגעשטעלטע פאַבריקן, וועלן אַרבעטן מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג. זיי וועלן אָנפירן מיט די פאַבריקן.

דער דריטער פון די פאָדראַטשיקעס, דער הער טערקלטויב, אַ ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד און אַ פּאָר שוואַרצע, גליאיקע אויגן, וואָס די

גאַנצע צייט איז ער געזעסן ווי אַ זייטיקער, געזופּט טיי, געטונקען אַ מאַנדל־ברויטל אין מאַלינעזאַפט גלייך גאָרנישט דאָ וואָלט אים אָנגעגאַנגען, ער האָט פּלוצים פאַרלוירן זיין רואיקייט:

— זעטס נאָר די גאָרנישטן! — האָט ער מיטן ווייזפינגער געוויזן אויף דער פאַראיין־דעלעגאַציע, — די לויזן־פּויקער...

— פּאַניע טערקלטויב! — האָט דער הער ליובעלסקי מיט אַ זעץ אין טיש אים איבערגעריסן דעם אויסבראָך, — ווי וואַגט איר אַזוי רעדן צו מענטשן!

אין איין רגע האָט דאָ דער איידעלער, געלאַסענער הער ליובעלסקי פאַרלוירן זיין רואיקייט. די בלויע אויגן פון אונטער די גאָלדענע ברעמען אָפּער, שטענדיק ווייכע, שמייכלענדיקע, זענען מיטאיינמאָל געוואָרן פול מיט שטוינונג, מיט דערווידער. אַ ייד זאָל אַזוי רעדן צו מענטשן? בפרט נאָך צו פאַראיין־דעלעגאַטן! זיי רעגן טאַקע אויף מיט די נייעסן, וואָס זיי ווילן איינפירן, זייער כוונה איז דאָך אָבער אַ גוטע, וואָס ווילן זיי דען? איינטיילן דאָס ביסל אַרבעט, כדי וואָס מער בעלי מלאכות זאָלן האָבן צו טוען, צו פאַרדינען אויף ברויט. דאַרף מען זיי פאַר דעם גראָב פּירקימען? און דער הער טערקלטויב איז דאָך אַ ייד אַ בר דעת, ווי קומט ער אַזוי מבייש צו זיין מענטשן?

מער נאָך ווי דער הער ליובעלסקי, איז נתן חיים געווען דערשיטערט פון דעם הער טערקלטויבס אויסברוך. צוגלייך מיט זיינע חברים איז ער אויפגעשפרונגען פון טיש:

— מיר וועלן ווייטער נישט אונטערהאַנדלען, סיידן דער הער טער־קלטויב ווערט באַזייטיקט פון אייער דעלעגאַציע!

— פּאַנאָוויע, — האָט דער הער קאַראַלשטיין זיך געבעטן, איצט שוין אין פּויליש: — אוספּאָקוייטשע שיען (באַרואיקט זיך), טילקאָ פּאָ טשיכוטקו (נאָר געלאַסן, נאָר רואיק).

— מיטן הער טערקלטויב זיצן מיר נישט מער ביי איין טיש! — איז די פאַראיין־דעלעגאַציע באַשטאַנען אויף אירס און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

דער הער ליובעלסקי איז גיך אויפגעשטאַנען פון שטול, פאַרהאַלטן די אַוועקגייער, און גענומען נתן חיימען אונטערן אָרעם אין אַ ווינקל אַריין. דערנאָך, בעת ער האָט זיך געסודעט מיט די צוויי שותפים, האָט נתן חיים איבערגעשמועסט מיט זיינע חברים, ביז, נאָך לאַנגע אונטער־האַנדלונגען איז געבליבן, דער הער טערקלטויב זאָל זיך עפנטלעך אַנט־שולדיקן אין די „לעבנס־פראַגן", דערצו נאָך זאָל ער זיך באַשטייערן מיט הונדערט זלאָטעס פאַר דעם אַרבעטער־בלאַט.

מילא, מיט די פּאָדראַטשיקעס איז די דעלעגאַציע ווי עס איז דורכ־

געקומען. די גרעסטע שוועריקייט איז אָבער געווען דעם אָפּמאַך דורכצופירן. איידער מ׳דינגט אָפּ דעם ריזיקן לאָקאַל אין סימאָנס פּאַסאַזש איינצושטעלן די שניידעריי־פאַבריק, איידער בעל מלאָכות הייבן אָן אַרויפצופירן זייערע מאַשינדלעך אין הער קאָראַלשטיינס לאָקאַל פאַר דער היטל־פאַבריק, מוז מען פריער האָבן אַ פאַרזאַמלונג אין פאַראיין, כאָטש ס׳איז זיכער, אַז די אַרבעטער וועלן שרייען הוראַ, גליקלעכע, וואָס זיי וועלן קענען אָנהייבן צו אַרבעטן, צו פאַרדינען אויף ברויט. די פאָרשטייענדיקע סומאַטאָכע איבער דעם אָפּמאַך וועט נישט קומען פון די אַרבעטער, נאָר פון אַ גרופּע שרייער, אונטערהעצער. זינט דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש אין רוסלאַנד, ווען דאָס ביסל פּוילישע און יידישע עסדעקעס זענען געוואָרן קאָמוניסטן, איז גאָרנישט אויסצוהאַלטן פון זיי. וווּ נאָר אַ מיטינג, אַ פאַרזאַמלונג, אַ פאָרלעזונג, צי דאָס איז פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין צי פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, אָדער סתם אַ קולטור־געזעלשאַפט, קומען זיי מאַכן סקאַנדאַלן, טומלען, שרייען, רופן אַרויס געשלעגן, אַלץ כדי אויפצורייסן דעם צונויפקום און דערנאָך מיטשלעפּן מיט זיך וועמען פון די אָנטיילנעמער אין זייער פּאַרטיי־לאָקאַל, די „וויעדזאַ“.[2] אַז אויף פּוילישע פאַרזאַמלונגען האָבן זיי שוין מורא צו קומען! נאָך עטלעכע אַזוינע סקאַנדאַלן, ווען די פּעפּעעסישע באַיוווקע האָט דערשאָסן צוויי פון זייערע לייט, ווייזן זיי זיך מער נישט אַהין, דערפאַר לאָזן זיי נישט דורך קיין איין יידישע פאַרזאַמלונג. ווער וועט דאָ ציען אַ רעוואָלווער קעגן זיי?

דער הויפּט־העצער זייערער, קאַראָל, אַ הויכער, שיינער יונג פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק מיט אַ פּאָר ליכטיקע בלויע אויגן און אַ קאָפּ בלאָנדע האָר, צעשויבערטע, וואָס צוויי פון זייערע לאָקן פאַלן אים אַזוי גנביש חנעוודיק איבערן שטערן, דער קאַראָל, אַ פּרעכטיקער רעדנער אויף פּויליש, אויך אויף יידיש, האָט שטענדיק אַרום זיך אַ סטאַדע מיידלעך, וואָס קוקן אים ווי פאַרשיכורטע אין די אויגן, גייען אים נאָך ווי הינער נאָך אַ זעלטן שיינעם האָן. טייל פון די מיידלעך זענען מיטגלידערינס אין נאָדל־פאַראיין און זיי, מיט די עטלעכע עסדעקעס צווישן די שניידער, ווילן דאָס שטערן דעם אָפּמאַך, איבערקערן אים מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף:

— חבר נתן חיים, — האָט אַזאַ אונטערגעהעצטער אים איבערגעריסן, אינמיטן אָפּגעבן דעם באַריכט, — מיר זענען טאַקע פאַר גרויסע פאַבריקן, אָבער ווער וועט האָבן צו זאָגן אין די פאַבריקן? איר? די פאַרוואַלטונג? ווער אָבער וועט קאָנטראָלירן די פאַרוואַלטונג?

[2] וויסן

— רוע! שטערט נישט דעם רעדנער, — האָט דער פאָרזיצער, דער חבר מאַרקוס גענומען קלינגען מיטן גלעקל.

— חבר סעקרעטאַר, — האָט באַלד אַ צווייטער פון דער גרופּע זיך אויפגעשטעלט, — וואָס קלערט די פאַרוואַלטונג צו טוען, איינשטעלן קאַטעגאָריעס? אָדער באַשטימען גלייכע לוינען פאַר אַלע אַרבעטער?

אויך די שוועריקייטן זענען אַריבער. דער גרויסער „הימל עפן זיך" האָט זיך אָבער אָנגעהויבן פאַר נתן חיימען ביים אָנהייבן פאַרשרייבן וועמען יאָ און וועמען נישט זעצן צו דער אַרבעט. די מיליטערשניידער, די מיליטערהיטלמאַכער, זיי האָבן געשריגן, אַז דער פאַראיין, מיט זייך וועלן איינפירן גלייכקייט, קוילעט זיי אָן אַ מעסער! אַז יעדער פליאַסקע־דריגע וועט זיך זעצן נייען מיליטערישע אוניפאָרמען, וואָס וועט פאַר זיי בלייבן צו טוען? וויפל פון דעם פאָדראַד וועט אָנקומען פאַר זיי אויפצו־נייען? האָבן אָבער די אַרבעטער פון אַנדערע שניידער־פאַכן געשריגן: וואָסער תורה ליגט דאָס אין נייען שינעלן? וואָסי, אַ ציווילער־שניידער קען נישט איינניייען אַ פּאָר אַרבל אין אַ סאָלדאַטסקן מונדיר? און אַ קליידער־שניידערקע קען נישט צונויפטשעפּען אַ פּאָר זעלנערישע שאַרע־וואַרעס, די ברייטע הויזן זייערע? און צו דעם געשריי פון די מיטגלי־דער, זענען נאָך מיט אַ באַזונדערער יעלה אַרויס די קליינע מייסטערלעך, די כאַלופּניקעס:

— איר זענט אַ שוחט, אַ מלאך המות! — האָבן זיי מיט די פויסטן געדראָט דעם סעקרעטאַר.

נתן חיים איז געווען איינגעשטעלט מיטן לעבן. ווען נישט צוויי פאַראיין־מיטגלידער, געטרייע שומרים זיינע, חיים הערש פון איין זייט און דער הויכער לייבל פון דער צווייטער — וואָלט מען אים צעמימיתט אין קאַנצעליאַר פון פאַראיין.

כאָטש די פאַבריקן זענען שוין געווען איינגעשטעלט, הונדערטער שניידער, נייטערקעס און היטלמאַכער זענען געזעסן צופרידענע ביי דער אַרבעט, האָבן נאָך אַלץ די טענות צו נתן חיימען נישט אויפגעהערט:

— מי שמך? — האָבן די אויסגעבליבענע בעל מלאָכות געשריגן, געוויינט: — ווער האָט אייך געמאַכט פאַר אַ ברויטגעבער?

— חבר סעקרעטאַר, טאָמער פאַרשרייבט איר מיך נישט צו דער אַרבעט, ברענג איך אייך אַהער מיין ווייב און קינדער. גיט איר זיי צו עסן!

איין גאָט ווייסט, אַז נתן חיים האָט געוואָלט זיין גערעכט צו יעדן, נישט טוען קיינעם קיין עוולה, אָבער גיי זיי גערעכט, אַז אַלע זענען הונגעריק, אַלע ווילן אַרבעט און אַרבעט איז נאָר דאָ פאַר אַ טייל פון זיי. ער וואָלט גערן אָפּגעטרעטן זיין אָרט אין דער פאַבריק, כאָטש ער איז

זאָך אויך אַ פּרנסהגעבער, אויב נישט צו ווייב און קינדער איז צו קראַנקע טאַטע־מאַמע, צו יינגערע שוועסטערלעך. טאָר ער דאָס נישט טוען! לויטן אָפּמאַך מוז ער אָנפירן מיט דער היטל־פאַבריק, ווי דער חבר מאַרקוס, דער חבר סענדער מיט די חברים ראַפאל און מענדל מוזן אָנפירן מיט דער שניידער־שאַפּע אין סימאָנס פּאַסאַזש. און קיינער פון זיי האָט נישט קיין באַזונדערע פּריווילעגיעס, נישט אין שכירות און נישט אין צייט. די איינציקע פּריווילעגיע זייערע ווי פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער איז, וואָס חוצן מאַכן זייער אַרבעט־נאָרמע, דאַרפן זיי נאָך אָפּט גיין אין מיטן דער אַרבעט אויסגלייכן סיכסוכים אין ווערקשטעלן. אַז דער פאַראיין האָט דאָך נישט קיין באַצאָלטע באַאַמטע! אַפילו ער, נתן חיים, דער סעקרעטאַר, איז אויך נישט קיין באַצאָלטער אָנגעשטעלטער. נאָכן טאָג אַרבעט אין פאַבריק, ווען אַנדערע אַרבעטער קענען גיין און טוען וואָס נאָר זיי ווילן, גייט ער דאָך אין פאַראיין עפענען די קאַנצע־ליאַר, זיצט דאָרט ביים דערליידיקן אַלערליי פאַראיין־ענינים ביז עלף ביינאַכט און דאָך האָט מען צו אים טענות. אַפילו דער אייגענער ברודער לייבל משה, איז אַרויס מיט תרעומות:

— פאַרוואָס קומט מיר נישט קיין אַרבעט? ווען נישט דער פאַראיין, וואָלט איך דאָך געווען אַ מיינסטער מיט אַן אייגענעם ווערקשטעל פון פינף־זעקס בעל מלאכות. וואָסי, איך בין נישט קיין מיליטערישער היטלמאַכער?

— אַוודאי ביזטו, — האָט נתן חיים פאַרשולדיקט אים מודה געווען.

— פאַרוואָסזשע פאַרשרייבסטו מיך נישט?

— ווייל ס'איז נישטאָ קיין אַרבעט פאַר יעדן.

— מוז איך זיין דאָס כפּרה־הינדל? ווען אַ פרעמדער וואָלט געווען סעקרעטאַר, וואָלט ער דאָך מיך פאַרשריבן צווישן די ערשטע.

— אמת.

— פאַרוואָסזשע קומט מיר אַזאַ שטראָף? בלויז ווייל איך בין דיין ברודער?

— איך קען זיך נישט העלפן. איך טאָר נישט געבן קיינעם קיין פּתחון פּה, קיין אויסרייד, אַז דעם אייגענעם ברודער האָב איך געזעצט צו דער אַרבעט און אַ פרעמדן — נישט.

— קיינער פאַרלאַנגט נישט פון דיר זאָלסט האַנדלען לפנים משורת הדין.

— ביזט אַוודאי גערעכט, ברודער, איך טאָר אָבער אַנדערש נישט האַנדלען!

קאַפּיטל זיבנאונפערציק

פּאַר שבועות איז שיינדעלע געקומען פון ראַדעם קיין וואַרשע צו אַ דאָקטאָר און, פּאַר איין וועגס, מיטגענומען דאָס טעכטערל, עלקעלען. פאַרפאָרן איז זי צו איר אברמישיס שוועסטער און שוואָגער, זעלדע און לייבל משה, וואָס האָבן געוווינט מיט זיינע עלטערן אויפן מוראַנאָוו.

אָנגעקומען זענען זיי פרייטיק נאָך פאַר וואַרעמעס, נאָר ער, נתן חיים, האָט זיך ערשט דערוווּסט וועגן דעם פאַרנאַכט, ווען ער איז אַהיימגעקומען פון פאַראיין און דאָס אויך נישט גלייך ביים אַריינקום. שיינדעלען האָט זיך פאַרגלוסט פריער צו שפּילן מיט אים אין אַנציעלעך. מילא, זי יאָק זי, אָבער עלקעלען דאַרף ער נישט גלייך זען. דעריבער ווען ער איז אַריינגעקומען אין שטוב, נאָך ליכטצינדן שוין, איז זי אים אַקעגנגעגאַנגען אַליין מיט אַ ברייטן „גוט שבת,, און, פאַר איין וועגס אויך מיט אַ פאַרוואורף:

— אַזוי שפּעט קומסטו אַהיים? יידן גייען דאָך שוין פון שול!

פון גרויס איבעראַשונג, וואָס ער זעט דאָ פלוצים שיינדעלען, האָט ער זיך גענומען פאַר איר פאַרענטפערן:

— כ׳בין אַזוי פאַ׳יוגט.

— יאָ, כ׳אָ שוין דאָס געהערט. ביזט געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער ביי די חברים.

— פין וואַנעט ווייס דוס שיינדעלע? — האָט ער געקוקט אויף איר מיט דעם פאַראיבלדיקן בליק, וואָס ער וואַרפט צו די שיבער, די שפּעקולאַנטן. עפּעס האָט אים שיינדעלע אויסגעזען ווי איינע פון זיי. — אַזאַ רחבותדיק אויסגעוויקלטע, ווי עס וואָלט גאָר קיין מלחמה אויף דער וועלט נישט געווען. די בלויע אויגן האָבן ביי איר געפינקלט מיט דעם זיכערן, אַלצווייסערישן בליקעלע, וואָס נאָר זאָטע, מיט זיך צופרידענע לייט האָבן אַזאַ. די בעקעלעך אירע זענען געווען אַזוי פרייטיקצונאַכטסטיק אָנגעראַטלט און דאָס בלאָנדע שייטעלע, אַזאַ גנביש קליינס — אַזוי קאָקעטיש צוגעפּאַקעמט מיט די אייגענע האָר, אַז ס׳גלייבט זיך גאָרנישט זי זאָל האָבן געקומען זיך דאָקטאָרן. אין איר בלוי זיידן קלייד, טיף אויסדעקאָלטירט, אין די ליאַקערקעס מיט הויכע אָפּצאַסעלעך, זעט זי גאָר

נישט אויס ווי די מאַמע פון אַ דערוואַקסענעם זון, פון אַ טאָכטער, וואָס זי מעג שוין אויך באַלד פירן צו דער חופה.

— וואָס אַרט דיך פון וואַנעט איך ווייס? — האָט זי אַזוי אַנצו־הערנדיק געשמייכלט צו אים און דערביי געוואָרפן זייטיקע בליקעלעך צו די שטוביקע אַרום, צופרידן וואָס אַלע שווייגן, מאַכן זיך נישט וויסן וועגן דעם „קאַוואַל",[1] וואָס זי שפּילט דאָ אָפּ נתן־חיימען.

— פרעגסט זיך גאָרנישט נאָך אויף עלקעלען?

— עלקעלע? — האָט ער פאַרדעכטיק איבערגעפרעגט און געקוקט אַרום זיך, עפּעס ווי ער וואָלט געאַנט, אַז שיינדעלע נעמט אים דאָ אין זאַק אַריין, — ווּס מאַכט זי טאַקע?

דאָ האָבן אַלע אַרום אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער און עלקעלע, אין אַ ראָז קלייד, אין ליאַקערקעס מיט הויכע אָפּצאַסלעך ווי די מאַמעשי־אירע, די בלישטשעדיק־שוואַרצע האָר פאַרלייגט אין אַ סטאַלנעם [2] קאָקס, האָט זיך פלוצים אַריינגעוויזן אין דער אָפענער טיר צווישן אַלקער און דער מיטלשטוב און געבליבן שטיין אַ שמייכלדיקע, ווי אַ בילד אין אַ ראָם.

נתן חיים, ווי ער וואָלט נישט געגלייבט די אייגענע אויגן, איז געשטאַנען צעטומלט, אָן לשון.

— נו, וואָס שטייסטו ווי אַ גולם? — האָט שיינדעלע נחתדיק גע־לאַכט אויס זיין פאַרלוירנקייט. דער שטענדיקער באַדויער אירער איבער דעם נישט האָבן אַליין איבערגעלעבט די מיידלשע פרייד פון שפּילן אַ ליבע, פון ראָמאַנסירן מיט יינגלעך, האָט זי אַפילו איצט געטריבן צו מינטערן די צוויי לייט. — נו, וואָס שטייט עך? וואָס זאָגט עך ענק גאָרנישט?

— מאַמושו! — האָט עלקעלע, ווי שטענדיק ווען די מוטער שטעלט זי אין פאַרלעגנהייט, זיך אָפּגעריסן אויף איר אין פּויליש.

— גיט שבת! — האָט זיך דערהערט אין קאָרידאָרל לייבל משהעס אַריינקומען פון שול מיטן סידורל אונטערן אָרעם.

— גיט שבת, גיט יוע׳, — האָט אים חנה לאה, די מאַמע, בכיוון געענטפערט הויך, איבערצורייסן שיינדעלעס נאַריש מאַכן זיך מיט אירע אַנציעלעך. אַליין אַ פאַריאָגטע, שטענדיק אַ פאַרהאָרעוועטע, האָט זי נישט געקענט פאַרטראָגן די גרינגע קעפּ, וואָס טייל ווייבער האָבן. זי, שיינדעלע, מיינט נאָך אַלץ, אַז זי איז אַ יינג מיידעלע, וואָס מעג זיך נאַריש מאַכן! וואָס שטופּט זי אַזוי עלקעלען אין נתן חיימס אָרעמס? איר,

[1] שטיקל [2] דערוואַקסענעם

חנה לאהען, ווי יערמע דודן, איז אויך געגוג, אַז זי האָט איטשקעלען פֿאַר אַ שוואָגער, איצט אויך שוין פֿאַר אַ מחותן, דאַרף זי זיך נאָכאַמאָל מיט אים משדך זיין? דערצו נאָך אַריינקריכן אין דער פֿישער־חברותא פֿון שיינדעלעס צד!

— ווּס שטייסטי נתן חיים? — האָט זי, אַ בייזע שוין, זיך געווענדט צום יינגערן זון. — מילא, ס׳דאַוונע׳אָסטי שוין אָוועקגעלייגט. ס׳דעך איצט שבת, וואַשט דיעך אָפּ, מאַך כאַטש קידוש, די לעכט גייען דעך באַלד אָאָס!

נתן חיים האָט זיך גיך אַרומגעוואַשן, איבערגעטאָן אַ העמד, די שבת־דיקע אָבראַניע, געמאַכט קידוש, אָבער קיין וואָרט זמירות האָט ער היינט נישט געזונגען. ער האָט צומאָל רעכט נישט אָפּגעגעסן און נאָך פֿאַרן בענטשן אַריין אין ברודערס אַלקער, צו עלקעלען.

— נו, ווּ גייט היינט די יוגענט פֿאַרברענגען? — האָט שיינדעלע, פֿון טיש אַוועק, אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ.

נתן חיים איז געווען זיכער, אַז עלקעלע וועט זיך באַלד ווידער אָפּרייסן אויף דער מוטער, טוען אַ געשריי: מאַמושו! צום סוף גאָר האָט זי געשוויגן, גלייך נישט וועגן איר איז דאָס גערייד.

— עלקעלע וויל דען גיין מיט מיר שפּאַצירן? — האָט ער געהויבן די אַקסלען אין פֿאַרלעגנהייט.

— דער קאַוואַליער האָט מיך דען געבעטן? — האָט עלקעלע גראָד דרייסט אים צוריקגעפֿרעגט.

— פֿאַרוואָס זאָל זי נישט גיין מיט דיר? — איז שיינדעלע אויפֿגעשטאַנען פֿון טיש, דערלאַנגט דער טאָכטער אַ לייכט זומערדיק מאַנ־טעלע, — נאַ טו אָן, ס׳איז קיל אינדרויסן.

זיי זענען אַרויס פֿון שטוב, פֿון הויף, ערשט אויפֿן ראָג נאַלעווקעס האָט ער זי געפֿרעגט:

— ווי אַהין גייען מיע׳?

— איך ווייס? דו ביסט דאָך דער וואַרשעווער?

— ווען דו וואָלסט מיע׳ געווען געשריבן אַז די קימסט, וואָלט יעך געווען אָנגעגרייט בילעטן אין „נאָוואָשטשי“. איצט איז שוין שפּעיט, ס׳מי׳ שוין דאָרט זאַאַן נאָכן ערשטן אַקט.

— לאָמיר זשע גיין אין גראָסער־קלוב, אין נאָדלפֿאַראיין. דו ביזט דאָך דאָרט דער גאַנצער מאַכער.

נתן חיים האָט שטיל, אין זיך אַריין, געלאַכט. מער פֿעלט אים נישט. די קליינע סאַליע וואָלט עלקעלען די אויגן אויסגעדראַפּעט. געזאָגט אָבער האָט ער:

— ווּס ׳עלן מיע׳ טיען אין גראָסע׳־קלוב? אין נודלפֿאַראיין?

ס׳קימט דאָרט האַנט גוניש׳ פּאָר. לאָמיר׳ בעסע׳ פורן אין די אַלייען. פורסט אים שבת?

עלקעלע האָט איראָניש אים געטאָן אַ מעסט אָפּ פון קאָפּ ביז די שפּיצן פון זיינע שיך:

— מיינסט ראָדעם איז וואָס אַמאָל?

זיי זענען איינגעזעסן אין אַ דראָשקע. די גומענע רעדער האָבן שטיל און ווייך זיך געקאָלערט איבערן ברוק, איבער די האָלץ־ברוקירטע אַלייען. דאָס ריטמישע געקלאַפּ פון די פערדישע פּאַדקאָוועס האָט געגלעט דאָס געהער, געצערטלט דאָס געמיט. פון די ברייט צעוואַקסענע ביימער איןביידע זייטן וועג, האָט געשמעקט מיט בעז, מיטן בליעכץ פון די אַקאַציעס און פון יענעם עפּעס, וואָס האָט אים אַזוי פאַרשיכורט דענצמאָל, פאַרטאָג, ווען ער איז פון לייבל משהעס חתונה אַוועק מיט עלקעלען אויפן דעמבלינער וועג. ווי דעמאָלט אַזוי האָט זיך איצט עלקעלע גע־טוליעט צו אים און ער איז ווידער געווען אַזוי גליקלעך, אַזוי רואיק גליקלעך. פאַרוואָס איז ער אַזוי אין שלוה ווען ער איז לעבן עלקעלען און זיינע געבליטן ווערן אַזוי אויפגעראַיעט ווען ער איז לעבן אַן אַנדער מיידל, אַ שטייגער לעבן דער פאַננאַ סאַבינאַ? איז עס ווייל עלקעלען האָט ער ליב און צו יענער האָט ער בלויז געגלוסט? ער האָט פאַרהויבן דעם בליק: דער הימל איז אַזוי טיף, אַזוי פיל מיט שטערן.

— דיר איז גאָרנישט קאַלט? — האָט עלקעלע אים איבערגעריסן די טראַכטענישן.

— ניין, מיר איז איצט אַזוי גוט, אַזוי שלוהדיק גוט. — ער האָט זי אַרומגענומען, געדריקט צו זיך: — טייערע מיינע... — אירע אויגן, גרויסע, שוואַרץ־בלישטשענדיקע, האָבן צו אים געלויכטן פון די ווייסלען אַרויס מיט אַזאַ תמימותדיקער אומשולד, מיט אַזאַ קינדיש פאַרטרויען. ער האָט צוגעבויגן זיין שטערן צו אירן און לייכט, קוים, קוים באַרירט אירע ליפּן מיט זיינע.

די דראָשקע איז איצט געפאָרן לענג אויס די לאַזשענקעס. די סאַזשלקע אין גאָרטן האָט בלוילעך אַרויסגעליכטיקט פון דער פינצטער. פּלוצים איז פון צווישן די ביימער, רעכטס, אָנגעלאָפן אַ סנאָפּ מיט גאָלדשטרויען, אַרויסגעשפּיזלטע פון צווייַ הויכע, ברייט צעליכטיקטע שויפענצטער פון אַ צוקערניע. כאָטש אין די אָרעמע גאַסן פון דעם באַפרייטן פּוילן איז נאָך רעכט קיין ברויט נישט געווען, זענען דאָ, אין די צוקערניע־פענצטער, געווען אָנגעשטעלט בעקנס מיט פּיאַנאָווע טשאַס־טעס, בעקנס מיט קעסטלדיק געשניטענע קעזקוכנס, אויך ראָגעלעך, גע־וויקלטע און געפּילטע מיט איינגעמאַכטסן פון טרוסקוואַקעס און מאַלינעס, אַלע אַזוי שיין געפלעקלט מיט באַגאָסענעם שאָקאָלאַד.

— אפשר גייען מיר אַריין אויף אַ קאַווע? אַ טשאַסטע?

— אַז דו ווילסט? — האָט זי געהויבן די אַקסלען, נאָך אַלץ קינדיש שמאָלע.

ער האָט אַ ריר געטאָן דעם דראָשקאַר אין פּלייצע. יענער האָט פאַר־קערעוועט צו דער צוקערניע און ביידע זענען אַריין אינעווייניק. אַ היפּשע ווייל זענען זיי געשטאַנען ווי פאַרווירט. דאָס ליכט פון די געגילדטע זשיראַנדאָלן, צעפינקלט אין די אומצאָליקע, נאָכהענגנדיקע קרישטאָלן און פילפאָך אָפּגעשפּיגלט אין די ליוסטרעס[3] אויף די אַרומיקע ווענט, האָט זיי פּשוט פאַרבלענדט די אויגן. ווו נאָר זייער בליק איז געפאַלן זענען געזעסן פאַרלעך אַרום טישלעך און קעלנער מיט ווייסע סערוועט־קעס אויף די לינקע אָרעמס האָבן געהאָוועט אַרום זיי. אין הינטערשטן טייל פון זאַל, אויף אַן אונטערגעהויבענער עסטראַדע, האָט געשפּילט אַ סטרונע־קוואַרטעט און הערן מיט דאַמען האָבן זיך געדרייט איבערן גלאַנציק־גליטשיקן פאַרקעט אין אַ וואַלס.

— איך וויל טאַנצן, — האָט עלקעלע זיך פאַר אים געפּיעשטשעט.

— טייערע, די ווייסט דעך, אַז יעך געהעיע' ניש' צי יענע, ווס זיי ליגט אין קאָפּ טאַנצן.

— יאָ, איך ווייס דאָס, — האָט זי ברוגזדיק אָפּגעזיפצט און אַרויס־געצויגן איר אָרעם פון זיינעם.

— עלקעלע, יעך בעיט דיעך, פאַ'שטעיע' ניש, דעם אָוונט. יעך 'על דעך שוין אַנדערש ניש' ווערן. ווס ווילסטי טרינקע'?

— קאַווע.

אַ קעלנער האָט זיי צוגעפירט צו אַ טישל, אַן אַנדערער האָט צוגע־ברענגט אַ טאַץ מיט צוויי גלעזער קאַווע, ביידע מיט ווייסע קעלנערלעך שמאַנט פון אויבן, אויך אַ טעצל מיט פּיאַנאָווע טשאַסטעס. אינמיטן טרינקען, האָט נתן חיים צאַרט באַרירט עלקעלעס האַנט:

— טייערע, איצט מעיגסטי דעך מיע' זוגן, פאַ'ווס ביזטי פין מיע' אַזוי אַנטלאָפן אין זיך פאַרהאַקט אין שלופשטיב, ווען יעך בין געקימע' קאַ רודעם דיעך זעיען.

— האָסט נאָך אַלץ דאָס נישט פאַרגעסן? כ'האָב דאָך דיר שוין געשריבן, ווייל כ'בין געווען אַ נאַרישע קאָזע.

— ניין, יעך גליב דיע' ניש'. נישט צייליב דעים.

— זאָל איך דיר זאָגן דעם אמת? איך שרעק מיך פאַר דיר. ווען איך זע דיך נישט, בענק איך, אָבער ווי נאָר דו ביזט לעבן מיר באַפאַלט מיך אַ שרעק.

— אָאָך איצט?

[3] שפּיגלען

— ניין, איצט נישט.

— שרעקן דיך אַנדערע יינגלעך אָאַך?

— איך גיי נישט מיט קיין יינגלעך.

— די נאַרסט מיעך. יעך ווייס אַז די טרעפּסט זעך מיט איינעם, יאָסעלע.

— אַזוי גאָר, שפּיאָנירסט מיר נאָך?

— יעך שפּיאָניער ניש׳.

— פון וואַנעטזשע ווייסטו?

— חברים דאָ׳ציילן מיע׳.

— חברים? מ׳זאָגט דאָך, אַז חברים פאַרנעמען זיך מיט וויכטיקע זאַכן, צום סוף האָבן זיי גרינגע קעפּ, באַרעדן יענעם. מ׳האָט מיר אַפילו דערציילט, וואָס מיט דיר האָט זיך אָפּגעטוען אין לובלין, אַז האָסט דאָרט געוווינט ביי אַ יונג ווייבל, אויך אַז האָסט איבערגעקערט די שטאָט מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף.

— צוליב דעים שרעקסטי דיעך פאַר מיע׳?

— איך ווייס, אפשר? — האָט זי תמימותדיק געהויבן די שמאָלע, נאָך קינדישע אַקסלען.

אַ גאַנצע נאַכט נאָך דעם זיין מיט עלקעלען אין צוקערניע, האָט נתן חיים נישט צוגעטאָן קיין אויג. מילא, אַז דעם קוזין אברהם, דער קוזינקע שיינדעלע געפעלט נישט, וואָס ער איז אַ מאַכער ביי די חברים, פאַרשטייט ער, אָבער עלקעלען? זי לייענט דאָך ביכלעך, זי קומט דאָך אַליין אויך אין ראַדעמער גראָסער־קלוב. נאָר אפשר איז דאָס, ווייל זי האָט אים נישט ליב?

ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. ער איז אַרויס פון בעט, זיך צוגעזעצט ביים אָפענעם פענצטער, געפּרוווט זיך פאַרטוען אין לייענען, געוואָרן מיד, אַוועקגעלייגט דאָס ביכל און זיך פאַרקוקט אין פאַרטאָגיקן הויף אַריין. אַ טויב איז געהאַט אַריינגעפלויגן אין דעם פירעקיקן קאַסטן און זיך געשטעלט וואָרקען אויפן געזימס פון אַנטקעגנדיקן פענצטער.

ער האָט געמוזט איינדרימלען אַזוי זיצנדיק, ווייל ער האָט גאָרנישט געהערט ווי שיינדעלע, דורכגייענדיק די מיטל־שטוב צום וואַסערקלאָזעט אין פעדערשטיבל, איז צוגעקומען נאָנט צו אים. צי דאָס איז געווען דאָס געשאָרכל פון די בלעטלעך, וואָס זי האָט איבערגעמישט ביים ווענלען זען, וואָס אַזוינס ער לייענט, צי גאָר איר אָטעם איבער אים, סיוויי האָט ער, אָן איבערגעשראָקענער, זיך געטאָן אַ כאַפּ אויף:

— שיינדעלע?

— ש,ש,ש,שלאָף, שלאָף.

— יעך שלוף ניש׳.

כלומרשט בייז, ווי אַלעמאָל, ווען נאָר זי האָט אים אונטער דער האַנט, האָט זי אים אַ ריס געטאָן דעם לאָק, וואָס באַמבלט זיך אים שטענדיק אַזוי חנעוודיק איבערן שטערן:

— כ׳על זיך נאָך היינט קריגן מיט דיר!

— שיינדעלע, מיט מיע׳? — האָט ער אָנגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר פאַרחידושטע אויגן.

— ש,ש,ש,! — האָט זי אים געטשישעט און דערביי אומגעדרייט דעם קאָפּ, צי די אַרומיקע הערן נישט זייער געשושקעריי. — דערשרעק דיך נישט, כ׳על דיך נישט אויפעסן, קום אַרויס אינדרויסן, כ׳דאַרף מיט דיר עפּעס איבערשמועסן.

שטיל, אויף די שפּיצפינגער, איז זי אַרייַן אין אַלקער, זיך דאָרט אָנגעטאָן און, ווען זי איז צוריקגעקומען צו אים אין מיטלשטוב, איז נתן חיים מיט איר אַרויס פון הויז. ס׳איז איצט געווען קיל אינדרויסן, קיל און שטיל. דער סטרוזש האָט געקערט דעם טראָטואַר. אין ראָג מילע איז געשטאַנען אַ דראָשקע. דער דראָשקאַר אויפן קאָזשאָל האָט געכראָפּעט מיט דער נאָז אויף דער ברוסט און דאָס פערד, אומרואיק פון לאַנג שטיין, האָט געקאָפּעט מיט די אייזערנע פּאָדקאָוועס אין שטיינערנעם ברוק.

זיי זיינען אַרייַן אין טראַמווייגעסל, פון דאָרט אַרויס אויפן וווינע־פּלאַץ. אַ ווינטל האָט דאָ געבלאָזן פון דער ווייסל. די זאַמדפעלדער זענען געווען פייכט פון דער נאַכטיקער ראָסע. ווייט אין האָריזאָנט האָט די זון זיך געדראַפּעט פון אייגענעם פייער אַרויס, געצויגן נאָך זיך אַ נייעם טאָג, אַ מילד־וואַרעמען, אַ יונג־צעבליטן.

דאָס אַלץ האָט נאָר נתן חיים געזען, נישט שיינדעלע. זי איז גאָר געווען פאַרטועט אין אירע תרעומות צו אים און טאַקע באַלד איז זי געטאָן אַ פּאָר אַרויס מיט זיי:

— זאָלסט מיר געזונט זיין, נתן חיים, ווי קומט צו דיר די העזה צו שרייבן אַזעלכע בריוו צו עלקעלען?

— שיינדעלע לייענט מאַאַנע בריוו? — האָט נתן חיים אויפגעריסן אַ פּאָר אויגן.

— וואָס דען האָסטו געמיינט? קיינער ווייסט גאָרנישט?

— עלקעלע גיט מאַאַנע בריוו דער מאַמעשי צי לייענען? — האָט ער נאָך אַלץ נישט געוואָלט גלייבן אַזעלכעס זאָל גאָר מעגלעך זיין.

— זי דאַרף זיי מיר נישט געבן, איך טרעף צו איר שופלאָד.

— איז דוס שיין אַזוי? — האָט ער זי געפרעגט, כאָטש געוואָלט האָט ער גאָר אויסשרייען: „דאָס איז דאָך געמיין, פּאָדלע! נאָר קרעמער טוען אַזוי!”.

— פאַר עלטערן דאַרף נישט זיין קיין סודות, — האָט זי, מיט איר שמייכעלע געוואָלט ווייכער מאַכן דעם ווידערווילן אין אים: — עלקעלע איז נאָך אַ יינג קינד, דאַרפן מיר וויסן וואָס יינגלעך שרייבן צו איר.

— דע׳ קוזין אברהם לייענט אָאָך מאַאַנע בריוו?

— ער דאַרף זיי נישט לעיזן, איך לעיז זיי פאַר אים. דו האָסט שוין איינמאָל אַ העזה און אַ חוצפּה צו שרייבן צו אַ יינג קינד אַזעלכע ליבעס־בריוו. דערווייל איז נאָך עלקעלע גאָרנישט דיינס, זי איז נאָך צו יינג פאַר אַזעלכע זאַכן.

— עלקעלע אי׳ שוין ניש׳ אַזוי יינג, זי אי׳ שוין אין זעכצנטן יוע׳, שיינדעלע איז אין איר עלטע׳ שוין געוועין אַ יינג וואַאבל נועד דע׳ חתונה.

מיט אַלע כוחות האָט שיינדעלע זיך איצט איינגעהאַלטן פון איר שטענדיקן טאָן אים אַ ריס דעם לאָק איבערן שטערן. געטאָן האָט זי גאָר אים אַ מעסט אָפּ אַזוי זייטיקלעך, כלומרשט בייז:

— ביזט שוין איינמאָל אַ פייגעלע!

אַ שטילקייט איז נאָך דעם איבעררייד צווישן זיי אַנגעשטאַנען.ביידנס אויגן זענען געווען געווענדט אַראָפּ, צו די אייגענע פּאַוואָליעדיקע טריט אין די פייכטע זאַמדן, כאָטש די געדאַנקען זייערע האָבן געפּיבערט, געפלויגן בייביידן אויף יאָרן פאָרויס. ווי זי, שיינדעלע, שרעקט זיך פאַר עלקעלעס אַריינגעפּלאָנטערט ווערן מיט דעם נתן חיימען, ציט זי דאָך ס׳האַרץ צו דעם יינגל. וואָס עלטער ער ווערט, אַלץ גערנער האָט זי אים. נישט נאָר שיין ווי גאָלד, ער איז דאָך אַ, ווי רופט מען דאָס? אַ פּאָעט, אַ דיכטער, אַפילו איר אברמישי, וואָס ווייסט גאָרנישט וועגן ליבע־שמיבע, בלייבט אויך געפּלעפט נאָך יעדן מאָל הערן זי לייענען אַ בריוו, וואָס דער נתן חיים שרייבט צו עלקעלען.

— שיינדעלע, האָט אברמישי איר אָנגעזאָגט, — פאָרסט קאָ וואַרשע, האָב דאָרט אַ מדובר מיט נתן חיימען. זע, האַק אָפּ פון געשעפט. ער איז נישט פאַר אונדזער קינד. דער יינג ׳עט נאָך, חלילה, פאַרפוילט ווערן אין קרימינאַל!

— זעסטו, אברמישי, — האָט זי אים געענטפערט, — פאַר דעם זאָרג איך זיך נישט. זאָלן נאָר די קינדער מיט מזל חתונה האָבן, וועט ער זיך סטאַטקעווען, זיך עפּענען אַ געוועלב פון היטלען און זיין אַ מענטש מיט אַלע מענטשן גלייך. זאָרגן, זאָרג איך זיך גאָר פאַר עפּעס אַנדערש. ער איז דאָך דער פּרנסה־געבער ביי זיי אין שטוב און דאָס איז אַן איי אויף נעכטן. דער פעטער יערמע דוד קען אַזוי קרענקען ווער ווייסט ווי לאַנג און די מומע חנה לאה שלעפּט אויך קוים אַרום די פיס, וויזשע

וועט דאָס ייִנגל קענען זאָרגן פאַר אַ ווייב, פאַר קינדער, ווען גאָט וועט העלפן? האָט זי דאָס איצט מיט נתן חיימען דעם מדובר:

— טאָקע ווייל עלקעלע איז שוין נישט קיין קינד, קלערן עלטערן וועגן תכלית.

— וווּס איז דו צי קלעירן?

— אַוודאי, דו האָסט נישט וואָס צו קלערן. שרייבסט דאָך איר שוין: „מיין טייערע עלקעלע" און שרייבסט זיך אונטער: „דיין דיך ליבענדער נתן חיים", האַלט עס דאָך שוין דערביי, ווילן מיר וויסן ווו מיר זענען אין דער וועלט. מילא, דיין פאַרטועלן זיין מיט די חברים אין פאַראיין, איז נישט אַזאַ מעלעיער. אַז גאָט וועט העלפן, ס'עט קומען צו עפּעס, וועסטו די חברים מיטן פאַראיין האָבן ווי, און זאָרגן וועסטו פאַר דיר, פאַר דיין ווייב און קינדער. וואָס מיר ווילן יאָ וויסן איז, ווי האַלט עס ביי ענק אין שטוב? ביזט דאָך עפּעס דער גאַנצער פאַרזאָרגער!

נתן חיים איז געגאַנגען לעבן איר אַ שטילער, אַ טיף איינגעשוויגע־נער. ער פאַרשטייט זי, שיינדעלען, אויך דעם קוזין אברהם פאַרשטייט ער. קרעמער, ווילן זיי שוין, נאָך איידער וואָס און ווען, האָבן אים איינגאַנצן אין זייערע הענט. אָבער עלקעלע? וויל זי אויך ער זאָל ווערן אַ קרעמער? מיט אַן אייגן היטלגעשעפט אין ראָדעם? מיט אַ שטוב מיט קינדער? איז עס די מורא, טאָמער ווערט ער דאָס נישט, וואָס שרעקט זי אַזוי פאַר אים? זי זאָגט דאָך אָבער אַז זי בענקט, ווען זי זעט אים נישט, האָט זי דאָך אים ליב און אַז מ'האָט ליב נעמט מ'זיך אויך פריער אויס, וואָס עס זאָל שפּעטער זיין?

ער האָט פאַרהאַלטן זיין טראָט. אויך שיינדעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַזוי, שטייענדיק אין מיטן פעלד, האָט ער דרייסט געקוקט איר אין די שעלמיש־קלוגע אויגן, עפּעס גאָרנישט ווי זיין טבע, צו זיין געפאַלן, בעתן רעדן מיט איר:

— זאָל שיינדעלע וויסן, — האָט ער פאַוואָליע גענומען ציילן די ווערטער. — עלקעלע איז ביי מיר דאָס אַפּל פון אויג, טאָמער אָבער זאָל יעדן, צוליב עלקעלען, דאַרפן לאָזן טאַטע־מאַמע אָפּן וואָסע', 'עט צווישן אינדז גו'ניש' זאַאַן!

— אָט אַזוי, הער איך דאָך ווי איך האַלט מיט דיר. געדענקזשע, נתן חיים, — האָט זי אים געוואָרנט מיטן ווייזפינגער, — פון איצט אָן זאָלסטו עלקעלען לאָזן צו רו!

שטילע, פאַרווייטיקטע, זענען ביידע געגאַנגען צוריק אין שטוב אַריין.

קאַפּיטל אַכטאונפערציק

וואַרשע יובלט, דער ערשטער מאַי אין באַפרייטן פוילן! כאָטש דער סאָציאַליסט מאָראַטשעווסקי איז אויס פּרעמיער, די רעאַקציע זיצט אין זאָטל, פונקציאָנירן דאָך די אַרבעטער־ראַטן און דאָס פייערן דעם אינ־טערנאַציאָנאַלן יום טוב, דאָס דעמאָנסטרירן אין די גאַסן שמעקט נישט, ווי אַמאָל, מיטן גרייטן זיך אויף מלחמה קעגן דער פּאָליציי, קעגן זעלנער און זשאַנדאַרן. כאָטש, אַז מ׳וויל וועט אויך דער ערשטער מאַי נישט זיין בלויז אַ יום־טוב־פּאַראַד, נאָר אַ דעמאָנסטראַציע פון פּראָטעסט, אַן אָנזאָג פון קאַמף קעגן דער פּוילישער רעאַקציע, דאָך איז ביי די אַרבעטער נישטאָ דאָס געפיל פון שרעק, פון מורא. די איצטיקע פּאָליציי, די לעגיאָנערן זענען פאָרט נישט די אַמאָליקע, רוסישע קאָזאַקן, די דייטשישע שוצלייט, נאָר אייגענע ברידער, זין פון פוילן און די צייטן זענען אויך היינט אַנדערע. אין רוסלאַנד האָט געזיגט די רעוואָלוציע, אין דייטשלאַנד ליגט דאָס יונקערטום צעשמעטערט און דאָס קייזערלעכע עסטרייך־אונגאַרן איז זיך צעפאַלן, די באַפרייטע פעלקער זענען אויפגעשטאַנען צו אַ ניי, פריי לעבן.

ניין, די לופט אין וואַרשע ערב דעם ערשטן מאַי, איז נישט אָנגעלאָדן מיט שפּאַנונג מיט אומהיימלעכע דערוואַרטונגען. דער יום טוב ווערט נישט געגרייט אין קיין געהיימע קעלערן, נישט אין קיין פאַרבאָרגענע בוידעם־שטיבלעך, נאָר אָפן און פריי! אין די פּאַרטיי־לאָקאַלן, אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אין די אַרבעטער־קלובן פעדערט זיך דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט און גרייט זיך צו זיין יום־טוב.

וואָכן פריער האָט שוין דער ערשטער מאַי קאָמיטעט פון אַרבעטער־ראַט צעטיילט און צעפּערטלט וואַרשע, אָנגעצייכנט אַ גענויעם פּלאַן פון וואַנען די באַזונדערע טיילן פון דער געמיינזאַמער דעמאָנסטראַציע זאָלן זיך אָנהייבן, דורך וועלכע גאַסן און קווארטאַלן זיי זאָלן מאַרשירן צום טעאַטער־פּלאַץ, וואָסערע לאָזונגען און פאָדערונגען עס זאָלן געוואָרפן ווערן, ווו יעדער גרופּע, יעדער פאַראיין און יעדער פּאַרטיי זאָלן אויפן טעאַטער־פּלאַץ שטיין בלייבן מיט זייערע פאָנער און טראַנספּאַראַנטן און, דער עיקר, וועלכע לאָזשעס און גאַלעריען, וואָסער טייל פון פּאַרטער עס זאָלן פאַרנעמען די באַזונדערע פראַקציעס פון די פּאַרטייען. ווארעם כאָטש עס האָט נישט געשמעקט דער וואַרשעווער שליאַכטע, די אַריסטאָקראַטישע

דאַמען און הערן, ווען זיי האָבן זיך דערוווסט, אַז זייער אָפּערע, דער שטאָלץ פון די אײדל געכאָליעטע וועט „פּאַראומרייניקט ווערן מיטן אָנפלייץ פון פּעוול״, פון פּראָסטן נאַראָד, האָט דאָך דער וואַרשעווער אַרבעטער־ראַט אויסגעפירט אַז זיין סעסיע, דער פינאַל פון דער ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע, זאָל אָפּגעהאַלטן ווערן אין דער אָפּערע און, וואָס נאָך מער שאָקירנדיק פאַר דער שליאַכטע, דער אָפּערע־אָרקעסטער מיטן כאָר און אירע סאָליסטן־זינגערס וועלן אויפשפּילן און אויפזינגען פאַר דער זיצונג דעם „אינטערנאַציאָנאַל״, דעם „טשערוואָני שטאַנדאַר״ און די „מאַרסעליעזיע״.

זינט פּוילן איז פּוילן און וואַרשע איר קרוינשטאָט, זינט די אָפּערע איז אויפגעקומען, איז נאָך אַזעלכעס צווישן אירע ווענט נישט געהערט געוואָרן, זענען נאָך אַזויפיל פרייידיקע, אַזויפיל יום טובדיק־צעשטראַלטע מענטשן אויף די וואַרשעווער גאַסן און פּלעצער נישט געזען געוואָרן.

באַגין שוין, אין נאכטיק־קילן שאָטן נאָך, האָבן שוין פון די שטאָקן, פון די הייף, פון די פאַרוואָרפנסטע איליצקעס און געסלעך, געגומען שטראָמען מענטשן, אַלט און יונג, מענער און פרויען, אַלע אַרויס אין די גאַסן! אין דער פרימאָרגנדיקער יום טוב שטילקייט, ווען די פאַבריקן שטייען, די געוועלבער, די באַזאַרן און האַליעס זענען געשלאָסן, ווען עס דרייט זיך נישט קיין ראָד פון קיין דראָזשקע, פון קיין וואָגן, ווען דאָס געקלונגעריי פון די טראַמווייען איז פאַרשטומט, אין אָט דער שטילקייט, פול מיט שפּאַנונג, מיט דערוואַרטונג, האָט דאָס געגיי, דאָס דין־וויכע געטופּעריי פון טויזנטער און טויזנטער מענטשלעכע פיס פּורכטיק אָפּגעקלונגען, פייערלעך־דערהויבנדיק זיך אָפּגעשלאָגן אין מענטשלעכן געמיט.

געגאַנגען איז יעדער צו זיין אָדער איר פאַראיין, קלוב, פּאַרטיי־לאָקאַל, וואָס אַלע זענען זיי באַצייטנס שוין געווען דעקאָרירט מיט רויטע פענער אינעווייניק און רויטע טראַנספּאַראַנטן מיט לאָזונגען אינדרויסן, איבער די פענצטער און איבער דעם איינגאַנג אין הויז. אָט דאָרט, אויף יענע וואַרשעווער גאַסן, האָבן זיך איצט די אַרבעטער געקליבן אין די הונדערטער, אין די טויזנטער און אַז די באַשטימטע שעה האָט געשלאָגן, האָבן אַלע, מיט די רויטע בלימלעך אין די לאַצן, איבער די בליוזקעס, זיך אויסגעשטעלט צו זעקס, צו אַכט אין אַ ברייט לענג אויס די גאַסן. די מענער האָבן געצויגן די היט, די פאָנען־טרעגער האָבן הויך פאַרהויבן די פענער, פאַנאַנדערגעוויקלט די טראַנספּאַראַנטן און דער צוג האָט גערירט.

מיטאיינמאָל האָט וואַרשע אויפגעשאַלט אין רעוואָליוציאָנערן געזאַנג. פון לעשנע און קאַרמעליצקע, פון דזשיקע און סמאָטשע, פון פּראַגע און שמוליעוויזנע, פון אומעטום האָט געהילכט דאָס יידישע ליד, און דאָס יידיש־געזאַנג, אַריבער דעכער און שטאָקן, האָט זיך אין דער פרימאָרגנדיק,

לויטער־זוניקער לופט, ברידערלעך אַרומגענומען מיט דעם פּוילישן „טשערוואָני שטאַנדאַר", מיט דער „וואַרשאַוויאַנקאַ" און „אינטערנאַציאָ־נאַל", די רעוואָלוציאָנערע הימנען פון אַרבעטנדיקן וואַרשע.

אָט שטראָמט איבער דער לעשנע גאַס דער בונדישער צוג. דער הימל איז בלוי און די זון שיינט. דאָס געזאַנג שאַלט און די רויטע פאָנען פלאַטערן. פון די צעעפנטע פענצטער פאָכען ווייסע טיכלעך און מענטשן גריסן: זאָל לעבן דער „בונד", הורא!

פול איז שוין דער טעאַטער־פּלאַץ, אַ צעכוואַליעטער ים פון אַנטבלויזטע קעפּ, פון פלאַטערנדיקע, רויטע פענער, פון שטראַלנדיקער יוגנט, פון שאַלנדיק געזאַנג. דאָך שטראָמען נאָך אַלץ פון אַלע גאַסן ווי טייכן אין ים אַריין, נאָך און נאָך צוגן מיט זייערע פענער, מיט זייערע טראַנספּאַראַנטן און מיט זייער געזאַנג.

עס ווערט שטיל דער טעאַטער־פּלאַץ. די צענטליקער טויזנטער געזיכטער ווענדן זייערע בליקן צום באַלקאָן פון דער וואַרשעווער אָפּערע. דאָרטן, אַרומגערינגלט מיט רויטע פענער, אונטער אַ ריזיקן, רויטן טראַנספּאַראַנט מיט גאָלדענע אותיות: „זאָל לעבן די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון אַרבעטער־קלאַס", שטייען די פאַרשטייער פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין פּוילן, אָט איז דער פּע. פּע. עס. אָוויעץ יאַוואָראָווסקי, אַ נידעריקלעכער מאַן מיט דיקע, גרויע וואָנסעס. לעבן אים — דער קאָמוניסט וואַרסקי, אַ מאַן מיט אַ קאָפּ ווייסע האָר און אַן אויסגעאיידלט געזיכט. ביי זיין רעכטן אָרעם — דער בונדיסט ערליך, אַ שלאַנקער מאַן מיט אַ הויכן, לומדישן שטערן און אַ גאָלדיק־בלאָנד בערדל. לעבן אים — דער פּועלי־ציוניסט לעוו, דער יינגסטער פון זיי אַלע, מיט אַ קאָפּ שוואַרץ־גלאַנציקע האָר און אַ פּאָר אויגן־גלעזער מיט שוואַרצע רעמלעך. איינער נאָך איינעם באַגריסן זיי דעם ריזיקן מענטשן־ים, וואַרפן אין אים לאָזונגען ווי שטיקער גליאיקע לאַווע און די מאַסע, אַן אומרואיקע, אַ זיך וויגנדיקע ווי צעשטורעמטע ים־כוואַליעס, ענטפערט זיי אָפּ, רופט אויס צוזאַמען מיט די רעדנער:

— נידער מיט דער בורזשואַזיע! נידער מיטן קריג! זאָל לעבן דער שלום! זאָל לעבן דאָס פרייע, סאָציאַליסטישע פּוילן!

בעת דעם מיטינג אינדרויסן, זיצן דערווייל די דעלעגאַטן אינעווייניק, אין דער אָפּערע. זיי וואַרטן דער אַרבעטער־ראַט, דער פּאַרלאַמענט פון אַרבעטער־קלאַס אין פּוילן זאָל עפענען די היסטאָרישע סעסיע, די ערשטע־מאַי־זיצונג אין טעמפּל פון דער וואַרשעווער אַריסטאָקראַטיע. אינדרויסן, פון באַלקאָן־אַראָפּ, וואַרפן טאַקע די פירער לאָזונגען וועגן סאָלידאַריטעט, וועגן אייניקייט, דאָ אָבער, אין דער אָפּערע, אַן איינגעטונקענע אין רויטע פאָנען זיצן די פראַקציעס פון זייערע פּאַרטייען שאַרף צעטיילט און

באַזונדער: די קאָמוניסטן — לינקס און די פּע. פּע. עס — רעכטס. אַזוי אויך די יידישע פּאַרטייען: דער „בונד" — לינקס, אָבער לינקער פון אים — די לינקע פּועלי ציון! ווי אין אַלע וואָכעדיקע טעג פון אַ גאַנץ יאָר אַזוי דזשאָביעט[1] מ'זיך אויך איצט אין טאָג פון גרויסן אַרבעטער יום־טוב, מ'זאָגט זיך אַריין איינער דעם אַנדערן ביז ווייטיק, ביז באַליידיקונג. די קאָמוניסטן, וואָס ערשט נעכטן, פאַר דער באָלשעוויסטישער איבער־קערעניש, זענען זיי געווען „סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון קיניגרייך פוילן און ליטע" און זייער שותּפטע ביים ווערן קאָמוניסטן איז געווען — די „לעוויצאַ", די לינקע פּע. פּע. עס., זיי רופן זייערע נעכטיקע פּאַרטיי־חברים: „שאָוויניסטן, פאַררעטער פון סאָציאַליזם". און די רעכטע פּע. פּעסניקעס וואַרפן יענע צוריק דעם עפּיטעט: „קנעכט פון מאָסקווע, פאַררעטער פון פוילן". און נישט ווייניקער שטעכיק און היציק זענען די דיסקוסיעס און זידלערייען צווישן די פראַקציעס פון די יידישע פּאַרטייען. אַז בונדיסטן רופן די פּועלי ציון: „כלל ישראלניקעס, בורזשואַזע משרתים", וואַרפן זיי צוריק דעם „בונד" אין פּנים: „אַסימילאַטאָרן, פאַררעטער פון יידישן פאָלק"!

צווישן די פראַקציעס, אין דעם געררויש און געזשום פון טויזנטער אומרואיק־וואַרטנדיקע מענטשן, איז געזעסן נתן חיים מיט זיין דעלעגאַציע פון נאָדל־פאַראיין. ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל אַז ער איז אין דער אָפּערע. נישט חלילה אויף בילעטן, וואָס ער קען זיך נישט פאַרגינען. אויף גאַפּע, פאַר קאַרגע גראָשנס, וואָס ער האָט אונטערגערוקט דעם טיר־היטער, פלעגט ער זיך דאָ אַריינכאַפּן צו זען און הערן אַ פאָרשטעלונג. פון דער העכסטער גאַלעריע, אַריינגעפּרעסט צווישן נאָך אַזעלכע „אָפּערע־גייער", איז ער געשטאַנען און מיט גאַרנדיקע אויגן און וואַכע אויערן געהאָרכט און געקוקט אַריבער די טויזנטער קעפּ, אַראָפּ צו דער צעליכטיקטער בינע. צי דאָס איז געווען „טאָסקאַ" צי „אַאידאַ", „מאַדאַם באַטערפליי", צי „האַלקאַ", מיט אַלע די העלדינס און העלדן האָט זיין האַרץ מיטגעזונגען און מיטגעפלאַטערט. איז אָט איצט, איז ער ווידער אין דער אָפּערע און דאָס מאָל נישט שטייענדיק אויף גאַפּע ערגעץ דאָרט אויף דער העכסטער גאַליאַרקע נאָר ווי אַ פּריץ אין איינער פון די אויסדער־ווילטע לאָזשעס, אין אַ ווייכגעבעטן פאָטעל מיט רויטן פּליוש געדעקט. ווי אַ פאָרשטייער פון יידישע אַרבעטער זיצט ער דאָ אויף דער סעסיע פון אַרבעטער־ראָט און, וואָס נאָך וויכטיקער, אויף דער בינע, צווישן די פענער פון די פּוילישע, סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, הענגען אויך די פאַנען פון די יידישע אַרבעטער און די פּירעקיקע, יידישע אותיות, געהאַפטענע

[1] שטעכעלירט

מיט גילדענע פעדעם, לויכטן אַראָפּ פון דער בינע צוגלייך מיט די פּוילישע אותיות פון דער לאַנד־שפּראַך!

וואָלט ער זיך אַוודאי צוליב דעם געדאַרפט פילן דערהויבן, פריידיק־צופרידן אי ווי אַן אַרבעטער, אי ווי אַ ייד. פילט ער זיך גאָר דערדריקט און געקרענקט. אויבן אויף פריידיקן די פירער אייניקייט, סאָלידאַריטעט, צווישן זיך אָבער רייסן זיך די פּאַרטייען, די גרופּן און די אַרבעטער זידלען איינער דעם אַנדערן ווי ביטערע שונאים און איבער דעם אַלעם סיקעט דער אַנטיסעמיטיזם מיט שלאַנגישן גיפט.

אין באַפרייטן פּוילן, אַפילו אונטער אַ סאָציאַליסטישן פּרעמיער, קען אַ יידישע פרוי נישט קויפן קיין שטיקל ברויט אין דער זעלבער ריי, וואָס אַ פּוילישע פרוי. ביי די געוועלבער טיילן די היטער פאַנאַנדער — פּאָליאַקן אין איין ריי, און די יידן — אין אַן אַנדערע! די פּאָליאַקן קריגן ברויט ווי נאָר עס ווערט געברענגט פון די בעקערייען און די יידן — אויב עס בלייבט! דערביי ווערט נאָך דער ייד געטריבן און געוואָרפן פון פּאָליצייאישן היטער און געזידלט און באַליידיקט פון די קריסטלעכע מיטשטייער. און נישט נאָר אין די ברויט־רייען. טאָג טאָג נאָך שליסט די פּאָליציי אָפּ די נאַלעווקעס, דאָס סוחרישע שטיקל געגנט, די פראַנציש־קאַנער און מאַכט דאָרט רעוויזיעס אין די יידישע סקלאַדעס, אין יידישע וווינונגען, אונטערן אויסרייד פון קאַמף קעגן ספּעקולאַציע, נעמען זיי צו ביים ייד סחורות און, פּאַראייַנוועגס, זוכט מען אויך אין יידישע קעשענעס, אין שענק און קרעדענצן, און מ׳נעמט צו געלט, צירונג, אַ גאָלדענעם ירושה־בעכער, אַ זילבערנע אתרוג־פּושקע.

אונטער אַ סאָציאַליסטישן פּרעמיער איז אַ ייד אין באַפרייטן פּוילן נישט זיכער פאַרבייצוגיין די קאַזאַרמעס אויפן פּשעיאַזד, די וויעגע־מורמע אויף דזשיקע, די קאַשאַרן אין מאָקאָטאָוו. די פּוילישע לעגיאָנערן שלעפּן אַריין דעם ייד אין די קאַזאַרמעס, שלאָגן אים, רייסן אים די באָרד, אָפּט מיט שטיקער פלייש, רויבן פון אים וואָס נאָר זיי געפינען אין זיינע קעשענעס און ערשט נאָכדעם, צווינגען זיי אים צו רייניקן זייערע קעסלען פון דער טריפהנער יושקע, זייערע פּריוועטן פון דער צואה, דערביי גיבן זיי אים נישט מיט וואָס צו רייניקן, נאָר ער מוז דאָס טוען מיט זיינע הוילע הענט.

דאָס אין סאַמע וואַרשע, די קרוינשטאָט! אויף דער פּראָווינץ איז נאָך ערגער. אין וולאָצלאַוועק — אַ פּאָגראָם! אין קעלץ — אַ פּאָגראָם. אין טייל שטעטלעך באַפאַלן לעגיאָנערן די יידן אין שבת, אינמיטן דאַוונען אין בית המדרש און די שטעטלדיקע קריסטן העלפן זיי צו אין דעם אָנפאַל. און אין פּינסק, שוין נאָכן סאָציאַליסטישן פּרעמיער, ווערן עטלעכע

צענדליק כלל־טוער דערשאָסן אין מיטן אַן אסיפה וועגן הילף פאַר די אָרעמע יידן אין שטאָט!

אַפילו אַן אַרבעטער־פאַראיין איז דאָך נישט זיכער מיט זיין עקזיסטענץ אין באַפרייטן פוילן. חדשים לאַנג ווי דער וואַרשעווער נאָדל־פאַראיין גרייט און אָרגאַניזירט אַ צוזאַמענפאָר פון לאָקאַלע פאַראיינען צו גרינדן אַ לאַנד־אָרגאַניזאַציע, איז אין בעסטן מיטן אַ זיצונג, ווען ער, נתן חיים, איז געשטאַנען אויף דער טריבונע און אָפּגעגעבן אַ באַריכט פאַר די דעלעגאַטן, באַוויזט זיך אין זאַל אַ פּאָליציי־פּזשאָדאָווניק מיט אַ צענדליק געהילפן. סטראַטעגיש צעשטעלט ער די פּאָליציאַנטן אין די ווינקלען פון זאַל מיט צוויי פון זיי ביי דער טיר און אַליין, אַ טענצלדיקער, די רויט־אָנגעפּרעסענע באַקן — שיינענדיק צעשטראַלט, קומט ער צו צו דער טריבונע און מיט אַ גליקלעך שמייכעלע לאָזט ער וויסן דעם צוזאַמענפאָר: „שוין, אויס מיטן הער מאָראַטשעווסקי! דער פּאַן פּאַדערעווסקי איז שוין פּרעמיער־מיניסטער"! אויס, הייסט עס, מיטן סאָציאַליסטישן גן עדן און ער, דער פּאָליציי־פּזשאָדאָווניק, מעג שוין איצט פראַנק און פריי איבעררייסן די קאָנפערענץ און אַלע דעלעגאַטן, איבער אַכציק יונגע מענער און פרויען פון גאַנצן לאַנד, אַרעסטירן ווי איינפאַכע גנבים און זיי אָפּפירן אונטער דער וואַך פון זיינע מיטגעקומענע געהילפן אין ראָטהויז אַריין.

זיצט ער דאָס איצט, נתן חיים, אינמיטן דעם ערשטן מאַי יום־טוב אין דער וואַרשעווער אָפּערע אַ טיף פאַרטראַכטער. אין דער צווייטער לאָזשע, רעכטס פון אים, מיט דער פּועלי־ציוניסטישער דעלעגאַציע, זיצט וורובעל, אַ חבר זיינס, אַ פייערדיקער רעדנער, אַן אידעאַליסטישער בחור נישט ווינציקער פון אים. בעת אַנדערע בונדיסטן מיט פּועלי־ציוניסטן שטעכעלירן זיך, זאָגן איינער דעם אַנדערן אַריין אין דער זיבעטער ריפּ, פאַרטראָגט ער זיך מיט דעם מענדל וורובעל זייער גוט, דיסקוטירט אָפט מיט אים וועגן דעם אויסוועג פאַרן יידישן אַרבעטער, פאַרן יידישן פאָלק.

— איר גלייבט טאַקע אין מענטשלעכער סאָלידאַריטעט? פרעגט אים אָפט דער מענדל וורובעל. — איר זעט דאָך, דער פּוילישער אַרבעטער איז נאָך אַ גרעסערער אַנטיסעמיט פון פּוילישן פּאַן.

— ס'איז נישט דער פּוילישער אַרבעטער, ענטפערט אים נתן חיים, — די רעאַקציע צעבלאָזט דעם אַנטיסעמיטיזם. איבעריקנס, קיין אַנדער אויסוועג ווי קאַמף אויפן אָרט, צוזאַמען מיטן פּראָלעטאַריאַט פון לאַנד, איז פאַרן ייד נישטאָ!

— ס'איז יאָ דאָ! — האָט זיך מענדל וורובעל געהאַלטן ביי זיינס. —

דער איינציקער אויסוועג פֿאַרן ייד איז צו פֿאַרלאָזן דעם גלות, פֿאָרן קיין ארץ־ישראל, זיך פּראָלעטאַריזירן און אויפֿבויען דאָס לאַנד.

— וורובעל, — האָט נתן חיים איראָניש געשאָקלט מיטן קאָפּ, — דריי מיליאָן יידן וועלן פֿאַרלאָזן פּוילן צו פֿאָרן קיין ארץ־ישראל ווערן פּויערים? אָבער לאָמיר זיך אויפֿהערן צו אַמפּערן, מיר וועלן זיך באַלד אויך אָנהייבן קריגן און זידלען. סוף כּל סוף ווילן מיר דאָך ביידע דאָס זעלבע — אַ ישועה פֿאַר יידן. עס איז דאָך נישט קיין צופֿאַל וואָס סיי דער בונד און סיי דער ציוניזם זענען אויפֿגעקומען אין איין צייט. ווער ווייסט, אפשר האָט די השגחה געוואָלט אונדז געבן אַ ברירה?

זינט זיין יענעם אַרעסט, זענען אַוועק חדשים. דער אַרבעטער־ראַט האַלט אָפּ זיין ערשטע מאַי־סעסיע אין דער וואַרשעווער אָפּערע. די מאַסן יובלען, נאָר ער, נתן חיים, איז נאָך אַלץ נישט מושווה מיט זיך. האָבן די אַלע רייד וועגן סאָלידאַריטעט אַ האַפֿט? אַוודאי, באחרית הימים, געוויס! אָבער דערווייל? דערווייל לאָזן דאָך די פּוילישע פּראָלעטאַריער נישט אַריין קיין יידישן אַרבעטער אין קיין פֿאַבריק, אַפֿילו נישט אין אַ פֿאַבריק פֿון אַ יידישן פֿאַבריקאַנט! כאָטש, דעם אמת זאָגנדיק, די יידישע פֿאַבריקאַנטן אַליין ווילן אויך נישט האָבן קיין יידישע אַרבעטער אין זייערע פֿאַבריקן! פֿון ווערן אַ טראַמוויי־קאָנדוקטאָר, אַ באַן־אַרבעטער, קאָן דאָך דער ייד גאָרנישט חלומען! אַפֿילו אַ סטרוזש צו רייניקן די אָפּטריטן אין באַפֿרייטן פּוילן, לאָזט מען דאָך דעם ייד נישט ווערן. ווי אַזוינע וועט דאָ קומען די ישועה? אַוודאי, וורובעלן איז לייכט אַ זאָג צו טאָן: „יידן דאַרפֿן פֿאָרן בויען ארץ ישראל"! איז דאָס מעגלעך? איבער דריי מיליאָן יידן וועלן דיר נישט, מיר נישט, כאַפּן דאָס זעקל אויפֿן פּעקל און פֿאַרלאָזן פּוילן?

ער האָט זיך איינגעהערט אין די ערשטע־מאַי־רעדעס, נתן חיים, אָבער דערוואַרעמט, דערהויבן האָבן זיי אים נישט.

קאַפּיטל נײַנאונפערציק

— געדענק, מײַן טויט וועט פֿאַלן אויף דײַן קאָפּ!

סאַליע האָט דעם זאָג אים אַ וואָרף געטוען מיט אַזאַ פֿאַרביטערטקייט אַז נתן חיימען איז אַ סקרוך אַריבערן לײַב. לויט די פֿײַערלעך אין אירע גרינגעוואָרענע אויגן, האָט ער קלאָר געזען אַז גלאַטיק וועט אים דאָס איבעררײַסן מיט סאַליען נישט צוגיין.

אַז ער מײַדט זי אויס, אַז נאָך פּאָר עלקעלעס קומען קיין וואַרשע איז ער שוין נישט אַראָפּ אַ טריט מיט איר פֿון פֿאַראײַן, דאָס זעט זי, אָבער פֿון וואַנעט ווייסט זי וועגן זײַן באַשלוס צו פֿאַרלאָזן פּוילן? האָט סענדער, דער נאָענטסטער פֿרײַנט זײַנער, דאָס איר דערציילט? דאָס איז דאָך נישט מעגלעך. אמת, שוין עטלעכע חדשים, אַז זי איז אַ סובלאָקאַטאָרין אין דעם אייניציקן אַלקער, וואָס סענדער מיט זײַן פֿרוי באַוווינען. דאָס מיינט אָבער נישט אַז סענדער, אָדער זײַן פֿרוי, טאַניע, האָבן איר דערציילט וועגן זײַן פּלאַן. סענדערס אַרײַננעמען סאַליען אַלס סובלאָקאַטאָרין איז דאָך לכתחילה געווען צו העלפֿן אים זיך אָפּרײַסן פֿון איר. אַז סאַליע וועט נישט וווינען פֿאַר זיך אין אַ צימער, נאָר מיט אַ בעטל ביי זיי, וועט, ער, נתן חיים, האָבן אַ גוטן אויסרייד נישט אַרויפֿצוקומען און נישט צו בלײַבן נעכטיקן ביי איר.

— צוליב סאַליען מוזסטו נישט אַנטלויפֿן פֿון פּוילן, — האָט סענדער געפּרוּווט אים אָפּרעדן פֿון פֿאָרן.

— ס'איז נישט בלויז צוליב סאַליען.

— צוליב וואָס דען?

— די לופֿט אין פּוילן שטיקט מיך.

— וואָס איז דיר דאָ אַזוי שלעכט? פֿירסט אָן מיט אַ פֿאַבריק פֿון איבער הונדערט אַרבעטער. פֿאַרדינסט גוט, האָסט אָנזען אין פֿאַראײַן. וואָס מיינסטו וואַרט אויף דיר אין פּאַריז?

— דאָס אַלץ איז אמת, אָבער מיך טרײַבט פֿון דאַנעט. עפּעס האָב איך אַ געפֿיל, אַז אין פּוילן וועט נישט זײַן גוט.

— ווו איז יאָ גוט? דערווײַל האָט נאָך די סאָציאַלע רעוואָלוציע אינערגעץ נישט געזיגט.

— אַפילו נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע וועלן פּאָליאַקן האַסן יידן און זיי טרייבן פון לאַנד.

— עפּעס קוואַקעסטו מיר ציוניסטיש.

— אויב דאָס איז ציוניזם, בין איך זיך מודה דערויף.

ווי סענדער, אַזוי האָט אויך דער הער ליובעלסקי, דער הויפּט־פּאָדראַטשיק, געפּרווט אים אָפּרעדן פון פּאַרן. פריער, איידער ער האָט די חברותא דערקענט, האָט דער הער ליובעלסקי זיך טאַקע געוואָרט, נישט געוואָלט האָבן קיין מגע ומשא מיט זיי און נישט מיט זייער פּאַראיין. תמיד געוווּנט געוועזן איבערצוגעבן דעם אָנגענומענעם פּאָדראַד צו מייגסטערס, זיי זאָלן זיך זאָרגן וועגן כאַלופּניקעס,[1] בעל מלאכות. האָט ער זיך געשראָקן, געמיינט אַז האַנדלען מיטן פּאַראיין וועט אים פאַרשאַפן קאָפּדרייעניש, עגמת נפש. וואָרום ווי קומען יינגלעך אָנצופירן מיט פאַבריקן? און ווער זענען זיי, מ׳זאָל זיי געטרויען געלט אויף צו מאַכן „וויפּלאַטע״[2] פאַר הונדערטער מענטשן! ווייזט זיך גאָר אַרויס אַז אויף אַ וואָרט פון די פּאַראיין־לייט קען מען הייזער שטעלן! די פאַבריקן, וואָס זיי פירן אָן, גייען ווי אַ גוט רעגולירטער זייגער, די אַרבעט ווערט געליפערט צו דער מינוט און דער נתן חיים איז עפּעס גאָר אַ גאָלדענער בחור. חוץ וואָס ער טראָגט דעם עול פון דער היטלפאַבריק מיט איבער הונדערט אירע, זיצט ער נאָך אַליין ביי דער מאַשין צו מאַכן זיין נאָרמע אַרבעט. ער זאָל חלילה נישט נעמען פון שותפות אַ גראָשן, וואָס ער האָט נישט פאַרדינט.

— פּאַניע פיינזילבער, — האָט ער איינגעטענהעט מיט נתן חיימען, — פאָלגט מיך, פאָרט נישט אַוועק. אומעטום איז איין וועלט. און טאָמער זאָרגט איר זיך וועגן מיליטער, וועל איך פּועלן אין שטאַב איר זאָלט דינען אין פאַבריק. איר ווייסט דאָך, איך דאַרף גאָר אָנגעבן אַז די פאַבריק מוז אייך האָבן, איז מען אייך מלבוש ערומים אין אַ מונדיר מיט שליפּעס און איר בלייבט אַ היגער.

— אַ דאַנק אײַך, הער ליובעלסקי. יעד ווייס אַז אָף אייער וואָרט קען מ׳זעך פאַ׳לאָזן. עס גייט אָבע׳ נישט אין דעים.

אַוודאי איז אים זייער דערווידער דאָס דאַרפן באַלד גיין דינען דעם אַנטיסעמיטישן פּוילן און ער ווייסט, אַז דער הער ליובעלסקי קען אים באַפרייען דערפון, אַפילו פּועלן מ׳זאָל אים אָננייען דריי בענדלעך אויף די שליפּעס, אַבי די מונדירן, די היטלען און שטיוול זאָלן וואָס גיכער צוגעשטעלט ווערן דער אַרמיי. פּילסודסקי מיט זיינע פּולקאָווניקעס זענען דאָך אין איין גראַטשקע[3] צו ווערן גרויס! זיי חלומען דאָך פון אַמאָליקן

[1] מיינסטערלעך וואָס נעמען אַרויס אַרבעט [2] אויסצאָלן דעם לוין [3] געאייל

פוילן, „אַד מאָרזשאַ דאָ מאָרזשאַ״, פון באַלטישן ביזן שוואַרצן ים! אויסצונוצן דעם שעת הכושר, וואָס אין רוסלאַנד הערשט כאַאָס, שליפן זיי שוין די שווערדלעך אויף מלחמה מיט די באָלשעוויקעס. ער וועט אָבער וועגן דעם נישט רעדן מיטן הער ליובעלסקי, האָט ער זייער האַרציק באַדאַנקט דעם אײדעלן, רויטבאָרדיקן באַלעבאָס און זיך צוריקגעזעצט צו דער מאַשין.

עס קען זיין, ווען נישט דער פיליפּ גאָלדין מיט זיין גרייטן זיך צוריק צו פאָרן קיין פּאַריז, וואָס האָט אַזוי אָנגעצונדן זיין פאַנטאַזיע, אַרויסגערופן אין אים, נתן חיימען, אַזאַ בענקשאַפט, אַזאַ גאַרונג צו דער גרויסער וועלט וואָלט ער מסתמא אָפּגעקומען בלויז מיטן בענקען, מיטן חלומען וועגן פאָרן, וועגן אַוועק אין דער וועלט אַריין! ס׳איז דען אַזוי לייכט זיך אַרויסצורייסן פון פוילן? בפרט נאָך אים, וואָס באַלד ווערט ער צוואַנציק יאָר און אָט, אָט רופט מען אים אין מיליטער. ערשט די שטוב? אויף וועמענס באַראַט לאָזט ער איבער טאַטע־מאַמע? אַברם יאַנקל האָט חתונה געהאַט, איז ער דאָך שוין אַ מענטש פאַר זיך. און עלקעלע? נישט זי וועט מיט אים פאָרן און נישט ער קען אפילו טראַכטן פון מיטנעמען זי. ס׳איז גאַר מעגלעך שיינדעלע זאָל אויך שפּעטער, ווען ער וועט שוין זיין אויף אַן אָרט, זי נישט לאָזן פאָרן צו אים. אינמיטן אָט דער צעטראָגנקייט זיינער, איז אים, ווי פון הימל אַראָפּ, אונטער־געקומען דער פיליפּ גאָלדין.

בעת דעם גרויסן אָנפּלייץ, ביים צוזאַמענברוך פון דער מלחמה, ווען די צענדליקער טויזנטער געוועזענע זעלנער, די פאַרשיקטע סיביראַקעס, די פאַרשלעפּטע אין די קוילן־שאַכטן און שטאָלגיסערייען אין דייטשלאַנד, ווען אָט דער צוריקקערנדיקער מענטשן־שטראָם האָט זיך ווי אַ שטורעמדיק געוויטער אָנגעטראָגן אויף פוילן, איז אין דעם אײפּלייץ געווען אויך דער פיליפּ גאָלדין, אַ יונגער מענטש אין די מיטעלע צוואַנציקער, אַ בלאָנדער, מיט אַ קאָפּ געקרויזטע האָר, שיער נישט ווייס אין זייער בלאָנדקייט.

דער גאָלדין איז נישט געווען קיין צוריקגעקומענער זעלנער פון די אָקאָפּעס אַרויס, קיין פאַרשיקטער סיביריאַק, אויך נישט איינער פון די פאַרשלעפּטע קיין דייטשלאַנד. נאָך יאָרן אין פראַנקרייך, אַן איינגעלעבטער שוין מיט די פּאַריזער, אַלט־היסטאָרישע געסלעך, מיט די ליכטיק, ברייטע בולוואַרן, מיט די טעאַטערס און מוזייען, האָט פּלוצים דער אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע אים אַ הויב געטאָן אויף אירע כוואַליעס און, צוזאַמען מיט נאָך פון זיין גלייכן, האָט ער איבערגעלאָזט פּאַריז, זיין געליבט מיידל זשאַנעט און זיך אַ לאָז געטאָן צוריק קיין רוסלאַנד דינען דער רעוואָלוציע, ברענגען דעם לאַנג־געגאַרטן סאָציאַליזם אויף דער וועלט.

נאָענט־געוואָרענע פריינט, האָט נתן חיים מיט אָט דעם פיליפּ גאָלדין זיך אַריינגעצויגן וווינען אין איין צימער. איז טאָמער האָט ער נאָך געהאַט עפּעס אַ חלום וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אַ האָפענונג זי זאָל ברענגען די ישועה, האָט פיליפּ גאָלדין, מיט זיין דערציילן אים, וואָס אין רוסלאַנד געשעט, ווי גראָד דער נאַכאַל, דער אונטערוועלטניק, שווימט דאָרט אַרויף אויבן און ער געוועלטיקט איבער דעם ערלעכן חבר, איבער דעם אידעאַליסט. אָט די ידיעות האָבן שוין אינגאַנצן צעשטערט אין נתן חיימען אויך די האָפענונג, אויסגעלאָשן אין אים אויך דעם חלום.

אָט דער פיליפּ גאָלדין, דער פּאַריזער אַנאַרכיסט, האָט דאָס אַריינגעטריפט אין נתן חיימס געבליטן דעם דראַנג זיך אַרויסצוקריגן אין דער גרויסער וועלט אַריין. וואָס אָבער אים שרעקט און האַמעוועט אַזוי זיין דראַנג, איז די סאַליע מיט איר זאָגעלע: „איר טויט וועט פאַלן אויף זיין קאָפּ״!

ער היט זיך טאַקע, נתן חיים, נישט צו גיין מיט איר אַ טריט אין גאַס, ער קען זיך אָבער נישט אויסהיטן פון איר אין פּאַראַיין. ווי ער, אַזוי איז זי דאָרט יעדן אָוונט און ווי נאָר זי זעט, ער איז אַליין אַ רגע אין קאַנצעליאַר, וואַקסט זי אויס לעבן זיין ביוראָ־טישל מיט אירע טענות, מיט אירע דראָענישן:

— מיינסט ס׳עט דיר אַזוי גלאַטיק אָפּגיין? און דיין ראַדעמער פּאַניענקעלע מיינסטו וועל איך שענקען? איך וועל זי נאָך אָפּגיסן מיט אַ פלאַש וויטריאָל!

אָט פאַר דעם שרעקט ער זיך אַזוי. דאָס זשאַבקעלע קען טרעפן אויך קיין ראַדעם!

— וואָס זאָל יעך טיען, סענדער?

— פאַרליר נאָר נישט די הויזן! זי לויפט נאָך נישט קיין ראַדעם.

אַוודאי, סענדערן איז גרינג צו זאָגן: „פאַרליר נאָר נישט די הויזן״, ער אָבער זעט דעם האַס, דעם שלאַנגישן גיפט, וואָס סאַליע שיפּעט פון זיך אַרויס. אָפּשליסן זיך אין קאַנצעליאַר קען ער נישט, די טיר מוז זיין אָפן, ער זאָל קענען באַדינען די מיטגלידער. אָט האָט זי זיך ווידער אַריינגעשלייכט, אויסגעוואַקסן לעבן אים ווי אַ שאָטן:

— וואָס האָסטו אַזוי מורא זיך צו טרעפן מיט מיר אין גאַס?

— וועיע׳ זוגט יעך ׳אָב מורא? — האָט ער איר געקוקט גלייך אין די אויגן און דערביי געהיט אירע הענט, עפּעס אַזוי דראָענדיק פאַרשטעקטע אין דער ברייטער מופטע, אַ שוואַרץ סאַמעטענע, מיט צוויי נאַכהענגענדיקע טראָלדן אין ביידע זייטן.

— אויב האָסט נישט מורא, וואָסזשע מיידסטו אַזוי אויס צו גיין אַמאָל מיט מיר שפּאַצירן?

— ס׳גלאַאַכער אַזוי, סאַליע. ווייסט דאָך, צווישן אינדז איז קיינמאָל גאָרנישט געווען.

ווי געביסן פון אַ שלאַנג איז זי געטאָן אַ שפּרינג אויף:

— צווישן אונדז איז גאָרנישט געווען? וויפל מאָל ביזטו געשלאָפן מיט מיר? דאָס איז ביי דיר גאָרנישט?

נתן חיים האָט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט געפילט ער זינקט איין פאַר חרפה! ווי אויסטערליש! די פּרוי גאָר פאַרוואָרפט יעדער בושה, ווי נאָר זי איז אין שרעק צו פאַרלירן דעם מאַן, וואָס זי האָט ליב. דער פּאַראיין איז פול מיט מיטגלידער. אין זייער פאַרדאַכט, אַז צווישן אים און סאַליען קומט פּאָר אַ ריס, זענען זיי דאָרט אַלע הוילע אויערן. שעמט זי זיך נישט אויסצושרייען אַז ער איז געשלאָפן מיט איר! מילא, אַז זי וויינט אָן טאַניען אַ פולן קאָפּ, איז עס צווישן פיר אויגן, אָבער שרייען אַזוי אויפן קול?

— עס איז דאָאָן שילד, די האָסט צי דעים ציגעפירט.

— מיין שולד? — האָט זי אַ קוויטש געטאָן און אָפּגעפּליוכעט אים מיט דעם אַרויסגעכאַפּטן פלעשל פליסיקייט.

ווען נתן חיים וואָלט דאָס נישט געווען פאַרדעכטיקט און נישט אַ כאַפּ געטאָן דאָס אָפּגליגנדיקע מיטגלידער־בוך פארן געזיכט, וואָלט זי אים געווען אויסגעברענט די אויגן, פאַרשרפּהעט אים דאָס פּנים.

צי דאָס איז געווען די חרטה אויף דעם, וואָס זי האָט דאָ אָפּגעטאָן, צי גאָר דער פאַרדראָס, וואָס זי האָט מיט דעם טוען גאָרנישט דערגרייכט, סיי ווי, אַ ספּאַזמאַטיש געוויין האָט זיך אַ ריס געטאָן פון איר קעל און זי איז געפאַלן אין אָנמאַכט מיטן קאָפּ אויף זיין ביוראָטיש. איידער ער האָט נאָך באַוויזן זיך אויפצושטעלן און זי אונטערהייבן, איז שוין די קאַנצעליאַר געווען פול מיט אָן אָנגעלויף פון דער טייהאַליע, פון לעזע־זאַל. חברטעס האָבן זיך געפּאָרעט אַרום איר, זי אַוועקגעזעצט באַקוועם אויף אַ שטול, געשפּריצט וואַסער אויף איר פאַרחלשט געזיכט, געעפנט איר דאָס ענג־פּאַרקנעפּלט קעלנערל אַרום האַלדז, דערביי האָבן זיי איבער די אייגענע אַקסלען געוואָרפן צו אים בליקן פול מיט רוגזה, מיט פאַראַכטונג.

ווי די חברטעס מיט סאַליען, אַזוי איז סענדער, אַן אָנגעלאָפּענער פון לייען־זאַל מיטן ביכל אין האַנט געשטאַנען איבער אים, נתן חיימען, אַ בלייכדערשראָקענער ביי זיין ביוראָטיש:

— נו, אַבי ס׳איז שוין אַריבער. זי האָט זיך אויסגעשטורעמט, וועט זי זיך איצט באַרואיקן און דיך צו רו לאָזן.

נתן חיים האָט איראָניש אַרויפגעקוקט צום שטייענדיקן פריינט. אַ

חתונה־געהאַטער שוין, עלטער פון אים און דאָך פאַרשטייט ער אַזוי ווייניק די פרוי. ער פאַרשטייט נישט, אַז גראָד איצט איז די געפאַר פאַר אים, נתן חיימען, נאָך גרעסער. צו דעם וואָס זי פאַרלירט אים, קומט נאָך צו די בושה איבער דעם, וואָס זי האָט דאָ אָפּגעטאָן, אָפּגעטאָן און גאָרנישט דערגרייכט. אָט דאָס וועט זי טרייבן צו טוען נאָך עפּעס געפערלעכעס!

זענען אַוועק עטלעכע טעג און סאַליע האָט זיך נישט געוויזן אין פאַראיין. נתן חיים האָט שוין אָנגעהויבן טראַכטן, אפשר איז סענדער גערעכט? אפשר איז טאַקע דער קריזיס אַריבער, איז גאָר פלוצעם סענדער געקומען צו אים אין פאַבריק אַריין אַ פאַרזאָרגטער, אים אַוועק־גערופן פון דער מאַשין:

— איך מיין וואָלסט געדאַרפט אַוועק פון וואַרשע כאָטש אויף אַ שטיקל צייט. זי לאָזט זיך נישט באַרואיקן. גאַנצע נעכט שרייט זי ווי אַ באַנומענע: „ער איז נאָך נישט מיינע פּטור, איך וועל אים נאָך די שליפּיעס אויסברענען״!

— ווי קען יעך אַוועקפורן? וועיע׳ וועט זאָאַן אין קאַנצעליאַ׳?

— און אַז דו וועסט אַוועק פון פוילן, ווער וועט דאַן זיין אין קאַנצעליאַר?

אַוועקגעפאָרן פון וואַרשע איז נתן חיים טאַקע נישט, אָבער אין פאַראיין האָט ער זיך נישט אַריינגעוויזן. אָפּט, מיטאָגצייט, האָט זיך סענדער אַרויפגעכאַפּט צו אים אין פאַבריק, איבערגעבן אים ווי עס האַלט, וואָס עס הערט זיך מיט סאַליען. כאָטש לויט סענדערן איז אויסגעקומען אַז סאַליע באַרואיקט זיך, פון אים אָבער, נתן חיימען, האָט זיך די שרעק נישט אָפּגעטאָן. ביי סאַליען איז רעכט אים אָפּצוּוואַרטן מיט אַ פלעשל וויטריאָל ביים אַראָפּגיין פון דער פאַבריק, ביים אַרויסגיין אינדערפרי פון זיין טויער צו דער אַרבעט. ס׳איז אויך מעגלעך זי זאָל זיך אויפהערן צו יאָגן נאָך אים און זיך אַליין אַ מעשה אָנטוען. דאָס זאָגעלע אירס: „מיין טויט וועט פאַלן אויף דיין קאָפּ״, גייט אים נישט אַרויס פון זינען.

— טאַניע האַלט כאָטש אָן אויג אָף איע׳ — האָט ער, אַ פאַרדאגהטער, געפרעגט סענדערן. — באַ סאַליעלען איז רעכט זעד אַראָפּציוואַרפן פין פענצטע׳!

— אַוודאי קען זי דאָס טוען, — האָט סענדער אים מודה געווען. — אַז אַ מענטש וויל מאַכן אַ סוף צום אייגענעם לעבן, קען אים קיינער נישט פאַרהיטן.

גראָד דאָס דאַרפן סאַליען היטן האָט נתן חיימען געעגבערט אין מוח. נישט היטן זי איז אַ סכנה, יאָ היטן — איז אַ רייצונג, אַ רעגונג. עס קען

געמאָלט זיין, אַז ווען סענדער און טאַניע זאָלן זי נישט היטן, וואָלט סאַליע זיך אויסגעטשוכעט פון דעם וועלן זיך אַ מעשה אָנטוען. גראָד דאָס זען אַז מ׳היט זי, אַז מ׳לאָזט זי נישט אַליין אין שטוב אויף אַ רגע, קען גאָר שטייגערן אין איר דעם דראַנג, פאַרשאַרפן אין איר די טראַציקייט יאָ אַזוינס אָפּצוטוען. ס׳קען נאָך אויסקומען ביי איר אַ פאַרמעסט: ווייל איר היט מיך, וועל איך אייך איבערקליגן!

נישט טאַניען און נישט סענדערן איז נישט געווען אויפפאַלנד עס זאָל שטעקן עפּעס אַ חשד אין סאַליעס אויפהערן צו זיפצן, אויסצוברעכן אַלע ווייל אין אַ פריש געוויין. פאַרקערט, עס האָט זיי אויסגעזען גאַנץ נאַטירלעך איר ווערן ביסלעכווייז הייטער אין געמיט, בעסער אויפגעלייגט. טאַניע האָט נישט געדאַרפט מער דערמאָנען, זי זאָל עפּעס עסן. זי האָט זיך אַליין שוין אָנגעהויבן מאַכן אַ גלעזל טיי, אָפּקאָכן זיך אויפן פּרימוס אַ ביסל געקעכטס.

— כ׳זע איצט איין, — האָט זי זיך מודה געווען פאַר טאַניען, — ווי נאַריש ס׳איז געווען אַזוינס אָפּצוטאָן אין פאַראיין. אַ מענטש קען זיך נישט אָנוואַרפן. אפשר האָט ער מיך טאַקע נישט ליב?

טאַניע האָט זיך איבערגעווונקען מיט סענדערן. סאַליע, הייסט עס, קומט צום שכל! ווי טאַניע, האָט אויך ער איינגעזען, אַז סאַליעס געמיט רואיקט איין, קלאָרט אויף. מען דאַרף זי שוין, נישט היטן. האָט ער זיך מער נישט פאַרנומען מיטן איינקויפן און ווידער געלאָזט טאַניען גיין אין שפּייזגעוועלבל. אויף דעם, זעט אויס, האָט דאָס סאַליע כיטרע געוואַרט. ווי נאָר זי איז געבליבן אַליין אין שטוב, האָט זי פאַרשלאָסן די טיר, פאַרהאַקט דעם אויבערלופט אין פענצטער און אויפגעדרייט דעם גאַז.

גראָד איז דאָס געווען מיטאָגצייט. סענדער, שטאָט צו נתן חיימען, איז גאָר צוגעלאָפן אַהיים זען וואָס אין שטוב הערט זיך. עפּעס האָט אים געטריבן, געהויבן פון דער מאַשין אַוועק, ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט אַז עפּעס גרויליקס געשעט דאָרט אין שטוב.

קיינמאָל איז ביי אים די טיר נישט פאַרשלאָסן און דאָ שטייט ער פאַר איר אַ פאַרהאַקטע. ער האָט געריסן די טיר, געקלאַפּט, געשריגן: סאַליע! טאַניע!

סאַליע, אויפן בעטל, האָט נאָך געאַנט, ווי אין שלאָף געהערט דאָס געקלאַפּעריי, דאָס געשריי הינטער דער טיר. אירע פיס אָבער זענען שוין געווען געליימט. שטאָט אַראָפּגיין פון בעטל, איז זי גאָר געפלויגן אין די לופטן, געזונקען אין תהומען...

אין פּעדערהויז, אַרום סענדערן, איז געוואָרן אַן אויפגעלויף פון שכנים. עמעץ איז אַראָפּגעלאָפן טעלעפאָנירן נאָך דער „פּאָגאָטאָוויע״,[4]

[4] גיכע הילף

אַן אַנדערער האָט גערופן דעם סטרוזש. דערווייל איז טאַניע אָנגעקומען מיטן טאָרבעלע איינקויף און ווי נאָר דער סטרוזש האָט אויפגעבראָכן די טיר, איז זי צוגעפאַלן צו סאַליען.

סאַליע איז געלעגן אויפן בעטל נאַזנאַק,[5] נאָר ד׳ער קאָפּ האָט איר אַראָפּגעהאָנגען, און די אויגן, פאַר׳גלייזטע שויך, אַרויף צום סופיט. דאָס פּנים איז איר געווען פּיאָלעט־בלוי. אין די מוילווינקלען האָבן זיך איר געהאַט אָפּגעזעצט שטיקלעך ווייסע פּיאַנע, ווי פאַרטרוקנט שוים פון ביר. ס׳האַרץ האָט נאָך געקלאַפּט אָבער דער דופק אירער האָט קוים, קוים געשלאָגן.

איידער נאָך סענדער האָט אויפגעפּראַלט דאָס ווינטערדיק פאַרקאָ־ווערטע פענצטער, איז שוין די „פּאָגאָטאָוויע" געווען און דער דאָקטאָר מיט זיין פעלדשער־געהילף, ביידע אין ווייסע כאַלאַטן, זענען שוין גע־שטאַנען איבער סאַליען, געדריקט איר דעם בויך, אַ גריבלדיק איינגעפאַ־לענער, געפּרעסט אויפן ברוסטקאַסטן, אַ דאַר ברעטלדיקער, געבלאָזן איר פון אַ מאַשינקע לופט אין מויל אַריין.

פּאַוואָליע, פּאַוואָליע האָט זיך געביטן די מראה אין איר פּנים. זי האָט געעפנט די אויגן, געקוקט אַרום זיך מיט אַ פאַרחידושטן בליק, ווי זי וואָלט גאָרנישט באַנומען, וואָס דאָ קומט פאָר, וואָס דאָ געשעט מיט איר. דאָס האָט אָבער געדויערט אַ רגע נאָר. באַלד האָט זי אַוועק־געדרייט דעם קאָפּ צו דער וואַנט און שטיל, קוים, קוים וואָס מ׳האָט זי געהערט, זיך געבעטן:

— דאַיטשע מי ספּאָקוי, לאָזט מיך צורו, איך וויל מער נישט לעבן.

[5] אויפן רוקן

קאַפּיטל פופציק

זינט מ׳האָט זיך אין שטוב דערוווּסט, אַז נתן חיים פאָרט אַוועק איז דאָרט תשעה באב. די מאַמע מאַכט זיך נאָך האַרץ: „גאָט איז אימעטים, זאָגט זי, אין וועגן אינדז קלעיע׳ ניש׳ איבע׳״, דער טאַטע אָבער איז אויס מענטש. ווער וואָלט זיך אַזוינס געקענט ריכטן? ס׳גאַנצע לעבן זיך מיט אים אַרומגעריסן, נישט געלאָזט אים אויף די אויגן, איצט, אַז ער גייט אַוועקפאָרן ברענגט זיך דער טאַטע אַוועק!

ס׳איז געווען האַלבער טאָג. אין פאַבריק מאַזשעט[1] מ׳זיך אַרום. דאָ פעלן דאַשקעס, דאָ — פּאָדפּינקעס[2] און אָט גאָר איז נישטאָ קיין לייוונט אויף פּאָדשעווקעס,[3] וואָסזשע וועט ער דאָ זיצן? פריער פלעגט ער פון פאַבריק גיין אין פאַראיין, אָבער אַז אַ סעקרעטאַר אויף זיין אָרט איז שוין אויסגעוויילט, איז ער געגאַנגען אַהיים.

באַגין איז געהאַט אויסגעפאַלן אַ שניי, איצט, אין מיטן טאָג, ברענט אַ פראָסט. די ווינטער־זון בלענדט די אויגן, ביי די פאַרבייגייער זענען די פּנימער רויט־אָנגעפרוירן. דינע רויכלעך־פּאַרע קרויזלען זיך פון זייערע אָטעמס, פון זייערע נאָזלעכער. די לופט איז פול מיטן דינעם גלעקל־געקלאַנג פון די פאַרבייציענדיקע שליטעלעך.

אויף מוראַנאָוו, אַנטקעגן זייער טויער, איז ער אַראָפּ פון טראַמוויי. זומער טרעפט ער דאָ זיצן דעם טאַטן. מיט אַלע כוחות גראַבעטשעט ער זיך אַרויס אויף דער גאַס, כאָטש זען ווי אַ וועלט רודערט, ווי מענטשן גייען, לויפן, האַנדלען. איצט, אין די ווינטער־טעג זיצט ער נעבעך אָפּ די טעג אין קיך אויפן בעטל, אָדער אויף אַ טאַבורעט ביים פענצטער און גאַפּיעט אין דעם טריבן הויף אַריין, אַ פירשטאָקיקער, פאַרכמורע־טער קאַסטן מיט בלויז אַ היטעלע הימל איבער אים.

אין פעדערהויז האָט נתן חיים אָפּגעקלאַפּט דעם שניי פון די שיך און געעפנט די טיר אין שטוב אַריין. אין פינצטערן קאָרידאָרל איז אים פון אַלקער אַקעגן געקומען דאָס געשטעפעריי פון דער זינגער־מאַשין.

[1] פּטרן צייט [2] צונויפרוק־רימענטל איבערן דאַשעק. [3] אונטערשלאַק

עפעס ווי איבערנאַכט איז אסתר פּערעלע געוואָרן אַ שנײדערקע און די שוועסטערלעך, זינגענדיקע ווי זי, העלפן איר ביים גענײ.

ווי אַלע טאָג איז אויך איצט דער טאַטע געזעסן ביים פענצטער מיט די הענטפלאַכן אויפן שטעקעלע, דער קאָפּ אַראָפּגעבויגן, אַזש די באָרד האָט אים פאַרדעקט די הענט. ס׳איז רעכט, אַז ער דרימלט און אפשר גאָר איז ער בלויז פאַרטראָגן אין מחשבות. קוקנדיק אַזוי פון קאָרי־דאָרל אויפן געבויגענעם טאַטן האָט נתן חיימען פאַרקלעמט ס׳האַרץ. וויי, וויי, ווי די מלחמה האָט פון אים אַ תל געמאַכט! דאָס גאָלד פון זיין באָרד — איינגעזשאַווערט, גרוי, די פיס געשוואָלן, קוים, נעבעך, ער שטעלט אַ טריט:

שלופסט, טאַטע? — האָט ער זיך דערנענטערט צום פאָטער.

— וועיע׳ שלופט? — האָט דער פאָטער אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און געזשמורעט אויפן זון אַזוי זייטיקלעך.

— כ׳אָ׳ געמיינט.

— אַרבעטסט האאַנט ניש׳?

— ס׳אי׳ ניש׳דו קאַ צודאַטן.

— ווס שטייסטי? זעץ דיך אַנידע׳. גייסט טאַקע אַוועקפורן?

— ווּס ׳אָב יעך צי טיען אין פוילן?

— ווי אַהין קלעיעסטי צי פורן, קאַן אַמעריקע?

— ווי קען יעך פורן קאַן אַמעריקע? כ׳האָ׳ דען געלט? יעך פוע׳ קאַ פּאַריז.

אינמיטן דעם שמועס איז דערוויל חנה לאה, די מאַמע, אַרײַנגעקומען מיטן קויבער איינקויף. אַ שטילע איז זי געבליבן שטיין אין קאָרידאָרל — הויל געהער. ווען האָט זי דאָס די זכיה צו זען דעם טאַטן מיטן זון זיצן ביינאַנד פאַרטועען אין אַ שמועס? אין איר פאַרצוגטקייט איבער נתן חיימס גרייטן זיך אַוועקצופאָרן, איז אויך דאָס אַ היילונג אין איר האַרץ. ערשט אין אַ וויַיל אַרום, אַז נתן חיים האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ צום קאָרידאָרל, האָט זי זיך געמאַכט ווי זי וואָלט נאָרוואָס אַריינגעקומען און אים געפרעגט:

— ביזט שוין לאַנג דו? מיזט אַוודאי זאַאַן הינגעריק — און, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט זי זיך שוין געזעצט אויפן פוסנבענקעלע שיילן קאַרטאָפל, דערביי, נתן חיים זאָל איר נישט פאַר־לוירנווערן פון קיך אַרויס, האָט זי זיך אַריינגעמישט אין שמועס:

— ווי האַלטסטי מיטן פּאַס? יעך אָ׳ מורא דע׳ מאַכע׳ זאָל ענק ניש׳ אָאָסמאַכן ס׳אויע׳.

— מ׳האַנדלט ניש׳ מיט קאַ גנב. דע׳ מאַכע׳ האָט גוניש׳ געוואָלט

מ׳זאָל אים געטרויען. מ׳אָט אַאַנגעלייגט ס׳געלט באַ אַ שליש.[4] ביז מ׳עט ניש׳ קריגן די פּעסע׳ מיט די וויזעס, קריגט ער ניש׳ אַ גראָשן!

— האָלט עס דעך שוין נעינטע׳ ווי וואַטע׳, — האָט זי געזאָגט כלומרשט רואיק, כאָטש דער זיפץ האָט זי געשטיקט אין קעל. זי הייטערט טאַקע יערמע דודן, רעדט אויס נתן חיימען, נאָר אַליין, אויפן געלעגער, וויינט זי זיך גאַנץ גוט אויס די אויגן: „וויי דער מאַמעס האַרץ! אויפגעכאַ־וועט אַ זון, שיין, געראָטן, לייט בענטשן זיך מיט אים, הייבט ער זיך אויף און פליט אַוועק ווי אַ פייגעלע פון נעסט אַרויס״.

שפּעטער ביים דערלאַנגען אים דאָס עסן צום טיש אין אַלקער האָט די מאַמע אים געפרעגט שטיל דער פאָטער אין קיך דאָרט זאָל נישט הערן:

— קלעיע׳סט פאַרן פורן צי זאַאַן אין רודעם?

— ווּוס פאָלט דיר אַאַן? — האָט ער פאַרדעכטיק געקוקט אויף דער מאַמען, וואָס מיינט אַוודאי, אַז איר חלום איז שוין מקוים, זי וועט נישט האָבן שיינדעלען פאַר קיין מחותנתטע. — יעד ׳על אַוועקפורן אין זעד ניש׳ געזעיגענע׳ מיט עלקעלען?

אַז ער פאָרט קיין ראָדעם, דאָס איז זיכער, ער ווייסט נאָר נישט וואָסער פּנים זיין קומען וועט דאָרט האָבן. אַז שיינדעלע לייענט פאַר איר אברמישי אַלע זיינע בריוו, וויסן זיי דאָך, אַז ער וויל קומען זיך געזעגענען, זיי ווייסן אויך, אַז ער וויל נישט פאַרפאָרן צו זיי, נאָר איינשטיין אין אַ האָטעל. וואָס וועט אים עלקעלע אויף דעם ענטפערן? און וואָס וועלן זיי, די עלטערן אירע, זאָגן? דערווייל גייען די טעג און ער הערט נישט און זעט נישט פון עלקעלען קיין ענטפער. איז ער אויפ־געשטאַנען באַגין און, ווי ער גייט און שטייט, אַוועק קיין ראָדעם.

ס׳איז געווען פאַר „באָזשע נאַראָדזעניע״.[5] אָנשטאָט שניי, זון, פראָסט איז גאָר דער הימל געווען גרוי, פאַרכמורעט און אַ ווינטערדיקער רעגן האָט דורכגענומען דאָס געביין. לכבוד דעם הייליקן יום־טוב איז דעם קוזינס געוועלב געווען פול מיט קונים, ער אָבער, דער קוזין אברהם, ווי ער איז געווען פאַרהאַוועט, האָט ער איבער אַלעמענס קעפּ אים דערזען אַריינקומען אין געוועלב און, פון ווייטנס אַ זאָג געטאָן:

— זע נאָר, שלום עליכם אַ גאַסט! וואָס מאַכט דער טאַטע? די מאַמע?

אויף שיינדעלע האָט פון צווישן קרענצל קונים אים געשענקט אירס אַ שטענדיק גרייט, קאָלט שמייכעלע:

— ס׳קאָצל קומט.

[4] אַ דריטע פּערזאָן [5] קריסטוסעס ווידערגעבוירן ווערן

פון זייער באַגריסונג האָט ער שוין געזען וואָסער אַנגעלייגטער גאַסט ער איז דאָ. פונדעסטוועגן איז ער געשטאַנען און זיך אַרומגעקוקט. ווי וויל ער האָט געוווּסט, אַז די מאַמעשי וועט נישט לאָזן איר עלקעלען זיך איינריכטן די הענטלעך ביים אָנגיסן פאַר אַ קונה אַ באַנקע נאַפּט, אַרויסנעמען אַ הערינג פון פאַס, האָט ער זי דאָך מיטן בליק דאָ אַרומ־געזוכט.

— זעסט, אברמישי, — האָט שיינדעלע, אינמיטן גאַנצן האַרמידער, גענומען פּראַווען אירע ווייבערישע הלצהלעך, — אַבי האָסט געמיינט נתן חיים איז געקומען צו דיר. זעסט כאָטש ווי ער זוכט עלקעלען?

— שיינדל! — האָט דער מאַן אַ געשריי געטאָן און, איבער די גויימס קעפּ, זי בייז אָפּגעמאָסטן: — אָן אומגליק מיט די ווייבער! ער האָט איר שוין וויפל מאָל געזאָגט, אַז פון דעם מעל וועט קיין ברויט נישט ווערן און זי לייגט נאָך אַלץ דעם יינגל פּייגעלעך אין בוזעם.

— וואָס ווילסטו? — האָט זי אַזוי אומשולדיק געהויבן אירע ווייב־ווייבערישע אַקסלען: — ער גייט אַוועקפאָרן איז ער געקומען זיך געזע־געגענען.

— פין וואַנעט ווייסט שיינדעלע, אַז איך גיי אַוועקפורן? — האָט ער זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק, אַז זי לייענט זיינע בריוו.

שיינדעלע האָט סיי געזעדט צו קונים, געציילט געלט, געגעבן רעשט און סיי געוואָרפן צו אים אירע גנבישע בליקעלעך: „ווי שיין ער מאַכט זיך געפּגרט", האָט זי געטראַכט, און אין שטוב אַריין, איבער איר אַקסל, גערופן:

— רחלע! רחלע!

אַז דאָס מיידל, די יינגערע פון עלקעלען, איז אַרויסגעקומען פאַר־נעמען איר אָרט ביים לאָדנטיש, האָט זי אַ זאָג געטאָן צו נתן חיימען:

— קום אַריין אין שטוב, עלקעלע וועט באַלד קומען, זי איז געגאַנגען באַלייגן אַ בריוו צו דיר, פאַרוואָס האָסטו נישט געשריבן אַז דו קומסט?

— יעך 'אָב געשריבן, נאָר אַז כ'האָב געזען עלקעלע ענטפע'ט ניש' 'אָב יעך זעך אָפּגעזעצט אָף דע' באַן אין בין געקימע' צו פורן, אָבע' ווּס אי' דע' חילוק? יעך קלעיע' סאַווי האַאַנט נאָך קריקציפורן.

— וואָס איז דאָס איילעניש אויף דיר? זיץ, — האָט זי אים געוויזן אויף אַ שטול און גענומען שטעלן צום טיש איר שטענדיקן כיבוד, עטלעכע עפּעלעך, קאָמיץ־ברויטלעך, אַ גלעזל טיי, דערביי, ווי זי וואָלט זיך אַזעלכעס גאָרנישט געקענט צוגלייבן האָט זי אים אין חידוש געפרעגט:

— ס'וואָר, גייסט טאַקע פאָרן קיין פאַריז?

— דע'וואַאַל פוע' יעך קאַ פאַריז.

— דערווייל? און וואָס וועט זיין שפּעטער? שאַ, דאַכט זעך עלקעלע גייט.

די טיר האָט זיך געעפנט און עלקעלע, אין אַ שוואַרצן קליאָשאָוון מאַנטל, מיט אַ גרוי־קאַראַקולן קעלנערל, אויפגעשטעלט אַרום האַלדז, איז אַריינגעקומען. אויף איר קאָפּ, איבער די שוואַרצע צעפּ, איז איר זייטיקלעך געזעסן אַ גרוי־קאַראַקולן היטל לענגלעכדיק איינגעקנייטשט ווי אַ שיפעלע. די לינקע האַנט — פאַרשטעקט אין אַ רונד־פעסלדיקער מופטע פון זעלבן גרויען קאַראַקול ווי דאָס היטעלע, ווי דער קאָלנער. די רעכטע — אין אַ שוואַרצער האַנטשו אויף דער טירקליאַמקע, איז זי געשטאַנען אַן איבעררעשטע. זי האָט נאָרוואָס באַלייגט אַ בריוו צו אים, אַז אויב ער קלערט איינצושטיין אין אַ האָטעל, זאָל ער בעסער נישט קומען, דאָ גאָר זיצט ער מיט דער מאַמעשי ביים טיש און טרינקט טיי.

— ווען ביזטו געקומען?

— נאָרוואָס, — האָט נתן חיים געזאָגט און גענומען איר אַנטקעגנגיין. געגאַרט האָט ער זי אַרומצונעמען, זיך קושן מיט איר, אָבער ער האָט בלויז אויסגעשטרעקט צו איר די האַנט:

— כ'בין עקסטרע געקימע' פּרי, וואָאָל יעך קלעיע' נאָך האַאַנט קריקציפּורן קאָ ווארשע. עלקעלע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן זייטיקלעך, פון אַ ווינקל אויג, ווי דאָס טוען ווייבער, וואָס פאַרדעכטיקן, אַז דער קאַוואַליער זאָגט נישט וואָס ער מיינט:

— ווילסט מיך אָפּשרעקן? קיינער וועט דיך נישט פאַרהאַלטן.

שיינדעלע איז געווען דערשטוינט. פון טיש אַוועק האָט זי געפירט איר בליק פון עלקעלען צו נתן חיימען און באַלד צוריק צו דער טאָכטער. „זע נאָר, האָט זי געטראַכט, ווי צפאַנע די מויד ענטפערט אים"!

— נו, כ'על שוין גיין, איז זי אויפגעשטאַנען פון טיש, — ס'געוועלב איז קאַנעהאָרע פול מיט קונים.

ערשט איצט, אַז שיינדעלע איז אַרויס פון שטוב, האָט עלקעלע, אין מאַנטל, זיך צוגעזעצט אויף אַ שטול לעבן אים:

— אַזוי ביזטו געקומען? אָן גאָרנישט?

— וווס 'אָב יעך דען געדאַרפט מיטנעמע'? אַ וואַליזקע? כ'גיי סאָווי האַאַנט קריקפורן.

— כ'אָב דיר שוין געזאָגט: קיינער וועט דיך נישט אָפּהאַלטן.

— כ'ווייס, — האָט נתן חיים געשמייכלט. — האָסט אפשר גוניש' געוואָלט יעך זאָל קימע'.

— איינצושטיין אין אַ האָטעל? ניין! דו מיינסט איך וואָלט געקומען צו דיר אין האָטעל אַריין דיך זען? ווער מיינסטו בין איך? ווי האָסטו

דיך נישט געשעמט אַזוינס צו שרייבן צו מיר? דו ווייסט דאָך, אַז מיינע עלטערן לייענען דיינע בריוו;

— כ׳אָב ניש, געמיינט זאָלסט קימע׳ אין האָטעל. מיע׳ וואָלטן זיך געטראָפן אין אַ צוקערניע.

— אין רודעם גיי איך נישט מיט קאַוואַליערן אין צוקערניעס. אַז ווילסט קומען, איז נאָר צו מיינע עלטערן אין שטוב.

— בין יעד דעך געקימע׳, — האָט ער איר אַ גלעט געטאָן אין האַנט, דערביי האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע דאָס צירונג־קעסטעלע, אַ רויט־פּליושנס, מיט אַ בראָש אינעווייניק.

אָן איבעררראַשטע האָט עלקעלע געקוקט אויף דעם שעכטעלע און באַלד צוריק אויף אים. פאַרוואָס האָט ער דאָס געטאָן? זי איז נאָך גאָרנישט זיכער אַז ער איז איר עפּעס, נעמט ער גאָר און ברענגט איר מתנות! איז אָבער דער מיידלשער נייגיר ביי איר געווען שטאַרקער ווי דאָס קווענקלען זיך און זי האָט גענומען פון אים דאָס שעכטעלע און עס געעפנט. אַ רגע נאָר האָט זי געקוקט אויף דער בראָש און באַלד צוריק געווענדט איר בליק אויף אים, אַ בליק נישט מער מיט דער פריערדיקער איבעררראַשונג, נאָר פול מיט אַנטוישונג, מיט שטוינונג:

— ווי קומט אַזעלכעס צו מיר? מיין מאַמעשי וועט מיך לאָזן אַזוינס טראָגן? וואָס בין איך, אַ פּראָלעטאַריערין?

גאָט אין הימל! ווי גיך צאַרטע חלומות ווערן פאַרלאָשן! מיט וויפל פרייד און ציטער ער איז מיט דער בראָש געפאָרן צו עלקעלען. פאַרן אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד, האָט ער געוואָלט איר לאָזן אַ מתנה. איז אָבער עלקעלע ביי אים צו טייער, ער זאָל גלאַט אַריינגיין און קויפן פאַר איר אַ שמאָכטע, וואָס יעדער אַנדער מיידל קען דאָס פאַר זיך קויפן אין אַ צירונג־געשעפט. פאַר עלקעלען האָט ער געוואָלט עפּעס אַזוינס, וואָס קיינער קען נישט קריגן. דורך לאַנגע, שלאָפלאָזע נעכט האָט ער זיך געבראָכן דעם קאָפּ איידער דאָס איז אים איינגעפאַלן. אַליין האָט ער געצייכנט דעם מאָדעל: אַ מוסקולירטער אָרעם פון אַ פּראָלעטאַריער, דער העמדאַרבל — אַרויפגעשאַרצט, אין דער האַנט — אַ קאָנווערט פון אַ בריוו, אויפן קאָנווערט — אויסגראַווירט: „עלקעלען אין ליבשאַפט״.

אַוודאי האָט ער געוווסט, אַז שיינדעלען, אַז דעם קוזין אברהם,ביידע קרעמערס דורך און דורך, וועט אַזאַ מתנה פאַר זייער עלקעלען נישט שמעקן, סיידן ווען די בראָש איז פון גאָלד מיט איידלשטיינער באַזעצט. איז אָבער די בראָש פון זילבער. בראָקט זיך אויך עלקעלע מיט איר? אַנט זי גאָרנישט דעם ציטער, די חלומות און די ליבשאַפט, וואָס ער האָט אין דער בראָש אַריינגעטאָן? איז עלקעלע ווי איר מאַמעשי, וואָס נאָר גאָלד און בריליאַנטן זענען פאַר איר מתנות?

זי האָט דאָך פאַרמאַכט דאָס שעכטעלע און עס אַריינגענומען אין דער מופּטע.

— קום אַביסל, — האָט ער געזאָגט, — וווס ׳עלן מיע׳ דו זיצן ?

שווייגנדיק זענען זיי אַרויס פון שטוב, פון טויער, פון ראַטשעל, אויף דער לובלינער גאַס האָבן זיי זיך פאַרנומען לינקס, צום נייעם גאָרטן. דער רעגן האָט געהאַט אויפגעהערט. וועווערקעס זענען געשפּרונגען איבער די נאַס־גלאַנציגע בענק, איבער די ווינטערדיק־נאַקעטעביימער, געבישטערט מיט די נעזלעך אין די פּוילנדיק־דורכגעווייקטע בלעטער אַרום די שטאַמען, געזוכט אַ ניסעלע, אַ פאַרוואַלגערטן קאַשטאַן. ער האָט פאַרהויבן דעם בליק. דער הימל איז נאָך אַלץ גרוי, שווער, פול מיט נעץ.

— ווען פאָרסטו ? — האָט זי ענדלעך געפּועלט ביי זיך איבערצורייסן דאָס שווערע שווייגן.

— ניי־יאָר נאַכט.

— אין סילוועסטער ?

— אַז איך וועל אַרויספאָרן צוועלף אַזייגער ניי־יאָר נאַכט, ווען דער עולם שיכורט, אנקומען צו דער גרענעץ צעמאָרגנס, ווען אַלע וועלן נאָך זיין פאַרשניאָשקעט, וועט מען ווייניקער זוכן, פרעגן, שניפן.

— כ׳פאַרשטיי. נו, און פון ראָדעם ווילסטו נאָך אַלץ היינט אַוועק־פאָרן ?

— יאָ. באַ ענק וועל יעך ניש׳ נעכטיקן, אין קאַ האָטעל ווילסטי ניש׳ יעך זאָל גיין.

ס׳האָט אָנגעהויבן צופאַלן דער אָונט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגערל :

— ס׳ווערט שפּעיט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — אין צוויי שעה אַרום גייט אָפּ דער צוג. ווילסט אפשר אַריינגיין אויף אַ קאַווע ?

זי האָט זיך אַרומגעקוקט און גיך אַריין מיט אים אין דער צוקערניע אַנטקעגן רוסישן סאָבאָר. די עלעקטרישע לאָמפּן האָבן שוין דאָ גע־בלענדט מיט ליכט. אַ קעלנער האָט זיי באַגריסט ביי דער טיר, זיי געוויזן אַ טישל סאַמע אויבן אָן.

— אַ דאַנק, נישט ביים פענצטער, — האָט זי געזאָגט, און זיך פאַר־קליבן אין ווינקל.

— פאַרוווס ניש׳ באַ קיין פענצטע׳ ? ווילסט ניש׳ מ׳זאָל דיך זעיען מיט מיע׳ ?

— דו קענסט רודעם, איז זי שוין געוואָרן אומגעדולדיק. — דו ווייסט אַז דאָס איז אַ קליינע שטאָט מיט גרויסע מיילער. — זי האָט אַוועקגעלייגט די מופּטע, אַראָפּגעצויגן די האַנטשו, שוואַרץ־זאַמשענע. דער קעלנער

האָט צוגעברענגט צוויי גלעזער קאַווע, פּיאַנאָווע קעזקוכן. אינמיטן טרינקען האָט זי דאַכט זיך אַזוי אומשולדיק, אים אַ פרעג געטאָן:

— ווען איך וואָלט געווען באַשטאַנען זאָלסט פאַרפאָרן אין אַ האָטעל, וואָלסטו דאָך יאָ געבליבן איבער נאַכט, נישט אַזוי?

— צי ווּס איצט רעדן וועגן דעם? אין דאַאַן היים ווייסט מ׳דעך שוין אַז יעך בין דו אין רודעם.

ווידער האָט זיך דער שמועס ביי זיי איבערגעריסן. ביידע האַלטן די גלעזער קאַווע ביי די ליפּן נאָר עפּעס טרינקט זיך נישט. הינטער זיי, אין אַנדערן זאַל פון דער צוקערניע, שטייען קריסטן איבער גרין־געדעקטע טישן און שפּילן ביליאַרד. דער דינער געקלאַפּט פון די ביליאַרד־באַלעמלעך שלאָגט זיך אָפּ אין דער שטילקייט מיט אַזאַ ריטמישקייט, מיט אַזאַ באַרואיקונג פאַרן געהער. ביי די אַרומיקע טישלעך גייט אָן אַ שטילער פלירט צווישן פּאָרלעך, אַן איינגעהאַלטן לאַכן, ווייכע שמועסן. עלקעלע רייסט ווידער איבער דאָס שווייגעניש צווישן אים און איר:

— זאָגסט ביזט אַזוי פאַרליבט אין מיר און דאָך פאָרסטו אַוועק אַזוי ווייט!

— איך פאָר נישט אַוועק פון דיר. אין פּוילן האָב יעך גו׳ניש׳ צי דערוואַרטן. אין די וועסט דעך קימע׳ צי מיע׳? — האָט ער סיי געזאָגט און סיי געפרעגט, דערביי פאַרשנדיק איר געקוקט אין די אויגן.

עלקעלע האָט אַוועקגענומען איר בליק פון זיינעם, געהויבן די אַקסלען:

— וואָס ווייס איך איצט, וואָס אַמאָל וועט זיין? אפשר וועל איך נישט וועלן פאָרן? און אפשר וועלן דער טאַטעשי און די מאַמעשי מיך נישט לאָזן פאָרן?

נתן חיים האָט אַוועקגערוקט פון זיך דאָס גלאָז, אַ העלפט נאָך מיט קאַווע, אויך דאָס טעצעלע מיטן נישט באַרירטן קעזקוכן.

— קים, טייערע, ס׳וועיערט שפּעיט.

זיי זענען צוריק אַריין אין ראַטשעל. דער ריזיקער מאַרקפּלאַץ איז איצט געווען לער, באַכטיק־פאַרלאָזן. די האַליע — פינצטער, די טירן פון קוזינס געוועלב — צוגעלענט, אין דער טונקל — אַ שאָטן, שיינדעלע איז דאָרט געשטאַנען מיט דער פּלייצע אויף דער צוגעלענטער געוועלב־טיר׳ און אויסגעשאָקלט דעם מעלשטויב פון קלייד, פון קרעמערישן פאַרטעך.

— פון וואַנעט קומט מען איצט? — האָט זי באַגעגנט דאָס פּאָרפאָלק און מיט זיי אַריין אין געוועלב.

דער קוזין אברהם האָט זיי אַפילו נישט באַמערקט. אַן אויסגעמע־ליקטער, אַ פאַרהאַוועטער, איז ער געווען פאַרטוען ביים אויספילן צוריק

די ליידיקגעוואָרענע פּאַליצעס מיט פּריש־אויסגעוווּיגענע טאָרבעלעך מעל, קאַשע, הירזש, קעסטעלעך שוועבעלעך, פּאַפּיראָסן.

— גייסט טאַקע נאָך היינט קריקפאָרן קיין וואַרשע? — האָט שיינדעלע אים פּלוצים געפּרעגט, גלייך עס וואָלט איר געגאַנגען אין לעבן ער זאָל דאָ בלייבן איבער נאַכט, האָבן אים ביים טיש צו דער וועטשערע.

— יאָ, כ׳בין בלויז געקימע׳ זעך געזעגענע׳.

— נו, מילא, פאַר געזונטערהייט און לאָמיר הערן גוטע בשורות איינער פון אַנדערן, — האָט שיינדעלע אַ זאָג געטאָן און זיך פאַרנומען פון געוועלב אין שטוב אַריין.

ערשט איצט איז דער קוזין אברהם אָפּערגעקראָכן פון הינטערן לאָדנטיש און אים אויך דערלאַנגט אַ האַנט:

— אַזוי, פאָרסטו טאַקע קיין פּאַריז? נו, פאָר געזונטערהייט און זאָל דיר גוט זיין דאָרט און אונדז דאָ.

נאָך גוט, האָט נתן חיים געטראַכט, וואָס זיי פאַרוועדן נישט עלקע־לען דאָס פאָרן מיט אים צו דער באַן אים באַגלייטן אַרויס פון ראָדעם.

זיי זענען איינגעזעסן אין אַ דראָזשקע. גאָט אין הימל! דעם גאַנצן וועג אַהער איז ער געווען פול מיט רייד, מיט ציטער און מיט לאַסקעס פאַר עלקעלען. איצט, פאַר דער צעשיידונג, זיצט ער לעבן איר איינגע־שטומט, גייט מיט איר אויף און אָפּ דער פּלאַטפאָרמע פון דער באַן־סטאַציע און נישט ער און נישט זי קענען נישט אַרויסברענגען קיין וואָרט. שטום, כאָטש די הערצער זענען פול מיט צער און צאַפּל, גייען זיי אַזוי ביידע מיט די אויגן אַראָפּגעלאָזט, קוקן אויף די אייגענע שיך־שפּיצן און שווייגן, שווייגן.

דער שנעלצוג קיין וואַרשע, איז געהאַט אָנגעלאָפן מיט אַ סאַפּעניש און פּראַכעניש. פּאַסאַזשירן זענען אויסגעשטיגן, אַנדערע איילן איבער דער פּלאַטפאָרם איינצוזיצן, און ער, נתן חיים, איז נאָך אַלץ געליימט, קען נאָך אַלץ נישט אָנהייבן דאָס געזעגענען זיך מיט עלקעלען.

— די באַן וועט אַוועקגיין, — האָט זי געזאָגט אַזוי שטיל, אַז ער האָט דאָס קוים געהערט.

— יאָ, זי וועט אַוועקגיין אין יעדן מיט איע׳. ׳על יעד דיעך נאָך זעיען?

— פּייניק מיך נישט, איך בעט דיך.

זיי זענען צו צו אַ וואַגאָנטיר. אויפן טרעפּל שוין האָט ער אויסגע־שטרעקט זיין האַנט צו איר. נישט ער און נישט זי האָבן נישט געמאַכט אַפילו קיין פּרווו זיך אַרומצונעמען, צו פּילן, פאַרן צעשיידן זיך, איינע דעם אַנדערנס אָטעם, דעם באַריר פון די ליפּן, כאָטש ביידע האָבן

געפּיבערט, ביידנס הערצער האָבן זיך געצאַפּלט און די אויגן זענען געווען פייכט, פול מיט געוויין.

די באַן האָט גערירט, ער איז געשטאַנען ביים וואַגאָנפּענצטער, זיין שטערן, זיין געזיכט, זיין גאַנץ לייב און לעבן צוגעדריקט צו דער קאַלטער שויב. פינצטער, ראָדעם פאַרשווינדט, עלקעלע פאַרשווינדט, וועט ער זי נאָך וועקן זען?

קאַפּיטל איינאונפופציק

טעג בלויז זענען אַריבער, געקומען איז אויך דאָס געזעגענען זיך מיט דער היים. די וואַליזע שטייט פאַרפּאַקט און די מאַמע האַלט אים אין אירע אָרעמס, גלעט אים דאָס פּנים, טרייסט אים:

— קינד מאַאַנס, קלעיע׳ ניש׳ וועגן אינז. ס׳דו אַ טאַטע אין הימל. ע׳ פאַ׳לאָזט ניש׳ אַ ווערמל אינטע׳ דער עיע׳ד. ׳עט ער אָאָך אינז ניש׳ פאַ׳לאָזן. — דערביי האָט זי זיך איינגעקוקט טיף אין זיינע פאַרוויינטע אויגן, געוואָלט אויף שטענדיק שוין פאַרגעדענקען זיין אויסזען, דעם צער אין זיין בליק, דעם צוק און ציטער אויף זיינע ליפּן.

נאָך דער מאַמען האָט ער זיך געקושט מיט די שוועסטערלעך, מיט אברם יאַנקלען, מיט זיין ווייב הינדעלע און זייער יאָריק יינגעלע. דערנאָך האָט ער זיך געזעגנט מיט לייבל משהען און זעלדען, מיט סענדערן און טאַניען, מיט נאָנטע חברים פון פאַראייך, וואָס אַלע זענען זיי זיך צענויפגעקומען אַהיים צו אים, אַנגעפילט די שטובן, דעם קאָרידאָר, זיך געדרייט אַריין און אַרויס אויף דעם ווינטערדיק, נאַכטיקן הויף. כדי נישט צו ציען די שפּיציק־דורכדרינגענדיקע שליפּיעס פון די פּוילישע שפּיקעס אויף די צוויי אַוועקפאָרער, האָט קיינער נישט געקענט מיטפאָרן צו דער באַן באַגלייטן נתן חיימען מיט זיין פריינט פיליפ גאָלדין צו זייער אָפּפאָרן קיין פאַריז.

ערשט נאָכן האָבן זיך געזעגנט מיט אַלעמען, איז נתן חיים אַריינגע־גאַנגען אין קיך צום פאָטער. אַ דערשטוינטער איז ער געבליבן שטיין אויף דער שוועל. נייך, נישט אַ קראַנקער אויפן געלעגער, דער טאַטע איז גאָר געזעסן אויפן טאַבורעט, אַנגעטאָן אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע, די שטיוול אויף די פיס, דאָס קאַשקעטל אויפן קאָפּ. בעת דעם געזעגענונג־האַרמידער אין אַלקער דאָרט, האָט ער דאָ מיט אַלע כוחות זיך אַרויס־געגראַבעטשעט פון בעטל, נישט געוואָלט נתן חיים זאָל, פאַרן אַוועקפאָרן, זען דעם טאַטן ליגן איבעראַנאַנד אין בעט.

— זאַאַ געזינט, טאַטע, — האָט דער זון, פון וויטנס נאָך, אויסגע־שטרעקט די האַנט צום פאָטער. ער האָט זיך געמאַכט האַרץ, נתן חיים, געוואָלט זיין פריילעך כאָטש דער קלומפּ טרערן האָט אים געוואָרגן אין האַלדז.

אויך דער פּאָטער האָט זיך געשטאַרקט, כאָטש דאָס האַרץ אין אים האָט געוויינט און דער דמיון האָט געפיבערט. די גאַנצע צוואַנציק יאָר, פון יענעם טאָג ווען דאָס ייִנגל איז געפאַלן אויף דער וועלט, זענען אים איצט פאַרבייגעלאָפן פאַר זיינע פייכטע אויגן. רבונו של עולם, פאַר־וואָס האָסטו מיך אַזוי געשטראָפט? נתן חיים איז דאָך ביי מיר דער ייִנגסטער פון די זין, ווי בנימין ביי יעקב אבינו, איז דאָך נפשו קשורה בנפשי, פאַרוואָסזשע האָסטו געמאַכט איך זאָל אים ברענגען די טריט, קיינמאָל נישט קענען רעדן צו אים אַ גלייך וואָרט!

ער האָט זיך געוואָלט אויפשטעלן, דער פּאָטער, זיך געזעגענען מיטן זון בכבוד, שטייענדיק, האָבן אָבער די געשוואָלענע פיס נישט געפאָלגט זיין ווילן און ער איז צוריקגעפאַלן, שיער נישט מיטן קאָפּ אין די שויבן אַריין.

נתן חיים האָט דעם פּאָטער גיך אונטערגעכאַפּט, אים געראַטעוועט אויפן טאַבורעט אַרויף. ער אַליין איז אָבער אומגעפאַלן אין טאַטנס שויס אַריין. באַשערט געווען ער זאָל פאַרן אַוועקפאָרן דערפילן די וואַרעמקייט פון טאַטן, אַ וואַרעמקייט, וואָס ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געהאַט.

מיט ציטער האָט אים דער פּאָטער געהאַלטן אין זיינע אָרעמס, אים געטוליעט צו זיך, ווי ער וואָלט איצט, אין דער איינער רגע, געוואָלט אָפּגעבן נתן חיימען ליבשאַפט פאַר זיין גאַנץ, יונג לעבן.

— זאַאַ מיע׳ מוחל, נתן חיים, — האָט דער פּאָטער אויסגעבראָכן אין אַ טיף, פאַרשולדיקט געוויין. — יעך ׳אָב קייגן דיע׳ געזינדיקט. וואָלסטי געוועין אינדע׳היים, וואָלט יעך נאָך געקענט תשובה טוען, אָפּגעיבן דיע׳ מיט גיטס פאַר אַלע עוולות. פורסטי אָבע׳ אַוועק אין יעך ׳על דיעך שוין מעיע׳ ניש׳ זעיען...

נתן חיים האָט זיך געטוליעט צום פּאָטער מיט דער גאַנצער ליב־שאַפט, וואָס איז געווען פאַרדרענגט אין אים צוליב דעם שטענדיקן קידער־ווידער, צוליב דעם אייביקן אַרומרייסן זיך מיטן טאַטן. אָט די ליבשאַפט האָט זיך איצט אַרויסגעריסן פון אים אין אַ שטילן געשלוכץ. ער האָט געוואָלט אויסרעדן דעם פּאָטער: „ניין, טאַטע, נישט דו האָסט געזינדיקט. דיין שווער און ביטער לעבן האָט דיך נישט געלאָזט זיין צו מיר דער גוטער טאַטע, וואָס דו ביזט". איז אים אָבער דאָס לשון געווען אָפּגענומען און מער ווי וויינען, קלאָגן אין טאַטנס שויס אַריין האָט ער נישט געקענט.

פיליפּ גאָלדין, דער חבר זיינער, וואָס נאָר אַ דאַנק אים פאָרט ער קיין פּאַריז, האָט אים אַ ריר געטאָן אויפן אַקסל:

— די דראָזשקע וואַרט פאַרן טויער!

נתן חיים איז אויפגעשטאַנען פון פּאָטערס שויס, אַרויסגעגאַנגען פון קיך, גענומען די וואַליזע און דאָס גאַנצע געזעמל איז נאָך אים אַרויס אויפן הויף.ביים טויער זענען אַלע געבליבן שטיין און ער איז איינגעזעסן אין דער דראָזשקע לעבן פּיליפּ גאָלדין.

ס'איז געווען פאַר האַלבער נאַכט, סילווּעסטער אָוונט. אין אַ שעה אַרום הייבט זיך אָן דאָס יאָר 1920. וואַרשע פייערט דאָס אָנקומען פון נייעם יאָר. די קלובן בלענדן מיט ליכט, די פּאַראיינען זענען פול, אין די קאַבאַרעטן רוישט די מוזיק, און מענטשן שיכורן, פאַרשיכורן זיך צו זיין פריילעך...

נתן חיים איז געזעסן אין ווינקעלע פון טונקל־באַלויכטענעם וואַגאָן. זיין האַרץ קלאָגט, וואַרשע פאַרשווינדט, די פּוילישע פעלדער און וועלדער שווינדן פון אים אַוועק. וועט ער זיי נאָך ווען זען, וועט ער נאָך ווען צוריקקומען קיין פּוילן, אין דעם לאַנד פון זיין געבוירן, אין דעם לאַנד פון אַזויפיל דורכגעלעבטע פּיין, אַזויפיל פאַרשעמונג און באַליידיקונג, דאָס לאַנד פון אַזוי ווייניק גליק, אַזוי ווייניק פרייד דורך די גאַנצע צוואָנציק יאָר פון זיין לעבן.

די רעדער אונטער אים קלאַפּן ריטמיש, אין די אויערן זשומעט דעם טאַטנס געוויין:

— איך וועל דיך שוין מער נישט זען...

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער פינאַנסיעלער מיטהילף פון מיין פאַריזער פריינט אַלבערט איגליצקי, אַ מאַדזשיצער בן־עיר פון דער משפחה בני שאָולכל.

ביכער פון זעלבן מחבר:

„אויפן שוועל", נאָוועלן, פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע, 1933

„וועסט־סײַד", ראָמאַן, מאַקס נ. מייזיל, ניו־יאָרק, 1938

„צווײ און אַ דריטער", ראָמאַן, פאַרלאַג „מתנות", ניו־יאָרק, 1943

„ערב נאַכט", ראָמאַן, פאַרלאַג „דעת", תל־אביב—ניו־יאָרק, 1954
(פרעמירט פון לוי לאַמעד־פאָנד)

„וועסט־סײַד", (עברית שמשון מעלצער), ראָמאַן, פאַרלאַג „דעת", תל־אביב—ניו־יאָרק, 1954

„צאַנקענדיקע ליכט", ראָמאַן, „ציקאָ ביכער־פאַרלאַג", ניו־יאָרק, 1958

„אויף אייגענעם באַראַט", ראָמאַן, שמואל זימזון בע"מ, „ציקאָ ביכער־צענטראַלע", ניו־יאָרק, 1961

„אויף דרײַ קאָנטינענטן", נאָוועלן, „פאַרלאַג מענדעלסאָן־פאָנד", מעקסיקע, 1963
(פרעמירט פון קעסל־פאָנד)

„אין דער וועלט אַרײַן", ראָמאַן, שמואל זימזון בע"מ, „ציקאָ ביכער־צענטראַלע", ניו־יאָרק, 1965

ב. דעמבלין
(בנימין טייטלבוים)

ביבליאָגראַפיע

צוזאַמענגעשטעלט
פון
יעפים ישורין

ב. דעמבלינס ווערק אין ביכער

1. אויפן שוועל, נאָוועלן
פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע, 1933, 256 זייטן.
2. וועסט־סאַיד, ראָמאַן
מאַקס נ. מייזיל, ניו יאָרק, 1938, 201 זייטן.
3. צוויי און אַ דריטער, ראָמאַן
פאַרלאַג מתנות, ניו יאָרק, 1943, 195 זייטן.
4. ערב נאַכט, ראָמאַן
פאַרלאַג „דעת", תל־אביב, 1954, 279 זייטן.
5. וסט סאיד, עברית, ראָמאַן,
פאַרלאַג „דעת", תל־אביב, 1954, 216 זייטן.
6. צאַנקענדיקע ליכט, ראָמאַן
ציקאָ־פאַרלאַג, ניו יאָרק, 1958, 320 זייטן.
7. אויף אייגענעם באַראַט, ראָמאַן
ציקאָ, ניו יאָרק, 1961, 382 זייטן.
8. אויף דריי קאָנטינענטן, נאָוועלן
פאַרלאַג מענדעלסאָן־פאָנד, מעקסיקע, 1963, 411 זייטן.
9. אין דער וועלט אַריין, ראָמאַן
ציקאָ, ניו יאָרק, 1965, 380 זייטן.

ב. דעמבלינס עסייען און קריטיק־אַרטיקלען

10. דאָס שוואַרצע געטאָ
נעגער־דראַמע פון יודזשין אָניעל, אויפגעפירט פון דער ווילנער טרופּע אין סקאַלאַ־טעאַטער. נייע פאָלקס־צייטונג, וואַרשע, פעב. 1, 1933. א. נ. בנימין טייטלבוים.
11. חסידים פון וועוויאַרקע
אויפגעפירט דורך רודאָלף זאַסלאַווסקי אין פּאַוויליאָן־טעאַטער. נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, פעב. 8, 1933, א. נ. בנימין טייטלבוים.
12. אברהם משה דילאָן, 1883—1934
איין־און־דרייסיק יערלעכער ראַפּאָרט פון סעמעטערי דעפּאַרטמענט אַרבעטער־רינג, ניו יאָרק, 1938, ז"ז 14—21 א. נ. בנימין טייטלבוים.
13. זישא לאַנדוי, 1889—1937
איין־און־דרייסיק יערלעכער ראַפּאָרט פון סעמעטערי דעפּאַרטמענט אַרבעטער־רינג, ניו יאָרק, 1938, ז"ז 31—38.
14. א. מ. דילאָן, צו זיין 5טן יאָרצייט
פאָרויס, מעקסיקע, נומ. 19, סעפּט. 16, 1938. פאָרויס, נומ. 20, וואַרשע, סעפּט. 30, 1938, ז"ז 1 און 3.
15. ברוך וולאַדעק
המשך זאַמלבוך, נומ. 1, ניו יאָרק, 1939, ז"ז 117—123, א. נ. ב. ד.
16. איטשע מאיר וויסנבערג
(שטריכן צו זיין כאַראַקטער) המשך זאַמלבוך, נומ. 1, ניו יאָרק, 1939, ז"ז 228—247. א. נ. בנימין טייטלבוים.
17. „סערגיי" (אברהם בראון)
(12־טן יאַנ. 1881 — 23־טן נאָוו. 1940). 34 יערלעכער ראַפּאָרט פון סעמעטערי דעפּאַרטמענט אַרבעטער־רינג, ניו יאָרק 1941, ז"ז 24—32.
18. מאַקס קראַנשטאַט 1886—1940
34 יערלעכער ראַפּאָרט פון סעמעטערי דעפּאַרטמענט אַרבעטער־רינג, ניו

יאָרק, 1941, ז״ז 39—45, א. נ. בנימין טייטלבוים.

19. חלום און וואָר

צו יעקב ראָטבוימס אויפפירונג פון „גאָלדפאַדנס חלום״. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו יאָרק, מערץ 3, 1944, ז״ז 5 און 7.

20. מאָריס שוואַרצס נייע „פּראָדאַק־שאָן״

פרייע אַרבעטער־שטימע, ניו יאָרק, נאָוו. 16, 1945.

21. יחיאל האָפער „אַ הויף אויף פּאַר־קאָרנע״

צוקונפט, ניו יאָרק, יולי — אויג. 1959, ז״ז 316—318.

22. הערץ בערגנער: „גייער ראָמאַן ליכט און שאָטן״

צוקונפט, ניו יאָרק, יולי—אויג. 1960, ז״ז 297—300.

23. מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם, די דריי קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור

אידישער קעמפער, נ. י., סעפּט. 16, 1960, ז״ז 33—38.

24. אַ שמועס מיט דוד בן־גוריון אין שדה בוקר

(רייזע ־ איינדרוקן) פאָרווערטס, ניו יאָרק, יוני 20, 1964.

25. מיט דוד בן־גוריון אין שדה בוקר

ספּעציעל פאַר „די פּרעסע״, בוענאָס איירעס, יוני 21, 1964.

26. ביי דוד בן־גוריון אין שדה בוקר

לעצטע נייעס, תל־אביב, 3־טער יולי 1964.

ב. דעמבלינס ראָמאַנען געדרוקט אין צייטונגען

27. וועסט־סאַיד

זאַמלביכער 2, ניו יאָרק, 1936, ז״ז 21—192.

28. וועסט־סאַיד

נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, 6־טן אויגוסט, 16־טן סעפּטעמבער 1937.

29. צוויי און אַ דריטער

המשך־זאַמלבוך, ניו יאָרק, 1943, ז״ז 3—195.

30. צוויי און אַ דריטער

די פּרעסע, בוענאָס־איירעס, יולי 3, אויגוסט 14, 1943.

31. וועסט־סאַיד

אונדזער שטימע, פּאַריז, פעברואַר 14 — מאַי 6, 1956.

32. צו אַ ניי לעבן (צאַנקענדיקע ליכט)

לעצטע נייעס, תל־אביב, פעברואַר 5 — יולי 13, 1958.

33. צירעלע

פאָרווערטס, ניו יאָרק, אויגוסט 28, — סעפּטעמבער 19, 1959.

34. צאַנקענדיקע ליכט

די שטימע, מעקסיקע, אָקטאָבער 7 — 1961, יולי — 1962.

35. פייגעלע און איר זיידע (תכלית)

יאָהאַנעסבורג, אַפריקאַנער יידישע צייטונג, יאַנואַר 4, 11, 18, 25, פעב־רואַר 1, 8, 15, 22, מערץ 1 און 8, 1963.

36. אַ פּליטה נעבעך (אַ רעפּיודזשי אין ניו־ענגלאַנד)

די פּרעסע, בוענאָס איירעס, נאָוועמ־בער 23, 1963, פעברואַר 1, 1964.

37. צירעלע

אילוסטרירטע וועלט־וואָך, תל־אביב, נומ. 28, 8־טער יולי — 16־טער סעפּט. 1964.

ב. דעמבלינס דערציילונגען, סקיצן און רייזע־בילדער געדרוקט אין צייטונגען, זשורנאַלן און אַנדערע פּובליקאַציעס
אונטערן נאָמען בנימין טייטלבוים

38. אַ גרוס פון יענער זייט ים (סקיצע)
העדגער וואָירקער, נ. י., פעב. 11, 1921, העדגער וואָירקער, אַפּר. 22, 1921.
39. אויפן קבר פון די געפאַלענע קאָמונאַרן אין 1871 (סקיצע)
פאָרטשריט, נ. י. יוני 3, 1921.
40. דעם 14טן יולי 1920 אין פּאַריז (סקיצע)
פאָרטשריט, נ. י. יולי 15, 1921
41. ביים אָפּגרונט (סקיצע)
פאָרטשריט, נ. י., אויג. 12, 1921
42. מיניע
פאָרטשריט, נ. י. אָקט. 14, 1921.
43. צוריק אַהיים (סקיצע)
העדגער וואָירקער, נ. י. אָקט. 21, 1921.
44. פּאַולס חלום
פאָרטשריט, נ. י. דעצ. 9, 1921.
45. קעמפער. דער ערשטער מאַי 1917 אין וואַרשע (סקיצע)
פאָרטשריט, נ. י., יוני 9, 1922.
46. מרימל
פרייהייט, נ. י., נאָוו. 21, 22, 23, 1922. (אונטערן נאָמען י. בורלאַק).
47. נאַטע
צוקונפט, נ. י. יאַנ. 1928, ז"ז 3—13.
48. ער שטייט ווידער אין „לאַין" (צוויי בילדער)
פאָרווערטס, נ. י., דעצ. 23, 1931.
49. וואַרשע און ניו־יאָרק (צוויי בילדער)
נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, יאַנ. 15, 1933.
50. אין אַ שטוב
וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור, וואַרשע, פעב. 3, 1933.
51. לובלין אַמאָל — לובלין היינט (מאָמענטן וואָס לאָזן זיך געדענקען)
לובלינער שטימע, מאַי 5 און 12 1933.
52. גריסט דאָרטן דעם „בונד" פון מיין רייזע איבער טשעכיע
וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור, נומ. 34, וואַרשע, אויג. 1933.
53. שטעט און שטעט. פון מיין רייזע איבער טשעכיע
נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, סעפּט. 1, 1933.
54. פּראָג
נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, סעפּט. 15, 1933.
55. זע נעאַפּאָל און שטאַרב. בריוו פון וועג
נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, דעצ. 8, 1933.
56. פּאָמפּיי און וועזוויוס. בריוו פון וועג
נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, דעצ. 15, 1933.
57. קאַפּרי — דאָס גן עדן־ווינקעלע
נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, דעצ. 22, 1933.
58. קיין רוים. בריוו פון איטאַליע
נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, יאַנ. 5, 1934.
59. רוים. בריוו פון איטאַליע.
נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, יאַנ. 12, 1934.
60. אויפן ים
צוקונפט, נ. י. מערץ 1934, ז"ז 142—149.

61. שטריכן פון אַ ים־רייזע
נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, אַפּר. 20, 1934.

62. אויף אַ שיף מיט אַרויסגעשיקטע פון אַמעריקע. רייזע־בילדער
נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, יולי 6, 1934.

63. יידישקייט אויפן ים. רייזע־ביל־דער
נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, יולי 29, 1934.

64. טרעגער
צוקונפט, נ. י. דעצ. 1934, ז״ז 684—688.

65. שכנים
גערעכטיקייט, נ. י. אפּר. 1935, ז״ז 10—12.

66. פליז, טשערמאַן, לאָזט מיך אַריינ־קומען (אַ כאַראַקטער־סקיצע)
גערעכטיקייט, נ. י., סעפּט. 1935.

67. פאָרן יידן קיין ארץ ישראל. שטריכן און בילדער
צוקונפט, נ. י. אָקט. 1935, ז״ז 582—590.

68. פאָרן יידן קיין ארץ ישראל. שטריכן
אונדזער עקספּרעס, וואַרשע, נאָוו. 15, 1935.

אונטערן נאָמען ב. דעמבלין

69. דאָס העברעאישע פערד און דער פוילישער ייד
קאָנפערענץ, זשורנאַל „ליגע פאַר רעכט פון יידיש אין ארץ־ישראל״:
נ. י., יאַנ. 30—31, 1937, ז״ז 8—9.

70. דער פרעמדער
פאָרווערטס, נ. י. יוני 27, 1937.

71. פון דער טיפעניש
פאָרווערטס, נ. י. סעפּט. 13, 1937.

72. האָטעל סט. דזשאָרדזש
גערעכטיקייט, נ. י. נאָוו. 1937, ז״ז 8—9.

73. דער פרעמדער
נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, נאָוו. 12, 1937.

74. רייפּטעלע בונדיסט (לכבוד 40 יאָר „בונד״ אַ מתנה)
נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, נאָוו. 26, 1937.
1937.

75. אין אַ פרעמדער שטאָט
צוקונפט, נ. י. דעצ. 1937, ז״ז 723—730.

76. טרעגער
פאָרויס, וואַרשע, פעב. 18, 1938.

77. יערמע דוד
פאָרווערטס, נ. י. פעב. 23, 1938.

78. יערמע דוד
נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, מערץ 25, 1938.

79. אין אַ פרעמדער שטאָט
נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע, אָקט. 9, 1938.

80. תכלית
המשך, זאַמלבוך, נומ. 1, נ. י. 1939, ז״ז 70—117.

81. אַ באַגעגעניש אין ארץ ישראל
אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, יוני 1, 1939.

82. אַ באַגעגעניש אין ארץ ישראל
אידישער קוריער, שיקאַגאָ יולי 3, 1939.

83. רוטאָ
המשך זאַמלבוך, נומ. 2, נ. י. 1940, ז״ז 157—190.

84. קיין ארץ ישראל
צוקונפט, נ. י. אפּר. 1940, ז״ז 190—198.

85. אונטערוועגנס
צוקונפט, נ. י. יוני 1940, ז״ז 310—316.

86. אויף אַ שיף
צוקונפט, נ. י. סעפּט. 1940, ז״ז 503—510.

87. צוגאַסט
צוקונפט, נ. י. נאָוו. 1940, ז״ז 656—661.

88. אַ באַגעגעניש אין ערעץ יסראָעל
די פּרעסע, בוענאָס איירעס, אַפּריל 10, 1941.
די פּרעסע, בוענאָס איירעס, אפּר. 17, 1941.

89. יאָסל פליישער
צוקונפט, נ. י. יולי 1943, ז״ז 406—410.

90. 1897—1947 — 50 יאָר „בונד״ (אַ קאַפּיטל פון אַ ראָמאַן)
אונדזער צייט, נ. י. נאָוו. — דעצ. 1947, ז״ז 188—193.

91. ערב שטורעם (קאַפּיטלען פון אַ ראָמאַן)
פאָלקסצייטונג, וואַרשע, יולי 1, 1948.

92. תשובה
אידישער קעמפער, נ. י. סעפּט. 23, 1949.

93. צאַנקענדיקע ליכט
לעצטע נייעס, תל־אביב, אַפּר. 1952'

94. מאורות דועכים
דבר, תל־אביב, יולי 25, 1952.

95. דער ציגל־מאַכער פון אילת
אידישער קעמפער, נ. י. אויג. 15, 1952.

96. פון דער ביקס צו דער לאָפּעטע
פרייע אַרבעטער־שטימע, נ. י. דעצ. 19, 1952.

97. אַ טאַטנס האַרץ
דער האַלץ־אינדוסטריאַל, יאָרבוך. בוענאָס איירעס, 1953, ז״ז 209—212.

98. פון דער ביקס צו דער לאָפּעטע
לעצטע נייעס, תל־אביב, פעב. 6, 1953.

99. יידישע זעלנער. יידן וואָס בויען ארץ ישראל
פרייע אַרבעטער־שטימע, נ. י. פעב. 13, 1953.

100. יידישע זעלנער
לעצטע נייעס, תל־אביב, אַפּר. 3, 1953.

101. דער טאַטע איז געקומען
דערציילונג פון יידישן לעבן אין ישר־אל. פאָרווערטס, נ. י. מאַי 31, 1953.

102. אַ טאַטנס האַרץ
לעצטע נייעס, תל־אביב, נאָוו. 6, 1953.

103. דער טאַטע איז געקומען
די פּרעסע, בוענאָס איירעס, סעפּט. 23, 1954.

104. פּאַטער און זון
די פּרעסע, בוענאָס איירעס, יולי 17, 1955.

105. פּאַטער און זון
פאָרווערטס, אויג. 12, 1956.

106. אַ קאַפּיטל פון ראָמאַן „צאַנ־קענדיקע ליכט״
„זיין״, נ. י. נאָוו. 1956, ז״ז 4—9.

107. גורל
די גאָלדענע קייט, 27, תל־אביב, 1957, ז״ז 214—224.

108. די ירושה
אידישער קעמפער, נ. י. אפּר. 12, 1957.

109. חרטה. דערציילונג פון בוך צוויי „ערב נאַכט״
צוקונפט, נ. י. סעפּט. 1958, ז״ז 347—352.

110. אין די שפּעטע יאָרן
אידישער קעמפער, נ. י. סעפּט. 12, 1958, ז״ז 84—96.

111. עלטערן און קינדער
אפריקאַנער אידישע צייטונג, יאָהאַ־נעסבורג, דעצ. 12, 17, 1958.

112. אויף אייגענעם באַראָט
די גאָלדענע קייט, 35, תל־אביב, 1959, ז״ז 182—195.

113. ליאַליאַ
אידישער קעמפער, נ. י. מאי 22, 1959, ז"ז 12—14.

114. חשבון
צוקונפט, נ. י. סעפט. 1959, ז"ז 339—346.

115. אַ רעגן אין לאַנד
אַפריקאַנער אידישע צייטונג, יאָהאַנעסבורג, יום העצמאות 1960.

116. תאווה
צוקונפט, נ. י. פעב. 1960, ז"ז 74—79.

117. אויף אייגענעם באַראַט
אונדזער שטימע, פּאַריז, פעב. 7־טן מערץ 6, 1960.

118. אין דער וועלט אַריין
פאָרווערטס, נ. י. פעב. 14, 1960.

119. אין דעם נייעם לאַנד
דערציילונג פון דעם לעבן אין ישראל.
פאָרווערטס, נ. י. מאי 29, 1960.

120. אַ געזעגענונג
פאָרווערטס, נ. י., יולי 10, 1960.

121. יונגוואַרג
דערציילונג פון דער אַלטער היים.
פאָרווערטס, נ. י. אָקט. 2, 1960.

122. אין אַטלאַנטיק סיטי
אונזער צייט, נ. י. דעצ. 1960, ז"ז 42—44.

123. דער צווייטער אַנהויב
פאָרווערטס, נ. י., דעצ. 4, 1960,

124. מתנות
צוקונפט, נ. י. יאַנ. 1961, ז"ז 11—16

125. אין אַ באַראַק
פאָרווערטס, נ. י. יאַנ. 15, 1961.

126. באַשערט
פאָרווערטס, נ. י. מערץ 12, 1961.

127. באַשערט
די פרעסע, בוענאָס איירעס, אַפּר. 23, 1961.

128. וואַרשע און ניו יאָרק
צוויי בילדער. אונזער צייט, נ. י. סעפּט. 1961, ז"ז 40—41.

129. אָן וואָרצלען
אידישער קעמפער, נ. י. סעפט. 18, 1961, ז"ז 57—61.

130. יידן אין אַמעריקע
צוקונפט, נ. י. דעצ. 1961, ז"ז 480—482.

131. ליאַליאַ
אונזער שטימע, פּאַריז, דעצ. 21—25, 1961.

132. אַ מאַמע
פּאַרויס, נומ. 310, מעקסיקע, מערץ 1962, ז"ז 5—7.

133. פּסח אין דגניה
אַפריקאַנער אידישע צייטונג, יאָהאַנעסבורג, אַפּר. 18, 1962.

134. ליאַליאַ
פּאַרויס, נומ. 315, מעקסיקע, אויג. 1962, ז"ז 18—21.

135. אויף פאַרלאָזענע וועגן
אידישער קעמפער, נ. י. סעפט. 21, 1962, ז"ז 67—71.

136. גערעכטיקייט
פּאַרויס, מעקסיקע, יאַנ. 1963, ז"ז 20—22.

137. אין די שפּעטע יאָרן.
די פּרעסע, בוענאָס איירעס, מערץ 9, 1963.

138. אַ גאַסט אין שטעטל
צוקונפט, נ. י. מאַי־יוני, 1963, ז"ז 219—223.

139. מלחמה־צייט
אידישער קעמפער, נ. י. סעפט. 13, 1963.

140. די ירושה
אונזער שטימע, פּאַריז, אָקט. 15—23, 1963.

141. אין אַטלאַנטיק סיטי
פּאַרויס, נומ. 331, מעקסיקע, יאַנ. 1964, ז"ז 26—27.

142. דער צווייטער אַנהויב
אונזער שטימע, פּאַריז, אַפּריל 16, 1964.
אונזער שטימע, פּאַריז, אַפּריל 17, 1964.

143. אין אַ באַראַק

אונזער וואָרט, פּאַריז, 25.4.64.

אונזער וואָרט, פּאַריז, 27.4.64.

144. צוויי פאַרשווערער

(פראַגמענט פונעם ראָמאַן „אויף איי־געגעם באַראַט"). פּאַלקסבלאַט, תל־אביב, נומ. 13, 11טער יוני, 1964.

145. אַן איבערקערעניש:

(פראַגמענט). לעצטע נייעס, תל־אביב, פרייטיק, 26סטער יוני 1964.

146. צעשע

די גאָלדענע קייט נומ. 49, תל־אביב, 1964.

147. מתנת בשר ודם

לעבנספראַגן, תל־אביב, נומ. 152, אויגוסט, 1964.

וועגן ב. דעמבלין אין ביכער

148. ביקל, שלמה

25 יאָר יידישע פּראָזע אין אַמעריקע. שרייבער פון מיין דור. נ. י. 1958, ז' 281.

149. גלאַטשטיין, יעקב

ב. דעמבלין. אין תוך גענומען. נ. י. 1956, ז"ז 419—424.

150. גראַבאַרד, ב.

אַ פערטל־יאָרהונדערט. ניו־יאָרק, 1935, ז"ז 193, 204.

151. ליס, א.

ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור. היים און דויער, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1960, ז' 13.

152. לייוויק, ה.

יידיש־העברעאישע באַגעגעניש. עסייען און רעדעס, ניו־יאָרק, 1963, ז' 86.

153. מייזיל, נחמן

דורות און תקופות אין דער יידישער ליטעראַטור, ניו־יאָרק, 1942, ז' 18.

154. סדן, דב

קערת אגוזים, תל־אביב, תשי"ג, ז' 215.

155. פערשלייסער, י.

צוויי ראָמאַניסטן. י. מעצקער און ב. דעמבלין. אויף שרייבערישע שליאַכן, ניו־יאָרק, 1958, ז"ז 197—202.

156. ראַנטש, יצחק אלחנן

אַמעריקע אין יידישן ראָמאַן. ניו־יאָרק, 1945, ז' 18.

וועגן ב. דעמבלין אין צייטונגען און זשורנאַלן

157. אויערבאַך, אפרים

דעמבלינס נייע דערציילונגען. אויף דריי קאָנטינענטן. טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, נ. י. אויג. 25, 1963.

158. אלמי, א.

דעמבלין, אויערבאַך, לעהרער. פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. יוני 3, 1955, ז' 4.

159. אַקרוטני, י.

דאָס פאַרגאַנגענע יאָר אין דער יידישער ביכער־פּראָדוקציע. נ. י. סעפּט. 14, 1958.

160. באַטאַשאַנסקי, יעקב

נאָך ניט קיין ראָמאַן, אָבער שוין אַ גוטע דערציילונג. ב. דעמבלינס „וועסט סאַיד". די פּרעסע, בוענאָס איירעס, יולי 28, 1937.

161. באַטאַשאַנסקי, יעקב

איז געקומען אַ גרופּע יונגע און געבראַכט אַ וואָגן מיט אַלדאָס גוטס. וועגן ב. דעמבלינס „רוטאַ". די פּרעסע, בוענאָס איירעס, דעצ. 25, 1940.

162. באַטאַשאַנסקי, יעקב

ב. דעמבלין ברענגט אריין אַן איינ־

טערעסאַנטן קינדער־העלד אין אונ־
דזער ליטעראַטור. די פּרעסע, בוענאָס
איירעס, יאַנ. 21, 1955.

163. באַטאַשאַנסקי, יעקב
די יידישע ליטעראַטור אין משך פון
די לעצטע 40 יאָר. די פּרעסע, בוע־
נאָס איירעס, דעצ. 31, 195.

164. באַטאַשאַנסקי, יעקב
אַ בחור מיט כאַראַקטער און ווילן,
אַ העלד פון אַ יידישן ראָמאַן. ב.
דעמבלין „אויף אייגענעם באַראַט" די
פּרעסע, בוענאָס איירעס, אַפּר. 18 און
19, 1961.

165. באַטאַשאַנסקי, יעקב
געלייענט און פאַרצייכנט (ווייניק
פּירושים). די פּרעסע, בוענאָס איירעס
נאָוו. 23, 1962.

166. באַטאַשאַנסקי, יעקב
„אויף דריי קאָנטינענטן" פון ב.
דעמבלין. די פּרעסע, בוענאָס איירעס,
אויג. 13, 1963.

167. באַטאַשאַנסקי, יעקב
ראש השנה זאַמלבוך פון „אידישן
קעמפער". די פּרעסע, בוענאָס איי־
רעס, אָקט. 26, 1963.

168. באַיאַן, לייב
עסיי און דערציילונג פון המשך.
המשך, נומ. 2, נ. י., 1940, די שטי־
מע, מעקסיקע, מערץ 22, 1941.

169. באַיאַן, ל.
יידיש לעבן אויף דריי קאָנטינענטן
(וועגן ב. דעמבלינס בוך „אויף דריי
קאָנטינענטן"). פּאַריס, מעקסיקע, אָק־
טאָבער 1963, ז"ז 12—13 און 20.

170. באַרווין־פּרענקעל
„אויף דריי קאָנטינענטן", נאָוועלן פון
ב. דעמבלין. אונזער שטימע", פּאַריז,
נאָוו. 16—17—18, 1963.

171. באַרווין־פּרענקעל
דער שרייבער פון דער צעשפּרייטקייט
בנימין דעמבלין. אונזער שטימע, פּאַ־
ריז, אַפּר. 11, 12, 13, 1964.

172. באַשעוויס, י.
ב. דעמבלין. „וועסט סאַיד", ראָמאַן,
1938. צוקונפט, נ. י. אַפּריל 1939, ז"ז
245—246.

173. באַשעוויס, י.
המשך, זאַמלבוך, נומ. 1. צוקונפט,
נ. י. יוני 1939.

174. באַשעוויס, יצחק וואַרשאַווסקי
„ערב נאַכט" פון ב. דעמבלין און סי־
ביר פון אברהם סוצקעווער. פאָר־
ווערטס, נ. י. פעב. 6, 1955.

175. ביק, אברהם
זאַמלביכער „המשך". ב. דעמבלינס
נאָוועלע „תכלית". אידישער קוריער,
שיקאַגאָ, אויג. 27, 1939.

176. ביקל, שלמה
וועגן ב. דעמבלינס ראָמאַן „ערב
נאַכט". לעצטע נייעס, תל־אביב,
סעפּט. 2, 1955.

177. ביקל, שלמה
איר מאַיעסטעט די אָרעמקייט (ב.
דעמבלין: „ערב נאַכט", נ. י. 1954).
צוקונפט, נ. י. מאַי־יוני 1955. ז"ז
230—231.

178. בערעביטשעז, זבולון, א.
„אויף דריי קאָנטינענטן". דער וועג,
מעקסיקע, יולי 6, 1963.

179. גאָלד, ה.
ברוך גלאַזמאַנס נייער בוך. ניו־
יאָרקער וואָכנבלאַט, אָקט. 11, 1954,
ז' 13.

180. גלאַטשטיין, יעקב
אין תוך גענומען, ב. דעמבלין. אידי־
שער קעמפער, נ. י. פעב. 24, 1956,
ז"ז 12—13.

181. גלאַטשטיין, יעקב
אונזערע „יורשים". אידישער קעמ־
פער, נ. י. אויג. 1, 1958.

182. גלאַטשטיין, יעקב
דער יערלעכער איינפּיר. טאָג־מאָר־
גן־זשורנאַל, נ. י. מערץ 25, 1962.

183. גלאַטשטיין, יעקב
אויף אייגענעם באַראַט. אידישער
קעמפער, נ. י. אויג. 31, 1962, ז"ז
12—13.

184. (גלאַנץ), א. לעיעלעס
וועלט און וואָרט. טאָג, נ. י. יאַנ. 1,
1949.

185. (גלאַנץ), א. לעיעלעס
דיכטונג, קריטיק, פּובליציסטיק. טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, נ. י. יוני 4, 1955.

186. (גלאַנץ), אַ. לעיעלעס
וועלט און וואָרט. „צאַנקענדיקע ליכט״ ב. דעמבלין. טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״. נ. י. פעב. 8, 1958.

187. (גלאַנץ), אַ. לעיעלעס
אַ דענקמאָל איבער יידיש־פּוילן. ב. דעמבלין „אויף אייגענע וועגן״ (אויף אייגענעם באַראַט). טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, נ. י. מערץ 12, 1961.

188. גלאַנץ, יעקב
צום פּונקט. אַ פּאָר שטריכן וועגן ב. דעמבלין, צו זיין הייגטיקן אויפטריט אין קדימה. דער וועג, מעקסיקע, מערץ 20, 1962.

189. גראַבאַרד, ב.
די „זאַמלביכער״, נומערן 1 און 2. „שיקאַגאָ״, שיקאַגאָ, נומ. 52, מאַי־יוני 1939, ז״ז 9—10.

190. דאַם, ל.
אַקטואַליטעטן, אַ גאַסט אין פּאַריז. אונזער וואָרט, פּאַריז, אַפּר. 17, 1964.

191. דאַריך, י.
„ערב נאַכט״פון ב. דעמבלין. לעצטע נייעס, תל־אביב, יולי 30, 1954.

192. האַרן, י.
שטיקער יידיש לעבן אין אַמעריקע. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, דעצ. 20, 1959.

193. האַרן, י.
אייניקע יידישע דיכטער. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, אַפּר. 21, 1961.

194. הערנהוט, י.
„אויפן שוועל״. לובלינער שטימע, זומער 1933.

195. וואַלדמאַן, מ.
ב. דעמבלין. פאַר אונזערע קינדער. פּאַריז, נומ. 31—32, 1955, ז׳ 30.

196. וואַסערמאַן, לייב
אויערבאַך וועגן דיאַלאָג און פּערזענלעכקייט. א. אויערבאַך און ב. דעמבלין. „זין״, נ. י. יאַנ. 1964, ז״ז 50—58.

197. ווייסמאַן, גבריאל
„צאַנקענדיקע ליכט״. ב. דעמבלין. לעבנספראַגן, תל־אביב, אַפּר.־מאַי 1958, ז״ז 26—27.

198. ווייסמאַן, גבריאל
ב. דעמבלין: „אויף אייגענעם באַראַט״. לעבנספראַגן, תל־אביב, מאַי 1962, ז׳ 14.

199. ווייסמאַן, גבריאל
ב. דעמבלין, צו זיין באַזוך אין ישראל. לעבנספראַגן 150—151, תל־אביב, יוני־יולי, 1964.

200. זאַראַמבע, ש.
פּיר דעביוטן. ב. דעמבלין — „אויפן שוועל״. דאָס וואָרט, וואַרשע, אויג. 11, 1933.

201. זינגער, ש. ד.
ברוך גלאַזמאַן. צוקונפט, נ. י., מערץ, 1956. ז״ז 131—132.

202. זינגער, ש. ד.
דעמבלינס „צאַנקענדיקע ליכט״. אונדזער וועג, נ. י. מערץ 1958, ז״ז 15—16.

203. טורקאָוו, יצחק
ב. דעמבלינס פאַרמעסט. פאַלקסבלאַט, נר. 14, תל־אביב, יוני 25, 1964.

204. טענענבוים, ש.
המשך, 1, נ. י. 1940. אידישער קוריער, שיקאַגאָ, דעצ. 22, 1940.

205. טשובינסקי, ב.
דריי און אַ פערטער, ב. דעמבלין: „ערב נאַכט״. פריע אַרבעטער שטימע, נ. י. אַפּר. 8, 1955, ז׳ 4.

206. יאַסני, א. וואָלף
שלמה ביקל וועגן ב. דעמבלינס ראָמאַן „ערב נאַכט״. לעצטע נייעס, תל־אביב, פעב. 9, 1955.

207. יאַסני, א. וואָלף
די לואי לאַמעד־פּרעמיע פאַר פּאָעזיע און פּראָזע. לעצטע נייעס, תל־אביב, יוני 24, 1955.

208. כץ, משה
ניט קיין המשך נאָר אַ טראַט צוריק. ב. דעמבלינס „תכלית״. מאָרגן־פרייהייט, נ. י. יולי 9, 1939.

209. יאַסני, אַ. וואָלף

דאָס אײביקע לעבן פאַר די פאַרפײניקטע און אָװעקגעגאַנגענע. „אויף אײגענעם באַראַט״, דאָס צװײטע בוך פון ב. דעמבלינס טרילאָגיע — „ערב נאַכט״.

„לעצטע נײעס״, תל־אביב, פרײטיק 3 יולי 1964.

210. ל.

אַ חשובער גאַסט ב. דעמבלין (בנימין טײטלבוים) אין דער רעדאַקציע פון „אונזער שטימע״. אונזער שטימע, פאַריז, מערץ 15—16, 1952.

211. ל.

אַ חברישע באַגעגעניש מיטן באַקאַנטן שרײבער ב. דעמבלין (בנימין טײטלבוים). אונזער שטימע, פאַריז, מערץ 19, 1952.

212. ליס, אַ.

המשך. (װעגן ב. דעמבלינס „תכלית״). גײוועלט, תל־אביב, נאָװ. 17, 1939.

213. ליס, אַ.

ב. דעמבלינס „ערב נאַכט״. אונזער הײנט, תל־אביב, מאַי 20, 1955.

214. ליס, אַ.

די יידישע ליטעראַטור־שאַפונג פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָר. לעצטע נײעס, תל־אביב, אָקט. 23, 1959.

215. ליס, אַ.

ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור. לעצטע נײעס, תל־אביב, מאַי 20, 1960.

216. ליפשיץ, ד״ר, יוסף

„ערב נאַכט״. דער װעקער, נ. י. סעפט. 1, 1955, ז״ז 16—17.

217. לײב, נחמן

ערב נאַכט. „זײן״, נ. י. מערץ 1956. ז׳ 62.

218. לעבעדיקער (דער)

אויפן ליטעראַרישן יאַריד. טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, נ. י. יאַנ. 2, 1955.

219. לעבעדיגער (דער)

אויפן ליטעראַרישן יאַריד. טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, נ. י. מאַי 8, 1955.

220. לעבעדיגער (דער)

אויפן ליטעראַרישן יאַריד. טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, נ. י. יוני 4, 1955.

221. לעבעדיגער (דער)

אויפן ליטעראַרישן יאַריד, טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, נ. י. סעפט. 25, 1955.

222. לעבעדיגער (דער)

אַ פאַלשער חשבון. טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, נ. י. נאָװ. 9, 1958.

223. לעשצינסקי, שמואל

פרקים בספרות יידיש באמריקה. מצודה, ספר שביעי, וולתאם, מאַי 1954, ז׳ 534.

224. מ. ק.

דער פײערלעכער אָװנט לכבוד דעם שרײבער ב. דעמבלין, אונזער שטימע, פאַריז, אַפּריל 24, 1964.

225. מאַרקוס, פסח

דער שרײבער און זײן בוך. „המשך״ זאַמלבוך 4, פרײהײט, מערץ 28, 1943.

226. מוקדוני, ד״ר, א.

אַ נײער טאַלאַנטפולער יידישער פּראָזע־שרײבער. („אויפן שװעל״ — ב. דעמבלין). מאָרגן־זשורנאַל, אויג. 15, 1934.

227. מוקדוני, ד״ר, א.

דעמבלינס דעפּרעסיע־ראָמאַן (װעסט סאַיד). מאָרגן־זשורנאַל, נ. י. מערץ 3, 1937.

228. מוקדוני, ד״ר א.

צװײטער באַנד „זאַמלביכער״. צוקונפט, נ. י. אויג. 1937, ז״ז 490, 491, 492.

229. מוקדוני, ד״ר א.

גרויסער פאַרמעסט און פשטות. די גאָלדענע קײט, תל־אביב, העפט 31, 1958, ז״ז 190—197.

230. מוקדוני ד״ר א.

אָן פליגלען. „צאַנקענדיקע ליכט״ פון ב. דעמבלין. צוקונפט. נ. י. מערץ 1958, ז״ז 156—158.

231. מינקאָװ נ. ב.

טענדענצן און שטרעמונגען אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

צוקונפט, נ. י. דעצ. 1954, ז׳ 520.

232. מלאַטעק יאָסל

ווען מען בויט פריער די טעאָריע און מען זוכט שפּעטער די אַרגומענטן (אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע „צי מעג טרעבלינקע זיין אַ טעמע"). אונזער שטימע, פּאַריז, מערץ 15, 1949.

233. מר.

אַ שרייבער מיט אַ מיסיע (צו ב. דעמבלינס באַזוך אין מעקסיקע). די שטימע, מעקסיקע, מערץ 31, 1962.

234. נון שין

אַ ליטעראַרישע דערגרייכונג. פּראָלע־טאַרישער געדאַנק, נ. י. מאַי 1, 1941.

235. ניגער, ש.

פון אַ לעזערס און אַ שרייבערס נאָ־טיץ־בוך. דער טאָג, נ. י. מערץ 18, 1928.

236. ניגער, ש.

אַ נייער דערציילער. בנימין טייטל־בוים „אויפן שוועל". דער טאָג, נ.י. אויג. 12, 1934.

237. ניגער, ש.

די שטילע בויערס — וועסט־סאַיד, ראָמאַן פון ב. דעמבלין. דער טאָג, נ. י. מערץ 21, 1937.

238. ניגער, ש.

וועגן די לידער און דערציילונגען פון „המשך". דער טאָג נ. י. יאַנ. 7, 1940.

239. ניגער, ש.

געלייענט און געשריבן. דער טאָג, נ. י. יאַנ. 7, 1940.

240. ניגער, ש.

געלייענט און געשריבן. דער טאָג, נ. י. יולי 7, 1940.

241. ניגער, ש.

די פּראָזע פון „המשך". דער טאָג, נ. י. נאָוו. 24, 1940.

242. ניגער, ש.

צוויי — און אַ דריטער. דער טאָג, נ. י. נאָוו. 21, 1943.

243. ניגער, ש.

געלייענט און געשריבן. דער טאָג, נ. י. סעפּט. 22, 1946.

244. ניגער, ש.

די יידישע דערציילקונסט. טאָג־מאָר־גן־זשורנאַל, נ. י. יאַנ. 2, 1955.

245. ניגער, ש.

אַ נייַ שטעטל. ב. דעמבלין „ערב נאַכט". טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, נ. י. מערץ 6, 1955.

246. ניגער, ש.

לאָמעד־פערעמירטע ביכער (דעמבלינס „ערב נאַכט"). טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, נ. י. אָקט. 30, 1955.

247. ניגער, ש.

יידישע ליטעראַטור אויף ביידע זייטן ים. טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, נ. י. מאַי 20, 1956.

248. ניימאַרק, ד.

אַ ראָמאַן וועגן יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון טויט־לאַגערן. ב. דעמבלינס נייַ בוך „צאַנקענדיקע ליכט" פאָרווערטס, נ. י. יאַנ. 12, 1958.

249. סיגאַל, י. י.

בנימין טייטלבוים (וועגן זיין ערשט בוך „אויפן שוועל". קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, מאַי 5, 1935.

250. ענטין, יואל

דריי יאָר לייוויק־אָפּטאָאָשוס זאַמל־ביכער. (דעמבלינס „וועסט־סאַיד"). אידישער קעמפּער, נ. י. יולי 29, 1938.

251. עמסקי, מ.

המשך. זאַמלבוך 1. פּראָלעטאַרישער געדאַנק, נ. י. אויג. 1, 1939.

252. פּאָמעראַנץ, גרשון

ב. דעמבלינס „וועסט־סאַיד". יידישע קולטור, נ. י. מערץ 1939, ז"ז 74—76.

253. פּאָמעראַנץ, גרשון

נישט אַלע מענטשן קומען אויף דער וועלט באַהאַנגען מיט גלעקלעך, אַזוי אויך שרייבער. אידישער זשורנאַל, מאָנטרעאָל, דעצ. 17, 1962.

254. פאָגל, אפרים

ב. דעמבלין — „וועסט־סאַיד", זאַמל־ביכער 2. שריפטן, נ. י. נומ. 7, מאַי 1937, ז"ז 17—18.

255. פוקס, א. מ.

דריטער דור אַמעריקאַנער יידישע

פראַזע (וועגן בנימין דעמבלין). פרייע יידישע טריבונע, לאָנדאָן, יוני־יולי, 1946, ז״ז 12—14.

256. פוקס, חיים לייב

וועגן י. הירשהויטס „יידישע נאָפּטמאַגנאַטן״. אונזער שטימע, פּאַריז, דעצ. 5, 1955.

257. פּייגעס, משה

אַ נײַ בוך פון ב. דעמבלין. אויף זרייַ קאָנטינענטן. פּאַרוועריס, נ. י. אויג. 18, 1963.

258. פּערשלייסער, ע.

ויאַמאַנען אין דער אַלטער און נײַער היים. „זיין״, נ. י. נאָוו. 1956, ז״ז 13, 14, 15, 16.

259. צודיקער, י.

אַ בוך פון נאָכן חורבן און ערב דעם אויפבוי. אונדזער געדאַנק, בוענאָס־איירעס, נומער 117.

260. ס. ק.

דער שרייבער ב. דעמבלין וועגן זייַנע ריייזע־איינדרוקן פון ישראל. אונזער שטימע, פּאַריז, מאַי 17—18, 1952.

261. קאַזדאַן, ח. ש.

„אויפן שוועל״. וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור,, וואַרשע, 1933.

262. קאַזדאַן, ח. ש

ב. דעמבלין „וועסט־סאַיד״. פּאַראַויס, וואַרשע, נומ. 10/38, אפּר. 28, 1939, ז׳ 3.

263 קאַנץ, שמעון

עכאָ פון פאַרגאַנגענעם און הייַנטיקן יידישן לעבן אויף דרייַ קאָנטינענטן. וועגן ב. דעמבלינס נײַ־דערשינענעם באַנד דערציילונגען. לעצטע נייעס, תל־אביב, נאָוו. 29, 1963.

264 קאַנץ, שמעון

אומפאַרענדערט איז די אוראַלטע שליחות פון שרייבער. שמועס מיטן ראָמאַניסט ב. דעמבלין צו זיין באַזוך אין ישראל. לעצטע נייעס, תל־אביב, 1964.5.15.

265. קאַרהענדלער, י.

„אויפן שוועל״ (נאָוועלן פון ב. דעמבלין). פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. מאַי 24, 1935.

266. קושניר, משה

בעיות בליטה באור מסלף. „צאַנקענדיקע ליכט״ מאת ב. דמבלין. „אמר״, תל־אביב, כ״ט טבת, תשי״ט.

267. קיסמאַן ד״ר י.

ביבליאָגראַפישע נאָטיצן. ב. דעמבלין „צאַנקענדיקע ליכט״. פאַקטן און מיינונגען, נ. י. מאַי 1958.

268. ראַבאַק, א. א.

יידישע שרייבער פאַרשוויגענע, פאַרשריגענע, באַליידיקטע. פּאַרויס, מעקסיקע, יאַנ. 1963, ז׳ 16.

269. ראַגאַף, הלל

בנימין טייטלבוים: „אויפן שוועל״. צוקונפט, נ. י. פעבר. 1935 ז״ז 118—119.

270. ראַגאַף, הלל

צוקונפט, נ. י., יוני 1939.

271. ראַגאַף, הלל

„המשך״, זאַמלבוך פון דערציילונגען, פּאָעזיע און ליטעראַרישע אָפּשאַצונגען. פאַרווערטס, נ. י. יוני 4, 1939.

272. ראַוויטש, מלך

אויפן ראַנד פון ב. דעמבלינס „ערב נאַכט״ און מכוח ליטעראַרישע העלדן. לעצטע נייעס, תל־אביב, אָקט. 28, 1955.

273. ראַוויטש, מלך

אַ וואָרט אין שייכות מיטן באַקומען די לואיס לאַמעד־פּרעמיע. לעצטע נייעס, תל־אביב, נאָוו. 18, 1955.

274. ראַוויטש, מלך

אויפן ראַנד פון ב. דעמבלינס „ערב נאַכט״ און מכוח ליטעראַרישע העלדן. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, נאָוו. 28, 1955.

275. ראַוויטש, מלך

אויפן ראַנד פון ב. דעמבלינס „ערב נאַכט״. אַרבעטער וואָרט, פּאַריז, דעצ. 30—31, 1955.

276. (ראַזאָף ל.) נחמן לייב
ערב נאַכט. „זיין", נ. י. מערץ, 1956, ז' 62

278. (ראַזאָף ל.) נחמן לייב
צאַנקענדיקע ליכט. „זיין", נ. י. סעפט. 1958, ז' 62.

279. ראָזענבערג, שלמה
צאַנקענדיקע ליכט פון ב. דעמבלין. דער אַמעריקאַנער, נ. י. פעב. 6, 1959, ז' 13.

280. ראַפּאַפּאָרט, י.
די פראַגע פון די ניו־יאָרקער זאַמל־ביכער. געגנט, ווו און ווען געדרוקט אומבאַקאַנט.

281. ראַפּאַפּאָרט, י.
ב. דעמבלינס „וועסט־סאַיד". פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י. פעב. 17, 1939, ז' 6.

282. רובינשטיין, מ.
אַ שרייבער מיט אַ מיסיע. ב. דעמ־בלינס באַזוך אין מעקסיקע. די שטי־מע, מעקסיקע, מערץ 31, 1962.

283. רייזען, אַבֿרהם
ליטעראַרישע רעוויו. די פעדער, נ. י. 1942, ז' 103.

284. רייזען, ז.
אוצר בדווי השם. ייוואָ־בלעטער, 13, ווילנע, 1938, ז' 604.

285. ריינהאַרץ, מרים
ליכט און שאָטן אין יידישן לעבן. פאַרויס, מעקסיקע, יאַנ. 1964, ז"ז 39—40.

286. נון שין
אַ ליטעראַרישע דערגרייכונג. המשך זאַמלבוך 2. פּראָלעטאַרישער געדאַנק, נ. י. מאַי 1, 1941.

287. שאולזאָן, אב.
ערב נאַכט פון ב. דעמבלין. יידישע שריפטן, באַנד 7, העפט 3—4, נ. י. 1955, ז' 89.

288. שאולזאָן, אב.
צאַנקענדיקע ליכט פון ב. דעמבלין. יידישע שריפטן, ב. 8, העפט 3—4, נ. י. 1957, ז' 62.

289. שולמאַן, אבֿרהם
ב. דעמבלין, „צאַנקענדיקע ליכט". אונ־זער שטימע, פּאַריז, פעב. 1—2, 1958.

290. שולמאַן, אבֿרהם
דאָס נייע בוך פון בנימין דעמבלין „אויף אייגענעם באַראַט". די גאָלדענע קייט, תל־אביב נומ. 40, 1961, ז"ז 200—203.

291. שולמאַן, אבֿרהם
„אויף אייגענעם באַראַט" — אַ ניי בוך פון ב. דעמבלין. אונזער שטימע, פּאַ־ריז, מערץ 11—12, 1961.

292. שולמאַן, אבֿרהם
„אויף אייגענעם באַראַט" — אַ ניי בוך פון ב. דעמבלין. פאָרווערטס, נ.י. מערץ 12, 1961.

293. שולמאַן, אבֿרהם
דאָס נייע בוך פון ב. דעמבלין „אויף אייגענעם באַראַט". צווייטע טייל פון דער טרילאָגיע „ערב נאַכט". פאָרויס, מעקסיקע, מערץ 1962.

294. שולמאַן, אבֿרהם
דאָס נייע בוך פון בנימין דעמבלין „אויף דריי קאָנטינענטן. אונזער צייט, נ. י. דעצ. 1963. ז"ז 35—38.

295. שולמאַן, אבֿרהם
אויף אייגענעם באַראַט. אידישע צײ־טונג, תל־אביב, יאַנ. 31, 1964.

296. שולמאַן, אבֿרהם
דאָס נייע בוך פון בנימין דעמבלין „אויף דריי קאָנטינענטן. פאָרויס, מעק־סיקע, פעב. 8—9—10, 1964.

297. שטאַרקמאַן, משה
דער זאַמלבוך „המשך". יידישע קול־טור, נ. י. אויג. 1939.

298. שענדעריי, מ.
אַן — צופיל ראָמאַנטיק („אויף איי־גענעם באַראַט", ראָמאַן פון ב. דעמ־בלין, 1961). אידישע צייטונג בוענאָס איירעס, מערץ 12, 1961.

299. שפּיגל, ישעיהו
באַגעגעניש מיט אַן אויסגעלאָשענעם דור. וועגן בוך „אויף אייגענעם באַ־ראַט" פון ב. דעמבלין, ישׂראל־שטימע, תל־אביב, יולי 1, 1964.

נאָטיצן אין טעגלעכע, וואָכנטלעכע און חודשלעכע פובליקאַציעס

300. אַרבעטער־וואָרט, פּאַריז
מערץ 15, 1952. דער שרייבער ב. דעמבלין אין רעדאַקציע „אונזער וואָרט".

301. אונדזער וואָרט, פּאַריז
יוני 18, 1955. לואיס לאַמעד־פּרעמיע פאַר מלך ראַוויטש און ב. דעמבלין.

302. אונדזער וואָרט, פּאַריז
אַפּריל 15, 1964. געסט אין רעדאַקציע. דער שרייבער ב. דעמבלין אין רע־דאַקציע „אונזער וואָרט".

303. אונדזער שטימע
פּאַריז, 8טער אַפּריל, 1964. דער באַ־קאַנטער שרייבער בנימין דעמבלין אין פּאַריז.

304. אונדזער שטימע
פּאַריז, 9טער אַפּריל, 1964. דער באַ־זוך פון חבר דעמבלין אין רעדאַקציע פון „אונזער שטימע".

305. אונדזער שטימע
פּאַריז, 14טן אַפּריל, 1964. אַן אָנ־דענק־אוונט צום 21סטן יאָרטאָג פון העלדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, רעדעס מיטן אָנטייל פון באַ־קאַנטן שרייבער בנימין דעמבלין.

306. אונדזער שטימע
פּאַריז, אַפּריל 21, 1964. פּיעטעט־פולער אָוונט צום אָנדענק פון 21סטן יאָרטאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד.

307. אונדזער שטימע
פּאַריז, 22סטער אַפּריל, 1964. די גע־טאָ־פייערונג.

308. אַרבעטער־וואָרט, פּאַריז
מאַי 16, 1952. אַ שמועס מיטן שריי־בער ב. דעמבלין.

309. אַרבעטער־וואָרט, פּאַריז
יוני 10, 1955. מלך ראַוויטש און ב. דעמבלין, באַקומען לואיס לאַמעד־פּרעמיע.

310. וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור
וואַרשע, פעב. 3, 1933. וועגן דעמ־בלינס נאָוועלע געדרוקט אין העפט 3.

311. וועג, מעקסיקע
מערץ 24, 1962. דער יידישער שריי־בער־פאַראיין אין מעקסיקע נעמט אויף שרייבער־געסט פון אויסלאַנד.

312. וועג, מעקסיקע
ערב ראש השנה 1963. ב. דעמבלין.

313. וועג, מעקסיקע
יוני 22, 1963. דער שלמה מענדעל־סאָן־פאַנד אין מעקסיקע האָט אַרויס־געגעבן אַ נײַ בוך פון ב. דעמבלין.

314. וועקער (דער)
יאַנ. 1, 1961. אַ נײַ בוך פון ב. דעמ־בלין.

315. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י.
נאָוועמבער 28, 1954. אַ נײַ בוך פון באַקאַנטן שריפטשטעלער ב. דעמ־בלין.

316. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י.
יאַנ. 8, 1961. אַ נײַ בוך פון ב. דעמ־בלין.

317. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, נ. י.
יולי 7, 1963. „אויף דרײַ קאָנטינענ־טן", אַ נײַ בוך פון ב. דעמבלין.

318. לאָדזשער פאָלקסבלאַט, לאָדזש
אויג. 15, 1933. צוזאַמענטרעף מיטן ח' ב. טייטלבוים.

319. לאָדזשער פאָלקסבלאַט, לאָדזש
אויג. 29, 1933. „אויפן שוועל", נאָוועל־לן פון בנימין טייטלבוים.

320. לעבנס־פראַגן, תל־אביב
אַפּר.־מאַי 1952, ז' 32. ב. דעמבלין אין ישראל.

321. לעצטע נײַעס, תל־אביב
מערץ 28, 1952. ב. דעמבלין צו גאַסט אין לאַנד.

322. לעצטע נײַעס, תל־אביב
מאַי 2, 1952. אַ שמועס מיט בנימין דעמבלין.

323. לעצטע נײַעס, תל־אביב
8טער יוני, 1964. קבלת פנים פאַרן פּראָזאַיקער ב. דעמבלין אין יידישן שרייבער־פאַראיין.

324. לעצטע נייעס, תל־אביב
1טער יולי 1964. דער שרייבער ב. דעמבלין אויף דער סיום־פייערונג פון דער יידישער נאָכמיטאָג־שול.

325. מעקסיקאַנער לעבן, מעקסיקע
מערץ 10, 1962. דער באַקאַנטער שרייבער ב. דעמבלין פון ניו־יאָרק צוגאַסט אין מעקסיקע.

326. נייע פרעסע, פאַריז
פעב. 15—16, 1958. ב. דעמבלין — צאַנקענדיקע ליכט.

327. די פרעסע, בוענאָס איירעס
יוני 1, 1955. מלך ראַוויטש, ב. דעמבלין, ישראל אפרת און ש. ל. בלאַנק באַקומען די היי־יאָריקע לואיס לאַמעד־פרעמיע.

328. די פרעסע, בוענאָס איירעס
מערץ 7, 1963. „אין די שפעטע יאָרן" — נייע קינסטלערישע דערציילונג פון טאַלאַנטירטן שרייבער ב. דעמבלין הייבט זיך אָן דרוקן אין פאַרזעצונ־גען קומענדיקן שבת אין די „פרעסע".

329. די פרעסע, בוענאָס איירעס
נאָוו. 21, 1963. „אַ פליטה נעבעך". דער נייער ראָמאַן אין „די פרעסע".

330. די פרעסע, בוענאָס איירעס
נאָוו. 22, 1963. „אַ פליטה נעבעך". אַ נייער ראָמאַן פון בנימין דעמבלין הייבט זיך אָן דרוקן מאָרגן אין „די פרעסע".

331. פאָלקסבלאַט, תל־אביב
נר. 13, 11טער יוני 1964. ברוכים הבאים: ב. דעמבלין, י. זיפער, נ. מייזיל.

332. פאָלקסבלאַט, תל־אביב
נר. 14, 25סטער יוני 1964. ב. דעמבלינס אָוונט און רעפעראַט אין דער י. ל. פרץ־ביבליאָטעק.

333. פאַר אונדזערע קינדער, פאַריז
העפט 13—14, 1952, ז"ז 22—23. אַ גרוס פון אַמעריקע (באַזוך פון שריי־בער ב. דעמבלין אין פאַריז).

334. פאָרויס, מעקסיקע
מערץ 1962, ז' 23. אונזער גאַסט ח' ב. דעמבלין. ב. דעמבלינס רעפעראַט „דאָס יידישע בוך און דער יידישער מענטש".

335. פאָרויס, מעקסיקע
אַפּריל 1962, ז' 26. די פאַרלעזונגען פון שרייבער ב. דעמבלין.

336. פאָרויס, מעקסיקע
מאַי, 1962, ז' 19. געזעגענונגס־אָוונט פאַר די חברים ב. דעמבלין, נ. אקס און מ. קוטשינסקי.

337. פאָרויס, מעקסיקע
יולי, 1963, ז' 21. דערשינען „אויף דריי קאָנטינענטן" פון ב. דעמבלין.

338. פאָרווערטס, נ. י.
מאַי 29, 1955. דעמבלין, ראַוויטש, אפרת און בלאַנק קריגן לאַמעד־פרע־מיעס.

339. פאָרווערטס, נ. י.
אויג. 21, 1959. „צירעלע" — אַ קור־צער ראָמאַן פון ב. דעמבלין, וואָס הייבט זיך אָן צו דרוקן אין „פאָר־ווערטס", דעם 28סטן אויגוסט.

340. פאָרווערטס, נ. י.
דעצ. 17, 1963. זעקס שרייבער באַ־קומען צבי קעסל־פרעמיעס פאַר ביכער פון 1963.

341. פרייע אַרבעטער־שטימע, נ. י.
מאַי 7, 1937. טינט און פעדער. ב. דעמבלינס „וועסט־סאַיד".

342. פרייע אַרבעטער־שטימע, נ. י.
פעב. 15, 1961, ז' 6. אַ ניי בוך פון ב. דעמבלין.

343. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל
יאַנ. 16, 1961. אַ ניי בוך פון ב. דעמ־בלין „אויף אייגענעם באַראָט".

344. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל
מערץ 20, 1961. ב. דעמבלין באַערט צום דערשיינען פון זיין בוך „אויף אייגענעם באַראָט".

345. קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל
מאַי 8, 1961. „אויף אייגענעם באַראָט". אַ נייער ראָמאַן פון ב. דעמבלין, דער־שינען.

346. די שטימע, מעקסיקע
מערץ 3, 1962. שרייבער ב. דעמבלין קומט צוגאַסט קיין מעקסיקע.

347. די שטימע, מעקסיקע
מערץ 28, 1962. נאָך אַ רעפעראַט פון שרייבער ב. דעמבלין.

348. די שטימע, מעקסיקע
יוני 28, 1963. שלמה מענדעלסאָן־פאָנד אין מעקסיקע האָט אַרויסגעגעבן אַ נײַ בוך פון ב. דעמבלין.

וועגן ב. דעמבלין אין לעקסיקאָנען, ענציקלאָפּעדיעס, זאַמלביכער און ביבליאָגראַפישע אויסגאַבעס

349. ישוריץ, יעפים
פופציק יאָר „צוקונפט" (1892—1942). צוקונפט, נ. י. מאַי־יוני 1942, ז' 347.

350. ישוריץ, יעפים
זיבעציק יאָר „צוקונפט" (1892—1962). צוקונפט, נ. י. נאָוו.־דעצ. 1963, ז' 508.

351. מייזיל, נחמן
די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר. אין דינסט פון פאָלק, אַלמאַנאַך פון יידישן פאָלקס־אָרדן, נ. י. 1947, ז"ז 303, 304, 309.

352. ניגער, ש.
יידישע ליטעראַטור פון 1900 ביז 1942 אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן — ג. דובנאָוו־פאָנד און ציקאָ, נ. י. 1942, שפּאַלט 169.

353. שטאַרקמאַן, משה
יידישע ליטעראַטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן (1942—1955). אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן — ה. דובנאָוו־פאָנד און ענציקלאָפּעדיע־קאָמיטעט, נ. י. 1957, ז' 134.

354. לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור
צווייטער באַנד, נ. י., 1958, שפּאַלטן 534—535.

355. **Niger Samuel:**
Yiddish Literature in the past two hunderd years. The United States. The Jewish People. Past and prsent. Vol. 111, New York, 1952, P. 216.

356. **Roback A. A.:**
Recent Yiddish Prose in America. The Story of Yiddish Literature. Yiddish Scientific Institute, New York, 1940, P. 298.

357. **Yiddish Literature, 1933—1961:**
The Institute Anniversary Volu me (1941—1961). Institute of Jewish Affairs, World Jewish Congress, New York, N.Y. 1962, P. 251.

358 **A(Bramowit)z D.:**
Yiddish Literature. Britannica Book of the Year 1956 page 383.

359. **A(Bramowit)z D.:**
Yiddish Literature. Britannica Book of the Year 1959 page 379.

360. **A(Bramowit)z D.:**
Yiddish Literature. Britannica Book of the Year 1962 page 372.

361. **A(Bramowit)z D.:**
Yiddish Literature. Britannica Book of the Year 1964 page 516.